STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04610

IN SHTURM

L. O. Levanda

*Permanent preservation of this book was made possible
by Philip J. & Carol A. Cohen
in honor of
Harold Jay Cohen & Sara Rachel Cohen*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. לעוואַנדא.

אין שטורם.

ראָמאַן.

איבערזעצט

פון ליפמאן לעווין.

פערלאג „צענטראל", ווארשא.

תרע"ג.

Тип. Левинъ-Эпштейнъ. Варшава, Павлиная 38.
1912.

I-טער טהייל

I.

דיעם 20-טען יולי, 1861.

היינט איז מיין נאָמענס=טאָג; ענטשולדיגט... מיין געבורטס=טאָג: ביי יודען איז דאָך ניטאָ קיין נאָמענס=טאָג, וואָרום ס'זענען ניטאָ קיין קאַנאָניזירטע הייליגע. צי דערפאַר, וואָס מיר אַלע דאַרפען זיין הייליגע, גאָטס לייט, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס יודישע גלויבען אָנערקענט ניט פאַר הייליג דעם מענשען, וואָס איז אין זינד געבאָרען?.. ביי אונז איז ניטאָ קיין בעזונדער פייערטאָג אַפילו פון משה'ן! אַ משונה זאַך. מ'דאַרף אַמאָל אַ פרעג טהון וועגען דעם ביי מענשען, וואָס וויסען.

ווי ס'פיהרט זיך, האָבען מיר די עלטערן געשענקט אַ טייער קלייד און נאָר אַ טייערן בראַסלעט. וואָס דען אַנדערש זאָלען זיי טהון, אַז ניט פיעסטשען זייער בת=יחידה? מיינע חבר'טעס האָבען מיר אָנגעשיקט ביי אַ האַלב דוץ שענע צאַצקעלעך און בעגריסונגס=קאַרטלעך. די מאַמע קלויבט זיי איבער, קוקט זיי צו, קוועלט אָן און קוועשט מיט די פלייצעס: „אין אונזערע יאָהרען — קלעהרט זי געווים דערביי, — האָט מען דערפון גאָר ניט געהערט". „וואויל, וואויל", — זאָגט זי יעדע ווילע. דאָס הייסט, אַז איהר געפעהלט עס זעהר, וואָס אַנדערע פיעסטשען מיך אויך.

— משה, משה! — רופט זי צו דעם טאַטען. — וואָס זענען דאָס פאַר אַ „מענצעלעך"? פרעגט זי, אָנווייזענדיג אויף אַ קאַרטעל מיט אַ בילד, וואָס האָט איהר פעראינטערעסירט.

— דאָס זענען אפנים מלאכים, — ענטפערט דער טאַטע, אַ קוק געבענדיג אויפ'ן קאַרטעל.

— א, יאָ, דו בינסט גערעכט, משה. דאָס זענען טאַקי מלאכים מיט גאָלדענע פליגעלעך; דאָס זענען דאָך פליגעלעך?
— פליגעלעך.
— איך וואָלט נור געוואָלט וויסען, דאָס זענען אונזערע מלאכים, צו זייערע?
— מלאכים זענען מלאכים, סיי זייערע, סיי אונזערע, — ענטפערט דער פאָטער.
— פאַר וואָס זשע זענען זיי אָהן היטלעך?
— דערפאַר, וואָס קריסטען האָבען עס געמאָלט. אפילו אונזער משה רבינו מאָלען זיי דיר אויך אויס מיט אַ בלויזען קאָפּ.
— איז אפשר טאָר מען זיי, די „מענצעלעך", ניט האַלטען גאָר אין אַ יודישען שטוב? — פרעגט זיך נאָך מיין פרומע מוטער.
— נישקשה, — ענטפערט דער פאָטער, — דאָס זענען דאָך נור צאַצקעס.
— הייסט עס, אַז ס'איז קיין שום עבירה ניט?
— גאָר ניט. איך נעהם עס אויף זיך.
— סאָניע! סאָנצע! סאָניטשקע! רופט מיר די מוטער. ס'איז פערפאַלען, מ'דאַרף געהן.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

מיין גוטע מוטער! שטענדיג טרעפט זי אָב און בעוואָהרענט שוין אַפריהער מיינעם אַ פערלאַנג.
— דו ווייסט וואָס, סאָניטשקע? — האָט זי אָנגעהויבען, ווען איך בין אריין אין זאַל.
— וואָס? — האָב איך געפרעגט.
— מיר דוכט, אַז דו דאַרפסט היינט אויפאַנ'אָווענד איינלאַדען דיינע חבר'טעס, וואָס האָבען געדענקט, אַז היינט איז דיין געבורטס־טאָג.
איך האָב געהאַפט קושען איהרע הענד.
— איך האָב ערשט טאַקי געוואָלט דיך בעטען וועגען דעם, — האָב איך געזאָגט, געריהרט פון מיין מוטערס גוטסקייט!
— זעהסטו שוין, — האָט זי געזאָגט מיט אַ נצחון, — אַז

מיר הייסען אויך די נייע מאָדעס, חאָטש מיר זענען אַלטע און נים קיין געבילדעטע. אמת, אין אונזערע צייטען פלעגען יודען נים פראָוען קיין אימיענינעס, ס'איז נים געווען אין דער מאָדע. איצט איז אָבער אַנדערש, ס'איז אַלץ געוואָרען אויפ'ן דייטשען שטייגער. צו ס'איז בעסער, צו ערגער — דאָס איז שוין נים פאַר אונזער קאָפּ צו טראַכטען דערפון. מסתמא, וויל עס דער אויבער-שטער אַזוי, און אַז דעם אויבערשטען איז ניחא, דאַרף מען טהון, וואָס ס'איז אָנגעבאָטען. אימיענינעס זאָל זיין אימיענינעס! נים אַזוי אפשר, סאָניטשקע?

— אַזוי, אַזוי, — האָב איך געענטפערט, בעוואונדערנדיג דער מוטער'ס תמימות'דיגען, אָבער פראַקטישען קוק אויף די נייע פיהרונגען, וואָס אַנדערע עלטערן, ווי איך ווייס, שטימען אײן דערויף נים אַזוי לייכט.

— איצטער, סאָניטשקע, זאָג מיר, אויף וויפיעל פערזאָנען ריכסטו זיך? אלס בעל-הבית'טע דאַרף איך עס וויסען, כדי צו-צוגרייטען כלים און אַלץ, וואָס מ'דאַרף. איך האָב זעהר נים ליעב אַרומצוהאָווען בעת די געסט זענען אין שטוב. אין חאָפּע-ניש ווייס מען אַליין נים, וואָס מען טהוט. ס'פאַלט פון די הענד: דאָס איז ניטאָ, און דאָס פעהלט אויס, און מ'דערלאַנגט נים דאָס און נים אַזוי, ווי מ'דאַרף. קורץ, ס'איז בזיונות, און בזיונות האָבען וויל איך נים: פערציג יאָהר שוין אַ בעל-הבית'טע, מיט גאָט'ס הילף, דאַרף מען וויסען פון אַ פיהר אין שטוב. יאָ, נשמה מיינע, איז וויפיעל געסט וועלען ביי דיר היינט זיין?

— איך רעכען, אַ מאַן זעקס, זיעבען.

— דאָס זענען נור חבר'טעס, און וועמען נאָך רעכענסטו איינצולאַדען?

— וועמען זאָל מען נאָך איינלאַדען?

— און דעם לעהרער פון מוזיק?

— אַך, יאָ, איך האָב שיער נים פערגעסען אופ'ן לעהרער פון מוזיק.

— און די פאַנא איזאַבעלאַ?

— צו וואָס נאָך די פאַנא איזאַבעלאַ? זי איז דאָך מיר שוין מעהר נים קיין גובערנאַנטין!

— ע־הע, ס׳אראַ אונדאַנקבאַרע דו בינסט! — האָט מיר די מוטער פאָרוווירפע געמאַכט. ווער זשע האָט עס דיך אויסגע־לערנט צו ריידען פראַנצויזיש, האַ? דו האָסט שוין פערגעסען? פּע, סאָניטשקע, ס׳איז ניט גוט, אַז מען פערגעסט אַלטע פריינד.

געחאַפּט פון דער הניפה פון דער רמאות׳דיגער פּוילישער פרוי, האָט די מוטער געהאַלטען די פריילין איזאַבעלאַ פאַר אונ־זער׳ן אַ היימישען גוטען פריינד; איך האָב אָבער גוט געוואוסט, אַז די פריילין איזאַבעלאַ האַסט אונז אין הארצען, האַלט אונז פאַר שפל׳ע מענשען, איז אונז מקנא און אין די פּוילישע הייזער לאַכט זי אָב פון אונז, דערהויפּט פון מיין גוטהערציגער מוטער, וועלכע זי בעצויבערט מיט איהר פאַלשער פריינדליכקייט. איך דער־חייז ניט מיין מוטער איהר אירטום, וויל דאָס וואָלט זעהר טיעף קימערן איהר גוטע, ליעבענדע און גלויבּיגע נשמה. דערפאַר האָב איך איצט אויך מסכים געווען איינצולאַדען איזאַבעלאַ׳ן אויפ׳ן אָווענד, האָטש מיר איז שטענדיג זעהר ניט אַנגענעהם צו בעגעג־נען זיך מיט איהר און אויסשטעהן איהרע פערדרעטערישע קושען, אזיף וועלכע זי איז גאָר ניט קאַרג. איך געדענק ניט פון ווען האָב איך דאָס געהערט, אַז וואָס מעהר רמאות ס׳געפינט זיך אין אַ מענשען, איז ער אַלץ מעהר אַ „גוטינקער״ אויף צו געבען אַ גלעט און זאָגען אַ גוט וואָרט, וואָס ס׳קאָסט דאָך גאָר נישט. אַפּנים, אַז דאָס איז אַנ׳אמת.

— איצט, סאָניטשקע, האָט די מוטער ווידער אָנגע־הויבען, — לאָמיר אָבריידען מכח דעם כבוד, וואָס מ׳זאָל דער־לאַנגען.

— וועגען דעם דאַרף מען דען אויך אָבריידען? — האָב איך געזאָגט, — וואָס דו ועסט דערלאַנגען, וועט זיין גוט.

— ביי דיר איז דאָך אַלץ גוט, — האָט די מוטער געזאָגט מיט פאָרוואורף, — אַז מען זאָל אפילו גאָרנישט ניט דערלאַנגען, וועט אויך גוט זיין. דו לעבסט דאָך נור מיט די ביכלעך און מיט דער מוזיק. איך ווייס אָבער, אַז ס׳זענען פאַרהאַן מענשען, וואָס זענען ניט זאַט מיט ביכער און מיט מוזיק, דו מאָגסט זיי אפילו אָבגעבען דיין גאַנצען שראַנק מיט ביכער.

די מוטער האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט קיין צופאַל

אויסצו׳מוסר׳ן מיך פאר מיין „ליכטזיניגער״ בעציהונג צום עסען.

— דו לאכסט, — האט די מוטער געזאגט, בעמערקענדיג מיין שמייכעל, — פאר מיר איז עס אָבער גאָר ניט קיין געלעכ־טער, ווען איך דערמאָן זיך, ווי דו פטר׳סט דיין געזונד אויף די ביכלעך. אַט, גיב א קוק אין שפּיגעל—אַזאַ פּנים דען דאַרף עס זיין בּיי א יונגעס מיידעל פון אונזער שטאַנד? מ׳קאָן נאָך מיינען, אַז מיר זענען אַזעלכע קאַרגע לייט, וואָס שפּאָרען אָב פון דיר אין עסען.

— דאָס וועט שוין קיינער ניט קלערען, — האָב איך בּע־רוהיגט די מוטער, — ווער ווייס עס ניט, אַז אייער טאָכטער פעהלט נור סיידען פויגעל מילך? און וואָס אָנבעלאַנגט געזונד, קאָן איך דיר זיכער זאָגען, מאַמעשו, אַז אין דעם קאָן איך זיך פערגלייכען זאָגאַר מיט דער בעסטער פון מיינע חבר׳טעס, וואָס זענען דיקער און רויטער פון מיר. נור זאָג בעסער, מיט וואָס רעכענסטו מכבד צו זיין מיינע געסט?

— מיט וואָס רעכען איך מכבד צו זיין די געסט, — האָט די מוטער איבערגעפרעגט, — איך רעכען: פריהער טיי, דערנאָך אויבסען, וואַרעניקעס, און נאָך דעם צובייסען, און גאָר צולעצט. . .

— וואָס נאָך? — בין איך געווען נייגיעריג.

— און גאָר צולעצט — גאָרנישט — האָט די מוטער זיך געוויצעלט און צופרידען געריבען די הענד, וואָס איהר איז גע־לונגען צו איבערראַשען מיך אויף אַ ווײלע.

— נו, רעכט, — האָב איך געענטפערט.

— רעכט איז רעכט, נור איך האָב נאָך ניט בעשלאָסען, וואָס גיט זיי מען צובייסען, מילכיגס צו פליישיגס.

— איז דען ניט אַלץ איינס? — האָב איך בעמערקט.

— דאָס איז דאָך דאָס טאַקי, וואָס ס׳איז ניט אַלץ איינס, — האָט די מוטער געענטפערט. — איך וועל געהן מישב זיין זיך מיט ריבה׳ן.

און זי איז אַוועק אין קיך.

II.

דעם 21-טען יולי.

דער אָווענד האָט זיך פאָלשטענדיג אײַנגעגעבען. ס'זענען געווען אַפילו קאַוואַליערען: די פרײלין איזאַבעלאַ איז געקומען מיט איהר קוזין, פאַן וואַצלאַוו, פאָלינקע קראַנץ האָט שכל געהאַט מיטצוברענגען איהר ברודער אַראָלפ'ן, און דער לעהרער פון מוזיק האָט געאָפּפערט מיט זיינע נאָכמיטטאָגס-שטונדען און איז געקומען ניט שפּעטער פון די איבעריגע געסט.

אין אָנהויב, ווי געוועהנליך, איז געווען אַביסעל אומעטיגלעך. די מאַנספּערזאָנען זענען ניט בעקאַנט געווען איינער מיט'ן צווייטען, די דאַמען קענטיג האָבען זיך געפיהלט ווי געבונדען אין דער געגענוואַרט פון פרײלין איזאַבעלאַ, וואָס איהר איז מיט אַמאָל אײַנגעפאַלען צו שפּיעלען די ראָלי פון אַ „גראַן דאַם". זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן קאַנאַפּע מיט אַ איראָניש שמייכעל אויף די ליפּען, האָט זיך אַרומגעקוקט אָדער מיט אַ בליק פון אַ אויספּאָר-שער, אָדער מיט אַ בליק פון אַ בעל-טובה, און אַלע האָבען זיך געשעמט. מערי טידמאַן האָט זיך איטליכע ווײלע געריטעלט, שטיקענדיג זיך אין איהר שטייף אײַנגעצויגענעם קאָרסעט; פאָלינקע קראַנץ האָט זיך געבלאָזען, אַננאַ איזראַעלסאָן האָט זיך אומגע-שליידערט אויף איהר שטול, יעדע רגע פלעגט זי פעררוכטען איהר קלייד אויף זיך און האָט ניט געוואוסט, וואו אַהינצוטהון די הענד איהרע, און רבקה געצעלס האָט אַרײַנגעקראָגען שרה טעמקעס מערדאַליאָן, האָט זיך אַזוי אײַנגעזויגען אין איהם מיט די אויגען, פונקט ווי זי וואָלט אויף דעם עמאַל דעקיל גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ חדושים ענטדעקט. אַל'ע האָבען אָדער געשוויגען, אָדער שטילער-הייד אַ זאָג געטהון איינער דעם צווייטען אַ פּאָר ווערטער. ס'איז אַלעמען אונבעקוועם געווען, און בפרט נאָך, אַז אַלע האָבען בעמערקט, ווי די „גראַן דאַם" טהוט אַ וואונק יעדע ווײלע צו איהר קוזין און ער צו איהר און זי שמייכעלט שטעביג. איך, פערשטעהט זיך, בין אויסער זיך געווען, ווייל אַזוי ווי איך בין ניט געוועהנט אויפצונעהמען געסט, האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו טהון. דער-צו נאָך בין איך געווען שטאַרק אויפגערעגט פון די בעליידיגענדע מאַניערען פון דער גדל'ריגער גובערנאַנטין, וואָס האָט זיך ממציא

געווען צו שפּיעלען אין אַ יודישער געזעלשאַפט די ראָליע פון עפּים אַ גרעפין. ווען איך זאָל געווען אָנהויבען מיט איהר ריידען, ווי מיר האָט זיך עס געוואָלט און ווי זי האָט עס פערדיענט, וואָלט זי גלייך דערקענט איהר ריכטיגען אָרט, נור צוליעב דעם פּרינציפּ פון גאַסטפריינדשאַפט און אום אויסצומיידען אַ סקאַנדאַל, האָב איך געמוזט שווייגען און אויפגעהאַלטערנערהייד צו קוקען, ווי מיינע גוטע, קלוגע און געבילדעטע חבר'טעס קלעמען זיך אין זייער אונ־בעקוועמער לאַגע, וועלכע איך אַליין האָב זיי פערשאַפט. איך האָב אין אונזער קרייז אַיינגעלאַדען די רמאות'דיגע פּוילישע פרוי, וועלכער איז אַיינגעפאַלען אויסצוגרויסען זיך אַנטקעגען די „זשידאָווקעס" מיט איהר שליאַכטע־יחוס. אינווענינ אין דער מחשבה האָב איך זיך פאָרגעוואָרפען, וואָס איך האָב זיך אויפ'ן שכל ניט געחאַפּט אַיינצולאַדען איסידאָר שאַפּסעליעוויטש'ן. ער איז אַ"וועלטלי־כער מענש, אַ דורכגעטריבענער, דרעהט זיך אַרום אין קריסטליכע קרייזען—ווען ער זאָל דאָ נור געווען, וואָלט שוין אונמעגליך זיין די אָנגעצויגענע לאַגע, אין וועלכער מיר האָבען זיך געפונען. מיר זענען אָבער אונ'ערפאַהרען, אַדאָלף איז ניט וועלטליך און מיין לעהרער פון מוזיק איז בעשיידען, כמעט ווי אָנגעשראָקען.

איך האָב שוין געווען גערעכענט, אַז דעם גאַנצען אָווענד וועלען מיר זיך אַזוי פּייניגען, נור מיט אַמאָל איז עס אַלץ אַנדערש געוואָרען, און גאַנץ אומגעריכטערהייד. די מוטער איז אַריין אין זאַל. זי האָט זיך צו אַלע געסט געגויגט אויפ'ן נייעם שטייגער, ד. ה. מעשה צערעמאָניע און איז מיט אַ לייכטענדען פּנים און צו־שפּרייטע אָרעמס צוגעגאַנגען צו איהר פ ר יי נ ד, פריילין איזאַבעלאַ.

— אַט אַזוי האָב איך אַייך ליעב, — האָט זי געזאָגט און האָט שטאַרק געדריקט דעם פ ר יי נ ד'ס אויסגעשטרעקטע הענד צו איהר.—סאָניטשקע האָט געצווייפעלט, צי איהר וועט קומען, און איך האָב געזאָגט, אַז איהר וועט געוויס קומען, אַייך וועט אָנשטעהן צו קומען, ווייל איהר האָט אונז ליעב, חאָטש איהר האָט שוין ביי אונז מעהר ניט קיין שטונדען. איהר האָט דאָך אונז ליעב אַזוי, ווי פריהער, פאַננאַ איזאַבעלאַ.

איצט איז שוין דער פאַננאַ איזאַבעללאַ אויסגעקומען רויט צו ווערען און פערשעמען זיך. דער מוטערס בעגריסונג, און בע־

זונדערם די מחותנ'שאפט פון איהר טאָן, האָט גלייך אָנגעוויזען מיינע חבר'טעס, ווער איז עס די „גראַן דאַם" די גרויסהאַלטערין, וואָס פון איהרע בליקען האָבען זיי זיך מיט אַ ווילע פריהער געפיהלט אַזוי אונבעקוועם. זיי האָבען געקוקט איינע אויף די אַנדערע, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשמייכעלט, און פּאַלינקע קראַנץ האָט שיער ניט אויסגעשאָסען מיט אַ שטאַרקען געלעכטער.

די פריילין איזאַבעלאַ איז געזעסען אַ בענראָבענע. אין דער לעבערליכער לאַגע, אין וועלכער זי אַליין האָט זיך אַריינגעבראַכט, האָט זי זיך אַזוי פערלאָרען, אַז מיך האָט אָנגעהויבען צו פערדריסען אויף איהר. זי האָט זעהר שטאַרק גענומען דרעהען איהר שירעם, און האָט איהם גערדרעהט אַזוי לאַנג, אַז ער האָט זיך צוברָאכען. די געסט האָבען איהר נאָכגעקוקט, און דאָס האָט איהר נאָך מעהר געבראַכט אין פערלעגענהייט. זי האָט זיך ניט דערוועגט אויפצוהויבען די אויגען, וואָרום זי האָט זיך געשראָקען, אַז זי וועט זיך בעגעגענען מיט אַ שפּאָטישען נצחון־בליק פון די „ושירובקעס", וואָס זי האָט זיך פריהער געגרויסעלט אַנטקעגען זיי. די מוטער האָט בעמערקט איהר פערלעגענהייט.

— וואָס איז מיט אייך, פּאַנאַ איזאַבעלאַ? — האָט זי געפרעגט מיט מיטלייד. — איהר זעהט היינט אוים ניט גוט געשטימט. אפשר זענט איהר ניט געזונד?

— דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבען וועה צו טהון, — האָט די גובערנאַנטין קוים אַרויסגעזאָגט, געשטיקט פון אויפרעגונג.

— ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס ס'האָט אָנגעהויבען וועה צו טהון, — האָט די מוטער געזאָגט, — אַז איהר האָט זיך אין אַזאַ היץ אַוועקגעזעצט אין שטוב. וואָס איז ביי אונז קיין גאָרטען ניטאָ? סאָניטשקע! בעט די געסט אין גאָרטען אַריין. איך וועל הייסען דערלאַנגען טהיי אין פּאַוויליאָן. דאָס וועט זיין אי געזונדטער, אי פרעהליכער. דאָרטען וועט איהר אויך קאָנען דורכלויפען זיך, הוידען זיך אייף די הוידעס.

דאָס איז געוועזען אַ גלענצענדער געדאַנק. אַלע האָבען זיך דערפרעהט. אין איין ווילע זענען מיר שוין אין גאָרטען געווען. דאָרט, אויפ'ן „שויס פון דער נאַטור", האָבען מיר דערפיהלט, ווי אַ משא איז פון אונז אַראָבגעפאַלען. מיר זענען געוואָרען פרעהליבער און פרייער.

די מאַנספּערזאָנען האָבען פּערררייבערט פּאַפּיראָסען און פּער־פּיהרט אַ שמועס צווישען זיך, די פרויען האָבען זיך גענומען אונ־טער די הענד און האָבען אַוועקגעשפּאַציערט איבער די אַלעען, אָבשטעלענדיג זיך ביי די בלומען־קלומבעס. פּאָלינקע קראַנץ האָט, ווי געוועהנליך, גענומען צוויצערן, ווי אַ זאָרגלאָזער פויגעל. פרייַ־לין איזאַבעלא איז שוין צו זיך געקומען פון איהר פערלעגענהייט און האָט מיך אַ חאַפּ געטהון אונטער'ן האַנד, איז מיט מיר אַוועק איבער דער גרויסער אַלעע און אָנגעהויבען אויסצופרעגען מיך וועגען מיינע חבר'טעס.

— זענען זיי ערצויגען? — האָט זי געפרעגט.

— עטליכע פון זיי זענען זעהר געבילדעטע מיידלעך, — האָב איך געענטפערט.

— אַזוי גאָר? — האָט זי פערוואונדערט אויסגעשריען, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געגלויבט אין מיינע ווערטער. — ס'איז זעהר אינטערעסאַנט. וואו האָבען זיי זיך געלערענט?

— אייניגע אין פּענסיאָנען און אייניגע — אין דער־היים.

— ווער איז עס די שלאַנקע בלאָנדינקע אין דעם זיידע־נעם קלייד?

— מערי טידמאַן.

— דו ווייסט, אז זי איז גאָר ניט עהנליך אויף אַ... אַ... האָט די גובערנאַנטין זיך פערשטאַמעלט אויף אַ וואָרט.

— אויף אַ „זשידובקע“? — האָב איך איהר אונטערגע־זאָגט.

— אויף אַנ'אַלט־גלויביגע, — האָט די גובערנאַנטין פּער־ריכט.

— זי געפעהלט אייך?

— יאָ, אַזאַ אַרט אויסזעהן קאָן מען ניט ניט בעמערקען. וואו האָט זי בעקומען אַזאַ אויסזעהן?

— אין ריגאַ.

— ביי די דייטשען? — האָט די גובערנאַנטין געפרעגט ערשטוינט. זענען דען ביי די דייטשען אַזעלכע גוטע שולען?

— בעסערע פון אונזערע.

די גובערנאַנטין האָט פערביסען אַ ליפּ און האָט אַ ווייַלע געשוויגען

— דו ווייסט, זאָסיע, — האָט זי דערנאָך אָנגעהויבען, — ווען איך זאָל זיין אַ מאַנספּערזאָן, וואָלט איך זיך אָבגעהיט פון איינצוליעבען זיך אין דיין מערי.

— פאַרוואָס עפּעס?

— ווייל זי דוכט זיך מיר אָב פאַר זעהר אַ שטאָלצע, ניט קיין צוטריטליכע, מיט אַ שטיינערנעם האַרץ, ווי מען זאָגט.

— איינענטליך איז זי ניט קיין גרויסהאַלטערין, נור אָנ־ערנסטע. און דאָס האַרץ איז ביי איהר זעהר אַ גוטע און זאָגאַר זעהר אַ פיהלבאַרעס.

— און מיר דוכט זיך, אַז דיין ריגערקע איז איינע פון די מאַריעס, וואָס מיצקעוויטש האָט זיך בעקלאָגט אויף איינע פון זיי:

Maryla slodkie mlośći wyrazy
Dzielila skąpo w rachubie,
Choç jei kto kocham mówie po sto śnazy,
Nie rzekla nawet i lubie.

מיר האָבען דערהערט טריט. מיר האָבען זיך אומגעקעהרט און דערזעהן דעם פּאַן וואַצלאַוו.

— אַזוי איז דאָס, — האָט ער אָנגעהויבען עטוואָס שע־מעוודיג, אָבער גאַנץ אויפגעבונדען. — וואו ס'איז נור דאָ מיין ליבע קווינע, דאָרט איז שוין אויך די „מילאָסק". פּאַנאַ איזאַבעלאַ און „מילאָסק" — דאָס זענען צוויי ליעבליכע שוועסטער.

— און פּאַן וואַצלאַוו און „סוכוואַלסטוואָ" — זענען צוויי לייבליכע ברידער, — האָט די גובערנאַנטין אָבגעענטפערט מיט אַ שפּאַס און האָט אָנגעקוקט איהר קוזין מיט סאַמע צאַרטער פריינדליכקייט.

— נו, יאַ, — האָט דער יונגער־מאַן געזאָגט פרעהליך, — „סוכוואַלסטוואָ" איז אונזער גוטע מדה, אונזער נאַציאָנאַלער כאַ־ראַקטער, אויף וואָס מיר קאָנען שטאָלץ זיין, ווי זאָגט ניעמ־צעוויטש?

Nie zniży Polak przed obcimy czola,
Póka ma oręż, odwage!..

— טססס! —האָט די גובערנאַנטין אויסגעשריען מיט אַ בייזער און האָט בעפעהלענד אויפגעהויבען די האַנד צו פערמאַכען

דאָס מויל איהר דרייסטען קוזין. — דו ווילסט אַ פּנים אַ שפּאַציער מאַכען אַהין, וואו דיין זעליגער פאָטער האָט זיינע ביינער אוועק־געלעגט?

— נו, האָט וואַצלאַוו געענטפערט, דרעהענדיג זיינע וואָנ־צעלעך, — וועט אויסקומען די ביינער אוועקצולעגען, וועל איך זיי אַוועקלעגען, דאָס וועט מיך גאָר ניט אָבהאַלטען. צי דען בין איך ניט אַזאַ עהרליכער פּאָליאַק, ווי מיין פאָטער?

איזאַבעלאַ איז געוואָרען נאָך אומרוהיגער.

— הער זשע, וואַצלאַוו, — האָט זי געזאָגט מיט כּעס, — דו בינסט נאָך גאַר אַ קינד. אין נאָמען פון דיין פערשטאָרבענעם פאָטער — דעם קדוש בעשווער איך דיך, אַז דו זאָלסט ניט שפּיעלען מיט פייער. צי דאָ איז אַנ׳אָרט צו ריידען פון אונזער הייליגען ענין?

— איך האָף, אַז מיר געפינען זיך ניט צווישען שפּיאָ־נען, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט און האָט אַזאַ קוק געטאָן אויף מיר, אַז איך האָב ניט ווילענדיג אַ ציטער געטהון. — צי דען איז די פּאַנאַ סאָפיע ניט אַזאַ פּאָלקע, ווי דו? זי איז דאָך דער־נעהרט געוואָרען פון דער זעלבער ליטווישער ערד, ווי מיר, אַל־זאָ, איז זי — אונזערע. דערצו איז זי נאָך דיינע אַ שיהלערין, הייסט עס, אַז זי איז דאָפּעלט אונזערע. פּאַנאַ סאָפיע! — האָט וואַצלאַוו אויסגעשריען אין התפעלות און האָט זיך געשיקט גע־שטעלט אויף אַ קניה פאַר מיר — זענט אַזוי גוט אָנצונעהמען „האָלד״ פון אייערן אַ ברודער אַזוי אויפריכטיג אויך, ווי ער גיט עס אייך.

ער האָט אָנגענומען מיין רעכטע האַנד, האָט זי פעסט גע־דריקט און אַ קוש געטהון.

איך בין שיער ניט אומגעפאַלען, אַזוי אונערוואַרטעט איז עס געווען. פריילין איזאַבעלאַ האָט זיך אָנגעצונדען. איך האָב געפיהלט, ווי אַ נערוועזער שוידער האָט איהר דורכגענומען. זי האָט לייז געמאַכט איהר האַנד און האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר קוזין, וואָס איז שוין אויפגעשטאַנען און האָט זיך אויסגע־גלייכט. ער האָט דרייסט געקוקט מיר אין די אויגען און האָט געשוויגען. איך האָב אויך געשוויגען. איזאַבעלאַ האָט זיך אויך פערלאָרען, און אונזער לאַגע איז געוואָרען אַ מאָדנע, זעהר אַ אונ־

בעקוועמע. און גאָט ווייסט, ווי לאַנג ס׳וואָלט אַזוי דויערן, ווען נים אונזער דיענסט האַנעלע, וואָס איז צוגעגאַנגען צו אונז און געזאָגט, אַז מ׳האָט דערלאַנג טיי.

מיר זענען אריין אין פּאַוויליאָן, אַלע געסט האָבען שוין געוואַרט אויף אונז. די מוטער האָט גע׳בעל׳הבת׳עוועט. די געסט זענען געווען פאַר־זיך פערנומען, און דעריבער האָבען זיי נים בעמערקט אונזער פערלעגענהייט, וואָס מען האָט עס געקאָנט לייכט דערקענען אָן אונזערע פּנים׳ער. מיר זענען אָבער גיך צו זיך געקומען. דער שטענדיג אויפגעבונדענער וואַצלאַוו האָט שוין פערפיהרט אַ שמועס מיט פאַלינאַ׳ן, וואָס איז געזעסען נעבען איהם און מיט מעריי׳ן וואָס איז געזעסען אַנטקעגען איהם. ער האָט זיך, קענטיג, געוויצעלט, וואָרום פּאַלינאַ האָט געלאַכט און מערי האָט געשמייכעלט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט צווישען אַדאָלף׳ן און דעם לעהרער פון מוזיק, אום אויסצומיידען פון אַ אינטימען געשפרעך מיט איזאַבעלאַ׳ן, וואָס איז מיר שטענדיג אונאַנגענעהם געווען. איך האָב צופריעדען בעמערקט, אַז מיינע געסט איז דאָ גאָר נים לאַנגווייליג.

ביסלעכווייז איז דער געשפּרעך בײ׳ם טיש געוואָרען אַנ׳אַל־געמיינער. יעדערער האָט זיך בעטייליגט מיט׳ן וואָרט. בעסער אָבער און מעהר פון אַלעמען האָבען גערעדט וואַצלאַוו און פּאַ־לינקע, און זיי האָבען דוכט זיך איינער דעם צווייטען געוואָלט איבערשטייגען אין שאַרפזיניגקייט. וואַצלאַוו פלעגט זעהר גע־שיקט אָנפאַלען, און פּאַלינקע פלעגט זיך נאָך מעהר געשיקט פערטיידיגען. די געסט האָבען געלאַכט און געשריען בראַוואָ, אונ־טערהאַלטענדיג דעם אָדער יענעם צד. ס׳איז געווען פרעהליך. אַפילו אַדאָלף האָט אויך אָבגעלאָזט זיין שטענדיגע מרה־שחורה, און איז געווען פרעהליך און האָט געלאַכט. דער וואָרט־געוועט פון זיין דרייסטער שוועסטער מיט דעם פּוילישען בעל־דברן האָט איהם עפּעס בעזונדערס פעראינטערעסירט, און יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט געוואָלט אויפהערען שוין, פלעגט ער צושטעלען אַ וואָרט, וואָס זאָל ווידער פערוויקלען דעם קנויל. נור מערי איז געווען עפּעס צושטרויט און זאָגאַר טרויעריג. זי האָט ווייניגער פון אַלע־מען אַנטייל גענומען אינ׳ם געשפרעך, האָט קנאַפּער געלאַכט. צי

דען איז עפּעס אַ אומענדערונג פאַרגעקומען צווישען איהר און אַדאָלפ׳ן?...

עמיצער געהט צו מיר, איך וועל ענדיגען מאָרגען ...

III.

דעם 22-טען יולי.

נאָכ׳ן טיי האָט מען בעשלאָסען צו געהן צו די הוידעס און פערברייגען דאָרטען ביז׳ן אָווענד. געהענדיג אַהין, בין איך עפּעס ווידער אַריינגעפאַלען צווישען איזאַבעלאַ׳ן און וואַצלאַוו׳ן:

— פריילין פּאָלינא איז אַ זעלטענע מיידעל, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט זעהר ערנסט. — זי איז אַן׳אמת׳ע מציאה פאַר אונזער ענין.

— וואָס הייסט? — האָב איך מעכאַניש געפרעגט, אויסמיידענדיג צו פרעגען וועגען דעם ע צ ם ע נ י ן, וואָס איך האָב עפּעס דערמיט ניט געוואָלט זיך בעקענען.

— זי איז אימשטאַנד אויפצופלאַקערן אַ האַלבע מאה יונגע-לייט, וואָס וועלען אויף איהר וואונק געהן אין פייער און אין וואַסער.

— זיי אַזוי גוט און זיי ניט מגזם, — האָט בעמערקט איזאַבעלאַ, וואָס איהר איז קענטיג ניט געפעהלען געוואָרען די ענטציקטע מיינונג פון איהר קוזין וועגען אַ יודישען מעדעל.—פריילין פּאָלינאַ איז אַ מיידעל אַ נישקשה׳דיג׳ס, אָבער ניט מעהר. וואָס פאַר אַ מציאָה איז זי פאַר אונז—איך פערשטעה עס ניט.

— איך פערשטעה אָבער, וואָס איך רעד,—האָט וואַצלאַוו געענטפערט מיט בעם כּמעט און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— ס׳אַרא חמורים מיר זענען! — האָט ער דערנאָך אָנגעהויבען, ניט ווענדענדיג זיך צו קיינעם פון אונז, — דאָ אונטער דער נאָז האָבען מיר אַזעלכע אוצרות: שכל, געלד, אַזיאַטיש בלוט, אַן׳אייזערנעם כאַראַקטער, און מיר נוצען עס ניט אויס! מאָדנע מענשען זענען מיר... איזאַבעלאַ! — האָט ער זיך פּלוצלונג געווענדט צו דער גובערנאַנטין, — איך... מיר זענען פון דיר

ניט צופריעדען. דו זאָלסט עס געדענקען. מיר וועלען שפּעטער וועגען דעם ריידען...

מיר זענען צוגעגאַנגען צו די הוידעס. פּאָלינקע קראַנץ האָט זיך שוין געהוידעט מיט דער גאַנצער קראַפט. איהרע צעפּ און דאָס קלייד האָבען געפלאַטערט אין דער לופטען, וואָרום זי האָט זיך געהויידעט שטעהענדיג און מיט אַ ברען, וואָס איז צומאָל גע־שטיגען. די איבעריגע געסט האָבען צוגעקוקט מיט בעוואונדע־רונג און שרעק.

— בעהיטזאַם, מטורף'דיגע! — האָט איהר אַדאָלף געשריי־ען, נור זי האָט איהם דערויף אָבגעענטפערט מיט אַ קלינגענדיגען געלעכטער און פלעגט זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערהוידען.

— בראַוואָ, פריילין פּאָלינאַ, — האָט איהר וואַצלאַוו צו־געגעבען מוטה און אפּלאָדירט מיט התפעלות. פאָרווערטס! פאָר־ווערטס! אַ חוואַט — פאַנאַ!

אום צו בעשטעטיגען וואַצלאַוו'ס גוטע מיינונג וועגען איהר, האָט פּאָלינאַ זיך אָנגענומען מיט איין האַנד פאַר אַ זייט און האָט זיך גענומען הוידען, אָנהאַלטענדיג דעם שטריק נור מיט איין האַנד. אין דער פּאָזע איז זי געווען פּרעכטיג. אפילו איזאַבעלאַ האָט ניט געקאָנט איינהאַלטען זיך און האָט געזאָגט:

— אַנ'אמת'ע לילית!

— אַ געטין! — האָט אויסגעשריען דער ענטציקטער וואַצלאַוו.

אַדאָלף איז געוואָרען אויף אַנ'אמת אומרוהיג.

— הערר פאַרטשעווסקי! — האָט ער זיך געווענדעט צום לעהרער פון מוזיק, טהוט אַ געפעלינקייט, העלפט מיר צו פער־האַלטען די הוידעס. מיט איהר קאָן מען ניט אויספיהרען אַנ־דערש.

אַדאָלף און פאַרטשעווסקי האָבען שוין געוואָלט נעהמען זיך דערצו, נור פּאָלינאַ האָט עס בעמערקט און האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— אַוועק! וועט איהר זיך נור צוריהרען צו די הוידעס, וועל איך אָבלאָזען אינגאַנצען דעם שטריק.

פּאָלינא איז דערויף פעהיג געווען, און דעריבער האָט זיך אַדאָלף אָבגעזאָגט פון זיין פּלאַן.

דאָ אָבער האָט זיך אריינגעמישט מערי, וואָס האָט אַ גרויסען איינפלוס געהאַט אויף איהר חבר'טע.

— פּאָלינאַ! — האָט זי שטרענג בעפעהלען, — גענוג וועט דיר זיין צו הוידען זיך, לאָז שוין אַנ'אַנדערע אַ ביסעל.

— גלייך, האָט פּאָלינאַ געענטפערט, — שטעלט אָב, — האָט זי צוגעגעבען און האָט שוין געוואָלט אַראָבשפּרינגען.

— וואַרט אָב, מזיק! — האָט אַדאָלף געשריען. אייל ניט, דו וועסט ברעכען האַלז און אַקען.

— אַזעלכע חוואַטסקע מיידלעך, ווי פריילין פּאָלינאַ, ברעכען ניט קיין האַלז און אַקען, — האָט וואַצלאַוו בעמערקט, — גאָט אַליין היט זיי. איך גראַטולירע אייך הערר קראַנץ מיט אַזאַ העלדישער שוועסטער.

— און מיך, מיין הערר, — האָט געזאָגט פּאָלינאַ, וואָס איז שוין אַראָב פון די הוידעס, — בעגריסט מיט אַזאַ פּחדן אַ ברודער, וואָס לאָזט מיך ניט אפילו אַ שטיף טהון. איהם דוכט זיך נור, אַז איך וועל זיך מאַכען פּאַר אַ קאַליקע, און מיר דוכט זיך, אַז נור אין למדן'ל טרעפען אַן אַלע בערעלעך, ווער ס'איז אָבער ניט קיין למדן'ל, יענער דרייסט אַליין די בערעלעך און וואַרפט עס אין די פוילע און פּחדנים.

— אַדאָלף האָט קרום אַ קוק געטהון אויף זיין שוועסטער, נור ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער און וואַצלאַוו זענען צוגעגאַנגען צו די הוידעס, האָבען אַרויפגעקלעטערט און געפרעגט, ווער פון די פרויען וויל זיך הוידען. ס'האָבען זיך אַרויפגעזעצט אַנאַ איזראַעלסאָן און שרה טעמקעס.

— און פריילין טידמאַן? — האָט אַדאָלף געפרעגט.

— איך וויל ניט, — האָט מערי געענטפערט.

ה' פּאַרטשעווסקי און פּאָלינאַ האָבען זיך געשטעלט פון ביידע זייטען פונאַנדערצוהוידען די הוידעס.

— בעהיטזאַם, בעהיטזאַם — האָט געשריען שרה טעמקעס, האָט זיך מיט איין האַנד אָנגענומען פאַר'ן שטריק און מיט דער צווייטער האָט זי אַרומגעכאַפּט אַנאַ איזראַעלסאָן.

— וואַרט אַקאָרשט, — האָט פּאָלינאַ בעמערקט, — דו וועסט נאָך צייט האָבען צו שרייען. — פּאָרוועַרטס, מיינע הערען! — האָט זי בעפעהלען און דערביי צוגעוואונקען דעם פּאַן וואַצלאַוו,

— שרעק זיך נישט סאַשאַ, — האָט זי דערווייל בערו־הינגט איהר חבר׳טע, — אַז דו וועסט פאַלען — און איך זעה־טאַקע, אַז דו וועסט באַלד פאַלען, — וועלען מיר דיך אונטער־חאַפּען.

סאַשאַ האָט געשוויגען נור זי איז בלייך געווען פון־שרעק.

— צו וואָס שרעקסטו דו איהר? — האָט איהר מערי־פאָרגעוואָרפען.

— אַזוי גלאַט, זאָל זי ניט מורא האָבען.

אַלע האָבען זיך געהוידעט, איינע נאָך די אַנדערע. דער־נאָך האָבען מיר אַ ביסעל אָבגערוהט, אָבגעפרישט זיך מיט וואַ־רעניקעס און אָנגעהויבען צו שפּיעלען אין פאַנטען. ס׳איז געווען אַ גרויס געשריי און געלעכטער. אַלע זענען פרעהליך געווען, אַפילו אַדאָלף אייך. אין דעם שפּיעלען זענען די געסט אַזוי־נאָהנט געוואָרען צווישען אַנאַנד, היימיש, ווי מען וואָלט שוין־יאָהרען לאַנג בעקאַנט געווען. איך בין זעהר צופריעדען געווען, וואָס ס׳איז ניט לאַנגווייליג פאַר מיינע געסט. און געווען איז עס נור אַ דאַנק דער אונאויפהערליכער פרעהליכקייט און די איינפאַ־לען פון פאָלינען, וואָס האָט קיינעם ניט געלאָזען פערטראַכטען־זיך. זי פלעגט אונטערשפּרינגען צו דעם, צו יענעם, אַ שטיף טהון, אַ שפּאַס אָבטהון. זי האָט אויפגעטרייסעלט ניט נור אַדאָלף׳ן און־מערי׳ן, נור אַפילו דעם ה׳ פראַטשעווסקי, דעם פערהאָרעוועטען־נעביכקע, וואָס האָט זיך שטענדיג געראַנגעלט מיט דער נויט און איז דעריבער שטענדיג געווען אָנגעחמורעט. פאַר איהם בין איך איהר בעזונדערס דאַנקבאַר געווען.

אַז ס׳איז געוואָרען פינסטער אין דרויסען, זענען מיר צוריק אין זאַל אַריין. מ׳האָט אָנגעצונדען די לאָמפּען. מ׳האָט פאָרגע־לעגט צו שפּיעלען עפּעס. אויס העפליכקייט האָבען זיך אַלע גע־ווענדעט צו פריילין איזאַבעלאַ — די עלטעסטע פון אונזערע דאַמען. זי האָט זיך אַ ביסעל געלאָזט בעטען — אָן דעט געהט עס דאָך ניט,— דערנאָך האָט זי זיך געזעצט ביים ראָיאַל. און — זי האָט זיך ניט געשעמט — אָנצוהויבען שפּיעלען La prière d'une vierge די אומעטיגע און זיסליכע פּיעסע, וואָס אַלע פּוילישע פרויען זענען דערפון גאָר אויסער זיך. וואַצלאַוו אפילו

האָט זיך אַ קנייטש געטהאָן אויף זיין קווינע. נאָך דער תפלה, פאַר וועלכע מ'האָט איהר אויס העפליכקייט געדאַנקט, האָט זי אָנגעהויבען צו שפּיעלען דעם פּאָלאָניעז פון דער אָפּערע „Nalka“.

די זעהר בעגרענצטע פריילין איזאַבעלאַ האָט געקענט אָדער אָנערקענט נור צוויי פּאָעטען: פון כּאַנספּערזאָנען מיצקעוויטש'ן און פון פרויען — די אימפּראָוויזאַטאָרין דיאָטימאַ, אויך צוויי קאָמפּאָזיטאָרען: מאָניושקא פון מאַנסנפּערזאָנען און באָנדאַרשעווסקאַיאַ פון פרויען. פּאָעטען און קאָמפּאָזיטאָרען פון אַלע אַנדערע פעלקער האָט זי עקשנות'דיג איגנאָרירט. אין בייראָנ'ען האָט זי אָ אָנערקענט אייניגע מעלות, איז דאָס אויך דערפאַר, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין איבערזעצט פון אָדינעץ. זי פלעגט זאָגען, און אפשר איז זי געווען אויך איבערציינגט אין דעם, אַז בייראָן איז אין אָריגינאַל שוואַכער, ווי אין פּוילישער איבערזעצונג. די איינזייטיגקייט און אונטאָלעראַנץ האָט זי געוואָלט ענטוויקלען אויך אין מיר, נור דאָס איז איהר ניט געלונגען.

נאָך פריילין איזאַבעלאַ האָט זיך ביים ראָיאַל געזעצט מעדי, און מיר האָבען דערהערט דאַן מוזיק: זי האָט אויסגעשפּיעלט בעטכאָווענס אַ סאָנאַטע און מענדעלסאָנ'ס אַ ליעד, וואָס האָבען אַרויסגערופען שטאַרקע און אויפריכטיגע אַפּלאָדיסמענטען. זי האָט געשפּיעלט מייסטערהאַפט.

— און פּאַנאַ פּאָלינא וועט אונז מיט גאָרנישט ניט מכבד זיין? — האָט וואַצלאַוו געפרעגט, ווען מערי איז אַוועק פון ראָיאַל.

— אויב די געעהרטע געסט וועלען קיין רחמנות ניט האָבען אויף זייערע אויערען, בין איך גרייט אַרויסצוטרעטען מיט מיין קאַצעניאַמער, — האָט פּאָלינא געענטפערט מיט אַ עניות'דיגע מינע.

— איך רעכען, מיינע דאַמען און הערען, אַז דער קאַצענאַמער פון אַ־דעם קעצעלע איז פאַר אונז ניט קיין גרויסע געפאַהר, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך געווענדט צו די געסט וועגען אַנ'עצה.

אַלע, פערשטעהט זיך, זענען געווען דיזעלבע מיינונג. פּאָלינא האָט אויסגעזונגען צוויי דייטשע ראָמאַנען, וואָס

האָבען זעהר שטאַרק אויסגענומען ביים פובליקום. איך האָב איהר אקאָמפּאַניערט.

אָבגייענדיג זיך אויף אַלע זייטען מיט דעם ערנסט פון אַ קאָנצערטאַנטין, איז פּאָלינא צוגעשטאַנען צו וואַצלאַוו'ן, אַז ער זאָל אויך עפּעס זינגען. אומזיסט האָט וואַצלאַוו גע'טענה'ט, אַז ער זינגט גאָר ניט, פּאָלינאַ איז ניט אָבגעשטאַנען פון איהם, און וואַצלאַוו האָט געמוזט נאָכגעבען. ער האָט אָנגעהויבען צו זינגען דעם בעליעבטען ראָמאַנס פון דער פוילישער יוגענד: „Kolor czarny“, זיין שטים איז געווען אַ שטאַרקע, אַנ'אַנגענעהמע, נור ניט קיין בעאַרבייטע. מיט אַ בעזונדער אויסדרוק און געפיהל, דורכקוקענדיג זיך מיט פּאָלינאַ'ן, האָט ער אויסגעזונגען דעם פערז:

Rozkazowi twemú karny,
Będe sprìewal kolor czarny,
Bo to rozkaz twoj,
Bo to rozkaz twoj.

— יא, Moj, Moj — האָט פּאָלינאַ געענטפערט דערויף, האָט געפּאַטשט מיט די הענד און האָט זיך צוגאָסען מיט אַ קלינגענדיגען געלעכטער.

נאָך דער מוזיק זענען אַוועק טענץ. ה' פּראַטשעווסקי האָט אויף זיך גענומען די מיה פון אַ מוזיקאַנט. אָבער אַזוי ווי מיר האָבען צווישען זיך געהאַט ניר צוויי קאַוואַליערען, וואָס טאַנצען—אַדאָלף און וואַצלאַוו, האָט מען בעשלאָסען צו פלעטען זיי אין אַ לאָטע-ריי. דער גליקליכער געווינס איז אויסגעפאַלען רבקה געצעל און אַגאַ איזראַעלסאָן. מערי און פּאָלינא האָבען אָנגעטהון היט און האַנדשוה אַלס צייכען, אַז זיי זענען קאַוואַליערען און האָבען אַגאַנזשירט צו טאַנצען איזאַבעלאַ'ן און שרה טעמקעס. אַזוי איז עס געוואָרען ביי אונז אַ קאַדריל פון פיער פּאָר. מיר האָט מען איבערגעגעבען די השגחה אויף די נייע קאַוואַליערען, אַז זיי זאָ-לען ניט צופּלאָנטערן די פיגורען פון די טענץ. פון די טענץ זענען די געסט נאָך לעבעדיגער און פרעהליכער געוואָרען. מ'האָט געטאַנצט קאַדריל, פּאָלקעס און וואַלסען. וואַצלאַוו איז געווען אונערמיעדליך. ער האָט געטאַנצט מיט אַלעמען, אָבער פּאָלינאַ'ן

האָט ער פון די הענד ניט אָבגעלאָזען כמעט, און זי דוכט זיך איז אויך געווען אונערמיעדליך.

די שמחה האָט זיך געענדיגט ניט מיט א לייכטען צוביסען, ווי די מוטער האָט עס לכתחילה געהאט גערעכענט, נור מיט אַנ'אָווענד-ברויט ממש. וואַצלאַוו האָט אַ שענעם טאָאסט געהאַלטען לכבוד דער יודישער יוגענד בכלל און דער יודישער פרוי בפרט. אַדאָלף האָט איהם בעדאַנקט אין נאָמען פון דער יודישער יוגענד און האָט אויפגעהויבען אַ כוס פאַר'ן פריעדען צווישען נאַציאָנען.

— פון אַלע דען? — האָט וואַצלאַוו געפרעגט.

— פון אַלע, — האָט אַדאָלף געענטפערט.

— אָבער, ליעבער הערר, — האָט וואַצלאַוו זיך געהיצט, — ס'זענען דאָ פעלקער, מיט וועלכע ס'איז אונמעגליך אַ שלום.

— איך ווייס ניט פון אַזעלכע פעלקער, — האָט אַדאָלף רוהיג געענטפערט.

— הייסט עס, זענט איהר אַ קאָסמאָפּאָליט?

— יאָ.

— און איך אויך, — האָט אַריינגעקלאַפּט די צודרעהטע פּאָלינאַ, וואָס האָט צו דער רעכטער צייט איבערגעריסען דעם ויכוח פון די יונגע לייט, — איך בין אויך אַ קאָסמאָפּאָליט. איך האָב ליעב אַלע מענשען, דערהויפּט ניט-לאַנגווייליגע, פרעהליכע; איך האָב ליעב אפילו מיין ברודער, וואָס מיט זיין ערנסט וואַרפט ער אָן אויף מיר אָפּט אַנ'אומעט. אַלזאָ, מיינע דאַמען און הערען,— האָט זי אויפגעהויבען איהר כוס, — פאַר'ן געזונד פון פרעהליכע לייט פון אַלע נאַציאָנען און פעלקער — אוראַ!

אַ לוסטיגער געלעכטער האָב אָבגעענטפערט אויף דעם אָריגינעלען טאָאסט. איך האָב געוואָלט אויסקושען די פּאָלינאַ, וואָס האָט זיך גראָד בייצייטענס אַריינגעמישט און צושטערט דעם ויכוח, וואָס האָט געזאָלט ווערען צו-ערנסט. וואַצלאַוו, אַ צוהיצטער פון וויין, וואָלט זיך גאָר ניט אָבגעהאַלטען צוליעב אונזער געגענוואַרט, אַדאָלף, ווי זיין שטייגער איז, וואָלט געווען שטעכיג און גיפטיג און ס'וואָלט געקאָנט אַרויסקומען אַ סקאַנדאַל. נור גאָט צו דאַנקען ס'איז דערצו ניט געקומען. די געסט האָבען זיך צושיידט אין דער

לוסטיגסטער לוינע און האָבען איינע די אַנדערע וואָרים אויסגע־
דריקט די טיעפסטע עהרע.

דער אָוועגד האָט זיך אַלזאָ פּאַלשטענדיג איינגעגעבען. די
מאַמעשי איז ענטציקט, וואָס די געסט האָבען אַזוי לוסטיג פּער־
בראַכט און וואָס איהר האָט זיך אַלץ איינגעגעבען אויך אין קיך.

IV.

דעם 27־טען יולי.

איך האָב זיך גאָר ניט גערוכט, אַז די סצענע מיט וואַצ־
לאַוו'ן אין גאָרטען וועט זיך אַזוי טיעף איינקריצען אין מיין מח.
שוין עטליכע טעג, אַז ס'געהען מיר פון זינען ניט אַוועק די ווער־
טער: „צי דען איז די פאַנע סאָפיע ניט אַזאַ פּאָלקע, ווי דו?" די
ווערטער בעאונרוהיגען מיך, זיי פאָדערען שטאַרק עפּעס אַנ'ענט־
פער פון מיר. פאַרוואָס איך זאָל מיך ניט נעהמען, שטעהט אַלץ
ווידער און ווידער די פראַגע פאַר מיר. דאָס פערשטעלט פון מיר
אַלצדינג, אויף וואָס איך וויל נור אָנווענדען מיין אויפמערקזאַמ־
קייט. ווער האָט דאָס איהם אָנגעטראָגען אַ דעם וואַצלאַוו'ן ארויס־
צורייידען די פראַזע, וואָס וועט געווים אויף לאַנג אַוועקנעהמען
מיין אינערליכע רוה. צי האט ער געוואוסט, וואָס פאַר אַ געררו־
דער ער וועט מיט די ווערטער אויפהויבען אין מיין נשמה?

וואָס בין איך טאַקי אַזוינס? אַ פּאָלקע? די ערציהונג מיינע
איז געווען בעיקר אַ פּוילישע. געלערנט האָב איך זיך אין אַ פּוי־
לישען פּענסיאָן, מיינע גובערנאַנטינס זענען געווען פּוילישע. איך
האָב ליעב די פּולישע ליטעראַטור. דאָס רוב ביכער פון מיין
ביבליאָטעק זענען פּוילישע, דאָס טאַגע־בוך מיינס שרייב איך אויך
אויף פּויליש. אָבער איך פיהל, אַז צווישען מיר און אַ פּוילישען
איז — אַ גאַנצער אָבגרונד. איך האָב אַלע מאָל געפיהלט, אַז אַ
פּוילישע קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ זשידובקע. און איך קוק אויף
אַ פּולישע, ווי אַ מענש אַ פעראַכטעטער אויף דעם, וואָס פעראַכטעט
איהם, ד. ה. מיט אַ פערבאָרגענעם כעס. איך האָב זיך קיינמאָל
קיין חשבון ניט אָבגעגעבען אין דעם געפיהל, אָבער עס האָט
עקזיסטירט און עקזיסטירט אויך איצט אין מיר. ס'האָט מיר גע־

טראָפען אָפטמאָל צו פערגעסען זיך אין אַ פוילישער געזעלשאַפט, ד. ה. צו רעכענען און צו פיהלען אפילו, אַז איך און זיי — זע־נען איינס און דאָס זעלבע, און בפרט, אַז איך בין אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט זייער אינטעליגענץ, די פוילישע ליטעראַטור האָב איך פערשטאַנען ניט נור ערגער, נור זאָגאַר בעסער פון פיעל איינגעבאָרענע פוילישע. אָבער — ס'האָט געקלעקט איין וואָרט, וואָס ס'זאָל אַרויסגעזאָגט ווערען פון אַן'איינגעבאָרענעם אָהן אַ שום בייזע כוונה דערביי, איין קוק אויף מיר, איין חניפה'־דיגער, און בעצם אַ אונטאַקטישער קאָמפּלימענט האָט געקלעקט, אַז איך זאָל ערוואַכען פון מיין פערגעסענהייט, איך זאָל דערפיה־לען, און מיט אַ וועהטאָג אין׳ האַרצען, אַז איך בין — איינס און זיי — עטוואָס אַנדערס, אַז איך טאַנץ, ווי יודען זאָגען, אויף אַ פרעמדער חתונה. ניין, איך בין ניט קיין פוילישע און כ'וועל עס קיינמאָל ניט זיין!

וואָס זשע בין איך — אַ דייטשקע? אָבער דאָס האָט שוין גאָר קיין שום זין ניט. מיר וואוינען ניט אין דייטשלאַנד און אַלץ וואָס איז אַרום אונז, האָט קיין שום שייכות ניט מיט דייטשען. איך ווייס די דייטשע שפּראַך, די דייטשע ליטעראַטור, דאָס אָבער מאַכט מיך נאָך ניט פאַר קיין דייטשקע, פונקט ווי ווען איך זאָל וויסען די חינעזישע שפּראַך, וואָלט איך נאָך פון דעם אַליין ניט געוואָרען קיין חינעזערין. מיר קומט אויס לעבערליך אי זשיול פערעץ, וואָס האָט אויסגעלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך און האַלט זיך דעריבער פאַר אַ פראַנצויז, אי דזשאָן בערקאָוויטש וואָס האָט שטודירט די ענגלישע שפּראַך און מיינט, אַז ער איז שוין אַן'ענגלענדער ממש. דער ה' פערעץ און ה' בערקאָוויטש זענען אפשר גוטע לעהרער פון פראַנצויזיש און ענגליש, אָבער מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ פראַנצויזען און ענגלענדער־ זיי זענען. און אַזוי איך — איך ווייס אפילו די דייטשע שפּראַך, אָבער מיר איז שווער צו דענקען זיך אַלס דייטשקע. און אויסדרעהען פון זיך אַ דייטשקע — איז נאַריש און לעבערליך. איך וואונדער מיך שטענדיג אויף יענע געבילדעטע יודישע פאַמיליעס, וואָס האָבען זייער גאַנצען היימישען פיהר געמאַכט מעשה דייטש דוקא. דאָס וואָלט נאָך רעכט זיין, ווען זיי, אָדער זייערע עלטערן וואָל־טען אַרויסגעקומען פון דייטשלאַנד. ווי קומט עס אָבער, אַז זיי און

זייערע עלטער־עלטערן זענען געבאָרען געוואָרען דאָ היע. צו וואָס זשע נעהמען זיי און מאַכען פון זיך דאָ אין דער ליטא עפּעס א מין דייטשע קאָלאָניע? בעשולדיגען זיי קאָן מען ניט, געוויס זענען דאָ דערויף געווען סבּות, און זעהר וויכטיגע, געזעצליכע. אָבער די לאַנגע זייערע איז אַלץ זעהר אַ פאַלשע און אָפּטמאָל אויך אַ קאָמישע.

איז וואָס זשע בין איך — אַ יודישע? אונבעדינגט אַזוי. אָבער מיט יעדעם טאָג בעקומט דאָס וואָרט אַלץ ווייניגער זין בּיי מיר. אין אויסלאַנד, זאָגט מען, בעדייט שוין דאָס וואָרט נור דאָס גלויבען. אַזוי וועט עס מיט דער צייט ווערען אויך געוויס בּיי אונז. אָבער דאָס גלויבען איז דאָך נור אַ טייל פונ׳ם לעבען, און ניט דאָס גאַנצע לעבען. מיין מוטער דהיינו, איז אַ יודישע אינגאַנצען, אין פולען זין פון וואָרט: לויט דעם גלויבען, בעגריפען, געוועהנ־הייטען, געפיהלען, האָפנונגען און שטרעבונגען, אָבער איך בּין נור אויף דער־העלפט אָדער גאָר דריי פיערטעל פון מיין וועזען? פיעל אנדערע יודישע פרויען, אַזעלכע ווי איך, שטעלען זיך אויך געוויס אָט די פראַגע. מיר פיהלען, אַז דער יודישער באָדען אונ־טער אונזערע פיס ווערט אַלץ וואַקלענדער, מיר פיהלען, אַז אונז ווערט אַלץ ענגער און אונבעקוועמער אויף דעם באָדען. ס׳וועט געוויס קומען אַ מאָמענט אַמאָל, אַז אונז וועט שוין אונמעגליך זיין צו האַלטען זיך. צו וועמען זשע צושטעהן?

קלעבען מיר זיך צו ווי גאָט גיט: איינער צו איין פאָלק, דער צווייטער — צו אַ צווייטע. מערי איז דערהויפט אַ דייטשקע, איך דערהויפּט אַ פּוילישע, פערעץ אַ פראַנצויז, בערקאָוויטש אַנ־ענגלענדער. קינדער פון איין פאָלק, פון איין שטאָדט האָבען זיך צוטיילט אויף פערשיעדענע פעלקער. און אויסגעקומען איז דאָס אַלץ צופעליג. מערי האָט צופעליג אָנגעטראָפען אין ריגא, איז זי פון דאָרט אַרויס אַ דייטשקע, איך בין צופעליג אַריינגעפאַלען אין אַ פּוילישען פענסיאָן, איז פון מיר אַרויס אַ פּוילישע, פערעץ האָט זיך געוויס צופעליג אָנגעשטויסען אויף אַ גוטען פראַנצויזישען לעהרבוך, האָט זיך איהם אָבגעגעבען, אַז ס׳איז איהם לייכט צו ווערען אַ פראַנצויז און בערקאָוויטש זאָגט טאַקי פשוט, אַז ראָ־בערטסאָן און The Vikar of Wackfield האָבען איהם גע־מאַכט פאַר אַ englishman.

אַ מאָרנע לאַגע, אַ אונאָרמאַלע, אַ פאַלשע און ניט קיין אַנגענעהמע. אין תוך אַריין — איז מערי ניט קיין דייטשקע, איך בין ניט קיין פוילישע, פערעץ — קיין פראַנצויז און בערקאָוויטש — קיין ענגלענדער ניט. אין יעדעם פון אונז איז דאָ נור איין קערענדיל דערפון, וואָס מיר ווילען אויסדרעהען פון זיך. איך זעה דאָס אָן זיך זעלבסט. ביים אַנאַליזירען מיינע געפיהלען, געפין איך איין, אַז פון אַלץ, וואָס איז פויליש, האָב איך ליעב נור די פוילישע ליטעראַטור, און דאָס גאַנצע איבעריגע איז מיר גאָר פרעמד. איך בין גלייכגילטיג צו די פאָליאַקען, צו זייער גורל, זייערע אינטערעסען און זייער פאַטערלאַנד. ווער איז אין דעם שולדיג — איך, וואָס איך קאָן ניט ליעב האָבען פוילען, אָדער זיי, וואָס האָבען ניט געקענט אָ־דאָס ליעבע אַרויסרופען ביי מיר? ס׳קלעקט אָבער, וואָס מיר איז זעהר טרויעריג צו שטעלען זיך די פראַגע: „ווער בין איך אַזוינס?“ און ניט געפינען אין מיין האַרצען אַ דירעקטען ענטפער דערויף.

ווי גליקליך זענען אונזערע מוטערס געווען, וואָס האָבען ניט בעדאַרפט ברעכען זיך דעם קאָפּ איבער אַזעלכע פראַגען. זיי האָבען געוואוסט אַז זיי זענען יודישע קינדער און גענוג...

V.

דעם 30־טען יולי, 1861.

געפיינינגט פון דער קלעפיגער פראַגע: „וואָס בין איך אַזוינס?“ בין איך נעכטען אַוועק צו מיין מערי׳ן צוזאַמען מיט איהר פילאָזאָפירען אַ ביסעל ייעגען די ווידערשפרוכען, אויף וועלכע איך האָב זיך אָנגעשטויסען אַזוי אומגעריכט. מערי איז — די איינציגע פון מיינע חבר׳טעס, מיט וועלכע מען קאָן ריידען ערנסט און אָפען. איך האָב געמיינט, אַז די פראַגע, וואָס האָט מיך פעראינטערעסירט, וועט אויך איהר פעראינטערעסירען.

מערי׳ן האָב איך געטראָפען זעהר אַנ׳אומעטיגע, אַ צורודערטע. זי האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט מיר, אָבער צוגלייך

איז קענטיג געווען, אז מיין קומען האט איהר אין עפעס גע־פענטעט.

— וואס איז מיט דיר, מערי? — האב איך געפרעגט.

— גארנישט, — האט זי געענטפערט פערשעמט: מיר וועלען זיך באלד צושיידען.

— וואס הייסט עס? — האב איך געפרעגט פערוואונ־דערט.

— איך פאהר אוועק קיין ג. צו דער מוהמען.

— אויף לאנג?

— אפשר, אויף אלע מאל.

— פארוואס עפים גאר?

— מ׳דארף אזוי.

איך האב ניט געוואגט פונאנדערצופרעגען איהר מעהר וועגען איהר פלוצלונגען אבפאהרען. אין דעם טאן פון איהר ענט־פער האב איך דערקענט, אז דא איז עפעס פערבעהאלטען א פא־מיליען־אנגעלעגענהייט, וואס זי דארף עס ניט, אדער זי קאן ניט ענטדעקען מיר. מיר זענען געזעסען ביידע אומעטיגע און האבען א לאנגע ווײלע געשוויגען.

— אדאלף וויים, אז דו פאהרסט אוועק? — האב איך זיך ענדליך בעשלאסען צו פרעגען מערי׳ן.

— אודאי, וויים ער,— האט זי געענטפערט מיט א פער־דר קטען זיפץ.

— און ער וואס?

— ער?... ער איז א ארעלמאן, — האט זי געזאגט מיט א ביטערען שמייכעל.

— וואס בעדייט דיין שמייכעל? — האב איך געפרעגט ווערפיהלענדיג, אז דא איז עפים ניט גלאט.

— מיין שמייכעל בעדייט, — האט זי געענטפערט רוהיג, אבער פערבימערט,—אז מיר זענען שרעקליך נאריש, ווען מיר מיי־נען, אז גיי אונזער פאלק איז אויך מעגליך דאס, וואס די גאנצע וועלט רופט אן ליעבע.

— וואס האט עפים געטראפפען?

— א קליינינקייט. אדאלף האט מיר אוריקגעקעהרט מיין ווארט.

— וואָס הייסט עס עפּעס ?

— ער האָט עס מיר ערקלעהרט . ער האָט מיר געזאָגט : אַזוי ווי דו פאָהרסט אַוועק אויף אַ אונבעשטימטע צייט, און איך קאָן ניט בעשטימען די צייט , אונגעפעהר זאָגאַר, ווען איך זאָל זיך קאָנען איינאָרדנען אַזוי, ווי איך וויל , האַלט איך דעריבער פאַר מיין חוב צו בעפרייען דיך פון׳ם וואָרט, וואָס דו האָסט געגעבען . אויב דיר וועט זיך אין דער צייט מאַכען אַ רעכטע פּאַרטיע, זאָלסטו זיך... ניט אָבזאָגען . איך וועל קיין פּרעטענזיעס ניט האָבען .

— הייסט עס, אַז ער...

— ער האָט מיך ניט ליעב ? — האָט מערי איבערגעריסען. — ער זאָגט, אַז ער האָט מיך שטענדיג געליעבט און וועט מיך אייביג ליעבען . און דוקא דערפאַר , וואָס ער האָט מיך אַזוי אמת׳דיג ליעב , דאַרף ער ניט שטערען מיין גליק . ווי געפעלען דיר אַזעלכע פשט׳לעך ? ווי געפעהלט דיר עפּעס די אמת׳דיגע ליעבע מיט די פּראַקטישע חשבונות ? ניין, סאָפיע, מאָגסט זיך זאָגען , וואָס דו ווילסט , מיר, יודען, זענען גאָר אַנדערש בעשאַפען געוואָרען . דאָרט , וואו אַנדערע מענשען פיהלען מיט׳ן האַרץ , טראַכטען מיר נור מיט׳ן קאָפּ און מאַכען חשבונות . אַנשטאָדט דאָס פייערדיגע געפיהל איז ביי אונז אַ גוט-אויסגערעכענטע קאָמבינאַציע. ביז איצט האָב איך אַלץ געהאַט גערעכענט, אַז מיך מיט אַדאָלף׳ן בינדט צוזאַמען ליעבע, די אמת׳דיגע ליעבע, וואָס ווערט אַזוי פּרעכטיג בעשריבען אין די ראָמאַנען און וועלכע מיר בעגעגענען אַזוי אָפט צווישען קריסטען. איצט אָבער זעה איך און איך בין אין דעם פאָלשטענדיג איבערצייגט , אַז דאָ זענען נור געווען חשבונות סאַמע קאָמערציעלע . מיר האָבען זיך ניט געליעבט , נור מיר זענען ביידע צופריעדען געווען פון דער געשעפטליכער קאָמבינאַציע, וואָס האָט זיך אונז אָבגעדוכט פאַר זעהר אַ לוינבאַרע. און ווי איז עס אונז גאָר ניט מאוס געווען אַזאַ געוועהנליכען שטיקעל עסק אָנצורופען מיט אַזאַ נאָמען, מיט וועלכען די מענשהייט האָט פערקניפּט די סאַמע הויכע בעגריפען .

— מערי, דו מאַכסט בלבולים אויף זיך אַליין, — האָב איך אויסגעשריען, אַ דערשראָקענער פאַר איהרע מאָדנע געדאַנקען .

— ניין, ניט קיין בלבולים, דאָס איז דער ריינער אמת, — האָט זי זיך געהיצט. — איך וועל עס דיר גלייך אויפווייזען לאָגיש, פאַקטיש, ווי צוויי מאָל צוויי. הער נור, מאָזירסקי'ן קענסטו?

— יאָ.

— קענסט איהם גוט?

— דוכט זיך, אַז גוט.

— ווייסטו דאָך, אַז אַן און פאַר זיך, איז ער ניט נור ניט ערגער, נור צעהן מאָל בעסער פון אַדאָלף'ן. ער איז נישט קיין מאוס'ער, ר'איז קלוג, געבילדעט, עהרליך און פיין, איז אַרבייטס־פעהיג, מיט איין וואָרט, זעהר אַ ווירדיגער יונגער מענש. און פונדעסטוועגען האָב איך מיך, ווי מען זאָגט, פערליעבט ניט אין איהם, נור אין אַדאָלף'ן. פאַרוואָס איז עס עפּעס אַזוי, סאָפיע? ווי רעכענסטו, האַ?

— דו שטעלסט מיר גאָר מאָדנע פראַגען, מערי, מ'קען ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגען?

— מ'קאָן. איך וועל עס דיר גלייך ערקלערען. דאָס איז פּשוט דערפאַר, וואָס מאָזירסקי, ביי אַלע זיינע גוטע מעלות, איז דאָך ניט מעהר ווי אַנ'אָרימער יודישער לעהרער. וואָס איז דאָ פאַר אַ צוקונפט? ער קאָן האָרעווען און האָבען קיום צום לעבען. אַנ'אָרים חאָטש אַנ'עהרליך לעבען בעפריעדיגט אונז ניט. מיר ווילען דעם גלאַנץ אין לעבען, לוקסוס. דאַן האָב איך אויסגע־רעכענט, ד. ה. אייגענטליך האָב איך גאָר קיין חשבונות ניט גע־מאַכט, נור דער אינסטינקט האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דער עהרליכער, האָרעפאַשנער, אָבער אָרימער מאָזירסקי איז פאַר מיר קיין פּאָר ניט און ס'לוינט מיר דעריבער ניט איהם ליעב צו האָבען. איך האָב זיך פערליעבט אין אַדאָלף'ן, חאָטש ער קומט ניט צו מאָזירסקי'ן אין פיעל פּרטים, דערפאַר אָבער איז ער פון אַ רעכטער פאַמיליע, איז רייך, קורץ — ס'איז אַ אָנשטענדיגע פּאַרטיע. אַדאָלף ווידער האָט זיך געהאַט זיין חשבון. איך בין פון אַ פיינער פאַמיליע, כ'האָב אַ צעהן טויזענד נדן און וועל נאָך אפשר זיין די יורש'טע פון מיין רייכער מוהמע אין ג. וואָס האָט קיין קינדער ניט. ווי זשע זאָל מען עס מיך ניט ליעב האָבען? מיר איז אָבער אינטערעסאַנט, ווי וואָלט זיך עס אַדאָלף אָבגע־

רופען אויף דאָס ליעבע, וועלען מיר זאָגען... נו, חאָטש פון שרה טעמקעס, אַ שען, פיין מיידעל אָהן צעהן טויזענדער נדן און אָהן אַ רייכער מוהמע צוגאָב. איך בין איבערצייגט, אַז אדאָלף קאָן ניט ליעב האָבען אַזאַ „סוביעקט"! איצט איז דיר שוין קלאָר וואָס הייסט אונזערס, אַזוי געזאָגטע ליעבע?

— דאָס זענען פשט'לעך! סאָפיזמען! — האָב איך אויסגעשריען, פערבייזערט פון מערי'ס צינישען הקרנ'ען זיך. — גאַלע בלבולים מאַכסטו אויף זיך, אויף אַדאָלף'ן און אויף אונז אַלעמען. צי דען זענען מיר נאָר אָהן אַ הארץ? צי דען פיהלען מיר ניט, ווי אַלע מענשען? וואָס צווישען אייך איז אַרויסגעקומען, ווייס איך ניט...

— מיט דער צייט וועסטו וויסען, — האָט מערי מיך איבערגעריסען.

— דאָס איז אַלץ איינס. איך ווייס ניט, וואָס האָט געצוואונגען אַדאָלף'ן צוריקצוקעהרען דיר דיין וואָרט, איך ווייס אָבער, אַז ער האָט דיך ליעב געהאַט, ליעב געהאַט, אפשר ניט אַזוי פייערדיג, ניט אַזוי פּאַטיש, ווי ראָמעאָ דזשוליעטאַ, אָבער ווי אַלע יונגע מענשען אין אונזער צייט, ניט ערגער פון אַ פּאָליאַק, אַ דייטש, אַ פראַנצויז. דו ביסט אויפגערייצט...

— אַ האָר ניט.

— דיין אויפגערייצטקייט איז פערשטענדליך און נאַטירליך. צו וואָס אָבער זאָל מען אין קויט פערטרעטען זיך און דאָס געפיהל, וואָס איז אַן און פאַר זיך הייליג? אייער ליעבע, וועלען מיר זאָגען, קאָן מען אָנרופען אַ אונגליקליכע, אָבער ס'איז דאָך ליעבע געווען, איהר האָט דאָך איינער דעם אַנדערן געליעבט.

— דו ביסט זיך טועה, מיין פריינד, — האָט מערי געענטפערט רוהיג אָבער פעסט. — דו אירסט זיך, ווי איך אַליין האָב זיך טועה געווען. ווען מיר זאָלען איינער דעם אַנדערן ליעב געהאַט, צי דען וואָלטען מיר אַזוי לייכט אַריבערגעטראָגען אונזער צושיידונג? אמת, מיר איז עס פערדראָסיג, דער פערדרוס אָבער איז נור, ווי ביי אַ סוחר, וואָס ס'האָט איהם ניט געלונגען מיט אַ געשעפט. צי איז דען שייך צו זאָגען „פערדרוס" ביי צוויי ליעבענדע הערצער, וואָס דאַרפען זיך צושיידען? נאַ דיר אַ בע-

וויז, אַז דער אַנדענקען פון מיין ראָמאַן איז מיר ניט טייער...

זי איז שנעל אויפגעשפרונגען, איז צוגעלאָפען צום טיש האָט אַ ציה געטהון אַ שופלאָדעל און האָט אַרויסגענומען אַ פעקיל בריעף.

איך האָב פערשטאַנען, וואָס זי וויל טהון, בין איך צוגעשפרונגען צו איהר און האָב איהר אָנגעהאַפט פאַר די הענד.

וואָס ווילסטו דאָס טהון, משוגעת דו? — האָב איך אויסגעשריען און זיך געטרייסעלט פון אויפרעגונג. — בעדענק זיך! דיר וועט עס דערנאָך פערדריסען, ווען ס'וועט שוין זיין צושפעט.

זי האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיינע הענד, איז אָבגעשפרונגען אין ווינקעל און האָט אָנגעהויבען צו רייסען אַדאָלף'ס בריעף אויף מאָנעלעך. איך בין צוגעפאַלען אויפ'ן סאָפקע און האָב דאָס פנים פערשטעלט מיט די הענד: כ'האָב אין דער מינוט מורא געהאַט צו קוקען אויף מערי.

— הער נור, סאָפיע, — האָט זי אָנגעהויבען, ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער „אַרבייט", — מיר זענען שוין ניט קיין קינדער, מיר — זענען דאָך עפּעס יודישע פרויען, און אַ יודישע פרויענצימער איז פעסט און קלוג, ווי אַ מאַנזביל. סענטימענטאַליטעט איז ניט פאַר אונז. מיר דאַרפען קוקען אויף אַ זאַך גלייך און איינפאַך. דאָס איז, געוויס, ניט פאָעטיש, אָבער, זאָג נור באמת, איז דען דאָ עפּעס אַ סך פאָעזיע אין דעם גאַנצען יודישען לעבען? צי דען וועט יעדער אייראָפּעער ניט שטוינען ביי אָט דער סאַמע האַרטער, סאַמע דעווידערנדער פּראָזע? אמת, ביי אונזער יוגענד בעמערקט מען שוין איינגע פּאָעטישע שטרעבונגען, אָבער דאָס איז ניט מעהר, ווי שטרעבונג. די אייראָפּעאישע בילדונג האָט אונז צוגעגעבען עטוואָס אַ אויסערליכען גלאַנץ, אָבער אין האַרץ, אין דאָס בלוט איז עס נאָך ניט אַריינגעדרונגען, און גאָט ווייסט, ווען עס וועט אַריינדרינגען. מיר בעגרייפען פּאָעזיע מיט'ן מח, אָבער ניט מיט'ן האַרצען. אַ קריסטליכע מיידעל און יונגער-מאַן פערליעבען זיך אָהן אַ שום שאלה: „וואָס וועט דערפון אַרויסקומען"? דעריבער געשיהט דאָרט ניט זעלטען, אַז אַ גראַף האָט חתונה מיט אַ פּשוט'ער מעשטשאַנקע, אַ פירסטין—

מיט עפּעס אַ מאַהלער, אַ מוזיקער, אָדער גאָר מיט אַן׳אָר־מען בעאַמטען. אונזערע בחורים און מיידלעך פערליבען זיך אָבער נור דאַן, ווען זיי האָבען שוין אַ פריהער אויסגערעכענט, וואָס, אָדער ריכטיגער, וויפיעל דערפון וועט ארויסקומען.

איך האָב געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשטוינט פון איהר אַכזריות׳דיגער שאַרפזיניגקייט.

— דו ביסט מיט מיר ניט איינשטימיג, סאָפיע? — פרעג איך דיך אָבער נאָך אַמאָל, פאַרוואָס זשע האָב איך זיך געחבר׳ט מיט אַדאָלף׳ן און ניט מיט מאָזירסקי׳ן, וואָס איז מעהר פון איהם ווערטה אַכטונג און ליעבע?

— איז האָב דיר ליעב מאָזירסקי׳ן! — האָב איך אויסגעשריען, — ווער שטערט דיר?

— ווער שטערט מיר? — האָט מערי איבערגעפרעגט, — מיר האָט געשטערט מיין געלד־לוסט, מיר וואָלט געשטערט מיין פאָטער, וואָס ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער בילדונג, ווייל ער מיר בעסער אויסגעבען פאַר אַזעלכען, וואָס איז שוין אַ בעזאָרגטער, ווי פאַר אַזאַ, וועלכען מען דאַרף ערשט צווישען לייט ברענגען. בקיצור, מיר אַלע זענען זעהר פּראַקטישע לייט, זעהר בערעכענטע. נור איין פאָלינקאַ קראַנץ איז עפּעס ניט עהנליך אויף אונז אַלעמען. אין איהר איז דאָ אַ סך געזונד און לעבען, עכטע פּאָעזיע און זעהר ווייניג אויסגערעכענטקייט. נור זי איז—אַ אונגליקליכע אויסנאַהם פון דעם כלל. איך זאָג „אַ אונגליקליכע״, ווייל אַזעלכע געבענשטע פּאָעטישע נאַטורען וועלען קיינמאָל ניט קאָנען צופּאַסען זיך צו דער ספּערע פונ׳ם יודישען שווערען לעבען. פאַר אַזעלכע איז ניט גוט אין אונזער סביבה: ס׳איז פאַר זיי ענג און בעגרענצט. הלואי, זאָל איך זיך טועה זיין, אָבער איך זעה מיט שרעק, אַז אונזער פאָלינקע׳ן שטעהט פאַר פיעל צו ליידען אין לעבען. אַ יוד וועט איהר ניט אָבשאַצען, וועט ניט פערשטעהן.

מערי איז שטיל געבליבען און האָט שווער אָבגעזיפצט. איהרע אויגען זענען פייכטליך געוואָרען, זי האָט אויסגעזעהן זעהר צורודערט. זי האָט זיך צוגעזעצט צו מיר אויפ׳ן סאָפקע, האָט מיך גענומען פאַר די הענד און האָט ווידער אָנגעהויבען:

— הער זשע, סאָפיע, — דו ווייסט נישט, און אפשר

ווייסטו יאָ, ווי טייער מיר איז אָ דאָס ליעבעס קינד. איך האָב פּאָלינע׳ן ליעב, ווי אַ שוועסטער, מעהר ווי אַ שוועסטער, איך האָב איהר ליעב, ווי אַ שענעס חלום, ווי אַ שענעם אידעאַל, צו וועלכען מיר האָבען געשטרעבט, און האָבען איהם אָבער ניט עררייכט. איך האָב מורא, אַז זי וועט דאָ אין מיין אַבוועזענהייט פּערטריקענט ווערען נעבען איהר פּראַקטישען ברודער, איהר פּראַקטישען פאָטער און די איבעריגע פּראַקטישע לייט פון אונזער חבריא, אָדער זי וועט מיט איהר לעבעדיגען טעמפּעראַמענט אָנ־טרעפען אויף אַנ׳אומגליק. אויף איהר דאַרף מען שטאַרק אַכטונג געבען. דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט זעהן צו ליעב האָבען איהר אַזוי ווי איך, זי וועט דיך אויך ליעב בעקומען, דאַן וועט דיר שוין לייכט זיין צו ווירקען אויף איהר. זי איז זעהר צוגעלאָ־זען צו אַ מענשען, צו וועלכען זי איז צוגעבונדען. און צובינדען איהר צו זיך איז ניט שווער: מ׳דאַרף איהר נור פערשטעהן, און דאָס איז נאָך לייכטער, ווייל איהר נשמה איז אָפען פאַר אַלעמען, אין איהר האַרצען קאָן מען לייענען, ווי פון אַ בוך. זי וויים נאָך אפשר נים, אַז איך פאָהר אָב פון דאַנען אויף אַלע מאָל. איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך פאָהר נור אויף אַ מאָנאַט, אָדער צוויי. וואָרום ווען זי זאָל וויסען דעם גאַנצען אמת, איז אָדער זי וועט זיך פער׳עקש׳ענען און וועט מיך ניט אָבלאָזען, אָדער זי וועט מיטפאָהרען מיט מיר. זאָגסטו מיר צו, אַכטונג צו געבען אויף פּאָלינ׳ען, זיין איהר אַ פריינד, אַ שוועסטער?

— איך פערשפּרעך, — האָב איך געענטפערט.

— איך דאַנק דיר, מיין פריינד, — האָט מערי געזאָגט און האָט מיך דריי מאָל אָנגעקושט. — איצט בין איך שוין רוהיג ווען איך וויים, אַז פּאָלינאַ וועט זיין אין זיכערע הענד.

איהר פנים איז בעלויכטען געוואָרען. אויף איהרע דינע ליפּען האָט זיך ווידער בעוויזען דער זעלטענער שמייכעל. איך האָב איהר דאַן בעמערקט:

— און דו קאָנסט עס זאָגען, נאָך דעם אַלעם, אַז מיר קאָנען ניט פיהלען, ליעב האָבען!...

— איך וואונדער מיך אַליין אויף אונזער כאַראַקטער, — האָט מערי געענטפערט, — אונזער פיהלען איז, דוכט זיך, אַ גוטס, דאָס האַרץ ניט קיין שטיינערנע, און פונדעסטוועגן טהוען מיר

אַפּטמאָל אָב אַזעלכעס, אַז ס'איז צו שרייען גוואלד. ווער קאָן אונז פערשטעהן?

מיר האָבען זיך צוזעגענט.

VI.

דעם 4-טען אויגוסט.

מערי איז אָבגעפאָהרען. בעגלייטען איהר אויפ'ן וואָקזאַל זענען געקומען אַלע אונזערע: אַדאָלף, פּאָלינא, מאָזורסקי, בערקאָוויטש, פערעטץ און אַלע אונזערע חבר'טעס. מיר זענען אַלע געווען אומעטיגע: מיר האָבען אַלע אָנערקענט, אַז די, וואָס פאָהרט אָב, איז געווען די בעסטע ציהרונג פון אונזער קרייזעל. אונזער אויפמערקזאַמקייט האָט איהר זעהר געריהרט. יעדער ווייסע האָט זי אונז געדריקט די הענד און געדאַנקט מיט איהר זעלטענעם שמייכעל. זי האָט געוואָלט אויסווייזען זיך פרעהליך, נור איהר בלאַסקייט האָט דייטליך געוויזען, אַז זי ליידט. הייסט עס, אַז זי פאָהרט אַוועק ניט גערנוויליג? הייסט עס, אַז זי האָט אַדאָלפ'ן פאַרט ליעב? ווער קען עס דאָ וויסען?

פּאָלינא איז פון איהר ניט אָבגעטראָטען אויף אַ טריט. זי איז געווען זעהר צושטרויט, די אויגען זענען ביי איהר געווען פערוויינטע. מערי'ס פאָטער און אַדאָלף זענען געשטאַנען ביים בופעט און גערעדט צווישען זיך אין דער שטיל. אַדאָלף איז געווען זעהר אַ ערנסטער, און אפשר אויך טרויעריג. צייטענווייז פלעגט ער אַ קוק טהון אויף מערין, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין זאַל הין און צוריק, מיט פּאָלינ'ען אונטער'ן האַנד. ס'איז מערקווירדיג, וואָס אין די בליקען האָט מען ניט בעמערקט קיין בעזונדער צערטליכקייט, קיין בעזונדער טרויער. אָדער אפשר האָט זיך עס מיר נור אויסגעדוכט אַזוי, ווייל איך האָב שוין אַפריהער געוואוסט מערי'ס ערצעהלונג?... מאָזורסקי האָט געוויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט עפּעס מיט מאָרגע עקשנות צוגעקוקט אויף דער וואַנד אויף אַ געדרוקטע מודעה אינגאַנצען פון פינף שורות, גרויסע אותיות, בערקאָוויטש און פערעטץ פלעגען אַלץ אָנהויבען צו

ריידען מיט איהם, נור ער פלעגט זיי נור עטוואָס אַ שאָקעל־טהון מיט'ן קאָפּ, ניט אומקעהרענדיג זיך אפילו. איך פערשטעה זיין פערטיעפטען לייענען די מודעה פון פינף שורות!...

דער ערשטער קלונג. די פּאַסאַזשירען האָבען זיך אַ וואָרף געטהון און געכאַפּט זייערע פּעקלעך. אונזער קרייזעל האָט זיך צונויפגעקליבען אין איין גרופּע. מערי האָט אַרויסגעלאָזט פּאָלינא'ס האַנד, איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך אָבגעפיהרט אָן אַ זייט.

— געדענק זשע, סאָפיע, וועגען וואָס איך האָב דיך געבעטען, — האָט זי געזאָגט און האָט שטאַרק געדריקט מיינע הענד.

איך האָף, אַז דו וועסט פאַר פּאָלינע'ן זיין זעהר אַ צאַרטע שוועסטער, אַ איבערגעגעבענסטער פריינד. איך האָב שוין גערעדט מיט איהר וועגען דעם. פּאָלינאַ! — האָט זי אויסגערופען.

פּאָלינאַ איז צוגעגאַנגען.

— אַלזאָ, איז די צייט, וואָס איך וועל דאָ ניט זיין, דאַרפסטו פאָלגען סאָפיען? יאָ?

— יאָ, — האָט פּאָלינא געענטפערט, — אָבער זעה נור, קום גיך צוריק, אַ ניט, וועל איך אַלץ וואַרפען און וועל אַוועקלויפען צו דיר.

דער צווייטער קלונג. די פּאַסאַזשירען האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען אויפ'ן פּלאַטפאָרם. מערי האָט זיך גענומען זעגענען מיט אונז. די מאַנספערזאָנען האָט זי שטאַרק געדריקט די הענד, און מיט אונז האָט זי זיך צוקושט. אַז ס'איז געקומען צו פּאָלינע'ן, האָט זיך יענע איהר אָנגעהאַנגען אויפ'ן האַלז און האָט זיך הויך צעוויינט, צי האָט זי דען געפיהלט, אַז זי זעגענט זיך מיט איהר אויף לאַנג, אָדער אפשר אויף אַלע מאָל? מיר האָבען זיי מיט געוואַלד אָבגעריסען איינע פון דער אַנדערער. דער אַלטער טיד־מאַן האָט געאײַלט, אַז מערי זאָל זיך אַרייגזעצען אין וואַגאָן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט.

דער דריטער קלונג, באַלד איז געווען אַ פייף, און דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט.

— אַדיע, מיינע ליעבע! — האָט מערי אויסגע־

שריען פון פענסטערל און האָט אונז געקושט אין דער לופט.

— צום ווידערזעהן! צום ווידערזעהן! — האָט פּאָלינאַ גע־ענטפערט, פאָכענדיג מיט׳ן טיכעל.

מיר זענען אַהיים געגאַנגען פערטרויערטע און שטיל־שווייגענד, ווי פון אַ לויה. פּאָלינאַ איז געגאַנגען מיט טידמאַנען און האָט דעם גאַנצען וועג ניט אויפגעהערט צו וויינען. טידמאַן האָט איהר געטרייסט, אָבער זי האָט זיך ניט בערוהיגט, און ביי איהם אַליין זענען אויך טרערען געפאַלען פון די אויגען. און ס׳איז קיין חידוש ניט: וועלכען פאָטער וואָלט עס לייכט גע־ווען צו שיידען זיך מיט אַזאַ טאָכטער.

מיר איז נאָך איצט אויך עפּעס טרויעריג און ס׳ווילט זיך מיר אַלץ וויינען. ווער ווייסט מיר פערבייטען מיין קלוגע און גוטע מערי?...

VII.

דעם 9-טען אויגוסט.

היינט אין דער־פריה האָב איך אויף דער גאַס בעגעגענט וואַצלאַוו׳ן.

— נאָט אַליין האָט אונז די בעגעגעניש צוגעשיקט, — האָט ער אָנגעהויבען נאָך דער געוועהנליכער בעגריסונג. געהענדיג, האָב איך געטראַכט וועגען אייך.

— צי קאָן מען ניט וויסען די סיבה פון אייערע מחשבות וועגען מיר? —

— איך האָב אייך געוואָלט איבערגעבען אַ אינטערעסאַנטע נייעס, — האָט ער געזאָגט און געדרעהט זיינע וואָנצעלעך.

— אַ נייעס און נאָך אַ אינטערעסאַנטע! דאָס איז טאַקי זעהר אינטערעסאַנט. זאָגט גיכער.

— אַהאַ! זענט איהר טאַקי אויך נייגיריג!

— נאָך ווי! וואָס בין איך דען ניט פון חוה׳ס טעכטער? זאָגט זשע גיכער, פּייניגט מיך ניט!

— רעכט! אָבער ערלויבט מיר אַ פריהער צו פרעגען אייך, צי לייענט איהר צייטונגען?

— ניין, האָב איך געענטפערט, צו וואָס זענען ציימונגען, בעזונדערס פאַר אונז, פרויען?

— צו וויסען, וואָס ס׳טהוט זיך אויף דער גרויסער וועלט.

— אויף דער גרויסער וועלט טהוט זיך אַלץ אָהן אונז.

— וואָס הייסט אָהן אונז? — האָט זיך וואַצלאַוו בעליידיגט, — אויף דער וועלט ווערט אַלץ געטהון ניט דורך מלאכים, ניר דורך מענשען, אַזעלכע, ווי מיר. הייסט עס, אַז מיר קאָנען אויך עפּעס וואָס טהון און מיר ווּלען טהון. איך בעט אייך, גלויבט אַז מיר ווּלען אויפטהון און נאָך ווי אויפטהון, אַזש ס׳וועט פייערען אין הימעל!

— אָך, גאָט מיינער, ס׳אַרא שרעק! האָב איך זיך לוסטיג געמאַכט און געבראָכען בּלומר׳שט די הענד.

— איהר ווילט זיך לוסטיג מאַכען, פּאַנאַ סאָפיע? — האָט וואַצלאַוו מיר בעמערקט מיט פאָרוואורף.

— וואָס זשע האָט איהר צו מיר? וואו איז אייער אינטערעסאַנטע נייעס?

— אָט איז עס! — האָט ער געזאָגט און האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ צונויפגעלעגטע נומער פון אַ פּוילישע ציימונג. דאָ וועט איהר געפינען אַ׳ארטיקעל, וואָס איז אַרומגעשטריכען מיט אַ רויטען בליי־שטיפט, איך ראַטה אייך דורכצולייענען עס מיט אויפמערקזאַמקייט.

— און ווער איז דער מחבר פון דעם אינטערעסאַנטען אַרטיקעל, צי ניט פאַן וואַצלאַוו זאַרעמבאַ? האָב איך רמאות׳דיג געפרעגט.

— איך ווייס ניט, — האָט ער געענטפערט מיט דער ענוות פון אַ מחבר, — דער אַרטיקעל איז אָהן אַ אונטערשריפט.

— אַלץ איינס. איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל עס איבערלייענען זעהר אויפמערקזאַם.

— און אויב איך וועט עס געפעהלען ווערען, — האָט וואַצלאַוו צוגעגעבען, — בעט איך אייך דורכלייענען עס פאַר אייערע חבר׳טעס, דערהויפּט יענע, מיט וועלכע מיר איז

אנגענעהם געווען צו בעקענען זיך אויף אייער געבורטס־טאָג.

— און פאַנאַ פּאָלינאַ קראַנק אויך? — האָב איך געפרעגט מיט אַ געוויסען מיין:

— פערשטעהט זיך, — האָט ער געענטפערט געדוויטעלט אין פנים און האָט זיך צוזעגענט מיט מיר.

אַ היים קומענדיג, האָב איך זיך גענומען פאַר די צייטונג. דער אַרטיקעל, וואָס איז געווען מיט אַ בלייסטיפט אַרומגעשטרייכט, איז עס געווען אַ לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ פון אונזער שטאָדט, וואו ס'איז בעשריעבען געוואָרען — ווער האָט זיך עס גאָר ריכטען געקענט דערוויף? — דער יום־טוב פון מיין געבורטס־טאָג מיט אַלע פּרטים. הייגט, מיט וואָס פאַר אַ פאַרבען ס'איז געמאָלט! די נעמען זענען ניט אויסגעשריעבען, נור ס'זענען אַוועקגעשטעלט די אָנפאַנגס־אותיות. און בעשריעבען זענען אפילו די געשפּרעכען, די שפּאַסען, קענטיג, אַז ביי דעם פאַן וואַצלאַוו איז אַ גוטער זכרון און געניג בעאָבאַכטונגס־פעהיגקייט. אויפ'ן ערשטען פּלאַץ, פערשטעהט זיך, פיגורירט די פאַנאַ פּ., ד. ה. פּאָלינקע. ער רופט איהר אָן: „אַ פּעריל אין דער קרוין פון דער מזרח־פּרינצעסין“ אָדער, „דאָס הויפּט־בלימעל פון גירלאַנדע“. דער שרייבער איז ענטציקט פון אונזער ריין פּוילישען אויסשפּראַך. מעהר אָבער פון דער קאָרעספּאָנדענץ גופא האָט מיך איבערראַשט די פאָלגענדע בעמערקונג פון דער רעדאַקציע:

„אין דער אינטערעסאַנטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס, יעדער עכטער פּאָליאַק, ווי מיר האָפען, וועט עס דורכלייענען מיט פערגניגען, האָט אונאַנגענעהם געראַצט אונזער אויער דאָס אונהאַרמאָניש וואָרט „די אַלט־גלויביגע“. צי דען איז נאָך ניט בעוואוסט אונזער געעהרטען קאָרעספּאָנדענט, אַז ביי אונז איז ניטאָ און ס'דאַרף ניט זיין קיין „אַלט־גלויביגע“, נור ס'זענען דאָ „פּאָליאַקען פון משה'ס (רבינו'ס) גלויבען?“ אויב דאָס איז איהם ניט בעוואוסט, טאָ זאָל עס בעקאַנט זיין איהם און אַלעמען, ווער ס'דאַרף עס וויסען, אַז דאָס וואָרט „אַלט־גלויביגע“ איז שוין אויך אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'זענען יענע שענדליכע פאָראורטהיילען, פון וועלכע מיר דאַרפען זיך אָבזאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אויב מיר ווילען ניט אָבשטעהן פון דער צייט, אויב מיר ווילען,

אז די געבילדעטע וועלט זאָל זיין מיט אונז, און ניט געגען אונז. צי פערשטעהט איהר דאָס, ברידער אונזערע, אין פוילען, ליטא, וואָלין און פּאָדאָליען?... זאָל מען איינעסענד פערפאָלגען אַנ'עהר-ליכען מענשען מיט דעם צונעמענים „גנב“, וועט ער דאַן ווערען אַ גנב. ווען איהר זאָלט כסדר אָנרופען די בני ישראל „זשידעס“, „אַלט-גלויביגע“, וועלען זיי קיינמאָל ניט ווערען קיין פּאָליאַקען. מיר זענען דאָ ניט אויסען צו בעטראַכטען די זאַך, ווער פון אונז איז גערעכט און ווער — אומגערעכט. אפשר זענען זיי שולדיג, און אפשר זענען מיר אַליין שולדיג נאָך מעהר פון זיי. מיר וועלען בטל מאַכען די אַלטע חשבונות, וועלען אויסשטרעקען די הענד איינע די אַנדערע צו פריעדען, פעראייניגונג, ברידערליכ-קייט. ווע מען מיר שפּייזען מיט אונזער ברויט, יענער דאַרף ניט און קאָן ניט זיין אונזער שונא. יודען — זענען אַ היסטאָרישע פאָלק, מערקווירדיג אַ פעהיגעס, ענערגישעס, ניט קיין חאָפּטע ציגיינער, נור אַ ציוויליזירטע געזעלשאַפט מיט אַ בעשטימטע קול-טור. ביי זיי איז דאָ אַ תהום פון פּאַטריאָטישעס געפיהל. אַ בע-וויז איז — זייער צווי-טויזענדיעהריגע צוגעבונדענקייט צו זייער געוועזענעם פאָטערלאַנד, גלויבען און מנהגים. ווען מיר זאָלען נור קאָנען בענוצען זיך מיט דעם געפיהל, וועלען מיר שוין ניט אָנוועהרען. ווען מיר זאָלען אונזער קאַנט מאַכען פאַר זיי אַלס די צווייטע פּאַלעסטינא, וועלען זיי דערפאַר אין פייער געהן, דעם קאָפּ אָבגעבען און זייער בלוט פערגיסען. מיט וואָס פאַר אַ מסירת-נפש, וואָס איז ווערטה נאָכצוטהון, האָבען זיי זייער הייליגע שטאָדט פערטיידיגט פון די זיגרייכע רוימישע לעגיאָנען. לייענט יוסף פלאַביוס, וועט איהר זיך איבערצייגען, וויפיעל קריעגערישע טאַפּפערקייט, העלדענמוטה און אונפורכטבאַרקייט ס'איז געווען ביי דעם פאָלק. ווען מיר דערלאַנגען די האַנד די איצטיגע בני ישראל, גיבען מיר עס די האַנד ניט די קינדער פון עקעלהאַפּ-טע פחדנים אָדער פעררעטער פון זייער פאָטערלאַנד, נור די קינדער פון העלדישע,דורך גאָט'ס ווילען בעזיגטע, ריטערען.

מיר איז שווער אויסצודריקען מיט ווערטער דאָס, וואָס איך האָב דערפיהלט, ווען איך האָב דורכגעלייענט די פייערדיגע שורות. דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען... דער קאָפּ האָט געשווינדעלט... איך האָב געלייענט, איבערגע-

לייענט און כ'האָב מיינע אויגען ניט געגלויבט... אַ גאַנץ נייע שפראַך פאַר מיר... דאָס שלאָגט אויף מיין בלוט... איך ציטער איינגאַנצען... און דאָס זאָגט אַ פאָליאַק?... און ער מאַכט עס ניט קיין שפאַס, ער מאַכט עס ניט קיין חוזק?... אַוועק פון מיר איהר ספיקות!... איך וויל גלויבען, איך וויל ליעב האָבען!... צי דען קאָנען מיר ניט ליעב בעקומען אונזער היימאַט, אַזוי ווי אונזערע עלטערען האָבען ליעב געהאַט פאַלעסטינע? מיר קאָנען! מיר קאָנען זעהר און זעהר! צי דען זענען מיר אויסוואורפען? „מיר זענען קינדער פון העלדישע, נור דורך גאָט'ס ווילען בעזיעגטע ריטערען". הייסט עס, אַז מיר זענען ניט אַלע מאָל געווען הענדלער, אַיינשפאָרער, קמצנים, עגאָאיסטען? גיט אונז די מעגליכקייט ליעב צו האָבען, וועלען מיר ניט ביי אַלץ זיין נור קאַלט אויסגערעכענט. צי איז דען אונז ניחא, ניט צו ליעבען גאָרניט, צו קיינעם ניט אָנגעהערען און אַלע מאָל פיהלען זיך אַזו ווי צווישען פרעמדע? די אַלטע איז עס אפשר געווען ניחא, אונז, די יונגע, איז עס אָבער שווער, פיינליך. דאָס אָנגעהערען בלויז צו אונזער פאָלק בעפריעדיגט אונז ניט, מיר געפינען ניט אין דעם דאָס, וואָס אונזערע עלטערן האָבען אַיינגעפונען. אונזערע בעדערפניסען זענען גאָר אַנדערע... זיי דאַרפען בעפריעדיגט ווערען. בעפריעדיגט זשע! שטויסט אונז ניט אָב מיט אַ וואָרט, מיט אַ קוק, וואָרום מיר פערשטעהען קרענקליך אַ וואָרט און אַ בליק. גיט אונז אַ פאָטערלאַנד, גיט אונז אַ פאָלק! אונז אַליין האָט שוין דערווידערט צו זיין דייטשען אין פוילען... איך וויל, איך דאַרף און כ'קאָן זיין אַ פוילישע. אַ פוילישע ווי אַלע מיינע לאַנד־טעכטער!... איהר הערט, וואָס עס זאָגט צו אַייך אַייער עלטערער ברודער! — „ווען מיר זאָלען אונזער קאַנט מאַכען פאַר זיי פאַר אַ פאַלעסטינא, וועלען זיי פאַר איהם אין פייער געהן, דעם קאָפ זייערען אָבגעבען, זייער בלוט פערגיסען". יאָ. מיר וועלען אַייך דערוויזען, אַז אַ יודישע טאָכטער קאָן זיין אַ פאַטריאָטין ניט ערגער פון אַ געבאָרענער פוילישער. און פערשאָלטען וועט איהר זיין, ווען איהר וועט פון אונז אַוועקנעהמען די מעגליכקייט צו ליעבען דאָס פאָטערלאַנד, אַזוי ווי איהר האָט עס ליעב!...

די האַנד ציטערט... מעהר קאָן איך ניט....

VIII.

דעם 10-טען אויגוסט.

ס'אַראַ פּראַכטיגער פריה-מאָרגען. ס'אַראַ פרישקייט! וואָס, פאַר אַ זיסער ריח ס'טראָגט זיך נאָך פון די גרינע ביימער דורך דעם אָפענעם פענסטער הערט מען פון גאָרטען דאָס לוס-טיגע צוויצערן פון די פויגלעך, וואָס פליהען אַרום פון צווייג אויף צווייג, פון בוים אויף בוים. איך בין אויפגעשטאַנען מיט'ן זונען-שיין. די נעכטיגע אויפרודערונג איז אָב. די נשמה איז קלאָר, פריש. שוין לאַנג האָב איך זיך ניט געפיהלט אַזוי גוט. דאָס האַרץ טהוט ניט באַנג, בענקט ניט. איך בין צופריעדען, איך בין גליקליך. ווי שען איז גאָט'ס וועלט! מענשען זאָגען, אַז דאָס לעבען איז — אַ משא. ניין, דאָס איז ניט קיין משא, נור אַ שע-נע מתנה. צי איז דען אַ משא אָט די שענע זון, אָ-דער בלאָהער הימעל, אָט דאָס שמעקענדע לופט און די דופטענדע גרינס?... מ'דאַרף אָבער אַריינשרייבען אין טאָגעבוך וואָס ס'האָט נעכטען פּאַסירט.

אַ זייגער פינף נאָך מיטטאָג, ווען איך האָב זיך געוואָלט זעצען שפּילען אויפ'ן פּאָרטעפּיאַן, איז צו מיר אַריינגעקומען אַדאָלף.

— ענטשולדיגט, וואָס איך וועל אייך שטערן, — האָט ער אָנגעהויבען, ווי איינער, וואָס איז זעהר פערנומען און אײלט זיך ערגיץ, — איך וועל אייך בעטען אָבצולעגען אויף שפּעטער אייער מוזיק. איך בין געקומען אייך מיטנעהמען.

— וואָס הייסט, מיך מיטנעהמען?

— דאָס הייסט, איהר זאָלט זיך גלייך מטריח זיין צו אונז, — האָט ער ערקלערט. — מיר ווייסען ניט וואָס צוטהון מיט פּאָ-לינען.

— וואָס האָט אַזוינס געטראָפען? — האָב איך גע-פרעגט, דערשראָקען פון זיין צוטראָגענעם אויסזעהן.

— זי האָט אָנגעהויבען צו פיהרען קאַפּריזען, — פּשוט זי ווערט מטורף'דיג. פון נעכטען אָן עסט זי ניט, וויינט, קלאָגט, רייסט אויף זיך די קליידער, קורץ — מעשים תעתועים.

— וואָס איז די סיבה?

— די סיבה איז, וואָס עמיצער פון אונזערע בעדיענער האָט זיך אויסגערעדט, אַז מערי איז אָבגעפאָהרען אויף אַלע מאָל און וועט שוין מעהר אַהער ניט צוריקקומען. אָט דאָ האָט זי אָנגעהויבען: „לאָזט מיך, לאָזט מיך צו מערי'ן" — און אַ סוף. מיר האָבען זיך מיט איהר גע'עסק'ט אַ גאַנצע נאַכט. דער פאָטער איז אויסער זיך. מיר האָבען איהר אַיינגערעדט אַהער און אַהין — ס'העלפט נישט. זי זאָגט, אַז אויב מיר וועלען איהר מיט גוטען ניט לאָזען, וועט זי שטילערהייד אַוועק און וועט צופוס דערגעהן צו מערי'ן. אַ מטורפת איז זי, קאָן מען איהר גלויבען. איהר קענט דאָך איהר: נעהמט זי עפּעס אַריין אין קאָפּ, וועט מען דאָס שוין מיט צוואַנגען ניט אַרויסבעקומען. ס'איז אַ רחמנות אויף דעם אַלטען; די נשמה לאָזט ער נאָך איהר. וואָס זשע זאָלען מיר טהון? אפשר וועט איהר זיך אָננעהמען צו בערוהיגען איהר? אפשר וועט אייך געלינגען אַריינצונעהמען אין די הענד דאָס טייוולאָניש מיידעל. מיר האָבען שוין ניט צו איהר קיין שום תרופה. שוין אַלץ פּרובירט, אי מיט גוטען, אי מיט בייזען — גאָרנישט. אפשר וועט העלפען אייער מזל, פריילין סאָפיע?

— איך וועל פּרובירען, — האָב איך געענטפערט, — און אַ פּשיטא שוין, אַז פאַר'ן אָבפאָהרען האָט מערי איבערגעגעבען מיר די השגחה אויף אייער קאַפּריזנער שוועסטער.

— איז גוט, — האָט אַדאָלף געזאָגט אַ צופריעדענער. איז לאָמיר גלייך פאָהרען.

איך האָב מיך אָנגעטהון און מיר זענען אַוועק. אויף יעדען פאַל האָב איך מיטגענומען די צייטונג.

פאָלינען האָב איך דערוויסט אין בעט, אַ צורודערטע, אַ פערוויינטע, אַ בלאַסע, אַ בייזע ביז משוגעת, מיט'ן פנים אומגעקעהרט צום וואַנד. נאָך איהר שנעלען און שווערען אָטעם איז קענטיג געווען, אַז אין איהר ברוסט איז אַ גאַנצער גיהינום. אַז איך בין אַריין אין צימער, האָט זי זיך אומגעקעהרט צו מיר מיט'ן פנים, איז רויט געוואָרען, האָט מיט אַ האַנד אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט זיך אפילו ניט בעגריסט מיט מיר. עטליכע מינוט האָבען מיר געקוקט איינע אויף די אַנדערע און געשוויגען. איך האָב מיך ניט געקאָנט

איינהאַלטען און איך האָב זיך צום סוף צולאַכט.

— דו לאַכסט נאָך? — האָט פּאָלינאַ אָנגעהויבען רוהיג.— גוט, לאַך דיר. איך זעה, אַז איהר אַלע האָט בעשלאָסען אוועקצולעגען מיך אין קבר אַריין. נו, דער טויט איז פאַר מיר ניט שרעקליך.

— איז קלויבסטו זיך שוין אויף יענע וועלט? — האָב איך אַלץ געלאַכט.

— וואָס זשע זאָל איך טהון, אַז איהר מאַכט מיך אַלע משוגע? און דו, סאָפיע, בינסט אויך מיט זיי צוזאַמען? דו האָסט דאָך אויך געוואוסט, אַז מערי פאָהרט עס אַוועק אויף אַלע מאָל. פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר ניט געזאָגט?

— וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל עס דיר זאָגען?

— איך ווייס, וואָס עס וואָלט געווען! — האָט פּאָלינאַ אויסגעשריען. — אָ, דו קענסט זיי נישט.

— וועמען מיינסטו דאָס?

— חאַטשי מיין ליעבען ברודער׳ל. ער האָט אַ פּנים געזאָגט מערי׳ן אַ גראָב וואָרט — ער איז דאָך דערויף אַ מייסטער, האָט זי גענומען און איז אָבגעפאָהרען. און איך דאַרף זיין אינאיינעם מיט די טיראַנען.

— וואָס פאַר אַ טיראַנען זענען זיי? דו רעדסט אויסען וועג.

— טיראַנען, טיראַנען, טיראַנען! — האָט זי געשריען פער־ברענט. — עגאָאיסטען און טיראַנען! דו זאָג מיר ניט, איך קען זיי בעסער. זיי האָבען קיינעם ניט ליעב, זיי האַלטען פון קיינעם ניט... זיי האָבען ליעב נור געלד. דו מיינסט, אַז אַדאָלף האָט ליעב געהאַט מערי׳ן? טויזענד מאָל ניין, ווען ער זאָל איהר ליעבען, וואָלט ער איהר ניט אָבגעלאָזט. ווי קומט ער צו ליעבען? ער איז איהר מינדסט פינגער׳ל ניט ווערטה. אָ, ווי איך בין צופריעדען, וואָס זי איז אָבגעפאָהרען! זי וואָלט געווען זעהר אומגליקליך. ער וואָלט איהר אינגאַנצען צופּייניגט מיט זיין קאַלטקייט, מיט זיין עגאָאיזם. פאַר אַדאָלפ׳ן פּאַסט ניט מערי, נור אויך אַזאַ עגאָאיסטין, ווי ער. זיי וועלען צוזאַמען רעכענען די פּרנסה און וועלען זיין צו־פריעדען. דו ווייסט, פאַרוואָס אַדאָלף געהט אַרום לייז־ליידיג און פאָהרט ניט אין אַקאַדעמיע? דו ווייסט ניט? איך אָבער ווייס.

ער האלט, אז ביי מעדיצין וועט ער ניט געגוג פערדיענען. דאס איז א גראָשען-פּראַקטיק! דאָ קאָן מען ניט רייך ווערען אין צוויי שטונדען, און ער וויל שנעל א גביר ווערען.

איך האָב איהר געלאָזט ריידען. און זי האָט געשאָסטען מיט פּאַראַדאָקסען, שטות׳עריין און אונגערעכטיגקייט. איך האָב אויסגעהערט שטיל, רוהיג, וואָרום איך האָב געוואוסט, אז זי וועט אויסגיסען איהר האַרץ, וועט איהר לייכטער ווערען, וועט זי זיך בערוהיגען.

זי האָט זיך ווירקליך בערוהיגט. דער שטראָם פון איהרע בייזע רייד האָט, ניט אָנטרעפענדיג קיין שטערונגען אין וועג, אָנגעהויבען צו פליעסען רוהיגער און רוהיגער, איז געוואָרען קלענער און האָט זיך ענדליך שטיל אָבגעשטעלט. איך האָב זיך בענוצט מיט דער ווילע און געזאָגט, אז איך האָב פאַר איהר א אינטערעסאַנטע נייעס.

— נייעס? — האָט זי אויסגעשריען, א צופריעדענע — גוט! וויוז אַרויס?

— נעכטען, — האָב איך אָנגעהויבען, — האָב איך זיך בעגעגענט מיט וואַצלאַוו׳ן.

— מיט וואַצלאַוו׳ן? אָט איז א גליקליכע! און איך האָב זיך מיט איהם ניט בעגעגענט פון יענעם אָווענד אָן. פוי, איך האָב איהם ניט ליעב דערפאַר, וואָס מ׳קאָן איהם ניט בע-געגענען. נו, איז וואָס איז מיט וואַצלאַוו׳ן?

— וואַצלאַוו האָט מיר געגעבען א נומער צייטונג, וואו איך האָב געפונען אַנ׳אַרטיקעל זעהר א אינטערעסאַנטען פאַר אונז.

— גיב א הער, גיב! — האָט זי אויסגעשטרעקט די הענד.

— דו האַלסט דאָך ביים שטאַרבען — האָב איך איהר גע-זאָגט, — וועט דיר אַליין שווער זיין צו לייענען. דו הער בעסער, און איך וועל לייענען.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט פּאַלינאַ מסכים געווען. — הויב-זשע אָן וואָס גיכער, וואָרום מיר איז געווים שוין ווייניג צייט געבליעבען, — האָט זי צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

איך האָב אָנגעהויבען:

נ. דעם 25־טען יולי. די טעג האָט אַ גליקליכער צופאַל אונז געגעבען די מעגליכקייט צו געפינען זיך אויף אַ פאַמיליען־שמחה ביי איינעם פון די היגע רייכע אַלט־גלויביגע, פאַן מ. א., די טאָכטער פון דעם געעהרטען אַלט־גלויביגען די פאַנאַ׳ס. אַ פרייליין מיט אַ היבשער בילדונג, ערצויגען געוואָרען דורך איינער פון אונזערע פערוואַנדטע אַ גוטע פוילישע פרוי, האָט געפייערט איהר געבורטס־טאָג...

— הער נור, סאָפיע, — האָט פאָלינאַ מיך איבערגעריסען, — צי רעדט זיך דאָ ניט וועגען דיר?

— דאָ וועט נאָך זיין וועגען אונז אַלעמען, — האָב איך געענטפערט. — דו הער און ריים מיך ניט איבער.

— רעכט. לייען ווייטער.

און איך האָב ווייטער געלייענט. וואָס ווייטער האָט זיך פאָלינאַ׳ס פּנים אַלץ מעהר ערלויכטען. זי האָט געהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, יעדעס וואָרט בעוואונדער. אַז איך בין געקומען צו דער שטעלע, וואו ס׳האָט זיך גערעדט פון איהר, האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען, האָט זיך עטוואָס אויפגעשטעלט און אויסגעשריען.

— איך — אַ פעריל פון דער קרוין? אָ, ווי פּאָעטיש! דאָס שרייבט וואַצלאַוו, דורכאויס וואַצלאַוו, ניט קיין אַנדערער.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? אונטער דעם אַרטיקעל איז קיינער ניט אונטערגעשריעבען.

— איך פיהל, אַז דאָס איז ער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ברען. דו הערסט — ער, ער!... נו, לייען ווייטער...

איך האָב ווייטער געלייענט.

„דאָס בעסטע בלומעל אין גירלאַנדע"? האָט זי ווידער איבערגעריסען. — איך וועל איהם זיינע האָר אָנרייסען דערפאַר וואָס ער חנפ׳ט אַזוי! איך וויל ניט, אַז מ׳זאָל מיר חנפה׳נען, איך וויל, אַז מ׳זאָל מיך ליעב האָבען!... דו האָסט שוין געענדיגט?

— וואָרט אַ ווייל, דאָ איז נאָך פאַרהאַן אַ בעמערקונג פון דער רעדאַקציע.

— לייען די בעמערקונג פון רעדאַקציע.

איך האָב איבערגעלייענט די בעמערקונג.

אויב פון דער קאָרעספּאָנדענץ איז זי ענטציקט געוואָרען,

איז זי פון דער בעמערקונג שיער גאָר ניט אַראָב פון זינן. זי...
נור די מאַמע רופט זיך צו פרישטיק.

IX.

דעם 11-טען אויגוסט.

פּאָלינאַ׳ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ אוננאַטיר-ליכען פייער און פון זי זענען פונקען געפלויגען, אַז איך האָב ניט ווילענדיג געציטערט. דערנאָך האָט זי אַראָבגעצויגען פון זיך די קאָלדרע, איז אַראָבגעשפרונגען פון בעט, האָט זיך מיר אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן האַלז און האָט אָנגעהויבען צו קלאָגען.

איך בין געוואָרען אויסער זיך.

— פּאָלינאַ, פּאָלינקע, וואָס איז דיר? — האָב איך גע-פרעגט און האָב זיך געטרייסעלט פון שרעק.

— מיר איז גוט, זעהר גוט, סאָפיע, — האָט זי אַרויסגע-רעדט און האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטהון אויפ׳ן בעט. — אַזוי גוט, אַז דאָס הארץ וויל אַרויסשפרינגען פאַר פרייד. מיר זענען — פּוילישע! דו פערשטעהסט, סאָפיע, מיר זענען שוין ניט קיין זשידובקעס, נור פּאָלקעס. אונז וועט שוין ניט אויסקומען רויט ווערען פאַר בושה, מיר וועלען שוין דרייסט קאָנען קוקען יעדערן אין די אויגען און קיינער וועט די העזה ניט האָבען אַ וואָרף צו טהון אויף אונז אַ בטול-בליק... מיר זענען פּאָלקעס. פערשטעהסטו שוין, וואָס דאָס בעדייט? — האָט זי צו מיר אויסגעשריען כמעט מיט אַ כעס. — פאַרוואָס בינסטו אַזוי ניט פיהלבאַר?

זי איז ווידער אַראָבגעשפרונגען פון בעט, האָט אויף זיך אַרויפ-געוואָרפען דעם שלאָף-ראָק, אָנגעטהון טופליעס, פערריכט איהרע צעפּ און האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויפ׳ן סאָפקע. דאַן האָט זי

ווידער אָנגעהויבען, לכתחילה עטוואָס רוהיגער, אָבער וואָס וויטער, אַלץ הייסער.

— הער נור, סאָפיע, — דו קלעהר ניט, אַז איך בין אַ נאַריש, אַ וויסט מיידעל. איהר אַלע זעהט נור מיינע קאַפּריזען, מיינע שגעונות, אָבער דאָס, וואָס ס'טהוט זיך דאָ־אָ (זי האָט אָנגעוויזען אויפ'ן האַרץ) האָט איהר ניט געזעהן און איהר וועט קיינמאָל ניט זעהן... איך בין אַ גרויסע פערבעהאַלטערין, אַ מורא'דיגע בעהאַלטערין. איך נאַר אַייך אַלעמען אָב. איך קאָן אַזוי גוט פערשטעלען זיך, אַז איהר וועט קיינמאָל ניט פערשטעהן, וואָס מיט מיר איז אין דער ווילע. איך קאָן טאַנצען, פיהרען שפּאַס, שטיפען דאַן, אַז איך האָב גאָר שטאַרק חשק אויפצו־הענגען זיך... נור וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען?... דו געדענקסט ניט?

— ניין.

— אַך, יאָ, אָט וואָס — האָט ער זיך אַריב געטהון דעם שטערן. — איך האָב געוואָלט מתודה זיין זיך פאַר דיר אין איין זאַך. איצט איז עס טאַקי מעגליך. אָבער דו זאָלסט מיך ניט משפּט'ען דערפאַר, אַזוי ווי מערי האָט מיר דערפאַר ניט גע'־משפּט. און איבעריגענס, איז די ברירה ביי דיר. די זאַך איז אָט וואָס: ס'האָט מיך שטענדיג געפּייניגט דאָס בעוואוסטזיין, וואָס איך בין אַ יודיש קינד... דו קוועטשסט מיט די פּלייצעס... איך וויים אַליין אויך, ווי דאָס איז נאַריש, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט גובר זיין אין זיך אָט דאָס אונאַנגענעהמע פּיינליכע געפיהל. און יעדעס מאָל, ווען איך פלעג דערהערן די איינפאַכע, אָבער גיפטיגע ווערטער „די זשידובקע", פלעגט זיך מיר וועלען איינזינקען אין דער ערד. ווען מ'פלעגט עס ניט אַרויסריידען מיט'ן מויל, פלעגען עס הויך אויסשרייען זייערע בליקען, און דערפון איז מיר ניט לייכטער, נור שווערער זאָגאַר... זשידובקע! איך האָב קיינמאָל ביי קיינעם ניט גע'גנבה'ט, קיינעם ניט בערא־בעוועט, און מיר איז אַלע מאָל ציטעריג געווען פאַרבייצוגעהן פאַרביי קריסטען אָדער בעגעגענען זיך מיט זיי, וואָרום חאָטש איך לאָז אַראָב ניעדעריג מיינע אויגען, פונדעסטוועגען זעה איך גוט זייער אויסשפּאָט־בליק, און דאָס בלוטה הויבט אָן צו זידען אין מיר, אין קאָפּ שווינדעלט. זשידובקע! איך וויים זעהר גוט,

אז אין אַלע הינזיכטען זענען מיר ניט ערגער, און אפשר נאָך בעסער פון זיי, פונדעסטוועגען האָב איך אַלע מאָל מקנא געווען די פוילישע זייער אָבשטאַמונג און כ'האָב גע'כעס'ט אויף מיין מזל, וואָס איך בין געבאָרען געוואָרען אַ יודיש קינד... דו האַלטסט, אז ס'איז נאַריש, זעהר נאַריש? יאָ?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— אמת אפילו, איך בין מסכים מיט דיר, אָבער דאָס הארץ קאָן מען ניט איבערמאַכען. אויפגעבראַכט ווער איך פון די בעליידיגונגען, וואָס מיר בעקומען, זיי דריקען מיך, זיי צוצופען מיין הארץ, מיין נשמה. אָ, ווען איך זאָל קאָנען פער־אַכטען, וואָלט איך אַזויפיעל ניט ליידען! אָבער איך קאָן ניט פעראַכטען, איך קאָן נור אָדער ליעב האָבען, אָדער פיינד האָבען, — און דאָס איז מיין אומגליק! ליעב האָבען קריסטען קאָן איך ניט, ווייל זיי זענען עס ניט ווערטה, זיי פערדיענען ניט. זיי רייצען אונז שטענדיג, ערגערען אונז; אויביג פיינד צו האָבען — דערווידערט, פייניגט און איז פאַר מיר לחלוטין אונמעגליך. אָ, לערן מיך אוים צו פעראַכטען די בעליידיגונגען און די בעליידיגער, אַזוי ווי דו, ווי אַלע אונזערע פעראַכטען, וועל איך דיר ביז'ן טויט דאַנקבאַר זיין. איך וועל דאַן אויפהערן מיט מיינע קאַפּריזען, האָרום איך וועל ניט זיין צורייצט, כ'וועל זיין שטיל, ווי אַ שעפּע־לע, געהאָרכזאַם, ווי אַ פאָלגעדיגע קינד, כ'וועל זיך אויפפיהרען, ווי אַ חכמה, כ'וועל מעהר ניט מצער זיין דעם פאָטער, דעם ברודער און אייך אַלעמען... אין אמת'ן איז דאָך אַדאָלף גערעכט, וואָס ער רופט מיך אָן: מטורפת. איך בין דען ניט קיין מטורפת? איך ווייס עס אַליין, אָבער אַנדערש קאָן איך ניט: דאָס בלוטה זידט, שטורמט, און אַלץ דערפאַר, וואָס כ'ווייס וואָס פאַר אַ נאַרישע שליאַכטיטשקע האַלט זיך העכער פון מיר, העכער פון אונז אַלעמען, און נור דערמיט, וואָס זי איז געבאָרען אַ קריסטין, און מיר — יודישע.

— איך רעכען, אַז איצט וועט עס שוין אַנדערש זיין, — האָב איך בעמערקט. — דו פערגעסט, אַז איצט זענען מיר פוילישע פון משה'ס גלויבען, און קיינער, אַלזאָ, וועט די העזה ניט האָבען אָנצורופען אונז זשידובקעס.

— אמת טאַקי? — האָט זי פערוואונדערט געפרעגט.

ווי זי וואָלט עס ערשט דערהערט דאָס נייעס. — איז עסווירק־ליך אַזוי? דו לייגסט ניט? און די צייטונג לייגט ניט? אָ, ווי דאָס איז גוט! ווי גליקליך איך בין! יאָ, מיר זענען פאָלקעס, מיר וועלען זיין פאָלקעס ניט ערגער פון די איינגעבוירענע, — איך וועל עס זיי דערווייזען! — הער נור, זאָסיע, — איז זי אויפגע־שפּרונגען פון סאָפּקע און האָט מיר דערלאַנגט איהר רעכטע האַנד, — לאָמיר זיך אַ שבועה געבען, מיר זאָלען ריידען צווישען זיך נור פּויליש, רעכט.

— רעכט.

— ניט קיין דייטש, ניט קיין פראַנצויז, צו וואָס דאַרפען מיר די שפּראַכען, — נור פּויליש, די שפּראַך פון אונזער אָיט־שיזנאַ, דאָבזשע?

— דאָבזשע.

— און אַ שאַנד זאָל זיין יענעם, ווער ס'וועט שטערען די שבועה! מסכים?

— מסכים.

— זי האָט מיך אַרומגענומען און געקושט.

— מיך שטיקט דאָ, — האָט זי מיך געחאַפּט פאַר'ן האַנד, — קום אַריין אין זאַל.

אַז מיר זענען עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען אין זאַל, האָט זי פּלוצלונג בעפרייט איהר האַנד, איז צוגעשפּרונגען צום ראָיאַל, האָט געפּרובט עטליכע אַקאָרדען און האָט אַ קלאַפּ געטהון, יאָ אַ קלאַפּ געגעבען: יעשצע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ... זי האָט גע־קלאַפּט מיט התפּעלות, מיט התלהבות. נור דאָס איז איהר ווענ״ז געווען, האָט זי זיך מיט ביידע פיס איינגעשפּאַרט אָן טראָט־ברעטיל און האָט גענומען טריאַסקען אָן די קלאַווישען מיט אַלע כחות און ס'איז אַרויסגעקומען אַ גוואַלדיגער, ווילדער טומעל. אויפ'ן טומעל, פון וועלכען די ווענד האָבען געציטערט, זענען אָנגעלאָ־פען דער אַלטער קראַנץ און אַדאָלף. דערוועהענדיג פּאָלינאַ'ן בייב ראָיאַל, וואָס מוזיצירט אַזוי משונה'דיג, זענען זיי פערשטיינערט געוואָ־רען פון שרעק און האָבען זיך איבערגעקוקט אַזוי ווי געזאָגט: פאַרטיג, איינגאַנצען, אוים דעת. איך האָב פערשטאַנען זייער קוק, בין איך צוגעגאַנגען צו זיי אויף די שפּיצען פינגער און האָב זיי אין קור־צע ווערטער בערוהיגט. דער אַלטער האָט געקוועטשט מיט די

פלייצעס, האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און איז אַוועק, גלייך נאָך איהם איז אַרויס אַדאָלף אויך. פּאָלינאַ, אַ פּערט־עפּטע אין איהר מוזיק, האָט ניט בעמערקט ניט זייער אַריינקומען, ניט זייער אַוועקגעהן. זי האָט מוזיצירט ווייטער אַלץ מיט מעהר התלהבות.

— נעננג! — האָט זי געזאָגט, איבעררייסענדיג די מוזיק אין סאַמע אַ מיטען. — קום שפּאַציערען.

— ווי ווילסטו דאָס געהן? — האָב איך איהר געפרעגט. — טהו זיך אַ קוק אין שפּיגעל, ווי צושויבערט דו בינסט!...

— ס׳מאַכט נישט אויס, — האָט זי געענטפערט, — איך וועל מיך וואַשען און אָנטהון, וועל איך בעקומען מיין שטענדיגען אויסזעהן.

— דו האָסט דאָך אָבער פון נעכטען אָן גאָרנישט געגעסען, — האָב איך בעמערקט.

אַך, יאָ, — האָט זי זיך דערמאָנט, — וועל איך עפּעס צובייסען און ס׳וועט שוין קלעקען, מיר געהען דאָך ניט האַלץ האַקען.

זי האָט צוויי מאָל אַ ציה געגעבען דאָס גלעקעל, און ס׳איז אַריינגעקומען מיחאַלינאַ.

— איינוואַשען זיך, אָנטהון און צובייסען וואָס ס׳איז, אָבער שנעל, מאַיאַ קאָהאַנאַ.

— אויפ׳ן שטעל, פּאַני, — האָט מיחאַלינאַ געענטפערט און גענומען זיך עסק׳ן אַרום איהר פריילין.

אין אַ האַלבע שעה צייט איז פּאָלינאַ געווען פאַרטיג. זי האָט אויסגעזעהן אַזוי, ווי שטענדיג, נור דאָס פּנים עטוואָס בלאַס.

— וואוהין וועלען מיר עס געהן? — האָב איך געפרעגט.

— אין שטאָדט־גאָרטען, — האָט זי געענטפערט, — דאָרט וועלען מיר איהם געוויס בעגעגענען.

— וועמען איז עס „איהם״?

— פערשטעהט זיך, וואַצלאַוו׳ן. עפּעס בינסטו מיר, זאָגע, גאָר ניט קיין טרעפערקע, — האָט זי בעמערקט מיט פאַרדריס.

מיר זענען אַרומגעגאַנגען אַלע גרויסע אַלעען. ס׳זענען גע־וועז אַ סך שפּאַציערענדע. זי האָט מיט די אויגען געזוכט „איהם", נור ער האָט זיך ניט אָנגעגענט. זי האָט אָנגעוואָהרען איהר געדולד.

— ס׳אַרא שלעכטער ער איז! — האָט זי שוין אָנגעהויבען בּעס׳ן. — אַלע שפּאַציערען און ער האָט זיך ערגיץ פערשטעקט. געווים בּיי דער פּאַנא איזאַבעלא. זעהר אַ אינטערעסאַנטע פּערזאָן דאָך, וואָס זאָגסטו?

— זי איז זיינע אַ קוזינע, — האָב איך געענטפערט.

— יאָ, מיר קאָנען זיי די קוזינעס און די קוזינען!... דערנאָך שטעלט זיך אַרויס, אַז ס׳איז אַ פינפטער ראָד אין וואָגען.

די בּעמערקונג איז מיר ניט געפעלען געוואָרען.

— פּאָלינא, דו האָסט גענומען בּעריידען,—האָב איך איהר פּאַרווירפע געמאַכט.

— זאָל איהם דער טייוועל נעהמען! — האָט זי געענטפערט מיט איהר געוועהנליכער לייכטזיניגקייט. — צו וואָס זשע בּעהאַלט ער זיך פון מענשען, וואָס ווילען איהם זעהן?... קום אַהער — האָט זי מיך פּלוצלונג אַ ציה געגעבען אין אַ זייטיגער אַלעע, וואו ס׳האָט אַ פינטעל געטהון עטוואָס עהנליכעס אויף וואַצלאַוו׳ן.

Cicho, patrzaj, ktoś nadchodzi,—
Zerce mówi, ze to-on!...

האָט זי דעקלאַמירט און האָט זיך געלאָזט צו „איהם" אַנטקעגען. נור צוקומענדיג צו „איהם", האָבען מיר דערזעהן, אַז דאָס איז ניט ער, נור עפּעס אַנ׳אַנדער יונגער־מאַן.

— ניט ער! האָט זי אויסגעשריען הויך, אַז דער יונגער־מאַן האָט זיך אומגעקעהרט און האָט אונז דורכדרינגענד אָנגעקוקט. אונז איז אונבּעקוועם געוואָרען. מיר זענען אויף גיך אַוועק פון גאָרטען. בּיים טויער האָבען מיר זיך בּעגעגענט מיט מאַזירסקי׳ן. ער האָט אונז געגריסט.

— פריילין טידמאַן האָט שוין עפּעס אָנגעשריעבען? — האָט ער געפרעגט פאַרבּייגעהענדיג.

— נאָך ניט, האָב איך געענטפערט.

— די טעג וועט זי געווים אָנשרייבען, — האָט פּאָלינא צוגעגעבען, — קומט אַריין צו אונז.

— כ'וועל מיר געפינען אַ צייט, — האָט מאָזורסקי געענטפערט און איז אַוועק אין גאָרטען.

צוריקגעהענדיג איז פּאָלינא געוועזען פאַלשטענדיג רוהיג. איך האָב ביי איהר ניט בעמערקט אַפילו קיין פערדרום דערויף, וואָס איהר האָט ניט געלונגען צו זעהן זיך מיט וואַצלאַוו'ן.

X.

מערי טידמאַן צו סאָפיע אַראַנסאָן.

ג. דעם 10-טען אויגוסט, 1861.

די מוהמע און דער פעטער האָבען מיך אויפגענומען אמת צופריערען, איך קאָן אפילו זאָגען, אַז ענטציקט. זיי האָבען מיך געהאַלזט, געקושט, געקוקט מיר אין פנים און געוויינט פאַר פרייד. איך האָב אויך געוויינט.

— ווי דו בינסט אויסגעוואַקסען! ווי דו בינסט שען געוואָרען! סאַראַ שענהייט! אינגאַנצען אין דיין מוטער, עליה השלום! — פלעגט די מוהמע אויסשרייען יעדע ווייַלע און דריקען מיך אין איהרע אָרעמס און וויינען.

— צו וואָס איז דאָס וויינען? — אַ שענע, נו — אַ דאַנק גאָט, — פלעגט דער פעטער איהר זאָגען און אַליין בעגיסען זיך מיט טרעהרען.

גוטע אַלטינקע! ווי גוט איז צו האָבען קרובים, און דערצו-
נאָך אַזעלכע גוטע, צאַרטע! מ׳פערגעסט כמעט, אַז מ׳איז פער-
יתום׳ט... די סצענע האָט געווים לאַנג געדויערט, וואָרום ווען
מיר האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן פוהר, איז שוין אויפ׳ן פלאַטפאָרם
און אויפ׳ן וואָקזאַל קיינער ניט געווען, אויסער די בעדיענטע בײ
דער באַהן. מיר זענען אין גיכען צוגעפאָהרען צו אַ גרויסען, אַ
גאַנץ שען בעפוצטען, בנין. דאָס איז דאָס הויז פון מיינע קרובים
און מיין נייע רעזידענץ. ג. איז ניט קיין גרויסע שטאָדט און,
מ׳דאַרף רעכענען, איז אַ גאַנץ אומעטיגע. נור איידער איך וועל-
ריידען פון דער שטאָדט און מיינע ערשטע אַיינדריקע, דאַרף איך
דיר דערצעהלען, וואָס אייגענטליך האָט מיך געצוואונגען צו מאַכען
די נסיעה. פריהער האָב איך געדאַרפט שווייגען וועגען דעם,
איצט אָבער קאָן איך זיין אָפענהערציג, און אַפשיטא שוין מיט
דיר, ליעבע סאָפיע. הער זשע.

מיט עטליכע וואָכען צוריק, אין אַ פריה=מאָרגען איז צו מיר
אַריין דער פאָטער, האָט זיך געזעצט אויפ׳ן סאָפקע און האָט
פעררויכערט אַ ציגאַר. זיין קלוגע, שטענדיג רוהיגע פנים איז
געווען אַזוי פערפינסטערט, אַז איך האָב זיך דערשראָקען. איך
האָב געוואָלט אָנהויבען צו ריידען מיט איהם, נור ס׳האָט מיך
פלוצלונג אַזאַ מורא אָנגענומען, דאָס האַרץ האָט מיר אַזוי שטאַרק
געקלאַפט, דערשפּירענדיג עפעס ניט קיין גוטעס, אַז איך בין ניט
אימשטאַנד געווען אַ וואָרט אויסצוריידען און מיט פיינליכען
אונגעדולד האָב איך געוואַרט אויף זיינע ערקלערונגען.

— זעץ זיך נעבען מיר, מערי, — האָט ער ענדליך
אַרויסגעזאָגט, — איך וויל מיט דיר ריידען וועגען אַ ענין.

איך האָב זיך צוגעזעצט אינגאַנצען אָנגעשטרענגט צו-
הערען.

מיין פנים, קענטיג, האָט אויסגעדריקט די גאַנצע צורודערט-
קייט פון מיין נשמה אין יענער ווײלע, וואָרום דער פאָטער האָט
נור דורכדרינגענד אַ קוק געטהאָן אויף מיר און האָט זיך צוגע-
איילט צו בערוהיגען מיך.

— שרעק זיך ניט, נשמה מיינע, קיין בעזונדערס וויכטי-

געם האָט ניט פּאַסירט. איך וויל נור אַנ׳עצה האַלטען זיך מיט דיר וועגען אַ ענין.

— און גאָר? — האָב איך אַרויסגערעדט, אַז מיר איז עטוואָס גרינגער געוואָרען אויפ׳ן האַרצען.

— מעהר ניט.

— נו, גוט. וואָס איז דאָס פאַר אַ ענין?

— די זאַך איז, — האָט דער פּאָטער אָנגעהויבען און־ענטשלאָסען. — איבריגענס, וועלען מיר וועגען דעם ענין שמו־עסען שפּעטער... ער האָט איינינע מאָל דורכגעפיהרט מיט׳ן האַנד איבער׳ן שטערן און האָט ווייטער אָנגעהויבען:

— אַז מיינע געשעפטען זענען די לעצטע צייט געגאַנגען זעהר ניט גוט — דערפון, דוכט זיך, ווייסטו?

— איך ווייס.

— נור אַז איך בין צורואינירט...

— צורואינירט! — האָב איך אויסגעשריען, אַ פּאַטש גע־געבען מיט די הענד און זיך אויפגעשטעלט פון מיין אָרט. — אַנקראָטירט!...

— ניין, מערי, ניט באַנקראָטירט, נור צורואינירט געוואָ־רען. איך האָב ניט קיין חובות, אָבער איך האָב ניט אויך קיין אייגענס. איך בין אָרים, אָבער ניט אומעהרליך געבליעבען, איך קען יעדערן גלייך אין די אויגען קוקען.

— אַ דאַנק גאָט פאַר דאָס, — האָב איך געזאָגט אום צו טרייסטען דעם פּאָטער. — אַ אונבעפלעקטער נאָמען איז אויך אַ אייגענס.

— דאָס איז אמת, אָבער אונזער לאַגע ווערט דערפון ניט בעסער. מיין אונבעפלעקטער נאָמען גיט מיר דערווייל קיין מיט־לען ניט אויפצוהאַלטען אין מיין הויז דעמזעלבען פּיהר, ווי פריי־הער. מיין אונבעפלעקטער נאָמען גיט מיר נור די מעגליכקייט און דרייסט אָנצוהויבען ווידער פון אָנהויב. ווען איך זאָל פער־קויפען אונזער פערמעגען, שוין דאָס היימישע זילבער אויך, קאָן איך בעקומען פיער, פינף טויזענד רובל און מיט דעם געלד ווי־

דער אָנהייבּען צו האַנדלען, און פערקלענערן דערבּיי די הוצאה ביז גאָר.

— דאָס קאָן מען געווים, — האָבּ איך געזאָגט, — איך וועל אייך קיין הכבדה ניט מאַכען, איך וועל אַליין מיין ברויט פערדינען.

— ווי ווערסטו דאָס פערדינען? — האָט דער פאָטער געפרעגט איראָניש כמעט.

— איך וועל האָרעווען, ארבּייטען.

— דאָס הייסט געבּען לעקציעס, העמדער נייהען?

— און פאַרוואָס ניט? — האָבּ איך געפרעגט, — צו דען קאָן מיר גאָר ניט נוצען די ערציהונג, וואָס איהר האָט מיר געגעבּען? צי דען מיינע קענטענים און מיין אַטעסטאַט גיבּען מיר קיין שום רעכט ניט אויף ארבּייט?

— רעכט אויף צו אַרבּייטען גיבּען זיי אפשר יאָ, אָבּער זיי גיבּען ניט קיין שום גאַראַנטיע, אַז דיין אַרבּייט וועט בּע-צאָהלט ווערען נאָכ'ן ווערטה נאָך, און אויף גראָשענע פער-דיענסטען וויל איך דיך ניט לאָזען: דיך וועלען זיי ערנידריגען און מיך — דער'הרגענען.

איך האָבּ ניט קיין כח צו זעהן דיך אַלס גובערנאַנטין אין אַ ליאַדי האַלב-ווילדער פאַמיליע, וואָס וועט דיך ניט פערשטעהן, ניט אָבּשאַצען, וואָס וועט אויף דיר קוקען, ווי אויף אַנ'אביונ'טע און אויף די בּעלוינונג, וואָס ווערט דיר געגעבּען, ווי אויף אַ נדבה. איך קאָן אַלץ איבּערטראָגען, אַלע אונאַנגענעהמליכקייט, דחקות, נויט, אפילו מיין ערנידערונג, אָבּער די ערנידערונג פון מיינע קינדער... פון די קינדער...

ער האָט ניט געקאָנט מעהר ריידען. ער האָט דאָס פּנים פערשטעלט מיט די הענד און האָט זיך צעוויינט, ער, מיין פאָטער, וועלכען איך האָבּ אַלע מאָל געהאַלטען פאַר אַזאַ רוהיג פעסטען מענשען. דערפון האָבּ איך געקאָנט זיך נעהמען, ווי שטאַרק ער ליידט, ניט פאַר זיך, נור פאַר אונז, וועלכע ער האָט אַזוי ליעבּ. אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך בּעהערשט און האָט ווידער אָנגעהויבּען.

— נור — ס'איז נאָך ניט אַלץ פערפאַלען. אונזער לאַגע איז נאָך ניט אַזאַ פערצווייפעלטע, ווי ס'דוכט זיך. אין דער סוחרישער וועלט האָב איך אַ נאָמען אַלס עהרליכער יוד און טיכ־טיגער קאָמערסאַנט. איך וועל פאָהרען קיין ריגא: די דאָרטיגע סוחרים, מיט וועלכע איך האָב שטענדיג געהאַט געשעפטליכע בעציהונגען, האָבען וועגען מיר די בעסטע מיינונג. זיי וועלען מיר עפּעס אַנ'עצה געבען, וועלען מיך שטיצען און געבען רעקאָמענדאַציעס. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיין לאַגע וועט זיך בעסערן. וועל איך קיין אייגענעם געשעפט ניט האָבען, וועל איך ווערען אַ בוכהאַלטער, אַ פריקאַזשציק — כ'האָב דאָך דערפון טאַקי אָנגעהויבען. איך וועל אַרבייטען טאָג און נאַכט און איך האָף, אַז מיין אַרבייט, מיין פליים און מיין גענויקייט וועלען ווי געהעריג בעלוינט ווערען, דייטשען קאָנען דאָך אָפּשאַצען מענשען, ניט ווי אונזערע יודען, וואָס האָבען ליעב ביליגע, חאָטש ס'איז פוילע. דאַן וועל איך סאַשען ווייטער שיקען זיין מאָנאַטליכעס געלד, ווי פריהער, ער דאַרף פערענדיגען זיין קורס מיט ערפאָלג, אַזוי ווי ער האָט אָנגעפאַנגען. איך וויל ניט, אַז ער זאָל איצט דאַרפען זיך פערנעהמען מיט לעקציעס אָדער איבערזעצונגען, וואָס זאָלען איהם שטערען צו לערנען זיך זעלבסט. בנוגע צו דיר, ווערסטו ביז וואַנען אונזער לאַגע וועט זיך פערבעסערן, פערברענגען די צייט אין ג. ביי דער מוהמען.

— אין ג. ביי דער מוהמען! — האָב איך אויסגעשריען און געבראָכען די הענד, — אַ קעסט־מענש ווערען אין אַ פרעמדען הויז! איז עס דען חשוב'ער, ווי זיין אַ גובערנאַנטין. וואָס פערדיענט איהר ברויט מיט עהרליכע מיה?

— הער זשע, מערי — האָט דער פאָטער אָבגעענטפערט רוהיג, נור ענטשליעסענד, — דו דאַרפסט מיך גוט פערשטעהן. איך בין ניט געגען דעם נאָמען גובערנאַנטין: דאָס איז געוויס בכבודיג, ווי יעדע עהרליכע בעשעפטיגונג. אָבער איך האָב דיך ניט געגרייט צו זיין אַ גובערנאַנטין, און דו בינסט דערצו ניט פעהיג. דו האָסט קיינמאָל פון קיין נויט ניט געוואוסט, דו ביסט געוועהנט צו אַלע בעקוועמליכקייטען פון אַ הרחבה'דיג לעבען, דו ביסט געוועהנט צו בעפעהלען, אָבער ניט צו פאָלגען פרעמדע בעפעהלען, דו קאָנסט זיך פערהאַלטען מיט מענשען גלייכע מיט

דיר, אָבּער דו וועסט ניט קאָנען אויסקומען מיט קינדער, וואָס ווייערע קאַפּריזען וועלען דיך אַרויסבּרענגען פון געדולד, און געדולד איז דאָך בּיי דיר ניט פיעל, ווי בּיי אַלע, וואָס זענען ערצויגען אין הרהבה. צווייטענס, מיין פּאָטערליכעס הארץ, וואָס דאַרף אויך גענומען ווערען אין אַכט, ווערט אויפגעבּראַכט פ״ן דער מחשבה — אַוועקצולאָזען דיך אין אַ פרעמדע הויז אויף פערדיענסט, דיענען, בּעת ס׳איז דאָ אַנ׳אַנדער מיטעל, וואָס איז מעהר אַנשטענדיג, און ניט ערנידערנד ניט פאַר דיר און ניט פאַר מיר. דיין מוהמע איז אַ גוטע, אַ רייכע, אַ איידעלע פרוי און אָהן קינדער. זי וועט זיך מיט דיר דערפרעהען, ווי מיט אַ טאָכטער, דו וועסט אין איהר בּעקומען אַ מוטער, וועלכע דו האָסט אַזוי פריה אָנגעוואָהרען. אָט לייען, וואָס זי שרייבּט — האָט ער פון בּוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ בּויגען פערשריעבּענעם פּאַפּיער.

דער בּריעף איז געווען אונטערגעשריעבּען פונ׳ם פעטער און דער מוהמען. דער בּריעף איז געווען אַזאַ וואַרימער, מיט אַזוי פיעל ליעבּע, אַז ס׳האָט מיך גערירהרט. „מיר וואַרטען אויף מערינקען מיט צושפּרייטע אָרעמס", מיר וועלען איהר היטען ווי דאָס שוואַרץ־אַפּעל פון אויג, קיין שטויבּעלע וועט אויף איהר ניט פאַלען. זי וועט בּיי אונז זיין אָנשטאָדט אַנ׳אייגען קינד, וואָס גאָט האָט אונז ניט געגעבּען" א. ז. וו.

איך האָבּ געמוזט מסכים זיין.

איך האָבּ עס פאַר אַ פּפליכט געהאַלטען צו דערצעהלען אַדאָלף׳ן וועגען דעם אַלעם. ווי האָט ער עס אָנגענומען? ער האָט אַיינגעפונען, אַז מיין פאָטער איז גערעכט, אַז זיין בּעשלוס איז זעהר פּראַקטיש און בּיי דעם האָט ער מיר צוריקגעקעהרט מיין וואָרט... איך ווייס ניט, וואָס קלעהרט ער וועגען דעם, איך קלעהר, אַז צווישען אונז איז שוין אַלץ פערענדיגט, און — אַ דאַנק גאָט דערפאַר. אָט די פּראַקטישקייט אין אַזאַ יונגען מענשען שרעקט מיך. אַזאַ יונגער מאַן פערשטעהט שלעכט די געפיהלען פון אַ הארץ, און מיר, פרויען, לעבּען נור מיט׳ן הארץ, דאָס איז — אונזער לעבּענס־נערוו. אַלץ אויף דער וועלט בּעקומט אַ ווערטה אין אונזערע אויגען נור דאַן, ווען ס׳ריהרט אָן דעם נערוו אונזערן. מיט׳ן האַרצען פיהלען מיר, מיט׳ן האַרצען דענ־

קען מיר אויך. און אויסער דעם, איז פאר אונז אַלצדינג אָהן אינהאַלט, אָהן זין, אָהן לעבען — טויט. צי איז עס גוט צי ניט — אַזוי אָבער זענען מיר בעשאַפען געוואָרען. אָט האָסטו דיר די גאַנצע געשיכטע מיינע. איך בעט דיך, קיינעם ניט זאָגען פון דעם. וועגען אונזערע בעציהונגען האָבען אייגינע נור געוואוסט, זאָלען ניט פיעל אויך וויסען וועגען אונזער צושיידען זיך.

אַ אויפריכטיגער גרוס מיינע חבר'טעם און בעקאַנטע. פאָלינקען וועסטו איבערגעבען דעם בייגעלעגטען בריעוועל. שרייב מיר אָפט און פיעל. איך קוש דיך הונדערט מאָל.

XI.

נ. דעם 41-טען אויגוסט.

די שטאָדט האָט זיך איינגעהיעלט אין טרויער. ווי מ'זאָגט איז דאָס טרויער נאָך דער אָיטשיזנע. אין די קאָסטיאָלען זינגט מען עפעס פאַטריאָטישע הימנעס. די פאָליאַקען פאָדערען, אַז יודען זאָלען אויך אָנטהון טרויער, דאָס הייסט, אונזער ענין איז אַנ'אַלגעמיינער. פוילען — איז אונזער אַלגעמיינע פאָטערלאַנד. אויף צו פעעטיידיגען עס וועלען מיר אַלע אויפגערופען. מיר וועלען אַלע געהן, מיר דאַרפען געהן. מיר דאַרפען ניט זשאַלעווען קיין שום קרבנות. ווי אַנגענעהם איז צו האָבען אַ פאָטערלאַנד, ליעב האָבען דאָס לאַנד, זאָרגען דערפאַר, פערגיסען דערויף טרעהרען און בלוטה. אונזערע אַלטע לייט האָבען ניט געוואוסט פון דעם געפיהל, נור זיי האָבען פון נאָך פיעל זאַכען ניט געוואוסט, ס'איז געווען אַנ'אַנדער צייט. די אַלטע זאָגען, אַז יענע צייט איז געווען אַ בעסערע, אָבער ס'דוכט זיך, אַז ס'איז געווען אַנ'ערגערע. אַ טעמפע בעציהונג צום לעבען איז אפשר געזונד, אָבער ס'איז ערנידעריגענד. יאָ, אַזאַ בעציהונג צום לעבען איז אין אונזער צייט בכלל אונמעגליך. די איצטיגע צייט

שטויסט דעם מענשען אין אקען, לאזט איהם ניט פערגעסען זיך, אדער טעמפ ארומקוקען זיך ארום. א דאנק גאט, וואס דער ראד פון דער צייט האט ענדליך פערחאפט אויך אונז, יודען. ניט אלע מאל וועלען מיר דאך בלייבען אהינטער דער פראצעסיע, וואס בעוועגט זיך פארווערטס. וואוהין די פאליאקען וועלען געהן, אהין וועלען מיר אויך געהן. צוזאמען מיט לעבעדיגע מענשען וועלען מיר אויך אפשר אויפלעבען, ובפרט, אז מיר זענען נאך ניט אינגאנצען אבגעשטארבען . . . .

. . . .

איך האב אקארשט בעקומען א צעטעלע פון פאלינא'ן. זי שרייבט: „די פערשקלאפטע, בעדריקטע פוילען שפרייט אויס צו אונז איהרע מוטערליכע ארעמס. לאמיר גיכער צודריקען זיך צו איהרע ליעבעם-פולע ברוסטען. זי וויינט. לאמיר איהרע טרעהרע'ן אבווישען און מיר וועלען זיך פרעהען צוזאמען מיט איהר, אונזער שפייזערין. דו האסט געלייענט די פראקלאמאציע צו אונז? מיר האבען עס היינט בעקומען פער פאסט. דער פאטער דאט עס איבערגעלייענט, האט ער עס געוואלט צורייסען, נור איך האט ניט דערלאזען. זי איז ביי מיר. מארגען וועל איך דיר עס ברענגען. מארגען וועט פארטיג זיין מיין קלייד. היינט וועל איך ניט ארויסגעהן, איך וויל זיך ניט בעווייזען אין א קאליערטען מואלעט. ס'איז פאר אונז ניט אנשטענדיג אבצושטעהן פון אונזערע שוועסטער פון קאטוילישען גלויבען. מחשבות'ן, צו מארגען זאלסטו איינלאדען צו זיך אלע אונזערע חבר'טעס און נאהנטע בעקאנטע. מיר וועלען פאר זיי איבערלייענען די צייטונג און די פראקלאמאציע. מיר דארפען איצט ארבייטען צוזאמען.

אונזער אויפרוף איז: „עס לעבע פוילען!"

XII.

דעם 16-טען אויגוסט.

איך האב פאלינען ניט דערקענט אין איהר נייעם קאסטיום. אז זי איז אריינגעקומען, האב איך זיך עפעס מארנע אויפגעשטעלט, מיינענדיג, אז דאס איז עפעס א אונבעקאנטע.

— דו האסט מיך ניט דערקענט? — האט זי געזאגט, ווען זי האט בעמערקט מיין פרעגענדיגען בליק.

— ניין, — האב איך געענטפערט.

— פערענדערן דען קליידער אזוי א מענשען?

— מן הסתם, יא, איך האב דיך לכתחילה גאר ניט דערקענט.

— א, אויב אזוי, — האט זי געזאגט מיט איהר געוועהנליכער לוסטיגקייט, וועל איך א געה טהון מאכען א שפאס מיט דיין מוטער. אט דאס וועט זיין א ביסעל א געלעכטער! וואו איז זי?

— דארט ביי זיך.

זי האט ביי מיר איבערגעלאזען דעם שירם און איז אוועק צו דער מוטער. דער שווארצער קאליער פאסט זעהר צו איהר, זי ווערט נאך אינטערעסאנטער. איבריגענס, וואסער קאליער וועט עס איהר ניט צופאסען? ביי אזא מזל'דיגען פנים איז וואס מ'זאל ניט אנטהון, וועט אלץ זיין שען.

איינע נאך אנדערער זענען געקומען אויך די איבעריגע חבר'טעס אונזערע, זיי זענען אלע געווען אין טרויער, אבער ניט צו אלעמען האט עס געקליידט. איניגע איז דערפון צוגעקומען נור א פאר איבעריגע יאהר. אננא איזראעלסאן, דהיינו, זעהט אויס אין דעם נייעם קאסטיום ווי א בעל-הבית'טע. קענטיג, אז זי חיים דעם סוד, און דעריבער שעלט זי די פאליאקען און זייער גאנ

צען אויפטהו. מיר ווילען איהר טרייסטען. אָבער ס'העלפט וועניג.

— ליעבע אַניעטאַ, — טרייסט איהר רבקה געצעל, — אין פייער צו װאַרפען איז ניט כדאי. מיר װעלען אָבװאַרטען אַ ביסעל ביז װאַנען דער שנעון בײ די פּאָליאַקען װעט דורכגעהן, דאַן װעט װידער טװיגען אונזער פריהערדיגער גאַרדעראָב.

— ס'וועט אויסקומען לאַנג צו וואַרטען, — האָט פריילין איזראַעלסאָן געענטפערט, — דער שנעון קאָן דויערן נאָט ווייסט ווי לאַנג.

— פון וואַנען נעהמסטו זיך? — האָבען מיר גע-פרעגט.

— דער פאָטער האָט געזאָגט. ער ערקלערט עס אַזוי: זינט ס'איז פּובליקירט געוואָרען דער מאַניפעסט וועגען בעפרייען די פויערים, האָבען די גוט-איינענטימער גענומען מאַכען זייערע חשבונות, האָבען זיי איינגעפונען, אַז אָהן די פויערים זענען זיי ניט מעהר, ווי אביונים, וואָרום זייער אייגענס במזומן האָ-בען זיי פערשוועגדט, און צו אַרבייט און קאָמערציע זענען זיי ניט פעהיג. האָבען זיי זיך איצט מישב געווען, דאָס וואָס זיי האָבען אויסגעבראַכט אין זייער אונזיניגען פערשווענדונג, צוריק צו ערווערבען דורך שפּאָרזאַמקייט און עקאָנאָמיע.

— מילא, שפּאָרזאַמקייט איז — אַ גוטע זאַך, — האָב איך בעמערקט.

— גוט איז עס גוט, — האָט אַניעטאַ אָבגעענטפערט, — נור צו וואָס זאָל מען מיט געוואַלד אָנוואַרפען אויף אַנדערע איגענע געדאַנקען און חשבונות? זיי איז ניחא, אָדער זיי זענען געצוואונ-גען צו שפּאָרען, זאָלען זיי שפּאָרען. און רעכט אַזוי, ביז אַהער האָבען זיי פערשוועגדט, זאָלען זיי זיך איצט געוועהנען צו לעבען מיט אַ חשבון — וואָס געהערט עס אָבער צו אונז? מיר זענען ניט קיין אויסברענגער, מיר לעבען און קליידען זיך נאָך אונזערע מיט-לען נאָך. ווי אַזוי זשע צווינגען זיי אונז אָנצוטהון טרויער נאָך זייערע פערלאָרענע קאַפּיטאַלען? זיי האָבען געזינדיגט, און מיר זאָלען תשובה טהון! ניין, זיי אויף להכעים וועל איך אָנטהון מיין נייע קלייד.

— דו וועסט ניט אָנטהון, אַניעטאַ, — האָט געזאָגט רבקה געצעל.

— פאַרוואָס עפּעס מיינסטו אַזוי ?

— ווייל דו וועסט ניט וועלען האָבען קיין אונאַנגענעהמ־ליכקייטען אויף יעדען טריט און שריט.

— און די פּאָליציי ? — האָט די פערבייזערטע אַניעטאַ זיך געפּיינט.

רבקה האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן, נור ס'איז אריינגעקומען פּאָלינא און דער ויכוח האָט זיך איבערגעריסען.

— נו, וואָס, ס'האָט דיר געלונגען ? — האָב איך געפרעגט.

— נאָך ווי, — האָט פּאָלינא געענטפערט, — איך האָב מיט איהר גערעדט, גערעדט, און זי האָט מיך ניט דערקענט, ביז וואַנען איך האָב זיך ניט צולאַכט. נאָך דעם לאַכען נאָך האָט זי מיך דערקענט. נו — צו דער זאַך, — האָט זי געזאָגט מיט אַנ'ערענסטער מינע. מיינע דאַמען, ס'איז גוט, וואָס איהר זענט געקומען, מיר האָבען אייך מיטצוטיילען זעהר אינטערעסאַנטע נייעס. זעצט זיך, הערט און שטערט ניט.

אַלע האָבען זיך געזעצט. דאָס פּנים ביי יעדערער האָט אויסגעדריקט נייגיריגקייט און פערוואונדערונג.

— הויב אָן, זאָסיע, — האָט פּאָלינא געפיהרט די אָרדנונג.

איך האָב אָבגעלייענט די קאָרעספּאָדענץ און די בעמערקונג פון דער רעדאַקציע.

דאָס האָט געמאַכט אַ גינסטיגען רושם. אונזערע חבר'טעס האָבען ווי אויפגעלעבט. די צוויבער־ווערטער פון דער צייטונג האָבען זיי טיעף גערירט. מען האָט זיך געוואָרפען קושען די שורות, וואָס האָבען אונז חשוב'ער געמאַכט אין אונזערע אייגענע אויגען. יעדערע בעזונדער האָט מיך געשטיקט אין איהרע אָרעמס פאַר די פרייד־נייעס.

— וואַרט אַקאָרשט, מיינע דאַמען, — האָט פּאָלינא אויס־געשריען אין דעם אַלגעמיינעם טומעל, — ס'איז נאָך ניט גאַר. הערט אויס נאָך אַ שטים, וואָס איז שטאַרקער און וויכטיגער פון דער שטים פון דעם אויפגעקלעהרטען זשורנאַליסט — דאָס איז די

שטים פון דער גאַנצער פוילישער נאַציע, און הערט נור, ווי ס'רופט צו אונז.

ס'איז טיעף שטיל געוואָרען און פּאָלינא האָט מיט איהר אייגענאַרטיגען טיעפען געפיהל מייסטערהאַפט דעקלאַמירט דעם „אויפרוף צו אונזערע ברידער-פּאָליאַקען משה'ס גלויבען".

דער פייערדיגער אויפרוף האָט אויף אונז געמאַכט זעהר' אַ שטאַרקען איינדרוק. דער טיעפער צער פון אונזער אומגליק-ליכען פאָטערלאַנד האָט אונז אַזוי גערירט, אַז ביי פיעל פון אונז האָבען זיך טרעהרען בעוויזען אין די אויגען. אפילו פריילין איזראַעלסאָן האָט פערגעסען איהר נייע קלייד און איז שלום געוואָרען מיט די פּאָליאַקען און מיט'ן טרויער. איצט האָט זי' פערשטאַנען די בעדייטונג דערפון און האָט איינגעזעהן, אַז מיר דאַרפען ניט אָבשטעהן פון די פּאָליאַקען. זי האָט זיך געשעמט פאַר פריהערדיגע און זיך פערענטפערט דערמיט, אַז זי האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס דאָ געהט.

— וואָס זאָל מען טהון, וואָס זאָל מען טהון? — האָבען מיר געפרעגט איינע די אַנדערע און געבראָכען די הענד, פונקט ווי מיר וואָלטען ווירקליך אימשטאַנד געווען עטוואָס צו טהון.

— צו ערשט, — האָט פּאָלינא געזאָגט, — דאַרפען מיר ליעב בעקומען אונזער פאָטערלאַנד מיט'ן גאַנצען האַרצען, מיט דער גאַנצער נשמה.

— מיר האָבען עס ליעב! — האָבען די חבר'טעס אויסגע-שריען. — מיר זענען פּאָלקעס, קאָנען מיר דאָך ניט ניט ליעב האָ-בען פוילען. עס לעבע פוילען!

— אויב מיר זענען פּאָלקעס, — האָט פּאָלינא געזאָגט, — דאַרפען מיר אָנשטאַדט „עס לעבע פוילען" אויסשרייען: „ניעח זשיע פּאָלסקאַ!" —

— ניעח זשיע פּאָלסקאַ! — האָבען אַלע חבר'טעס אויס-געשריען אין איין קול און האָבען געפּאַטשט מיט די הענד. נאָך דער ענטציקונג האָט זיך אויף אונז אָנגעטראָגען אויך אַ טרויער פון דעם אויפרוף. מ'האָט זיך ווידער אָנגעהויבען ארומצונעהמען און קושען זיך.

מיר זענען אַריבער אין זאַל, מיר האָבען זיך געפיהלט

גענויט׳גט צו לאָזען אויסצודריקען זיך אין װאָס דעם פּאַטריאָטישען ענטוזיאַזם, וואָס האָט אונז אַרומגעחאַפּט. איך געדענק ניט, וועמען איז עס איינגעפאַלען, אַז מ׳זאָל טאַנצען אַ מאַזורקע. דער געדאַנק איז אַלעמען זעהר געפעלען געוואָרען. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט ביים ראָיאַל, און די חבר׳טעס האָבען זיך גענומען פּאַר די הענר און גענומען שפּרינגען מיט אַלע קרעפטען. אין זאַל איז געוואָרען אַ טומעל און אַ טופּעריי, אַז די מוטער האָט אַריינגעקוקט צו אונז.

ווי פּאָלינא האָט דערזעהן די מוטער מיינע, איז זי צו איהר צוגעשפּרונגען, האָט איהר געחאַפּט אונטער׳ן האַנד און זיך געלאָזט מיט איהר גאַלאָפּירען איבער׳ן זאַל. די מוטער האָט זיך געשליידערט, געלאַכט, געשריען, נור פּאָלינא האָט איהר פעסט געהאַלטען.

— דו וועסט ניט אָבלאָזען, מטורפת? — האָט די מוטער געשריען און געוואָלט זיך בעפרייען פון פּאָלינא׳ס הענד. — אַי דער קאָפּ דרעהט מיר. משה! משה! ראַטעוועו!

ס׳איז אַריינגעלאָפען דער פּאָטער און האָט אַ סוף געמאַכט פון אונזערע טענץ.

— וואָס האָט איהר זיך עס היינט אַזוי צוהוליעט? — האָט ער ערשטוינט געפרעגט.

מיר האָבען איהם אין קורצען ערקלערט די זאַך.

— ווייזט אַקאָרשט מיר די צייטונגען, — האָט ער געזאָגט און האָט אַרויסגענומען זיינע ברילען, — מיר ווילען אַ קוק טהון, וואָס האָט עס אייך דאָרט אַזוי דערפרעהט.

— דאָס וועט אייך אויך דערפרעהען, ר׳ משה, — האָבען די חבר׳טעס געזאָגט מיט אַ זיכערקייט. — מיר קאָנען זיך וועטען, אַז איהר וועט אויך מאַכען אַ טענצעל.

— אַודאי, — האָט דער פּאָטער געענטפערט מיט אַ גוט־מיטיגען שמייכעל. — רחל, געה ניט אַוועק — איך לאַד דיך אויף אַ מאַזורקע. מיר האָבען זיך אַפילו ניט געלערענט ווי צו טאַנצען, נור גאָט איז אַ בעל־רחמים, ער וועט שכל געבען. וואָס זאָגסטו, רחל, אין דער יוגענד האָסטו, געוויס, אויך געקאָנט שפּרינגען, ווי אַ ציעג.

— נאָך ווי.

— הייסט עס, וועט שוין רעכט זיין. גיט מיר נור דורכ־
לייענען, וואָס שרייבט מען דאָרט אין די צייטונגען.

— מיר האָבען איהם געגעבען די צייטונג און דעם אויפ־
רוף. ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן קאַנאַפּע, האָט אָנגעטהון די
ברילען און גענומען אויפמערקזאַם לייענען. מיר האָבען איהם
אַרומגערינגעלט און אַכטונג געגעבען אויפ׳ן אויסדרוק פון זיין
פּנים, נור דאָס פּנים האָט זיך ניט אומגעענדערט, און דאָס האָט
אונז שטאַרק פערוואונדערט.

— נו, וואָס, ר׳ משה? — האָט פּאָלינא געפרעגט, ווי ער
האָט נור געענדיגט צו לייענען.

— דאָס איז, האָט ער געזאָגט, אַראָבנעהמענדיג די ברי־
לען פון די אויגען, — דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, וואָס
איז קיין ציבעלע ניט ווערטה.

פּאָלינא האָט אויפגעפלאַקערט, און מיר אַלע האָבען
אַראָבגעלאָזט די אויגען. מיר האָט פערדראָסען, די צייטונג און
דער אויפרוף האָט אויפ׳ן פאָטער ניט געמאַכט דעם רושם, ווי
מיר האָבען עס געוואָלט.

— פאַרוואָס עפּעס רעכענט איהר, אַז דאָס איז אַלץ
גאָרנישט? — האָט פּאָלינא געפרעגט, געשטיקט פון אויפ־
רעגונג.

— הערט זשע, קינדער, — האָט דער פאָטער אָנגעהויבען
רוהיג און מעשה לעהרער, — איהר זענט קלוג און געבילדעט,
אָבער איהר זענט יונג און ניט ערפאַהרען; מיר זענען, אפילו,
נאַרישע מענשען, אָבער ערפאַהרענע דערפאַר. איך זעה אַרוים,
אַז די פּאָליאַקען װעלען אויפהויבען אַ מרידה, ווי אין איין־און
דרייסיגסטען יאָהר. וואָס זאָלען די פּאָליאַקען אַנדערש טהון, אַז ניט
מרידות מאַכען? דערויף זענען זיי דאָך פּאָליאַקען... איך פערשטעה
נור ניט, צו וואָס ווילען זיי אונז אויך אַריינציהען אין דעם? וואָס
קאָנען מיר אויפטהון? וואָס פאַר אַ אַנשי־חיל זענען מיר? מיר זע־
נען אָרימע יודען און ס׳איז אונז ניט צו מלחמות פיהרען, ניט צו
פּאָליטיק. און דערצו קענען מיר די פּאָליאַקען. ניט דאָס ערשטע
יאָהר, אַז מיר לעבען צוזאַמען. זיי האָבען אונז קיינמאָל ניט ליעב
געהאַט און װעלען אונז קיינמאָל ניט ליעב האָבען. וועמען האָבען
זיי עס אין דער ערשטער מרידה (מיאַטעזש) געהאַנגען, גע־

ברענט, געראַבעוועט? אונז, די אָרימע זשידקעס, די אומשולדיגע. זיי האָבען דען געגען אונז די מלחמה געפיהרט? נור פאַר די מוטווילינגע שליאַכטעס איז עס געווען אַ שפּיעל צוצוזעהן, ווי אַ אויפגעהאַנגענער יוד צאַפּעלט זיך אויף דער תּליה און מאַכט אַזעלכע משונה־מאָדנע תּנועות דערביי, אַז די מורדים האָבען געקאָנט קייכען פאַר געלעכטער. איהר דאַרפט וויסען, קינדער, אַז ווען דעם קייזער'ס חיל זאָל אונז ניט געווען פערטיידיגען, וואָלטען די פּאָליאַקען ניט איבערגעלאָזט פון אונז קיין נפש חיה ניט, זיי וואָלטען אַלעמען אויסגעקוילעט אָדער אויפגעהאַנגען.

— אָבער איצט, — האָט פּאָלינאַ גע'טענה'ט — וועלען זיי שלום מאַכען מיט אונז, ליעב האָבען...

— דאָס זענען נור ווערטער, קינדער, ווערטער נור, — האָט דער פאָטער פּאַעטעפערט, — די כּונה איז עפּעס גאָר אַנ־דערש. אָ, מיר קענען זיי. נור זיי וועלען אונז ניט אָבנאַרען: מיר ווייסען, זענען גאָט צו דאַנקען, קליגער פון זיי. אין אונזערן אַ קליין פינגער'ל איז דאָ מעהר מח, ווי אין די קעפּ פון די אַלע „יאַסנעוועלמאָזשנע פּאַנ'עס". און דעריבער, זאָלען זיי זיך טהון, וואָס זיי ווילען — מיר אָבער זענען מיט זיי קיין חברים ניט. מיר וועלען גאָט בעטען פאַר אונזער איצטיגען קייזער, וואָס טהוט חסד אויך מיט אונז, און פּוילען... זאָל עס בונטעווען — אויפ'ן אייגענעם חורבן.

די לעצטע ווערטער האָבען אונז אַלעמען שטאַרק אַ ראַץ געטהון. מיר האָבען זיך אויפגעהויבען מיט אַ טומעל. דער פאָ־טער האָט געוואָלט אַוועקגעהן.

— מיינע דאַמען! — האָט פּאָלינאַ פּלוצלונג אויסגעשריען ניט מיט איהר שטים. — ניעח זשיע פּאָלסקאַ! יעשצע פּאָלסקאַ ניע סגיניעלאַ!

— סגיניע! האָט זיך דער פאָטער אָבגערופען פעסט און ענטשלאָסען.

— ניע סגיניע! — האָבען אַלע געשריען.

— סגיניע! — האָט ער איבערגע'חזר'ט נאָך פעסטער.

— ניע סגיניע!

— ווי מיר האָבען אַ גאָט, סגיניע! — געדענקט, קינדער, מיין וואָרט.

ער איז ארויסגעגאנגען, און מיר זענען געבליעבען צורודערטע און אויפגערעגטע. מיר זענען זיך באלד פונאנדערגעגאנגען און האבען זיך פערשפראכען -- ניט אונטערצוגעבען זיך דעם סקעפטיציזם פון די אלטע.

XIII.

מערי טידמאן צו סאפיע אראנסאן.

ג. דעם 15-טען אויגוסט, 1861.

... „חאטש איך בין דא צוויי וואכען ערשט, פונדעסטוועגען האב איך זיך בעקאנט מיט דער גאנצער היגער געזעלשאפט, דערהויפט מיט די „פני". פאר די קורצע צייט זענען ביי מיינע אלטע איבערגעוועזען כמעט אלע, וואס מאכען בכלל וויזיטען. איך, פון מיין זייט, האב שוין אויך געמאכט א האלבע דוץ נויטיגע וויזיטען, און אזוי ארום קאן איך זיך שוין רעכענען מקורב'דיג מיט דעם היגען לעבען, בפרט נאך, אז עס איז גאר איינפאך, ניט אזוי קאמפליצירט. דער פיהר איז דא א איינפאכער, כמעט פאטריארכאליש. מ'האט דא נאך קיין בעגריף ניט פון דעם אויפגעבלאזענעם באנטאן, און, א דאנק גאט דערפאר, וואס די היגע לייט זענען פשוט'ע, אפענהערציגע און אויפריכטיגע. נאך דעם ערשטען געשפרעך וויסטו שוין, מיט וועמען דו האסט צו טהון. זיי פערשטעלען זיך ניט און גרויסלען זיך ניט, ווילסטו דאס טהון, וועלען זיי דיך באלד חאפען פאר'ן האנד. מיט איין ווארט, דאס איז א פראווינץ מיט אלע איהרע גוטע מעלות. איך פ"הל זיך דא זעהר גוט צווישען די פראווינציאלע, ביי וועלכע ס'איז דא מעהר אמת און שכל, ווי ביי אונזערע גרויס=שטעדטיגע, וואס נעהמען

אלץ מיט זייער פוסטען גלאנץ. איך בין זעהר צופריעדען וואס דער גורל האט מיך ארויסגעריסען פון זייער פיינערער, אבער צוקאליעטשעטער ספערע.

ווערסטו מיך פרעגען: וואס איז אזוינס די היגע געזעלשאפט? קען איך דיר ענטפערן, אז דאס איז א געזעלשאפט, וואס איז נאך ניט קיין געבילדעטע, נור ס׳געהט צו בילדונג. איך וויים ניט, ווער האט עס אהער פערטראגען די אידעע וועגען בילדונג אבער דאס זעהט מען, אז די אידעע האט זיך דא טיעף פערווארצעלט׳ אלע לערנען זיך דא, קליין און גרוים, דערהויפט פרויענצימער, די פרויען־פענסיאנען זענען אנגעפאקט מיט שילערינען, די היגע לעהרער זענען פערנומען פון פרי־מארגען ביז אוועגד. ניט נור די יוגענד לערנט זיך ביי לעהרער, אבער אויך ניט גאר קיין יונגע ווייבלעך לערנען זיך אויך. אלע שטרעבען צו בילדונג. און דער פלאם איז אזוי גרוים! אייסגערעכענטע אין אלע אנדערע פרטים, זשאלעווען זיי אבער גארנישט ניט, ווי ס׳קומט צו בילדונג. איך האב דא געטראפען די סאמע טייערע לעהר־ביכער, די בעסטע ביכער. פאר א לעקציע צאהלט מען דא אין־דרייען, ווי ביי אונז, ניט דערפאר, וואס דא זענען ווייניגער לעהרער, נור וויל מען דינגט זיך גאר ניט מיט זיי: מ׳גיט, וויפיעל מ׳בעט. קורץ: די שטרעבונג צו בילדונג איז א מערקווירדיגע און ס׳ווארפט זיך אין די אויגען. אויב ס׳וועט אזוי ווייטער געהן, וועט די היגע געזעלשאפט ניט נור דעריאגען, נור אויך אריבעריאגען אייער אזוי געריהמטע געזעלשאפט, פאר וועלכע די יודען פון דער גאנצער געגענד זענען געוועהנט צו קניהען זיך. ביי דער היגער שטודירענדער יוגענד האב איך בעמערקט אזעלכע קעפ, פאר וועלכע מיר, ד. ה. איך און דו, וועלען גאר אין גיכען דארפען פאלען, און מיר זענען דאך כמעט די גרעסטע ליכט אין אונזער ערלויכטענער וועלט. אמת, ס׳איז א ביסעל ניט אנגענעהם, נור וואס זאל מען טהון, מ׳דארף בעניות אראבשלינגען די ביטערע פילען.

פון פאלינא׳ן האב איך די טעג בעקומען עפעס א אנגעפלוידערטען בריעף, אין וועלכען איך האב גארנישט ניט פערשטאנען. זי, דוכט זיך מיר, איז עפעס זעהר אויפגערעגט, אדער ענטציקט. שרייב מיר אן, וואס איז מיט איהר. פון איהר, וויים איך, וועל איך גארנישט ניט דערגעהן. זי רעדט פון וויכטיגע

איבערקעהרענישען אין איהר לעבען, זי ריכט זיך אויף זיי אונ חיל עם דרייסט בעגעגענען א. ז. וו. וואס איז עם אזוינס? גרים הערן מאזירסקי'ן און אלע אונזערע".

P. S. וואס רעדט מען אין שטאדט וועגען דעם, וואס מיין פאטער איז געפאהרען קיין ריגא? וואס טהוט אדאלף? צי בינסטו צופריעדען מיט פאלינען? ווי פערברענגט איהר די צייט? מיר איז דערוויל ניט לאנגווייליג. לייענען, מוזיק און וויזיטען — פערנעהמען בייא מיר די גאנצע צייט. די קרובים בעוואהרענען מיינע מינדעסטע פערלאנגען. ס'גריסט דיך סאשע. ער איז שוין אויס'ן לעצטען קורס".

XIV

דעם 25-טען אויגוסט

די פוילישע יוגענד און די פוילישע מיוחסים האבען אונז נעכטען אין שטעדטישען גארטען געמאכט גרויסע אוואציעס. און ס'איז אויסגעקומען גאר אונערווארטעט. מיר, ד. ה. איך און מיינע חבר'טעס האבען, ווי געוועהנליך, שפאצירט צוזאמען. איך ווייס ניט, צי אונזער קאסטיום, אדער אונזער פוילישער געשפרעך האט זיך עם אין די אויגען געווארפען, נור דאס שפאצירענדע פובליקום האט אויף אונז אנגעהויבען שטארק צו קוקען. באלד אבער איז די שטומע אויפמערקזאמקייט געווארען מעהר אויסדריקליכער. מען האט אונז אנגעהויבען צו בעגריסען, אראבנעהמען די היטלען, און דאס האבען אלץ געטהון גאר אונבעקאנטע לייט. לכתחילה האבען מיר געהאט געמיינט, אז דאס מאכט מען חוזק פון אונז, און מיר האבען זיך אומרוהיג ארומגעקוקט, צי וועלען מיר ניט בעגעגענען א בעקאנטען קאוואליער, וואס זאל אונז בעשיצען פון א סקאנדאל. אבער אין די בליקען פון די דאמען און הערען, וואס האבען זיך אונז געגריסט, איז געווען אזוי פיעל

גוטהערציגקייט, אַזוי פיעל אויפריכטיגקייט און ניט קיין געמאַכטע מיטטייל, אַז מיר האָבען זיך גאָר געשעמט צו טראַכטען וועגען עפּעס ניט גוטעס. מיר האָבען זיך בערוהיגט און אָנגעהויבען אָבצוענטפערן אויף די בעגריסונגען, ווי אַלטע גוטע בעקאַנטע. אַז מיר פלעגען דורכגעהן פאַרביי אַ בענקעל׳ פלעגען די קאוואַליערן, וואָס זענען דאָרט געזעסען, שנעל אויפשטעהן און פאָרלעגען אונז זייערע ערטער. מיר בעדאַנקען און געהען ווייטער. אין גיכען איז צו אונז צוגעשטאַנען וואַצלאַוו, וואָס האָט בעקומען די ערלויבניש צו זיין אונזער קאַוואַליער און שוין פון אונז ניט אָבגעגאַנגען. אַלס אַ גוטען בעקאַנטען, האָבען מיר פאַר איהם אַרויסגעזאָגט אונזער פערוואונדערונג, וואָס גאָר אונבעקאַנטע לייט פערהאַלטען זיך היינט צו אונז אַזוי.

— ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס איהר קענט זיי ניט, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט, — זיי אָבער קענען אייך און ווילען זעהר נעהענטער בעקענען זיך מיט אייך. שלעכטע פּאָליאַקען וואָלטען מיר געווען, ווען מיר זאָלען ניט וויסען און ניט אַכטען יענע, וואָס זענען מיט אונז און פאַר אונז.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז מיר זענען מיט אייך און פאַר אייך? האָט פּאָלינא קאָקעטיש געפּרעגט.

— ערלויבט מיר ניט אויסצוזאָגען אייך פון וואַנען מיר וויסען דאָס. גענוג, אַז מיר ווייסען. מיר ווייסען אפילו, ווער איז געגען אונז, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט און האָט דערביי זעהר בעדייטענד אַ קוק געטהון אויף מיר.

איך בין רויט געוואָרען, דערמאָנענדיג זיך אָן מיין פאָטערס מיינונג וועגען די פּאָליאַקען. מיר איז געוואָרען מאוס און אונאַנגענעהם, וואָס מיין פאָטער איז צו זיי ניט אַזוי פריינדליך געשטימט, ווי די פּאָליאַקען גופא איצט. נור פון וואַנען זאָל עס וואַצלאַוו וויסען, וואָס מיין פאָטער קלעהרט? אָדער מיר האָט זיך עס נור אָבגעדאַכט, אַז ביי די לעצטע ווערטער האָט וואַצלאַוו עפּעס בעזונדערס אַ קוק געטהון אויף מיר?

פערטיעפט אין מחשבות, האָב איך ניט בעמערקט, ווי מ׳האָט אונז דעם וועג פערשטעלט. איך האָב אויפגעהויבען די אייגען. — פאַר אונז איז געשטאַנען אַ דאַמע מיט צוויי פריי-

לענס. נאָך זייער טואַלעט נאָך און דער שלאַנקייט איז קענטיג געווען, אַז די דאַמען זענען פון די הויכע קרייזען.

— פערצייהעט, מיינע דאַמען, — האָט די דאַמע אָנגע־הויבען מיט אַ בעצויבערנדען שמייכעל אויף איהרע דינע ליפען,— פערצייהעט, וואָס איך האָב אייך דעם וועג פערשטעלט. איך האָב זיך ערלויבט אַזוי אונהעפליך צו האַנדלען, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער מיטעל, ווי אַזוי בעקאַנט צו ווערען מיט אייך. הערר זאַרעמבאַ, — האָט זי זיך געווענדעט צו וואַצלאַוו'ן — צי' וועט איהר ניט נעהמען אויף זיך די מיה פאָרצושטעלען אונז?

— מיט דעם גרעסטען פערגניגען, ליבטיגע פאַני גרעפין,— האָט וואַצלאַוו געענטפערט, האָט אויפגעהויבען זיין הוט און האָט פייערליך אַרויסגעזאָגט, נויגענדיג זיך גראַציעז ביי יעדען נאָמען:

— די גרעפין סטאַשיצקאַיאַ... די פירסטין אַמעליע דע מילפאָר... פאַנאַ יאַדוויגאַ פאָן־דער־גאַרעט...

דערנאָך האָט ער אונז פאָרגעשטעלט, יעדע בעזונדער. — איצט, הייסט עס, זענען מיר בעקאַנט צווישען אַנאַנד, — האָט די גרעפין געזאָגט, — און אַלס בעקאַנטע קאָנען מיר שוין ווייטער שפּאַציערען אינאיינעם, ווען ס'וועט אייך ניט זיין עקעלהאַפט.

די לעצטע ווערטער האָבען שיער ניט צושטערט אינגאַנצען דעם זיסען חלום פון דער ערשט געשלאָסענער יחוס'דיגער בע־קאַנטשאַפט: די ווערטער האָבען מיר געקלונגען ווי אַ בעליידיגונג, אַ אויסגעשפּאָט. איך האָב בגנבה אַ קוק געטהון אויף דער גרעפין צי וועל איך עפּעס ניט בעמערקען אויף איהר צאַרטען, אויסדריק־ליכען פנים. אָבער אויף דעם כמעט דורכזיכטיגען פנים האָב איך אויסער דעם זיסען בעצויבערנדען שמייכעל גאָרנישט ניט בע־מערקט, און איך האָב זיך בערוהיגט.

די גרעפין איז אַוועק מיט פּאַלינאַ'ן, וואָס האָט, ווי אַ פויגעל פריי געצוויצערט, פונקט ווי זי וואָלט עס געגאַנגען מיט ווע־מען פון אונז, און ניט מיט אַ גרויס־וועלטישער דאַמע, אַן'אַריס־טאָקראַטין. סאיז צו בעוואונדערן געווען איהר פרייען האַלטען זיך. די גרעפין האָט ווענינ גערעדט. זי פלעגט נור שטעלען פראַגען און אויסהערען אַ ענטפער. די אַנטוואָרטען, קענטיג, האָ־בען איהר בעפרידיגט, וואָרום זי האָט זעהר אָפט געדריקט פּאָ־לינאַ'ן די האַנד.

איך בין געגאַנגען מיט דער פירסטין מילפאָר, אַ שטאַרקע ברוניעטין און אַ גרויסע בעל=דברנ׳יטע, וואָס האָט מיך ניט געלאָזט אויסריידען קיין צוויי ווערטער אַפילו. איך בין דערפון דוקא צופריעדען געווען, ווארום איך פיהל מיך שטענדיג אונבעקוועם אין אַ געשפרעך מיט אַ מענשען, וואָס איז מיר ניט אינגאַנצען בעקאַנט. מיר, אָדער אמת׳דיגער געזאָגט, די פירסטין האָט גערעדט פון ליטעראַטור, מוזיק, פון פאָטערלאַנד, וואַרשוי, פון קאָסטיושקא, מיצקעוויטש, סיראָקאָמלי, סטאַניסלאַוו פאָניאַטאָווסקי, וועגען דעם בעפרייטען פוילען און נאָך אַנדערע אינטערעסאַנטע זאַכען, וואָס זענען מיר אויך מעהר אָדער ווייניגער בעקאַנט געווען. די פירסטין רעדט זעהר שען, דער הויפט לעבעדיג. קענטיג, אַז זי האָט בעקומען אַ פיעל=זייטיגע בילדונג, נור אַלץ פון אויבען=אויף. אויך רעכען איך, אַז זי זאָל בעזיצען אַ גרינדליכע וויסענשאַפט. איבריגענס... צו וואָס זאָל איך זיך חקר׳נען?

פאַנאַ יאַדוויגאַ, אַ שלאַנקע בלאָנדינקע מיט עטוואָס אַ שטאָלצען פנים, איז געגאַנגען מיט פריילין איזראַעלסאָן. דער געשפרעך איז ביי זיי ניט געגאַנגען, מ׳טהוט אַ זאָג אַ פאָר ווערטער — און מ׳שווייגט. זיי ביידען, אַפנים, איז עס געווען שרעקליך לאַנגווייליג. דערפאַר אָבער איז אונזערע איבעריגע חבר׳טעס שוין גאָרניט געווען לאַנגווייליג. זיי האָט אונטערהאַלטען פאַן וואַצלאַוו, און ער, אַלס געשיקטער קאַוואַליער, האָט שוין אַזוי געפיהרט דעם געשפרעך, אַז יעדערער האָט געקאָנט אַריינגעבען איהר׳ס אַ וואָרט.

חאָטש דער יחוס פון דער געזעלשאַפט האָט אונז געקיצעלט, פונדעסטוועגען איז אונז די גאַנצע צייט פאָרט געווען עפעס אונאַנגענעהם, אונבעקוועם. צי דערפאַר, וואָס דאָס שפאַצירענדע פובליקום האָט אויף אונז צונייגעריג געקוקט, אָדער דערפאַר וואָס חאָטש די גרעפין האָט צו אונז אַרויסגעוויזען גרויס אויפמערקזאַמקייט, האָבען מיר פונדעסטוועגען אויף איין ווייל ניט פערגעסען דעם טיעפען אָבגרונד, וואָס געפינט זיך צווישען דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע און צווישען אונז, יודישע מיידלעך. אַז די גרעפין האָט אָנגעהויבען צו זעגענען זיך מיט אונז, האָבען

מיר זיך אינערליך זעהר דערפרעהט דערפון. מיר האָבען איהר בעגלייט ביז׳ן קאַרעטע, ווי זי האָט עס געבעטען. אַוועקזעצענדיג זיך אין קאַרעטע, האָט זי אונז ווידער געדריקט די האַנד און געבעטען, מיר זאָלען זיין בעקאַנט. די פירסטין האָט אונז לוסטיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און די פּאַנאַ יאַדוויגאַ האָט עפּעס אומגעלומפּערט געקוקט אויף אונז, אויף דער גרעפין און אויפ׳ן לאַמטערן־שטאַנג. אַ פּנים, אַז זי איז אַ רעכטע שוטה .

פּאָלינא איז ענטציקט פון דער גרעפין, פון וואַצלאַוו׳ן און פון אַלצדינג, וואָס ס׳קומט איצט פאָר אין שטאָדט; איך בין, דוכט זיך, אויך צופריעדען. נור... די חקירות! דאָס לאָזט מיך ניט רוהען, כסדר נישטערן און זוכען, דורכאוים ספקות, אונצו־טרוי און שרעק. צי די נייקייט פון דער זאַך בעאונרוהיגט עס מיך אַזוי, אָדער דאָס איז אין מיר די יודישע אייגענשאַפט — ניט אָבצוגעבען זיך אינגאַנצען?... פּאָלינא האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען דער נייער לאַגע — און זי איז גליקליך. אָבער זי איז — אַ אויסנאַהם. מיר ווילט זיך זעהר זיין אַנ׳עכטע פּוילישקע, נור איך קאָן עפּעס ניט, כ׳בין ניט געוועהנט. אָדער דער סקעפּ־טיציזם פון די אַלטע, וועלכע זענען גאָר קיין נאַראָנים ניט, לאָזט מיך ניט פּעסט זיך אַוועקשטעלען אויפ׳ן נייעם באָדען. און וואָס איז באמת, אַז די פּאָליאַקען נאַרען אונז אָב? און צוריק גע־קלעהרט, וואָס וועט עס זיי צוגעבען?

מ׳דאַרף אַמאָל דורכשמועסען וועגען דעם מיט מאָזירסקי׳ן. וואָס רעכענט ער וועגען דעם? אַלס אַ מענש, וואָס דענקט, האָט ער שוין געווים אַ בעשטימטע מיינונג וועגען אַלצדינג, וואָס קומט פאָר איצט ביי אונז.

איבריגענס, וואָס וועט זיין, מוז זיין, מיר וועלען וואַר־טען . . .

XV.

מערי טידמאַן צו סאָפיע אַראַנסאָן.

ג. דעם 13-טען אויגוסט, 1861.

„איך וועל דיך איצט בעקענען מיט דעם העלד פון דער היגער געזעלשאַפט. זיין נאָמען איז — אַרקאַדי סאַרין, זיין בעשעפטיגונג — לעהרעריי. אַ לעהרער און אַ העלד! אמת, ס'איז אַ ביסעל מאָדנע? נור דאָס איז אַ פאַקט. כ'וועל דיר שוין דערצעהלען כסדר.

כמעט אין דעם ערשטען טאָג פון מיין אָנקומען קיין ג. האָב איך דערהערט דעם נאָמען סאַרין, ביי וועלכער געלעגנהייט געדענק איך שוין ניט. דערנאָך, אַז איך האָב אָנגעהויבען צו מאַכען וויזיטען און קענטשאַפט, האָב איך דעם נאָמען דערהערט אַלץ אָפטער און אָפטער. „סאַרין האָט אַזוי געזאָגט", „סאַרין האַלט אַזוי", „סאַרין וועט עס ניט דערלאָזען", „פרעגט ביי סאַרינען" — איז מיר כסדר אויסגעקומען צו הערען אין די הייזער, וואוהין איך פלעג אַריינקומען. אַלע ריידען דאָ פון סאַרינען. מעהר פון אַלץ אָבער האָט מיך פערוואונדערט, וואָס איך האָב די בעגייסטערונג בעמערקט ביי די מוטערס און ביי די טעכטער צוגלייך. וואָס איז דאָס פאַר אַ סאַרין—האָב איך געטראַכט — צי איז עס ניט עפּעס אַ קליין-שטעדטילשער פאַצעט, אַ פראָווינציעלער דאָן-זשואַן, וואָס פערדרעהט די קעפּ די תמימות'דיגע דאַמען און פריילינס פון דער היגער קליינער געזעלשאַפט? איך האָב זיך אָבער טועה געווען אין דעם. מאַדאַם ליפּמאַן — מיין בעל-סוד דאָ היע — האָט צושטערט דעם טעות מיינעם. פון איהר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַרקאַדי סאַרין איז גאָר אַנ'אַנדער מין העלד, און די בעגייסטערונג פאַר איהם איז גאָר ניט קיין קאָמפּראָמעטירענדע, ניט דאָס, וואָס מ'רופט געוועהנליך „פערגעטערונג".

איך דאַרף דיר זאָגען, אַז דער היגער פערסאָנאַל לעהרער-

איז זעהר אַ געלונגענער, אַז בעסער קאָן מען זיך גאָר ניט ווינ־שען. די היגע לעהרער זענען ניט קיין פּשוט'ע בעלי־מלאכות, נור אמת'ע ערציהער, וועג־ווייזער, וואָס קוקען ערנסט אויף זייער זאַך און בעשעפטיגען זיך דערמיט מיט ליעבע און בעגייסטע־רונג. פון זיי האָט זיך גרופירט אַ פעראיין מיט געוויסע פּרינציפּען מיט אַ בעשטימטער ריכטונג און ציעל. דאָס ציעל איז — צו פערשפּרייטען בילדונג, אויפקלערען אַלע שיכטען פון דער היגער יודישער געזעלשאַפט, ווירקען אויף די מאַנספּערזאָנען און פרויען, אויף די אַלטע און יונגע, אויף די רייכע און אָרימע. צו דעם ציעל שטרעבען זיי ענערגיש, פּלאַנמעסיג. די יוגענד בילדען זיי דורך גוט אָרגאַניזירטע שולען און פּריוואַטע לעקציעס, און אויף די אַלטע ווירקען זיי דורך געשפּרעכען, ויכּוחים, צייטונגס־אַרטיק־לען, ביכער א. ז. וו. אַזוי אָבער ווי די אויפגאַבע איז זעהר אַ ברייטע און מ'דאַרף דערצו פיעל קרעפטען, האָבען זיי זעהר קלוג געטהון, וואָס זיי האָבען צוגעצויגען אויף זייער זייט יעדערן, ווער ס'האָט נור עפּעס אַ שייכות צו פאָלקס־בילדונג.

צו זייער קרייזעל געהערען דאָ אָן דעריבער אַלע פּריוואַטע לעהרער, אַפילו די אונווּיסענדע „אופיר־שרייבער". די מעהר אויפגעקלעהרטע מלמדים, מגידים פון פערשיעדענע שוהלען, די יודישע שריפטשטעלער, אָדער אַזעלכע וואָס פּרעטענדירען צו זיין שרייבערס, די בוכהענדלער — מיט איין וואָרט: אַלע, וואָס טרעפען זיך אָן מיט דאָס פאָלק ביי די גייסטיגע בעדערפנים. צו דעם קרייזעל געהערט אָן אויך, געהיים פערשטעהט זיך, איינער פון די היגע גרויסע תּלמודיסטען, וואָס די גאַנצע אָרטיגע געזעל־שאַפט פּאַלט פּאַר איהם. אין דעם קרייזעל ווערען צוגעגרייט רעדעס פּאַר שוהלען, וואו ס'דאַוונען די סאַמע פאַנאַטישע לייט, אַרטיקלען פּאַר צייטונגען רוסישע, יודישע און אפילו אויסלענדישע און פּאַרטראָגען אין העבערע רעגירונגס־אַנשטאַלטען אַלץ בנוגע צו בילדונג צווישען יודען. קורץ, דער קרייזעל אַרבייט סיסטע־מאַטיש און אונערמיעדליך.

בראש פון אָט דעם קרייזעל געפינט זיך אַרקאַדי סאַרין. ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר, דער פיהרער, די נשמה פון קריי־ז

אָהן איהם טהוט זיך גאָרנישט. ער צוטיילט די טעטיגקייט, ווייל ער ווייס צו וואָס יעדערער איז פעהיג און ער גיט אַכטונג אויף דער אַרבייט. די מיטגליעדער פאָלגען איהם גערן, ווייל זיי זעהען אין איהם אַ מענשען אָהן פּניות און אָהן אייגען־נוצען. אַלע סכסוכים און מחלוקות ווערען דורך איהם אויסגעגליכען באַלד פון אָנהויב, וואָס דאָס פערהיט דעם קרייזעל פון צופאַלען. אַלע אַנערקענען, אַז דער קרייזעל עקזיסטירט נור אַ דאַנק סאַרינען, און דעריבער זענען זיי איהם איבערגעגעבען מיט דער גאַנצער נשמה. סאַרינ׳ס אַ וואָרט איז אַ געזעץ.

אָט דאָס איז דער העלד דער לעהרער, וועגען וועלכע ס׳ריידען דאָ סיי אַלטע סיי יונגע.

די אַלע פּרטים האָב איך זיך דערוואוסט פון מאַדאַם ליפּ־מאַן, וועלכע געהערט אָן אויך געווים, ווי מיר דוכט זיך, צו דעם קרייזעל, חאָטש זי אַליין זאָגט עס מיר ניט אָפען אַרויס. זי איז אַ געבילדעטע פרוי ניט קיין יונגע שוין, אַנ׳אַלמנה אַ בעמי־טעלטע און אַ קלוגע, ווי דער טייוועל אַליין. איהר הויז איז אָפען פאַר אַלעמען, זי נעהמט אויף בײַ זיך כמעט אַלע מיטגליעדער פון קרייזעל, וואו זי איז, ווי איך וויל טרעפען, אי קאַסיר אי־בוכהאַלטער. אין די הויגע שולען און פענסיאָנען האָט זי איהרע סטיפּענדיאַנטען און שילערינען, און אפנים, אַז ניט מיט ווער־טער אַליין, נור מיט עטוואָס ממשות׳דיגעם שטיצט זי די אָרימע יודישע ליטעראַטען, וואָרום איך האָב בײַ איהר געפונען עטליכע יודישע ביכער, וואָס זענען איהר געווידמעט. זי קען העברעאיש ניט ווייניגער פון אַ רעכטען מאַנספּערזאָן. אין אונזער געריהמטער נ. וועסטו ניט געפינען אַזאַ פרויענצימער. זי איז אַ כבוד פאַר אַלע אונזערע פרויען.

מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט בעקאַנט ווערען מיט דעם מערקווירדיגען קרייזעל, דערהויפּט מיט דעם פיהרער אַרקאַדי סאַרין.

איך האָב זיך געריכט צו בעגעגענען איהם בײַ דער מאַדאַם ליפּמאַן, וואו ער קומט אַריין גאַנץ אָפט, נור שטענדיג פלעגט זיך מאַכען, אַז איך פלעג קומען צו איהר אָדער צו־פריה אָדער צו־שפּעט, מיך האָט עס פאַרדראָסען, וואָרום איך בין געווען נייגעריג...

די טעג בין איך צולעצט בעקאַנט געוואָרען מיט איהם, נור... דער בריעף האָט מיך שוין אַזוי אויך אָבגעמאַטערט, און איך דאַרף אָבלעגען אויף מאָרגען די בעשרייבונג פון אונזער בעגעגעניש...

דעם 24-טען אויגוסט.

אייער-נעכטען אין דער-פריה, ווי איך בין נור פאַרטיג געוואָרען מיט'ן אָנטהון זיך, איז צו מיר אַריין אונזער דיענסט און געזאָגט, אַז איינער אַ יונגער-מאַן וויל מיך זעהן.

— וואו איז ער? — האָב איך געפרעגט.

— ער וואַרט אין גאַסט-צימער.

אַ קוק אַריין אין שפּיגעל און כ'בין אַרויס אין גאַסט-צימער.

דער יונגער-מאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט: אַרקאַדי סאַרין.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נור איך האָב זיך אַ ביסעל צוטומעלט און, דוכט זיך, רויט געוואָרען. אָהן ווערטער האָב איך איהם צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און, דוכט זיך, ניט זעהר גראַציעז.

— מיט אייערע אַלטע לייט — האָט סאַרין אָנגעהויבען, — בין איך זעהר גוט בעקאַנט, איך קום אַריין צו זיי גאַר אָפט. אייער פאָטער איז אַלט אין יאָהרען, אָבער יונג אין גייסט, מיר פערשטעהען זיך זעהר גוט איינער דעם אַנדערן. יאָ, מ'קאָן זיך ביי איהם עפּעס אָבלערנען... נור צום בעדויערן, זעה איך זיך מיט איהם די לעצטע צייט זעלטענער: כ'בין אַלץ פערנומען, און מ'קאָן זיך ניט אויסקלויבען צו זעהן ווען מ'וויל. ווייל איך בין אַזוי פערנומען, האָב איך אויך דעם פערגניגען ניט געקאָנט האָבען צו בעקענען זיך מיט אייך פריהער.

איך האָב זיך ווידער אַ נויג געטהון און איהם געבעטען זיצען.

ער האָט זיך געזעצט און מיר האָבען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דער שטאָדט ג. און דער שטאָדט נ. און שטעל זיך פאָר, אַז ער ווייס אונזער שטאָדט נ. ווי זיינע אייגענע פינף פינגער, ער האָט דאָרט פיעל בעקאַנטע און פריינד אפילו. מאָזירסקי, דהיינו, איז זיינער אַנ׳אַלטער גוטער פריינד, אַ שול־חבר, און זיי שרייבען אָפט איינער דעם צווייטען. מיך וואונדערט נור, וואָס מאָזירסקי האָט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט זיין נאָמען אפילו פאַר אונז. זאָלסט איהם שוין דערפאַר אָבגעבען דאָרט אַ גאָב. ער זעהט, ווי איך פאָהר אָב קיין נ., און זאָגט מיר ניט, אַז ער האָט דאָרט אַ פריינד! וואָס איז עס אַזוינס: ער האָט פערגעסען, אָדער עפּעס אַנדערש וואָס? דערנאָך האָט סאַרין אָנגעהויבען וועגען דעם ענין, צוליעב וועלכען ער איז אייגענטליך אריינגעקומען; ראשית וועל איך דיר זאָגען אין קורצען, ווי סאַרין זעהט אויס.

סאַרין איז אַ יונגער־מאַן אַ יאָהר צוואַנציג, צוויי און צוואַנציג, אַנ׳איידעלער, פון מיטעלען וואוקס, מיט אַנ׳ערנסטען כמעט אַ שטרענגען פנים. ווען ניט זיין פערטראַכטער, עטוואָס פערטרויערטער בליק, זיין אָנגענעהמער אָבער מעלאַנכאָלישער שמייכעל — ווען ניט דאָס, וואָלט זיין פנים גאָר ניט אַזוי סימפּאַטיש אויסגעזעהן. אַ געוועהנליכעס פנים, וואָס מ׳געהט פאַרביי גאַנץ גלייכגילטיג. אָבער דער בליק און דער שמייכעל מאַכען איהם זעהר סימפּאַטיש. געקליידעט איז ער ניט מעשה פראַנט און ניט נאָך דער מאָדע נאָך, אָבער מיט געשמאַק. די מאַניערען זיינע זענען ניט זעהר אויסגעפיינטע, אָבער אויך ניט קיין אומגעלומפּערטע. ער האַלט זיך איינפאַך, פונקט ווי איינפאַך און אויפריכטיג ער רעדט.

— איך בין, פריילין, געקומען צו אייך מיט אַ בקשה, — האָט סאַרין געזאָגט, ווען מיר האָבען פערענדיגט דעם געשפּרעך וועגען די געמיינזאַמע בעקאַנטע.

— צו מיר מיט אַ בקשה? מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב געהערט, אַז איהר האָט מיטגעבראַכט אַ היבשע ביבליאָטעק.

— דאָ איז עס שוין געוואָרען אַ היבשע, — האָב איך גע־זאָגט, — איך האָב עטליכע צעהנדליג ביכער, וואָס צווישען זיי וועלען זיך אפשר געפינען עטליכע רעכטע, — אָט דאָס איז די גאַנצע ביבליאָטעק.

— פאַר אונז וועט דאָס אויך קלעקען, — האָט סאַרין געענטפערט, — דאָ עטליכע גוטע ביכער, דאָרטען עטליכע, ווערט עס אַרום און אַ היבשע ביסעל גוטע ביכער. איהר דאַרפט וויסען זיין, פריילין, אַז אונזער שטאָדט האָט אַ רגילות אַ סך צו לייענען.

— איך ווייס אפילו ווער עס האָט די רגילות אײַנגעפיהרט דאָ אין שטאָדט, — איך האָב בעמערקט, אָנווייזענדיג, אַז איך בין בעקאַנט מיט דער טעטיגקייט פון דעם היגען קרייזעל.

— נור קיין עפענטליכע ביבליאָטעק איז דאָ ניטאָ, — האָט ער צוגעגעבען, ניט אָבשטעלענדיג זיך אויף מיין בעמערקונג. — ווי זשע זאָל מען בעפרידיגען די ערוואַכטע און שטייגענדע בע־דערפענים אין לייענען? האָבען מיר זיך אײַנגעאָרדענט אַזוי: ביי יעדערן פון אונז געפינען זיך עטליכע ביכער, האָבען מיר געמאַכט אַ רשימה פון אַלע היגע פריוואַט ביבליאָטעקלעך, און פון דער רשימה האָבען מיר צונויפגעשטעלט אַ קאַטאַלאָג פון אַלע ביכער, וואָס זענען דאָ אין שטאָדט און בעצייכענט, וואו וועלכע בוך גע־פינט זיך. אָט דער קאַטאַלאָג איז אונזער געזעלשאַפטליכע 'ביבליאָ־טעק, און מ'דאַרף דערצו ניט האָבען קיין בעזונדער וואוינונג, קיין ביבליאָטעקאַר און קיין שום הוצאות. יעדערער פון אונז האָט ביי זיך אַ קאָפּיע פון דעם קאַטאַלאָג, אַז ס'איז נויטיג אַ בוך שרייבט מען אָן אויף אַ קאַרטעל דעם נאָמען פון בוך, דערנאָך דעם אייגענעם נאָמען און מ'שיקט עס אָב צום אייגענטימער פון בוך. אויף דעם אופן פערמאָגט יעדערער פון אונז אַ גרויסען אויסוואהל ביכער וואָס דערגרייכט שוין איצט ביז 1200 עקזעמפּלאַרען פון 400 פערשיעדענע נעמען.

— מיט צייטונגען און זשורנאַלען טהוען מיר אויך אַזוי, — האָט סאַרין צוגעגעבען, — איינער שרייבט אויס איין צייטונג, אַנ׳אַנדערער — אַ צווייטע, און נאָכ׳ן איבערלייענען בייט מען זיך אָט אַזוי דאַרף מען ניט מרבה זיין בהוצאה און מ׳האָט די מעג־ליכקייט צו בעקענען זיך מיט די בעסטע פעריאָדישע אויסגאַבען היגע און אויסלענדישע, דערוויסען זיך די ליטעראַרישע, פּאָלי־טישע און געזעלשאַפטליכע נייעס.

— איך האָף, אַז איהר וועט מיר אויך געבען די מעגליכ־קייט, — האָב איך געזאָגט.

— מיט׳ן גרעסטען פערגניגען, — האָט סאַרין געענטפערט, — מיר וועלען צו אונזער קאַטאַלאָג צוגעבען די רשימה פון אייערע ביכער, און איהר וועט ווערען אַ מיטגליעד פון אונזער אָריגינע־לער „לייהביבליאָטעק״ מיט אַלע רעכט און זכיות פון אַזאַ מיטגליעד.

— הערט אָבער, ה׳ סאַרין, — האָב איך געזאָגט, — מיינע ביכער געפינען זיך אין אַזאַ אונאָרדנונג, אַז איך קאָן אייך פשוט ניט אויסרעכענען אפילו, ווי זיי רופען זיך אָן. און וועגען אַ סיסטעמאַטישען קאַטאַלאָג איז שוין אָבגערעדט: דאָס איז ניט פאַר אונז געדאַכט.

— נו, ס׳מאַכט ניט אויס, — האָט סאַרין מיך בערוהיגט, — מיר וועלען דאָס צורעכט מאַכען. מיר וועלען צו אייך צושיקען איינעם, וואָס וועט אַלע ביכער ברענגען אין אָרדנונג, וועט זיי סאָרטירען אין בעזונדערע אָבטיילונגען, צו די רוקענס וועט ער צוקלעפּען נאָמערן און וועט מאַכען אַ קאַטאַלאָג. איהר דאַרפט נור מסכים זיין אויף אונזערע סטאַטוטען, וועלכע מ׳וועט אייך די טעג צוטראָגען. אַלזאָ, זענט איהר מסכים?

— מסכים.

— וועט איהר, הייסט עס, איצט שוין ערלויבען מיר אַ קוק צו טהון אויף אייער ביבליאָטעק, איך זאָל מיך האָטש וויפיעל ניט איז בעקענען מיט דעם?

— מיט׳ן גרעסטען פערגניגען.

איך האָב איהם אַריינגעפיהרט אין מיין צימער און

כ'האָב אויפ:עעפענט דעם שראַנק מיט ביכער. ער האָט אָנגע טהון די פענסנע און אָנגעהויבען דורכקוקען.

— די ביבליאָטעק איז ניט קיין גרויסע, אָבער אַ גוטע, — האָט ער געזאָגט: — מישלע... געזאָ... וועבער... שלאָסער... עטהע... שעקספיר... מענדעלסאָהן... קאַנט... פיכטע... פייערבאַך... וואָס טהוען זיי דאָ ביי אייך — האָט ער געפרעגט, אַ קעהר. געבענדיג זיך צו מיר, — איהר שטודיערט דען די דייטשע פילאָזאָפיע?

— דאָס זענען מיין פאָטער'ס ביכער, — האָב איך געענטפערט.

— אַ גוטע ביבליאָטעק, — האָט ער איבערגע'חזר'ט, מ'דאַרף נור אָרדנונג מאַכען.

סאַרין האָט זיך צוזעגענט מיט מיר און איז אַוועק. ער האָט אויף מיר זעהר אַ גוטען איינדרוק געמאַכט. אַ דאַנק מיין ביבליאָטעק וועל איך שוין איצט עטוואָס אַ שייכות האָבען צו דעם היגען קרייז, וואָס אַרבייט אַזוי גוט. אייער שטאָדט פערמאָגט ניט אַזאַ קרייזעל און קאָן עס ניט פערמעגען. ניט די מענשען! דו זאָלסט נור קיין פעריבעל ניט האָבען, מיין ליעבע, איך קוש דיך הונדערט מאָל".

XVI.

דעם 31-טען אויגוסט.

אין גאַנץ שטאָדט הערט מען ניט אויף צו ריידען וועגען דעם כבוד, וואָס מיר האָבען געהאַט פון דער גרעפין סטאַשיצ- קאַיאַ. בעקענטע גראַטוליערען אונז און פרעגען זיך נאָך וועגען פרטים פון דעם שפּאַציער. פיעל גלויבען גאָר ניט, דאָס די גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, אָט די שטאָלצע פוילישע אַריסטאָקראַטקע, זאָל קאָנען אויף אַזויפיעל פערגעסען זיך, אַז זי זאָל עפענטליך

אוועק שפאַציערען אונטער'ן האַנד כמעט מיט יודישע מיידלעך. אין דעם פיעל-בעדייטענדען פאַקט זעהען פיעל איין פּאָר יודען אַ אומענדערונג צו גוטען. אַ סך פערהאַלטען זיך צו דעם פאַקט סקעפּטיש. „רמאות! אַ אָנשטעל! — זאָגען זיי, די פּאָליאַקען וועלען אונז ניט ליעב האָבען, און די גאַנצע ברודערשאַפט מיט יודען איז נור אַ קאָמעדיע, פּאָליטיק. זיי זוכען אונזער פריינדשאַפט, ווייל זיי האָבען איצט אַזאַ בעפעהל פון ווארשוי, פון פּאַריז. אין האַרצען אָבער ביי זיי איז שנאה און עקעל צו אונז, אַזוי ווי פריהער. די פּאָליאַקען זענען זעהר ביטרע און מאַכען גור דעם אָנשטעל".

וואו איז דער אמת? אָ, גאָט מיינער, צי דען קאָנען מענשען זיין אַזוי פאַלש? וואָס פאַר אַ נוץ איז די פּאָליאַקען אָבּ־צונאַרען אונז? פאַרוואָס זאָלען זיי ניט קאָנען ליעב האָבען אונז מיט אַנ'אמת? צו וואָס זאָל מען עס פיינד האָבען איינע די אַנדערע?... ניין, דאָס איז ניט קיין נאַרעריי, ניט קיין אָנשטעל!... אוועק פון מיר, אומגליקליכע מחשבה! —

פיעל פון אונזערע חבר'טעס, וואָס האָבען ניט זוכה געווען צו דעם כבוד פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, זענען אונז מקנא און זיי פערדריסט עס. די פריילין זאָקמאַן איז פשוט אויסער זיך און איז ברוגז אויף אונז. אָט איז אַ שוטה! ווי פערשטעהט מען עס ניט, אַז די גרעפין האָט עס אין אונזער פערזאָן געצערטילט די גאַנצע יודישע יוגענד, און אַלזאָ — אויך איהר?

אין דער גאַנצער געשיכטע געפעהלט מיר דאָס, וואָס די פריילין זאָקמאַן און פיעל אַנדערע יודישע מיידלעך האָבען צולעצט פערשטאַנען, אַז ס'איז נויטיג צו קענען די פּוילישע שפּראַך, און זיי האָבען זיך איצט ערנסט גענומען דערפאַר. אַ סך בעסער איז צו זיין אין אונזער געגענד אַ וועלכער ס'איז פאַלקע, ווי צו קרימען פון זיך אַ דייטשקע. די טעג האָב איך אין דער פּאַנאַ איזאַבעלאַ רעקאָמענדירט פינף נייע שילערינס. נעכטען, בענע־געגענדיג זיך, האָט זי מיר געזאָגט, אַז די שיהלערינס מאַכען זעהר שנעלע פּאָרשריטע אין פּויליש. זיי קאָנען זיך גאָר ניט אָבלויבען זייער פלייס און פערשטאַנד, זי איז, פערשטעהט זיך, זעהר צופריעדען, אָבער איך בין נאָך מעהר צופריעדען, ווען

ס׳זאָל זיך נור אָן מיר געווענדט, וואָלט איך הייסען אַלע יודען צו לערנען זיך פויליש. אָהן פויליש ועלען מיר קיינמאָל ניט פערשטעהן און ניט ליעבען איינע די אַנדערע. די שפּראַך איז — די ערשטע שטופּע צו די התקרבות פון פעלקער.

ס׳וואונדערט מיך, וואָס יודען פערשטעהען עס ניט אָדער זיי וועלען עס ניט פערשטעהן. מיין פּאָטער אפילו קוקט אויך מאָדנע אויף די פוילישע שפּראַך. די טעג האָט ער מיר פשוט געזאָגט, אַז איהם פערדריסט זעהר, וואָס מ׳האָט מיך געלערנט פויליש, אַז ער וואָלט זעהר צופריעדען זיין, ווען איך זאָל ניט געוועזען קענען קיין פויליש. געזאָגט האָט ער דאָס מיר, ווען איך האָב איהם דערצעהלט וועגען דער בעגעגעניש אין שטאָדט־גאָרטען. איך האָב גערעכענט, אַז דאָס וועט איהם הנאה טהון, איז עס געוועזען פונקט פערקעהרט. ער האָט אָנגערוקט די ברעה־מען און האָט מיר גרעאָטהען, אַז איך זאָל אַממעגליכסטען אויס־ווייכען קענטשאַפט מיט פּאָליאַקען, וואָרום די קענטשאַפט, זאָגט ער, וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען.

פּאָלינאַ׳ן איז אויסגעקומען אויסצושטעהן נאָך אַ שטורמדיגערע סצענע פון איהר פאָטער און פון איהר ברודער אפילו. דאָרט זענען שוין געוועזען געשרייען, דראָהונגען און טרעהרען אויך. „דו ווילסט זיך און מיך אומברענגען!״ — האָט געשריען דער אַלטער קראַנק, — איך וועל דיך אויף אַ קייט האַלטען, כ׳וועל דיך אין אַ קליין שטעדטיל אַוועקשיקען״, א. ז. וו.

משונה׳דיג זענען אָפטמאָל די מיינונגען פון די אַלטע לייט, פון די קלוגע אפילו.

. . . .

איך האָב אָקאָרשט ערשט בעקומען פון איזאַבעלאַ׳ן אַ צע־טעלע, — איך און פּאָלינא זענען אַיינגעלאַדען אויף איהר געבורטס־טאָג. איך האָב גאָר נעהאַט פערגעסען, אַז איבער־מאָרגען איז איהר געבורטס־טאָג. מ׳דאַרף צוגרייטען עפּעס אַ מתנה.

XVII

ארקאַדי סאַרין צו מאַריק מאַזירסקי.

ג. דעם 2-טען סעפטעמבער, 1861.

„... בײ אײַך אַפּנים, שלאָפט מען, ווי די טויטע, און קײן טרומײטער וועט אײַך שוין ניט אויפוועקען? אַפּנים אַז בײ אײַך איז אַלץ אין בעסטער אָרדנונג? גליקליכע לײט, וואָס וואוינען אין אַרקאַדיען... אונז אָבער שלאָפט זיך עפּעס ניט, און ווי קאָן מען עס איצט שלאָפען? אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען, צו רוישען. און גאַנץ רוסלאַנד ווערט איצט איבערגע-בויט, פון אויבען און פון אונטען. מ'ראַמט אָב אַלטע אידען, פערעלטערטע פּרינציפּען, פערעלטערטע אַנשאַלטען און פערשי-מעלטע מנהגים. ס'רוישט, ס'קלאַפּט. מ'אײַלט בסדר צו בענײען, אויספּוצען זיך, אַלץ שטרעבט פאָרווערטס, צור נײעם, אונגעוועהני-ליכען, צום אונערוואַרטעטען. אונזערע יודען אפילו — האָבען זיך אויך אַ שטעל געטהון אויף די פיס און זענען גרײט אַ שריט צו מאַכען... נור זײ ווײסען נאָך ניט וואוהין. צו האָט מען בײ אײַך אויך דערהערט דעם טרומײטער-שאַלען? אַפּנים, אַז ניט, וואָרום פון אײַער שטאָדט הערט מען ניט קײן שום ווידערקלאַנג. צי דען איז אײַער דרײסיג-טויזענדיגע געמײנדע נאָך אַלץ אַזאַ קאַלטע, פוילע מאַסע, ווי מיר האָבען איהר געקענט מיט פינף צעהן יאָהר צוריק? אײַערע זאַטע ווײסען נור זײער טעגליבען מאָציאָן. און די הונגעריגע וואַרטען נאָך אַלץ אויף נסים פון הימעל. אײַערע גראָשענדיגע קאַפּיטאַליסטען האַלטען זיך פאַר קינפטיגע ראָטשילדס, און די בײזע באַנקראָטען-לײט — פאַר קאָמערסאַנטען חכמים... אײַערע געלעהרטע האַלטען נאָך אַלץ, אַז זײ זענען גאונים, נור די וועלט נעהמט זײ ניט אָן, און

אייערע ליטעראַטען הלומ׳ען נאָך אַלץ אויפצולעבען די העברעאי־ שע שפּראַך מיט מליצה און גראַמען... אייערע פרויען האַלטען זיך נאָך אַלץ פאַר דייטשקעס פון געבוירען און פאַר מאַרקיזעס, לויט די מאַניערען... אייערע מיידלעך הלומ׳ען נאָך אַלץ פון פייערדיגער ליעבע און האָבען חתונה צוליעב דעם ניט־וועניגער פייערדיגען חשק צו אַ רעכט אָנגעטאָפּטער קעשענע... אייער ניי־מאָדישע שוהל, וועגען וועלכער מ׳האָט אַזויפיעל פערשפּראָכען דאָס בויען, איז נאָך אַלץ רייך בלויז מיט הבטחות? אייערע פּראָגרעסיסטען שטעהען נאָך אַלץ פון הינטען און וואַרטען, אַז מען זאָל זיי אַ שטויס טהון פאָראויס? קורץ: אייער געמיינדע פיהלט זיך נאָך אַלץ געמיטהליך אַזוי, ווי די יודען אין שלמה המלך׳ס צייטען, זאָרגען ניט וועגען גאָרנישט און וויסען גאָרנישט.

„איהר פערגעסט אָבער, אַז עס קומט אָן אַ צייט — אַ הייסע צייט, אַ שטורמדיגע, ווען אייערע וויינשטאָקען און פייגען־בוימער וועלען ניט זיין מעהר קיין זיכערער שוץ פאַר די, וואָס רוהען אונטער זייער שאָטען. ס׳קומט אָן אַ צייט, ווען ס׳וועט זיך פאָדערן פון אייך אַ קלאָהרער ענטפער אויף דער פראַגע: ווער זענט איהר? וואָס זענט איהר? פאַר וועמען און מיט וועמען זענט איהר? צווישען די פּאָליאַקען טהוט זיך עפּעס ערנסטעס, וויכטיגעס. מיט אַ יאָהר צוריק שוין האָט מען אָנגעהויבען צו בעמערקען אַ אויפרודערונג צווישען זיי. מען האָט נור ניט גע־וואוסט, וואָס אַזוינס ס׳וועט אויסברעכען. איצט אָבער ווערט עס אַלץ קלאָרער און בולט׳ער. ז׳ער אַלט־אָניגער היימישער קריעג טרעט וויעדער אַרויס אויפ׳ן סצענע. ס׳איז נור ניט בעוואוסט נאָך, ווען וועט זיך דער קאַמפּף אָנפאַנגען, אָבער דאָס איז שוין צו מערקען, אַז דער קאַמפּף וועט זיין אויף לעבען און טויט. דער קאַמפּף וועט אונז אייך אָנריהרען. מיר האָבען שוין דערויף גאַנץ דייטליכע אָנצוהערענישען. די פּאָליאַקען האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען מיט אונז „קוטשעניו־מוטשעניו“, אפשר וועט זיי געלינ־גען צוצוציהען אונז, בפרט נאָך, אַז די רוסישע געזעצען גיעבען אונז ניט קיין גרויס הרחבה. זיי פיהלען אָדער זיי מיינען, אַז מיר זענען ניט גאָר פריינדליך צו מאָסקווע, און דעריבער וועלען מיר געהן מיט זיי האַנד ביי האַנד. און אין דער אמת׳ן, איז עס דאָך ניט קיין קלייניגקייט גאָר אַ בעפעלקערונג פון צוויי מיליאָן מענשען

מיט אַ גרויסען עקאָנאָמישען מעמד. קיין שוטים זענען זיי ניט, די שטות׳עריי איז נור, וואָס זיי האָבען זיך צושפּעט געחאַפּט. נור ס׳איז שוין אַנ׳אַלטע זאַך, אַז אַ פּאָליאַק ווערט קלוג נאָך דער צרה... ניט מיר זענען שולדיג, וואָס דער שכל איז צו זיי געקו־מען די טעג ערשט. און וואָס איז וואַרשוי טהוט זיך, ווייסט איהר? איהר בעקומט די בלעטלעך, די אויפרופען? פון דעם איין און דרייסיגסטען יאָהר זענען מיר אויף דרייסיג יאָהר עלטער געוואָרען. איצט קוקט מען אויף אונז, ווי אויף דערוואַקסענע. מ׳רעכענט זיך מיט אונז, מ׳ווענדט זיך צו אונז. האָט איהר אָבער שוין אַ קלעהר געטהון, וואוהין מיר זאָלען געהן, רעכטס אָדער לינקס? פערגעסט נור ניט, אַז פון דעם בעשלוס איז אָבהענגיג די צוקונפט פון אונזער גאַנצען פאָלק. אויף דער פראַגע, הייסט עס, איז כדאי, צו מאַטערן דעם קאָפּ.

מיר דאָ האָבען שוין געטראַכט און בעשלאָסען — צו געהן רעכטס, צושטעהן צו מאָסקווע. אַהין ציהט אונז דער אינסטינקט, אונזערע אויסרעכענונגען און, ענדליך, דאָס געפיהל פון דאַנקבאַר־קייט. מיר דאַרפען קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז ניט פּוילען, נור רוסלאַנד האָט צוערשט זיך בעזאָרגט פאַר אונזער בילדונג און ער־ציהונג. דאָס זעלבסט־בעוואוסטזיין אין אונז האָט ערוואַכט אַ דאַנק רוסלאַנד, און ניט פּוילען. וואָס האָט פּירסט טשאַרטאָריסקי אויפגעטהון פאַר אונזער בילדונג? אין זיינע אויגען האָבען מיר גאָר ניט עקזיסטירט. און פאַר דעם גראַף אובאַראָוו האָבען מיר אָבער יאָ עקזיסטירט, ער האָט אונז ערפונדען פאַר די רוסישע בילדונג, ער האָט פאַר אונז פיעל געטהון, און נאָך מעהר האָט ער געוואָלט טהון. דאָס דאַרפען מיר ניט פאַרגעסען און מיר וועלען עס ניט פערגעסען.

פּוילען האָט אונז ניט געגעבען ניט קיין פאָטערלאַנד, ניט קיין פאָלק — וואָס זשע זאָלען מיר דאָ ליעב האָבען? פּוילען האָט אונז געלאָזט וואו צו טוליען זיך, און האָט פון אונז געמאַכט אַ חבריא קליינע הענדלער, אין וועלכע זיי האָבען זיך שטאַרק גענויטיגט, — זאָלען זיי איצט זוכען ביי אַזאַ חבריא פּאַטריאָטישעם געפיהל. אַ וואונדער וואָלט געווען, ווען זיי זאָלען עס יאָ געפינען. וואָס מען פערזייהט ניט, שניידט מען ניט. מיט רוסלאַנד וועט אונז אפשר בעסער אָבגליקען. בעקומענדיג דאָ דעם שליעסעל

פון בילדונג, וועלען מיר מיט דעם שליעסעל אויסשליעסען פאַר זיך דאָס רוסישע פאָלק, די רוסישע בירגערשאַפט, דאָס רוסישע פאָטערלאַנד. אמת, אין רוסלאַנד האָט מען אונז ניט זעהר שטאַרק האָלט, נור דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז די רוסען וועלען אונז מיט דער צייט ליעב בעקומען. מיר וועלען זיי צווינגען ליעב צו האָבען אונז. מיט וואָס? מיט אונזער ליעבע. דאָס רוסישע פאָלק איז אַ געזונדט, גליקליכעס פאָלק, און ביי אַ געזונדטען פאָלק איז דאָ מעהר ליעבע, מעהר גרויסמוטיגקייט און אויך מעהר שכל, ווי ביי אַ פערשמאַכטען, אומגליקליכען פאָלק. די פּאָליאַקען קאָנען אונז ניט ליעב האָבען: דאָס האַרץ, וואָס איז מיעד געוואָרען צו האַסען, וועט זיך שוין ניט אויסלערנען צו ליעבען". פּוילען האָט כסדר געהאַסט: די אַריסטאָקראַטיע האָט געהאַסט דאָס פאָלק, דאָס פאָלק — די אַריסטאָקראַטיע, און זיי ביידע — די סלאַוויענער, רוסען, שוועדער און דייטשען, וועלען זיי דאָך ניט אָנהויבען צו ליעבע פון יודען.

די מענשליכע געשיכטע איז פול מיט סודות. ס'קאָן זעהר זיין, אַז די פּאָליאַקען וועלען פון דעם קאַמפף אַרויס מיט אַ נצחון דאַן וועט ביטער זיין פאַר אונז, וואָס מיר זענען צו זיי ניט צוגעשטאַנען. זיי וועלען זיך אפשר ניט אָבזאָגען זיך פון צו פערניכטען אונז אינגאַנצען. מילא, נאָך בעסער אויף אַמאָל אַ סוף צו מאַכען מיט אונזער אומעגליכער עקזיסטענץ. איך פיהל די לייַדען פון גהינום יעדעס מאָל, וואָס איך טהו אַ טראַכט, אַז איך בין פונקט ווי אַ הונד, וואָס האָט ניט קיין בעל-הבית און בלאָנדזעט אַרום טרויעריג איבער די גאַסען, ר'האָט ניט וועמען צו ליעבען, וועמען טריי צו זיין און צו וועמען צוטוליען זיך. אויב דו האָסט בעמערקט, פערליערט אַזאַ הונד די טבע זיינע אַפילו צו בילען, וואָרום ער האָט ניט וואָס צו פערהיטען, וועמען צו שיצען. שטיל און גלייכגילטיג געהט ער פאַרביי דעם גנב ביי-נאַכט, וואָס גנבה'ט זיך אַריין אין אַ פערשלעפּערטען הויז. „זאָל ער גנבה'נען, וואָס מאַכט עס מיר אויס? איך וועל נור געפינען אַ ביין, וועל איך עס גריזען און זאַט זיין, מעהר דאַרף איך ניט".

ס'עקעלט מיך צו זיין אויך אַזאַ מין הונד, אָהן אַ פּשיטוּלעק, אַ פּריווילעגער בילער, און דעריבער ביך איך זעהר צו-

פריעדען צו בעשליעסען איין מאָל אויף אַלע, ווער און מיט וועמען זענען מיר? דער קאַמפּף, וואָס דאַרף בעשטימען די לאַנגאָניגע אָנגעצויגענע בעציהונגען צווישען די פּאָליאַקען און רוסען, וועט צוגלייך אויך קלאָר מאַכען אונזער צווייזייטיגע לאַגע צווישען די צוויי פעלקער. אויסצודרעהען זיך מיט די ווערטער: „מיר וויסען פון גאָר נישט“ — ווילען אונז ניט ערלויבען ניט די פּאָליאַקען, ניט די רוסען, וואָרום מיר דאַרפען עס איצט וויסען.

צו ווייסט איהר עס, מיין גוטער מאָריץ, און אויך איהר, מיינע ליעבע חברים?... זעהט, אַז די געשעהענישען, וואָס קומען אָן, זאָלען אייך ניט טרעפען אומגעריכטערהייד. שטעהט אויף דער וואַך און הערט זיך צו. אונזער בילדונג און אונזער בערוף אַלס פאָלקס-ערציהער, אַלס פיהרער פון דער יוגענד פערפליכטעט אונז, אַז מיר זאָלען בעוואוסטזיניג געהן, וואוהין מ'בעדאַרף, או ניט אַהין, וואוהין דער אומגעלומפּערטער המון וועט אַוועקגעשטויסען ווערען דורכ'ן ווינד. אויף אונז קוקט מען, ווי אויף אָנפיהרער, דאַרפען מיר די ערשטע געהן צום בעשטימטען ציעל, פעסט און בעוואוסטזיניג, אונז וועט מען ניט מוחל זיין, אַז מיר וועלען זיך האַראַקטערלאָז וואַקלען הין און הער“.

IIIX.

דעם 4-טען סעפּטעמבער.

עפּעס מאָדנע אומיענינעס איז געווען ביי דער פּאַנאַ איזאַבעלאַ. איבריגענס, איז אַלץ, וואָס די פּאָליאַקען טהוען איצט, וואַרפט זיך מאָדנע אין די אויגען. מיר זענען געקומען, לויט דער איינלאַדונג, 6 דעם זייגער פאַרנאַכט. איזאַבעלאַ האָט אונז אויפגענומען מיט אויסגעשפּרייטע הענד, האָט אונז געקושט אָהן אַ צאָהל. מיר האָבען שוין ביי איהר אָנגעטראָפען עטליכע פריילינס און קאַוואַליערען. די דאַמען זענען געווען אָנגעטהון אין עכטע

טרויער. איניגע האָבען, אָנשטאָדט בראַסליעטען, געטראָגען אייזערנע קייטלעך, גאַנץ שווערע, אַלס צייכען, אַז דאָס פאָטער־לאַנד איז ניט פריי. די קאַוואַליערען זענען געווען אין טשאַמאַרקעס און לאַנגע שטיוועל און די קאָנפעדראַטקעס האָבען זיי געהאַלטען אונטער'ן אָרעם. זיי האָבען אַלע אויסגעזעהן, ווי מלחמה־לייט, די וואָנצעס האָבען נעגלאַנצט פון פיקסאַטואַ און זענען געווען פערדרעהט אין משונה'דיגע ריהנגען. מ'האָט געזעהן, אַז דער טואַלעט האָט זיי גענוג צייט געקאָסט.

ס'איז געקומען וואַצלאַוו מיט נאָך אייניגע יונגע־לייט, מ'האָט אָנגעהויבען צו ריידען וועגען פּאָליטיק, וועגען פראַנקרייך, נאַפּאָלעאָנען א. ז. וו. איך האָב זיך ווייניג צוגעהערט צום געשפּרעך, ווייל ס'האָט מיך ניט זעהר אינטערעסירט. ס'האָט מיר נור פעראינטערעסירט דער נאָמען מעראָסלאַווסקי, וועלכען אַלע האָבען כסדר דערמאָנט.

— ער איז איצט אין פּויזען, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט.

— זיי זשע מוחל, — האָט איינער אַ יונגער־מאַן אָבגעענטפערט, — ער איז איצט אין לעמבורג.

— און איך וויים אויף געוויס, — האָט זיך אָבגערופען אַ דריטער, — אַז מעראָסלאַווסקי געפינט זיך איצט אין שווערען, וואו ער קלויבט מאַטראָסען פאַר'ן פלאָט. דאָרט געפינט זיך איצט אויך באַקונין.

— ס'קאָן זעהר זיין, ס'קאָן זעהר זיין, — האָבען פיעל איינגעשטימט.

— ווער איז ער דער מעראָסלאַווסקי, — האָב איך זיך ערוועגט צו פרעגען אין דער שטיל ביי דער פּאַנאַ איזאַבעלאַ.

— דער פּוילישער גענעראַליסימוס. אונזער קינפטיגער קאָמאַנדיר, — האָט איזאַבעלאַ געענטפערט. לויט זיין העלדענמוטה און קריעגס־פעהיגקייטען איז ער אַ צווייטער קאָסטיושקאָ, נאַפּאָלעאָן האָט איהם געוואָלט מאַכען פאַר אַ מאַרשאַל אין פראַנקרייך און קריעגס־מיניסטער, נור ער האָט זיך אָבגעזאָגט. „מיין סאַבעל איז נויטיג פאַר פּוילין" האָט ער געזאָגט. מיט גאַריבאַלדי איז ער אַ גוט־ברודער, זיי זענען קאַמעראַדען אין געוועהר, שטענדיג צוזאַמען געווען. זאָל ער נור איין וואָרט זאָגען, וועט גאַריבאַלדי מיט זיין גאַנצען חיל קומען אונז צו הילף.

— דו קום צו מיר אַריין מאָרגען, — האָט איזאַבעלאַ דערנאָך צוגעגעבען, — וועל איך דיר געבען אַ ליטאָגראַפישעס ביכעל מיט דער לעבענס־בעשרייבונג פון אונזער גענעראַל און זיין פּאָרטרעט.

איך האָב שטאַרק געדריקט איהר האַנד פון גרויס דאַנק־באַרקייט.

ס'איז אַריינגעקומען אַ קסיאָנדז פון מיטעלע יאָהרען און זעהר אַנ'אַנגענעהמער אויסזעהן.

— זאָל זיין געלויבט נאָמס נאָמען, אונזער רעטער, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ גיכער אויסשפּראַך, נויגענדיג זיך אויף אַלע זייטען.

אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער און האָבען זיך גענויגט צו איהם מיט אַכטונג, איבערצלמ'ענדיג די פּערזאָ־מעלטע, איז דער קסיאָנדז צוגעגאַנגען צום קאַנאַפּע און האָט זיך אויעקגעזעצט צווישען די דאַמען. איזאַבעלאַ האָט אונז צוגעפיהרט צו איהם און פאַרגעשטעלט.

זעהר אַנגענעם, זעהר אַנגענעם, — האָט ער געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך עטוואָס און גוטמוטיג שמייכלענדיג.

די מאַנספּערזאָנען האָבען פאַרגעזעצט זייער געשפּרעך וועגען פּאָליטיק, און די דאַמען האָבען זיך פאַרנומען מיט'ן קסיאָנדז, וואָס האָט אָנגעהויבען אין דער שטיל אַ געשפּרעך מיט זיי. זיי האָבען זעהר אָפט געלאַכט ביי זיין געשפּרעך. מיר האָבען ניט געהערט, וואָס מ'האָט גערעדט, וויל מיר זענען געזעסען עט־וואָס ווייטער.

— איהר וועט מיר ערלויבען אַ ביסעלע צו פערברענגען מיט מיין געליעבטער? — האָט דער קסיאָנדז געפרעגט עטוואָס העכער און מיט אַ שמייכעל.

— מיר ערלויבען, ערלויבען, — האָבען די דאַמען גע־ענטפערט.

ער האָט אַ קוק געגעבען אויף איזאַבעלאַ, יענע איז אַרויס אין אַ זייטיגען צימער, און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ לולקע טאַבאַק און מיט שוועבעלאַך.

— אָט איז אייך אייער געליעבטע, פּאַנע קסיאָנדז, — האָט זי געזאָגט.

— אַ גאַנץ געזעצטע, — האָט דער קסיאָנדז בעמערקט. — אַרויסרעדענדיג מיט אַפּעטיט, — ניט אמת, אפשר?

— און אָהן קאַפּריזען? האָט איזאַבעלאַ געפרעגט.

— זאָל גאָט היטען.

— און עסען בעט עס אויך ניט? — האָט נאָך ווער גע־פרעגט.

— דאָס שוין ניט, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט, — נור ס'בענוגענט זיך מיט ווייניג: אַ פירטיל — איז שוין גענוג.

דערנאָך האָט זיך דער געשפּרעך ווייטער געפיהרט שטי־לערהייד. אונז איז געוואָרען אומעטיג און זאָגאָר אונאַנגענעהם. פּאָלינא האָט אַפילו אַ געניץ געטהאָן, דאָס האָט בעמערקט וואַצ־לאַוו, אַז ער איז צוגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבען צו שמועסען מיט איהר.

איזאַבעלאַ האָט בגנבה אַ קוק געטהון אויף איהר זייגער און האָט געצויגען מיט די פּלייצעס, צווינקענדיג וואַצלאַוו'ן. וואָס בעדייט דער ווינקען און וואָס איז דאָס פאַר אַ אימענינעס? — האָב איך זיך געפרעגט.

באַלד אָבער איז מיר אַליין קלאָר געוואָרען.

אַרום זיעבען דעם זייגער האָבען מיר דערהערט אַ קלאַפּע־ריי פון צוגעפאָהרענע קאַרעטעס. אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטהון צו די פענסטער. אין הויף זענען אַריינגעפאָהרען צוויי קאַרעטעס מיט אַראָבגעלאָזטע שטאָרען.

— די גרעפין! — האָבען אַלע אויסגעשריען.

אַלע האָבען זיך פאַר'עוסק'ט. דער קסיאָנדז האָט זיין לול־קע אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל און איז אַרויסגעטרעטען אויפ'ן מיט צימער, די דאַמען האָבען פעררינכט זייערע טואַלעטען, די קאַוואַליערען האָבען זייערע טהאַמאַרקעס פערשפּיעלעט אויף אַלע קנעפּלעך און האָבען זיך אויסגעגלייכט, וואַצלאַוו און איזאַבעלאַ האָבען זיך געלאָזט אין פאָרהויז צו בעגעגענען די גרעפין. אַלע האָבען פייערליך געשוויעגען.

אין אַ פאָר מינוט אַרום האָבען זיך די טהירען ברייט אויפגעעפענט און אין צימער איז אַריינגעקומען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַריינגעשוואומען די גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, וועלכע וואַצ־לאַוו האָט אונטערגעהאַלטען פון איין זייט און איזאַבעלאַ — פון

א צווייטער, און נאָך איהר א גרויסע בעגלייטונג פון דאַמען און מאַנספּערזאָנען.

איך האָב איהר ניט דערקענט אין איהר משונה'דיגען, פאַנ־טאַסטישען קאָסטיום. זי איז געווען אָנגעטהון אין א ווייסען פּיקע־קלייד, מיט ברייטע שוואַרצע סטענגעס אויף די ברעגען; אויפ'ן ברוסט איז בּיי איהר געווען צונעשפּיעלעט א גרויסע רויטע קאָ־קאָרדע, אין דער פאָרם פון א האַרץ, און דערפון זענען אַראָבגע־האַנגען, אַלס בּלוטיגע שטראָמען, לאַנגע, דינע, אָבער רויטע שטענגעס. איהר ראָזע קאַפּטעל איז געווען עהנליך אויף א מאַנז־בּילשע טשאַמאַרקע. אויפ'ן קאָפּ איז בּיי איהר געווען א ווייסע קאָנפעדעראַטקע מיט א שטרויס פעדער. די האָר זענען געווען פונאַנדערגעפלאָכטען און האָבען געדיכט בעדעקט איהר פּלייצע און ברוסט. אַרומגעגאַרטעלט איז זי געווען מיט א שטאָהלענער קייט, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסען מיט אַנדערע קייטען, וועלכע זענען געהאַנגען בּיי איהר אויפ'ן האַלז און אויף די הענד. בּיי דער קלענסטער בּעוועגונג פלעגען די קייטען אַזוי אונאַנגע־נעהם קלינגען. דער גאַנצער קאָסטיום איז געווען מאָדנע משונה'־דיג און האָט אויף מיר געמאַכט ניט זעהר קיין אַנגאַנעהמען רושם. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען פאַר א קינדער־שפּיעל, וואָס פּאַסט נאָר ניט פאַר א קלוגע און ערנסטע פרוי, ווי איך האָב גערע־כענט די גרעפין פון דעם ערשטען טאָג אָן פון אונזער קענט־שאַפט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די גרעפין מיט איהר משונה'דיגען קאָסטיום האָט עס געוואָלט פאָרשטעלען די אונשולדיגע פּוילען אין קייטען. נור צו ד'ען איז דאָס פּאַטריאָטי־שע געפיהל בּיי די פּאָליאַקען אַזוי שוואַך, אַז מען דאַרף עס אויפוועקען מיט אַלעגאָריעס, צייכענס און טעאַטער־עפעקטען? מיר איז ד'ער אַרויסטריט פון דער גרעפין לחלוטין ניט געפעלען געווען.

די מאַנספּערזאָנען האָבען זיך טיעף גענייגט אַנטקעגען דער גרעפין, און די דאַמען זענען צוגעגאַנגען געבען איהר די האַנד. דער קסיאָנדז האָט אויך אַזוי געטהון, און מיר אויך דאָס זעלבע.

— איהר זענט דאָ אויך? — האָט זי געזאָגט, ניט אַרויס־לאָזענדיג אונזערע הענד, — מיך פרעהט עס זעהר צו זעהן

אייך צווישען אונז. איך האָף, אז דאָס פּאָטערלאַנד וועט אייך שטענדיג געפינען אין די רייהען פון די פּאַטריאָטען.

— וואו אַלע פּאָלקעס, דאָרטען וועלען מיר אויך זיין, — האָט פּאָלינא דרייסט און פעסט געענטפערט, וואָרפענדיג אויף די גאַנצע פערזאמלונג אַ פייערדיגען בליק, וואָס פלעגט ביי איהר טרעפען בשעת גרוים התפעלות. — דאָס פּאָטערלאַנד וועט אונז שטענדיג טרעפען אַלס פּוילישע, סיי אין דער שטילער היימישער סביבה, סיי אויפ'ן רווישענדען פעלד פון קריעג. אין אונזערע אָדערען פליעסט דאָס אַדעלע בלוט פון די מאַקאַבייער און פיעל אַנדערע העלדען פון דער אַלטער פּאַלעסטינא! אַ שווערד שרעקט אונז ניט, ווי ס'האָבען דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט אונזערע עלטער באָבעס דבורה און יהודית...

אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען האָט אָבגעענטפערט אויף די ווערטער פּאָלינא'ס. אַ ווייל איז זי געווען די קעניגען אויף דער פערזאמלונג, און ניט די גרעפין, וואָס האָט איהר פעסט אַרומגענומען און פיעל געקושט אויפ'ן קאָפּ. אַז די גרעפין האָט אָבגעלאָזט פּאָלינא'ן פון איהרע אָרעמס, איז צו איהר צוגעגאַנגען דער קסיאָנדז און האָט איהר פעסט די האַנד געדריקט. ער האָט איהר אויך איבערגע'צלמ'ט, און זי האָט זיך דערפון ניט ווילענדיג אָבגערוקט.

— קינד מיינס, שרעק זיך ניט, — האָט דער קסיאָנדז געזאָגט, — איך בענש דיך, און ניט איך שעלט. ביי אייך און ביי אונז איז איין גאָט אין הימעל. מעהר נישט די אויסערליכע פאָרמען זענען פערשיעדענע....

— מ'האָט אָבגעשטויסען, מיין קינד, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט, אָבער ניט מען שטויסט אָב. דאָס זאָלסטו ניט פערגעסען. איצט זענען מענשען קליגער געוואָרען.

אַזאַ טאָלעראַנץ ביי אַ פּוילישען קסיאָנדז האָט מיך פערוואונדערט. צי איז עס אָבער אויפריכטיג? — האָט מיך עפּעס אַ אינערליכע שטים געפרעגט.

די גרעפין האָט זיך געזעצט אויפ'ן סאָפע און נעבען זיך רעכטס האָט זי אַוועקגעזעצט די פירסטין מילפאָר און לינקס — פּאָלינא'ן. אַלעמענס אויגען זענען געווען אָנגעווענדעט צו דער סאָפע, דער געשפרעך האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען פון דאָרטען. איך

האָב בעמערקט, אַז די גרעפין האָט געהערשט אין דעם קרייזעל. אַלע, סיי די מאַנספּערזאָנען, סיי די פרויען האָבען געזעהן נושא חן צו זיין ביי איהר. דער קסיאָנדז אַפּילו האָט אויך קענטיג מורא געהאַט פאַר איהר און האָט איהר צופיעל גע׳חנפה׳ט מיט וואָס האָט זי עס פערדיענט? מיט איהר שכל? האָב איך גאָר ניט בעמערקט אין איהר אַזאַ אונגעהויערן שכל. מיט איהר רייכקייט? דאָס איז מעגליך: אין דער געגענד איז זי די רייכסטע גוטס-בעזיצערין.

מ׳האָט דערלאַנגט טהיי. דער געשפּרעך האָט אויפגעהערט.

נאָך דער ערשטער גלאָז טהיי, האָט די גרעפין פערדויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט געזאָגט:

מיינע הערען! יעדע מינוט פון אונזער לעבען דאַרף זיין געווידמעט דעם פאָטערלאַנד. אונזערע פאַמיליען-יום-טובים אַפּילו דאַרפען אונז פעראייניגען אין נאָמען פון אונזער ליידענדען פוילען. אַלזאָ, ה׳ זאַרטמבאָ, וואָלט זעהר גוט געווען, ווען איהר זאָלט אונז פאָרלעזען עפּעס וועגען דעם ענין, וואָס איז אונז טייערער פון׳ם לעבען.

וואַצלאַוו האָט זיך איינשטימיג אַ נויג געטהון צו דער גרעפין.

— וואָס וועט איהר הייסען לייענען, — האָט ער געפרעגט, — פון די אַלטע צי פון די נייע.

— די נייע זענען פאַר אונז מעהר אינטערעסאַנט, פערשטעהט זיך, — האָט די גרעפין געענטפערט, — וואָרום זיי בעהאַנדלען די איצטיגע פראַגען, אָבער אין אונזערע אַלטע ביכער געפינען זיך אויך אַזעלכע בריליאַנטען, וואָס איצט נור קאָנען זיי אָבגעשאַצט ווערען, ווי געהעריג. אמת, ה׳ קסיאָנדז?

— זעהר ריכטיג, ערלויכטעסטע פּאַני גרעפין, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט, נייגענדיג זיך.

— רעכט, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט און איז אַרויס אין אַ זייטיגען צימער.

אין עטליכע מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אַלטען בוך אין אַ שטאַרקען לעדער געבונדען.

— נו, וואָס פאַר אַן׳אַלטינקען האָט איהר אונז געבראַכט, — האָט די גרעפין געפרעגט.

— לוקאַש גאַרניצקי „ד׳ געשעהעניש אין פּוילען".
— און וואָס האָט איהר דאָרט אין פּאָרטפּעל?
— די ביכער, וואָס דער קאָמיטעט האָט ווידער בעקומען פון אויסלאַנד.
דאָס איז „טשיקאַווע. זענט אַזוי גוט איבערצוליינען אונז דערווייל די נעמען פון די ביכער.
וואַצלאַוו האָט אויפגעעפענט דעם פּאָרטפּעל, האָט אַרויס־געלעגט עטליכע ביכלעך אויפ׳ן טיש און האָט אָנגעהויבען:
— גלאָס לודו פּאָלסקעגאָ...
— גוט האָט די גרעפין געזאָגט צופריעדען, וואו איז דאָס בוך אַרויסגעגעבען געוואָרען?
— אין פּאַריז.
— גוט. און ווייטער?
— מאָווא מיאַנאַ...
— ניט זעהר וויכטיג, אָבער אינטערעסאַנט — האָט די גרעפין זיך אָבגערופען. ווייטער וואָס?
ער האָט אָנגערופען נאָך אַ בוך.
— דאָס איז אַנ׳אַלטע און האָט קיין שייכות ניט. לאַמבע־ראָוו׳ס פּרינציפּען וועלען ניט אָבלעבען. מיר זענען מיט לעווע־לעל, מעראָסלאַווסקי, מיט די דעמאָקראַטען, ניט אַזוי?
— אונבעדינגט, — האָבען די מאַנספּערזאָנען געענטפערט.
— צום טייוועל די אַלע טשאַרטאָריסקי מיט די זאַמאָוו־סקי׳ס צוזאַמען, — האָט אויסגעשריען איינער פון דער גרעפינס בעגלייטער און האָט בייז אַ טופּע געטהון מיט׳ן פוס. דאָס איז געווען אַ בעיאָהרענטער מאַנספּערזאָן מיט קורץ געשאָ־רענע האָר, מיט אַ רויט פּנים און אונגעהויער לאַנגע וואָנצעס. — איך בין אפילו נור אַ שליאַכטיטש, אָבער כ׳בין אַנ׳עהרליכער פּאָליאַק און כ׳וועל זיך ניט לאָזען פיהרען פאַר׳ן נאָז.
ער האָט בייז אַ קוק געטהון אויף דער גאַנצער פערזאַמלונג און האָט אָנגעהויבען שווער צו סאָפּען פון אינערליכער אויפ־רעגונג.
— וואָס האָט איהר דאָרט נאָך? — האָט די גרעפין גע־פרעגט.

— אַט איז גאָר אַ ניי ביכעל, וואָס איז אַרוים אין לייפּציג אין אָנפאַנג יאָהר.
— ווער איז דער מחבר?
— יוזעף גאָרדאָן.
— איך געדענק עפּעס ניט אַזאַ פּוילישען שרייבער, — האָט דער קסיאָנדז בעמערקט. — דאָס איז אַ פּנים אַ פּאָליאַק פון משה'ס גלויבען.
— A la bonne heure, האָט געזאָגט די פירסטין מילפאָר און האָט אויף מיר שטאַרק אַ קוק געטהון.
— אַ דאַנק גאָט האָט די גרעפין געזאָגט.
— אַ דאַנק גאָט! — האָבען אונטערגעחאַפּט אַלע געסט.
— שוין אינגאַנצען? — האָט די גרעפין געפרעגט.
— ס'איז דאָ נאָך אַ ביכעל,—האָט וואַצלאַוו געענטפערט.— ס'איז איבערגעדרוקט בעזונדער דער אַרטיקעל פון יוליאַן קליאַטשקאָ אין אַ פראַנצויזישען זשורנאַל. די מאָסקווער צענזור האָט עס ניט דורכגעלאָזען, הייסט עס, אַז דאָס איז אַקוראַט פאַר אונז.
— פאַר אונז, צי ניט פאַר אונז, — האָט זיך אָבגערופען דער שליאַכטיטש מיט די לאַנגע וואָנצעס. איך לייען ניט קיין פראַנצויז. פאַר אונז איז נור וויכטיג, וואָס מאָסקווע האָט ניט אויסגעפיהרט. זי האָט ניט דורכגעלאָזט, און מיר האָבען עס. אַט איז אייך צענזור.
ביי די לעצטע ווערטער האָט ער געמאַכט אַ ענערגישע גרימאַסע.
די געסט האָבען זיך צולאַכט.
לויט דעם צייכען פון דער גרעפין, האָט מען ענדליך אָנגעהויבען צו לייענען.

XIX.

דעם 5-טען סעפּטעמבער.

מ'האָט געלייענט ביי אַ שעה צייט. צוערשט האָט געלייענט דער קסיאָנדז פון אַנ'אַלטען בוך, און דערנאָך וואַצלאַוו איינציגע שטעלען פון פערשיעדענע ביכער. די צוהערער פלעגען אָפט

אַפּלאָדירען און די גרעפין פּלעגט מאַכען איהרע בעמערקונגען וועגען דאָס פאָרגעלייענטע און דער בייזער שליאַכטיטש פּלעגט צוגעבען זיינע ציניש ע שפּיצלעך, נור איהם פלעגען אַלע מוחל זיין — געווים אַכטענדיג זיין עלטער און זיין היציגע טבע. די אַדעלע גרעפין אַפילו האָט זיך אויך נאָכגיביג פערהאַלטען צו זיינע גראָבע מליצות. זי פּלעגט זיך אַ קנייטש טהון, און דערנאָך פונדעסטוועגען אַ שמייכעל טהון. אפּנים, אַז דער שליאַכטיטש איז זעהר אַ נויטיגער מענש. איך האָב בעמערקט, אַז וואַצלאַוו אַפילו זוכט צו נושאחן זיין ביי איהם. ער האָט געזעהן ניט צו דער־ווידערן איהם, חאָטש ס'איז ניט איין מאָל געווען אַ סבה און אַ סמך דערצו. מיר איז דער שליאַכטיטש לחלוטין ניט געפעלען. איך האָב פאַר איהם מורא! אין זיינע ווערטער, מאַניערען און זיינע בליקען איז דאָ אַזוי פיעל בלוט־גיעריגקייט... נור אום צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, זענען אפשר נויטיג אַזוינע מענשען אויך.

נאָכ'ן לייענען האָט מען אָבגערוהט. די קאַוואַליערען זענען צוגעגאַנגען צו די דאַמען און האָבען אָנגעהויבען אין דער שטיל צו ריידען. אַנדערע זענען אומגעגאַנגען איבער'ן זאַל. די גרעפין מיט איהרע אסיסטענטקעס זענען געבליעבען זיצען אויפ'ן קאַנאַ־פּע און האָבען גערעדט, דערביי האָט די גרעפין אָפט געקושט פּאָלינאַ'ן אין שטערן. נעבען מיר איז געזעסען אַ יונגער בחור, גע־ווים אַ שיהלער פון גימנאַזיע, מיט וועלכען איך פלעג צייטענווייז איבערריידען אַ פּאָר ווערטער. דער קסיאָנדז, דער בייזער שליאַכ־טיטש, וואַצלאַוו און איזאַבעלאַ זענען אַוועק אין זייטיגען צימער און זענען פון דאָרט לאַנג ניט אַרויסגעגאַנגען.

אַ זייגער ניין איז דער בייזער שליאַכטיטש צוריק אַריין אין זאַל, האָט אויסגעשפּרייט די הענד, און האָט פייערליך אַרויס־געזאָגט:

— צו דער תפלה, מיינע הערען, צו דער תפלה, ס'איז שוין אַלץ פערטיג.

אַלע זענען אויפגעשטאַנען און זענען פאַר־ווייז אַוועק אין זייטיגען צימער. פאָראויס איז געגאַנגען די גרעפין מיט דער פירסטין, די קייטען אויף דער גרעפין האָבען עפּעס בעזונדערס

געקלינגעלט, אין אונזער פּראָצעסיע איז אויסגעקומען ווי אַ גאַנג פון קאַטאָרזשניקעס.

דורכגעהענדיג דעם זייטיגען צימער, וואָס האָט געדיענט אַלס קאַבינעט, אין אַ שמאָלען קאָרידאָר׳ל, זענען מיר אַריין אין אַ גרויסען זאַל, וואָס האָט מיך איבעררעאַשט מיט זיין מאָדנעם אויסזעהן — כמעט, ווי אַ קאַסטיאָל.

קיין שום מעביל איז דאָרט ניט געווען, אויסער אַ ראָיאַל, וואָס איז געשטאַנען אינמיטען זאַל און נעבען איהם אַ בענקעל. ביי דער וואַנד, וואָס אַנטקעגען דער טהיר, האָט זיך געפונען אַ שמאָלע בימה מיט דריי הויכע טרעפּלעך. אויפ׳ן אויבערשטען טרעפּעל האָט זיך געפונען אַ גרויסע הייליגע בילד פון אַסטראָ־בראַם אין אַ רייכער ראַהם. פון די זייטען — צוויי רויטע פּאָה־נען מיט אויפשריפטען, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט איבערליי־ענען. אונטער דעם הייליגען בילד, אויף דעם ניעדעריגען טרע־פּעל זענען געשטאַנען גרויסע גיפּס־פיגורען, אין גאַנצען מענש־ליכען וואוקס, פון איין זייט קאָסטיושקאָ, אָנגעטהון, ווי אַ רעוואָ־לוציאָנער — פון צווייטען — מיצקעוויטש אין אַ מאַנטאָל, מיט אַ בלויזען קאָפּ. אויפ׳ן דריטעל טרעפּעל איז געשטאַנען אַ פּיראַ־מידע פון ביקסען, סאַבעלען און קאַסקעס. אויפ׳ן שפּיץ פּיראַמי־דע איז געווען אָנגעטהון אַ גרויסע רויטע קאָנפעדעראַטקע. דאָס גאַנצע בילד איז געווען בעלויכטען פון עטליכע ליכט און אַ גיר־ליאַנדער פון שווארצע און רויטע לעמפּלעך.

אינגאַנצען זאַל איז געווען טונקעל, וואָרום אויפ׳ן הויף אין שוין געווען פינסטער און די שטאָרען זענען געווען אַראָבגעלאָ־זען. די גרעפין מיט איהר סוויטע האָבען זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער סאַמע עסטראַדע, און די איבעריגע — איבער׳ן גאַנצען זאַל איינציגווייז.

אַלע האָבען פייערליך געשוויגען און מיט יראה און עהרע געקוקט אויף די עסטראַדע.

מ׳האָט אָנגעקלונגען.

שטיל, אָהן ווערטער איז איזאַבעלאַ צוגעגאַנגען צום ראָ־יאַל און האָט זיך געזעצט אויפ׳ן טאַבורעט. מיט שווערע טריט איז אויך צוגעגאַנגען דער בייזער שליאַכטיטש מיט אַ וויאָלאָנ־טשעלי, וואָס איך האָב פריהער גאָר ניט בעמערקט ביי איהם.

מ׳האָט געשפּיעלט עפּעס איין־טאָניגעס, נור פייערליכעס, וואָס האָט מיר דערמאָנט אָן קאָסטיאָל־מוזיק. די מוזיק, דער הויפּט דאָס שפּיעלען אויפ׳ן וויאָלאָנטשעל, וואָס דער שליאַטיטש האָט עס געמאַכט מייסטערהאַפט, האָט גענומען פאַר׳ן האַרצען.

— אויף די קניה! — האָט דער סליאַכטיטש בעפעהלען נאָך דער מוזיק־הקדמה.

אַלע אויסער דער גרעפין האָבען זיך געשטעלט אויף די קניה. די גרעפין האָט צונויפגעלעגט די הענד און אָנגעבויגען דעם קאָפּ. דאָס איז אויסגעקומען זעהר טעאַטראַליש. זי איז געשטאַנען אונבעוועגט, ניט געבלענצעלט מיט קיין אויג, פּונקט ווי אַ אויסגעשניצטע פון שטיין. איהר פּנים איז געוואָרען מאַט בלאַס, מיט אַ פערגליווערטער מחשבה. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו עטעמען. אין דער פּאָזע האָט מען איהר לייכט געקאָנט אָננעהמען אַלס אַ דריטע גיפּס־פיגור צו יענע צוויי.

לויט דעם צייכען פונ׳ם שליאַכטיטש, האָבען אַלע געקניהטע, ביי דער בעגלייטונג פון ראָיאַל און וויאָלאָנטשעל, אָנגעהויבען צו זינגען דעם הימן: Boże, coś Polske

די קולות האָבען באַלד ציטערען געמאַכט דעם גאַנצען זאַל. דער שליאַכטיטש האָט שטאַרק געשוויצט, עררייבענדיג, אַז זיין אינסטרומענט זאָל אַרויסגעבען כמעט מענשליכע זיפצען און יאָמער. ער האָט דוכט זיך, געווילדעוועט איבער זיין קרבן, און דאָס האָט איהם הנאה געטהון. דאָס געזאַנג איז געוואָרען אַלץ העכער און העכער. איך האָב אויפגעהערט צו הערען די פראַזען, נאָכדעם — די ווערטער אויך. דערנאָך איז פון דעם געזאַנג געוואָרען איין אַלגעמיינער יאָמער, אַ קלאָגעריי מיט אַ בעשטימטען ריטם. און ווי אַ ברומעריי פון אַ צובייזערטער חיה, האָבען די שרעקליכע קלאַנגען פונ׳ם שרעקליכען אינסטרומענט אין די הענד פון דעם שרעקליכען שליאַכטיטש בעגלייט די גאַנצע מוזיק.

איך בין געווען אויסער זיך. איך האָב זיך קוים געהאַלטען אויף די קניה און כ׳האָב געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער מיר האָט זיך געדוכט, אַז די פּאָדלאָגע שאָקעלט זיך אונטער מיר. איין מאָל בין איך עפּעס אומגעפאַלען און אָבגעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן וואַנד. דער קלאַפּ האָט מיך צו זיך געבראַכט און איך האָב זיך עטוואָס בערוחיגט. איך האָב אַ קוק געטהון אויף

דער גרעפין — זי איז געשטאַנען אַלס סטאַטוע, ווי פריהער, איך האָב אַ קוק געטהון אויף פּאָלינאַ'ן — זי האָט געזונגען און פון די אויגען האָבען גערונען טרעהרען.

דעם הימן האָט מען איבערגעזונגען דריי מאָל, דערנאָך זענען אַלע אויפגעשטאַנען. באַלד האָט די גרעפין ארומגענומען די פירסטין און האָט איהר אַ קוש געטהון אין שטערן. פון דער בעוועגונג האָבען איהרע קייטען מאָדנע אָנגעהויבען צו קלינגען אין דער אַרומיגער שטילקייט.

דער שליאַכטיטש האָט ווידער אַ צייכען געגעבען, און אַלע האָב;ן, שטעהענדיג, אָנגעהויבען צו זינגען אַ צווייטען הימן:

Z dymem pożarow די צווייטע מעלאָדיע איז אויך גע־ווען אַ שוידערנדע, אָבער ניט קיין יאָמערליכע, נור אַ ביסעל אַ קאַמפּפס־מעלאָדיע. דאָס האָט געווירקט ערפרישענד.

דעם הימן האָט מען אויסגעזונגען נור איין מאָל, נאָכדעם האָבען די מאַנספּערזאָנען גערדיקט די האַנד איינער דעם צווייטען, און די פרויען האָבען זיך צוקושט. נאָך דער צערעמאָניע האָבען אַלע זיך צוריקגעקעהרט אין גרויסען צימער. מיר אין אויסגעקומען צו געהן מיט איזאַבעלאַ'ן.

— וואָס איז עס אַזוינס געווען? — האָב איך שטיל געפרעגט.

— דאָס איז געווען אַ פּאַטריאָטישער אָוענד, — האָט זי געענטפערט.

— אָפט זענען זיי אַזעלכע אָווענדען?

— ניין, ווי ס'מאַכט זיך. מיר אַלע פראַווען איצט אַזוי אונזערע אימיענינעס. טאַנצען טאָר מען ניט. שפּיעלען אויך ניט. זינגען מיר פּאַטריאָטישע הימנען. דאָס איז ערציהענד און אַנ־גענעהם.

מ'האָט אָנגעהויבען צו־צוגרייטען צום אָווענד־ברויט.

מיר האָבען זיך געזעגענט און זענען אַוועק. די גרעפין און איזאַבעלאַ האָבען געבעטען, אַז מיר זאָלען פערבלייבען, נור מיר האָבען געזאָגט, אַז מיר קאָנען ניט.

— ווי קומט עס עפּעס אוים ביי דיר? — האָב איך גע־פרעגט פּאָלינאַ'ן, צוריקגעהענדיג אַהיים.

— איצט קלעהר איך פון גאָרנישט, נור איך פיהל, —

האָט זי געענטפערט, — איך פיהל, אַז איך בין אַ פוילישע, אַז איך בין גרייט מיין לעבען אָבצוגעבען פאַר דאָס פאָטערלאַנד. און דו דען פיהלסט עס ניט? — האָט זי מיר געפרעגט.

— איך ווייס נאָך אַליין ניט, — האָב איך געענטפערט

— אַז דו ווייסט ניט, הייסט עס, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט וויסען.

— הער נור, זאָסיע, — האָט זי געזאָגט אין עטליכע מי־נוט אַרום, — פאַרוואָס זאָלסטו ניט חתונה האָבען מיט מיין ברודער!

— וואָס איז דיר עפּעס מיט אַ מאָל איינגעפאַלען? — האָב איך זיך פערוואונדערט.

— דאָס איז מיר איינגעפאַלען דערפאַר, ווייל דו מיט אַדאָלף'ן וואָלט געווען אַ גלענצענדער זיווג.

— און מערי?

— מערי'ן וועל איך ניט דערלאָזען צו דעם. זי מיט אַדאָלף'ן איז ניט קיין פּאָר.

איך בין ניט ברוגז געוואָרען, וואָרום צו פּאָלינא'ס שגעונות בין איך שוין גאַנץ לאַנג געוועהנט געווען.

XX

מערי טידמאַן צו סאָפיע אַראַנסאָן.

ג. דעם 7־טען סעפּטעמבער, 1861.

„מיר אַלע זענען דאָ זעהר בעטריעבט. סאַרין פערלאָזט אונז, מ'פיהרט איהם אַריבער צו אייך. ער אַליין איז, דוכט זיך, אויך ניט צופריעדען דערפון, האָטש אין מאַטעריעלער הינזיכט איז עס פאַר איהם בעסער. דאָ האָט מען איהם ליעב געהאַט, געעהרט, געשעצט, און ביי אייך... איך בין זיכער, אַז איהר וועט

איהם ניט פערשטעהן. ער וועט אייך ניט געפעלען ווערען, און איהר וועט איהם נאך אפשר נעהמען אויף די ציינגער. איך וואָ־רען אייך אָבער, אַז ער איז אויך אַ מענש מיט צייהן, חאָטש ער האַלט זיך אין דער שטיל און בעניות׳דיג. לכתחילה וועט זיך אייך אויסדוכטען, אַז ער קאָן קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידען. אויף אייערע באַנאַלע פראַגע וועט ער אייך מעהר ניט ענטפערן, ווי „יאָ" און „ניין". אָבער פרובט איהר נור זיין ניט באַנאַל, וועט איהר זיך איבערצייגען, אַז אונטער דער גלאַטער אויבערפלעכע שלאָגט אַ שטאַרקער קוואַל פון פייער־ווערטער, פון סאַמע פרישע געדאַנקען, איהר וועט אַרויסזעהן, אַז דער מענש רעדט ניט, נור ער גיסט אויס זיין נשמה. אָט פאַרוואָס מ׳האָט איהם דאָ ליעב געהאַט, געטראָגען אויף די הענד. ס׳וועט אַ שאָדען זיין, ווען איהר וועט איהם ניט פערשטעהן. דאַן וועט ער איינדריינגען אין זיך, און ער וועט אייך ניט ברייגנען די נוצען, וועלכע ער איז ביכולת צו געבען. דו דאַרפסט וויסען, אַז ער איז טעטיג נור דאַן, ווען מ׳רופט איהם אַרויס אויף טעטיגקייט, און אַניט, גיט ער זיך אָב ליעבער מיט רוהיגע בעאָבאַכטונג, צו וואָס ער איז זעהר גוטה פון דער נאַטור. צי דערפאַר, וואָס איהם פעהלט אויס אונ־טערנעהמונגס־לוסט, צי ס׳איז אַ פלעגמאַטישער כאַראַקטער, אָדער גאָר ענאַאיזם. נור נאָך מעהר שאָדען וועט זיין, ווען ער וועט וואָכעדיג ווערען אין דער וואָכעדיגער סביבה פון אייער לעבען... איך האָף אָבער, אַז דאָס וועט ניט זיין און ס׳קאָן ניט זיין: ביי איהם איז אַ כאַראַקטער אַ פעסטער, אַן אייזערנער. די אומריינע פאַליע פון אייער לעבען וועט איהם ניט פערשלעפען. מעהר ניט, איהר וועט בלייבען פערפרעמדט איינער פון צווייטען.

ליעבע סאָפיע, דו קלעהר ניט, אַז אין מיר האָט עס גע־רעדט עפעס אַנדערש, ווי דאָס געפיהל פון עהרע צו סאַרינען. איך בין ניט בלינד, וואָרום איך בין ניט פערליעבט. און דו אַליין וועסט זיך אין גיכען איבערצייגען, אַז סאַרינען קאָן מען ניט ליעב האָבען, חאָטש ער איז יונג און ניט מאוס. ניט ער שטויסט אָב, נור פשוט ער ציהט ניט צו, ווייל ליעבע, ווי מיר דוכט, געהט ניט אריין אין פראָגראַם פון זיין לעבען. ער מיידט עס אויס און דריבער וועקט ער עס ניט אויף אין אַנדערע. אין דער היי־גער דאַמען־געזעלשאַפט האָט ער פיעל פערעהרערינס, אָבער קיין

איינער ניט, וואָס זאָל פון איהם חלומ׳ען, און מיידלעך האָבען פּשוט מורא פאַר איהם. זיינע בעציהונגען צו פרויען זענען זעהר אָריגינעל. אַז מ׳רעדט מיט איהם, פערגעסט מען לחלוטין, אַז מ׳האָט צו טהון מיט אַ יונגען מענשען, אַ גאַנץ פיינעם, און ס׳דוכט זיך, אַז מ׳רעדט עס מיט אַ ברודער, מיט׳ן פאָטער, מיט אַ פריינד. עפּעס שעמט מען זיך פאַר איהם צו זיין קאָקעטיש, מאַכען אפעקטען, ווייל מ׳רעכענט גאָר ניט אויס אויף איהם. פאַרוואָס? איך ווייס אַליין ניט, נור איך פיהל דאָס, און אַ סך פיהלען דאָס־זעלבע. דו וועסט דאָך ניט וועלען גלויבען, אַז ביי דער צווייטער בעגעגעניש מיט איהם ביי פרוי ליפּמאַן בין איך שוין מיט איהם געווען אָפענהערציגער, מעהר אויסגעבונדען און נאַטירליכער, ווי מיט אַדאָלף׳ן נאָך דריי יאָהר צייט בעקאַנטשאַפט. פאַר איהם שטר׳ענגט מען זיך ניט אָן גאָר צו געפעלען ווערען, ווייל מ׳פיהלט, אַז דאָס איז גאָר אַ איבעריגע זאַך, און דעריבער רעדט מען מיט איהם איינפאַך, אָהן דרעהעניש, גראַציעזע הועיות און אַלע אונ־זערע איבעריגע נאַרישע ווייבערישע פיטשעווקעס, וואָס מאַכען אויף איהם קיין שום רושם ניט, פונקט ווי דאָס איז ניט צו איהם שייך. די היגע דאַמען האָט לכתחילה פערדראָסען אויף איהם פאַר זיין גלייכגילטיגקייט צו זייער גראַציע, וואָס האָט ביי איהם ניט אַרויסגערופען קיין שום קאָמפּלימענט, נור איצט זענען זיי געוועהנט דערצו.

פון איהם הערען זיי אויס דעם סאַמע ביטערן אמת און האָבען ניט קיין פעראיבעל דערויף. אַניאַנדערן וואָלט מען ניט מוחל געווען אַזאַ גראָבקייט, איהם אָבער איז מען מוחל, ווייל מ׳זעהט, אַז ער בעליידיגט ניט, נור ער זאָגט דעם אמת. אין דער הינזיכט וועט ער זיין אינטערעסאַנט פאַר אייערע קאָקעט־קעס. איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסען, וועמען פון זיי וועט עס געלינגען צו פערדרעהען איהם דעם קאָפּ. דאָ איז עס קיינעם ניט געלונגען. און זאָגען וועל איך דיר, אַז איך וואָלט אַפילו געוואָלט, אַז מען זאָל איהם אַ ביסעל לאָזען ליידען. וואָרום ס׳פער־דריסט פּשוט אַמאָל זיין גלייכגילטיגקייט צו אונזערע שוועסטער. צי דען זענען מיר שוין מעהר ניט ווערטה, ווי גלייכגילטיגקייט? איינס פון די ביידע: אָדער זיין האַרץ איז שוין פערנומען, אָדער ביי איהם איז גאָר קיין האַרץ ניטאָ. אַ שאָדען, וואָס ער פאַהרט

אָבּ, אָניט — וואָלט איך עס ד רגעהן די רעטעניש. ניט שוין איז אונזער בעריהמטע קלוגשאַפט ניט מעהר, ווי אַ בּבא־מעשה?
איך האָבּ נאָך פון וואָס צו שמועסען מיט דיר, נור איך לעג דאָס אָב אויף אַנ'אַנדער מאָל".

דיזעלבּע צו דער זעלבּער.

ג. דעם 12־טען סעפּטעמבּער, 1861.

„דו שטעל זיך פאָר, מיין ליעבּע סאָפיע, אַז איך האָבּ זיך אָנגעהויבּען לערנען רוסיש. דו האָסט זיך דערויף גאָרניט גערוכט? איך אויך ניט. דאָס איז טאַקי משונה'דיג: איך טראָג טרויער נאָכ'ן פּוילישען פאָטערלאַנד און כ'שטודיר די רוסישע שפּראַך! אָבּער וואָס האָבּ איך געוואָלט טהון? סאַרין איז בעשטאַנען, האָט מיך איבּערצייגט, פּרוי ליפּמאַן אויך, און איך האָבּ ניט געקאָנט אָבּ־זאָגען און כ'האָבּ איינגעשטימט צו בעקענען זיך מיט דער רוסי־שער שפּראַך, וועלכע איך האָבּ ביז אַהער, ווי דו ווייסט, ניט סובל געווען. סאַרין טרייסט מיך, אַז מיט דער צייט וועל איך ליעבּ בעקומען אי די רוסישע שפּראַך, אי די רוסישע ליטעראַטור. דו הערסט: די ל י ט ע ר א ט ו ר. דאָס איז פאַר אונז גאָר אַנ'ענדע־רונג, ווי זאָגסטו? פון איבּערזעצונגען ווייסען מיר, אַז ס'איז דאָ אַ שפּאַנישע ליטעראַטור, אַ שוועדישע, אַ פּערסישע, אָבּער אַז ס'איז דאָ אַ רוסישע ליטעראַטור — האָבּען מיר גאָר ניט גערעכענט, אַלענפאַלס אין ריגא האָבּ איך פון דעם גאָר ניט געהערט. ווען איך זאָל ניט קענען סאַרינען פאַר זעהר אַ ערנסטען מאַן, וואָס ערלויבּט זיך ניט קיין שפּאַס צו פּיהרען, וואָלט איך רעכענען, אַז דאָס איז אַ קאַטאָוועס. אָבּער אַז סאַרין זאָגט, גלויבּ איך, און איך בעגעהר שוין וואָס גיכער צו בעקענען זיך מיט דער רוסישער ליטעראַטור. מיין שטאַרקער בעגעהר ערלייכטערט מיר עטוואָס די לאַנגווייליגקייט פון די ערשטע לעקציעס. גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ ווערטער, וואָס פאַר אַ אותיות! די צייהן הויבּען אָן וועה צו

טהון פון אויספראַך, פונקט ווי מ'זאָל אָנבייסען האַרטען שטיין. סאַרין זאָגט, אַז דאָס איז פון אונגעוועהנהייט. אפשר, נור דערפון איז מיר גאָר ניט לייכטער. אָבער אָהן דער רוסישער שפראַך, ווי סאַרין זאָגט, קאָן איך קיין נוצען ניט ברענגען דעם קרייזעל, צו וועלכען איך האָב שוין די עהרע אָנצוגעהערען, וואָרום אין קרייזעל ווערט אַלץ געפיהרט נור אויף רוסיש. אויסער דעם, קאָן איך דאָ ניט אָבשטעהן פון די היעגע. אַלע היגע יודישע מיידלעך פערשטעהען רוסיש און ריידען גערן אויף דער שפראַך. קאָן מען דאָך ניט זיצען צווישען זיי ווי אַ שטומע.

די טעג האָב איך מיט סאַרינען געהאַט אַזאַ געשפרעך.

— ווערמען ניט איהר איבער אייער אָנפיהרונג? — האָב איך געפרעגט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

— אין אונזער קרייזעל איז ניט געוועזן און קאָן ניט זיין קיין אָנפיהרער, — האָט ער געענטפערט, — אויסער דער אידעע אַליין, קיין שום פערזענליכען ווילען אָנערקענען מיר ניט. מיר אַלע זענען חברים אַרבייטער אין איין פאַבריק: איינער טהוט דאָס, אַ צווייטער — עפּעס אַנדערס, און פון אונזער אַלגעמיינער אַרבייט קומט אַרויס עפּעס גאַנצעס, לויט אונזער אַלעמענס פּלאַן. און, אָבפּאָהרענדיג אַפילו, וועל איך אָנגעהערען צו דער היגער חברה, איך וועל נור אומבייטען דעם אָרט, אָבער ניט דעם אַרט טעטיגקייט.

— הייסט עס, אַז איהר וועט ווייטער אויך האָבען בעציהונגען מיט אונז?

— הייסט עס, אַז איהר זענט נאָך ווייניג בעקאַנט מיט'ן גייסט פון אונזער קרייזעל, וויבאַלד איהר שטעלט מיר אַזעלכע פראַגען. וואוהין דאָס גורל זאָל ניט פערטראָגען עמיצען פון אונז, הערט ער ניט אויף אַלץ צו אַרבייטען, לויט זיינע קרעפטען, נאָכ'ן גייסט נאָך פון אונזער פּראָגראַם.

— אין וואָס בעשטעהט עס?

— אונזער פּראָגראַם בעשטעהט אין דעם, אַרויסצופיהרען אונזערע ברידער די יודען פון דעם פערצוייפערטען קרייז, וואוהין די אונגינסטיגע אומשטענדען האָבען זיי איינגעשפּאַרט, און אַוועקשטעלען זיי אויפ'ן וועג צו דער רוסישער בירגערליכקייט. קורץ, אונזער פּראָגראַם איז צו מאַכען יודען פאַר רוסען.

— פאַרוואָס עפּעס פאַר רוסען און ניט פאַר דייטשען? — האָב איך געפרעגט, עטוואָס ערשראָקען פונ'ם פּראָגראַם, — צו ווענט איהר ניט מודה, אַז די דייטשע ציוויליזאַציע איז העכער פון דער רוסישער?

— דאָס מאַכט אונז גאָר ניט אויס, וועמענס ציוויליזאַציע איז העכער, — האָט ער געענטפערט, — פאָרלויפיג האַנדעלט זיך ביי אונז ניט וועגען ציוויליזאַציע, נור וועגען פאָלקסטימליכקייט, ד. ה. וועגען גייסט און שפּראַך. מיר וואוינען אין רוסלאַנד, אַלזאָ דאַרפען מיר זיין רוסען.

— וואָס זשע וועלען דערויף זאָגען די פּאָליאַקען?

— די פּאָליאַקען האָבען שוין זייערס אָבגעזאָגט. מיט זייער גאַנצער פערגאַנגענער פּאָליטיק בנוגע צו אונז האָבען זיי דערוויזען, אַז זיי ווילען אונז ניט פאַר פּאָליאַקען.

— אָבער איצט זינגען זיי דאָך עפּעס אַנדערס.

— דאָס, וואָס זיי זינגען איצט, האָבען זיי בעדאַרפט זינגען צום ווייניגסטענס, מיט הונדערט יאָהר צוריק, דאַן וואָלט עס געווען צו דער צייט. איצט אָבער נעהמט אונז ניט זייער ליעדעל: דאָס ריהרט אונז, ווי די שטים פון אַ גוסס, אָבער ס'קאָן אונז ניט פערפליכטען צוזאַמען צו לעגען זיך אין קבר מיט פּוילען. אונזער מזל הייסט אונז צו לעבען, דאַרפען מיר לעבען. מיר וועלען לעבען און זינגען: מיר וועלען זיין רוסען.

— וואָס וועט אָבער זיין, אַז אייער נייע ליעד וועט ניט געפינען קיין אָבקלאַנג ביי די רוסען? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס קאָן ניט זיין, — האָט ער געענטפערט פעסט.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס דאָס רוסישע פאָלק איז גאָר ניט נאַריש. און איבריגענס דאַרף מען ניט פערלויפען אַ סך פאָראויס. מ'דאַרף זיך פּרובען, אָנפרעגען זיך איז קיין בייז ניט.

— און אַז דער פּרוב וועט ניט געלינגען, ד. ה. אַז עס וועט זיך אַרויסשטעלען, דאָס די רוסען ווילען אונז אויך ניט קענען? וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— דאַן... האָט סאַרין אָנגעהויבען עטוואָס פערטראַכט, — דאַן וועסען מיר, וואָס ס'וועט זיין. נור צו וואָס איז דער סקעפּטיציזם? אויב איהר רעכענט דערמיט אָבצושוואַכען אונזער בע-

שלום, זענט איהר זיך טועה. אונזערע איבערצייגונגען און האפּ־נונגען זענען זעהר פעסטע, פיעל פעסטער, ווי איהר רעכענט, און מיר האָבען נאָך ניט קיין שום סבה צו צווייפלען אין דעמ־מיר זענען איבערצייגט, אַז מיר קאָנען ווערען רוסען, און דערי־בער דאַרפען מיר דערצו שטרעבען מיט אַלע אונזערע מעגליכ־קייטען. מיר טהוען אונזערס, טהוט איהר אויך אייערס, לערנט זיך רוסיש! דערווייל פאָדערן מיר פון אייך ניט מעהר, אָבער דערפאַר ווילען מיר אייך שוין בשום אופן ניט בעפרייען דער־פון, וואָס איהר האָט אונז שוין פערשפּראָכען. איהר לערנט זיך רוסיש — און גענוג!

ווי געפעהלט עס דיר אַזאַ דעספּאָטיזם? זיי האָבען מיך פּשוט פערשקלאַפּט. וואָס זאָל מען טהון, איך מוז זיך לערנען רוסיש, ווארום איך האָב עס שוין צוגעזאָגט.

P. S. די טעג פאָהרט אָב סארין צו אייך. איך האָב איהם געגעבען אַ בריעף צו דיר. דאָס וועט דיר ברענגען די געלעגענ־הייט צו בעקענען זיך מיט איהם, איך האָף, אַז איהר וועט שטי־מען איינער מיט'ן אַנדערן.

XXII.

פאלינקע קראַנץ צו מערי טידמאַן.

נ. דעם 17־טען סעפּטעמבער. 1861

„מערינקע, טייערע מיינע, נשמה מיינע! גראַטולירע מיר, נעהם מיך אַרום און קוש מיך! איך בין גליקליך: איך בין אַ לעהרערין! יאָ, אַ לעהרערין. מיר האָבען איינגעאָרדענט אַ שול, דער פאַן וואַצלאַוו, די פאַנאַ איזאַבעלאַ (דו געדענקסט זיי) און איך (מיך געדענקסטו?) מיר האָבען צונויפגענומען 25 יודישע מיידלעך און לערנען זיי פּויליש — אינגאַנצען אומזיסט, און בי־

כער גיבען מיר זיי אויך. איינענטליך ניט מיר, נור די גרעפין גיט. דו קענסט די גרעפין. אַך, ניין! איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איך האָב דיר גאָר ניט געשריעבען וועגען איהר. בין איך דאָס אַ ביסעל אַ פערגעסערין!... נור, ס'איז אַלץ איינס. די זאַך איז אַזוי, דאָ איז פאַרהאַן אַ גרעפין סטאַשיצקאַיאַ. וואָס פאַר אַ גוטע זי איז, אַ ליעבליכע, ס'אַראַ געבילדעטע און ס'אַראַ פּאַט־ריאָטין! איך בין ביי איהר כמעט יעדען טאָג, איך קום אַריין גאַנץ איינפאַך. ביי איהר קומען זיך צונויף אַלע פּאַטריאָטען. ווען דו זאָלסט וויסען, וועגען וואָס מ'רעדט דאָ!... נור שרייבען דיר האָב איך מורא, ווארום מ'זאָגט, אַז מאָסקווער זשאַנד עפענט אייף און קוקט איבער אַפילו פּריוואַטע בריעף. די גרעפין האָט עס אונז אויפגעגעבען דעם געדאַנק וועגען עפענען אַ שול. זי האָט אונז געזאָגט: „גרייט צו פאַר אונז וואָס מעהר פּוילישע פרויען, דאַן וועט דעם פּאָטערלאַנד לייכטער זיין". האָבען מיר זיך גענומען צוצוגרייטען פּוילישע פרויען. מיט וואָס פאַר אַ אונ־געדולד איך ערוואַרט די מינוט, ווען איך וועל קאָנען מיינע שיה־לערינס בעקאַנט מאַכען מיט דעם „פּאַן טאַדעאוש" און מיט „קאָנראַד וואַלענראָד"! איך וועל געווים משוגע ווערען פון פרייד. אונזער מיצקעוויטש — איז העכער פון שילער, העכער פון הו־גאָ. שילער איז אויפגעבלאָזען און האָניג־זיס, הוגאָ — איז אַ פאַנטאַסט, אָבער מיצקעוויטש — איז אמת'דיג, ערהאַבען, היי־ליג. און חאָדזקאָ? און סיראָקאָמלי?... מחשבות'ן וועגען דעם לעצטען, דאָ זאָגט מען, אַז זיין „קאַספּאַר קאַרלינסקי" מאַכט אין אויסלאַנד אַ פוראָר. ווי אַנדערס?...

איך האָב דיר שיר ניט פערגעסען צו זאָגען, אַז איך האָב אויך שיהלער, און וויסטו ווער? פערעצ'ן און בערקאָוויטש'ן. זיי האָבען זיך אויך אָנגעהויבען לערנען פּויליש. איך גיב זיי צו דריי לעקציעס אין וואָך. די שפּראַך וועלען זיי אין גיכען פער־שטעהן, אָבער די אויסשפּראַך... איך בין פשוט אויסער זיך פון זייער אויסשפּראַך. וואָס זאָל איך מיט זיי טהון? צי וויסטו ניט עפּעס אַ מיטעל דערצו?

זאָסיע האָט קיין שייכות ניט צו דער שול: דער פאָטער ערלויבט איהר ניט. מיר ערלויבט אויך ניט דער פאָטער, נור איך הער איהם ניט: דאָס פּאָטערלאַנד איז מיר טייערער פון אַלץ...

אין בין איצט זעלטען אין דער=היים: אָדער איך בין אין שול,
אָדער ביי דער גרעפין. ביי איהר איז דאָ ש:ענדיג אַ גרויסע
געזעלשאַפט, אַ אַנגענעהמע. מיט דער פירסטין לעבען מיר ווי
צוויי שוועסטער, דו קענסט די פירסטין? נור, אַלץ איינס. די
פירסטין מילפאָר איז סעקרעטאַר ביי דער גרעפין, און איך בין—
איהר געהילף. ווען דו זאָלסט נור זעהן, וואָס פאַר אַ צירקוליאַ=
רען מיר שרייבען!... די גרעפין איז פערוואַלטער איבער דער
אָבטיילונג פון הויפט=קאָמיטעט! זי שרייבט זיך אונטער — דער
אַייזערנער פ אָ כ ע ר, די פירסטין — נ אָ ד ע ל ע, און איך —
ז ו מ ע ר=פ ו י ג ע ל ע. די פערשטעלטע נעמען 'ענען אונז נויטיג
צוליעב פאָרזיכטיגקייט, אַז די פאַפּיערען, וואָס מ'וועט איבער=
נעהמען, זאָלען אונז ניט קאָמפּראָמענטירען, וואָרום מ'שפּירט
שוין אונז נאָך.

ביי אונז איז דאָ איינער אַ מענש, אַ שליאַכטיטש, אַ גבור.
מיר רופען איהם — ד ע ר ה אַ מ ע ר. איך וואָלט עס קיינעם ניט
געווינשט אַריינצופאַלען צו איהם אין יד אַריין: ר'וועט דערשטי=
קען ווי אַ פליעג. איהם וועט מען איבערגעבען די אָבטיילונג
קאָסיניערען, וואָס ווערט אָרגאַניזירט ביי דער גרעפין אין די אי־
מעניעס. ביי אונז וועט זיין אַ מלחמה, ווי אין קאָסטיושקאָ'ס צייַ=
טען. די פויערים וועלען זיין אויף אונזער צד, וואָרום מיר פער=
שפּרעכען זיי מעהר פרייהייט, די טעג וועט מען פון דאַנען אַרויס=
שיקען שלוחים, וואָס זאָלען צוגרייטען דאָס פאָלק צום אויפ־
שטאַנד. די „פריעדענס=פערמיטלער" (דאָס זענען אַזעלכע בעאַמ
טע פון אַדעל) וועלען זיי ענערגיש מיטהעלפען, און ביי זיי אי
די הענד איז דאָס גאַנצע גורל פון די פויערים. די שלוחים, וואָס
וועלען געשיקט ווערען, בעגעגען איך שוין ביי דער גרעפין. זיי
האָבען זיך געלאָזט אויפנייהען פויערשע בגדים און זיי געוועהנען
זיך צו ריידען אַזוי, ווי פויערים. דו האָסט נור בעדאַרפט הערען
ווי זיי ריידען! מ'קאָן פאַלען פון געלעכטער.

מערינקע, טייערינקע! איך בעט דיך, דו זאָלסט שוין מיר
מעהר ניט שרייבען אויף דייטש. איך שעם מיך איצט צו פיהרען
א קאָרעספּאָנדענץ אויף דייטש — אויף אַ שפּראַך, וואָס מיר האָ=
בען אַזוי פיינד. דו קענסט דאָך גאַנץ גוט פויליש אויך. פאַרוואָס
זשע זאָלסטו מיר ניט שרייבען אויף פויליש? דו לייען מעהר,

געוועהן זיך צו, מאַך איבערזעצונגען, וועסטו שרייבען פויליש ניט ערגער, ווי דייטש. איך בעט דיך זעהר און זעהר — אין נאָמען פון אונזער אייביגער פריינדשאַפט. מיר איז איצט זעהר אינאַנגענעהם אַלצדינג, וואָס דערמאָנט מיר חאָטש וויפיעל ס׳איז אָן מיין פריהערדיגען לעבען. צי דען וועסטו וועלען פערשאַפען מיר אונאַנגענעהמליכקייט? און דיינע דייטשע בריעף זענען מיר זעהר אונאַנגענעהם.

נאָך איין בקשה. צי וואָלסטו ניט געקאָנט איינאָרדנען אין ג. אזאַ שול, ווי מיר האָבען דאָ געגרינדעט? צייט האָסטו אַ סך. פאַרוואָס זאָלסטו עס ניט אָבגעבען פאַר דעם גוטען גרויסען ענין? מיר אַלע דאַרפען דיענען דעם פאָטערלאַנד, סיי מאַנספערזאָנען סיי פרויען, יונגע און אַלטע. ווען דו זאָלסט נור וועלען, וועלען מיר דיר פון דאַנען שאַפען אַלע מיטלען און רעקאָמענדאַציאָנסבריעף, אויב ס׳וועט נויטיג זיין. דאַן וועסטו לפחות ווייסען, אַז ניט אומזיסט עסטו דאָס פוילישע ברויט. זעה נור, ווי גוט פערפוילישט ס׳זענען אונזערע גלויביגע אין קרוין־פוילען. דאָרט איז שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פוילישער סדור פאַר אונזערע פרויען, און אונזערע געבילדעטע דאַמען קאָנען נאָך ניט לייענען קיין פויליש! ס׳איז פשוט עקעלהאַפט. נור, לאָמיר לאָזען געמאַך די ווייבער! מיר דאַרפען זעהן, אַז דער יונגער דור, צום ווייניגסטען, זאָל קענען די שפראַך פון זיין געבורטס־לאַנד. אַניט — וועלען מיר קיין שום רעכט ניט האָבען אָנצורופען זיך „פאָליאַקען”... עס לעבע פוילען!

דיין אמת־ליעבענדע זומער־פויגעלע.

ה'-טער טהייל

צווייטער טייל.

I.

איצט וועל איך נעהמען קאָניוגירען, — האָט אין א פריה־מאָרגען אין יאַנואַר 1862 יאָהר, זשיול פערעץ געזאָגט צו דזשאָן בערקאָוויטש, וואָס איז געזעצען אַנטקעגען איהם מיט א פוילישער גראַמאַטיק אין די הענד.

און האָט אָנגעפאַנגען צו קאָניוגירען דאָס פּויל׳ישע צייט־וואָרט: pisać. בערקאָוויטש האָט אויפמערקזאַם אַכטונג געגעבען אין ביכעל אינעווייניג, צו פעררריכטען איהם א גרייז, ווען מ׳וועט דאַרפען. זשיול פערעץ איז אָבער אין דער הילף ניט גענויטיגט געוועזען, ער האָט געהאַט א גוטען זכרון, און ר׳איז מיט׳ן צייט־וואָרט בשלום אַריבער דורך אַלע צייטען און אַרטען.

— Very wele, האָט בערקאָוויטש געזאָגט אויף ענגליש גלעטענדיג זיין געלב בערדיל.

— דאָס הייסט, très bien, ווי אָנשטענדיגע לייט דריקען זיך אויס? האָט פערעץ געפרעגט אויף פראַנצויזיש.

— Ves sir, — האָט בערקאָוויטש קאַלטבלוטיג געענט־פערט און האָט לאַנגזאַם געבלעטערט די גראַמאַטיק.

זשיול פערעץ — א פריוואַט לעהרער פון פראַנצויזישער שפּראַך און דזשאָן בערקאָוויטש — א לעהרער פון ענגליש האָבען איצט איבערגעלעבט זעהר א שווערע צייט. איבער דער פוילישער

בעוועגונג, וואָס האָט זיך פערשפּרייט אין דער גאַנצער געגענד, האָבען זיי אָנגעוואָהרען מעהר ווי אַ העלפט פון זייערע לעקציעס, וואָס איז געווען דער איינציגער מקור פון זייער עקזיסטענץ. די יודען אין דער שטאָדט נ. האָבען מיט אַמאָל אָבגעקיהלט צו פרעמדע שפּראַכען, נאָך וועלכע זיי זענען פריהער אַזוי להוט געווען, און האָבען זיך איצט גענומען פאַר די פּוילישע שפּראַך אויך מיט דעם גאַנצען יודישען ברען. מ'האָט אָנגעהויבען צו חאַפּען פּוילישע גראַמאַטיקעס, ווערטער־ביכער און לעזע־ביכער. פון טאָג צו טאָג האָט זיך פערגרעסערט די צאָהל פון די, וואָס האָבען געשטודירט די פּוילישע שפּראַך. בעמיטעלטע לייט האָבען געדונגען לעהרערס, אָרימערע האָבען זיך געפּרובט מיט די איי־גענע קרעפטען בייצוקומען די שפּראַך, אויף וועלכע מען האָט זיך פריהער גאָר ניט אומגעקוקט, און איצט איז זי עפּעס מיט אַמאָל אַזוי נויטיג געוואָרען. די פּאָליאַקען, פערשטעהט זיך, האָ־בען געזעהן אויפצוהאַלטען דעם ברען, וואָס ס'איז געוואָרען ביי די יודען; זיי האָבען אין דעם איינגעזעהן די לאַנג געווינשטע איבערקעהרעניש אין די געדאַנקען און געפיהלען פון די יודען, און האָבען דערפון זעהר פיעל גוטעס ערוואַרטעט אין דער צו־קונפט. ס'איז אָבער אַ ביטערער טעות געווען. קיין שום איבער־קעהרעניש אין די יודישע מחשבות און געפיהלען איז ניט געווען, נור יעדער יוד האָט זיך אָנגעהויבען צו לערנען פּויליש דערפאַר, וואָס אַלע אַנדערע יודען האָבען זיך עפּעס גענומען פאַר פּויליש, קנאה און איבערשטייגעניש — דאָס איז אַ געוועהנליכע ערשיינונג אינ'ם לעבען פון די רוסישע יודען, און דאָס האָט אין דעם תהו־ובוהו געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, זאָגאַר די איינציגסטע. האָט נור איינער אָנגעפאַנגען צו לערנען זיך פּויליש, דאַרפען שוין דאָך אַלע לערנען. און אום ניט אָבצושטעהן פון אַנדערע, האָבען זיך פערעץ און בערקאָוויטש אויך גענומען פאַר פּוילישע לעהר־ביכער.

זשיול פערעץ און דזשאָן בערקאָוויטש האָבען איצט, ווי געזאָגט, איבערגעלעבט זעהר אַ שווערע צייט. זייער הכנסה האָט ניט געדעקט זייער הוצאה. ווען ביי זיי זאָל ניט זיין עטוואָס אָב־געשפּאָרט פון די פריהערדיגע יאָהרען און זיי זאָלען ניט זיין אַזוי עקאָנאָמיש — וואָלט זיי איצט אויסגעקומען זעהר ניט גוט.

זײ האָבען געוואוינט אין אַ קלײנעם צימער אופ'ן צווייטען שטאָק, אײגענטליך, איז עס געווען אַ בוידעם נור פון אַ אײנשטאָקיגען האָלצערנעם הויז אין אַ פאָרשטאָדט. נור בײ דעם ווירטה פונ'ם הויז, אַ אויסגעדיענטער טשינאָווניק, און בײ די שכנים האָט עס געהײסען — צווייטער עטאַזש. מעבּליערט איז עס געווען ווי' געוועהנליך: צוויי אײנפאַכע ניט געפאַרבּטע בעטלעך, צוויי שטוהלען, אויבּעט ניט געפאַרבּטע, אַ טיש, עטוואָס צוגעפאַרבּט און אַ טאַבּורעט, וואָס האָט אין דער־פריה געדיענט אלס וואַשטישעל. דאָס מעבּיל איז געווען פון ווירטה. אויסער דעם איז אין צימער געווען: אַנ'אַלטער קאָמאָד, צוויי קאַסטענס און ניט קײן גרויסער, אַ בּיליגער שפּיגעל. דאָס איז שוין געווען די קוואַרטיראַנטענס אײגענטום.

זשיול פּערעץ האָט צוליעב עקאָנאָמיע, אָנשטאָדט די גוטע ציגאַרען, צו וועלכע ער איז געווען געוועהנט, אָנגעהויבּען צו רויכערן אײנפאַכע פּאַפּיראָסען פון אײגענער אַרבּײט, און דזשאָן בּערקאָוויטש האָט, אָנשטאָדט די צוויי פלאַש בּיער אַ טאָג, אָנגעהויבּען צו טרינקען פּשוט'ען, הײמישען קוואַס.

— נו, וואָס, סער, — שלעכט? האָט זשיול פּערעץ געזאָגט, רויכערענדיג זײן פּאַפּיראָס מיט עקעל געפיהל.

— ניט גוט, יאָ, איך מײן, אַז ס'איז זעהר ניט נוט, — האָט דזשאָן בּערקאָוויטש געענטפערט און געבּלעטערט כּסדר די' גראַמאַטיק.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט זשיול פּערעץ געטרײסט, — ס'וועט נאָך ערגער זײן: בּאַלד וועלען מיר אָנוועהרען אונזערע איבּעריגע לעקציעס אויך.

— אַזוי רעכענסטו? — האָט בּערקאָוויטש געפרעגט, בּלאַס ווי לײוואַנד.

— איך בּין כּמעט זיכער אין דעם, — האָט פּערעץ געענטפערט און אַ וואָרף געטהון זײן דערראויכערטען פּאַפּיראָס. אונזערע יודען זענען דאָך ווי אַ טשערעדע בּאַראַנען: וואוהין אײנער — אַהין אַלע. האָט אײנער אויפגעהערט צו לערנען פראַנצויזיש, הײסט עס, אַז אַלע דאַרפען אויפהערען. צום 1־טען וועט שוין בּײ מיר קײן אײן לעקציע, געוויס, ניט איבּערבּלײבּען.

— און ביי מיר איז אויך דאָסזעלבע, — האָט בערקאָ־וויטש אַרויסגעזאָגט מיט אַ טיפען זיפץ.

— פונדעסטוועגען, מיין ליעבער, — האָט פערעץ אָנגע־הייבען נאָך אַ קורצער פויזע, — דאַרף מען זיך ניט מיאש זיין מיר זענען נאָך בחורים. ס׳אַרא אַנטיק, וואָס מיר האָבען ניט חתונה געהאַט. מיר וועלען פון הונגער ניט שטאַרבען.

— דו פערגעסט אָבער, דוכט זיך, — האָט בערקאָוויטש אָבגעענטפערט, אַז איך האָב אַ מוטער און אַ שוועסטער, וואָס זע־נען נור אויף מיר אָנגעוויזען?

— אַך, יאָ, ענטשולדיג, — איך האָב גאָר פערגעסען, אַז דו ביסט אַליין איינס, ווי מיט אַ פאַמיליע. נור מיר וועלען זיך נאָך מישב זיין וועגען דעם.

ער איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען אַרומצוגעהן אין בער׳ן צימער הין און צוריק, צושויבערנדיג זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר. בערקאָוויטש האָט פערמאַכט דאָס בוך, האָט זיך אויסגע־צויגען אויפ׳ן בעטעל און האָט סתם אַזוי געקוקט אין די סטעליע.

אַ ווייל׳ע האָט מען געשוויגען.

— וועגען וואָס האָסטו זיך פערטראַכט? — האָט זשיול פערעץ געפרעגט, צוגעהענדיג צו זיין חבר.

בערקאָוויטש האָט זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פנים צו פע־רעצ׳ן, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם.

— איך האָב זיך פערטראַכט וועגען דעם: ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך זאָל זיין אַ האַלץ־העקער, אַ טאָג־אַרבייטער, אַ האַנדוועקער אָדער אַ ערד־אַרבייטער. אַ פשוט׳ער טאָג־אַרבייטער וועט שטענדיג קריעגען אַרבייט, און מיר — ניט. קיינער נויטיגט זיך איצט ניט אין אונזער מיה. אָט דאָס איז אונזער אונגליק.

— דו בינסט זיך טועה, מיין פריינד, — האָט זשיול פע־רעץ געענטפערט, אין אונזער אַרבייט נויטיגט מען זיך נאָך גראָד, איז ניט דאָ — איז דאַרטען, אונזער אונגליק איז ניט דאָס, וואָס מיר זענען ניט קיין פשוט׳ע אַרבייטער, נור וואָס מיר זענען יודען.

— וואָס הייסט? — האָט בערקאָוויטש ניט פערשטאַנען זיין חבר. אָט דאָס הייסט עס. וואָס האָט, דהיינו, געטהון מעסיע

דיופּרע, ווען ער האָט, אַזוי ווי מיר, אָנגעהויבען אָנצעוועהרען אין לעקציע נאָך דער צווייטער? ער האָט אַ שפּיי געגעבען אויפ׳ן גאַנצען קאַנט און איז אָבגעפאָהרען קיין רוסלאַנד, וואו זיין מיה ווערט בעצאָהלט פיעל בעסער, ווי דאָ. און מיר דאַרפען זיצען דאָ און שטאַרבען פון הונגער, ווייל מיר טאָרען ניט פאָהרען קיין רוסלאַנד. מעסיע דיופּרע, אַנ׳אויסלענדער מאָג פראַנק און פריי אַרומפאָהרען איבער רוסלאַנד, און איך, אַ רוסישער אונטערטאַן טאָר ניט, ווייל איך בין אַ יוד. ווי געפעהלט דיר אַזאַ לאָגיק.

בערקאָוויטש האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, נור פון דער גרימאַסע, וואָס ער האָט געמאַכט, איז קענטיג געווען, אַז די לאָגיק איז איהם ניט זעהר געפעהלען געווען,

— הערסט דאָך, דזשאָן — האָט פערעץ ווידער אָנגעהויבען, — דו ווייסט, דוכט זיך, ווי וועניג מיטגעפיהל איך האָב צו די פּאָליאַקען. און פונדעסטוועגען, ווי זיי ווילען עס נור פאָדערן, וועל איך זיך גלייך שטעלען אין זייערע רייהען. רוסלאַנד בעהמט אונז ניט אויף, דאַרפען מיר דאָך בלייבען אין פוילען. אין דער אמת׳ן, איז דאָך פריילין קראַניץ גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז מיר עסען פוילישען ברויט, און ניט רוסישען. צום טייוועל! איך שטעה צו צו די פּאָווסטאַנציעס. איך קאָן שיסען, פאָהרען רייטענדיג, וועל איך טויגען פאַר׳ן חיל ניט ערגער, ווי אַ פּוילישער יונגערמאַן. בעשלאָסען, ביים ערשטען בערוף פערבייט איך די לעהרטייטעל אויף אַ רעוואָלוציאָנערען ביקס. מיט וואָס ריזיקיר איך דאָ?

— מיט אַ גאָרנישט: מיט׳ן לעבען, — האָט בערקאָוויטש פלעגמאַטיש בעמערקט.

— עך, ברודער! — האָט פערעץ אויסגעשריען, צוזעצענדיג זיך צו בערקאָוויטש׳ן אויפ׳ן בעטעל, וואָס איז ניט אַלץ איינס, צו שטאַרבען פון הונגער, צי פון אַ קויל? פאַר אַ געבילדעטען מענשען — איז דער לעצטער אַרט שטאַרבען גרינגער און בכבודיגער.

— און איך וואָס זאָל טהון? — האָט בערקאָוויטש געפרעגט.

— אויך דאָס זעלבע, — האָט פערעץ געענטפערט, — מיר זענען דאָך עפּעס אַזוי גוט, ווי אַ צווילינג. צוזאַמען האָבען מיר געטראָגען דעם לעהרער־יאָך, לאָמיר אויך, ווי זאָגט מען עס,

אויפ'ן עהרען-פעלד קעמפפען צוזאַמען. מיר וועלען שוין איינער פון צווייטען ניט אָבשטעהן.

— זשיול, דו פערגעסט אָבער אלץ, אַז איך האָב אַ מוטער און אַ שוועסטער...

— „לאָז זיי בעטלען געהן, ווען זיי הונגעריג זענען!“ — האָט פערעץ דעקלאַמירט פון דעם בעוואוסטען ליעד „צוויי גרע־נאַדיערען“ און איז אויפגעשטאַנען פון בעטעל.

פון פערעצ'עס לעצטע ווערטער האָט בערקאָוויטש'ן אַזש אַ צופּ געטהון. ער האָט אָנגעהויבען צו פינטלען מיט די אויגען און צופּען דאָס בערדעל פון אויפרעגונג.

— זשיול, — האָט ער געזאָגט, — צו וואָס זענען די פוסטע רייד. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז די מוטער און די שוועסטער זענען פאַר מיר — אַ היילינגקייט, איך וועל גיעבער אַליין אַוועק בעטלען, איידער זיי צו לאָזען איבער די הייזער. די בעטראַכט זיך בעסער ערנסט, און דערנאָך וועסטו ריידען.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט פערעץ בערוהיגט זיין אויפגערעגטען חבר, מיר וועלען נאָך צייט האָבען צו בעטראַכטען. דיין מוטער און דיין שוועסטער וועלען מיר בעזאָרגען. דו ווייסט דאָך, אַז איך פערהאַלט זיך צו זיי מיט גרוים כבוד. די ווערטער פון היינע'ס ליעד האָבען זיך ביי מיר אַזוי גלאַט פון דער צונג אַראָבגעגליטשט, איך האָב עס ניט געמיינט ערנסט אַלס אַ עצה פאַר דיר. מיר וועלען נאָך אַ טראַכט טהון. דו בינסט דאָך ניט ברוגז אויף מיר?

— ניין.

— גיב אַ האַנד.

פערעץ האָט שטאַרק געדריקט בערקאָוויטשעס אויסגע־שטרעקטע האַנד. דערנאָך איז ער ווידער אַוועק איבער'ן צימער און האָט געפייפט די מעלאָדיע פון דער מאַרסעליעזע, ווי אַלע מאָל, ווען ער פלעגט זיין אונצופריעדען מיט זיך.

— יאָ! האָט פערעץ פלוצלונג אויסגעשריען. ער האָט אויפגעהערט צו פייפען און האָט אַ קוק געטהון אויף זיין זייגער. ס'איז שוין פיער דער זייגער. פריילין קראַנץ וועט אונז שוין אַוועקשטעלען אין קינע דערפאַר, וואָס מיר האָבען פערשפעטיגט. Aux armes, citogen הויב זיך אויף און לאָמיר געהן.

— איך וועל היינט ניט געהן, — האָט בערקאָוויטש גע־זאָגט, — איך בין היינט ניט אויפגעלעגט.

— ניט אויפגעלעגט אפילו צו פלוידערן מיט דער פריילין פּאָלינא? דאָס איז שוין די מרה־שחורה אליין, וועל איך דיך אי־בערגעוואלד אוועקשלעפּען: איז ניט דער פּוילישער דקדוק, וועלען דיך איהרע שוואַרצע אויגען אויסהיילען. דו בינסט דאָך פערליעבט אין איהרע אויגען, יאָ?...

— שטותים! — האָט בערקאָוויטש געזאָגט און איז זעהר רויט געוואָרען. מיר געהט איצט ניט אין קאָפּ קיין ליעבע.

— פאַרוואָס ניט ליעבע? ס'איז אַ ענגע צייט ס'איז אַ גאָר־נישט! דערויף קוק איך קיינמאָל ניט. איז דאָ וועמען ליעב צו האָבען — ליעב איך, סיי ס'איז פאַרהאַן אַנ'אָסיגנאַציע אין טאַש, סיי ס'איז ניטאָ. צי אַ ק:צן טאָר שוין ניט ליעב האָבען?

— ס'איז ניט פערבאָטען, אָבער ס'פּאַסט זיך עפּעס ניט צו, — האָט בערקאָוויטש בעמערקט.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט פערעץ געפרעגט — אַנ'־אָרימאַן איז קיין מענש ניט? און איך בין אַזוי לייכטזיניג, אַז איך האָב אַלע מאָל זיך אויך גערעכענט פאַר אַ מענשען. איך האָב געהונגערט, און כ'האָב פונדעסטוועגען ליעב געהאַט, און מ'האָט מיך אויך געליעבט. איך האָב איצט אויך ליעב.

— וועמען? — האָט בערקאָוויטש כמעט אויסגעשריען און האָט אויסגעשטעלט די אויגען אויף פערעץ'ן.

— בערוהיג זיך, מיין פריינד, האָט פערעץ געזאָגט, — ניט פּאָלינא'ן, נור אַ'אַנדער מיידעל, וועלכע דו קענסט אפילו ניט. נור איך בין זיך מודה ומתודה, ווען איך זאָל ניט זיין פערליעבט אין מ יי נ ע ר, וואָלט איך זיך פערליעבט אין דיין פּאָלינא'ן.

בערקאָוויטש'ן איז פון די ווערטער אונאַנגענעהם געוואָרען.

— זשיול, — האָט ער געזאָגט מיט פערדרוס, — צו וואָס איז דאָס קאַטאָוועס פיהרען? צו וואָס זאָגסטו, אַז די פריילין פּאָ־לינא איז מיינע? דו ווייסט דאָך, אַז זי איז צו־רייך דערצו, דאָס זי זאָל טראַכטען וועגען אַזאַ שלים'מזל ווי איך, און איך בין צו־פיעל בערעכענט, דאָס איך זאָל גאָר קלעהרען וועגען דעם, וואָס איז אונמעגליך?

— נו, ס'איז אַלץ איינס, צו די קלעהרסט וועגען איהר

צי ניט, איך האָב נור געוואָלט זאָגען, אַז זי איז אַ וואויל מיידעל.

— ווער ווייס דאָס ניט?

— אַ מיידעל אַ בראַנד — האָט פערעץ גערעדט ווייטער מיט התפּעלות: דו ווייסט, ווי אָריגינעל זי האָט זיך די טעג בע־קאַנט געמאַכט מיט סאַרינען?

— זי האָט זיך שוין בעקענט מיט סאַרינען? — האָט בערקאָוויטש געפרעגט פערוואונדערט.

— יאָ, געוויס, וואָס האָסטו זיך דערשראָקען? סאַרין איז ניט געפעהרליך: ר'איז אַזאַ בריאה משונה, ווי דו. אָבער הער נור, ווי ס'איז פאָרגעקומען. סאַרין איז כמעט טאָג טעגליך ביי אַדאָלף'ן, זיי זענען אַלטע בעקאַנטע און דערצו האָבען זיי איצט צוזאַמען עסקים. פאָלינא וואַרט אַ טאָג, צוויי, דריי — סאַרין בע־קענט זיך ניט מיט איהר. בעגעגענענדיג זיך מיט איהר אין זאַל, טהוט ער זיך אַ נויג, אָבער ער רעדט קיין וואָרט ניט אויס, ר'שטעלט זיך ניט פאָר. פאָלינאַ'ן האָט עס פערדראָסען, האָט זי בעשלאָסען אָנצולעהרנען איהם. די טעג האָט זי זיך מיט איהם בעגעגענט אין זאַל, האָט זי איהם פערשטעלט דעם וועג און האָט קאָמאַנדירט: „סטאָי!״ ער איז געבליעבען ערשטוינט. פאָלינא האָט צוגעשטעלט צוויי פינגער צום שלייף און האָט איהם אַ ראַפּאָרט געגעבען: „כ'האָב די עהרע פאָרצושטעלען זיך: פאָלינא קראַנץ אַדאָלף'ס שוועסטער, מערי קידמאַנ'ס אַ פריינדין, כ'בעט ליעבען און עהרען״. סאַרין האָט אַ שמייכעל געטהון און האָט זיך אויך רעקאָמענדירט: „זענט איהר דאָס אַרקאַדי סאַרין?״ האָט זי גע־פרעגט, — „יאָ״. „הערט ניר, אַרקאַדי סאַרין! ווער האָט עס אייך בעפרייט פון אַנשטיינדיגקייט אַלס וועלטליכער מענש?״ און זי האָט איהם גענומען מוסר זאָגען אויף דער טהעמע. ער האָט אָנגעהויבען צו ערקלערען, בעטען אום פערצייהונג. קורץ, ס'איז אַ שענע סצענע געוועזען... נור כ'האָב זיך פערררעדט, און ס'איז שוין אונז צייט צו געהן, זי וואַרט אויף אונז. וועסטו ניט געהן?

— ניין, איך וויל ליעגען.

— איז ליעג דיר געזונדערהייט.

ער האָט אָנגעטהון דעם פּאַלטאָ און קאַלאָשען, האָט גע־

נומען דאָס בוך און איז אַוועק צום טהיר, פּייפענדיג די זרי, „סעוו. פּרוויזירער".

בערקאָוויטש האָט איהם מיט'ן בליק בעגלייט.

— הער נור, זשיול, — האָט ער זיך דערמאָנט — פּאַר־בייגעהענדיג זאָלסטו זאָגען דער ווירטהין, אַז זי זאָל מיר ברענגען קוואַס.

— אָט איז דיר אַמפונג אַביסעל! — האָט פּערעץ מונ־טער אויסגעשריען. — וועסטו מיר מאַכען די פּאַפּיראָסען?

— יאָ.

— רעכט. גלייך בעקומסטו דיין געליעבטע געטראַנק. אַדיע און זאָרג ניט.

פּערעץ איז אַרויסגעגאַנגען פּייפענדיג זיין אַריע.

II.

די לעקציע האָט זיך געענדיגט. פּאָלינא איז אויפגעשטאַ־נען, נור זשיול פּערעץ איז געבליעבען זיצען אויף זיין אָרט, האָט מיט איין האַנד אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און מיט דער צוויי־טער האָט ער אויסגעקלאַפּט איבער'ן טיש אַמאַרש, צי אַוואַלס עפּעס. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פערטראַכט, אז ער האָט ניט בעמערקט, ווי פּאָלינא איז אַרויס אין אַאַנדער צימער. אַז זי איז אין אַפּאָר מינוטען אַרום צוריק אַריינגעקומען אין קאַבינעט, האָט זי פּערעצ'ען געטראָפען אין דעמזעלבען צושטאַנד ווי פריהער, דאָס האָט איהר פערוואונדערט.

— וועגען וואָס האָט איהר זיך עס פּערטראַכט, מעסיע פּערעץ? האָט זי געפרעגט.

פּערעץ האָט אַציטער געטהון, ווי מ'וואָלט עס איהם אויפגעוועקט פון אַדרימעל. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, האָט אַריב געטהון דעם שטערן, אָבגעלעגט די האָר און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַנ'אַנדער שטוהל.

— פערצייהט מיר, פריילין, — האט ער אָנגעהויבען, — פערצייהט מיר, וואס איך שטער אייך אפשר; איך דארף אָבער מיט אייך ריידען וועגען איין ענין.

— האָטש וועגען צוויי, איך בין גרייט צו דיענען, — האט פאלינא געענטפערט און האט זיך אוועקגעזעצט געגענאיבער אויפ'ן סאָפקע.

פערעץ האט אָבגעלעגט זיינע וואָנצעס און האט אָנגעהויבען.

— איהר, פריילין, ווייסט דאָך, פארוואס איך לערן זיך פוילישׂ?

— כדי צו קענען די שפראך, — האט פאלינא געזאגט.

— ניין, דאס איז וועניג, דאס וואלט געווען א לוקסוס, און אזא מענש, ווי איך, וויים ניט פון לוקסוס. וועניג שפראכען זענען דא אויף דער וועלט צו שטודירען? איך לערן זיך פויליש דערפאר, כדי איך זאל אימשטאנד זיין צו דיענען פוילען...

— ווירקליך, טאקי? — האט פאלינא אויסגעשריען, איז אויפגעשפרונגען פון סאָפקע און האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד צום יונגען-מאן. — איהר קאנט זיך ניט פארשטעלען, ווי איהר האט מיך איצט דערפרעהט. איך האב זיך שוין לאנג צוגעקליבען איבערצוריידען מיט אייך וועגען אונזער ענין, וועגען דעם פאטערלאנד. איך האב אָבער געמיינט, אז ס'איז נאך פריה. איך האב ניט גערעכענט, אז איהר זענט אזוי גיך דורכגעדרונגען געווארען מיט'ן פוילישען גייסט...

— מיט'ן פוילישען גייסט בין איך נאך ניט דורכגעדרונגען, — האט פערעץ געאיילט צו-צוגעבען, — לייגען, א צבועק זיין וויל איך ניט. די פאליאקען קען איך נאך זעהר וועניג, נאך וועניגער האב איך זיי ליעב. איך וויים נור, אז איך מוז דיענען פוילען. רוסלאנד'ס אונטערטהאנען זענען מיר, און זי לאזט אונז ניט צו זיך אויפ'ן שוועל. דאס בעפרייטע פוילען וועט אפשר ארויסווייזען מעהר יושר צו אונז. די פאליאקען רעדען איצט זעהר פיעל וועגען ברידערליכקייט, גלייכהייט...

— ניט נור זיי ריידען — זיי פיהלען עס, — האט פאלינא איבערגעריסען זיינע רייד, און זייער אונגעדולד איז גרוים

צו דערוויזען עס שוין פאַקטיש. די מניעה איז נור אָן אונז. מיר בעשליעסען זיך אַלץ ניט.

— איך האָב שוין אָבער בעשלאָסען, — האָט פערעץ געזאָגט, — פיהרט מיך אַריין אין פוילישען קרייז, בין איך אייערער

— אונזערער?

— מיט לייב און זעעל.

— אָ, איך דאַנק אייך! — האָט פּאָלינא אויסגעשריען און האָט איהם שטאַרק געדריקט די האַנד, — איך דאַנק אייך אין נאָמען פון אַלע פּאַטריאָטען, אין נאָמען פון פּוילען, וואָס איז אונזער געבורטס-לאַנד. איך וועל אייך בעקאַנט מאַכען מיט פּאַ-ליאַקען, איהר וועט זיי דערקענען, וועט איהר זיי ליעב בעקומען. איהר אַליין וועט ווערען אַ פּאָליאַק. נור ווי פעסט איז אייער בעשלום?

— איהר צווייפעלט דען אין מיר? — האָט ער געפרעגט, ווי אַ בעליידיגטער.

— ניין! — האָט זי געאײלט צו פערריכטען איהר פעהלער, — איך טרוי אייך, כ'גלויב אייך זעהר. נור דעם אמת זאָגענדיג האָב איך זיך דערויף ניט געריכט. איך האָב אויף אייך אַלע מאָל געקוקט, ווי אויף אַנ'אויסלענדער, וואָס איהם געהט גאָר ניט אָן אונזער פאָטערלאַנד. איהר האָט אַלע מאָל גע'חלום'ט וועגען פראַנקרייך, פּאַריז... איך האָב אייך געהאַלטען פאַר אַ פראַנצויז.

— אמת, לויט דער בילדונג בין איך אַ פראַנצויז, אָבער אַ ליטווישער בין איך לויט געבורט, געוועהנהייטען און זאָגאַר געפיהלען.

— מעהר דאַרפען מיר ניט — האָט פּאָלינא געזאָגט. — אויב איהר פיהלט זיך נור אַלס ליטוואַק, וועט אייך ניט שווער זיין צו פיהרען זיך, ווי אַ ליטוואַק. איהר וועט אין גיכען דערהע-רען דאָס ליעד פון אונזער קלוגער ליטא, דאָס געבורטס-לאַנד פון קאָסטיושקא און מיצקעוויטש. אַלס בעווייז, אַז איך רעכען אייך שוין פאַר אַ אונזערן, גיב איך אייך איבער גלייך אַ שליחות אין נאָמען פון דעם קרייזעל, מיט וועלכען איך וועל אייך די טעג בעקענען. געהט עס?

— איך בין גרייט, האָט פערעץ געענטפערט פעסט און ענטשלאָסען.

— הערט זשע, — האָט פּאָלינא אָנגעהויבען, אַראָבלאָזענדיג די אויגען, ווי איהר וואָלט שווער געווען צו ריידען, — איהר... מיט סאַרינען... זענט איהר בעקאַנט?

— בעקאַנט.

— כ׳מיין, ווי בעקאַנט.

— ווי געוועהנליך: בעגעגענען מיר זיך אויף דער גאַס — גריסען מיר איינער דעם אַנדערן, בעגעגענען מיר זיך אין אַ הויז — ריידען מיר אויס אַ פּאָר ווערטער.

— און קיין בעזוך מאַכט איהר ניט איינער דעם צווייטען?

— ניין.

— אַ שאָדען.

— פאַרוואָס אַ שאָדען? איך קאָן איהם היינט מאַכען אַ וויזיט און בעקענען זיך מיט איהם נעהנטער, אויב ס׳איז נור נויטיג.

— איז טהוט טאַקי אַזוי. הויבט אָן אַריינצוגעהן צו איהם אָפטער.

— צו וואָס?

פּאָלינא האָט פערביסען אַ ליפּ, ס׳איז איהר, קענטיג שווער געווען צו ענטפערן.

— צו וואָס? האָט ער ווידער געפרעגט.

— פערשטעהט איהר, — האָט פּאָלינא אָנגעהויבען אונבעשלאָסען, — די שליחות, וואָס איך וויל אייך איבערגעבען איז זעהר אַ איידעלע, אַ דיפּלאָמאַטישע.

— וועל איך מיר פּרובירען, איך בין גאַנץ געשיקט.

— אויב אַזוי, דאַן איז אַט וואָס, — האָט זי אַרויסגעזאָגט ענטשלאָסען, — מיר דאַרפען נויטיג דערגעהן סאַרינ׳ס מיינונגען, ד. ה., ווי האַלט ער פון אונזער ענין. מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער יודישער יוגענד, דאַרפען מיר זיך ערקונדיגען, צי ער איז אונזערער, צי ניט.

— דאָס איז אָבער אייך אַליין גרינגער צו דערגעהן, ער קומט דאָך אַריין צו אייך כמעט יעדען טאָג.

— ניט ביי אונז, נור ביים ברודער, — האָט פּאָלינא אָבגעענטפערט. מיר גלייכט ניט צו פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס.

איך האָב שוין עטליכע מאָל געפּרובירט... ער איז זעהר אַ שווע־ רער מענש.

— טאָ פרעגט ביים ברודער.

— ביים ברודער, האָט פּאָלינא ביטער אַ שמייכעל געטהון,— איהר ווייסט דען ניט, אַז איך און דער ברודער זענען — פייער מיט וואַסער? דער ברודער איז אַ בעהאַלטענער שטענדיג, ביי איהם וועל איך ניט דערגעהן, וואָס ער קלערט. אין אָט דאָס בעאונרוהיגט מיך מעהר פון אַלץ, וואָס דער ברודער איז אַזוי נאָהענט געוואָרען מיט סאַרינען. פערשפּאַרטערהייד זיצען זיי אַב שעה'ן לאַנג, שרייבען עפּעס, טהוען, און מיר מוזען דערגעהן, מיט וואָס זענען זיי עס בעשעפטיגט. יאָ, איך האָב אייך פערגע־ סען צו זאָגען, אַז מאָזירסקי איז אויך מיט זיי פאַר־איינס. עפּעס זאָגט מיר דאָס הארץ וועגען זייער אויפטהו. אַלזאָ, מעסיע פּע־ רעץ, נעהמט איהר זיך אָן צו דערגעהן, וואָס זיי וועלען אויפטהון?

— זענט מוחל, פריילין, — האָט פּערעץ געענטפערט, — דאָס וואָס איהר לעגט מיר פאָר, שמעקט מיט שפּיאָנעריי, און צו דער מלאכה בין איך גאָרניט מסוגל. איך בין גרייט צו דיענען פּוילען מיט לייב און לעבען, אָבער אַ שפּיאָן צו זיין — דאַנק איך אייך.

— נור, ה' פּערעץ, — האָט זי אָנגעהויבען צו פערענט־ פערן זיך, נור דאָ האָט מען אַ קלאַפּ געטהון אין טהיר.

— אריין, — האָט פּאָלינא געזאָגט און האָט אָבגעשטעלט דעם געשפּרעך.

— ס'איז אריין וואַצלאַוו. דערזעהענדיג אַ אונבעקאַנטען יונגען־מאַן, האָט ער פרעגענדיג אַ קוק געטהון אויף פּאָלינא'ן.

— דו קענסט רוהיג זיין, — האָט פּאָלינא געזאָגט, — דער יונגער־מאַן איז אַ אונזערער. איך רעקאָמענדיר: פּאַן יוליאַן פּערעץ:

— וואַצלאַוו זארעמבאַ, — האָט דער פּאָליאַק זיך פאָרגע־ שטעלט. אייער נאָמען איז מיר עפּעס בעקאַנט, צי זענט איהר עס ניט דער לעהרער פון פּראַנצוויזיש?

— יאָ.

— Excellent האָט וואַצלאַוו אויסגעשריען דערפרעהט.—

איהר קענט אונז צונויץ קומען זעהר שטארק, — האט ער צוגע-געבען אויף פראנצויזיש,

— מיט פערגניגען.

— נור, ה׳ פערעץ, איך וועל בײ אײך א פריהער מחילה בעטען פאר די פראגע, איהר שרייבט פריי פראנצויזיש?

— דער פריילין קראנץ איז בעקאנט מיין שפראך.

וואצלאוו האט א קוק געגעבען אויף פאלינא׳ן.

— ה׳ פערעץ שרייבט פראנצויזיש, ווי א פראנצויזישער לי-טעראט, — האט פאלינא בעמערקט.

— פערעץ איז רויט געווארען פון דער גוטער מיינונג.

— אויב אזוי, — האט וואצלאוו געזאגט, — זענט איהר, ה׳ פערעץ, פאר אונז פשוט אנ׳אוצר. איך וואהרען אייך אבער, אז מיר וועלען אייך פערמאטערן, מיר וועלען אייך רוהיג ניט לאזען.

— דערפאר שרעק איך זיך ניט, — האט פערעץ געענט-פערט, — איך בין ניט קיין מפונק. איך בין געוועהנט צו ארביי-טען צו פיערצעהן שעה אין מעת-לעת.

— אויסגעצייכענט! — האט וואצלאוו אויסגעשריען, ריי-בענדיג די הענד, — איך בין פשוט ענטציקט. היינט, די גרעפין וועט זיך דאס אקארשט דערפרעהען! די זאך איז פערשטעהט איהר מיך, וואס אונזער פראנצויזישער קארעספאנדענט שטייגט פון טאג צו טאג. ס׳שרייבט די גרעפין, ס׳שרייבט די פירסטין — איך וועל אייך בעקאנט מאכען מיט זיי — אבער וואו קלעקט עס? — זיי זענען דאך פרויען און אריסטאקראטקעס. וועלען מיר איצט אייך מאכען פאר א סעקרעטאר פאר די אויסלענדישע קארעספאנדענץ.

— ס׳איז מעגליך, — האט פערעץ געענטפערט. א קוק געבענדיג׳ אויף פאלינא׳ן מיט נצחון, ווי געזאגט: „א יא פריילין, מיר טויגען פאר עפעס מעהר אנשטענדיגעס, ווי שפיאנערײ?“

— איך בין זעהר צופריעדען, — האט פאלינא געזאגט, פערשטעהענדיג דעם בליק פון דעם בעגליקטען יונגען-מאן.

— אט וואס נאך, — האט וואצלאוו צוגעגעבען, — צווי-טענס וועלען מיר דארפען אויך אזא קארעספאנדענץ, וואס זאל טויגען פאר דער פרעסע. שטאף וועט ניט פעלען, מ׳דארף עס

נור בעאַרבייטען ליטעראַריש, אַלס אַ צייטונגס־אַרטיקעל אָדער, ווי אַ בריעף פון דער געגענד.

— דאָס איז אויך מעגליך, — האָט פערעץ געענטפערט,— איך שרייב איצט אויך צייטונגוויז פאַר דער צייטונג Le Temp.

— אויסגעצייכענט. איז אָבגעמאַכט?

— נור... האָט וואַצלאַוו אָנגעהויבען מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, — ווער איז אונז ערב פאַר אייער בעשיידענהייט.. טרייהייט?

— איך. פּאָלינא קראַנץ, — האָט פּאָלינאַ צוגעלענט אַ האַנד צום האַרצען.

— און מיין אָבשטאַמונג, — האָט פערעץ צוגעגעבען מיט שטאָלץ. — מיר זענען אַ אומגליקליכעס פאָלק, אָבער אַן׳עהרליכעס, אונזערם אַ וואָרט איז — הייליג. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין אייערער — איז עס מיט לייב און זעעל. מיט אַזעלכע ווערטער קענען מיר ניט שפּיעלען, וואָרום מיר פערשטעהען ווי וויכטיג זיי זענען. אייער חשד איז פערשטענדליך, אָבער בנוגע צו אונז — איז עס אונפּאַסענד. אויב איהר צווייפעלט אין מיר אויף וויפיעל ס׳איז...

— אָ, ניין — האָט וואַצלאַוו איבערגעריסען און האָט איהם אָנגעחאַפּט פאַר׳ן האַנד, — איך גלויב אייך. איך פערלאָז זיך אויף אייך, ווי אויף אַ זיכערן פּאַטריאָט. אַלוֹאַ, אַ האַנד און אייער אַדרעס. די טעג וועלען מיר אייך איבערגעבען די שטעל.

פערעץ האָט געגעבען וואַצלאַוו׳ן זיין אַדרעס. באַלד האָט ער זיך צוזעגענט און איז אַוועק. אויף דער גאַס האָט ער אַ קוק געטהון אויפ׳ן זייגער: שוין צייט אויף די לעקציע. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך מישב געווען, דערנאָך האָט ער אַ מאַך געגעבען היט דער האַנד: אַדיע. לעהרעריי! — האָט ער געזאָגט און איז אַוועק אַהיים, פייפענדיג: „היעל דיר אים קראַנץ״ — וואָס האָט בעדייט, אַז ער איז זעהר צופריעדען.

III.

אז וואצלאוו און פאָלינא זענען געבליבען אליין, האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט איינס קעגען אַנדערן.

— וואָס איז דאָ עפּעס נייעס? האָט פאָלינא געפרעגט.

— נייעס איז דאָ אַ גאַנצער פּאַק, האָט וואצלאוו גע-ענטפערט.

— גוטע?

— אַלענפאַלס, ניט קיין שלעכטע. איבריגענס, ווי פאַר וועמען:

— נו, דערצעהלט, פייניגט ניט, — האָט פאָלינא גע-זאָגט.

— האָב געדולד, מיין טייערע, — האָט וואצלאוו פלעג-מאַטיש געזאָגט, — לאָמיך אפריהער פערררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

פאָלינא איז אויפגעשפּרונגען פון סאָפקע און האָט איהם דערלאַנגט שוועבעלעך.

— ערשטענס, — האָט וואצלאוו אָנגעהויבען, פערציהענ-דיג זיך מיט'ן רויך, — איז אונזער טויז אָנגעפאָהרען.

— געקומען? — האָט פאָלינא אויסגעשריען, צופריעדען פון דעם נייעס. — וואו איז ער איצט אויסען געווען.

— וואו איז ער דאָס ניט אויסענגעוועזען? ער איז געוועזען אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין פּריזען, אין וויען, אין לעמבערג, אין וואַרשוי און אין פּעטערבורג.

— אין פּעטערבורג אויך?

— דאָס איז ער פון דאָרטען טאַקי געקומען.

— נו וואָס?

— אַלץ געהט, ווי געשמירט.

פאָלינא האָט אויפגעפלאַמט פון צופריעדענהייט.

— וואָס איז נאָך פאַר אַ נייעס? — האָט פאָלינא גע־פרעגט.

— צווייטענס, — האָט וואַצלאַוו געענטפערט, — מיר קאָנען זיך ענדליך גראַטולירען. — מיט זשאַנד.

— האַ, עס איז שוין אָרגאַניזירט, — האָט פאָלינא גע־פרעגט מיט פרייד און שרעק צוזאַמען.

— ער ווערט איצט אָרגאַניזירט. ביסלעכווייז פונקציאָנירט ער שוין, האָט וואַצלאַוו געענטפערט. — דער טייז האָט מיטגע־בראַכט אַ סך נאָמינאַציעס.

— פון וואַנען געהען די נאָמינאַציעס?

— פון צענטראַל... האָט וואַצלאַוו געהאַט אָנגעהויבען, נור ער האָט זיך פערהאַפט און האָט פערריכט: איבריגענס, ווי־סען מיר ניט און מיר דאַרפען עס ניט וויסען.

פאָלינא האָט זיך פערטראַכט.

— וואָס וועט איצט זיין מיט אונזער „קאָלקאַ פאַטריאָ־טיטשנע״ (דער פאַטריאָטישער קרייזעל)? — האָט זי דערנאָך געפרעגט.

— ער וועט בטל ווערען. אויסער דעם „זשאַנד נאַראָדאָווי״ דאַרף איצט גאָרנישט ניט זיין.

— און די גרעפין?

— די גרעפין וועט פערוואַלטען מיט דעם זאַמלען נדבות לטובת דעם פאַטערלאַנד און די פערוואַנדעטע. איהר וועט, אַל־זאָ, האָבען אַ סך אַרבייט.

— און דו?

— מיך בעשטימט מען פאַר אַ אויעזד־פערוואַלטער.

— אַ אויעזד־פערוואַלטער? איך גראַטוליער.

— גראַטוליער ניט, מיין טייערע: כ׳וועל די בעשטימונג ניט אָננעהמען.

— פאַרוואָס וועסטו ניט אָננעהמען?

— ווייל איך וויל דאָ פערבלייבען.

— דאָס איז אַ קאַפּריז נור, אָדער ס׳זענען דאָ דערצו וויכ־טיגע סבות?

— די סיבה איז, וואָס איך קאָן מיך ניט אָברייסען פון דער שול.

— געפונען א טעם! — האט זי אויסגעשריען מיט א בטול־שמייכעל, — אין דער שול וועלען מיר שון אהן דיר אויסקומען. די פירסטין אדער פאן־דער־נארעט קאנען דיך דא פערבייטען.

— ווער אבער, מיין טייערע, — האט וואצלאוו אנגעהויבען שטילער צו ריידען און האט אויף פאלינא'ן געקוקט בעטנדיג, — ווער וועט מיר דיך פערבייטען?

— וואצלאוו! — האט פאלינא שטרענג אנגעשריען, — דו הויבסט אן ווידער די נארישקייטען?

— פאר דיר איז דאס נארישקייט, — האט ער געענטפערט מיט א זיפץ, — פאר מיר אבער איז עס א לעבענספראגע. פאלינא, נשמה מיינע, שטויס מיך ניט אב, אהן דיר קען איך ניט לעבען! דו מונטערסט מיך אויף און בעגייסטערסט. אהן דיר וועל איך קיין איין טאג ניט איבערלעבען.

פאלינא איז אויפגעשטאנען, איז אוועק צום פענסטער.

— האב רחמנות, בייזע דו! — האט ער געבעטען און געבראכען די הענד, — הער מיך אויס, איך וועל דאך משוגע ווערען.

— איך האב דיך אויסגעהערט טויזענד מאל שוין, — האט פאלינא געענטפערט, אומקעהרענדיג זיך צו איהם מיט'ן פנים, — און טויזענד מאל שוין האב איך דיר געזאגט, אז איך האב דיך ליעב, ווי א ברודער, ווי א פאטריאט.

— א דאנק דיר דערפאר, אבער דאס איז מיר נאך ווייניג.

— וואס קען מען טהון, קיין אנדער ליעבע קאן איך דיר ניט פארלעגען. איך האב דיר איין מאל פאר אלע מאל געזאגט, אז מיין הארץ געהערט אינגאנצען דעם פאטערלאנד.

— און מעהר קיינעם ניט?

— קיינעם ניט.

— זאגאר ניט... דעם פאן — אנדריי? — האט וואצלאוו ארויסגעזאגט שטיל און ניט דרייסט און האט פאלינא'ן דורכגעדרונגען מיט זיין בליק.

פאלינא'ן האט אנגעהויבען צו טרייסלען פאר כעס.

— וואס האסטו געזאגט, אונגליקליכער דו! — האט זי אויסגעשריען און האט א טופע געטהון מי'ן פוס, — ווי דער־

האַנסטו זיך צו חושד זיין מיך צו אַזאַ שכור׳ן שווינדלער אַ אויסגעלאַסענער, אַזאַ מנוול? צי דען פערשטעהסטו ניט, אַז אַנ־עהרליכע פרוי, וואָס אַכט זיך האָטש וויפיעל ס׳איז — דאַרף פיהלען פעראַכטונג צו איהם?

— פונדעסטוועגען... האָט דאָך איהם די גרעפין ליעב.

— אָבער איך בין דאָך ניט קיין גרעפין, וואַצלאַוו, דו פערשטעהסט? איך ביך אַ יודיש קינד, מיין געשמאַק איז אַ בעל־הבתישער, און אַזעלכע סאַלאָנען־טויגעניכטסען, ווי דער פאַן אַנדריי, קאָנען מיר ניט געפעהלען ווערען, און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר מעהר ניט אויפוואַרפען מיט׳ן פאַן אַנדריי. מיין האַרץ איז פריי.

— וואָס שטערט דיר אַ־צוזאַמענבען עם מיר?

— ערשטענס, דאָס, וואָס איך האָב דיך ניט ליעב.

— וועסטו מיך מיט דערצייט, אפשר, ליעב בעקומען.

— צווייטענס, איז צווישען אונז אַזאַ תהום, וועלכען איך בין ניט אים שטאַנד אריבערצושפרייזען, ווען אַפילו איך וואָלט דיך ליעב בעקומען.

— וואָס פאַר אַ תהום?

— דו פרעגסט? די רעליגיע.

— רעליגיע? האָסטו דאָך אונזער פאָטערלאַנד ליעב בע־זמען, וועסטו אויך ליעב בעקומען אונזער רעליגיע.

— אַ טעות, מיין פריינד, דאָס פאָטערלאַנד און רעליגיע — זענען צוויי בעזונדערע זאַכען. פוילען האָב איך ליעב, און קאַטאָ־ליציזם — ניט. איך בין אין יודישען גלויבען געבאָרען, אין דעם גלויבען וועל איך אויך שטאַרבען, בפרט, אַז דאָס גלויבען שטערט מיר גאָרניט ליעב צו האָבען דאָס פאָטערלאַנד מיט דער זאַמע פלאַמענדע ליעבע.

— איז לאָמיר פאָהרען קיין אויסלאַנד, דאָרט וועט די רעליגיאָנס־פערשיעדענהייט ניט שטערן אונז צו דער חתונה.

— און דאָס פאָטערלאַנד?

— גאָט וועט אויסהעלפען דאָס פאָטערלאַנד אָהן אונז.

— בין איך דיר, הייסט עס, טייערער פונ׳ם פאָטערלאַנד?

— אָ, הונדערט מאָל טייערער! — האָט וואַצלאַוו אַרויס־

געזאָגט און זיך דערנעהנטערט צו פּאָלינאַ'ן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

אוועק, פערדעטער! — האָט פּאָלינא אויסגעשריען, האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך מיט דער גאַנצער קראַפט, אַז ער האָט זיך אומגעוואַקעלט און איז שיער ניט געפאַלען. אַרויס פון דאַנען! כ'האָב דיך פיינד, כ'פעראַכטע דיך!...

וואצלאַוו איז געווען דערשלאָגען. ער איז זעהר בלאַס געוואָרען, האָט גענומען רייסען די האָר פון קאָפּ, אָנערקענענדיג, אַז ער איז בעגאַנגען אַ אונפערצייהליכען פעהלער. געמיינט האָט ער, אַז פּאָלינאַ'ן וועט עס שמייכלען, וואָס זי איז פאַר איהם טייערער פונ'ם פאָטערלאַנד אַפילו, און אויסגעלאָזט האָט זיך גראָד פערקעהרט. ער איז אויסער זיך געווען פאַר בזיונות און פערדרוס.

— אָט אַזאַ פּאַטריאָט בינסטו דאָס? — האָט איהם פּאָלינא אַלץ פאָרגעוואָרפען. — אַ פּרויענצימער איז פאַר דיר טייערער פונ'ם פאָטערלאַנד! און דו האָסט נאָך די העזה אָנצורופען זיך פּאָליאַק! ניין, דו בינסט ניט קיין פּאָליאַק.

— כ'בין אַ פּאָליאַק! — האָט וואצלאַוו אויסגעברומט, האָט זיך אַ קלאַפּ געטהון מיט'ן פויסט אין ברוסט און האָט געסקריפּעט מיט די צייהן, — דו הערסט, פּאָלינא, איך בין אַ פּאָליאַק! איך וועל עס דערווייזען מיט מיין פערגאָסען בלוט פאַר'ן פאָטערלאַנד. אויב דו וועסט נאָך אַ מאָל דערוואַגען צו זאָגען, אַז איך בין ניט קיין פּאָליאַק, וועל איך דיך דערשיסען!

— און איך וועל דיך דערשטעכען, אויב דו וועסט נור דערוואַגען נאָך אַמאָל צו ריידען מיט מיר וועגען ליעבע! — האָט פּאָלינא געענטפערט אין דעמזעלבען טאָן.

וואצלאַוו האָט שנעל און רעש'דיג אָנגעהויבען אַרומצושפּרייזען איבער'ן צימער אויף און אָב, אויפשויבערענדיג זיינע לאַנגע האָר און פאַר זיך געוואָרטשעט. אין זיין ברוסט האָט געזאָדען און געבראָזט, ווי אין אַ קעסעל. דאָס פּנים האָט געפלאַמט, די אויגען האָבען געברענט מיט אַ שרעקליך פייער.

ביסלעכווייז איז זיין איפּרעגונג געשטילט געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַמער אַרומצושפּרייזען.

— פּאָלינא! — האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבען מיט אַ

בעטענדער שטים און האָט געקניהעט פאַר פּאָלינאַ'ן וואָס איז ביים פענסטער געשטאַנען, — פערגעס אַלץ, וואָס איז דאָ איצט פאָרגעקומען צווישען אונז. איך בין פון זינען אַראָב און כ'האָב אָנגערעדט אַזעלכע נאַרישקייטען און חוצפּות, וואָס פּאַסט ניט פאַר דיר, ניט פאַר מיר. דו האָסט מיך צוריק צום דעת געבראַכט. דו האָסט מיר דערמאָנט מיינע פפליכטען, אָן וועלכע איך האָב געהאַט פערגעסען אין דעם נעבעל פון ליידענשאַפט. מיט אַ צו־בראָכען האַרץ, אָבער מיט פערדאָפּעלטער העלדענמוטהה וועל איך אַוועק אַהין, וואוהין ס'בערופט מיך די היילינע פפליכט. און פערפלוכט זאָל איך זיין, אויב איך וועל ניט ווערטה זיין פאַר דאָס פאָטערלאַנד און פאַר דיר!

פּאָלינאַ'ס כעס איז אַריבער.

— שטעה אויף, — האָט זי געזאָגט און האָט איהם אַ האַנד דערלאַנגט, — אַזעלכע בראַווע יונגע־לייט דאַרפען זיך ניט וועלגערן ביי די פיס פון אַ שוואַכער פרוי. איך דערקען ווידער אין דיר מיין וואַצלאַוו'ן. דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי ס'האָט מיר וועה געטהון אָנצעוועהרען צו דיר די אַכטונג.

— אָבער איצט? — האָט וואַצלאַוו געפרעגט.

— איצט האָב איך דיך ווידער ליעב, ווי אַ ברודער און אַכט דיך ווי אַ פּאַטריאָט און שיצער פון אונזער היילינען ענין.

— פאָרלויפיג דאַרף איך ניט מעהר, — האָט וואַצלאַוו געזאָגט ענטציקט.—דיין ברודערליכע ליעבע און אַכטונג בענייס־טערט מיך אויף די סאַמע דרייסטע טהאַטען פון מסירת־נפש. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט מיר שטאָלצירען. אין גיכען וועסטו דערהערן וועגען מיר. היינט נעהם איך שוין אָן די בעשטימונג און מאָרגען פאָהר איך, וואוהין דער זשאָנד וועט מיך שיקען. אַז עס וועט זיך אָנהויבען דער שטורם, וועל איך זיך שטעלען בראש פון אַ אָבטיילונג און כ'וועל נעהן ענטוועדער מנצח זיין, אָדער שטאַרבען פאַר דאָס פאָטערלאַנד. אַדיע, פּאָלינאַ! אונז וועט, אפשר, ניט אַזוי גיך אויסקומען צו זעהן זיך. געדענק מיך און בעט פאַר מיר גאָט!

ער האָט אַ קוש געטהון איהר האַנד, האָט זיך געזעגענט און איז אַרויס, בעגלייט מיט פּאָלינאַ'ס גוטע ווערטער און וויג־שונגען.

IV.

אז וואַצלאַוו איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, איז פון אַ טהיר אין קאָרידאָר אַרויס די ווירטעגס דיענעט און האָט גע־פרעגט:

— איהר זענט הערר זאַרעמבאַ?

— יאָ, — האָט וואַצלאַוו געענטפערט.

— הערר קראַנץ וויל מיט אייך דורכשמועסען.

— וועלכער קראַנץ, דער אַלטער צי דער יונגער?

— דער אַלטער.

— מיט'ן אַלטען קראַנץ בין איך גאָרניט בעקאַנט. — וואו איז ער?

— בייַ זיך אין קאַבינעט.

— נו, — האָט וואַצלאַוו אַרויסגעזאָגט און איז אַוועק נאָך דער דיענסט.

— אין אַ גאַנץ גרויסען און גוט מעבּליערטען קאַבינעט, וואו איבער דער גאַנצער גרויס און בּרייט איז געווען אויסגע־שפּרייט אַ פּערסישער טעפּיך, האָט וואַצלאַוו געטראָפען אַן'אַלטען מאַן פון אַ יאָהר פינף און זיעבּציג, אַ הויך געוויקסיגען, מיט אַ אַ איידעלען און קלוגען פּנים, מיט אַ בּכבודיגער לאַנגער גראָהער באָרד און אויגען, וואָס האָבען נאָך געניג יונגען פייער פערבעהאַלטען אונטער די געדיכטע, לאַנגע ברעהמען. דער אַלטער איז געווען אין אַ זיידענעם שלאָף־ראָק אויף לייכטען פוטער און אין אַ סאַמעטענער, מיט גאָלד געהאַפטער יאַרמולקע. די יאַרמולקע — פּאָלינא'ס מתנה, צוזאַמען מיט'ן רייכען שלאָף־ראָק און די סאַמעטענע שיך אויף די פיס, האָבען זעהר צוגע־פּאַסט צו דעם מהודר'דיגען אַלטען, וואָס איז נאָך, קענטיג, אַ בעלן געווען אויף אויסצופּוצען זיך. אַז וואַצלאַוו איז אַריין, האָט זיך דער אַלטער אויפגעהויבען פון זיין פּאָטער־שטוהל, האָט

פערריבט דעם גאַרטעל אויף זיך און האָט אַ פּאָר טריט געמאַכט אַנטקעגען דעם יונגען-מאַן.

— זענט מיר מוחל, מאָסצי דאָבראָדזיע, — האָט ער אָנגעהויבען אויף גוטען פּויליש, — זענט מיר מוחל, ערשטענס וואָס איך בעאונרוהיג אייך, און, צווייטענס, וואָס איך נעהם אויף אין חאַלאַט אַזאַ געעהרטען גאַסט.

— ביטע, אין אייערע יאָהרען... האָט וואַצלאַוו געזאָגט.

— יאָ, מאָסצי דאָבראָדזיע, — האָט דער אַלטער צוגעגעבען, — אַלטקייט איז קיין וואוילטאָג ניט. געווען אַ צייט, ווען איך פלעג זעלטען ווען אָנטהון אַ חאַלאַט, איצט אָבער איז זעלטען ווען איך טהו אָן אַ סורדוק — זענט שוין מיר מוחל.

— ביטע, — האָט ווידער וואַצלאַוו געזאָגט,

— לאָמיר זיך זעצען,—האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט פאַר'ן גאַסט צוגערוקט אַ שטוהל צום שרייב-טיש און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פאָטער-שטוהל.—אָט אַזוי וועט אונז בעקוועמער זיין צו שמועסען.

וואַצלאַוו האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— איהר זענט ה' זאַרעמבאָ? — האָט דער אַלטער אָנגעהויבען, גלעטענדיג זיין באָרד.

— איך בין גרייט צו דיענען,—האָט וואַצלאַוו געענטפערט, נויגענדיג זיך.

— אפשר זענט איהר אַ קרוב פון דעם געוועזענעם מאַרשאַלאָק?

— ער איז מיר אַ פעטער געוועזען.

— זענט איהר, הייסט עס, אַ זוהן פונ'ם פערשטאָרבענעם פאַן איגנאַץ?

— יאַ, יאַ, ה' קראַנץ. איהר האָט דען געקענט מיין פאָטער?

— אַ ודאי,—האָט קראַנץ געענטפערט,—איך האָב געקענט די גאַנצע מאַגנאַטען-פאַמיליע זאַרעמבאָ, פונ'ם ערשטען ביז'ן לעצטען, מיט אַלעמען געשעפט געהאַט. איך האָב געקענט אייער זיידען—דעם שאַמבעליאַן און אייער באָבע — די פריוועדענטובנען אפשר האָט איהר בעמערקט ביי מיר אין גאַסט-צימער? אַ סאָטישע, זייגער מיט קיראַנטען? דעם זייגער האָב איך בעקומען במתנה פון דעם אַלטען שאַמבעליאַן. איך האָב אויך געקענט אייער מוטער.

— איהר האָט מײַן מוטער געקענט? האָט וואַצלאַוו אַ פרעג געטהון, טיעף גערידהרט.

— זעהר גוט געקענט, — האָט קראַנץ געענטפערט און האָט נאָך אַמאָל אַ גלעט געטהון זײַן באָרד, — איך האָב זי געקאָנט. ווען זי איז נאָך געווען אַ פרײַלין. איהר היימישער פאַמיליען-נאָמען איז דאָך מאַסאַלסקאַיאַ?

— יאַ.

— זעהר אַ וואוילע פרוי געווען, די ערשטע שענהייט אין דער גובערניע. דער זײדע אײַערער, דער אַלטער גענעראַל, האָט איהר געוואָלט אַרויסגעבען פאַר׳ן פּאָלקאָווניק טורטשינסקי, נור די מוטער אײַערע האָט זיך פער׳עקשנט. דער פאָטער אײַערער האָט איהר אַרויסגע׳גנבה׳ט פון שלאָס און האָט מיט איהר חתונה געהאַט... ער איז געווען אַ מאנס-פערזאָן אַ הוואַט, בײַ אַלע פרײַלינס האָט פון איהם דער קאָפּ פערדרעהט. אײַער מוטער האָט זיך פערליעבט אין איהם און האָט זיך געלאָזט אַוועקפיהרען. דאָס האָט דאַמאָלסט אַזאַ רעש געמאַכט די געשיכטע! ... דער פּאָלקאָווניק האָט זיך פון פערדרוס דערשאָסען: אַ היציגער מענש געווען. דער זײדע אײַערער האָט איהר צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד צו זיך אויפ׳ן שוועל ניט אַרויפגעלאָזט: דערנאָך אָבער האָט ער איהר מוחל געווען, די אַדעל האָבען זיך אַרײַנגעמישט און זיך געשטעלט פאַר אײַער מוטער. אײַער פאָטער איז געווען אַ גוטער מענש דוקא, נור, צווישען אונז גערעדט, אַ גרויסער פערשווענדער. אין פיענף יאָהר צײַט האַט ער פערשוועֶנדט זײַן גוטס, זעהר אַ רײַכע גוטס. דער פאַן סלופקעוויטש, אײַעֶר פאָטערס שוואָגער, האָט געקויפט די גוט און האָט דערפאַר בעצאָהלט 75 טויזענד רענדלעך. דאָס איז, קאָן מען זאָגען, בחנם. איך אַליין וואָלט 100 טויזענד געגעבען מיט פערמאַכטע אויגען. וואָס פאַר אַ וואַלד דאָרט איז געווען, דער פלעניפּאָטענט האָט אָבגענאַרט אײַער פאָטער... די מוטער אײַערע האָט אָנגעהויבען צו לײַדען נויט.

— אָרימע מוטער! — האָט וואַצלאַוו זיך אָבגערופען מיט אַ שווערן זיפץ.

— זי האָט פערקויפט איהרע פערד, די קאַרעטעס, די פעלצען און האָט שוין געוואָלט פערקויפען אויך די פאַמיליען-בריליאַנטען, דאָ האָבען זיך אַרײַנגעמישט די אַדעל, און דעֶר אַלטער גענעֶראַל

האט אבגעגעבען אייער מוטער איהר נדן: צוויי גוטען אין ק. אויעזד.

— וואו זענען זיי איצט די גוטען! — האט וואצלאוו ארויס-געזאגט, א שאקעל געבענדיג מיט'ן קאפ און האט זיך שיער ניט צעוויינט.

— כ'ווייס, — האט קראנץ רוהיג געזאגט, — זיי זענען קאנ-פיסקירט. נור ווער איז שולדיג? צו וואס איז אייער פאטער אוועק אין דער מרידה? ער זאל בעסער געווען זיצען ביי זיך אין גוט און פערנעהמען זיך מיטווירטשאפט, וואלט איהם ניט אויסגעקומען צו שלעפען זיך קיין סיביר און צו שלעפען אויך אייער מוטער, אזא צארטע פרוי. מחשבות'ן, וואו זענט איהר געבארען, אין סיביר, צו דא?

— דא היע, — האט וואצלאוו געענטפערט.

— אך, יא, איך האב זיך איצט דערמאנט, אז אייער מוטער איז צוריק געקומען אהער א שוואנגערע נאך דעם, ווי זי איז אבגעווען אין סיביר זעקס יאהר. זי האט אייך געבוירען, און איז אין צוויי יאהר ארום געשטארבען. איהרע עלטערן האבען שוין דאן ניט געלעבט.

— ווי איהר ווייסט דאס אלץ! — האט וואצלאוו בעמערקט.

— ווי זאל איך עס ניט וויסען! — איך האב געקענט די גאנצע ארומיגע שליאכטע און ווער פון די ארימיגע שליאכטע האט עס ניט געקענט לייזער קראנץ? צו מען דארף וואלד פערקויפען איז — לייזער קראנץ, תבואה — איז לייזער קראנץ, צו מ'דארף א גרויסע הלואה אויף מעסיגע פראצענטען — איז אלץ לייזער קראנץ. יא, אזוי איז עס. מיין גאנצע עשירות האב איך אנגעלעבט ארום דער שליאכטע, און כמעט די גאנצע עשירות האב איך דערנאך אנגע-וואהרען אויף דער שליאכטע, ווער איז מיר ניט געווען שולדיג און ווער האט עס מיר בעצאהלט? איינער איז אוועק אין דער מרידה, א צווייטער איז אזוי געשטארבען, נאך דעם ווי ער האט דאס גאנצע פערמעגען פערשוועגדט. ביי מיר אין קאנטאר וועט איהר געפינען וועקסלען און צעטלעך אויף צעהנדליגער טויזענדער. איך וואלט א אביון געבליבען, ווען איך זאל ניט געווען נעהמען זיך פאר אנ'אנדער געשעפט.

— נור ניט דאס בין איך אויסען... דערצעהלט מיר בע-

סער, וואָס איז מיט אייך געווארען נאָך אייער מוטער'ס טויט? ס'איז אינטערעסאַנט. זינט כ'האָב אָנגעהויבען צו האַנדלען אויף אויסלאַנד, איז בײַ מיר געוואָרען אויס קענטשאַפט מיט די היגע שליאַכטע, און כ'ווייס ניט, וואָס איז געוואָרען מיט זיי און מיט זייערע קינדער. נו, לאָמיר אָנהויבען פון אייך. בײַ וועמען האָט איהר זיך אויפגעהאָדעוועט נאָך אייער מוטער?

— דער גראַף סטאַשיצקי האָט מיך צוגענומען האָדעווען,— האָט וואַצלאַוו געענטפערט.

— גראַף סטאַשיצקי,—האָט זיך קראַנץ פע רוואונדערט,— אָדער מאָרגנער גראַף, וואָס האָט זיך ביים וועכטער פון זיינע ווײַנשטאָקען געלערנט צו שפּילען אויפ'ן פײַפעל?

— דער זעלבער טאַקי,—האָט וואַצלאַוו געענטפערט,—ער איז צו מיר זעהר גוט געווען בײַ איהם. האָב איך געענדיגט גימ־נאַזיום...

— און אין אוניווערזיטעט זענט איהר געווען?—האָט איהם קראַנץ איבערגעשלאָגען די רייד.

— געווען, נור ניט פערענדיגט.

— פאַרוואָס?

— דער פאַר, וואָס איך האָב בעדאַרפט מיט'ן גראַף און דער גרעפין פאָהרען קיין אויסלאַנד, אין די בעדער.

— זענט איהר שוין אין אויסלאַנד אויך געווען?

— מיר זענען דאָרט אָבגעוועזען דריי יאָהר. נאָך דעם גראַף'ס טויט זענען מיר צוריקגעקומען אַהער.

— וואָס זשע טהוט איהר איצט? איהר דיענט אויף אַ שטעל?

— ניין.

— פון וואָס זשע לעבט איהר?

— ערשטענס, האָט דער גראַף אין זיין צוואה אָבגעשריע־בען פאַר מיר אַ קליינע פענסיע, כּל־זמן כ'וועל לעבען.

— די פענסיע איז אייך אָבער, געווים וועניג, ס'איז אַזאַ יקרות?

— געווים.

— וואָס זשע טהוט איהר?

— כ'פערדיען.

— פון וואס פערדיענט איהר? — האט דער אלטער קראנץ אויסגעפרעגט כסדר אין אלע פרטים.

— איך בעשעפטיג זיך מיט ליטעראטור.

— מיט ליטעראטור? — האט קראנץ איבערגעפרעגט, — ד. ה., איהר דרוקט ביכלעך און איהר פערקויפט זיי?

— אין דעם ארט בערך, — האט דער יונגער-מאן געענטפערט און איז עפעס רויט געווארען.

— דער אלטער קראנץ האט געצויגען מיט די פלייצעס, ווי איינער זאגט: ס'איז שוין דיר אויך א געשעפט.

— ווער נאך איז געבליבען פון אייער פאמיליע? האט ער געפרעגט.

— מעהר קיינער ניט. איך בין דער לעצטער פון דער משפחה.

— דער לעצטער פון דער משפחה! — האט קראנץ אויסגעשריען, מיטפיהלענד. — אך יא, וואס איז געווארען מיט דעם פאן סלופקעוויטש, מיט אייער פעטער? ווי איך געדענק, האט ער זיך געגרייט צו ווערען א מיליאנער, און ביי איהם איז שוין ווירקליך א היבשער קאפיטאל געוועז.

— דער פאן סלופקעוויטש איז צורואינירט געווארען אין זיין טוך-פאבריק, איז געווארען באנקראט און ער האט זיך א קויל אריינגעשאסען אין שטערן.

— עך, פריצים, איהר פריצים! — האט קראנץ בעמערקט. — איהר קאנט גאר קיין קאמערציע ניט פיהרען. ווען נור ס'געהט אייך ניט, איז באלד א קויל אין שטערן! א קלוגער סוחר טהוט עס ניט. גילט ניט, הויבט מען אן ווידער פון אנפאנג. פינף מאל אין לעבען ווערען מיר צורואינירט, און מיר פאלען ניט אראב ביי זיך. וויפיעל מאל בין איך אליין שוין געוועזן א געניזיקטער, און פונדעסטוועגען האב איך זיך ניט מיאש געוועזן, און דער אויבערשטער האט טאקי אויסגעהאלפען. ווען סוחרים זאלען זיך קוילען אריינשיסען אין שטערן דאס ערשטע מאל, ווי ס'געלינגט זיי ניט אין עפעס, וואלט שוין איצט קיין איין סוחר אויף דער וועלט ניט געוועזן. איהר קאנט קיין סוחרים ניט זיין, ווי איך — קיין מארשאלאק. נו, און דער פאן סלופקעוויטש האט עפעס איבערגעלאזט קינדער?

— אין טאָכטער, איזאַבעלאַ.
— איז זי פערהייראַטעט?
— ניין, זי איז אַ גובערנאַנטין.
— אַ גובערנאַנטין! — האָט קראַנץ אויסגעשריען, איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל און געבראָכען די הענד. — אָ, גאָט מיינער! וואָס ס'איז געוואָרען פון אונזער שליאַכטע! די קינדער פון די זאַרעמבאָ און מאַסאַלסקי האַנדלען מיט ביכלעך און געבען לעקציעס!
וואַצלאַוו האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט שווער אויסגעזיפצט. קראַנץ האָט צוגעגעבען:
— ווען דער אַלטער שאַמבעליאַן זאָל איצט פון קבר אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף זיינע אייניקלעך, — וואָלט ער זיי פערשילטען און זיך נאָך טיעפער בעהאַלטען אין קבר.
— פערשילטען? — האָט וואַצלאַוו אויסגעשריען און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. — פאַר וואָס וואָלט ער אונז פערשאָלטען? מיר פערמאָגען ניט זיין נאָמען!
— יונגער־מאַן, היצט אייך ניט, — האָט קראַנץ געענט־פערט, אַוועקזעצענדיג דעם גאַסט און האָט זיך צוגערוקט צו איהם נעהנטער. — איצט וועלען מיר ריידען וועגען ענין. ווייסט איהר, צו וואָס איך האָב אייך בעאונרוהיגט?
— ניין.
— ערשטענס, — האָט קראַנץ אָנגעהויבען, — אַנ'עצה געבען אייך, און צווייטענס, בעטען פון אייך אַ טובה. אַלס פריינד פון אייער משפחה, מיט וועלכער איך בין בעקאַנט געוועזען כמעט אַ האַלבע מאה יאָהרען, רעכען איך, אַז איך האָב דאָס רעכט צו וואָהרענען אייך פון דעם געפעהרליכען שריט, וואָס איהר ווילט איצט מאַכען.
— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט וואַצלאַוו געפרעגט.
— איך מיין — די מרידה, וואָס איהר טהוט איצט ווידער אויף. יונגער־מאַן, דאָס איז אַ געפעהרליכע שפּיעל! ס'האָט אייך שוין פיעל בלוט און געלד געקאָסט, און ס'וועט אייך קאָסטען נאָך מעהר. אויספיהרען וועט איהר ניט. איהר וועט נור אויס־ברענגען אייערע לעצטע קרעפטען און קיין שום נוץ ניט האָבען דערפון. צו וואָס זאָלט איהר זיך אומזיסט אומברענגען? און

וואָס פעהלט אײַך. איהר האָט אײַערע קאָסטיאָלען, אײַערע קסיאָנדזען, אײַערע ביסקופּען, מאַרשאַלאָקעס און בעאַמטע. לעבט זיך אין הרחבה און קריכט ניט אויף קלעפּ. מ'וועט דאָך אײַך געוויס אָנקלאַפּען.

— נו, דאָס וויים מען נאָך ניט, — האָט וואַצלאַוו אָבגע-ענטפערט, — איבריגענס, איז עס אונזער זאַך. אַז מיר האָבען זיך בעשלאָסען. הייסט עס, אַז מיר ווייסען, וואָס מיר טהוען און וואָס אונז ערוואַרטעט. מיר האָבען שוין וועגען אַלץ דורכ-געטראַכט.

— הייסט עס, אַז איהר נעהמט ניט אָן מיין עצה?

— ניין.

— ווי אײַך איז ניחא. איך האָב מיינס געטהון. מיין געוויסען איז ריין. איצט ערלויבט מיר צו בעטען פון אײַך אַ טובה. ווידער טאַקי אַלס גוטער-פריינד פון אײַער פאַמיליע, רעכען איך, אַז איך קאָן האָפען, דאָס איהר וועט מיר ניט ענטזאַגען.

— מיר'ן זעהען, וואָס פאַר אַ טובה?

— די טובה איז, — האָט קראַניץ אָנגעהויבען מיט אַ גע-בעט, — אַז איהר זאָלט ביים אַלטען פאָטער, וואָס איז שוין נאָהנט צום קבר, ניט אַוועקנעהמען זיין איינציגע טאָכטער, זיין איינציגע טרייסט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען.

— איהר רעדט עס וועגען אײַער טאָכטער, פּאַנאַ פּאָלינאַ?

— יאָ, וועגען מיין פּאָלינאַ, אָ, נעהמט זי ניט אַוועק פון מיר!

— ה' קראַניץ, מיט וואָס אַזוינס נעהמען מיר זי צו פון אײַך?

— מיט דעם, וואָס איהר פערדרעהט איהר דעם קאָפּ, איהר פערפיהרט איהר אין אײַער געפעהרליכען אויפטהו, וואָס איך וואָלט ניט וועלען, אַז זי זאָל אין דעם נעהמען דעם קלענ-סטען אַנטייל זאָגאַר. זי איז דאָך אַ קינד, און איהר האָט איהר אָנגערעדט גאָט ווייסט וואָס, געהט זי אין פייער ניט אומקוקענ-דיג זיך. איך וויים פון אַלץ, איהר קומט אַריין צו איהר, זי געפינט זיך אויף אײַערע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע זי דאַרף גאָר ניט זיין.

— פאַר וואָס ?
— ווייל זי איז אַ קינד.
— וואָס פאַר אַ קינד איז זי ? זי איז שוין ניט קיין קינד זי איז אַ פּאַטריאָטין, זי איז אַ פּוילישע.
— גאָט איז מיט אייך ! — וואָס רעדט איהר, ה׳ זאַרעמ־באָ ? — האָט דער אַלטער אויסגעשריען פערצווייפעלט, — וואָס פאַר אַ פּוילישע איז זי ? — זי איז אַ יודיש קינד, מיין טאָכטער.
— און אַ יודיש קינד, דאַרף דען ניט ליעב האָבען דאָס פאָטערלאַנד ?
— זאָל זי זיך ליעב האָבען דאָס פאָטערלאַנד, איך שטער איהר ניט. איך האָב אויך ליעב דאָס פאָטערלאַנד, נור אויף אַייערע פערזאַמלונגען דאַרף זי פונדעסטוועגען ניט געהן.
— פאַרוואָס ?
— ווייל זי איז אַ יודישע, ווייל דאָס איז ניט איהר זאַך. מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט עוסק געווען מיט מרידות. מיר ווייסען, צו וואָס דאָס פיהרט. מיר ווילען לעבען אין פריעדען און רוה. אַ קעניג איז אַ קעניג, אַ קייזער איז אַ קייזער. וואָס געהט עס אונז אָן ? וועמען מ׳זאָל אונז הייסען פאָלגען, וועלען מיר פאָלגען. אונזער רעליגיאָן אויך בעפעהלט אונז צו פאָלגען די מאַכט.
— פאָלגט זשע אויך דעם זשאַנד נאַראָדאָווי. ער איז דאָ איצט דער בעל־הבית אין דער געגענד.
— וואָס פאַר אַ בעל־הבית ! — איבריגענס, שטערען מיר אייך ניט. טהוט אייך, ווי איהר פערשטעהט, נור אונז לאָזט צורוה.
וואַצלאַוו איז אויפגעפלאַמט געוואָרען.
— דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַהר, און אייך זאָל מען צורוה לאָזען ? — האָט ער אויסגעשריען. — וואָס זענט איהר עפּעס פאַראַ מיוחסים ? — איך וועל מיר ערלויבען ה׳ קראַנץ, צוּבעמער־קען אייך, אַז איהר זענט זעהר אַ שלעכטער פּאַטריאָט. אַז ס׳וועט זיך מאַכען, וועלען מיר עס אייך דערמאָנען.
— איהר קאָנט דערמאָנען. פער׳משפט מיך, נור מיי טאָכטער נעהמט ניט אוועק פון מיר ! זי איז ביי מיר טייערער פון׳ם לעבען.

— זי איז אונז אָבער אויך זעהר טייער.

— מיט וואָס איז זי אייך טייער? וואָס פאַר אַ נוצען האָט איהר' פון איהר? וואָס קאָן אַ יודישע מיידעלע טהון פאַר דאָס פּיילישע פּאָטערלאַנד?

— ווי איך זעה, ה' קראַנץ, קענט איהר זעהר וועניג אייער טאָכטער, און דעריבער וועט מיר זעהר שווער זיין צו ערקלערן אייך אין גאַנצען די נוצען, וואָס דאָס פריילין פּאָלינאַ בּרענגט אונז. קורץ וועל איך אייך נור זאָגען: אַזאַ וואוילע פּוילישע, אַזאַ פייערדיגע פּאַטריאָטקע, ווי אייער טאָכטער איז דאַרף מען זוכען און דעריבער איז זי אונז זעהר נויטיג און מיר וועלען זי אייך בּשום אופן ניט אָבּלאָזען. זי געהערט דעם פּאָטער־לאַנד.

— זי געהערט מיר! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען און האָט אַ טופּע געטהון מיט'ן פוס, — זי איז מיין טאָכטער, און איך בין איהר פאָטער! אַלץ קאָן איך אייך אָבּלאָזען, מיין גאַנצען איי־גענס, מיין גאַנץ פערמעגען, נור די טאָכטער מיינע וועל איך אייך ניט אָבּלאָזען! זי איז מיין בּלוטה און פלייש, און סיידען מיט דער נשמה מיינער צוזאַמען וועט איהר זי אוועקנעהמען. אָ, גוטער, בּעסטער ה' זאַרעמבּאָ,—האָט זיך דער אַלטער געבּעטען, און זיך בּעגאָסען מיט טרעהרען,—אין אָנדענקען פון אייער פערשטאָרבּענעם זיידען דעם שאַמבּעליאַן בּעשווער איך אייך—נעהמט ניט אַוועק בּיי מיר מיין טאָכטער! לאָזט מיר רוהיג שטאַרבּען, מיר איז דאָך שוין ניט פיעל געבּליעבּען צו לעבּען אויף דער וועלט. אַ גאַנץ לעבּען האָב איך געהאָרעוועט, געאַרבּייט, ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען, געהאַזועט, געלד גנזאַמעלט—צו וואָס? אַז איך זאָל אויף מיינע עלטערע יאָהרען זעהן, ווי מיינע קינדער, דער לוין פון מיין גאַנצען לעבּען, פערגיסען זייער בּלוט איבּער אַ פריצי־שער פּאַנטאַזיע? אָ, ערבּאַרעמט זיך אויף מיר, אויף מיינע גראָהע האָר! קאַנטענט'ט מיך מיט דער גרעסטער קאָנטריבּוציע, וועל איך עס מיט פערגניגען היינטיגען טאָג אריינטראָגען אין אייער קאַסע, נור לאָזט מיינע קינדער צורוה, שלעפּט זיי ניט מיט אין דעם תהום, וואָס איהר אַליין גראָבּט פאַר זיך.

וואַצלאַוו האָט אויסגעהערט די ווערטער גאַנץ גלייכגילטיג און האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט

פערביסען די ליפּען און גענומען אָנטהון זיינע האַנדשוה.

— איהר געהט שוין אַוועק, ה׳ זאַרעמבאַ?

— יאָ, ס׳איז שוין צייט.

— און איהר וועט גאָרניט בערוהיגען אַן׳אַלטען מאַן?

— איך קאָן אייך נור טרייסטען מיט דער הבטחה, אַז איך וועל שוין מעהר ניט בעאונרוהיגען אייער טאָכטער מיט מיינע וויזיטען; מאָרגען פאָהר איך אינגאַנצען אַוועק פון שטאָדט.

— איהר פאָהרט אָב? צי וועט איהר זיך ניט בעמיהען פאַר אייער אָבפאָהרען צו ערקלערן מיין טאָכטער, אַז אייער אונטערנעהמונג נוטיגט זיך ניט אין איהר?

— ה׳ קראַנץ, איהר פאָדערט פון מיר צופיעל. ערשטענס, נויטיגט זיך אונזער אונטערנעהמונג אין איהר, ווי אין יעדעם פּאַטריאָט. צווייטענס, וועט מיין ערקלערען ניט העלפען. צו פעסט איז אייער טאָכטער אין איהר פערלאַנג, אַז איך אָדער ווער ס׳איז זאָל איהר קאָנען אָבווענדען דערפון. איך זאָג אייך נאָך אַמאָל: אייער טאָכטער איז שוין קיין קינד ניט, זי ווייס, וואָס זי טהוט און זי טהוט גוט. אַלזאָ, אַ גוטען, ה׳ קראַנץ! דערמאָנט מיר ניט צו בייזען, ס׳וועט קומען די צייט, וועט איהר זעהן, אַז אייער שרעק איז אומזיסט געווען. מיר זענען אויך ניט קיין קינדער. אַז מיר הייבען אָן די זאַך, זענען מיר, פערשטעהט זיך, איבערצייגט אין דעם ערפאָלג. אינגאַנצען פונ׳ם זין זענען מיר נאָך ניט אַראָב. אַלס גוטען פריינד פון דער פאַמיליע זאַרעמבאַ, ראַטה איך אייך, איהר זאָלט זיין אַ בעסערער פּאַטריאָט און ניט פער־האַלטען זיך אַזוי גלייכגילטיג און אָהן צוטרוי צום ענין פון פּוי־לען, וואָרום... איבעריגענס, אַדיע!

ער האָט זיך אַ נויג געטהון און איז אַוועק.

דער אַלטער האָט געבראָכען די הענד, האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט.

— וואָס זאָל איך טהון, וואָס זאָל איך טהון מיט מיין מטורפת׳דיגער מיידעלע? — האָט ער געזאָגט. — זי וויל אומ־ברענגען זיך, מיך און אונז אַלעמען. אָ, גאָט מיינער, העלף...

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַפּאָר מאָל דורכגעגאַנגען איבער׳ן צימער. דערנאָך האָט ער צוויי מאָל אָנגעקלונגען. ס׳איז אַריינגעקומען די דיענסט.

— אדאָלף איז אין דער־היים? — האָט קראַנץ געפרעגט.
— אין דער־היים.
— איז שיק איהם אַריין אַהער.

V.

סאָפיע אַראַנסאָן צו מערי טידמאַן.

ג. פעברואַר.. 1862.

„ליעבע מאַרי, דו ביסט זעהר גערעכט, וואָס דו וואַרפסט מיר אויף מיין לאַנגעי שווייגען, אָבער איך בין פונדעסטוועגען ניט שולדיג. איך בין קראַנק. די לעצטע מאָנאַטען איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַזאַ פוילקייט, אַזאַ אָפּגעלאָזענקייט, אַז איך קאָן מיך פאַר גאָרנישט ניט נעהמען: כ'וואָלט אַלץ זיצען מיט צונויפגע־לעגטע הענד און צוהערן זיך, ווי דער אומרוה פון זייגער וואַרפט זיך הין און הער. מיין טאָג־בוך אַפילו האָב איך אויך געוואָרפען: וואָס קען עס מיר געבען, אַז מיין נשמה ווערט פערשוואַכט. אַלץ איז אין מיר איצט ווי אָפּגעשטאָרבען: די געדאַנקען, די געפיהלען, די פערלאַנגען. און די סיבה איז זעהר אַ איינפאַכע: כ'בין אַ לייִדיג־געהעריין, אַ פיינליכע לייִדיג־געהעריין, אַ דאַנק מיינע על־טערן. זיי האָבען אויסגערעכענט, אַז אין דער איצטיגער מהומה־צייט איז דאָס בעסטע — אינגאַנצען צו דערווייטערען מיך פון אַלעס, וואָס איז טעטיג. זיי גיבען אַכטונג אויף מיר זעהר שטאַרק, שפּירען נאָך, וואוהין איך געה, מיט וועמען זעה איך זיך, וואָס טהו איך: זיי זענען שטענדיג אומרוהיג, פונקט ווי איך האַלט ביי בעגעהן עפּעס אַ פערברעכען. מעהר פון אַלעמען דערגעהט מיר אָבער די מוטער: זי נעהמט ניט אַוועק קיין אויג פון מיר, אָדער ביי מיר אין צימער זיצט זי, אָדער אין זאַל ביים טהיר פון מיין צימער, ווי אַ שומר און לאָזט קיינעם ניט צו צו מיר, וואו זי בע־

חאַהרענט זיך נים. דו שטעל זיך פאָהר, אַז אַפילו די פּאַניאַ איזאַבעלאַ, איהר פריינדין לאָזט זי אויך ניט אַריין צו אונז אין שטוב: זי געפינט שטענדיג עפּעס אַ תירוץ. דאָס זענען מיר אַלע פערטשאַדעטע און מיר ליגען קראַנקע, דאָס איז קיינער אין דערהיים ניטאָ, אָדער אין גאַנצען שטוב וואַשט מען די דיעלען — קירץ, די מאַמע געפינט שוין יעדעס מאָל אַנ׳אויסרייד, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דער געפעהרליכער גאַסט. דו וואָלסט נור געזעהן, וואָס פאַר א רעש זי האָט געמאַכט, אַז זי האָט בּיי מיר אַמאָל אָנגעטראָפען דעם פאַן וואַצלאַוו, וואָס איז געקומען צו מיר זיגענען זיך פאַר זיין אָבּפאָהרען אין אויעזד... זי האָט געוויינט, די הענד געבראָכען, האָט מיר פאָרווירפע געמאַכט, שטיקענדיג מיך אין איהרע אָרעמס. איהר פערצווייפלונג און איהר בּאונרוהיגען זיך איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט מיך געוואָלט אַוועקשיקען אויף אַ צייט אין אַ אַנדער שטאָדט. אויפ׳ן דריטען טאָג קוים האָט זי זיך בּערוהיגט און האָט מיר מודה געווען, אַז איהר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז די פּאָליציי וועט תּיכף אָנקומען און אַרעסטירען מיך דערפאַר, וואָס איך האָב זיך געזעהען מיט אַ רעוואָלוציאָנער.

„דערפון זעהסט דו שוין אַרויס, ווי עס טהוט מיר איצט וועה און ווי ס׳עקעלט מיך. און דער וועהטאָג מיינער איז אַ דאָפּעלער: ערשטענס, וואָס איך טהו גאָרנישט פאַר דאָס פאָטערלאַנד, בּעת עס איז גענויטיגט אין דער שטאַרקסטער שטיצע פון אַלע איהרע קינדער, און צווייטענס, וואָס איך בּין אַזוי שוואַך, אַז בּיי מיר פעהלט אוים מוטה צו געהן ענטקעגען מיינע עלטערן. וואָרום די העכערע ליעבּע צום פאָטערלאַנד האָט בּעדאַרפט גובר זיין די ליעבּע צו די עלטערן. דאָס פּייניגט און מאַטערט מיך. איך ראַנגעל זיך, נור וואָס איז די פּעולה, אַז איך בּין ניט גובר אין דער מלחמה און די שטים פון די עלטערן פערטויבּט אין מיר די שטים פונ׳ם פאָטערלאַנד? און די פפליכט פאַר דאָס פאָטערלאַנד? ווער וועט עס ערפילען? צו וועט מען ניט האָבּען פאָלשטענדיג דאָס רעכט צו האַסען אונז, אַלס ענגאָאיסטען און זאָגאַר פעררעטער? איך הויבּ שוין אָן ווירקליך צו האַסען, פעראַכטען זיך אַליין פאַר מיין קליינמוטהיגקייט, פאַר מיין פערברעכערישע שוואַכקייט. אָ, פעראַכט מיך, וואָרום איך בּין עס פאָלשטענדיג ווערטה...

„ווי מקנא בין איך עס אונזער פּאָלינאַ'ן! זי לעבט און אַרבייט, ניט אומקוקענדיג זיך אויף די רייד. אויף דאָס געבעט און בעס פון איהר פאָטער און ברודער. זי איז אַ פּאַטריאָטקע מיט דער גאַנצער נשמה. איך זעה זיך איצט מיט איהר זעהר זעלטען. אַמאָל נור, אַזוי פאַרבײַ, לויפט זי אַריין צו מיר. זי איז שטענדיג פערנומען. אין דער־היים טרעפט מען איהר קיינמאָל ניט: דאָ איז זי אין איהר שול, דאָ איז זי ביי דער גרעפין, אָדער אין אַנ'אַנ־דער פּאַטריאָטישען קרייזעל. דו וואָלסט זי איצט גאָר ניט דער־קענט: אַזוי אומגעענדערט האָט זי זיך. זי איז געוואָרען ערנסטער, מיושב'דיגער, איינגעהאַלטענער. איצט רעדט זי וועניגער, נור זי טהוט מעהר. בעפריינדעט בין איך מיט איהר אַזוי ווי פריהער, אָבער פון איהר פריהעריגער אָפענהערציגקייט איז איצט קיין זכר ניטאָ. זעהר פיעל בעהאַלט זי איצט פון מיר, און בעצם איז זי בעזי'עכט. צו וואָס זאָל זי מיר ענטדעקען אַזעלכע זאַכען, אין וועלכע איך בעטייליג זיך ניט? איך בין פון איהר ענטציקט, איך בע־וואונדער איהר, וואָרום זי איז מיט אַ קאָפּ העכער געוואָרען פון מיר. אָט דאָס הייסט ערנסט אָבגעבען זיך צו אַ אידעע! דאָס בילדעט, ענטוויקעלט, און דער מענש וואַקסט דערביי פון שעה אויף שעה. פאַר די לעצטע מאָנאַטען איז אונזער פּאָלינא וויית אַוועק פאָרווערטס, און איך, דוכט מיר, בין אַוועק צוריק. ס'טהוט וועה און ס'איז טרויעריג, נור מ'קאָן ניט העלפען. איך קאָן נור בעקלאָגען זיך אויף מיין מזל, וואָס האָט מיר איינגעטיילט אַזאַ צוקראָכענעם כאַראַקטער — אָבער וואס וועט עס מיר געבען?

„דו פרעגסט, וואָס פאַר אַ איינדרוק האָט אויף אונז גע־מאַכט אייער פאַרין? — כמעט קיין שום בעזונדער איינדרוק. אַלע בעפינען איין, אַז ער איז אַ אָנשטענדיגער, ניט קיין נאַרישער — און גאָר. ער האָט זיך נאָך ניט אַרויסגעוויזען, און ס'איז אַ ספק, אויב ער וועט זיך אַרויסווייזען, וואָרום ער האָט שוין אויפגעהערט צו בעזוכען די הייזער, וואו ער האָט זיך בעקאַנט געמאַכט. אונ־זער געזעלשאַפט איז איהם אַפּנים ניט זעהר געפעלען געוואָרען, און איך מיין, אַז ער איז אין דעם זעהר גערעכט. קאָן דען אונ־זער געזעלשאַפט געפעלען ווערען אַ ערנסטען און ענטוויקעלטען מענשען? — אויף יעדעם שריט און טריט איז וויסט, קליינליכקייט

און שטות׳ערייִ. מיר זענען שוין צו דעם צוגעוואוינט, אָבער אַ יִ
אַ פרישען מענשען מוז עס מאַכען אַ אָבשטויסענדען איינדרוק. די
גאַנצע צייט זיינע פערברייגנט סאַרין מיט אַדאָלפ׳ן און מאָזורסקי׳ן.
צווישען די יונגע לייט איז זעהר אַ שטאַרקע פריינדשאַפט, און
ס׳איז גאַנץ נאַטירליך: זיי זענען אַלע ערנסטע, בערעכענטע מענ-
שען. זיי האָבען עפּעס אַ פּלאַן אַלע צוזאַמען, נור וואָס—איז נאָך
אונבעוואוסט. סאַרין קומט אַריין אַפילו צו אונז אָפטמאָל, נור
איך פרעג איהם ניט, און ער אַליין רעדט ניט. אַז מיר וועלען
לעבען, וועלען מיר זעהן.

„אום צו בערוהיגען מיין געוויסען, האָב איך די טעג אַ זאַך געטהון. איך האָב גענומען מיין אייגענס, וואָס האָט זיך ביי מיר אָנגעזאַמעלט פון דעם טאַשען-געלד — אונגעפעהר הונדערט רובל—און כ׳האָב עס אָבגעשיקט אין דער קאַסע פאַר פּאַטריאָ-טישע ציעלען. איך וועל אַזוי כסדר טהון מיט דעם געלד, וואָס וועט זיין ביי מיר. איך רעכען אויך, שטילער הייד פון די על-טערן, פערשטעהט זיך, פערקויפען מיין ציהרונג, וואָס איך האָב אַלס פּרעזענטען בעקומען פון די עלטערן, פון קרובים און חבר׳-טעס, און דאָס געלד וועל איך אָבשיקען אין קאַסע. די על-טערן וועלען זיך עס ניט כאַפּען, ווייל זיי זעהען קיינמאָל ניט דעם ציהרונג אויף מיר סיי ווי סיי. ווי רעכענסטו, האָב איך אויף דעם רעכט? די זאַכען זענען דאָך מיין אייגענטום, קאָן איך דאָך טהון מיט זיי, ווי איך פערשטעה. אַזוי וועט עס זיין! וויבאַלד איך קאָן ניט פערזענליך זיך בעטייליגען אינ׳ם בעפרייען דאָס פּאַטערלאַנד, וועל איך מיך בעטייליגען כאָטש מיט מיינע מאַטע-ריעלע מיטלען“.

———

VI.

אין אַ רעגענדיגען אָוועגד אין מערץ 1862 זענען צוויי לאַנגע נפשות, פערוויקעלטע אין רעגען-מאַנטלעך מיט די קאַפּיו-שאָנען אַראָבגעלאָזטע איבער׳ן גאַנצען פּנים, לאַנגזאַם אַרומגע-

גאַנגען הין און צוריק איבער סאַדאָװע גאַס, איינע פון די רײנסטע און שטילסטע גאַסען אין שטאָדט. און צוגעצױגען האָט זײ, קענ־טיג דער צװײ־גאָרנדיגער מױער מיט׳ן פײנעם טשוגון־באַלקאָן, װאָרום יעדעס מאָל, װי די געהײמע פיגורען פלעגען צוקומען צום מױער, פלעגען זײ זיך אָבשטעלען אויף עטליכע מינוט און קײן אױג ניט אַראָבנעהמען פון צװײטען שטאָק, װאו ס׳זענען העל בעלויכטען געװען פינף פענסטער, און דאָס, אפנים, האָט זײ ניט נור פעראינטערעסירט, אָבער אויך פערװאונדערט.

— װאָס קאָן עס דאָרט זײן אַזעלכעס? — האָט איינע פון די פיגורען געפרעגט און האָט אויסגעצױגען דעם האַלז און זיך געשטעלט אויף די שפּיצען פינגער, װי ס׳װאָלט װעלען מיט איין אױג חאָטש אַרײנדרינגען אין די בעלױכטענע צימערען,— צי איז עס ניט חתונה בײ אונזער קראַנצובנע?

— דאַן בין איך פערפאַלען.

— פאַרװאָס עפּעס?

— װײל דאַן װעל איך שױן ניט אָנזעהן מײנע הונדערט דוקאַטען.

— הונדערט דוקאַטען?—האָט דער צװײטער איבערגעפרעגט און האָט אַרײנגעקוקט זײן חבר אונטער׳ן קאַפּױשאָן.—סטאַס, דו בינסט שכור, צי דו פיהרסט שפּאַס?

— איך פיהר קײן שפּאַס ניט און איך בין ניט שכור, — האָט סטאַס געענטפערט. — די זאַך איז פשוט: איך האָב מיט׳ן פּאַן אנדרײ אָבגעמאַכט, אַז איך זאָל אַמאָל פערפיהרען דעם רײכען קראַנץ׳ס טאָכטער, װעט ער מיר דערפאַר געבען הונדערט דוקאַטען.

— און װאו װעט דער פּאַן אנדרײ נעהמען די הונדערט דוקאַטען? ער איז דאָך הויל, װי אַ פּוסטויל.

— דאָס איז שױן ניט מײן זאַך. איך װעל זיך נעהמען פאַר דער אַרבײט נור דאַן, װען דאָס געלד װעט שױן זײן בײ מיר אין טאַש. אַזױ האָבען מיר אָבגערעדט.

— נו, צו געזונד! איך װינש דיר גליק, — האָט דער צװײטער אַרױסגעזאָגט און האָט זיך נאָך מעהר אײנגעװיקעלט אין זײן מאַנטעל און האָט געװאָלט אַװעקגעהן.—אַדיע!

— װאוהין אײלסטו עס, יאַס?

— איך בין נאָך ניט דורכגעגאַנגען מיין ראיאָן.

— וועסט נאָך צייט האָבען, דער צירקול וועט פון דיר ניט אַנטלויפען. די העלף מיר בעסער אַרויפקלעטערן אויפ׳ן באַלקאָן, וועל איך אַ קוק טהון אין פענסטער, וואָס טהוען דאָרטען די זשידעס און מיר וועלען געהן צוזאַמען.

איך האָב קיין צייט ניט, — האָט יאַס אָבגעענטפערט, — איך וויל היינט פריהער ענדיגען מיין וואַך און געהן שלאָפען. קיים וואָס איך שלעפּ שוין די פיס. צום טייוועל! ווי נור ס׳וועט קימען דער מאָנאַט, וועל איך אַ דאַנק זאָגען פאַר דער שטעל און כ׳וועל זיך נעהמען פאַר מיין פריהעריגע אַרבייט.

— האָט דיר די שטעלע שוין דערעסען?

— זעהר דערעסען.

— איז דיר בעסער געווען, ווען דו בינסט געווען אַ פּוהרמאַן?

— בעסער, איך האָב כאָטש געוואוסט, אַז איך טהו עפּעס. און דאָ איז — אומשלינדערן איבער די גאַסען ווי אַ הונד, בעת אַלע רעכטע מענשען שלאָפען, אַריינקוקען אין אַ פענסטער, בעהאַלטען זיך ווי אַ גנב — צו אַלע טייוולאָנים! — איך בין פון אַדעל, מיין האָנאָר ערלויבט מיר ניט אַ שפּיאָן צו זיין.

— אַ פיינער פּאַטריאָט! — האָט סטאַס מיט פאַרוואורפע געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— געווים, אַ פּאַטריאָט! — האָט יאַס אָבגעענטפערט, — אַז מ׳וועט דאַרפען געהן שלאָגען זיך פאַר דאָס פאָטערלאַנד, וועל איך, אַלס גוטער פּאָליאַק, געהן שלאָגען זיך, אָבער אַ געהער זיין — אַ דאַנק דערפאַר... איך בין פון אַדעל, מיין האָנאָר...

— צום טייוועל דו מיט דיין האָנאָר צוזאַמען... האָט איהם סטאַס איבערגעריסען, — זאָג מיר בעסער, דו וועסט מיר העלפען אַרויפצוקלעטערן אויפען באַלקאָן?

— ניין, כוויל ניט, — האָט יאַס געזאָגט פעסט, — ס׳וועט נאָך עמיצער בעמערקען, וועט מאַכען קולות און מ׳וועט אונז, ווי גנבים, אָבפיהרען אין פּאָליציי.

— איז וואָס איז, אַז מ׳וועט אָבפיהרען אין פּאָליציי

ענען איי‏גענע מענשען, מ'וועט אונז ניט אויפעסען, מ'וועט אונז ניט דערקענען, וועט מען אונז תיכף אָבלאָזען.

— אָבלאָזען, צו ניט אָבלאָזען, אין חד־גדיא, וועט אָבער אויסקומען צו זיצען. איך בין פון אדעל...

— א פחדן בינסטו, ניט קיין אַדעל, אָט וואָס דו בינסטו — אָט סטאַס אויסגעשריען מיט כעס.—א פחדן, וואָס איז בעשטע־מיגט פון דער גענעראַלדיע. ביי דיר איז דאָ האָנאָר וועניגער, ווי ביי א קרעצינגען זשיד. טפוי!

דער אדעל־מאַן האָט זיך בעליידיגט.

— סטאַס, ווי האָסטו העזה מיך צו זידלען?

— אָט וואַרט דאָ נור אויס א ביסעל, וועל איך דיר נאָך אָנקלאַפּען אויך, האָט סטאַס געזאָגט און האָט פון אונטערן מאַנ־טעל ארויסגערוקט זיין מוסקול־האַנד.

יאַס האָט געוואוסט, אז ער האָט צוטהון מיט א געשוואָה־רענעם סקאַנדאַליסט, האָט ער זיך בעסער אָבגערוקט.

— איך וויל מיט דיר בעסער גאָר ניט ריידען,— האָט ער געזאָגט און איז שנעל אַוועק.

סטאַס האָט זיך הויך צולאַכט און האָט זיך נאָך שטייפער איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל.

אז ער איז געבליבען אליין, האָט ער זיך דערנעהנטערט צום הויז, וואָס האָט איהם אזוי אינטערעסירט און האָט גענומען טאַפּען די מעשענע טרויב פון דער וואַסער־לייטונג, מיט דער כונה ארויפצוקלעטערן אויפ'ן באַלקאָן. ער האָט שוין אויפגעהויבען די הענד און אָנגעהויבען צו קלעטערן, נור פּלוצלונג האָט ער דער־הערט ווי ס'האָט א סקריפּה געטהון די פערטיל פונ'ם טויער. פער־פאַלען. ער איז אַראָב און איז אַוועק רוהיג אַהין, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט דער סקריפּה. ביים פערטיל פון טויער איז געשטאַנען א פּרויענצימער, איינגעוויקעלט אין א גרויסער וואַרעמער טוך. סטאַס האָט אויף איהר דורכדרינגענד אַקוק געטהון און האָט זיך אָבגעשטעלט.

-- מאַרצישאַ! — האָט ער אויסגעשריען, ער האָט צועפענט זיי'ן מאַנטעל און אויסגעשטרעקט ביידע הענד.

— סטאַס! — האָט יענע אויך אויסגעשריען און האָט א פּאַטש געטהון מיט די הענד.

— אָט איז אַביסעל אַ בענקעניש! — האָט סטאַס צוגע־געבען, און האָט אַראָבגעצויגען דעם קאַפּישאָן פון קאָפּ. — און איך האָב אויסגענישטערט די גאַנצע שטאָדט: וואו איז מיין מאַרצישאַ? ניטאָ מיין מאַרצישאַ! ווי אין דער ערד אַריינגעזונקען.

— רייד שוין דאָרט, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט מיט אָנגעבלאָזענע ליפּען — ס'איז דאָך דורכאויס כזב ושקר. דו האָסט מיך אַפילו ניט געזוכט. זעהר נויטיג דאַרפסטו מיך.

זי האָט מיט'ן טיכעל דאָס פּנים פערשטעלט און האָט געוויינט.

— נו, בייזער זיך ניט, ליעבּינקע מיינע, איז סטאַס צו איהר צוגעשטאַנען, — לאָמיר בעסער שלום ווערען. גיב אַהער אַ הענדטיל.

זי האָט, ווי ניט ווילענדיג, איהם אַ האַנד געגעבען.

— טייערע מיינע, נשמה, קעניגין מיינע, האָט דער פער־ליעבטער סטאַס געפּלאַפּעלט, האָט געקושט איינע און די צווייטע האַנד און האָט דאָס מיידעל אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו זיך צוגעצויגען. — פון איצט אָן וועלען מיר שוין זיך מעהר ניט שיידען. איך פיהל, אַז איך ליעב נור דיך.

— און אַנעלקאַ? — האָט מאַרצישאַ געפרעגט און האָט מיט אַמאָל אַרויסגעצויגען איהרע הענד פון סטיאַס'ס הענד.

— וואָס געוועזען איז געוועזען, — האָט סטאַס געענטפערט, — אַעלקאַן האָב איך שוין לאַנג געוואָרפען. — זי איז ניט ווערטה דיין קליינעם פינגעריל.

— שווער זיך!

— ווי גאָט איז מיר ליעב! — און ער האָט צוגעלעגט אַ האַנד צום האַרצען.

דאָס מיידעל האָט זיך געוואָרפען צו איהם אין די אָרעמס און איז ווי הענגען געבליבען אויף איין לאַנגען, כמעט אינענד־ליכען קוש.

— האָסטו מיך ליעב הייסט עס, סטאַס? האָט דאָס מיידעל געפרעגט מיט אינערליכער אומרוה.

— כ'האָב דיך זעהר ליעב.

— און דו וועסט מיך קיין מאָל ניט פערלאָזען?

— קיינמאָל ניט, ביי מיין עהרען וואָרט!

— אויב דו וועסט מיך ווידער פערבייטען אויף עפעס א אנעלקא אדער סטעפקא, וועל איך זיך אויפהענגען.

— גיוואגט, אז כ'וועל ניט פערלאזען, איז גענוג! — אט ער געזאגט כמעט שטרענג, ווייל ס'האט איהם אפנים דער ווידערט די אפפערזיכט פון זיין געליעבטער. — לאמיר בעסער ריידען צו דער זאך: מיר האבען זיך אזוי לאנג ניט געזעהן.

— און ווער איז עס אין דעם שולדיג?

— אלץ איינס. זאג מיר, וואס טהוסטו דא?

— איך דיען דא ביי קראנצעוו'ס.

— ביי קראנצעוו'ס? — האט סטאס כמעט אויסגעשריען דערפרעהט. — דאס איז גרויסארטיג.

— פאר וואס עפעס גרויסארטיג?

— איך וויים שוין פאר וואס. דאס זענען אייערע פענסטער בעלויכטען?

— אונזערע.

— וואס איז דארט היינט ביי אייך?

— ביי דעם יונגען קראנץ זענען דא געסט.

— ווער זענען זיי?

— פערשטעהט זיך, ווער: ושירעס.

— וואס טהוען זיי?

— ס'איז בעקאנט וואס: מ'טרינקט טיי, מ'רעדט.

— אפשר ווייסטו, וועגען וואס רעדט מען דארט?

— פון האנען זאל איך עס וויסען? און צו וואס פרעגסטו זיך נאך?

— מסתמא, דארף מען, — האט סטאס געענטפערט, און אום אבצופיהרען דעם געשפרעך אויף א אנדער ענין, האט ער איהר אנגעהויבען צו דערצעהלען, אז ער האט אויפגעהערט אין קארטען צו שפיעלען, ר'האט זיך געשטעלט דיענען פאר 25 רובל מאנאטליך און אין גיכען דארף ער נאך פערדיענען צוויי טויזענד פוילישע גולדענס. — אט דאן, ווען איך וועל בעקומען דאס געלד, — האט סטאס צוגעגעבען, — וועל איך מיט דיר חתונה האבען און מיר וועלען לעבען ווי די פריצים.

— דו זאגסט ערנסט?

— עהרעןווארט.

דאָס מיידעל האָט גענומען קושען איהר געליעבטען. דער־נאָך האָבען זיי אָבגערעדט, אז אלע זונטאָג זאָלען זיי זיך טרעפען ביי דער מוהמע פראַנקסעדא, אין פאָרשטאָדט, זיי האָבען זיך ווידער אַמאָל ארומגענומען און זיך געזעגענט.

סטאַס האָט אָנגעטהון דעם קאַפּיושאָן, האָט זיך איינגעוויקעלט אין מאַנטעל און האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, נור דאָ איז פּלוצלונג צוגעפאָהרען צום טויער אַ פוהרל. ס'איז אראָבגעשפּרונגען אַ יונגער מאַן, אויך אין אַ רעגען־מאַנטעל נור אָהן אַ קאַפּיושאָן.

— אַ וועכטער האָט דער יונגער־מאַן געפרעגט.

— אַ וועכטער, — האָט סטאַס געענטפערט.

— דער נומער?

— אכט.

— די פּאַראָל?

— זאָל לעבען (ניעה זשיע).

— מ'זוכט איך געהט שנעל. די גאַס־לאַמטער'ן № 13, די טרעפּ איידער איינגאַנג פון רעכטס, די פּאַראָל: „נעח בענדזיע".

— כ'הער האָט סטאַס געענטפערט און איז שנעל אוועק לויט דעם געהיימען אַדרעס, וואָס איז איהם גוט בעקאַנט געווען, און דער יונגער־מאַן איז אריין אין פּערטיל. דאָס פוהריל האָט געוואַרט ביים טויער.

אין עטליכע מינוט אַרום, האָט זיך דער יונגער־מאַן בעוויזען אין פּערטיל צוזאַמען מיט אַ יונגער דאַמע אין אַ וואַרעמען מאַנטעל מיט אַ שוואַרצען שאַל אויפ'ן קאָפּ. זיי האָבען זיך געזעצט אויפ'ן פוהר'ל.

— וואוהין? האָט דער פוהרמאַן געפרעגט.

— אַהין, — האָט דער יונגער מאַן געענטפערט.

דאָס פוהרל איז שנעל אָבגעפאָהרען מיט זשיול פּערעטצין און פּאָלינאַ קראַנץ.

VIII.

אין דער צייט, ווען פריילין פּאָלינאַ צוזאַמען מיט זשיול

פערעטצ׳ן, האבען זיך געיאגט אויף א פוהריל אהין, זענען ביי איהר ברודער, אדאלפף קראנצ׳ן אין וואוינונג געמאכט געווארען הכנות צו דער ערשטער זיצונג פון דער יודישער יוגענד אין נ.

דעם גרויסען שרייב-טיש פון קאבינעט האט מען אריבער־געטראגען אין גאסט-צימער און צו איהם האט מען נאך צוגע־שטעלט א לאמבע-רטישעל. אנשטאדט גרינעם געוואנד, וואס האט זיך ניט געפונען ביי קראנצ׳ן אין הויז, האט מען אויף די ביידע טישען אויסגעשפרייט א שטיקעל צייג אין פאסקעס, וואס אדאלף האט עס בעקומען ערגיץ אין דער שוועסטער׳ס גארדעראב. מ׳האט אהער אריבערגעטראגען שטוהלען און לייכטערס פון קראנצ׳ס גרויסער דירה.

מיט די הכנות האט זיך עוסק געווען דער בעל-הבית אליין און אויך איינינע פון זיינע געסט, ווארום אזוי ווי מען האט געהאט צובעטראכטען זעהר וויכטיגע ענינים, האט מען בע־שלאסען, אז מען זאל אין צימער ניט אריינלאזען קיינעם ניט אפילו פון בעדיענער.

ארום טיש האבען זיך ארומגעזעצט אמאן צוואנציג. אויסער קראנץ, סארין און מאזורסקי, די אויפטהוער פון דער זיצונג, זענען דא געווען כמעט אלע לעהרער פון די יודישע שולען אין נ., עטליכע יודישע ליטעראטען און געבילדעטע סוחרים.

אדאלף קראנץ האט ארויסגעזאגט:

— ניט אלס פארזיצענדע, נור אלס בעל-הבית ערקלער איך די זיצונג פאר ערעפענט

סאיז געווארען שטיל.

— ווער וועט ריידען? — האט איינער געפרעגט.

— ה׳ סארין, — האט אדאלף געענטפערט.

סארין איז אויפגעשטאנען און אנגעהויבען.

— מיינע הערערן! איך בין פאלשטענדיג איבערצייגט, אז מיט א יאהר, מיט אנדערהאלבען צוריק האט איהר מיט א טרויער־געפיהל אכטונג געגעבען אויף די בייזע אנפאלען פון דער ארטי־גער פרעסע אויף אונז יודען. איצט האב איך געהאט די מעגליכקייט פערזענליך בעקאנט צו ווערען מיט די פארשטעהער פון דער פרעסע און כ׳האב זיך דערוואוסט, אז זיי זענען גאר ניט אזעלכע

בייזע יודען־פרעסער, ווי ס'האָט זיך אונז געדוכט. אַלס געבילדעטע מענשען האָבען זיי וועגען יודען אין אַלגעמיין די זעלבע מיינונג, ווי מיר מיט אַייך, נור אַלס פוילישע פּאַטריאָטען זענען זיי אויף זיי אָנגעפאַלען צוליעב צוויי ציעלען: ערשטענס, אום אויפצוהעצען געגען זיי די אַדמיניסטראַציע און אַרויסרופען רע־פרעסיווע מיטלען צו זיי, און צווייטענס: אום צו צווינגען די יודען, די אונצופרידענע מיט די רעפרעסיעס, אַלאָז צו טהון זיך צו די פּאָליאַקען אין די אַרעמס, וואָס זענען זיי איצט מבטיח גאָלדענע בערג...

— שכל'דיג, — האָט עמיצער בעמערקט.

— יאַ, מיינע הערען, — האָט סארין צינגעגעבען, — די טהוער פון דער אָרטיגער פרעסע זענען—זעהר געשיקטע לייט, זיי זענען ניט נאָר גוטע ליטעראַטען, — זיי זענען אויך גוטע דיפּלאָמאַטען. דאָס ערשטע ציעל האָבען זיי שוין כמעט ערזייכט, וואָרום סאיז גאָר ניט זעהר שווער צו פערפיהרען די אַדמיני־סטראַציע, און בפראַט, אַז איהר אַליין איז אַנגענעהם פערפיהרט צו זיין בנוגע צו יודען. די אַדמיניסטראַציע, ווי איך האָב זיך דערוואוסט פון אַ זיכערן מקור, הויבט אָן קרום צו קוקען אויף אונז און ס'וועט קיין חידוש ניט זיין, אַז אין הלכות יודען וועט ווערען ניט גוט... די ראַפּאָרטען וועגען אונז קיין פּעטערבורג ווערען געשריבען פון פּאָליאַקען, אָדער אַזוי ווי זיי דיקטירען עס.

— זעהר ריכטיג, — האָט בעמערקט איינער פון די סוחרים, — אין אַלע קאַנצילאַריעס זענען פּאָליאַקען די אָנפיה־רער. אין זייערע הענד זענען ניט נור די פערוואַלטער איבער די אָבטיילונגען, אָבער אויך די פּאָרזיצענדע און זאָגאַר גובער־נאַטאָרען.

— נור צום צווייטען ציעל, — האָט סארין צוגעגעבען מיט אַ געהעכערטער שטים, — וועלען מיר זיי ניט דערלאָזען: יודען מיט פּאָליאַקען דאַרפען זיך ניט חבר'ן! ווייל פון דעם חבר'ן וועלען מיר ניט נור קיין געווינס ניט בעקומען, נור מיר קאָנען נאָך אָנווערען דאָס ביסעלע, וואָס מיר פערמאָגען... פאַר אונזערע לייט האָבען מיר ניט וואָס צו שרעקען זיך: זיי וועלען צו די פּאָ־ליאַקען ניט צושטעהן, זיי זענען מענשען ערפאַהרענע, בערע־בענטע, זיי וועלען וויסען, ווי אַזוי צו האַלטען זיך. די פוילישע

ווענטקע וועט זיך צעהן מאָל צוריסען, איידער עס וועט זיי אָנ־
חאַפּען. נור די יוגענד...

— פאַר די יוגענד זענען מיר ערב, וואָס? — האָט זיך
אָפּגערופען קאָפּעלסאָן, איינער פון די לעהרער, און האָט מיט
אַ פראַגע־בליק זיך אומגעקוקט אויף די קאָלעגען.

— געוויס, געוויס, — האָבען די לעהרער מסכים גע־
ווען, — פאַר אונזער שטודירענדע יוגענד איז אויך ניטאָ וואָס
צו בעאונרוהיגען זיך; מיר גיבען זיי די סאַמע לעגאַלע
ריכטונג.

— ענטשולדיגט, מיינע הערען, — האָט סאַרין געזאָגט, —
דאָ האַנדעלט זיך ניט נור וועגען דער שטודירענדער יוגענד, פאַר
וועלכע איהר זענט ערב, נור וועגען אונזער גאַנצער יוגענד. און
בנוגע צו דער שטודירענדער יוגענד אויך קאָנט איהר, אלס
לעהרער, ערב זיין פאַר'ן ערפאָלג און וויסענשאַפט — ניט מעהר.
איך וויל אייך זאָגען אָפען, אַז אונזערע לעהרער, אויף וויפיעל
איך קען זיי, האָבען ביז אַהער געגעבען די שיהלער נור לעקציעס,
אָבער ניט קיין ריכטונג, און דעריבער איז נאָך צופריה צו ריידען
וועגען דעם, ווי עפּעס פּאָזיטיוועס. און וואו האָט זיך עס בכלל
געקאָנט אויסאַרבייטען אַ ריכטונג? איהר דאַרפט דאָך מודה זיין,
מיינע הערען, אַז היינט קומט איהר זיך עס צוזאַמען כמעט דאָס
ערשטע מאָל. אויסער דער לעקציע בעגעגענט איהר זיך ניט
איינער מיט'ן אַנדערן.

די לעהרער האָבען אַראָבגעלאָזט די אויגען. סאַרין האָט
ווייטער גערעדט.

— אייך איז ניט אַנגענעהם צו הערען די ווערטער? אָבער
נאָך מעהר אונאַנגענעהם איז אונז צו צוזעהן, ווי יונגע לייט, גע־
בילדעטע און אַרבייטס־פעהיגע זענען עס אוועק יעדערער אין זיין
ווינקעלע, וואו מ'צאַפּעלט איינציגע און אַליין, בעת אונז אַלע־
מען זענען דאָ אויסער פּערזענליכע אינטערעסען, פאַרהאַנען אויך
אַלגעמיינע הייליגע פאָלקס־אינטערעסען, וואָס קאָנען זעהר ליידען,
ווען ס'זאָל ניט זיין קיין געמיינזאַמע טעטיגקייט. און ווער וועט
אין דעם שולדיג זיין?

— מיר ניט! — האָט איינער פון די לעהרער ענערגיש
אויסגעשריען, — אָדער צום וועניגסטען, ניט מיר אַליין. אין אונ־

זער גאַנצער געזעלשאַפט הערשט אַ פאַלשטענדיגע צוטיילונג, יעדערער איז בעזונדער, ער זאָרגט נור פיר זיך אַליין. וואָס טהוען אונזערע סוחרים? זיי האַנדלען. וואָס טהוען דאָקטוירים? פּראַקטיצירען: וואָס זאָלען מיר, לעהרער, טהון, אַז ניט לעקציעס געבען? אויב ביי אונז זענען דאָ אַלגעמיינע אינטערעסען, דאַרף דאָך אויך די בעזאָרגונג און די אַרבייט זיין אַ אַלגעמיינע. מיר זענען ניט פערפּליכטעט צו אַרבייטען לטובת הכלל ביי אַלגעמיינער גלייכגילטיגקייט און אַפּאַטיע. מיר זענען ניט קיין העלדען, מיר זענען נור בעשיידענע אַרבייטער. ווען אַלע זיך נעהמען פיר די אַרבייט — ווען מיר אויך ניט אָבשטעהן. קיינער טהוט גאָרנישט — טהוען מיר אויך ניט. און אויב דערפון ליידען אונזערע פאָלקסאינטערעסען — בעשולדיגט דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער ניט אונז, וואָרום מיר זענען נור אַ אונבעדייטענדע טייל פונ׳ם פאָלק.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבען די לעהרער אַפּלאָדירט זייער רעדנער. — מיר זענען ניט שולדיג. מיר זענען ניט פעראַנטוואָרטליך, מיר זענען ניט שולדיג!

בעגייסטערן צו טעטיגקייט פאַר אונזער הילפלאָזען פאָלק. מיט צוואַנציג, דרייסיג יאָהר צוריק איז אונזער פאָלק געווען אָנגעפיהרט פון די רבנים, געלעהרטע, פון אונזערע, אַזוי צו זאָגען, גייסטליכע לייט, וואָס זענען פעסט געשטאַנען אויף דער וואַך פון אונזערע פאָלקס־אינטערעסען, האָבען דערויף טאָג און נאַכט געאַרבייט. לויט זייער פערשטאַנד. איצט געהען אַראָב פון דער סצענע די דאָזיגע געעהרטע עסקנים. די נייע פאָדערונגען פון דער צייט גיבען אָב דעם רודער צו אונז, יונגע, אין די הענד. בראש פון די געמיינדעס געפינען זיך די ראַבינערם פון אונזער קרייז. די ערציהונג פון דער יוגענד איז איבערגעגעבען צו אונז. אויף אונז איז אַרויפגעלעגט, דעריבער זענען מיר מחויב צו טראַכטען און צו אַרבייטען פאַר איהם. איהר ווייסט דאָך דעם מאמר פון אונזערע חכמים: „במקום שאין אנשים השתדל להיות איש״. אָט דער מאמר האָט אין אַלע צייטען פון אונזער היסטאָרישען וואַנדערן אַרויסגערופען פון אונזער פאָלק מענשען פון געדאַנק און איניציאַטיוו, וואָס האָבען אונזער אונדענקענדער מאַסע געגעבען די געהעריגע ריכטונג, האָבען איהר דערמיט געראַטעוועט און אָבגעהיט פאַר אַ בעסערע צוקונפט. דער מאמר דאַרף אויך אונז

— דאָס דוכט זיך אייך נור אזוי, — האָט סאַרין אָבגע-
ענטפערט רויהיג, אָבער פעסט. — אַז איהר וועט זיך בעטראַכטען
וועט איהר אומענדערן אייער מיינונג. אמת, נאָך דער צאָהל נאָך,
זענען מיר אַ אונבעדייטענדער טייל פון אונזער פאָלק, אָבער לויט
דער חשיבות — זענען מיר דער דענקענדער טייל, די אינטע-
געלענט אַ גרויסע און הייליגע שליחות: דורך בילדונג און ערצי-
הונג אומצוענדערן אונזערע ברידער, אַרויפפיהרען זיי אויף דעם
ברייטען וועג פון דער גאַנצער מענשהייט, מיט וועלכער זיי דאַרפען
געהן האַנד ביי האַנד, פוס ביי פוס. צו קאָנען מיר דען צוליעב
פערזענליכער בעקוועמליכקייט מאַכען אַ אָנשטעל, אַז מיר פער-
שטעהען ניט אונזער שליחות? צו קאָנען מיר זיך בערוהיגען מיט
אַ אויטימאַטישען ערפילען אונזער פפליכט? צו דען זאָגט אונז
גאָר ניט אונזער געוויסען, וואָס מיר מוזען טהון אַלס ראַבינערס,
לעהרער, ליטעראַטען און דענקענדע לייט בכלל?

אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען האָט בעדעקט דעם רעדנער'ס
לעצטע ווערטער. ס'האָבען אַפּלאָדירט יענע אפילו, געגען וועלכע
די רייד זענען געווענדט געווען. דער לעהרער, וואָס האָט דאָ
ערשט געהאַט גערעכענט, אַז ער האָט זעהר גלענצענד אָבגע-
וואָרפען די אָנפאַלען אויף זיינע חברים, איז איצט אַזוי גערירט
געווען, אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען
צו סאַרינען און האָט איהם פעסט די האַנד געדריקט.

— איהר זענט פאָלשטענדיג גערעכט, ה' סאַרין, איהר
עפענט אונז די אויגען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערענדער
שטים. — דעם אמת זאָגענדיג, זענען מיר טאַקי עהרליכע מענ-
שען, נור שלעפערדיגע. וועקט אונז, וועלען מיר זיין וואַך.

אַז ס'איז ווידער שטיל געוואָרען האָט סאַרין אָבגעווישט
דעם שוויים פון זיין בלאַסען פנים און האָט ווידער אָנגע-
הויבען:

— איך האָב נאָך ניט געענדיגט. ה' בליום בעשיקט זיך
אויף די גלייכגילטיגקייט פון אונזערע סוחרים און דאָקטוירים צו
כלל-אינטערעסען. פרעגט זיך אָבער, צו דאַרף אָט די גלייכגיל-
טיגקייט דיענען פאַר אונז אַלס אַ מוסטער אָדער אַלס פערענט-
פערונג פאַר אונזער אייגענער אונטעטיגקייט? צו ווייסט איהר
דען ניט, אַז דער האַנדעלס-שטאַנד שטעהט אין ערגיץ ניט בראש

פון די געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען? איבעריגענס, פּרעטענ־דירען זיי גאָר ניט אויף איניציאַטיווו. דער האַנדעלס־שטאַנד איז — דיזעלבע מאַסע, וואָס געהט אַהין, וואוהין די מעהר אינטעליגענטערע קרייזען פוהרען עס. אַלס אַ מאַסע, זעהען זיי נור די פּונקטען, אָבער זיי האָבען קיין צייט ניט אַרויסצודרינגען דער־פון בעשטימטע כללים. זיי קוקען אויף די ערשיינונגען און פער־שטעהען ניט זייער זין, זייער אינערליכען מהות. פון אונזערע סוחרים אַלזאָ קאָנען מיר ניט פאָדערן קיין בעוואוסטזיניגע טעטיג־קייט. דאָס איז אַ מאַסע, אַ המון — דערמיט, רעכען איך, איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרען.

די סוחרים האָבען זיך פערשעמט, האָבען ווי אַ קרעבטש געטהון, נור זיי האָבען געשוויגען. סאַרין האָט ווייטער גע־רעדט.

— וועגען אונזערע דאָקטוירים דאַרפען מיר צום בעדויערן מודה זיין, אַז זעלטען טרעפט מען צווישען זיי אַזאַ איינעם, וואָס זאָל מיט האַרץ און זעעל איבערגעגעבען זיין צו די פאָלקס־אינטערעסען. מעהרסטענטייל זענען עס פּראָפעסיאָנאַלען, פּשוט: בעלי־מלאכות. די אוניווערזיטעט האָט זיי געגעבען אַ מלאכה און רעכט, עקספּלאָטירען זיי עס מיט אַנ'אַפּעטיט פון אַזעלכע, וואָס האָבען אַ צייט לאַנג געהונגערט. וואו זאָלען זיי שוין טראַכטען פון אינטערעסען, וואָס זענען העכער פון זייער ברויט־פּראַקטיק? זיי דערמאָנען אָן יענע געפאַנגענע, וועלכע מ'האָט אַקאָרשט אַרויסגעלאָזט פון טורמע, וואָס האָבען זיך אליין נאָך ניט אַנגע־זעטיגט מיט דער פרייהייט, אַז זיי זאָלען קאָנען אַ טראַכט טהון וועגען זייערע געוועזענע חברים פון תפיסה. אַנדערס קאָן עס ניט זיין, מיט דערצייט וועלען זיי זיך איבערצייגען, אַז ניט קוקענדיג אויף זייער פּערזענליכע פרייהייט, זענען זיי פונדעסטוועגען פער־בונדען מיט זייערע ברידער אַ סך שטאַרקער, ווי זיי מיינען. די ניט־יודישע געזעלשאַפט וועט זיי אויף יעדעם טריט און שריט דערמאָנען, אַז זיי זענען דיזעלבע געפאַנגענע, וואָס האָבען זיך נור צופעליג אַרויסגעריסען אויף די פרייהייט. דאַן אפשר וועלען זיי אָנהויבען מיטצוהעלפען, אַז ס'זאָלען גאָר ניט זיין קיין געפאַנ־גענע און זיי וועלען ניט זיין פונווייטען און ווי פרעמדע אָנקוקען די אָנ־שטרענגונג פון זייערע ברידער, וואָס רייסען זיך צו פרייהייט. אַזוי

איז געווען אין אויסלאנד, אזוי וועט זיין אויך ביי אונז אין רוס-לאנד. נור דאס איז א שפעטערדיגע זאך. דערווייל דארפען מיר ניט פערגעסען, אז די געפאהר איז נאהנט און מיר דארפען זיך שוין צוגרייטען, ניט פערלאזענדיג זיך אויף הילף פון אונזערע סוחרים און דאקטוירים. מיר געפינען זיך איצט, ווי מ׳זאגט, צווישען האמער און דער קאוואדלע, פון איין זייט — די אדמי-ניסטראציע, פון צווייטען — די פאליאקען. מ׳וועט אויף אונ-צודריקען פון אייבען און פון אונטען. די פראגע איז, ווי זאלען מיר זיך האלטען, אז מיר זאלען ניט דערשטיקט ווערען, אז מיר זאלען אונבעשעדיגט דורכגעהן דורך צוויי פלאמען?

אויף דער פראגע האט קיינער ניט געענטפערט. אלע האבע אזוי ווי בעשלאסען אויסצוהערן סארינגען ביז׳ן סוף, און יעדערער איז אינערליך איבערצייגט געווען, אז דער רעדנער אליין וועט ענטפערן אויף זיין פראגע. נאך א ווײלע שווייגען, ווי ער וואלט געווארט אויף א ענטפער, האט סארין צוגעגעבען:

— וועגען אונזערע עלטערע לייט האבען מיר שוין גערעדט. דאס שטארק ענטוויקעלטע זעלבסט-שוץ געפיהל אין זיי וועט זיי שוין לערנען, ווי אזוי דורכצוגעהן בשלום צווישען די צוויי פלא-מען. נור די יוגענד? איך וויים, אז ביי דער יוגענד הויבט זיך שוין אן צו ענטוויקלען א מין פאטריאטישעס געפיהל, ד. ה. א בעדערפנים צו האבען א פאטערלאנד און עס ליעב האבען. מיר מאגען זיך אפילו גראטולירען דערמיט, אבער צוריק דארפען מיר מורא האבען, אז מיט דער ערוואכטער בעדערפנים ביי אונזער יוגענד זאלען זיך ניט בענוצען פאר זייערע אייגענע ציעלען די פאליאקען. די יוגענד זוכט א פאטערלאנד, לענגט מען איהר פאר דאס אומגליקליכע פוילען, וואס איז דריי מאל געשטארבען, און עסט נאך אלץ איהרע קינדער. די יוגענד איז אונערפאהרען, נאכ-גיעביג, און דער צוציה איז א גלענצענדער. די פאליאקען וועלען געברויכען זייערע אלע שענע ווערטער, אום צופערפיהרען אונז צו זייער פאהן... אייניגע פון אונזערע יוגענד האבען זיי שוין פערדרעהט דעם קאפ.

— וועמען? — האבען עטליכע שטימען געפרעגט.

אדאלף קראנץ האט א ציטער געטהון און האט מיט געבעט

אַ קוק געגעבּען אויף סאַרינען. דער לעצטער האָט דעם בּליק פערשטאַנען און געזאָגט:

— צו וואָס דאַרפט איהר די נעמען? גענוג איז, אַז אייניגע פון אונז האָבּען זיך שוין אויף אויביג פערשקלאַפּט צו די פּאָליאַקען.

— „אייניגע" זענען נאָך ניט די גאַנצע יוגענד — האָט זיך איינער אָבּגערופען.

— דאָס איז אַפילו ריכטיג, — האָט סאַרין געענטפערט, — אָבּער איהר פערגעסט דערבּיי אונזער אַלגעמיינע ערבות, אַז פאַר איין פערשולדיקטען יודען שלעפּט מען צום משפט דאָס גאַנצע יודישע פאָלק. איך ווייס, אַז פיעל פון די היענע רוסען, בּעוואוסט־זיניג אָדער אונבּעוואוסטזיניג, טרעטען אַרויס צוזאַמען מיט די פּאָליאַקען, פונדעסטוועגען וועט קיינעם אויפ'ן געדאַנק ניט אַרויפ־קומען צו זאָגען, אַז דאָס רוסישע פ אָ ל ק פיהלט מיט די פּויילישע פלענער. מיט אונז אָבּער איז דער חשבון אַנדערש: וועט זיך איינער אַריינכאַפּען אין דער מרידה, וועט מען זאָגען, אַז אַלע יודען האָבּען געבּונטעוועט. אָט דאָס דאַרף אונז בּעאונ־רוהיגען.

— וואָס זשע זאָלען מיר טהון? — האָבּען אַלע כמעט אויסגעשריען, פערשטעהענדיג צו לעצט די געפעהרליכע לאַגע. — וואָס זאָלען מיר טהון? — האָבּען זיי שוין געפרעגט דירעקט בּיי סאַרינען. — זאָגט, גי אַנ'עצה, איהר האָט דאָך שוין געוויס געקלערט וועגען דעם.

— יאַ, רבותי, — האָט סאַרין געענטפערט, — מיר האָ־בּען שוין געטראַכט און טאַקי געטהון עפּיס אויך. ה' קראַניק, ה' מאַזירסקי און איך האָבּען געמאַכט אַ אַרבּייטס־פּראָגראַם, וואָס מיר וועלען עס אייך פאָרלעגען צו בּעטראַכטען. — ה' קראַניק איצט געהערט אייך דאָס וואָרט.

סאַרין האָט זיך געזעצט, און קראַניק איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט אָנהויבּען צו ריידען, נור אין דער ווייל האָט זיך די מדי' געעפענט און אין צימער איז אַריין פריילין פּאָלינאַ. זי איז נאָך געווען אין מאַנטעל און אין שאַל, צוריק קומענדיג ערשט פון שטאָדט. ווי פּאָלינאַ האָט זיך בּעוויזען, איז אַדאָלף בּלאַס

געוואָרען, און סאַרין און מאָזירסקי האָבען זיך איבערגעקוקט. אַלע איבעריגע פערזאַמעלטע האָבען זיך שוין געווען אויפגעהויבען פון די ערטער צו בעגריסען איהר, נור פּאָלינאַ האָט פון זיך שנעל אַראָבגעריסען די שאַל, האָט איינגעשויבערט איהרע לאַנגע שוואַר־צע געגרייזעלטע האָר, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אָנגעהויבען:

— ענטשולדיגט, מיינע הערען, וואָס איך בין פּלוצלונג אַריינ־געקומען און האָב געשטערט אייער אָנגענעהמען געשפּרעך, און אפשר נאָך אַ ערנסטע בעראַטונג. די זאַך איז זעהר דרינגענד, און ס'קאָן אָבגעלעגט ווערען. איך בין צו אייך געשיקט פון די מענשען, וואָס אין זייערע הענד איז דאָס גורל פון אונזער גאַנצען פּאָלק, פון אונזער גאַנצער געגענד. די מענשען בערופען צו אייך דאָס לעצטע מאָל, צו ווילט איהר זיך בעטייליגען אין דעם גרויסען ענין פון בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד, אָדער ניין?

— ניין! — האָט סאַרין אויסגעשריען, ר'האָט זיך אויפ־געהויבען פון זיין אָרט און האָט געקוקט אויף פּאָלינאַ'ן גרוויזאַם כמעט מיט צאָרין, טויזענד מאָל ניין! זענט אַזוי גוט, פריילין, צו זאָגען יענע, וואָס האָבען אייך געשיקט, אַז זיי אַליין האָבען זייער פאָטערלאַנד חרוב געמאַכט, זאָלען זיי עס איצט אַליין אויפ־בויען. מיר זענען מיט זיי אין דעם קיין חברים ניט. מיר קענען זיי ניט.

— אָבער איהר וועט זיי דערקענען, — האָט פּאָלינאַ געענטפערט מיט כעס, — און דערהויפּט איהר, ה' סאַרין. איך דאַרף עס אַפילו ניט זאָגען, נור איך קאָן מיך ניט אָבהאַלטען, ערקלעהר איך אייך, ה' סאַרין, אַז מען שפּירט אייך נאָך.

— צופיעל כבוד פאַר מיר, — האָט סאַרין געענטפערט, האָט זיך אַגוויג געטהון און סאַרקאַסטיש געשמייכעלט, — און איך, פון מיין זייט, ערקלעהר אייך אויך, אַז מיר שפּירען אייך אויך נאָך און מיר האָפען, אַז זיי וועט ניט געלונגען צו פערפיהרען אונזער יוגענד אין זייער אונזיניגער אונטערנעהמונג.

פּאָלינאַ האָט געציטערט פאַר צאָרן.

— וואָס, איהר וועט מסר'ן? — האָט זי געפרעגט און האָט אַקוק געגעבען אויף סאַרינען מיט שרעק, צאָרן און פעראַכטונג.

— צו וואָס מסר'ן? — האָט כאַרין געענטפערט מיט דעם־זעלבען סאַרקיסטישען שמייכעל, — מיט דעם פיינעם עסק פער־נעהמט זיך די פיינע שליאַכטע. ווער האָט פוילען איבערגעגעבען, ווען ניט די פּאָליאַקען אַליין? פאַר אַ אָרדען־לענטע פאַר אַ קאַ־מערהער־שליסעל קאָן מען קויפען פיעל פון די אַזוי גערופענע פּאַטריאָטען.

— דאָס זאָגט איהר אַזוי?..

— ניין, ניט איך זאָג עס, דאָס זאָגט דער פּערפאַסער פון Parafian'sz, איינער פון די קליגסטע פוילישע בירגער, אויף וועלכען איהר קאָנט זיך דרייסט פערלאָזען, ווייל ער קען זיינע לייט גרינדליכער ווי איך מיט אייך. וואָס אַנבעלאַנגט אונז, וועל איך אייך זאָגען קורץ און קלאָר, אַז פאַר די אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ, לעג איך מיין קאָפּ אַוועק, אַז קיין איינער פון זיי וועט זיך ניט ערנידערן צו מסירות און צו שפּיאָנעריי. אמת, מיינע הערר'ען?

— אַזוי, אַזוי! — האָבען אַלע בעשטעטיגט.

— מיר פערמעגען מיטלען ווירקליכערע, ווי מסירות. — דאָס איז גאָר. איך האָב שוין אַלץ געזאָגט. קיין אַנדער ערקלעה־רונג וועט איהר פון אונז ניט בעקומען. און חאָטש דאָ אין דעם הויז בין איך ניט קיין בעל־הבית, נור צוליעב דעם ענין, וואָס האָט אונז אַלעמען אַהער פערזאַמעלט, ערלויב איך מיר צו בע־טען אייך, פריילין קראַנץ, אַז איהר זאָלט אונז ניט שטערן. איהר געהט מיט איין וועג און מיר מיט אַנ'אַנדערן. ווער פון אונז איז זיך טועה — דאָס וועט די צייט בעווייזען. אַלס קלוגע און ענטוויקעלטע פּרויענצימער, האָף איך, וועט איהר אין גיכען דער־וויסען, פאַר וועמען און פאַר וואָס איהר קעמפּפט. די אידעען, וואָס בעגייסטערן אייך איצט, די אידעען אַן און פיר זיך זענען אַ כבוד ניט נור פאַר אייך, נור אויך פאַר אונז. מיר קאָנען שטאָלץ זיין מ־ט אייך, געהן אָבער נאָך אייך, וואוהין ס'פיהרט אייך דאָס ער־האַבענע, אָבער פערבלענדעטע געפיהל — דאָס ניט. קורץ, יודען דאַרפען און וועלען האָבען אַ פּאַטערלאַנד, אַ בעסערס פון דעם ניט־בערעכענטען פוילען, וואָס ס'איז אומגעקומען נאָך אין קאָ־סטיושקאָ'ס צייטען. און איצט, אַדיע, פריילען קראַנץ!..

סאַרין האָט די ווערטער אַרויסגערעדט אַזוי ענערגיש, מיט אַזאַ תקיפות, די ווערטער „אַדיע, פריילין קראַנץ" האָבען געקלונגען אַזוי בעפעהלענד, אַז דאָס צומישטע און ערשטוינטע מיידעל האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, זי האָט נור אינסטינקטיוו געפאָלגט דעם שטרענגען בעפעהל און איז שנעל אַרויס פון צימער, ניט אַקוק געבענדיג נאָך אַמאָל אויף דעם מענשען, וואָס האָט איהר כמעט אַרויסגעטריבען און וואָס זי האָט גענען איהם געפיהלט אין דער ווײַלע אַ שרעקליכע שנאה און... טיעפע אַכטונג.

נאָך פאָלינאַ'ס אַרויסגעהן, האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען די בעראַטונג. אַלע זענען געווען פערנומען מיט דער סצענע, וואָס איז דאָ ערשט פאָרגעקומען. אַנשטאָדט אָט דער רעדע, וואָס קראַנץ האָט געזאָלט אָבהאַלטען, האָט מאָזירסקי פון אַ פּאַפּיער פאָרגעלייענט אַ פאָרשלאַג, נאָך אַ פאָרשלאַג, וואָס פלעגט נאָך קורצע ויכוחים אָנגענומען אָדער אָבגעוואָרפען ווערען.

ווענען דעם עפּיזאָד מיט פאָלינאַ'ן האָבען אַלע פערשפּראָכען ניט אויסדערצעהלען, ווײַל אַדאָלף און סאַרין האָבען געבעטען ווענען דעם.

.VIII

— זענט אַזוי גוט, רבותי, און זעצט זיך, אָרט איז דאָ פאַר אַלעמען. מיינע בענקלעך זענען האַרטע, אָבער דערפאַר — לאַנגע. אונזערע עלטערן — עליהם השלום! — זענען אויף קיין ווייכערע בענקלעך ניט געזעסען, און נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אין קבר וועט אונז אויך ניט זיין ווייכער.

מיט די ווערטער און דערביי מיט אַ גוטמוטיגען, אָבער אויך טרויעריגען שמייכעל האָט דער שטאָדט-מגיד ר' יוחנן, אַ גראָהער זקן אָבער נאָך אַ מוטיגער מאַן, זיך געװענדעט צו די נכבדים פון דער יודישער קהילה, וועלכע ער האָט איינגעלאַדען צו זיך. פערזאַמעלט האָט מען זיך אין זיין ספרים-צימער אין דעם זעלבען אָווענד, ווען ס'זענען פאָרגעקומען די אויבענבעשריבענע פּאַסירונגען.

די נכבדים פון דער קהילה, אלץ אַלטע לייט מעהר אָדער ווייניגער ערנסטע אין בכבודיגע פּנים'ער האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף די בענקלעך אַרום אַ דעמבענעם טיש, וואו ס'איז געשטאַנען אַ גרויסע מעשענע מנורה, אַ דריי רעהרעוודיגע מיט אָנגעצונדענע חלב'נע ליכט, וואָס האָבען אַממענליכסטען געוואָלט בעלויכטען דעם צימער און אויך דעם דערבייאיגען חדר'ל, ר' יוחנן'ס שלאָף-צימער.

די נכבדים זענען געווען אין די אויבער-מאַנטלעך און אין די היטלעך, אייניגע זענען געווען אָנגעטהון אין פוטערס, האָטש אין צימער איז געווען גאַנץ וואַרים. ר' יוחנן איז אָבער געווען אָנגעטהון אין זיין שוואַרצען זיידענעם אויבער-בגד, מיט אַ ברייטען זיידענעם שנור איבערגעבונדען, וואָס איז פון פאָרענט צוגעשפּילעוועט געווען מיט צוויי זילבערנע פישערס. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען זיין שוואַרצע סאַמעטענע יאַרמאַלקע, נור אַז די נכבדים האָבען זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער פון אויבען אויף דער יאַרמאַלקע אָנגעטהון זיין גרויסע שויבעל-הוט, וואָס האָט נאָך מעהר ערנסטע חשובות צוגעגעבען זיין קלוגען פּנים.

אַלע זענען שטיל געזעסען, ערוואַרטענדיג דאָס וואָרט פונ'ם געעהרטען מגיד, וואָס האָט זיין שטערען אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנד, האָט פערמאַכט די אויגען און האָט זיך אויף אַ ווייַלע פערטיעפט אין געדאַנקען.

— רבותי! — האָט ר' יוחנן אָנגעהויבען, ווען ער האָט אויפגעעפענט די אויגען און אָבגעלעגט זיין באָרד, — איך האָב אייך איינגעלאַדען צו זיך צו בעטראַכטען איינע זעהר אַ וויכטיגע פראַגע. שוין עטליכע טעג, ווי די פראַגע לאָזט מיך ניט צורוה. איך קלעהר אַלץ און טראַכט, נור אויף זיך אַליין פערלאָז איך מיך ניט, וועל איך אויסהערען אייער מיינונג אויך, בפרט נאָך, אַז די זאַך איז נוגע ניט נאָר אונזער קהילה, נאָר דעם כלל ישראל אינגאַנצען.

די נכבדים האָבען אויסגעגלאָצט די אויגען און אָנגעשטעלט די אויערן.

— מיר שטעהען איצט פאַר אַגרויסער סכנה...

— פון וואַנען, פון וואַנען? — האָבען אַלע אין איין קול אונרוהיג געפרעגט.

— מצד די פריצים, די פּאַליאַקען.

— אַ־האַ, ווענען דער מרידה! — האָבען אייניגע אַרויס־געזאָגט שוין רוהיגער, — מיר האָבען געהערט, געהערט. זיי האָבען אַפּנים פֿערגעסען דעם איין־און דרייסיגסטען יאָהר...

— נור, רבותי, — האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, — די צרה איז ניט אין דעם, וואָס זיי האָבען פֿערגעסען דעם איין־און דרייסיגסטען יאָהר, נור דאָס וואָס די פּאַליאַקען ווילען, אַז מיר זאָלען מפקיר זיין אויך אונזער רוקען פֿאַר נאַגייקעס. אָט וואָס פֿאַר אַ בריעף איך האָב די טעג בעקומען פֿערפּאָסט.

פֿון זיין בוזים־קעשענע האָט ער אַרויסבעקומען אַ גרויסען צונויפגעלעגטען בריעף און האָט עס אַוועקגעלעגט פֿיר די פֿערזאַמעלטע.

— אויף פּויליש! אַ געדרוקטער! — האָבען די פֿערזאַ־מעלטע אויסגעשריען.

— מיינע קינדער האָבען עס דורכגעלייענט און האָבען מיר איבערגעגעבען דעם אינהאַלט. ס׳שטערט אָבער ניט, אַז איהר אלע זאָלט זיך גענוי בעקענען מיט׳ן בריעף. ווער פֿון אייך, רבותי, לייענט פּויליש?

— איך, — האָט זיך אָבגערופען ר׳ פּנחס מרדכי׳ס, האָט גענומען דעם בריעף און האָט אין איהם אַריינגעשטעקט זיינעביידע בלינדלעכע אויגען, מיט די גראָהע געדיכטע ברעהמען.

אַלע זענען שטיל געוואָרען און האָבען דעם אָטעם איינגע־האַלטען, אום ניט דורכצולאָזען קיין איין וואָרט פֿון דעם בריעף. ר׳ פּנחס מרדכי׳ס האָט דעם בריעף געהאַלטען אין די הענד עטליכע מינוט און האָט צולעצט, שוויצענדיג און שטאַמלענדיג, קוים דורכגעלעזען: „צו די גייסטליכע פֿון משה׳ס גלויבען“.

נאָך דער ערשטער שורה, וועלכע ער האָט קוים גובר געווען, האָט ר׳ פּנחס גענומען זוכען זיין טיכעל, אָבצעווישען דעם שוויים פֿון זיין פּנים און ער האָט געוואָלט ווייטער לייענען, נור ר׳ יוחנן האָט איהם אָבגעשטעלט.

— נו, ר׳ פּנחס, — האָט ער געזאָגט מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל, — קענטיג, אַז מיר מיט אייך האָבען זיך ביידע פּויליש געלערנט אין איין שול, און דערפֿאַר זענען מיר ביידע אַזעלכע

גוטע פּאָליאַקען. ר׳ לייזער, — האָט ער זיך געווענדט צו לייזער קראַנצ׳ן, — אפשר וועט איהר זיך נעהמען פאַרן בריעף? מיר וועלען אייך קנסנ׳ען באם איהר וועט אונז ניט איבערלייענען דעם בריעף, ווי אַנ׳אמת׳ער פּאָליאַק — איהר האָט דאָך אַייער גאַנצעם לעבען פערבראַכט צווישען פּאָליאַקען...

— איך וועל זיך פּרובען, — האָט געענטפערט ר׳ לייזער קראַנץ, — האָט גענומען דעם בריעף און האָט אָנגעטהון זיינע ברילען.

ער האָט אָנגעהויבען צו לייענען הויך, פלייסיג און מיט דער געהעריגער אינטאָנאַציע, אַז אַלע, וואָס האָבען שלעכט געוואוסט פּויליש האָבען דאָך פערשטאַנען וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך דאָ, דערביי האָט ר׳ לייזער די שווערערע ווערטער און אויס־דריקען ערקלערט אויף יודיש.

— גאָר? — האָט ר׳ יוחנן געפרעגט, ווען ר׳ לייזער האָט אויפגעהערט צו לייענען.

— גאָר.

— איהר האָט פערשטאַנען? — האָט זיך ר׳ יוחנן געווענדט צו דער פערזאַמלונג.

— פערשטאַנען פון אָנהויב ביז׳ן סוף.

— אַלזאָ דאַרפען מיר שוין מעהר ניט דעם בריעף, קאָנען מיר איהם מבער זיין. ר׳ לייזער, זענט אַזוי גוט און פערברענדט דעם בריעף, אַז עס זאָל קיין שפור אויך ניט בלייבען.

ר׳ לייזער האָט געטהון, וואָס דער מגיד האָט געהייסען.

— איצט, רבותי, — האָט דער מגיד געזאָגט, — לאָמיר אַ טראַכט טהון, וואָס זאָלען מיר טהון. די פּאָליאַקען פאָדערען פון אונז ניט מעהר און ניט וועניגער, אַז מיר זאָלען געהן צו־זאַמען מיט זיי שלאָגען זיך פאַר זייער פאָטערלאַנד.

— זיי וועלען שוין לאַנג וואַרטען ביז וואַנען מיר וועלען געהן, — האָט זיך עמיצער אָבגערופען.

— דער עצם־געדאַנק אפילו, — האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, — איז מעהר ניט ווי אַ געלעכטער, וואָרום, ערשטענס, וואָס פאַר אַ אַנשי־חיל זענען מיר, און צווייטענס, איז אונז, לויט אונזער היי־ליגער אמונה פערבאָטען צו מאַכען מרידות. נור היות, ווי ס׳איז

שוין איינגעפאלען די פּריצים אין קאפּ, וועלען מיר שוין דערפון ניט אזוי לייכט פּטור ווערען.

— פאר וואס עפּעס? — האט ר׳ פּנחס געפרעגט: — מיר וועלען זיי זאגען קורץ און שארף, אז מיר ווילען ניט און א סוף.

— יא, ליעבער ר׳ פּנחס, — האט ר׳ יוחנן אבגעענט־פערט, — די מעשה איז אבער, וואס מיר קאנען עס ניט זאגען אזוי. איהר פערגעסט, אז צווישען די פריצים און פון די פריצים לעבען מיר. מיר זענען שטענדיג בּיי זיי אין די הענד. אז זיי זאלען וועלען, קאנען זיי אונז פיעל בּייז אנטהון, און מיר דארפען זיך זייער אבהיטען, אז מיר זאלען זיי ניט אויפרייצען.

— דער רבי איז גערעכט, — האט די גאנצע פערזאמלונג איינגעשטימט — ס׳איז זעהר געפעהרליך אריינצובריינג׳ן אין כּעת די פּריצים.

— און די רעגירונג? — האט געפרעגט ר׳ פּנחס מרדכי׳ס.

— יא, רבותי, — האט ר׳ יוחנן געענטפערט, אונזער לאגע איז מעהר ווי אונבעקוועם. א סכּנה פון רעכטס און א סכּנה פון לינקס. איהר ווייסט דאך, וואס געוועהנליך ענטפערט א קינד, אז מען פרעגט איהם, וועמען האט ער מעהר ליעב: דעם פאטער צו די מוטער? ענטפערט עס: דעם פאטער און די מוטער. אז מען זאל אונז פרעגען, פאר וועמען שרעקען מיר זיך מעהר, פאר די פאליאקען צו פאר רוסען, וואלטען מיר בעדארפט ענטפערן, אז מיר האבען פאר בּיידע מעהר מורא, ווארום זיי בּיידע האבען אונז ניט זעהר שטארק ליעב, מיר דארפען בּיידע צדדים צופריע־דען שטעלען, אז ניט די און ניט יענע זאלען ניט ברוגז ווערען אויף אונז. זיי וועלען סוף־כּל־סוף שלום ווערען צווישען זיך, בּיי א גלעזיל וויין וועלען זיי פערגעסען זייער שנאה, אבער זיי וועלען ניט פער־געסען זייער אלגעמיינע פיינדשאפט צו אונז, ווייל זיי זענען קרי־סטען און מיר זענען דאך יודען. צווישען פייער און וואסער וועט קיינמאל קיין שלום ניט זיין, בּיז וואנען גאט אליין וועט ניט אומ־ענדערן זייער טבע. מיר דארפען עס גערענקען. ווען מיר זאלען צושטעהן צו די רוסען, וועלען די פאליאקען, בעזיעגטע אפילו, אבער נאכ׳ן שלום מיט די רוסען, זיך נוקם זיין אן אונז דורך

די רוסען גופא, ווייל א פאליאק וועט שטענדיג לייכטער זיין צו־גויפצורידען זיך מיט א רוס, ווי מיט א יודען. אזוי איז אויך געווען אין איין־און דרייסיגסטען יאהר. פיעל, פיעל פון אונז האבען גע־ליטען פאר זייער טריע דיענסט, אין פון וועמען? פון רוסען, וואס האבען זיך געלאזט איינריידען פון די פאליאקען.

— יא, יא, מיר געדענקען עס, — האבען זיך אייניגע אבגערופען. — אנשטאדט די פערשפראכענע בעלוינונגען, זענען פיעל יודען אריינגעפאלען אין טורמע און אויף סיביר, לויט דעם אנריידען פון די פאליאקען אויף זיי.

— און אז מיר זאלען זיך שטעלען פאר די פאליאקען, — האט ר׳ יוחנן ווייטער גערעדט, — וועלען די רוסען, וואס וועלען, אהן צווייפעל, אויך דאס מאל זיעגען, האבען דאס פאלשטענדיגע רעכט צו בעשטראפען אונז פאר בוגד זיין. און דאס וועט זעהר רעכט זיין, ווארום מיר, יודען, דארפען ניט זיין קיין נאראנים, מיר דארפען זיין קליגער און וויסען, אז פוילען איז שוואך, און רוסלאנד איז שטארק. פאר אונז איז אלזא קיין ברירה ניטא, מיר דארפען נור זעהן, אז ניט די רוסען, ניט די פאליאקען זאלען געגען אונז גארנישט ניט האבען. אך, אך! — האט ר׳ יוחנן גע־קרעכטשעט — איין גאט ווייסט, ווי שווער ס׳איז פאר אונזער געוויסען אזא צווייזייטיגקייט, נור וואס זאלען מיר טהון, אז מיר זענען בעוונותינו הרבים אנגעקומען צו צוויי בעלי־בתים, וואס דערצו קריעגען זיי זיך נאך צווישענאנאנד. וועלען מיר טריי דיענען איין צד, וועט דער צווייטער כעס׳ן. זאל נור גאט רחמנות האבען אויף אונז!..

ער האט ווידער א קרעכטש געטהון, "האט דאס פנים פערשטעלט מיטביידע הענד און געוויינט.

— דאס יודישע פאלק פון די אבות, כהנים, לוים, נביאים און מלאכים. — צו וואס דו ביסט געקומען! דו דארפסט זיין א קנעכט פון צוויי פריצים, וואס האבען דיך פיינד, פעראכטען און טרעטען דיך מיט די פיס. דיין לעבען הענגט שטענדיג אויף אהאר. וועה איז צו דיר, יודישעס פאלק, וועה איז דיר!..

די נכבדים זענען געווען טיעף גערירט.

— נור גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! — האט ר׳ יוחנן צוגעגעבען, אבווישענדיג די טרעהרען. — לאמיר

זיך, רבותי, אומקעהרען צוריק צו אונזער ענין. מיר וועלען טהון אזוי, די פּאָליאַקען פאָדערען שטיצע — רעכט. שטיצע איז דאָ צוויי־ערליי: מיט נפשות און מיט געלד. קיין נפשות וועלען מיר זיי ניט געבען, וואָרום מיר זענען גאָר ניט געוועהנט צו מלחמות, מיר וועלען נור זיי שטערען דערביי, און געלד וועלען מיר זיי געבען.

— געלד? — האָבען איינינע געפרעגט מיט שרעק.

— יאָ, געלד, — האָט ר׳ יוחנן געענטפערט און האָט כמעט שטרענג אַ קוקגעגעבען אויף די פרעגער, — דאָס גאַנצע פערמעגען דאַרף אַ מענש אָבגעבען אום צו ראַטעווען זיין לעבען. דערצו נאָך, איז דאָס געלד ניט אונזערס, דאָס איז פערדיענטע פון די פּריצים. זאָלען עס צוריק אַוועק אַהין, פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען. גאָט וועט אונז ניט פערלאָזען. מיר וועלען ניט שטאַרבען פון הונגער.

די פערזאַמעלטע האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס, נור זיי האָבען גאָרנישט ניט געזאָגט.

— אויסער דעם, — האָט ר׳ יוחנן צוגעגעבען, — דאַרף מען זעהן, אַז קיינער פון יודען זאָל ניט מסר׳ן אויף די פּאָליאַקען. זאָלען זיך די פּאָליאַקען טהון, וואָס זיי איז ניחא, און מיר דאַרפען גאָר אין זייער זייט ניט קוקען. און וועלען מיר עפּעס זעהן, וועלען מיר עס וויסען פאַר זיך נור. די רעגירונג אַליין וועט זיי בּייקומען. ס׳זענען דאָ גענוג בעאַמטע, זאָלען די בעאַמטע אַכטונג געבען אויף די רעוואָלוציאָנערען. מיר זענען — פון וויי־טען. ווי רעכענט איהר, רבותי?

— מיר זענען מסכים, — האָבען די פערזאַמעלטע גע־ענטפערט.

— וואָס אָנבעלאַנגט דער רעגירונג, — האָט ר׳ יוחנן צו־גענעבען, — קאָן זי צו אונז גאָרנישט ניט האָבען, ווייל מיר טהוען דאָך גאָרנישט דערגעגען. מיר זענען געווען טרייע אונטער־טאַנער, און מיר וועלען בלייבען טרייע אונטערטאַנער. מיר וועלען זאָגאַר מתפלל זיין צו גאָט פאַר דעם נצחון איבער די מורדים דערביי ערלויבט מיר, רבותי, צו דערצעהלען אייך אַ משל, וואָס איז מיר איצט גראַד אַרויף אויפ׳ן געדאַנק.

— ר׳ יוחנן האָט אָבגעגלעט זיין באָרד און האָט אָנגעהויבען:

— ביי איינעם אַ מאַן איז געשטאָרבען די פרוי און האָט איהם איבערגעלאָזט אַ זוהן אַ קליין קינד. דער מאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ אַנדער פרוי, האָט דאָס קינד בעקומען אַ שטיף-מוטער. אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער מאַן געשטאָרבען, און די פרוי האָט חתונה געהאַט מיט אַנ׳אַנדער מאַן, דאַן האָט שוין דאָס קינד בעקומען אויך אַ שטיף-פאָטער. ביטער איז געווען דעם קינד אונטער דער השגחה פון אַ שטיף-פאָטער און אַ שטיף-מוטער, וואָרום ביידע ציגלייך האָבען איהם פיינד געהאַט, האָבען געוואָלט פטור ווערען פון איהם, פון דעם פרעמדען און איבעריגען נפש אין דער פאַמיליע. פון פריה-מאָרגען ביז אָווענד פלעגט איהם מאַטערן די שטיף-מוטער, און פון אָווענד ביז פריה-מאָרגען פלעגט איהם פייניגען דער שטיף-פאָטער, וואָס פלעגט נור צו דער נאַכט אַהיים קומען. דאָס קינד האָט שטיל און דולדענד אַריבערגעטראָגען דאָס געשלעג פון שטיף-פאָטער און שטיף-מוטער, וואָרום ס׳איז געווען אַ קלוגע קינד און ס׳האָט פערשטאַנען, אַז אַלס יתום, אָהן פאָטער און מוטער, האָט עס קיין רעכט ניט אויף די ליעבע פון זיינע אַפּוטרופּסים. עס האָט געפאָלגט אי דעם שטיף-פאָטער, אי די שטיף-מוטער, האָט זיך צו ביידען געלאַשקעט, וויל עס האָט געוואוסט, אַז זיין עקזיסטענץ איז אָבהענגיג פון זיי ביידען. ס׳האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפען. זייערע הערצער זענען ניט ווייכער געוואָרען... פונדעסטוועגען אָבער, האָט דאָס קינד זיך ניט בעקלאָגט אויף זיין גורל, וואָרום האָטש די אַפּוטרופּסים האָבען איהם געשלאָגען, האָבען זיי איהם דאָך געשפּייזט און האָבען איהם פון שטוב ניט אַרויסגעטריבען. אַמאָל האָט געטראָפען, אַז דאָס פּאָר-פאָלק האָט זיך צוקריעגט צווישענאַנאַנד. האַן זענען פאַר׳ן יתום אָנגעשטאַנען נאָך שווערע טעג. דער שטיף-פאָטער האָט אָנגעהויבען צו צושטעהן צו איהם: „דו זאָלסט נור מיך פאָלגען, אַ ניט — וועל איך דיך אַרויסטרייבען, פערגעס ניט, אַז דו עסט אומזיסט זאַלץ און ברויט“. די שטיף-מוטער איז אויך צוגעשטאַנען: „דו פאָלג נור מיך, אַ ניט — וועל איך דיך אַרויסטרייבען, וואָרום דו עסט מיין זאַלץ און ברויט“. וואָס זאָל דאָס קינד טהון? עס האָט מורא

פאר'ן שטיף־פאָטער, ווי פאר דער שטיף־מוטער. און אַמאָל, אַז עס האָט שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען די פּאָרווירפע און די אימות, האָט דאָס קינד פערלאָזט דאָס שטוב, איז אַוועק אין וואַלד, האָט זיך דאָרט געזעצט אונטער אַ בוים און ביטער געוויינט. „רבונו של עולם, העלף מיר, מאַך ווייכער די הערצער פון מיינע אפּוטרופּסים, אָדער נעהם מיך אַוועק פון דער וועלט". ווי דאָס קינד האָט אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער, איז פאַר איהם, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסען אַ גראָהער אַלטיטשקער מיט אַ גוטמוטהיגען פּנים. דער זקן איז געווען — אליהו הנביא. — „וואָס וויינסטו, זוהן מיינער?" האָט דער אַלטער געפרעגט וויך און מיט־פילענד. דאָס קינד האָט אויסדערצעהלט זיין פּיין. „פון וועמען וואָלסטו מעהר וועלען צו בעפרייען זיך, פון שטיף־פּאָטער, צו פון דער שטיף־מוטער?" — „פון ביידען" — האָט דאָס קינד געענטפערט. — „ניין, זוהן מיינער, — האָט דער אַלטער אָבגעענטפערט, — אַזוי קאָן עס ניט זיין, דו בינסט נאָך אַ קינד, און דו מוזט נאָך האָבען אַ בעזאָרגער. וועמען זשע ווילסטו פאַר אַ בעזאָרגער, דעם שטיף־פּאָטער, צו די שטיף־מוטער?" — „איך וויים ניט", האָט דאָס קינד געענטפערט. — „אויב אַזוי, ווייס איך", — האָט דער אַלטער געזאָגט, — דער שטיף־פּאָטער וועט פאַר דיר בעסער זיין ער איז אַ מאַנס־פערזאָן, ער איז פערנומען אין געשעפט, וועט ביי איהם ניט קלעקען אַזוי פיעל צייט צו פּייניגען דיך. און דערצו, אַז דו וועסט אויס־וואַקסען, וועסטו איהם העלפען אין דער אַרבייט, וועט ער דיר שוין ניט אויפוואַרפען, אַז דו עסט אומזיסט ברויט. געה אַהיים, דיין גורל וועט זיך פערבעסערן". דאָס קינד איז אַוועק אַ היים און האָט דאָרט אָנגעטראָפען, אַז די מוטער איז געשטאָרבען פון משאַד.

פערענדענדיגט דעם משל, האָט ר' יוחנן ווידער אָבגעגלעט זיין באָרד, האָט אַרומגעקוקט די פערזאַמלונג מיט זיין קלוגען בליק און האָט צוגעגעבען.

— דער משל קאָן לייכט צוגעגליכען ווערען צו אונזער לאַגע. אַ יתום אָהן פּאָטער און מוטער, דאָס זענען מיר — יודען, דער שטיף־פּאָטער — רוסלאַנד, די שטיף־מוטער — פּוילען. אויב מיר ווילען, אַז אונזער גורל זאָל חאָטש עטוואָס בעסער ווערען, דאַר־פען מיר פלייסיג גאָט בעטען, אַז ער זאָל אונז בעפרייען, לפחות

פון דער שטיף־מוטער; מיט'ן שטיף־פאטער וועלען מיר מיט דער צייט אפשר דורכקומען. מיט א מאנספערזאן איז אלע מאל בעסער צוגויפצורייידען זיך ווי מיט א אשה, וואס איז פון דער נאטור אויס ביטרע, קאפריז און אומגעלומפערט. ניט אזוי דען, רבותי?

— אזוי, אזוי,—האבען די פערזאמעלטע מסכים געווען.

— איז דער ענין, הייסט עס, געענדיגט. וואס זשע האבען מיר בעשלאסען? לאמיר עס איבער'חזר'ן אין קורצען.—אויב די פאליאקען וועלען פון אונז פאדערען נפשות?—האט ר' יוחנן אנגעהויבען אויפ'ן ארט פון שאלות־ותשובות.

— וועלען מיר זיי ניט געבען,—האבען די נכבדים געענטפערט.

— אויב זיי וועלען פאדערען געלד?

— וועלען מיר געבען.

— און פאר רוסלאנד?

— וועלען מיר מתפלל זיין.

— און מסר'ן?

— ניט.

צופריעדען מיט די תשובות, איז ר' יוחנן אויפגעשטאנען און האט ערקלערט די פערזאמלונג פאר געשלאסען.

IV

סארינ'ס ענערגישע ערקלערונג האט ניט נור טיעף באנג געטהון פאלינא'ן, נור ס'האט איהר אויך פערגעבען אזא אויפגאבע, וואס זי האט דריי טעג נאכאנאנד אומזיסט געמאטערט זיך צו לעזען עס. ווי טהוט מען? — האט זי זיך געפרעגט,—ארויסגעבען דען סארינען און זיינע חברים צום פאלקס־זשאנד, אדער ניין? — ארויסגעבען — הייסט עס שטעלען אין געפאהר דאס לעבען פון עהרליכע און אדעלע יונגע לייט, און צווישען זיי אויך דעם אייגענעם ברודער. ניט ארויסגעבען — הייסט עס לכתחילה דערלאזען, אז א קרייזעל פאנאטישע זאלען פאראליזירען דעם פלאן פון זשאנד וועגען צוציהען אויף זייער זייט די יודען, פון וועלכע מען ערווארטעט אזוי פיעל, און דער פלאן, קענטיג, קען האבען א ערפאלג... ארויסגעבען הייסט מסר'ן, און סארין

און זיינע חברים האָבען געשוואָהרען, אַז זיי וועלען טהון אַלצ־דינג, נור זיי וועלען זיך ניט דערנידערן צו מסירות. צו פער־פליכטעט עס דען ניט אויך מיך צו בענעהן זיך אַזוי? ווען סאַרין זאָל געווען וויסען, אַז איך האָב בדעה איבערצוגעבען זיינע ווער־טער דעם זשאַנד, וואָלט ער געוויס ניט אויסגעדריקט זיך פאַר מיר אַזוי קאַטעגאָריש, ער וואָלט זיך מיר געוויס ניט ערקלערט אַזוי אָפענהערציג, און ער וואָלט גיעבער אָבגעענטפערט אַזוי סתם. ער האָט עס אָבער ניט געטהון, ווייל ער האָט געגלויבט אין מיינע אויפריכטיגע ווערטער, אָבער איך וועל זיך ניט בע־נוצען מיט זיי צו שאַדען איהם, אַדאָלף'ן און זייער גאַנצען קרייזעל.

איצט, ווען איך זאָל זיינע ווערטער איבערגעבען, וועל איך זיך בענעהן, ווי אַ בעטריגערין, מיט דעם צוטרוי פון נאָהנטע, איך וועל ווערען אַ מוסר'טע בנוגע צו אַזעלכע מענשען, וואָס זייער גאַנצעס פערברעכען בעשטעהט נור אין דעם, וואָס זיי וועלען טריי זיין זייער איבערציינגונג, זייער פערשטאַנד. דאָס איז עקעל־האַפט און ס'לאָזט זיך ניט מוחל זיין. דער זשאַנד האָט אין זיין רשות אַ אונגעהויערע צאָהל אַגענטען און שפּיאָנען. זאָל די חבריא הינד אויסשפּירען דאָס יאָגד. איך בין אַ פּאַטריאָטין, איך האָב אויף זיך גענומען צו דיענען דעם פאַטערלאַנד מיט'ן גאַנצען ווע־זען — און אַזוי טהו איך טאַקי; איך האָב אָבער ניט גענומען אויף זיך צו זיין אַ מוסר'טע, זיין אַ מנובל'טע, און דעריבער...

אָבער צוריק—האָט זיגעטראַכט — צי איז דאָס גופא שוין ניט אַ פעררעטונג, אַז איך וויים, וואו די געפאַהר איז, און איך וואָהרען ניט דערפון דעם זשאַנד? דער זשאַנד האָט מיר איבער־געגעבען אַכטונג צו געבען אויף דער שטימונג ביי יודען, צוצי־הען זיי צו דער פוילישער פאָהן, און איך וועל פערבעהאַלטען דאָס, וואָס איך וויים וועגען אָט דער שטימונג, וועגען די פּלענער פון דער יוגענד, דערפאַר, וואָס די יוגענד איז פון מיין פאָלק!... הייסט עס, אַז איך בין פאָרט פריהער פון אַלץ אַ יודיש קינד וואָס בעזאָרגט זיך נור וועגען איהרע אייגענע, און ניט אַ פּוילישע, ווי איך וויל און פּרעטענדיר עס צו זיין!...

ביי דעם לעצטען געדאַנק איז פּאָלינא רויט געוואָרען פאַר בושה.

„יודען דאַרפֿען און װעלען האָבען אַ פֿאָטערלאַנד“, — האָט סאַרין געזאָגט. װאָס זשע שטערט איהם אָבער צו אָנערקענען פּױלען פֿאַר זײן פֿאָטערלאַנד, פּױלען, װאָס שטרעקט אױס די אָרעמס צו יודען? צי איז עס ניט אַ קאַפּריז פֿון אײניגע טעמפּע יונגע לײט, װאָס האָבען די העזה צו טראַכטען, אַז זײ װעט געלינגען צו פֿיהרען די מאַסע, װאוהין זײ װילען, און ניט, װאוהין עס פֿיהרען עס די אומשטענדען און די געשעהענישען? און צי דען דאַרף מען גאָר נושא פּנים זײן אַזאַ הײפֿעל מטורפֿים?...

מטורפֿים? — האָט אַ אינערליכע שטים אין איהר געפֿרעגט. צי דען זענען זײ מטורפֿים — סאַרין, אַדאָלף, מאָזירסקי און זײנע חברים? צי דען װײס איך ניט, אַז זײ זענען קלוגע, ערנסטע, געבילדעטע לײט, װאָס אַרבײטען גוט בעטראַכטערהײד? װער קאָן מיר ערב זײן, אַז זײ זענען זיך טועה, און ניט איך, װאָס איז יונגער און אונערפֿאַהרענער פֿון זײ אַלע?... אָ, גאָט מײנער, גאָט! האָט זי אױסגעשריען און געבראָכען די הענד. העלף מיר אַרױסצוקלעטערן פֿון דעם װאַלד מיט ספֿיקות און װידערשפּרוכען, װאו איך בלאָנדזשע אָהן אַ פֿיהרער און דערצו נאָך מיט פֿערבונדענע אױגען!...

געפּײניגט אינ׳ם קאַמפּף פֿון געגענגעזעצטע געפֿיהלען און געדאַנקען, האָט פּאָלינא געװאָלט אַ עצה האַלטען זיך מיט סאָפֿיע אַראָנסאָן, נור זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די דאָזיגע האָט כּמעט אינגאַנצען אָבגעקיהלט צום פֿאָטערלאַנד, הײסט עס, אַז זי װעט זײן נאָכגיביג צו דער יוגענד. בעראַטהען זיך מיט זשיול פֿערעטצ׳ן? זי װײס אָבער פֿאָרױס, װאָס דער יונגער־מאַן װעט איהר זאָגען. ער װעט איהר פֿעראורטײלען פֿאַר דעם אײן געדאַנק נור װעגען מסירה. װאָס טהוט מען? זי האָט זיך געפּײניגט און האָט קײן ענטפֿער ניט בעקומען אױף די פֿראַגען און האָט ניט געװאוסט װאָס צו טהון, אײנס נור האָט זי געװאוסט, אַז כּל־זמן זי װעט ניט בעשליעסען פֿעסט אַזױ צי אַנדערש, דאַרף זי זיך גיט זעהן מיט קײן אײן מיטגליעד פֿון זשאָנד, כּדי זי זאָל ניט אָנטהון קײן פֿעהלער, אָדער זאָגאַר אַ פֿערברעכען אין אַ היציגער װײלע פֿון אָפּענהערציגקײט. זי איז דעריבער עטליכע טעג געזעסן אין דער־הײם, איז ערגיץ ניט אַרױסגעגאַנגען און אױף די פֿיעלע אײנלאַדונגען פֿון דער גרעפֿין און די פּאַנאַ איזאַבעלאַ

האָט זי אָבגעענטפערט, אַז זי איז ניט געזונד. די גרעפין און די פירסטין האָבען זיך אויסגערופען צו מאַכען איהר אַ בעזוך, נור זי האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם כבוד צוליעב סבות, וועלכע „זי וועט ערקלערען ביים זעהן זיך פערזענליך”. נור איין זשיול פּערעטץ האָט דאָס רעכט געהאַט צו בעזוכען איהר, אָבזיצען צו עטליכע שטה נאָכאַנאַנד, פלעגט איהר דערווייל אויסדערצעהלען און מאַכען השערות וועגען די פעראָרדנונגען פון זשאָנד, וועגען דעם אויפשטאַנר וכדומה. אַלס סעקרעטאַר אויף אויסלענדישע בריעף, האָט ער געוואוסט כמעט אַלע סודות פון זשאָנד, און די דאָזיגע סודות האָט ער גערן מיטגעטיילט אויך פּאָלינאַ'ן פון וועלבער ער האָט גאָרנישט ניט בעהאַלטען.

איינמאָל אין אַ פריה־מאָרגען, ווען פּאָלינא איז בייַ זיך געזעסען און האָט צו פערטרייבען די צייט, עפּעס אויסגענייהט, איז אַריינגעקומען מאַרצישאַ און האָט איהר איבערגעגעבען אַ גרויסען פער'חתמ'עטען פּאַקעט. אַ קוק געבענדיג אויף דער חתימה, האָט זי זיך דערפרעהט און האָט מיט גרויס אונגעדולד אויפגעעפענט דעם פּאַקעט, וואו ס'זענען געווען עטליכע פּאַפּירען, צווישען די פּאַפּירען איז געווען אַ בריעף צו איהר פון וואַצלאַוו'ן. ער האָט געשריעבען:

„נאָך לאַנגע מיה האָט זיך מיר ענדליך אַיינגעגעבען אַוועקצושטעלען די זאַך ווי געהעריג. דאָס צוציהען אָנהענגער געהט מיט ערפאָלג, בעזונדערס צווישען די פריצישע בעדיענטע, די קלענערע שליאַכטע און האַנדווערקער. די בעאַמטע וועלען נאָך צושטעהן צו אונז, אָבער ערשט מיט דער צייט. שלעכט איז נור מיט די פּויערים און מיט יודען, די פּויערים און די יודען ווילען ניט הערען אַפילו וועגען אונרוהען. די ערשטע זענען פערנומען מיט דער אַזוי גערופענער פרייהייט און די לעצטע — מיט זייער אייביגען האַנדעל. וועגען דעם פּאָטערלאַנד האָבען זיי קיין שום השגה ניט. מ'טענה'ט צו זיי צוויי שעה נאָכאַנאַנד, און פון זיי איז קיין וואָרט ניט צו הערען. זיי שטעהען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און שווייגען. צי זענען זיי באמת אַזעלכע טעמפּע, אָדער זיי מאַכען נור אַזאַ אָנשטעל. דער רוח ווייסט זיי. פונדעסטוועגען אָבער, ווערט אונזער רייסטער גרעסער פון טאָג צו טאָג. מיין אויעזד קאָן אַרויסשטעלען ביז אָנדערטהאַלבען טויזענד

סאַמע אָבגעקליבענע יונגע לייט, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך עטליכע צעהנדליג זעלטענע שיסער, וואָס וועלען זיך שלאָגען, ווי די טייוואָלאָנים. ס'וועט אַ אמת'ער פערגניגען זיין אָנצופיהרען מיט אַזעלכע חוואַטען. די קאָמאַנדע וויעל איך קיינעם ניט אָבלאַזען, דאָס איז שוין געווים.

די פונדושען אונזערע וואַקסען אויך גאַנץ גוט. די גוטס־בעזיצער לאָזען זיך ניט לאַנג בעטען. וואוהין מ'זאָל ניט צושיקען אַ פראָקלאַמאַציע, בעקומט מען שוין אויפ'ן דריטען, צי אויפ'ן פיערטען טאָג אַ ענטפער — געלד אָדער פראָוויזיע. איך האָב שוין אין אויעזד געעפענט פיער שפייכלער. און וואָס איז דאָרט ניטאָ אין די שפייכלער? תבואה, האָבער, לייוואַנד, געוואַנד, זאָטלען קאָסעם וכדומה. דער פוילישער פאַטריאָטיזם האָט קיינמאָל ניט ערדייכט אַזאַ גראַד, ווי איצט. קאָסטיושקאָ'ס ווערטער: „אָדער איצט, אָדער קיינמאָל" — זענען ערשט איצט פערשטענדליך געוואָרען. ווען אונזערע עלטערן זאָלען געווען זיין קליגער און די ווערטער פון אונזער גרויסען דיכטער מאַכען פאַר זייער לאָזונג, וואָלט שוין איצט לאַנג אַנדערש געווען. פאַר די זינד פון די עלטערן ליידען די קינדער. לאָמיר זעהן, לפחות, אז אונזערע קינדער זאָל ניט אויסקומען צו ליידען פאַר אונז...

„אַ פערברעכען וואָלט געווען צו פערלייקענען, אַז אין אונזער טשערעדע זענען דאָ אויך קרעציגע שעפסען. איך שיק דאָ דערביי דעם רייסטער פון זיי, צוצושטעלען וואוהין מ'דאַרף. דער זשאָנד דאַרף פון זיי וויסען. די, וואָס זענען אונטערגעשטריכען מיט אַ בלאָהען בלייפעדער זענען עס אונענטשלאָסענע אָדער קאַרגע. אַזעלכע דאַרף מען נור אָנשרעקען, וועלען זיי עפענען דעם טייסטער. די, וואָס זענען אונטערגעשטריכען מיט אַ רויטען בלייפעדער ענען איינפאַכע פערדעטער, בנוגע צו אַזעלכע דאַרף קיין שום רחמנות ניט זיין, ווארום מיט זייער ביישפיעל קאָנען זיי שעדליך ווירקען אויף אַנדערע. ווי איך וועל נור בעקומען אַ ערלויבניש, וועל איך זייערע פאָלווארקעס פערברענען אויף אַש, און איך האָב שוין דערצו געמאַכט די נויטיגע הכנות. מחשבות'ן, מ'דאַרף זאָגען דעם טוז, אַז איך האַלט פאַר נויטיג, דעם היגען איספראַווניק אַריבערצופיהרען וואָס ווייטער פון דאַנען, ווייל, ווי מיר דוכט זיך, הויבט ער אָן צו פערשטעהן, אַז אין אויעזד איז עפּעס ניט

גלאַט. זאָל מען אַהער צושיקען עפּעס אַ עלטערן און אַ נאַרישען, דערהויפּט אַזאַ, וואָס האָט נאָך אין דעם קאַנט ניט געדיענט. מיט אַזאַ וועל איך שוין מאַכען גוט געשעפט. איך אַליין וועל צו איהם אָנקומען פאַר אַ שרייבער, דעם ערשטען יאָהר אָהן געהאַלט אַפּילו. דאָס וועט שוין זיין אַ קאַטאָוועס!...

„דער צווייטער רייסטער, וואָס איז דאָ בייגעלעגט, איז פון יונגע גוט-בעזיצער, וואָס פערפליכטען זיך אויף די גאַנצע צייט פונ׳ם אויפשטאַנד צוגעבען אַ צעהנטיל פון זייער הכנסה, נור מיט׳ן תנאי, אַז זיי זאָלען בעקומען די קאָמאַנדע איבער אָבטיילונגען און דעם טיטעל קאַפּיטאַן. דאָס זענען אַלץ זעלטענע רייטער און איצט מאַכען זיי איבונגען אין שיסערייי און פעכטאָווקע.

„די אַרבייט אין די שמיעדערייען געהט מיט ערפאָלג. זיין אונזער אַרסענאַל איז שוין אָבגעגעבען 500 קאָסעס, 300 פּיקעס 120 העק. בליי איז ביי אונז אַ סך. איך האָב אויסגעקויפט, וויפיעל ס׳איז געווען אין די קראָמען, אייגאַנצען אויעזד וועט מען איצט ניט קריעגען צו קויפען קיין פוד בליי. יודען טראָגען איצט צו כּמעט זייערע געשיר, נור זיי בעטען צו-טייער. איך וועל אָבוואַרטען אַ מאָנאַט צייט, אפשר וועלען זיי אַראָבלאָזען מקח.

„מיינע אַלע געשעפטליכע בריעף וועל איך צושיקען אויף דיין אַדרעס. ערשטענס, ווייל אַזוי וועט זיין זיכערער, און צווייטענס, כּדי דו זאָלסט קאָנען משתדל זיין זיך וועגען מיינע פּלענער און מודיע זיין מיר וועגען דעם, און דריטענס — צו דערווייזען מיין אונבעגרענצטע צוגעבונדענקייט צו דיר. איך האָב נאָך ניט פערלאָרען די האָפנונג, אַז דו, די שטאָלצעסטע פון שטאָלצ, וועסט אַמאָל אָבשאַצען ווי געהעריג די געפיהלען, וואָס ערפילען מיין האַרץ. אויף דער תּליה אַפילו, אויב איך וועל נור זוכה זיין אַמאָל צום טויט פון אַ קדוש פאַר אונזער טייערעס פאָטערלאַנד, וועט מיין לעצטע מחשבה זיין — וועגען דער אייג ציג זעלטענער פּאָלינא. דיין ליעבע געשטאַלט, וואָס קיין מענש און קיין זאַך אויף דער וועלט וועט ניט אַרויסרייסען פון מיין האַרצען, וועט מיר ערלייכטערן די לעצטע מינוטען פאַר׳ן טויט, ווי עס מאַכט איצט פאַר מיר לייכט מיין אונגעהויערע מיה און אַרבייט פאַר אונזער פאָטערלאַנד.. נור... שאַ!... איך זעה שוין, ווי דו ווערסט ברוגז פאַר מיין אָפענהערציגקייט, וועל איך ווידער

ריי־ען פון אונזערע אינטערעסען... אז די וועסט מיר שרייבען, זאלסטו אדרעסירען אזוי: „יענקל פישמאן, איבערצוגעבען צדוק קיגעל“. יענקל פישמאן איז מיין פאקטאר. און צדוק קוגעל—בין איך אליין. פארזיכטיגקייט איז קיין חסרון ניט, דערהויפט פאר דעם איצטיגען איספראווניק, וואס הויבט שוין אן, דוכט זיך, אכטונג צו געבען אויף מיר. איך בעט דיך ענערגיש צו בעשטעהן דערויף, אז מ׳זאל איהם דערוויטערן און מיר זאל מען ערלויבען צו בעגעהן זיך מיט די פערדעטער, ווי זיי זענען עס ווערטה... די גרעפין און די פירסטין וועלען דיר אין דעם מיטהעלפען.

יא, איך האב שיער ניט פערגעסען. איך האב געהערט, אז צום טוז איז געקומען צופאהרען זיינע א פלימעניצע, וואס איז ביי איהם אלם געהיימער סעקרעטאר. איך האב מורא, אז זי זאל ניט פערפיהרען צווישען אייך אינטריגעס, ווארום, ווי איך האב געהערט, איז זי זעהר א געשיקטע און א הערשענדע נאטור, וואס איז געוועהנט צו פיהרען אלעמען פאר די נאז. אויב דו בינסט מיט איהר שוין בעקאנט, זאלסטו זיך אבהיטען פון איהר. איבריגענס, קאנסטו אליין פאר זיך בעשטעהן.

„אדיע און פערגעס ניט דיין איבערגעבענעם
ווינד“.

— בעשלאסען! — האט פאלינא אויסגעשריען, ווען זי האט איבערגעלייענט דעם בריעף.— פאר דער שטים פונ׳ם פאטערלאנד דארף ענטשווייגען ווערען די שטים פונ׳ם אייגען הארץ. וואצלאוו וויל קיין רחמנות ניט האבען אויף זיינע אייגענע ברידער, דארף איך אויך קיין רחמנות ניט האבען אויף מיינע אייגענע. אהן קרבנות וועט דאס פאטערלאנד ניט געהאלפען ווערען. זאלען די פערדעטער אליין זיך ראטעווען. דער זשאנד דארף אלענפאלס וויסען פון זיי, ניט ארויסגעבען זיי, הייסט עס זיין מיט זיי אינאיינעם. איך בין א פוילישע און געהער איננאנצען דעם פאטערלאנד. אלץ, וואס שטעהט אויפ׳ן וועג פון דער בעפרייאונג, דארף בעזייטיגט ווערען!...

און, אום דער בעשלוס זאל ניט אבגעשוואכט ווערען דורך

אנדערע געדאנקען און מחשבות, האט זי זיך שנעל אנגעטהון, האט מיטגענומען די פאפיערען, וואס זי האט בעקומען פון וואצלאוו'ן און איז אויף א פוהר'ל אוועק צו דער גרעפין סטאשיצקאיא.

X.

די גרעפין סטאשיצקאיא איז געזעסען אין איהר גרויסען, רייך בעפוצטען קאבינעט, ארומגעקרייזט פון איהר הויפט-שטאב. דא זענען געווען: די פירסטין מילפאר, ד. פאנא פאן-דער-גארסט, פאנא איזאבעלא, דער קסיאנדז קוועצינסקי, פאן ווידרא, א בייזער שליאכטיטש, און פאן אנדריי, איהר intime. זי איז געזעסען ביים גרויסען שרייב-טיש, וואס איז געשטאנען אין סאמע מיטען קאבינעט, און דער שטאב איז געזעסען עטוואס ווייטער אויף שטוהלען און סאפקעס.

ס'איז געהאלטען געווארען א פארטראג. זשיול פערעטץ איז געשטאנען ביי דער רעכטער האנד פון דער גרעפין און האט פארגעלייענט די ערשטע אנגעקומענע קארעספאנדענץ פון אויסלאנד און די אנטווארטען אויף די בריעף, וואס זענען אנגעקומען מיט דער פריהעריגער פאסט. די ערשטע אנגעקומענע בריעף האט די גרעפין בעצייכענט מיט א רויטען בלייפעדער און די אנטווארטען— האט זי אונטערגעשריעבען מיט א פעדער אין א גאלדענעם האלטער מיט בריליאנטען. זשיול פערעטץ האט געלייענט הויך, מיט געפיהל, במעט מיט א נגון, און אלע האבען צוגעהערט שטיל און מיט עהרפורכט. דאס פנים ביי דער גרעפין האט געלויכטען פון נחת, איטליכע ווילע פלעגט זי א קוק טהון שנעל אויף איהרע מקורבים, און יענע פלעגען אפט צושאקלען מיט'ן קאפ אויסדריקענדיג איהר זייער צופרידענקייט. זעהר גוט פאן יוליאני, האט די גרעפין צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ פערעטצ'ן פון אויבען אראב און האט צו איהם א שמייכעל געטהון.

זשיול פערעטץ האט צונויפגענומען אין זיין פארטפעל די ערשטע אנגעקומענע בריף, האט זיך א נייג געטהון און איז ארויסגעגאנגען. די אונטערגעשריעבענע בריעף האט פאן אנדריי צוגע-

נומען אין זיין פּאָרטפעל, ווייל ער איז געװען בײ דעם גרעפין רעגיסט־אַטאָר און עקספּעדיטאָר.

דער בראָנזעווער זייגער אויפ׳ן קאַמין האָט געשלאָגען צוועלף. די גרעפין האָט אָנגעקלונגען און ס׳זענען אַריינגעקומען די לאָקייען מיט שאָקאָלאַד און ביסקוויט.

אונזער אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענץ געהט איצט, גאָט צו דאַנקען זעהר רעגוליער, — האָט די גרעפין געזאָגט און האָט פערדרויכערט אַ דינעם פּאַפּיראָס.

— גוט איז דאָס, — האָט זיך אָבגערופען דער קסיאָנדז קוועצינסקי, — נור... ער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט אַ גלעט געטהון זיין גלאַטיג אָבגעגאָלטען פּנים און האָט אַ זופּ געטהון זיין שאָקאָלאַד.

— נו וואָס? — האָט די גרעפין געזאָגט, נייגיעריג אָנקוקענדיג דעם קסיאָנדז, — זאָגט אָפען.

— נור, ערלויכטעסטע גרעפין, ס׳איז ניט גוט, — האָט ער געזאָגט אונבעשלאָסען, — וואָס דאָס געהט אַלץ דורך זשידאָווסקע הענד. צו וואָס זאָלען די זשידעס וויסען אַלע אונזערע סודות?

— גערעכט, — האָט זיך אָבגערופען פּאַן ווידרא, — איך בין אויך בײ דיזעלבע מיינונג. צו וואָס זאָלען די זשידעס וויסען אַלץ, לחלוטין אַלץ, וואָס מיר טהוען?

— אָבער, מיינע ליעבע העררען, — האָט די גרעפין אָבגעענטפערט, — מיר אַליין ווילען דאָך, אַז זיי זאָלען זיין מיט אונז פּאַר־איינס. ווי קאָן מען פון זיי פערבאָרגען דאָס, וואָס זיי דאַרפען טהון?

— ענטשולדיגט, ערלויכטעסטע גרעפין, — האָט געזאָגט דער קסיאָנדז, אַוועקשטעלענדיג זיין גלאָז אויפ׳ן קאַמין און איז אַרויסגעטראָטען אין מיטען צימער. איך מיין, אַז אונזער ברודערשאַפט מ... ט די זשידעס דאַרף מען פערשטעהן גאַנץ אַנדערש. מיר דאַרפען זיי אַרויסווייזען ליעבשאַפט, גוטסקייט, אום זיי זאָלען אונז מיטהעלפען מיט געלד, שפּיאָנעריי, דיענען אַלס פערמיטלער מיט אויסלאַנד, דערהויפּט אז זיי זאָלען אונז ניט שטערען, זיי זאָלען ניט ווערען קיין שפּיאָנען פון מאָסקווער זשאַנד. ווייטער פון דעם דאַרף אונזער ברודערשאַפט ניט געהן, וואָרום ווי נור מ׳גיט דעם

טייוועל איין פינגער, וועט ער אריינשלעפען די גאנצע האנד.

— זעהר ריכטיג, — האט פאן ווידרא בעשטעטיגט. — א זשיד און א טייוועל — דאס איז אלץ איינס.

די גרעפין און די פירסטין האבען זיך עטוואס א קנייטש געטהון, נו זיי האבען געשוויגען.

— אפילו איצט, — האט דער קסיאנדז צוגעגעבען, — דארפען מיר האלטען די זשידעס אויף זעהר א בכבודיגען מרחק. מאכען זיי פאר דירעקטע טיילנעהמער אינ'ם בעפרייען דאס פאטערלאנד — איז א ריזיקע...

— מיט וואס? האט די גרעפין געפרעגט מיט אונגעדולד.

— ערשטענס, דערמיט, — האט דער קסיאנדז גענטפערט, — אז אויב מיר וועלען האבען א נצחון, וועלען זיי פאדערן גלייכבערעכטיגונג מיט אונז, וואס גאט זאל אונז אבהיטען דערפון. זיי זיצען שוין איצט אויך ביי אונז אויפ'ן האלז, און דאן וועלען זיי זיך ארויפזעצען אונז אויפ'ן קאפ. אויף וויפיעל מיר איז בעוואוסט, האט מען אין ווארשוי אויך מורא דערפאר. די זשידעס זענען גאטים שטראף אויף אונז. אז גאט וועט אונז העלפען צו בעפרייען זיך פון די מאסקאליעס, דארפען מיר זעהן צו בעפרייען זיך אויך פון די זשידעס... אויפ'ן ערשטען סיים, אז גאט זאל נור געבען, מיר אלע זאלען עס דערלעבען, דארף עס זיין אונזער ערשטע ארבייט. דאס בעפרייטע פוילען דארף זיין די פוילישע פאמיליע, דורכאויס א פוילישע, אהן א שום צומישונג פון א פרעמדען פאלק.

— און אפילו ווען די עלעמענטען זענען שוין פערפוילישט? — האט געפרעגט די פירסטין מילפאר.

— יא אפילו, ווען די עלעמענטע זענען שוין פערפוילישט געווארען, — האט דער קסיאנדז געענטפערט, און האט זיך ניט געחאפט, אז מיט די ווערטער שטעלט ער זיך אין זעהר א אונבעקוועמע לאגע.

— א, איהר זענט צו שטרענג, זעהר געעהרטער קסיאנדז, — האט די פירסטין אבגעענטפערט האלב ערנסט, האלב אין א קאטאוועס, — וואוהין זשע וועט איהר הייסען זאלען מיר זיך אהינטהון, איך און די פאנא פאן-דער-גאסט? ווי אייך איז בעקאנט שטאמען מיר דאך פון פערפוילישטע פראנצויזען און דייטשען.

איצט ערשט האָט דער קסיאָנדז דערפיהלט, אַז ער האָט זיך פערדעדט, און ער איז רויט געוואָרען.

— יאָ, איהר... האָט ער געשטאַמעלט אין איז אַלץ רויטער געוואָרען, — איהר, פירסטין, און די פּאַנאַ פאָן־דער־גאַסט— זענט גאָר אַנדערס, איהר זענט אמת'דיגע פּוילישע, פון דער מוטערס צד זענט איהר עכטע פּוילישע. ביי אייך זענען נור אויסלענדישע פאַמיליען־נעמען. נור דאָס וועט מען אייך קאָנען לייכט העלפען: איהר וועט אין סיים דערלאַנגען אַ בקשה, אַז מ'זאָל אומענדערן אייער פאַמיליען־נאָמען...

— וואָס? — האָט די פירסטין אויסגעשריען מיט כּעס, — איך זאָל זיך שעמען מיט מיין פאַמיליען־נאָמען, מיט מיין הערב? קיינמאָל ניט! הערט, „פּאַנאָווע", — האָט זי זיך געווענדט צ אַלעמען, אויפשטעהענדיג פון איהר אָרט, — איך גיעב אייך מיין עהרען־וואָרט, אַז איך וועל חתונה האָבען אַפילו מיט טשאַרטאָריסקין אָדער מיט פּאָטאָצקי, וועט אויך מיין ערשטער תּנאי זיין, אַז מיין מאַן זאָל צו זיין פאַמיליען־נאָמען צוגעבען אויך דעם פאַמיליען־נאָמען פון די פירסטין מילפאָר, ווייל איך בין די לעצטע פון דער משפחה און כ'וועל דעריבער ניט דערלאָזען, אַז ס'זאָל אויפהערען איינע פון די עלטעסטע אַדעל־פאַמיליען פון פראַנקרייך. פערשטעהט איהר עס, זעהר געעהרטער קסיאָנדז? אויב דאָס בעפרייטע פּוילען וועט אַזוי ווייט אונטאָלעראַנט זיין, ווי איהר ווייזט אָן, וועט עס קיינער ניט דולדען און עס וועט אַליין פאַלען.

ביי די ווערטער האָט זי אַזאַ פייערדיגען, בייזען בליק געוואָרפען אויף דער פערזאַמלונג, אַז אַלעמען איז זעהר אונבעקוועם געוואָרען. די פּאַנאַ פאָן־דער־גאַסט איז שטאַרק רויט געוואָרען, האָט פערביסען איהר שענע ליפּען און געשוויגען. די גרעפין האָט אָנגעהויבען שנעל צו צייכענען מיט'ן בלייפעדער און שווער צו עטעמען פון אויפרעגונג. פּאַן אַנדריי האָט געשוויבערט זיינע לאַנגע האָר און געדרעהט די וואָנצעס. פּאַן ווידראָ איז געווען זעהר רויט און האָט געסאָפּעט, גלעטענדיג די קניה מיט זיינע דויסע, מיט האָר בעוואַקסענע הענד.

— דער קסיאָנדז האָט זיך איינגאַנצען פערלאָרען. ער פלעגט אַרויסנעהמען פון קעשענע דאָס די טאַבאַק־פּושקע, דאָס אַ נאָז־

טיכעל, אָדער די ברילען, און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהון. ס'איז געווען אַ שווערע ווײַלע פאַר אַלעמען. די פּאַנאַ איזאַבעלאַ, וואָס איז געווען ווייניגער פון אַלעמען צוטראָגען, האָט געמאַכט אַ סוף דערצו.

— נור, פּאַנאָווע, — האָט זי געזאָגט, — דערווייל אָבער האָבען מיר דעם פּאַן קסיאָנדז ניט אויסגעהערט אינגאַנצען. מיר האָבען נור אויסגעהערט דעם ערשטען פּונקט.

— אַך, יאָ, אַך יאָ, — האָבען זיך אַלע אָנגעכאַפּט פאַר דעם געדאַנק, ווי פאַר דעם רעטונגס-אַנקער.

— זענט אַזוי גוט, ה' קסיאָנדז, — האָט די גרעפין געזאָגט, האָט אָבגעוואָרפען דאָס בלייפעדער און האָט זיך צוגעגרייט צום הערן.

— איז וואו, הייסט עס, האָב איך זיך אָבגעשטעלט, — האָט ער אָנגעהויבען, עטוואָס צו זיך קומענדיג,—אַך, יאָ, צווייטענס, אויב גאָט זאָל היטען, אַז מיר זאָלען דורכפאַלען, קאָן מען גאָר ניט פאָראויסזעהן דעם גאַנצען שאָדען, וואָס ס'קאָנען אונז פערשאַפען די זשידעס, וועלכע ווייסען אַלע אונזערע סודות. זיי וועלען אונז פעררעטען, זיי וועלען אונז אַרויסגעבען, אום זיך צו בעפרייען. צי דען קאָן מען אָנטרויען די זשידעס? זיי זענען דאָך די קינדער פון איסקאַריאָט (יהודה איש קריות) די פעררעטונג איז ביי זיי אין'ם בלוטה, און דעריבער דאַרפען מיר זיך אָבהיטען פון זייערע פעררעטער-קושען. זיי וועלען אונז טייער קאָסטען!.. אַזוי איז מיין מיינונג.

— און אויך מיינע, — האָט צוגעגעבען פּאַן ווידראַ.

— און מיינע, — האָט אונטערגעכאַפּט פּאַנאַ איזאַבעלאַ.

— אָבער ניט מיינע,—האָט די גרעפין בעמערקט.

— און ניט מיינע,—האָט צוגעגעבען די פירסטין.

— איך ווייס ניט, ווי אַנדערע זשידעס וועלען זיך בעגעהן, —האָט די גרעפין צוגעגעבען,—אָבער די, וועלכע מיר האָבען אַזוי פריינדליך אויפגענומען, כ'מיין, ה' פערעטץ און פּאַנאַ קראַנץ,—פאַר זיי בין איך ערב, אַז זיי וועלען אונז ניט פעררעטען אין קיין פאַל ניט. זיי זענען אונז טריי, איבערגעגעבען און זעהר נוציליך.

— זאָגאַר נוציליך? — האָט דער קסיאָנדז אַ פרעג געטהון

און האָט צושפּרייט די הענד. — אמת, פּערעטץ איז אונז נוצ־ליך, אַלס אַ אַרבּייטס־מאַן, כאָטש אָנשטאָדט איהם האָט אונז גע־קאָנט דיענען אונזער ליעבּע פירסטין, וואָס בּעזיצט די פראַנצווי־זישע שפּראַך, רעכען איך, ניט ערגער פון פאַן יודעל פּערעטץ, אָבּער מיט וואָס איז קראַנצובּנא נוצליך? צו וואָס זאָלען מיר איהר ענטדעקען אַלע אונזערע סודות? און איך וויים, אַז זי וואָלט פאַר אונז פיעל ניצליכער געווען, ווען זי זאָל גאָר צו אונז ניט געהן, און זאָל זיצען אין דער־היים.

— וואָס הייסט עס? — האָבּען געפרעגט די גרעפין און די פירסטין.

— דער פאַן וואַצלאַוו האָט מיר פאַר זיין אָבּפאָהרען גע־זאָגט, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט, — אַז דער אַלטער קראַנץ, וואָס איהם געפעהלען עס גאָר ניט די פאַטריאָטישע געננ פון זיין פּעשקען, איז גרייט אָבּצוצאָהלען אונז פינף טויזענדער, אַבּי נור מיר זאָלען צורוה לאָזען זיין פּעשקע.

די פאַנאַ פאָן־דער־גאָרסט און פאַנאַ איזאַבּעלאַ האָבּען גע־שמייכעלט, וואָס דער קסיאָנדז האָט פּאָלינא'ן אָנגערופען — פּעשקע. זיי האָבּען עס אַיינגעפונען פאַר זעהר וויציג.

— פינף טויזענדער! — האָט אויסגעשריען פאַן אַנדריי און זיינע אויגען האָבּען זיך בּרייט אויפגעעפענט פון גיעריגקייט. ער האָט אַ קרעכטש געטהון און געטראַכט פאַר זיך: „ס'וואָלט מיר גאָר ניט געשאַדט צו האָבּען איצט אַזאַ סומע געלד".

— דער אַלטער קראַנץ וועט ניט זשאַלעווען אַפילו צעהן טויזענדער, — האָט דער קסיאָנדז געזאָגט, — אָט וויפיעל מיר וועהרען אָן דערפון, וואָס מיר פּיעשטשען זיך מיט דער שוואַר־צינקער זשידאָוועטשקע!

די גרעפין האָט געוואָלט עפּיס אָבּענטפערן, נור אין טהיר האָט זיך בּעוויזען דער לאָקיי און האָט מיטגעטיילט: די פאַנא פּאָלינא קראַנץ.

— ניט אַריינלאָזען! — האָט דער קסיאָנדז בּעפעהלען.

— ניט אַריינלאָזען! — האָט אויך געזאָגט פאַן ווידראַ.

בּיי דער גוטמוטיגער גרעפין האָט דאָס געדולד געפּלאַצט

— פאַנאָוועו! — האָט די גרעפין אויסגעשריען, איז אויפ־געשטאַנען פון אָרט אַ בּלאַסע ווי לייוואַנד: — איך בּעט אייך

גערענקען, אז איהר געפינט זיך אינ׳ם הויז פון דער גרעפין שטאשיצקאיא. גראבהייט האט דא קיין ארט ניט. אנטאן, בעט אריינקומען, – האט זי זיך געווענדעט צום לאקיי. —

דער קסיאנדז און פאן ווידרא האבען זיך פערשעמט, זיי האבען פערשטאנען, אז זיי זענען שוין טאקי אריבער די גרעניצען פון אנשטענדיגקייט.

ס׳איז צ׳ייו פאלינא און מיט איהר גיעבען, פעסטען און גראציעזען טראט איז זי צוגעגאנגען צו דער גרעפין, וואס איז צו זיך געקומען פון איהר איבערראשונג, האט איהר אויפגענומען מיט דער געוואוינליכער גוטמוטיגקייט און האט איהר א קוש געטהון אין שטערן.

— נו וואס, ליעבער שמעטערלינג, האט די גרעפין געפרעגט מיט א שמייכעל, ווי איז דאס געזונד?

— א דאנק, גרעפין, — האט פאלינא געענטפערט, — כ׳בין געזונד און כ׳האב געבראכט א סך נייעס.

— גוט, אט וועלען מיר הערען, – האט די גרעפין געזאגט, דערפרעהענדיג זיך דערמיט, וואס איהר געליעבטע וועט אלעמען פערנעהמען מיט׳ן געשפרעך, און דאס איז איצט נויטיג געווען, ווארום ס׳איז אלעמען אומבעקוועם געווען.

— זעץ דיך, מיין טייערע, אט דא, — האט די גרעפין אנגעוויזען אויף א שטוהל דערביי.

פאלינא האט זיך געזעצט און אנגעהויבען:

— היינט האב איך בעקומען א בריעף פון פאן וואציוש׳ן:

— געשעפטליכען? — האט פאן אנדריי געפרעגט.

— פערשטעהט זיך, א וואסערן דען?

— אויב אזוי, — האט פאן אנדריי בעמערקט, ציהענדיג מיט די פלייצעס, — איז עס משונה׳דיג וואס ער האט איהם ניט אדרעסירט דירעקט אין קאמיטעט אויפ׳ן נאמען פונ׳ם הערין פארזיצענדער.

דער קסיאנדז און פאן ווידרא האבען שווייגענדיג צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ איינשטימיג מיט דער מיינונג.

— איך ווייס ניט, — האט פאלינא געזאגט, — אפשר

איז עס מאָדנע, נור פאַן וואַצלאַוו רעכענט, אַז אויף מיין אַדרעס איז זיכערער.

— דאָס איז שוין איבעריגע פּחדנות, — האָט פאַן ווידרא געפֿאַסעוועט, געדרעהט די וואָנצעס און געקוקט אין א ווינקעל.

— פאַן וואַצלאַוו איז ניט קיין פּחדן, ער איז נור בערעכענט און איז אַ פּאַטריאָט ניט קיין ערגערער פון וועמען ס׳איז אַנ׳אַנדער׳ן, — האָט פּאַלינאַ געענטפערט און האָט פלאַמענדיג אַ בליק געטהון אויף דעם בייזען שליאַכטיטש.

דער לעצטער איז אויפגעקאָכט געוואָרען. איהם האָט זיך אָבגעדוכט, אַז די זשידאָוועטשקע וויל איהם אַ שטאָך טהון.

— וואָס ווילט איהר זאָגען דערמיט? — האָט ער געפֿאַסעוועט, סקריפּענדיג מיט די צייהן און אינגאַנצען אַ רויטער.

די גראַפין איז בלאַס געוואָרען און האָט ערשראָקען זיך אומגעקוקט אויף דעם ווילד צורייצטען שליאַכטיטש און אויף איהר ערשטוינטע געליעבטע. און נאָך בלאַסער איז זי געוואָרען, אַז פּאַלינאַ האָט זיך אויפגעשטעלט פון איהר אָרט, האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אַרויסגעזאָגט שטאָלץ און ענטשליעסענד.

— איך האָב געוואָלט זאָגען דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, וואָרום איך זאָג אַלע מאָל דאָס, וואָס איך וויל, און פון מיינע ווערטער לייקען איך זיך קיינמאָל ניט אָב; זאָלט איהר עס ווימען זיין.

— אויב אַזוי, — האָט פאַן ווידרא געסאָפּעט פון צאָרן, — ראַטה איך אייך צו זיין פאָרזיכטיגער אין אויסדריקען, דערהויפּט מיט מיר, פערשטעהט איהר? מיט מיר, מיט איגנאַץ ווידראַ, וואָרום איגנאַץ ווידראַ...

— וועיל איגנאַץ ווידראַ, — האָט איהם פּאַלינאַ איבערגעריסען, — האָט ליעב אָנצוטשעפּען זיך, דאַלטען אַלעמען אין דער מורא, איך ווייס דאָס. נור פאַן איגנאַץ ווידראַ, ווייס, אפשר, ניט, אַז איך בין גאָר ניט פון די שרעקעדיגע, אַז איך האָב פאַר איהם גאָר קיין מורא ניט. איך בין אויך מיט צייהן, און ווייט צו זוכען אַ וואָרט דאַרף איך ניט.

— דאָס איז קענטיג, — האָט פּאַן ווידרא בעמערקט שוין אָהן כּעס.

— אויב ס'איז קענטיג, האָט איהר ניט וואָס אָנצושטעפּען זיך.

— אַ, גאָט מיינער, — האָט אויסגעשריען די פירסטין מילפּאָן, ברעכענריג די הענד. — ווען וועט זיך עס ענדיגען? לאָמיר בעסער הערן, וואָס שרייבט פּאַן וואַצלאַוו.

די גרעפין האָט אַ צייכען געגעבען פּאָלינאַ'ן, און זי האָט אָנגעהויבען צו לייענען. אַלע האָבען צוגעהערט מיט שטייגענדער אויפמערקזאַמקייט און נייגיעריגקייט. די פּאָרלעזערין אָבער האָט נאָך ניט פערענדיגט אַ העלפט פונ'ם בריעף, און אין טהיר האָט זיך ווידער בעוויזען דער לאָקיי און האָט מיטגעטיילט: — די ערלויכטעסטע פּאַנאַ יוליאַ קרוטיצקאַיאַ.

אַלע האָבען זיך אַ חאַפּ אויף געגעבען. די גרעפין איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אַנטקעגען דער גאַסט. דאָס לעזען איז אָבגעשטעלט געוואָרען.

אין צוויי מינוטען אַרום איז אין קאַבינעט אַריינגעקומען, נויגענדיג זיך גראַציעז צו דער גרעפין, אַ הויכע שלאַנקע בלאָנדינקע פון צוויי און שוואַנציג יאָהר מיט אַ שטאָלצען שענעם פּנים, און מיט אַזעלכע פינקעלנדע און קלוגע אויגען, וואָס מיט זיי האָבען דאָ קאָנקורירען געקאָנט נור פּאָלינאַ'ס אויגען. זי האָט זיך צוקושט מיט דער גרעפין און מיט איהר געאַרעמט, איז זי דורכגעגאַנגען איבער'ן קאַבינעט, צושאָקלענדיג דעם קאָפּ, אויף דאָס ניעדעריגע נויגען זיך פון די מאַנספּערזאָנען, און די דאַמען דערלאַנגענדיג רי האַנד מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל. אַלע זענען געוואָרען עהרפורכטספאַל, האָבען פייערליך געשוויגען, ווי בעדיענער אין דער געגענוואַרט פון אַ גרויסען אויבערהאַר.

— איך האָב אַייך געשטערט? — האָט פּאַנאַ קרוטיצקאַיאַ געפרעגט און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל בּיים קאַמין.

זי האָט אַראָבגעצויגען די האַנדשוה און האָט זיי אַוואָרף געטהון צום שרייב-טיש, אָבער זיי זענען אַהין ניט דערפלויגען נור פאַן אַנדריי איז אונגעשפּרונגען און האָט זיי געשיקט אונטערגעחאַפּט אין לופטען.

— גאָר ניט, — האָט די גרעפין געענטפערט, צוזעצענדיג זיך אויך בּיים קאַמין, — דער פּאָרטראָג איז געענדיגט.

— פאַן ווידראָל—האָט אַ רוף געגעבן פּאַנאַ קרוטיצקאַיאַ, קוקענדיג אין קאַמין.

דער שליאַכטיטש איז אויף די שפּיצען פינגער צוגעגאַנגען צו איהר און האָט אָנגעשטעלט די אויערן.

— אייער זוהן איז שוין בעשטימט געוואָרען.

— בעשטימט געוואָרען! — האָט פּאַן ווידראַ אויסגעשריען מיט התפעלות. — איך דאַנק זעהר, — ער האָט צונויפגעלעגט די הענד, ווי ביי אַ געבעט.

— אייער זוהן איז אונז וועניג בעקאַנט,—האָט קרוטיצקאַיאַ ווייטער געזאָגט, — נור מיר האָבען עס געטהון פון אייערט וועגען: איהר וועט אונז אויך ערב זיין פאַר איהם.

— אָ, זענט רוהיג,—האָט ווידראַ געזאָגט, שמעלצענדיג זיך פון נחת, — מיין פעטרוס וועט מיך ניט פערשעמען. ער איז אַ חוואַט. איך וועל איהם דעם קאָפּ אַראָבדרעהען, ווען ער וועט... איך בין אָבער ערב פאַר איהר, איך, איגנאַץ ווידראַ!

— רעכט,—האָט קרוטיצקאַיאַ געזאָגט,—איצט לויפט צום פעטער. ער דאַרף מיט אייך דורכריידען.

— איך הער, — האָט ווידראַ געענטפערט, ר'האָט זיך גע-נויגט צו קרוטיצקאַיאַ און צו דער גרעפין און איז שנעל אַרויס-געגאַנגען, זעגענענדיג זיך מיט אַלעמען נור מיט אַ בליק.

— פּאַן קסיאָנדז! — האָט אויסגעשריען קרוטיצקאַיאַ אין עטליכע מינוט אַרום.

דער קסיאָנדז איז צוגעגאַנגען קרעכצענדיג.

— בעמיהט אייך געוואָהר געוועהרען איצט ביים פּאַן בים-קופּ. ס'איז דאָ פאַר אייך אויך אַרבייט. מ'האָט צוגעשי[קט] דרשות צום איבערקוקען. ביים פּרעלאַט פּשעשקעוויטש וועט איהר געפינען אַ אויספיהרליכע אינסטרוקציע וועגען דעם.

דער קסיאָנדז האָט שווייגענדיג זיך אַ נויג געטהון און איז אַרויסגעגאַנגען.

— צו איז ניטאָ פאַר מיר אויך בעפעהל? — האָט גע-פרעגט פּאַן אַנדריי און איז פריי צוגעגאַנגען צום קאַמין.

— פאַרהאַן פאַר אייך אויך, — האָט קרוטיצקאַיאַ געענט-פערט און האָט פערדרייכערט אַ פּאַפּיראָס. וואָס די גרעפין האָט איהר דערלאַנגט. — אייך האָט דער פעטער איבערגעגעבען אויפ-

ציזוכען א זיכערן מענשען, וואס זאל קאנען אנפיהרען אונזער דרוקעריי.

— ס'איז שוין דען אלץ פארטיג? — האט פאן אנדריי גע־פרעגט.

— אלץ,—האט קרוטיצקאיא געענטפערט, — א מאשין איז שוין אוועקגעשטעלט, שריפט איז שוין צוגעשיקט, נור נאך ניט איבערגעקליבען, און מאססע וועלען מיר בעקומען פון דער קאזיאנע דרוקעריי.

— גאר אזוי! — האט די גרעפין בעמערקט.

— פון דארטען טאקי וועלען מיר אויך נעהמען זעצער און דרוקעס. מיר דארפען נור בעקומען א גוטען פערוואלטער.

— מיר וועלען געפינען, זענט זיכער,— האט פאן אנדריי געזאגט, אבגלעטענדיג זיינע בלאנדע לאקאנעס.

ער איז געשטאנען נאך א וויילע, האט זיך געניגט און איז אוועקגעגאנגען.

פאנא יוליא קרוטיצקאיא האט געווארפען דעם פאפיראס, האט א קוק געטהון אויף די איבערגעבליבענע פריילינס, דערנאך אויף דער גרעפין און האט געשוויגען, ווי געפרעגט: „נו וואס, זיי וועלען גיעך אוועקגעהן?“ די פריילינס האבען פערשטאנען דעם בליק, זענען אויפגעשטאנען, האבען זיך צוזעגענט און זענען אוועק.

— וואס זאל זיין מיט פאן וואצלאוו'ס מיטטיילונג? — האט געפרעגט די גרעפין, אניאגענדיג פאלינא'ן.

— כ'וועל אבשרייבען א קאפיע און וועל צושטעלען דעם ה' פרעזידענט,—האט פאלינא געענטפערט.

— רעכט, מיין טייערינקע, קום אריין אין אוענד, וועלען מיר דורכשמועסען,— האט די גרעפין שטארק געדריקט די האנד פון איהר געליעבטער.

אז זיי זענען געבליבען אליין, איז קרוטיצקאיא אויפגעשטא־נען, האט פערריכט איהר קלייד, איז צוגעגאנגען צו דער גרעפין, האט איהר גענומען אונטער האנד און אוועקגעצויגען אין קליידונגס־צימער.

— וואס וועלען מיר דא טהון? — האט די גרעפין גע־פרעגט פערוואונדערט.

— מאכט גיכער דעם טואלעט,—האט קרוטיצקאיא געזאגט,—

ס'איז שוין האלב איינס. מיר פאָהרען צו דער געגעראַלשע מיט אַ וויזיט.

— אַ, איך קאָן ניט סובל זיין די נאַרישע תּרוי — האָט די גרעפין געזאָגט זייער.

— איך האָב איהר אויך ניט ליעב, — האָט קרוטיצקאַיאַ בעמערקט, — נור וואָס זאָל מען טהון, ס'איז נויטיג... דער פעטער האָט געהייסען, איהר דאַרפט ביי איהר אויספיהרען אַ ענין.

— וואָס?

— וועגען קאָליען. ס'איז בעשלאָסען, אַז ער זאָל אונבעדינגט בעשטימט ווערען פאַר אַ אַדיוטאַנט צום געגעראַל. ס'איז דאָ אַ וואַקאַנסיע, מ'דאַרף זיך צואיילען. נעכטען האָט זיך קאָליאַ פאָרגעשטעלט דעם געגעראַל און ר'איז איהם, דוכט זיך, געפעלען געוואָרען. הייגט איינס דעם זייגער וועט ער צופאָהרען צו דער געגעראַלשע און וועט איהר איבערגעבען אַ בריעף פון דער סטאַטסדאַמע דוגינאַ. אַז מיר וועלען זיכער זיין אין דער געגעראַלשעס פּראָטעקציע, וועט קאָליע ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר קאָנקורענץ.

— יאָ, — האָט די גרעפין געזאָגט, — די נאַר איז אָבער אויף אַזוי פיעל קלוג, אַז זי קאָן איהר אַלטען האַלטען ביי איהר אונטער'ן שוך.

— דאָס איז פאַר אונז דוקא אַ מעלה, — האָט קרוטיצקאַיאַ געזאָגט, — מיר וועלען די זאַך אַזוי איינאָרדנען, אַז דער געגעראַל אַליין וועט פאָרלעגען קאָליען צו זיין אַדיוטאַנט און דאַן...

— וואָס דאַן?

— וואָס דאַן? — האָט קרוטיצקאַיאַ איבערגעפרעגט, ווי מיט פאָרוואורף, — איהר פערשטעהט דען ניט, ווי פאַר אונז איז וויכטיג אַנ'אייגענעם מענשען צו האָבען נעבען אַזאַ הויך-געשטעלטער פּערזאָן?

— אָבער קאָליאַ איז דאָך נאָך זעהר יונג, איז ערשט אַרויס פון קאָרפּוס, — האָט די גרעפין בעמערקט.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט קרוטיצקאַיאַ אָבגעענטפערט, — ער איז קלוג, געשיקט און אַ פּאָליאַק מיט לייב און זעעל, גוט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז ערצויגען געוואָרען צווישען רוסען. און דער צו... וואָס זענען מיר דאָ? ער וועט טהון דאָס, וואָס

מ'וועט איהם הייסאָן. ער גלויבט אין פעטער, ווי אין א הייליגקייט, און איך, אלס שוועסטער, בין שוין פאר איהם גארנישט ניט ווערטה?

— איהר זענט גערעכט, — האָט די גרעפין איינגעשטימט, — דארפען מיר פאָהרען?

— וואָס גיעבער...

אין א האלבע שעה ארום האָט די וויענער קארעטע פו דעם געוועזענעם מארשאלאָק, דעם „פעטער“, זיך אָבגעשטעלט ביים צווייטען איינגאנג פון גענעראל'ס וואוינונג. דער לאָקיי אין א ליוורעע איז אראָבגעשפרונגען פון זיין אָרט אויפ'ן קארעטע און געעפענט די טהיר. פון דער קארעטע זענען ארויסגעשוואומען: פאנא יוליא קרוטעצקאיא און די גרעפין סטאשיצקאיא. דער שווייצער, אנ'אויס־געדיענטער גווארדיעץ, האָט בריית אויפגעעפענט די גלעזערנע טהיר פונ'ם איינגאנג און טיעף גענייגט האָט ער דורכגעלאָזען די דאמען.

נאָך אין א האלבע שעה ארום, איז צום זעלבען איינגאנג צוגעפאָהרען א אויסגעפוצטער פייעטאָן, געשפאנט אויף א פאָר זעלטענע פערד. פון פאעטאָן איז ארויסגעשפרונגען א יונגער און זעהר א שלאנקער הוסארען־אָפיציער אין א פאראד־אוניפאָרם. דער שווייצער האָט ווידער בריית אויפגעעפענט די טהיר און האָט זיך אויסגעצויגען, ווי א סטרונע. דער אָפיציער איז דורכגעגאנ־גען, קלינגענדיג מיט דער שאבעל און שפאָרען, אין אינעווייניג. אויף דער פראגע פון דעם קאמער־לאָקיי, ווי אזו מיטצוטיילען וועגען איהם, האָט ער געענטפערט: — פון נ־ער לייב־הוסארען פאָלק קאָרנעט ניקאלאיי קרוטיצקי.

XI.

אויף באָלאָטנע גאס פון דער שטאָדט נ., אין א סאמע אָרימסטען שענקעל א הינטער א פאראוואן פון ברעטלעך, וואָס האָט דעם קליינעם שענקעל צוטיילט אויף צוויי העלפט: איינע פאר א בופעט און די צוויי פאר געסט, — זענען ערב א קאטוילישען פייערטאָג צוויי מענשען געזעסען ביי גלעזער מעד.

איינער פון די געסט איז געווען א ניעדעריגער און א קיילעכ־

דיגער אַלטיטשקער פון אַ יאָהר פינף און פופציג, מיט אַ גראָהען קאָפּ, געדיכטע, גראָהע ברעמען, אַ רויטען נאָז, געדיכטע וואָנצעס וואָס זענען געלב געוואָרען פון שמעק-טאַבאַק און אַ פּאָר שווינדלער-אויגלעך, וואָס האָבען זיך ניט געקאָנט אָבהאַלטען אַ גאַנצע מינוט אויף איין פונקט. ער איז געוועזען אָנגעטהון אין אַ לאַנגען סורדוט ניט פון גאָר דינע געוואַנד און אַ ברוינער קאָליער, אַ שוואַרצער סאַמעטענער וועסט מיט פּערלאַמוטרענע קנעפּ און אַ האַלזטוך פון פאַסקעוואַטע צייג.

דער צווייטער איז געווען אַ הויכער יונגער-מאַן פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג, מיט בלאָנדע געשאָרענע האָאָר, מיט אַ שענעם און העזה'דיגען פנים און פאַצעטיש פערדרעהטע וואָנצעס, עטוואָס נאָך צוגעפּאַרבט. ער איז געוועזען אָנגעטהון אין אַ טשאַמאַרקע, וואָס האָט זעהר צוגעפּאַסט צו זיין שלאַנקער פיגור, אין גרויסע יאַגט-שטיוועל, וואָס האָבען זיך העכער פון די קניה פערשפּילעוועט מיט שטאַרקע רימענדלעך.

ביידע געסט זענען געזעסען ביים פענסטער איינער אנטקעגען אַנדערן, און אָן זייערע רויטע און צוהיצטע פּנים'ער און דער הויפּט אָן די לעדיגע פלעשער אויפ'ן טיש איז קענטיג געווען, אַז פאַר די גלעזער מעד, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין די הענד, איז ביי זיי דעם אָווענד געווען נאָך אַ גאַנץ לאַנגע הקדמה.

— איז, הייסט עס, אָבגעמאַכט? — האָט געפרעגט דער אַלטער און האָט זיך מיט זיין שטוהל צוגערוקט צום יונגען-מאַן.

— מילא, — האָט יענער געענטפערט, האָט אָבגעשטעלט זיין גלאָז אויפ'ן פענסטער און האָט דערלאַנגט די רעכטע האַנד.

דער אַלטער האָט אייך אָבגעשטעלט זיין גלאָז און האָט די אויסגעשטרעקטע האַנד אָנגעהאַפּט מיט זיינע ביידע הענד.

— שמול, — האָט ער אַ רוף געטהון דעם שענקער, וואָס איז געשטאַנען ביים בופעט און האָט מיט קרייד געשריבען עפּעס אַ חשבון.

— זאַראַז, פּאַניע מייסטרו! — האָט זיך אָבגערופען דער שענקער און האָט ווייטער געשריבען דאָרט די ציפערן.

— איך האָב ניט ליעב דיין זשידאָווסקי זאַראַז! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען אין כעס. — שוין, אַניט וועל איך הרג'ענען.

אין דריי שפּרונגען איז שמואל געוואָרען אויף יענער זייט פּאַראַווען.

— שלאָג איבער אונזערע הענד, — האָט דער אַלטער בעפעהלען.

שמואל האָט איבערגעשלאָגען דעם תּקיעת־כּף און איז אַוועקגעפלויגען צום בופעט צו די ציפערן.

— איצט, — האָט דער אַלטער געזאָגט, נעהמענדיג די גלאָז אין האַנד און צו ווינקענדיג דעם צווייטען — לאָמיר אויסטרינקען.

— איינס, צוויי, דריי — טרינק! — האָט דער אַלטער געמאַכט די קאָמאַנדע און האָט שנעל אויסגעקעהרט די גלאָז אין מויל אַריין, דער צווייטער האָט אויך אַזוי געטהון.

שמול, צוויי ציגאַרען, נור אָהן „זאַראַז"! — האָט דער אַלטער ווידער בעפעהלען.

שמואל האָט דערלאַנגט צוויי ציגאַרען.

— מעהר ווילען די פּאַנאָווע גאָר נישט בעפעהלען? — האָט ער געפרעגט.

— אַוועק צו דיינע פלעשלעך! — האָט דער פּאַן מייסטער אויסגעשריען, — אַז ס'וועט נויטיג זיין, וועל איך אַרוף טהון.

שמואל איז אַוועק צום בופעט. ער האָט אָבער נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו נעהמען די קרייד אין האַנד, האָט שוין דער אַלטער ווידער געשריען:

— שמואל! נאָך אַ פלאַש ליפּעץ.

שמואל האָט דערלאַנגט אַ פלאַש ליפּעץ.

— ד'האָסט אַוועקגעשטעלט, איז גיה דיר צום טייוועל, וואָס שטעהסטו דאָ? — איז דער אַלטער אָנגעפאַלען.

שמואל איז אַוועק צום בופעט.

— וואָס, זאָגסטו, סטאַס, איך מושטרעווע גוט און קאָמאַנדעווע? האָט דער אַלטער געפרעגט מיט בעריהמעריי. — איך וואָלט געווען אַ זעלטענער קאָמאַנדיר, מיין עהרען וואָרט. די זעלנער וואָלטען פאַר מיר געציטערט, ווי פאַר פייער. — רוהיג! — האָט ער אויסגעשריען ווילד און שטרענג, פאָכענדיג מיט די הענד און אויסגעגלאָצט די אויגען. דערמיט האָט ער געקלעהרט, וועט ער שוין לחלוטין איבערציינגען דעם יונגען־מאַן אין זיינע מיליטערישע

פעהיגקייטען. דער יונגער=מאַן אָבער האָט אַ שמייכעל געטהון און געפרעגט.

— ווער וועט אָבער פאַר אונזער אַרמעע צושטעלען שטיוועל?

— ווער וועט שטיוועל צושטעלען? — האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט מיט שרעק, פערגעסענדיג, אַז ער האָט ערשט גע= וואָלט זיין קאָמאַנדיר.—איך, מאַרצין שעלאָ! מיר האָבען דאָך ערשט אָבגעמאַכט. דו האָסט פערגעסען, וואָס? סחורה פרימאַ, דריי רובל אַ פּאָר. ביליגער וועט דער זשאָנד ערגיץ ניט בעקומען. איך וויל עס אַזוי ... פון פּאַטריאָטיזם ווענען, ווייל איך בין, חאָטש אַ שוסטער, אָבער אַ גוטער פּאָליאַק און אַ שליאַכטיץ פון גאָטס גנאָד. מיין פעטער, דאַרפסטו וויסען ...

— כ׳וויס, כ׳וויס, איז געווען אַ פּלענים פּלעניפּאָטענטעס ביים פּאַן ראַדזיוויל,—האָט איהם סטאַס איבערגעריסען זיינע רייד,— צושטעלען שוכוואַרג—דאָס פערבלייבט פאַר אייך, פערשטעהט זיך, לויט מיין רעקאָמענדאַציע. דאָס איז בעשלאָסען. אָבער, ליעבער פּאַן שילאָ, איך וואָלט וועלען וואָס גיכער זעהן זיך מיט׳ן אויפגאָב.

— מיט וואָסער אויפגאָב? — האָט דער שוסטער געפרעגט

— איהר האָט פערגעסען? צוויי פּאָר שיך פאַר מיין מאַרצישאַ.

— יע, יע, — האָט דער שוסטער דערמאָנט, — אויך מיר ווערדע! — זאָל זי חאָטש מאָרגען אַריינקומען אין קראָט, וועט מען איהר אַ מאָס אַראָבנעהמען און אין דריי מינוט אויפנעהען.

— מאָרגען איז יום=טוב, — האָט בעמערקט סטאַס, וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצען שכור און האָט דעריבער געדענקט, אַז מאָרגען איז יום=טוב.

— איז איבער=מאָרגען, — האָט דער שוסטער געזאָגט און האָט זיך גענומען פאַר אַ פרישען פלאַש ליפּעץ. פאַרהאַן וואָס צו ריידען, לאָמיר טרינקען!

— אַדאַנק, — האָט סטאַס געזאָגט, איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעטהון זיין רעגען=מאַנטעל.—איך האָב קיין צייט ניט.

— דו געהסט שוין אַוועק?

— אויף דיענסט.

— גערעכט, כ׳וועל דיך ניט אָבהאַלטען, צו גלעזעלע, דאַרפען מיר נאָך אויסטרינקען, לכבוד יום=טוב.

— נו, גיעכער, פּאַן שילאָ,—האָט איהם סטאַס צוגעאיילט.

דער שוסטער האָט שנעל געעפענט די פלאַש און האָט אָנ־געגאָסען די גלעזער. שילאָ און סטאַס האָבען גראַטולירט איינער דעם צווייטען מיט יום־טוב, האָבען זיך אַרומגענומען, דריי מאָל זיך צוקושט און האָבען אין איין שלוק אויסגעטרונקען זייערע גלע־זער. סטאַס האָט זיך אָבגעזעגענט און איז אַוועק.

דאַן האָט דער שוסטער גענומען אַרומצושפּרייזען, וואַקלענ־דיג, איבער׳ן צימער הין און צוריק, וואַרטענדיג עפּעס אונטער׳ן נאָז און פערבויגענדיג כּסדר די פינגער פון דער לינקער האַנד. אַפנים, ער האָט גערעכענט דעם קינפטיגען ריוח פונ׳ם צושטעלען שוכוואַרג פאַר די אַרמעע. זיין רויטע פּנים איז געווען צו־פריעדען און לוסטיג. ער האָט געשמייכעלט און האָט שיער אויפ׳ן קול ניט געלאַכט פאַר נחת. באַלד אָבער איז זיין פּנים פּלוצלונג פערדונקעלט געוואָרען, דערנאָך האָט זיך בעוויזען אויף איהם אַ שרעק און אויך פערצווייפלונג.

ס׳איז דאָך דריי טויזענד געווען — האָט ער אָנגעהויבען העכער צו וואָרטשען, — און איצט איז צוויי, סטייטש, וואו איז עס נאָך אַ טויזענד? דריי טויזענד, ווי איין קאָפּיקע! צום טייוועל! זאָל איך עס אַ טעות האָבען אין חשבון? ס׳קאָן ניט זיין!

ער האָט זיך אָבגעשטעלט פערטראַכט, האָט אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ און געבראָכען די הענד.

— שמול! קרייד גיב! — האָט ער אויסגעשריען אויפגע־רעגט, ר׳האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און האָט אַראָבגעשליידערט אויפ׳ן פּאָדלאָגע די אויסגעליידיגטע פלעשער.

שמואל, אַ דערשראָקענער ביז טויט, האָט איהם דערלאַנגט קרייד און איז צוריק אָבגעשפּרונגען. דער שוסטער האָט מיט ציטערנדע הענד גענומען מאָלען אויפ׳ן טיש עפּעס אַזעלכע מאָד־נע ציפער, און האָט דערביי עפּעס געערדט, מעהר מיט דער נאָז, ווי מיט די ליפּען. אַ צייט לאַנג האָט ער געציילט און געמעקט, געמעקט און געצייכענט, האָט געריבען דעם שטערן, געסאָפּעט, געשמעקט טאַבאַק, געשוויצט און גע׳כעס׳ט.

— שמול! — האָט ער אויסגעשריען, סקריהענדיג מיט די צייה׳,— וויפיעל איז זעקס מאָל זיבען?

— זעקס מאָל זיבען? — האָט שמואל איבערגעפרעגט ביים בופעט שטעהענדיג, — צוויי און פערציג!

— און צוויי מאָל זעקס און דרייסיג?

— צוויי מאָל זעקס און דרייסיג? צוויי און זיעבציג!

— אָט איז אַ הינטישע קאָפּ! — האָט דער שוסטער געלויבט דעם שענקער און האָט ווייטער געצייכענט און געמעקט. לאַנג נאָך האָט ער זיך גע'עוסק מיט זיינע ציפער, נור ס'איז ביי איהם ניט אויסגעקומען, וואָס ער האָט בעדאַרפט, האָט ער דעם שענקער צוגערופען צו ה'לף. דער שענקער האָט אַ קוק געטהון און געזאָגט, אַז דאָס טויג ניט אַזוי, ווייל די ציפער שטעהען ניט אויף זייערע ערטער.

— ווי זשע? — האָט דער שוסטער געפרעגט.

— זאָל דער פאַן מייסטער אַזוי גוט זיין צו דיקטירען מיר די צאָהלען, און איך וועל עס שוין צונויפרעכענען, — האָט דער שענקער געענטפערט און האָט זיך גענומען פאַר'ן קרייד.

דער שוסטער האָט אַזוי געטהון. אין דריי מינוט אַרום איז פאַרטיג געווען דער סך=הכל.

— וויפיעל קומט אויס? — האָט דער שוסטער געפרעגט.

— דריי טויזענד.

— דו לייגנסט, מנוול! — האָט דער שוסטער אויסגעשריען. — בעוויז אַקאָרשט, בעוויז... אין נול, צוויי נולען דריי נולען און דריי, איז דריי טויזענד. בראַוואָ! אוראַ! וויוואַט! — האָט דער שוסטער ווילד געשריען און האָט אַרומגענומען דעם פערוואונדערטען שענקער און האָט איהם געשטיקט. אַ חוואַט, אָט אַזאַ האָב איך ליעב! לאָמיר אויסטרינקען!

— אַ דאַנק, איך וויל ניט, — האָט דער שענקער געזאָגט.

— פון מיינטוועגען דאַרפסטו אויסטרינקען! איך הייס! איך, באַרצין שעלאָ! איך וועל דער'הרג'ענען, עהרען וואָרט. — און ער האָט אַ שלעפּ געטהון דעם שענקער צום בופעט, וואו ס'איז געשטאַנען דעם שענקער'ס ווייב מיט אַ זויג=קינד אויף די הענד.

— צוויי גלעזלעך ריאַבינאָווקע! האָט דער שוסטער בעפעהלען. — שנעל, פאַני שמולעוואַ!

פאַני שמולעוואַ האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזלעך ריאַבינאָווקע.

— אָט דאָ זעץ דיך, איך וועל זיך אויך זעצען, און מיר וועלען שמועסען, — האָט דער שוסטער געזאָגט, צווזעצענדיג זיך אויפ'ן בענקעל.

שמואל האָט גענומען אַ בענקעל און האָט זיך אַוועקגע־ועצט אַנטקעגען שוסטער.

— דו ווייסט, שמול, — האָט דער שוסטער אָנגעהויבען אין דער שטיל און כיטרע צוגעוואונקען מיט איין אויג, — דו ביסט שוין ניט שמול, נור מאָיזעזש.

— וואָס רעדט איהר? — האָט דער שענקער אויסגע־גלאָצט די אויגען, — איך בין שמול, און ניט מאָיזעזש. איך בין אַזוי פערשריעבען.

— דו בינסט מאָיזעזש, זאָג איך דיר! — האָט דער שוס־טער אויסגעשריען, — מאָיזעזש און אַ סוף! קיין וואָרט ניט מעהר! איך וויים, וואָס איך ריידו! דו בינסט מאָיזעזש און חצקאל איז — מאָיזעזש און ברוך איז — מאָיזעזש און אַלע זשידעס, וויפיעל איהר זענט פאַרהאַנען — זענען איצט אַלע מאָיזעזש. אַזאַ בעפעהל איז דאָ פון וואַרשוי, דו פערשטעהסט?

שמואל האָט אַ קוק געטהון אויף זיין פרוי, האָט אַ ציה געטהון מיט די פלייצעס, נור ער האָט גאָרנישט ניט אָבגעענט־פערט.

— און פאַרוואָס זענט איהר איצט מאָיזעזש, ווייסטו?

— פון וואַנען קום איך עס צו וויסען?

— איהר זענט איצט מאָיזעזש — האָט דער שוסטער ער־קלערט, — דערפאַר, וואָס מיר דאַרפען אייך ליעב האָבען, שוי־נען, מיט איין וואָרט: ברידערליכקייט, גלייכהייט, א. ז. וו, איצט זענען אַלע גלייך: אַ זשיד, אַ ציגיינער. אַ טייוועל, אַלץ איינס!... מיר דאַרפען אַלעמען ליעב האָבען, וואָרום אַזוי איז בעפעהלען געוואָרען פון וואַרשוי, דו פערשטעהסט? נו, לאָמיר אויסטרינקען, ברודער׳ל.

זיי האָבען אויסגעטרונקען זייערע גלעזעלעך.

דער שוסטער האָט אַ קרעכטש געטהון, אַ שמעק טאַבאַק געמאַכט און האָט ווייטער געפרעגט

— צייטונגען לייענסטו?

— ניין, האָט דער שענקער געענטפערט.

— בינסטו אַ שוטה, — האָט דער שוסטער געזאָגט מיט פעראַכטונג. מיין פעטער ע״ה, וואָס איז אַ פלעגי פלעניפאָטאַנ־טעם געווען ביים פאַן ראַדזיוויל, יענער פלעגט טאָג און נאַכט

לייענען צייטונגען. אַ געלעהרנטער מאַן געווען. האָט געלייענט לאַטיין ניט ערגער פון אַ קסיאָנדז. ווען ער זאָל ניט געווען שטאַרבען אַזוי פריה, וואָלט איך איצט געווען אַ פּרעלאַט און אפשר אויך אַ בּיסקופּ. ער האָט מיך געוואָלט געבען לעהרנען, אַז איך זאָל ווערען אַ קסיאָנדז, נור ער איז געשטאָרבען, אָט דאַן בּין איך געוואָרען אַ שוסטער. נור ניט דאָס בּין איך אויסען... לייענסטו ניט קיין צייטונגען?

— ניין, — האָט דער שענקער געענטפערט.

— נו, ווייל דו בּינסט אַ וואוילער זשידעק, וועל איך דיר זאָגען, וואָס מען שרייבּט אין די צייטונגען. געדענק אָבער, אַז איך זאָג עס דיר בּסוד. דו וועסט עס פאַר קיינעם ניט אויס־פּלאַפּלען?

— צו וואָס זאָל איך פּלאַפּלען? — וואָס וועל איך האָבען דערפון?

— צי וועסטו עפּעס האָבען, צי ניט — נור זעה, האַלט ס׳מויל, אַניט, וועט זיין שלעכט מיט דיר און דיין פרוי, און דיי־נע קינדער און אַלע אַייערע... שרייבּט מען אין די צייטונגען, דו הער גור צו מיט קאָפּ: אין פריהלינגס־צייט, אָדער זומער, וועט אַהער קומען דער פראַנצויז, דער ענגליק און דער גרימבּאַלדיאוש מיט חיל, מיט אָקרענטען, מיט האַרמאַטען און מ׳וועט פערטריי־בּען פון דאַנען די מאַסקאַליעס.

— אַלעמען? האָט — שמואל געפרעגט.

— בּיז איינעם.

— אַפּילו... דעם גובערנאַטאָר? — האָט שמואל ווידער געפרעגט. געוואָלט האָט ער אייגענטליך פרעגען וועגען די בּאַ־טאַליאָנע שרייבּער, אַלס שטענדיגע געסט פון זיין שענקעל, וואָס האָבען איהם דעריבּער זעהר אינטערעסירט, נור ער האָט גע־האַלטען פאַר גלייבּער צו בּענעהן ראמאות און פרעגען וועגען גובערנאַטאָר.

— אַפּילו דעם גובערנאַטאָר. — האָט דער שוסטער בּע־שטעטיגט, — גענוג זיי דאָ פּריצים צו זיין. זאָלען זיי גיהן אין זייער רוסלאַנד, דאָס איז פּוילען, דאָ זענען מיר בּעלי־בּתים, דאָס איז אונזער לאַנד. מיין זעליגער פעטער, ווָאס איז אַ פּלענים פּלע־ניפּאָטענטעם געווען בּיים פאַן ראַדזיוויל פּלעגט שטענדיג זאָגען,

אז די געגענד איז אונזערע. זעהט מען, אז ער איז ע״ה, גערעכט געווען.

שמואל האט זיך פערטראכט און האט זיך א קראץ געטהון אין רעכטען שלייף.

— הייסט עס, א מלחמה וועט זיין? — האט ער געפרעגט

— פערשטעהט זיך, — האט דער שוסטער געענטפערט

— און חיל וועט אויך דורכגעהן?

— אודאי!

— וועט מען די איינוואוינער ניט ראבעווען? — האט דער שענקער אויסגעפרעגט.

— וואס פאר א ראבעווען! וואס זענען זיי רויבער? מ'וועט פאר אלץ צאהלען מזומנים, גאלד־שטיק, ניט אסיגנאציעס, דער פראנצויז איז רייך.

— דאס איז גוט. הלואי! — האט דער שענקער ארויס־געזאגט בערוהיגט און זאגאר ערפרעהט פון די קינפטיגע גע־שעהעניש.

— און אויף די מלחמה וועלען מיר אלע געהן, — האט דער שוסטער צוגעגעבען נאך א שמעק־טאבאק, — אלע, און איך אויך.

— איהר אויך, פאן מייסטער? — האט דער שענקער זיך פערוואונדערט.

— ווי דען רעכענסטו, איך וועל זיצען און נייהען שטיוועלעך? א־הא, דו קענסט נאך ניט מארצען שילא! געדענק מיי ווארט: אין א יאהר ארום וועל איך זיין א פאלקאווניק. איך בין א שליאכטיץ זאלסטו ניט פערגעסען. נאך—ראאול;; — האט ער אזוי ווילד אויסגעשריען, אז דאס קינד ביי שמואל'ס פרוי אויף די הענד האט זיך דערשראקען און צעוויינט. די מוטער האט איהם געגומען הוידען און בערוהיגען, און האט מאדנע בייז געקוקט אויף דעם שוסטער, וואס האט זיך אזוי געהוואטעוועט. דער שוס־טער איז אויפגעשטאנען, האט פערדרייבערט א ציגאר, האט זיך העלדיש אויסגעגלייכט און איז אוועק איבער'ן צימער הין און צוריק

— אויף דיר, שמול, איז א רחמנות, האט ער פלוצלונג געזאגט, אבשטעלענדיג זיך אנטקעגען שענקער. — אמת א רחמנות דו בינסט א גישקשה'דיג זשידעק, דו בינסט נאריש, אבער א

שטילער מענשעל. איך האָב אויף דיר אמת רחמנות, עהרען־וואָרט
שמואל האָט ערשראָקען אָנגעקוקט דעם שוסטער.
— דו ווייסט, וואָס נאָך דער מלחמה וועט זיין? — האָט
ער געפרעגט.
שמואל האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.
— נאָך דער מלחמה,—האָט דער שוסטער ,געזאָגט - וועסטו,
און ברוך, און חצקאל, און די גאַנצע חבריא אייערע דאַרפט
אַוועקשלעפּען זיך פון דאַנען.
— וואוהין? — האָט דער שענקער געפרעגט.
— וואָס מאַכט אונז אוים? געהט אייך, וואוהין איהר
ווילט, וואוהין די אויגען טראָגען, דאָ ביי אונז אין לאַנד וועט
איהר שוין ניט זיין.
— איהר לאַכט עס, פּאַניע מייסטער.
— ווי גאָט איז מיר ליעב, אַז איך לאַך ניט, איך זאָג
אַן'אמת. דאָס איז שוין אַ בעשלאָסענע זאַך. די מאַגנאַטען האָבע
אַזוי בעשלאָסען. גענוג אייך צו זיצען ביי אונז אויפ'ן האַלז..
יאָ, טשעפּען וועלען מיר אייך ניט. מיר וועלען אייך נור זאָגען
ליעבע יודען, נעהמט אייך אייערע קלומקעלעך און געהט אייך
צום... טייוועל!
שמואליכע האָט אַ קרעכטש געטהון, האָט אַ וואונק געגע־
בען צום מאַן און געזאָגט:
— דו הערסט, דו הערסט, וואָס דער כלב דבר'ט?
— שוויַג, שוטה, — האָט שמואל אָנגעשריען אויף איהר—
דאָס איז ניט דיין זאַך.
און וואָס וועט זיין מיט אונזערע הייזער? — האָט ער גע־
פרעגט ביים שוסטער.
— אויב איהר קענט זיי מיטנעהמען, נעהמט זיי מיט זיך,—
האָט דער שוסטער געענטפערט, און אויב ניט וועלען זיי דאָ
בלייבען. איהר האָט שוין געהאַט אַ נוצען, איצט וועלען מיר נו־
צען האָבען. אַלץ וועט זיין אונזערס.
— און וואָס וועט זיין מיט'ן האַנדעל?
— מיר וועלען האַנדלען. דו מיינסט, אַז מיר קענען עס
ניט? אויך מיר אַ זאַך! קויפען און פערקויפען איז ניט אַזאַ שווע־
רע אַרבייט. מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן אייך אויך. איהר

שטעהט אונז נור, ווי א דארן אין אויג און איהר עסט אומזיסטע ברויט, אייער שווינדעל און סוחר'עריי — זיצט ביי אונז אט־דא (דער שוסטער האט אנגעוויזען אויפ'ן האלז). מיר וועלען גאט דאנקען און לויבען, אז מיר וועלען פון אייך פטור ווערען. מיר ליידען פון אייך אזוי, ווי פון די מאסקאליען. און וועט איהר ניט וועלען מיט גוטען אוועקגעהן, וועלען מיר אייך אין קארק געבע אדער מיר וועלען אייך אויסקוילענען אלעמען ביז איינעם, פער־שטעהסטו?

— איהר רעדט נארישקייט, אט וואס!—האט דער שענקער געזאגט און איז אויפגעשטאנען פון בענקעל און האט אויסגע־שפיגען.

דער שוסטער האט זיך אנגעצונדען.

— נארישקייט?! — האט ער געברומט און די אויגען האבען זיך איהם אנגעגאסען מיט בלוט, — ווי האסטו עס די העזה?... דו ווייסט מיט וועמען דו רעדסט?

— פארוואס זאל איך ניט וויסען, איך ווייס, — האט דער שענקער געענטפערט פעסט און דרייסט, — מיט'ן שוסטער שילא! אנ'ערשטען מאל וואס טרינקט איהר זיך עס אן ביי מיר שכור, ווי א חזיר?

דעם שוסטער האט אנגעהויבען צו טרייסלען פון דער בע־ליידיגונג. ער האט צונויפגעדריקט די פויסטען און ער האט שוין געוואלט זיך אנווארפען אויף דעם שטענדיג שטילען שענקער, אין וועלכען ער האט גאר ניט חושד געווען אזא דרייסט און העזה. ער האט אבער בעמערקט, אז יעגער האט געהאפט א שטוהל, איז ער מיט זיינע צונויפגעדריקטע פויסטען געבליעבען אויפ'ן ארט און האט שווער געסאפעט פאר כעס. שמואל, מיט דער שטוהל אין האנד האט געווארט אויפ'ן אנפאל, די פרוי זיינע, א בלאסע פאר שרעק, האט עס אלץ צוגעקוקט און האט ניט גע־וואגט אריינצומישען זיך, וויסענדיג, אז ווען איהר מאן איז בייז, איז גאנץ געפעהרליך אריינצופאלען צו איהם אין די הענד.

— שמול! דו בינסט עס? — האט דער שוסטער גע־שריען, ברעכענדיג די הענד. איך דערקען דיך ניט. דערמאן זיך וואס דו טהוסט. זיי ניט קיין חיב אין זיך אליין! דיין העזה וועט דיך טייער קאסטען. איך בין פון אדעל! מיין פעטער...

— איז אַ לאָקיי געווען ביים פּאַן ראַדזיוויל, — האָט איהם דער שענקער איבערגעשלאָגען די רייד, — מיר ווייסען דאָס. אָט איז דיר אַנ'אויפטהו, אַרויסטרייבען אונז פון דעם קאַנט! ווייסט איהר אָבער, פּוסטע מחות, אַז ביז וואַנען וואָס, וועלען אייך די מאַסקאַלען צופּיצלען מיט די נאַגייקעס.

— שמול! דו הער וואָס דו רעדסט! מ'וועט דיך אויפהענגען!

— מ'וועט ניט הענגען! צו־קורץ זענען די הענד, ניט פון אייער חסד לעבען מיר, נור אין חסד פונ'ם קייזער. פּרובירט נור בונטעווען, וועט פון אייך קיין געדעכעניש ניט פערבלייבען.

— שמול! — האָט דער שוסטער געשריען, סקריפּהענדיג מיט די צייהן.

— יאָ, איך שמול, איך דער שענקער, זעה אַממעגליכסטען צופריעדענצושטעלען די געסט. איהר בעהאַנדעלט מיך, ווי אַ הונד, און איך שווייג, ווייל דאָס איז מיין ברויט. איהר רופט מיך נאַר, און איך שווייג, ווייל איך בין קליגער פון אייך. אָבער אַז איהר ווערט שוין זעהר נאַריש, קאָן איך ניט און וועל ניט שווייגען. איך וועל אייך ווייזען, אַז איך בין ניט קיין נאַר און ניט קיין פּחדן. איך וועל די צייהן אויסשלאָגען ניט נור אַ ליאַדי שוסטער, נור אַפּילו אַ גרויסען פּריץ, אייער מאַרשאַלאָק אַפּילו, אויב ער וועט זיך נור דערוועגען טרייבען אונז פון דער געגענד. די ערד איז ניט אייערע און ניט אונזערע, דאָס איז גאָט'ס און דעריבער וואָגט ניט אַ מענש אַ מענשען צו טרייבען פון דער ערד. ווען גאָט וועט ניט וועלען, אַז די ערד זאָל אונז טראָגען, וועט ער מאַכען, אַז מיר זאָלען אַלע אויסשטאַרבען, אָבער טרייבען אונז וואָגט איהר ניט, אויב איהר וועט וואָגען וועלען מיר אייך דעם פּרצוף צושלאָגען.

שמואל האָט אָבגעלאָזט דעם שטוהל, האָט מיט'ן אַרבעל אָבגעווישט דעם שווייס פון פּנים און גענומען אַרומצושפּרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק, גלעטענדיג זיין באָרד און פּאות דער שוסטער האָט זיך צי דערשראָקען, צי בערוהיגט, און איז געזעסען און געשוויגען און געטראַכט, ווי אַזוי זאָל ער זיך דאָ אַרויספּלאָנטערן פון דער אונבעקוועמליכער לאַגע.

דער שענקער שמואל האָט אויסערליך אויסגעזעהן אַלס אַ שוואַכער מענש פיזיש און מאָראַליש, אַ ווייבער, אַ שרעקעדיגער,

אַנ'אַפּאַטישער און ניט איבעריגס קיין חכם: אָבער אונטער דעם
קלאָגעריגען אויסזעהן האָט געבליהט אַ שטאַרקער, פעסטער אָר⸗
גאַניזם מיט אַ דרייסטער און אונפורכטבאַרער נשמה, מיט אײַ⸗
זערנע נערווען און אָקסען⸗מוסקולען. קיין שום סכנה האָט איהם
ניט געשראָקען, ער פלעגט זיך נור וואונדערן, ווי קאָן עס אַ מענש
בכלל פאַר עפּעס און פאַר וועמען מורא האָבען. ער איז געווע
קלוג און כיטרע, און פלעגט נור אַ אָנשטעל מאַכען פון אַ נאַרע⸗
שעוואַטען, ער האָט עס בכיון דערלאָזען, אַז זײַנע שטענדיגע
געסט פון שענקעל, בעלי⸗מלאכות און שאר ירקות, פון וועלכע
ער איז אין אַלע פּרטים העכער געװען און וועלכע ער האָט טיעף
פעראַכטעט, זאָלען איהם בעליידיגען, טרעטען, ווי אַ שמוציגע שמאַטע
און האָט זיי גערן פערשאַפט דעם נחת חוזק צו מאַכען פון אַנ'⸗
אָרימען זשידעק. אָבער אַז דער שפּאַס איז געוואָרען צו⸗גרוים, ווי
נור די קאַטאָוועס פיהרער האָבען ניט פאָרזיכטיג איהם אָנגע⸗
ריהרט פאַר'ן סאַמע דופק. פלעגט פונ'ם שטילען שעפּעלע אין
איין ווײַלע ווערען אַ צורייצטער לייב, וואָס האָט אַלעמען איבער⸗
ראַשט מיט דער פלוצימדיגער פערוואַנדלונג. זידלענדיג און אָב⸗
טרייבענדיג מיט די פויסטען, פלעגט ער אין אַ ווײַלע אָבראַמען
זיין שענקעל פון די מנוולים, וואָס האָבען איהם דערעסען, און
אין דער ווײַלע האָט ער פאַר זיך אַליין אויסגעזעהן, ווי שמשון
הגבור, וואָס רעכענט זיך אָב מיט די פלשתים.

מיט אַ בעזונדער געדולד פלעגט שמואל שטענדיג איבער⸗
טראָגען די שפּאַסען און בעליידיגונגען פון שוסטער שילאָ, ווייל
ער האָט דעם אַלטען שכור און ליגנער אַזוי פעראַכטעט, אַז ער
האָט געהאַלטען פאַר צו⸗ניעדריג פאַר זיך צו בעליידיגען זיך פון
איהם אָבער אַז דער שוסטער האָט אָנגעהויבען וועגען אַרויס⸗
טרייבען יודען פון דער געגענד, דאָ האָט שמואל'ס געדולד גע⸗
פּלאַצט.

דער שוסטער איז געווען אַזוי איבעראַשט דערפון, דאָס
ער האָט גערעכענט, אַז שמואל איז אַראָב פון זינען. אָבער דער⸗
מאָנענדיג זיך אָן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער דעם
געדאַנק אָבגעוואָרפען און האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר
דעם שוואַכען שענקער, וואָס איז גרייט געווען אָנצושלאָגען איהם,
וואָס האָט חשק געהאַט צו ווערען אַ פּאָלקאָווניק. אום אויסצו⸗

פלאָנטערן זיך בכבוד, האָט ער זיך געלאָזט אויף אַ דיפּלאָמאַטי־שען שווינדעל.

— נו, שמול, — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ סאַמע גוט־מוטיגען אויסדריק, — ווי איך זעה, האָסטו זיך אַ ביסעל צוגע־היצט, נור דאָס טרעפט מיט יעדעס מענשען. בעט מחילה, וועל איך אַלץ פערגעסען, און מיר וועלען ווידער זיין גוטע פריינד.

— מחילה בעטען? — האָט שמואל אַ ביטערן שמייכעל געטהון, — בײַ אײַך? — איהר האָט מיך בעליידיגט, און איך זאָל בײַ אײַך מחילה בעטען? חאַ, חאַ, חאַ! הערט ושע, פּאַניע מייסטער, ערשטענס דאַרפט איהר וויסען, אַז שמול איז ניט קיין נאַר און ניט קיין פּחדן, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט און וועט זיך ניט לאָזען בעליידיגען. אַ שפּאַס נעהם איך אויך אָן פאַר אַ שפּאַס, אײַערע ווערטער זענען שוין אָבער קיין שפּאַס ניט גע־ווען. אײַער גליק איז, וואָס איהר מיט אײַערע צוגויפגעדריקטע פויסטען זענט געבליעבען אויף אײַער אָרט, אַניט, וואָלט עס אײַך שוין טייער געקאָסט: איך וואָלט אײַך געלאָזט אַ טעם פיהלען פון מיינע פויסטען, און דערנאָך וואָלט איך אײַך געבונדען, ווי אַ באַראַן און אָבגעטראָגען אין פּאָליציי.

— ווילסטו זיך גאָר קריגען?

— ניין, פּאַני מייסטער, איך וויל זיך ניט קריגען מיט אײַך, צו וואָס דאַרף איך עס? איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר בעצאָהלען וויפיעל איהר האָט אָנגענומען און איהר זאָלט שוין מעהר צו מיר ניט אַריינקומען.

— אויף אַזאַ אופן וועסטו דאָך צוטרייבען אַלע דיינע געסט, — האָט דער שוסטער געזאָגט מיט אַ מיין.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — האָט שמואל געענטפערט, — זאָל נור זיין אַ זומפּ, די שדים וועלען זיך שוין געפינען. ניט איהר, וועט אַנ׳אַנדער שוסטער בײַ מיר טרינקען. בײַ מיר זענען גוטע משקאות, אמת׳ע, ניט קיין צוגעמישטע, איך האָב ניט ליעב אָבצונאַרען די קונדען. דאָס ווייסען שוין אַלע. און דעריבער וועל איך קיין מאָל ניט אָנוועהרען געסט מבינים, און בעליידיגען מיך וועל איך ניט לאָזען. אַ שפּאַס איז אַ שפּאַס, בײַ אַ גוטע גלאָז ליפּעץ. אָבער בעליידיגען וואָגט איהר ניט, וואָרום ... וואָרום עס׳יל דער שענקער איז קיין נאַר און קיין פּחדן ניט, אָט וואָס!

— נו,—האָט דער שוסטער געזאָגט, איז אויפגעשטאַנען און האָט פון קעשענע ארויסגענומען זיין דיקען טייסטער,—מ'קאָן זיך ניט צוזאַמענריידען מיט דיר, איך האָב זיך טועה געווען אי דיר. גיך אַ רעשט.

— שמואל האָט איהם אָבגעצאָהלט אויסגאָב.

— געדענק אָבער, שמואל, — האָט דער שוסטער געזאָגט ביים אַוועקגעהן, — דו וועסט ניט גוט ענדיגען. דו וועסט חרטה האָבען, אין עס וועט שוין זיין צושפעט. מיר איז אַ רחמנות אויף דיר, אויף דיין פרוי און קינדער.

— דאָס איז מיין זאַך, דאגה'ט ניט.

— געדיינק, שמול, — האָט דער שוסטער געזאָגט, שטעהענדיג שוין אויף דער גאַס און אָנהאַלטענדיג זיך פאַר'ן הענטיל פון טהיר,—אין אַ יאָהר ארום ...

— וועט זיין 1863 יאָהר, — האָט דער שענקער איהם איבערגעשלאָגען די רייד,—איך געדענק, איך געדענק.

דער שוסטער האָט ניט געענדיגט זיינע רייד און איז אַוועק אַ היים, געצויגען מיט די פלייצעס און געוואָרטשעט אונטער'ן נאָז זידלערייען און קללות. צייטענווייז פלעגט ער זיך צושטעלען, ווי בעטראַכטענדיג, צו זאָל ער זיך ניט אומקעהרען צוריק, אָנצולערנען דעם הונד שמואל'ן, נור דאָ פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן זיין ענטשלאָסענעם אויסזעהן, פלעגט ער אַוועקגעהן נאָך שנעלער און מיט שרעק ארומקוקען זיך אַרום, ווי ער וואָלט פון עמיצען ענטלויפען. „וואַרט, דו טייערער, וואַרט—האָט ער זיך געטרייסט,— די ציעג וועט נאָך קומען צום וואָגען".

XII.

מערי טידמאַן צו סאָפיע אראנסאָן.

ג. מערץ, 1862

„דו קאָנסט דיר ניט פאָרשטעלען, מיין טייערע, ווי איך בין צופריעדען, וואָס אונזערע בעציהונגען האָבען זיך גאָר ניט אומ-

געענדערט און וועלען זיך ניט ענדערן, ווי איך האָף, דערפאַר, וואָס מיר זענען איבער אומגעריכטע אומשטענדען אַריינגעפאַלען אין צוויי בעזונדערע און פיינדליכע לאַגערען. דו רעדסט נור פון פוילען, דאָס אַזוי גערופענע פאָטערלאַנד, און איך... איך געפין זיך אין אַ קרייז, וואָס סימפאַטיזירט דערהויפט רוסלאַנד. פונ־דעסטוועגען האָף איך, אַז מיר וועלען בלייבען צווישען זיך די־זעלבע פריינד, ווי פריהער, ווארום אין תוך גענומען בינסטו אַזוי פיעל אַ פוילישע, ווי איך בין אַ רוסען, ד. ה. זעהר ווענינ. דער־וויל זענען מיר אונטערטאַנער, און אויב ביי אַ אונטערטאַן, אַ קנעכט איז דאָ אַ פאָטערלאַנד, דאַרפען מיר ניט לאַנג ברעכען דעם קאָפּ צו קלערען, וואו איז אונזער פאָטערלאַנד. היינט איז אונזער פאָ־טערלאַנד — רוסלאַנד, ווייל די מאַכט איז אין איהרע הענד, און מאָרגען, אַז די מאַכט וועט אַריבער צו פוילען, וועט פוילען זיין אונזער פאָטערלאַנד. אויב אָבער דאָס פאָטערלאַנד פון אַ מאַנשען דאַרף זיך רעכענען די קראַפט, וועלכע ער האָט ליעב מיט'ן הארצען און וועלכער ר'איז איבערגעגעבען מיט דער נשמה, דאַן קאָן אונזער פאָטערלאַנד ווערען נור יענע לאַנד, וואָס וועט אונז אָננעהמען אַלס קינדער. ווער וועט אונז אָננעהמען אַלס קינדער, רוסלאַנד צי פוילען, דאָס וועט די צייט ווייזען. דערוויל הייסט עס האָבען מיר זיך ניט וואָס צו פערשרייבען זיך פאַר פאַטריאָטען פון דעם אָדער יענעם לאַנד. דו מאַכסט אַ פערזוך מיט פוילען און מיט רוסלאַנד. און מיר דוכט, אַז דער אויפטהו פון דעם הי־גען קרייזעל און פון אייער קרייזעל מיט סאַרינען, אַדאָלף'ן און מאָזירסקין, איז אויך מעהר נישט ווי אַ פערזוך, נור אין אַ גרעסע־רען מאַסשטאַב. מיר אַלע זענען אָבער וויים פון פאָלינא'ס פאַ־נאַטיזם, ווארום זי איז גאָר אַ אויסנאַהם־כאַראַקטער.

„יאָ וועגען פאָלינא'ן. אונזערע בעציהונגען זענען איצט זעהר אָנגעצויגען. זי שרייבט מיר זעלטען און ניט גערן. זי איז אויף מיר ברוגז, ווייל איהר האָט ניט געלונגען צוצוציהען מיך צו דער פוילישער פאָהן. מיר דוכט, אַז זי האָט שוין אינגאַנצען אויפגעהערט מיך צו ליעבען, און אַנדערש אייגענטליך, קאָן עס ניט זיין, ווייל זי איז איצט אינגאַנצען פערליעבט אין פוילען. איך וואַרף איהר ניט אויף דערפאַר, ווייל איך ווייס, אַז ס'וועט ניט העלפען.

„איך קעהר זיך אום צו דיר, מיין טייערע. דו בינסט איצט און דו וועסט מיר שטענדיג טריי בלייבען. אונזער פריינדשאַפט איז אַזוי פעסט, אַז זי דאַרף ניט מורא האָבען פאַר די לויפענדע געשעהענישען אין דער געגענד. לאָמיר אויך ווייטער זיך טיילען מיט אונזערע איינדריקען און בעאָבאַכטונגען. דו גיב אַכטונג אויף די פּוילישע בעוועגונג, און איך אויף די רוסישע. ביי אונז ביידען וועט זיין גענוג אַרבייט און אונז וועט ניט זיין אומעטיג.

„מיט סאַרינס לייכטער האַנד איז ביי מיר די בעשעפטיגונג מיט דער רוסישער שפּראַך אַוועק מיט ערפאָלג. איך פערשטעה שוין אַלץ, וואָס איך לייען, און איך לייען זעהר פיעל. פשוט, איך שלינג די ביכער, און אין גיכען וועל איך געוויס שוין פּרעטענדירען צו זאָגען, אַז איך בין בעקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור. מיט איהרע גרויסע בין איך שוין בעקאַנט, אָט וועל איך דיר זיי אויסרעכענען: קרילאָוו, גריבאָיעדאָוו, פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו און אָסטראָווסקי. אויב דו ווילסט קען איך דיר זיי כאַראַקטעריזירען: קרילאָוו איז דער רוסישער לאַפאָנטען, ווען מ'זאָל עס נאָך כפל'ען אויפ'ן דייטשען פפעפעל; גריבאָיעדאָוו איז — באָמאַרשע אין מיניאַטור; פּושקין איז — אַ בעגייסטערטער... סטיליסט; לערמאָנטאָוו entant terrible וואָס יאָגט זיך נאָך דעם שאָטען פון דעם ריעז ראָן; גאָגאָל איז אַ רעאַליסט ביז ציניזם; טורגעניעוו — אַ פּאָרטרעטיסט און צוזאַמען אויך אַ קינסטלער און ניט קיין קליינער; די פאַנטאַזיע איז ביי איהם, ווי ביי אַלע רוסישע שריפטשטעלער, ניט זעהר אַ רייכע, נור די פּענזיל איז אַ מייסטערהאַפטע; גאָנטשאַראָוו — אַ מאָהלער אַ טענדענציעזער, און אָסטראָווסקי — אַ לעבענס־שרייבער, אַ זשאַנר־שילדערער, מיט וועלכען עס קאָן ענטציקט ווערען נור אַזאַ, וואָס איז אַ מבין אויף דעם רוסישען זשאַנר, איך אָבער פערשטעה ניט דעם זשאַנר.

„ווען אַפילו קיין איינעם פון די אויסגערעכנטע רוסישע קלאַסיקער קען מען ניט אָננעהמען אַלס אַ גרויס פון ערשטען ראַנג, פונדעסטוועגען קען מען זיי אַלעמען לייענען מיט פערגניגען און זאָגאַר מיט נוץ. זיי זענען מיר געפעלען געוואָרען. פאַר דאָס אַליין האָב איך זיי שוין ליעב, וואָס זיי זענען ניט סענטימענטאַל. זיי פערהאַלטען זיך צום לעבען סקעפּטיש, סאַטיריש, פּע־

סימיסטיש, און דאָס לעבען איז ניט ווערטה קיין אנדער בעציהונג, ווי דו ווייסט, בין איך אַ פעסימיסטען, און כ'בין זעהר דאַנקבאַר ה' סאַרינען, וואָס ער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין דעם קרייז פון געדאַנקען־גענאָסען. אַלס צייכען פון דאַנקבאַרקייט וועל איך איהם אַ סורפריז מאַכען: כ'וועל איהם אַ בריעף אָנשרייבען אויף רוסיש! דאָס וועט איהם דערפרעהען: ער וויל דאָך אַזוי, אַז יודען זאָלען ריידען, שרייבען און דענקען אויף רוסיש! פאַרוואָס זאָל איך ניט צושמייכלען זיין idée fixe די גראַמאַטישע פעה־לערען וועט ער מיר מוחל זיין: צי דען וועט ער שוין ניט זיין אויף אַזוי פיעל גרויסמוטיג?

„יאָ וועגען סאַרין. זיין אָבפאָהרען האָט זיך דאָ זעהר שטאַרק געלאָזט פיהלען. אונזער קרייזעל האָט אָנגעהויבען אָפט צו ליידען פון דער מיינונגס־פערשיעדענהייט צווישען די מיט־גליעדער. יעדערן גלוסט זיך צו זיין דער ערשטער און גרעסטערן און דערפון נעהמען זיך די מחלוקת, דער אַזאַרט פון ליידענשאַפ־טען און די אונאָרדנונג. פאַר סאַרינען איז עס ניט געווען: אַלע האָבען זיך איהם אונטערגעגעבען, און קיינער האָט גאַר ניט גע־פיהלט, וואָרום ער האָט דאָס ניט געלאָזט מערקען. ביי זיינע חברים פעהלט אָבער אויס דער נויטיגער טאַקט צום אָנפיהרען דעם קרייזעל, פרוי ליפּמאַן האָט איצט נור איין עסק, שלום מאַ־כען צווישען די צוקריגטע און בעוואָהרען פון סקאַנדאַלען. נור זי איינע האַלט אויף די אָרדנונג, אָהן איהר, וואָלט פון דעם קריי־זעל לאַנג שוין קיין זכר ניט געבליעבען.

„איך האָב שיער ניט פערגעסען מיטצוטיילען דיר, אַז אין אונזער קרייזעל איז דאָ ניט לאַנג צוגעקומען נאָך אַ מיטגליעד... אַ קריסט, אַ רוס. דער מיטגליעד איז — דער אָפיציער דובאָוו, פון דעם היגען פּאָלק. צופעליג האָט ער אָנגעטראָפען צו אונז. אין אַ קאָנדיטעריי ביים ביליאַרד האָט ער זיך בעקענט מיט איי־ניגע פון אונז, האָט ער זיך פעראינטערעסירט און האָט זיך אויס־געדריקט, אַז ער וואָלט וועלען נעהנטער בעקאַנט צו ווערען מיט דער יודישער יוגענד. האָט מען איהם אַריינגעפיהרט אין אונזער קרייזעל. איז ער אַזוי ענטציקט געוואָרען פון דער ריכטונג און פון דעם ציעל, אַז ער האָט פשוט געבעטען, מ'זאָל איהם ערלוי־בען צוצושטעהן אויך צום קרייזעל. האָט מען איהם פערשריעבען

פאר א מיטגליעד, און איצט איז ער אינגאנצען אונזערער. ער האט אונז מודה געווען, אז ביז אהער האט ער פון יודען געוואוסט נור דאס, וואס ער האט געהערט פון אנדערע, ד. ה. ר׳האט געוואוסט די געזעלשאפטליכע מיינונג, וואס הערשט וועגען אונז אין דער קריסטליכער וועלט, און די מיינונג, ווי בעוואוסט, איז ניט לטובתנו. איצט אבער, האט ער זיך איבערציינגט, אז די מיינונג איז נור א פאראורטייל, און ער האלט, אז יעדער עהרליכער מענש איז פערפליכטעט צו קעמפפען געגען אט דער מיינונג

ה׳ דובאוו איז א דענקענדער מענש, לעזט א סך און איז א גרויסער פאטריאט. זיינע הומאנישע, אויפגעקלעהרטע מיינונגען וואונדערן אונז נאך מעהר, וויבאלד ער בעזיצט ניט קיין איין פרעמדע שפראך, הייסט עס, אז זיינע מיינונגען זענען אלץ אייגענע, און ניט געבארגטע פון די אייראפעאישע ליטעראטורען. ער איז א איידעלער און אויפריכטיגער מענש, וואס אויף דער לונג, דאס אויף דער צונג, איצט רעדט ער נור דערפון, אז מ׳דארף רוסיפיצירען די יודען, און ער ארבייט דערויף מיט גרויס ענערגיע. וועגען אונז צופויקט ער איבער גאנץ רוסלאנד. ער האט גרויסע פערבינדונגען אין פעטערבורג און אין מאסקווע. „מיר וועלען אייך ניט אבלאזען די פאליאקען — שרייבט ער — מיר וועלען ניט אבלאזען אייך, ווי מיר וועלען ניט אבלאזען די מערב-געגענד. איהר דארפט געהערען צו אונז, צו רוסלאנד!... איהר זענט א גוט פאלק און א מיושב׳דיג, און א רוס איז א גוטער, מיר וועלען מיט אייך דורכקומען". ווי געפעלען עס דיר די קאמפלימענטען וואס די פאליאקען גיבען אונז פון איין זייט און די רוסען — פון צווייטען? ווער האט זיך עס געקאנט ריכטען דערויף, אז מיר, וועלכע מ׳האט שטענדיג מיט די פיס געטראטען, וועלען פלוצלונג ווערען אזא טייערע מציאה, אז צוויי פעלקער זאלען זיך פאר אונז קריגען!... איינס פון די ביידע: אדער די פאליאקען מיט די רוסען צוזאמען האבען דעם דעת פערלארען, אדער מיר אליין האבען ביז איצט ניט געוואוסט אונזער ווערטה. ווי ס׳איז, מוז מען זאגען, אז מיר לעבען איצט איבער זעהר א אינטערעסאנטע צייט, א רייכע אין אנגענעהמע סיורפריזען און אומגעריכטע ענדערונגען. חאטשי דאס אליין, וואס מיר האבען א חשק בעקומען צו ווערען עפעס, ווער א רוס און ווער א פאליאק, — דאס גופא איז שוין א סיור-

פריז, וואס אונזערע עלטערן האָט זיך עס גאָר ניט געחלומ׳ט, און דאָס דוקא פערשפרעכט פיעל גוטעס אין דער צוקונפט... נור לאָמיר בעסער ריידען וועגען דער געגענוואַרט.

„א דאַנק דער מיה פון ה׳ דובאָוו איז מיט צוויי וואָכען צוריק ערעפענט געוואָרען בײַ אונז אין שטאָדט א לעזע־זאַל, א קלוב במעט, אויף סאַמע דעמאָקראַטישע יסודות. אונזערע יודען זענען ניט נור ניט דערוויײטערט פון בעטייליגען זיך אלס מיטגליעדער, נור אייניגע זענען זאָגאַר בעשטימט געוואָרען אלס דירעקטאָרען פון קלוב. די היגע הויכגעשטעלטע בעאַמטע האָבען צום גונסטען פון דעם לעזע־זאַל גרויסע נדבות געגעבען, מזומן־געלד און ביכער. די רוסישע רעדאַקטאָרען און ליטעראַטען האָבען נאָכ׳ן ערשטען אויפרוף צוגעשיקט אונז אומזיסט זייערע אויסגאַבען, און רוסישע ביכער איז בײַ אונז איצט איבער־גענוג, ס׳זאָל נור חשק זיין צום לעזען. איבריגענס, קאָן מען זיך ניט בעקלאָגען אויך אויף מאַנגעל אין חשק: ה׳ דובאָוו זאָגט, אַז פון פריה ביז אָווענד, זענען די לעזע־זאַלען פול אָנגעפאַקט מיט יודען פון פערשיעדענעם עלטער. ער איז אויסער זיך פון נחת, און ס׳איז קיין חידוש ניט: דאָס איז אינגאַנצען זיין אויפטהו. איהם אַליין אפשר האָבען מיר צו דאַנקען פאַר די דערנעהנטערונג צו די קריסטליכע קרייזען, וועגען וואָס אונזערע פאָרגעשריטענע לייט חלום׳ען ערשט אין פרעדיגען. אויסער דעם לעזען, בעקענט מען זיך אויך אין לעזע־זאַל און מען דערנעהנטערט זיך. מצד די קריסטען בעמערקט מען זעלטענע גע־פעליגקייט. ס׳זענען הוילע נסים.

ה׳ דובאָוו רעכענט די טעג צו זיין בײַ אייך. מיט אייער קרייזעל שרייבט ער זיך שוין דורך און ער וויל נעהנטער בע־קאַנט ווערען און דערבײַ מיטהעלפען אייך צו עפענען דאָרט א לעזע־זאַל, ווי בײַ אונז. דערצו זעהט ער איצט צו בעקומען רעקאָמענ־דאַציע־בריעף צו דער העכערער אַדמיניסטראַציע פון דער געגענד. מ׳קאָן האָפען, אַז ער וועט עס אויספיהרען, וואָרום ער איז אונ־ערמיעדליך און איז היים איבערגעגעבען דער אידעע, וואָס ער האָט פאַר זיך אַלס ציעל געשטעלט. ווי מיר איז בעוואוסט פו מאַרינס בריעף צו פרוי ליפמאַן, ריכט מען זיך אין אייער קרייזעל אויף דובאָוו׳ן מיט אונגעדולד און מיט צושפרייטע אָרעמס. ער איז איצט עפּעס זעהר נויטיג פאַר אייער קרייזעל...

„דוכט זיך, גענוג. אויב דו וועסט אָבציהען מיט'ן ענטפער, וועל איך דיך בעשטראָפען מיט נאָך אַ גרעסערן בריעף. קיין שטראָף וועט ניט אויספעהלען: יעדען טאָג איז דאָ פיעל נייעס. ס'איז ניט לאַנגווייליג. מיר, אַלענפאַלס, איז ניט אומעטיג. איז דען מעגליך איצט צו לאַנגווײלען? די צייט איז אזא ברענענדע!...

III-טער טהייל

דריטער טייל.

גראַף טענטשינסקי.

1.

דער גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי, געוועזענער גובערנסקער־מאַרשאַלאָק און איצט קאַמערהער, אַ מאַנספּערזאָן פון אַ יאָהר פינף און פיערציג, מיט אַ אונגעוועהנליך ענערגישען פּנים, מיט עטוואָס אונטערגעשאָרענע שוואַרצע געקרייזעלטע האָאָר און זעהר לאַנגע וואָנצעס געגראָהטע, — האָט אין אַ פריה־מאָרגען אין אַפּריל 1862, אַרומגעשפּרייזט הין און הער אין זיין קאַבינעט, רויכערנדיג פון אַ מאַסיווער זילבערנער ליולקע מיט זעהר אַ לאַנגען און דיקען טשערקעשנע ציבוק. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ שוואַרצער סאַמעטענער טשיומאַרקע, אַזאַ וועסט אויך און שאַראָוואַרען, וואָס זענען געווען פערשטעקט אין הויכע ניט דורכגעצענרע שטיוועל מיט זילבערנע שפּאָרען. אויף דער וועסט האָט זיך געפלאָכטען, ווי אַ פונקלענדער שלאַנג, אַ גאַנץ מאַסיווע שטאָהלענע קייט, וואָס האָט ניט זעהר צוגעפּאַסט צו זיין פיינעם און טייערן מיניאַטיור־חראָנאָמעטר. ער האָט אַליין אַנערקענט, אַז די שטאָהלענע קייט מיט דעם דאַמען־זייגער׳ל זענען גאָר קיין פּאָר ניט, נור מיט דעם זייגער האָט ער זיך קיינמאָל ניט געשיידט, ווייל ער האָט עס בעקומען אַ מתנה פון דער פּרינצעסין מאַטילדאַ, אַ שוועסטער־קינד דעם קייזער פון פראַנקרייך, בעת זיין רייזע אין דער

שווייץ. אזוי אלענפאלס האט ער דערצעהלט וועגען זיין פיינעם חראנאמעטער, וועלכען ער האט מיטגעבראכט פון איסלאנד צו־זאמען מיט פיעל אנדערע פיינע צאצקעס און אנטיקען.

גראף באלעסלאוו טענטשינסקי, וואס זיין פאטער האט זיך עפעס אין גאנצען און אונבעשעדיגט ארויסגעדרעהט נאך דעם אויפשטאנד פון יאהר 1831, וואו ער האט זיך זעהר טעטיג בע־טייליגט, — האט אין דער יוגענד געדיענט אלס הוסאר און האט דערדיענט ביז׳ן טיטעל מאיאר. צו פינף און צוואנציג יאהר האט ער חתונה געהאט מיט א יורש׳טע פון זעהר א רייכען פערמעגען, וואס האט נאך מעהר פערגרעסערט זיין אייגענעם אונגעהויערן אייגענס, האט ער זיך אבגעזאגט פון דיענסט און האט זיין הויז־פיהר אוועקגעשטעלט מאגנאטיש און האט מיט זיין ארט לע־בען ארויסגערופען פערוואונדערונג און קנאה ביי די ארומיגע שליאכטע, וואס האבען ערשט אנגעהויבען צו זיך צוקומען פון די צורואינירונג אין איין־און דרייסיגסטען יאהר. ניט נור אין דער גובערניע, נור אין דער גאנצער געגענד ארום האבען אלע גע־רעדט און זאגאר שטאלצירט מיט זיינע פערד, קארעטעז, היידוקען, בעלער, גע׳עג, קארטען־שפיעלען, מיט זיינע פערשווענדערישע שגעונות און נדבות אויף קאסטיאלען און אנדערע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען. מ׳האט אנגעהויבען צו קוקען אויף איהם, ווי אויף אזעלכען, וואס האט צוריק אויפגעלעבט די צייטען פון די ראדזין וויל׳ס, פאטאצקי׳ס, סאפעגי׳ס, אגינסקי׳ס און די איבעריגע פוילישע מאגנאטען מיט זייערע אונגעהויערע עשירות און לעגענדארישער לוקסוס, וואס האט דערגרייכט ביז משוגעת. ער האט עס געוואוסט און האט נור אויפהאלטען געוואלט די שמייכלענדע מיינונג וועגען איהם. ער האט געפראוועט שמחות נאך שמחות, זומער אין זיין שטעדטישען פאלאץ און ווינטער אין זיין צווייטער־שלאס אויסערן שטאדט. אויף די שמחות האט מען אויסגעבראכט גאנצע פעסער אויסלענדישע וויינען און די היימישע „אלטיטשקע“ (אלטע בראנ־פען). ס׳איז אבער געווען א צייט, אז גראף טענטשינסקי האט שיער ניט אנגעוואהרען אלע זיינע פאמיליען־גוטען. אין אנפאנג פון די פיערציגער יאהרען איז ער שטארק קאמפראמענטירט געווען אין דער ניט געלונגענער פערשווערונג פון קאנא־סקי. און נור עפעס על־פי נס, ווי דער פאטער זיינער, איז ער דערפון ארויס אונבע־

שעו״ינגט, דאַן האָט ער אויף אַ צייט פערלאָזען די געגענד און האָט
זיך געלאָזט אויף דער רייזע איבער אייראָפּע. דורכרייבענדיג זיך
גענוג צווישען די פּוילישע עמיגראַנטען, וועלכע ער האָט בעגע=
גענט אויף יעדעם שריט, האָט ער זיך אין אָנפאַנג פון די פופצי=
גער יאָהרען צוריקגעקעהרט אין דער געגענד אָהן דער פרוי, וואָס
איז איהם געשטאָרבען אין רוים, אָהן דער גרעסערער העלפט פון
זיין פערמעגען, וואָס ער האָט טיילוייז פערשווענדט אין פאַריז און
טיילוייז פערשפּיעלט אין וויסבאַדען און האַמבור. דערפאַר אָבער
איז ער צוריקגעקומען מיט אַ סך פּאַטריאָטיזם און פיעל פּלענער
„אויפצובויען דאָס פאָטערלאַנד”. מ׳האָט איהם אויסגעוועהלט פאַר
אַ מאַרשאַלאָק, וואָס האָט איהם די מעגליכקייט געגעבען צו בע=
קענען זיך מיט די אויסזיכטען, שטרעבונגען און מיטלען פון זיין
שטאַנד און צו צוגרייטען זיך צו דער ראָלע, וועלכע ער האָט גע=
וואָלט שפּיעלען אין דער צ׳קונפט. אַז מען האָט איהם, פון וואַנען
מ׳האָט בעדאַרפט, מודיע געווען, אַז ס׳איז פאַרטיג”, האָט ער זיך
אָבגעזאָגט פון דער מאַרשאַלאָק=אַמט, אום צו זיין פאָלשטענדיג פריי.

אין דער צייט פון די בעשריעבענע געשעהענישען איז דער
גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי געווען איינער פון די הויפּט=ווילען
פון דעם אַזוי=גערופענעם פאָלקס=זשאָנד, Naczelnik miasta
וואָס האָט אין זיינע הענד געהאַט אַלע פעדים פון דער פּוילישער
בעוועגונג אין מערב=קאַנט. אַלע האָבען פאַר איהם מורא, פאָל=
גען איהם, ער קאָן אין נאָמען פון פאָטערלאַנד בעשטראָפען און
בעגנעדיגען. אַלס איינער פון די רייכסטע גוט=בעזיצער האָט ער
אַ גרויסען אויטאָריטעט געהאַט צווישען די שליאַכטעס, און אַלס
געוועזענער מאַרשאַלאָק האָט ער גרויסע פערבינדונגען געהאַט
אין די העכערע רעגירונגס=קרייזען, וואו ער האָט אויפגעהאַלטען
די קענטשאַפט, וואָס איז נויטיג געווען פאַר׳ן ערפאָלג פון זיינע
ענינים. מ׳דאַרף אָנערקענען, אַז ער האָט די זאַך געפיהרט קלוג,
פאָרזיכטיג און פעסט. פון צייט צו צייט פלעגט ער מאַכען וויזי=
טען די אָרטיגע אַדמיניסטראַטיווע פאָרשטעהער, אויפנעהמען זיי
בּיי זיך, אַלס בעוויז, אַז ער האָט קיין שום שייכות ניט צו דעם,
וואָס עס קומט פאָר אין דער געגענד. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע
האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ פריעדליכען, בערעכענטען, און זי=
כערען פּאָליאַק, וואָס איז גענוג איבערגעגעבען דער רוסישער

רעגירונג, וועלכע האָט איהם טיטלען און אָרדענס געגעבען. גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי איז — ווירקליכער סטאַטס=ראַטט, קאַמערהער און קאַוואַליער פון פערשיעדענע אָרדענס, הייסט עס אַ הויך=געשטעלטער בעאַמטער, וואָס איז מיט רוסלאַנד מעהר פערבונדען, ווי מיט דער ניט=עקזיסטירענדער פוילען. און דאָס האָט איהם גראָד געפּאַסט; ער האָט דערמיט עררייכט אַ דאָפּעלטען ציעל ערשטענס, האָט ער אָבגעווענדעט די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַדמיניסטראַציע פון זיין געהיימער טעטיגקייט, און צווייטענס האָט ער געזעהן, אַז די אַדמיניסטרציע זאָל טהון דאָס, וואָס עס פּאַסט פאַר זיין טעטיגקייט. דורך אינטריגעס און „שטילע רייד" פלעגט איהם אָפט געלינגען אָנציפעפערן יענע, וואָס זענען שעדליך און אַ וועג מאַכען פאַר די, וואָס זענען נוצליך פאַר די פוילישע אינטערעסען. די פוילישע און רוסישע בעאַמטע האָבען עס דערשפירט און האָבען געזעהן געפעלען צו ווערען דעם מעכטיגען גראַף.

נור אום צו פערזיכערען זיך נאָך מעהר, האָט דער גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי, אַלס פאָרזיכטיגער און פאָראויסזעהענדער מאַן, אויסגעשריעבען פון פעטערבורג זיין פלימעניק ניקאָליי און די פלימעניצע יוליאַ קרוטיצקי׳ס. ניקאָליי׳ען אַלס קלוגען און זעהר געשיקטען יונגען=מאַן האָט ער אַריינגעגעבען אַלס אַדיוטאַנט צום גענעראַל, און אַזוי איז ער אין נשמה אַריין צום סאַמע ערשטען פערזאָן אין דער געגענד, און יוליאַ אַלס הויך=געבילדעטע פריילין, זעהר אַ קלוגע און אַ זעלטענע שעהנהייט, האָט געדאַרפט בלייבען ביי איהם, אַלס בעגייסטערונגס=קראַפט פאַר די פוילישע יונגע=לייט און אַלס צוציהונגס=און פערגיטיגונגס=קראַפט פאַר אַלטע רוסען, וואָס מ׳וועט אַמאָל דאַרפען אָנקומען צו זייער שוץ און פערטיידיגונג. די פוילישע פרויען, ווי בעוואוסט זענען שוין פון לאַנג אָן געוועהנט געווען צו אַזעלכע ראָליען, און זיי האָבען עס אַלע מאָל אויסגעפיהרט מיט מעהר אָדער ווייניגער ערפאָלג. דעם גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי איז עס בעוואוסט געווען מעהר, ווי אַנ׳אַנדערען. די גאַנצע געגענד האָט זיך פערוואונדערט, ווי אַזוי דער פאָטער זיינער אין אָנפאַנג פון די דרייסיגער יאָהרען און ער אַליין, אין אָנפאַנג פון די 40=ער יאָהרען האָבען זיך געראַטעוועט פון קאָנפיסקאַציע און פערשיקונג, מ׳האָט עס גע=

האלטען פאר א נס, פאר איהם איז עס אבער קיין סוד ניט גע־וועז, אז דער פאטער זיינער און ער זעגען געראטעוועט געוואָרען—דער ערשטער — א דאנק זיין שענער מוטער און ער — א דאנק דער שענער פרוי. אזא קמיע האט איהם געזאָלט זיין אויך די פלימע־ניצע, וואָרום דער פאמיליען כלל פון די גראפען טענטשינסקי איז געווען צו לעבען פאר דאס פאטערלאנד, און ניט צו שטאר־קען פאר איהם, און דער גראף באלעסלאוו האט זיך שטרענג גע־האלטען אָן דער טראדיציע פון זיין גערי‏המטער פאמיליע.

ווי נור דער זייגער האט געשלאָגען עלף, איז דער גראף טעטשינסקי, רויכערענדיג זיין ליולקע, צוגעגאנגען צום שרייב־טיש און האט אָנגעדריקט א ספראָנזינקע. אין טהיר האט זיך בעוויזען א לאָקיי.

— פראָנדקעוויטש'ן! —האט דער גראף ארויסגעזאָגט מיט זיין באס־שטים און האט פון מויל ארויסגעלאָזט א גאנצען וואָל־קען רויך.

דער לאָקיי האט זיך א נויג געטהון און איז פערשוואונדען. אין צוויי מינוט ארום איז אין קאבינעט אריינגעקומען א קיילעכדי־גער ניעדעריגער מאנספערזאָן פון מיטעלע יאָהרען, אין א טשאַ־מארקע פון גראָהע געוואנד, מיט בלאָהע ברילען אויף דער האָר־באטער נאָז, מיט א גרויסען פליך אויפ'ן גרויסען קאָפּ און מיט א שווארצען פאָרטפעל אונטערן אָרעם. דאס איז געווען פאן פראָנד־קעוויטש, דער סעקרעטאר פון פאָלקס זשאָנד, — א ארבייטס־מאָן, א פערשטענדיגער, א שטילער און פאָלגעדיגער. טיעף נויגענדיג זיך פאר'ן גראף, האט פאן פראנדקעוויטש געפרעגט:

— שרייבען?

— שרייבען,—האט דער גראף געענטפערט.

— אויף בלאנקען?

— אויף בלאנקען.

פאן פראָנדקעוויטש האט צונויפגענומען די נויטיגע מאַ־טעריאלען, האט זיך געזעצט צום שרייב־טיש און געזאָגט:

— פארטיג, אייער עקסעלענץ.

דער גראף באלעסלאוו האט אוועקגעשטעלט די ליולקע אין א ווינקעל, האט די הענד איבערגעפלאָכטען אויפ'ן ברוסט, האט

גענימען אַרומשפּרייזען איבערן צימער און האָט אָנגעהויבען צו דיקטירען:

„צום פּערוואַלטער איבער וו—נער פּאָוויאַט. דאָס פּאָלקסזשאָנד בעפּאָלמעכטיגט אײַך צו בעגעהן זיך מיט די פּעררעטער פוג׳ם פאָטערלאַנד לויט אײַער אײַנזעהן, דערבײַ דאַרפט איהר אָבער האַנדלען שטרענג לויט דער גערעכטיגקייט. זייער פּערזאָן און פּערמעגען דאַרפען ניט געשיצט ווערען דורך די געזעצען, בּיז ווּאַנען זיי וועלען ניט ערקלערן זייער פאַלשטענדיגע הכנעה צו דער אײַנגעשטעלטער מאַכט“.

— דער אײַנגעשטעלטער מאַכט, — האָט אַרויסגעזאָגט פאַן פראַנדקעוויטש, דער שרייבענדיג די ווערטער.

— ווייטער. „די מיליטערישע עקזעקוציעס זאָלען פאָרקומען אָפּטער. קיין פּולווער זאָל מען ניט זשאַלעווען. איין מאָל אין מאָנאַט זאָל מען מאַכען מאַניעווערען אין די וועלדער, וואָס ווייטער פון פאָסט־און דאָרפס־טראַקטען. דער איספּראַווניק וועט אומגעביטען ווערען. דער פאָרשלאַג פון די יונגע גוט־בעזיצער אין אײַער אויעזד ווערט אָנגענומען מיט דאַנקבאַרקייט. די טעג ווען וועגען דעם קומען די געהעריגע פעראָרדנונג. די נאָמינאַציעס וועלען אײַך צוגעשטעלט ווערען גלייך, ווי מען וועט עס בעקומען פון צענטראַל־קאָמיטעט. די מיטטיילונגען זאָל מען אַדרעסירען אויף מיין נאָמען“. אָנגעשריבען?

— אָנגעשריבען,—האָט געזאָגט פאַן פראַנדקעוויטש.

— נעהמט אַ צווייטען בלאַנק און שרייבט:

„צום קסיאָנדז ד. אין ק. מיר האָבען מיט אַנגסט זיך דערוואוסט, אַז די געזעלשאַפט פאַר ניכטערקייט אין אײַער פּאַראַפיע איז אינגאַנצען צערפאַלען, די פּויערים האָבען פערגעסען זייער נדר און זענען ווידער פול און פול אין די שענקען און פערטרינקען דאָרט זייערע מותרות און זייער ענערגיע, וואָס זענען נויטיג צום בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד. האַלטענדיג, אַז דער טרויעריגער פאַקט שטאַמט פון די אינטריגעס פון די אַקציז־בעאַמטע און די זשידעס, ווי אויך פון אײַער שוואַכער ווירקונג, בעפעהלען מיר אײַך אַ מ ש ט ר ע נ ג ס ט ע ן (שטרייכט אונטער דאָס וואָרט), מיט דער ערלויבנים פון זיין עמינענציע, דאָס איהר זאָלט אָננעהמען ענערגישע מיטלען געגען די אונאָרדנונגען, וואָס זענען שעדליך

פאַר אונזער היילינגען ענין, איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווערט גע־זאָגט, אַז איהר דאַרפט צוגעוועהנען די פויערים שטרענג צו פאָלגען דעם קאָסטיאָל און די גייסטליכע מאַכט. שרעקט זיי אָן מיט'ן אָבזאָגען פון קאָסטיאָל, מיט'ן פויפסט'ס קללה א. ז. וו. אַז די פויערים וועלען אַייך אויפהערען צו פאָלגען, וועלען זיי אונבע-דינגט אָנהויבען צו פאָלגען די מאַסקאַליעס, און דער זשאַנד וועט אַייך שטרענג בעשטראָפען דערפאַר".

פאַרטיג?

— פאַרטיג, אַייער עקסעלענץ.

— איצט אויף פּאָסט־פּאַפּיער, אָהן אַ נומער. דעם העררן אינזשענער פון קאָמוניקאַציע, דעם קאַפּיטאַן וו. אין ג.

„ווי איהר וועט בעקומען די דימיסיע, דאַרפט איהר תיכף קומען אין שטאָדט נ. איהר דאַרפט אַריינקומען צום קאָרנעט ניקאָליי קרוטיצקי, אַדעל־גאַס, № 7, אין פליגעל. Haslo: „albo teraz, albo nigdy".

— פאַרטיג, — האָט אַרויסגעזאָגט פאַן פראָנדקעוויטש.

— איצט שרייבט שיפער אויף אַ בלאַנק:

„אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּאָלקס־זשאָנד. מיט די היגע באַנקירען האָב איך גאָר נישט ניט געקאָנט אויספיהרען: געלד אַריבערפיהרען נעהמען זיי זיך אָן, אָבער פון אַריינפיהרען גע־וועהר זאָגען זיי זיך אָב לחלוטין, זיי זאָגען, אַז דאָס איז פאַר זיי צו ריזיקאַל. פון די זשידעס האָט מען זיך ניט געקאָנט ריכטען אויף אַנ'אַנדער ענטפער. ס'וועט אויסקומען אָנצוקומען צו דער הילף פון דעם נ—ער באָטשאַפט. פערבינדט בעציהונגען מיט פאַריז, אום ס'זאָל ניט זיין קיין אָבהאַלט. מעראָסלאַווסקי'ס נאָמען איז שוין פּאָפּוליער אין געגענד. מ'וועט איהם אויפנעהמען מיט התפעלות. ווי געהט עס צו מיט'ן צוציהען אָפיציערען. ס. האָט זעל־טען אָבגעפיהרט מיט די היגע נאַראָנים. זיי האָבען איהם אויף די הענד געטראָגען און האָבען זיך געשלאָגען פאַר איהם. ביי זיין לעצטער נסיעה האָט ער קיין צייט ניט געפונען איין מאָל אַפילו צו מיטטאָגען ביי מיר". פאַרטיג?

— פאַרטיג.

— הייסט עס, זענט איהר שוין פריי, — האָט דער גראַף געזאָגט און האָט זיך ווידער גענומען פאַר זיין לולקע.

דער סעקרעטאַר האָט צונויפגעלעגט די פּאַפּירען, האָט זיך ניעדעריג אַ נויג געטהון און איז אַרויסגעגאַנגען.

II.

אַז פראָנדקעוויטש איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער גראַף צואויפגענומען די פערפערטיגטע פּאַפּירען, האָט זיך געזעצט אויפ'ן סאָפקע און גענימען לייענען. איבערלייענענדיג, איז ער צוגעגאַנגען צום וואַנד, וואָס האָט אין פלוג אויסגעזעהן אינגאַנצען גלאַט, האָט אויף אַ געוויסען פּונקט אָנגעדריקט מיט'ן גראָבען פינגער, זענען פון וואַנד אָבגעשפּרונגען טהירלעך פון אַ גאַנץ היבשער שאַפע מיט פיער פּאָליצעס. אויף דער אויבערשטער פּאָליצע איז צווישען פערשיעדענע זאַכען געשטאַנען אַ קעסטעלע, בעשלאָגען מיט שוואַרצען לעדער. דער גראַף באָלעסלאַוו האָט דאָס דאָזיגע קעסטיל אַראָבגענומען און אַוועקגעשטעלט אויף זיין שרייב־טיש אין קעסטעלע האָט זיך געפונען די חתימה פון פאלקס־זשאַנד מיט די פאַרב א. ז. וו. דער גראַף האָט מיט דער חתימה געזיעגעלט די פערפערטיגטע פּאַפּיערען און האָט דאָס קעסטיל צוריק אויפ'ן אָרט אַוועקגעשטעלט און האָט פערמאַכט די טהירען. ער האָט ווידער פעררויכערט די ליולקע און האָט אַרויסגערופען דעם לאָקיי:

— פאַן אַנדריי איז נאָך ניט געקומען? —

— ער איז דאָ ערשט געוועזען און איז אַריין צו דער פריילין.

— בעט איהם אַריין אַהער.

— איך הער, אייער עקסעלענץ.

אין עטליכע מינוט אַרום איז אין קאַבינעט אַריין פאַן אַנדריי, האָט זיך גאַנץ פריי אָבער מיט עהרפורט אַ נויג געטהון דער גראַף האָט איהם דערלאַנגט צוויי פינגער פון דער לינקער האַנד.

— איהר האָט נאָך מיר געשיקט? — האָט פאַן אַנדריי געפרעגט מיט אַ זיסען שמייכעל.

— יאָ, — האָט דער גראַף געענטפערט, — כמעט מיט כעס, — איך האָב נאָך דיר געשיקט, אום אויסצורייד ען דיר.

פאַן אַנדריי האָט אויפגעהערט צו שמייכלען.

— מיט וואָס האָב איך זיך פערשולדיגט?

— דערמיט, — האָט דער גראַף געענטפערט, — וואָס

דיינע אויפזועהער זענען גולמ׳ס און מיר צאָהלען זיי אומזיסט געהאַלט. וואָס קוקען זיי און וואָס וויסען זיי? — גאָרנישט.

— איך טייל מיט, דוכט זיך, יעדען טאָג אייער עקסעלענץ וועגען אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין שטאָדט, — האָט זיך פאַן אַנדריי פערענטפערט.

— דו טיילסט מיט?! — האָט דער גראַף אויסגעשריען און האָט איראָניש אַ שמייכעל געטהון, — ד. ה. דו טיילסט מיט, אַז אין אַזאַ און אַזאַ הויז האָט מען געשפּיעלט אין פּרעפעראַנס, און דאָ האָט מען זיך געקריגט, דער איז אָבגעפאָהרען, און יענער איז געקומען צו פאָהרען, דער האָט בעשטעלט פאַר זיך אַ טשאַמארקע, און יענער האָט אויסגעשריבען פון פעטערבורג אַ ענגלישען קאַפּעליוש. צו דאָס דאַרפען מיר דען וויסען? צו דערויף דאַרפען מיר האַלטען אַ גאַנצען שטאַט שפּיאָנען, וואָס קאָסטען אונז גאָר ניט ביליג?

פאַן אַנדריי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז רויט געוואָרען, ווי אַ שילער, וואָס דער לעהרער מאַכט איהם פאָרווירפע פאַר׳ן ניט קענען די לעקציע.

— און דערויף, אויף וואָס מ׳דאַרף אַכטונג געבען, גיבען זיי ניט אַכטונג, — האָט דער גראַף אָנגעהויבען מיט אַ העכערן טאָן. — זאָג זשע מיר, דו בינסט דאָך דער פערוואַלטער איבער די אויפזועהער, צו ווייסטו, וואָס ס׳טהוט זיך איצט אין שטאָדט, עפּעס וויכטיגערעס, ווי די קיך-נייעס? וואָס, ווייסט ניט! הער זשע, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט ניט פון דיינע אויפזועהער:

דער גראַף האָט זיך געזעצט אויפ׳ן סאָפקע, האָט אויסגעצויגען די פיס, צונויפגעפלאָכטען די הענד און האָט אָנגעהויבען:

— אין שטאָדט האָט זיך געבילדעט אַ באַנדע ליידיג-געהער, וואָס האָבען ברעה ניט מעהר און ניט וועניגער ווי צו רוסיפיצירען די זשידעס! דו פערשטעהסט? ס׳איז נאָך וועניג, וואָס זיי זענען ניט מיט אונז, זענען זיי נאָך דירעקט געגען אונז. וועגען דעם האָסטו געהערט?

— ניין, — האָט פאַן אַנדריי אַרויסגעזאָגט שטיל, און האָט ניט געוואַגט אויפצוהויבען די אויגען אויף זיין בעשולדיגער.

— אָט זעהסטו, — האָט דער גראַף באַמירט מיט נצחון. — דיינע אויפזועהער זענען גרויסע חוואַטען אויף נאַרישקייטען, אָבער

אַ ענין, דעם רעכטען ענין פֿערשטעהען זיי ניט. דעריבער האָבען
די מאָסקאַליזאַטאָרען (רוספּיקאַטאָרען) בײַ אונז אונטער דער נאָ
געעפענטע שבת־שולען, וואו הונדערטער זשידעם פֿון פֿערשיעדענעם
עלטער לערנען זיך רוסיש, זיי האָבען פֿונאַנדערגעשיקט צירקו־
ליאַרען אין אַלע יודישע געמיינדעס, אַז די ראַבינערס זאָלען זייערע
דרשות אין די שוהלען האַלטען אויף רוסיש, זיי האָבען דער־
לאַנגט אַ בקשה וועגען ערלויבען זיי אַרויסצוגעבען אַ רוסישע
צייטונג און זיי זענען זיך משתדל וועגען עפענען אַ רוסישען
לעוע־זאַל. און דאָס אַלץ ווערט געטהון דאָ, אין צענטער פֿון אונזער
פּאַטריאָטישער טעטיגקייט, וואו אונז האָט געלונגען צו פּאָלאָניזירען
ניט נור דייטשען, אָבער אויך רוסען! אַלע זענען פּאָלאָניזירט, נור
די זשידעס האָבען בדעה צו רוסיפיצירען זיך, און דוקא איצט!
און דאָס איז אַלץ דערפֿאַר, וואָס אײַערע אויפֿזועהער קוקען דער
רוח ווייסט אויף וואָס. טפֿוי!

דער גראַף איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון סאָפֿקע און איז אויפֿ־
געגאַנגט אַוועק הין און צוריק, קוקענדיג מיט צאָרן אויף אַנדרייען.

— ווען מיר זאָלען געוועזען ווייסען, אַז דאָ ווערט געפּלאַנע־
וועט אַזאַ מין זאַך, — האָט ער צוגעגעבען מיט דעם זעלבען
טאָן, — וואָלטען מיר שוין געוואוסט, וואָס צו טהון. בײַ אונז איז
דען וועניג מיטלען? איין וואָרט — וואָלט די גאַנצע באַנדע דעם
חשק פֿערלאָרען צו זייער נבלה'רײַ.

— און איצט קאָן מען דען ניט? — האָט פּאַן אַנדריי ער־
וואַגט צו פֿרעגען.

— איצט, — האָט דער גראַף געענטפֿערט, — וועט מען
שוין מיט אַ וואָרט גאָרנישט מאַכען. איצט דאַרף מען שוין אַרבײַ־
טען, און דערבײַ זעהר פֿאָרזיכטיג. דו פֿערגעס ניט, אַז מיר האָבען
דאָ צו טהון מיט די זשידעס. איז נור עפּעס ניט אַזוי, וועלען זיי
מאַכען אַזאַ גוואַלד־געשרײַ, אַז גאַנץ אייראָפּע וועט צו הילף אָנ־
קומען. דאָס איז אַ פֿאָלק אַ דורכגעריעבענעס און מיט גרויסע פֿער־
בינדונגען. אין פֿראַנקרייך און ענגלאַנד האָבען זיי מיניסטאָרען,
מיטגליעדער אין פּאַרלאַמענט פֿון זייערע, די גאַנצע אייראָפּייאישע
פּרעסע איז אין זייערע הענד. מיט איין וואָרט, זיי קאָנען אונז פֿער־
קאָכען אַזאַ קאַשע, אַז ס'וועט זיך אונז אין האַלז שטעלען. מיר
דאַרפֿען דעריבער פֿיהרען מיט זיי פּאָליטיק, פֿערשטעהסטו?

פיהרען א פאליטיק מיט די זשידעס! און דאס איז אלץ דערפאר, וואס מיר זענען אזעלכע גולמ'ס, אז מיר קאנען גאר גישט ניט אבטהון בייצייטענס און ווי געהעריג איז.

פאן אנדריי איז נאך רויטער געווארען, ער האט פערשטאנען, אז דער גראף האט בענוצט דאסווארט גולמוס אין לשון רבים און האט דערביי צוגעגעבען דאס ווארט מיר — נור אויסהעפליכקייט, אבער, אייגענטליך, געהערט עס נור צו איהם אליין, צו אנדרייען. ער האט א הוסט געטהון, האט אנגעהויבען צו דרעהען זיינע וואנצעלעך, נור ער האט געשוויגען, אנערקענענדיג, אז ער איז טאקי שולדיג אין דעם, וואס ער האט ניט ווי געהעריג אכטונג געגעבען אויף די אויפזועהער און האט זיי ניט פערזאגט, וואס מ'בעדארף. ער האט נאך אויך דעריבער געשוויגען, אום ניט אויפצורייצען נאך מעהר דעם גראף, וואס האט געקאנט אוועקנעהמען פון איהם די שטעל מיט די עטליכע טויזענד רובל יעהרליכע הכנסה, אויסער דעם כבוד פון אנגעהערן צו די הויפט טהוער פון מעכטיגען זשאנד. ער האט אפילו פון דער גרעפין סטאשיצקאיא, פון זיין שיצערין, בעקומען אלץ, וואס ער האט בעדארפט, און נאך מעהר אויך, נור ער איז געווען אזא פערשווענדער, אז ס'איז איהם אלץ ווענינ געווען און ער איז כסדר איינגעטונקט געווען אין חובות.

דער גראף האט אפאר מינוט געשוויגען, האט אבגעגלעט זיינע וואנצעס און האט דערנאך בעפעהלען:

— זעץ זיך און שרייב! איך וועל דיר געבען א אינסטרוקציע.

פאן אנדריי האט זיך געזעצט, האט ארויסגענומען פון קעשענע זיין נאטיץ-ביכעלע און א בלייפעדער.

— אדאלף קראנץ, — האט דער גראף געהאט אנגעהויבען, מחשבות'ן, — האט זיך דער גראף א חאפ געטהון, — אויף איהם גיט מען שוין אכטונג. שרייב: ארקאדי סארין, פראנציסקאנסקע גאס, № 15. — מאריץ מאזירסקי, ווארשויער גאס № 3 — אויף די דאזיגע פערזאנען דארף מען שטרענג השגחה געבען, דערהויפט אויף סארינען. — מ'דארף וויסען, וואס זיי טהוען, וואוהין זיי קומען אריין און ווער קומט אריין צו זיי. — ביי סארינען דיענט אלס לאקיי אנ'אויסגעדיענטער זעלנער פאמא, ד. ה. טאמאש, א קאטאליק.

דער אויפזעהער פון פראַנציסקאַנער גאַס דאַרף מיט איהם בעקאַנט ווערען און זאָגאַר בעפריינדעט ווערען. פערשריעבען?

— פערשריעבען, — האָט פאַן אַנדריי געענטפערט.

— איבער־מאָרגען, צעהן דעם זייגער אָוועגדס, זאָל סאַרין צוגעשטעלט ווערען אין קליינעם קאַבינעט פון פאָלקס־זשאַנד.

— ווי? האָט פאַן אַנדריי געפרעגט, — צושטעלען סאַרינען?

— יאָ, צושטעלען סאַרינען, — האָט דער גראַף רוהיג געענטפערט.

— און ווי איז, אַז ער וועט ניט וועלען געהן?

— ער וועט וועלען, מ'דאַרף עס נור מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל וועלען. איך גיב דאַס איבער דיר, אום אויסצופרובען, צי בינסטו פעהיג אויף אויסצופיהרען די בעפעהלען פון זשאַנד. אַלענפאַלס, קאָנסטו איהם געבען אַ עהרען־וואָרט, אַז קיין שום בייז וועט מען איהם ניט טהון, אַז מ'וויל נור דורכריידען מיט איהם וועגען עפּעס.

פאַן אַנדריי האָט געמוזט איינשטימען אויף דער שווערער און אפשר אויך געפעהרליכער שליחות.

אויפ'ן דריטען טאָג, אַרום האַלב צעהן דעם זייגער, איז צום הויז № 15 אויף פראַנציסקאַנער גאַס צוגעפאָהרען אַ קאַרעטע מיט אַראָבגעלאָזטע פאָרהאַנקעס. אַז די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט דער פיהרמאַן זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָ עמיצען געזוכט, דערנאָך האָט ער אַ פייף געגעבען. דאַן איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען אַ טונקעלע פיגור, איינגאַנצען איינגעהילט אין אַ רעגען־מאַנטעל מיט אַ קאַפּיושאָן. די פיגור איז צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע און האָט אויפגעעפענט די טהירלעך.

— אין דער־היים? — האָט זיך געהערט אַ שטים פון קאַרעטע.

— אין דער־היים, — האָט די פיגור אָבגעענטפערט.

— ס'איז ביי איהם קיינער ניטאָ?

— קיינער ניט.

— און זיין דיענער?

— ר'שלאָפט שוין אַפנים, וואָרום כ'האָב איהם אַנטקעגען אָווענד גוט אָנגעטרונקען

— גוט. סטאַס, פיהר מיך אַריין צו איהם.

פון קאַרעטע איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגער-מאַן אַ הויכער, אין אַ הוסאַרען-קאָסטיום מיט אַ קעפּי פון שוואַרצען סאַמעט. דאָס איז געווען פאַן אַנדריי, נור מ'האָט איהם ניט געקאָנט דערקענען, ווייל ער איז געווען גרימירט. דעם פוהרמאַן האָט ער געהייסען אָבפאָהרען צום קאָסטיאָל, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן עק גאַס, און ער מיט סטאַס'ן זענען אַוועק צו סאַרינ'ס קוואַרטיר, וואָס איז געווען אויפ'ן דריטען שטאָק. אין קאָרידאָר האָט סטאַס אָנגעצונדען אַ קליין צונויפגעלעגטען לאַמטערנדיל, וואָס ער האָט עס ביי זיך געהאַט.

— אָט דאָ, — האָט סטאַס געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף די טהיר, וואו ס'איז געווען אָנגעקלעבט אַ וויזיט-קאַרטע: „אַרקאַדי סאַרין“.

דעם פאַן אַנדריי האָט אַ קלאַפּ געטהון אין האַרצען, וואָרום כאָטש ער האָט אויסערליך אויסגעזעהן ווי אַ חוואַט, איז ער אייגענטליך געווען אַ גרויסער פּחדן, און זיין איצטיגע שליחות האָט ער געהאַלטען פאַר זעהר אַ געפעהרליכע. ער איז אַ וויילע ביי דער טהיר געשטאַנען פערטראַכט, און האָט זיך ניט ענטשלאָסען אויפצועפענען.

— דרייסטער, גנעדיגער פאַן, — האָט סטאַס אויפגעמונטערט, — ער איז אַ שטילער אַ רוהיגער מענש, און אויב נור עפּעס וואָס, בין איך דאָ. טהוט אַ פייף, קום איך אַריין און כ'וועל איהם אויף די הענד אַוועקטראָגען.

פאַן אַנדריי האָט אָבגעגלעט זיינע כלומר'שטע באָרד און באַקען און האָט אין דער קעשענע אָנגעטאַפּט זיין פּיסטאָליעט (ער האָט געהאַלטען, אַז ס'איז נויטיג צו האָבען עס מיט), און ער האָט אויפגעעפענט די טהיר.

סאַרין איז אין דער וויילע געזעסען אין קאַבינעט ביים שרייב-טיש און האָט עפּעס געשריבען, און דער בעדיענער זיינער האָט געחראָפּעט אויפ'ן קאַנאַפּע אין פאָדער-צימער. מעהר איז אין קוואַרטיר קיינער ניט געווען, אויסער אַ קאַנאַריקעל אין אַ שטייגעל, וואָס איז געהאַנגען אין דערבייאיגען צימער, אַ זאַל און אַ גאַסט-צימער צוזאַמען. דערהערענדיג דעם סקריפּ פון דער אויפגעעפענטער

טהיר, האָט סאַרין אויפגעהערט צו שרײַבען און האָט אַ פרעג געטהון:

— ווער איז דאָרט?

— אַ היימישער. — האָט פאַן אַנדריי געענטפערט, און איז שטיל אַװעק אין גאַסט־צימער, וואָס איז נאָך ניט בעלויכטען געװען.

דערהערנדיג אַ אונבעקאַנטע שטים, האָט סאַרין גענומען אַ ליכט פון טיש און איז אַװעק אין גאַסט־צימער.

— Bonsoir, citoyen, — האָט פאַן אַנדריי בעגריסט מיט גוטמוטיגען שמייכעל און האָט אויסגעשטרעקט סאַרינען די האַנד, — excusez que je Vous dérange un peu... Mais que faire? Mon devoir... la patrie et entin... vous comprenez...

— Mais je ne compends rien, monsieuz האָט איהם סאַרין איבערגעשלאָגען די רייד שטרענג און פעסט, אַ קוק געבענדיג אויף פאַמאַ'ען, וואָס האָט געהראַפּעט אין פאָדער־צימער, ווי ער וואָלט איהם צו הילף גערופען אַנטקעגען דעם געהיימניס־פאָלען גאַסט, וואָס הויבט איהם אָן צו שרעקען.

פאַן אַנדריי האָט פערשטאַנען דעם בליק און האָט געאײלט צו בערוהיגען סאַרינען.

— Oh, soyez tranquille, mon cher monsieur Sarine, je suis venu... Mon intention est... mais je puis vous assurez, mousieur, que vous vous trouvez dans une trés honnête compagnie. Je le veux croire, quoiq ne... mais enfin votre nom, mon sieur?

— צו וואָס דאַרפט איהר מיין נאָמען? — האָט פאַן אַנדריי געענטפערט שוין אויף פויליש, — מיין נאָמען האָט קיין שייכות ניט צום ענין.

— ס'איז זעהר מעגליך, אָבער זאָגט מיר נור, וואָס פער־לאַנגט איהר פון מיר איצט אַזוי שפעט?

— איך פערלאַנג, אַז איהר זאָלט זיך מטריח זיין צוגעהן מיט מיר אין אַנ'אָרט, וואו מ'וואַרט אויף אייך.

— וואָס איז פאַר אַנ'אָרט?

— דאָס קאָן איך ניט זאָגען: דאָס איז אַ סוד.

סאַרין האָט אַ ווײַלע געטראַכט, האָט אַרומגעקוקט דעם פּאַן אַנדריי פון קאָפּ ביז די פיס און האָט געזאָגט:

— זאָגט איינפאַך, איהר זענט פון דעם אַזוי גערופענעם פאָלקס־זשאַנד?

— אפשר.

— פּאָלינא, — האָט סאַרין אַ טראַכט געטהון, ער האָט אַ ציה געטהון מיט די פּלייצעס און האָט ווידער געפרעגט:

— וואָס זשע וועט זיין, ווען איך וועל ניט געהן?

— פאַרוואָס זאָלט איהר ניט געהן? קיין בייז וועט מען אייך ניט טהון, דערויף גיב איך אייך אַ ערהרען־וואָרט פון אַ אדעלמאַן. מ׳וועט זיך מיט אייך דורכריידען און מ׳וועט מיט פריעדען אָבלאָזען. אין אַ שעה אַרום, און אַז פיעל, איז אין אַנ־דערטהאַלבען שעה אַרום, וועל איך אייך אינגאַנצען צושטעלען צוריק.

סאַרין האָט זיך ווידער פערטראַכט. דערנאָך האָט ער אָנגענומען דעם פּאַן אַנדריי פאַר׳ן האַנד, האָט איהם אַריינגע־פיהרט אין פאָדער־צימער און אָנווייזענדיג אויף דער הייליגער בילד, וואָס איז געווען געהאַנגען אין ווינקעל איבער צוקאָפּענס פון פּאָמאַ׳ס בעט, האָט ער אַ זאָג געטהון:

— שווערט מיר ביי דעם בילד, וואָס איז פאַר קריסטען הייליג, אַז ס׳וועט זיין אַזוי, ווי איהר זאָגט, וועל איך אייך גלויבען.

פּאַן אַנדריי האָט שיער ניט אַ קרעכטש געטהון אויס פער־וואונדערונג. ער האָט שנעל אָנגעבויגען אַ קניה, האָט זיך דריי מאָל געצלמ׳ט און, אויפהויבענדיג זיין רעכטע האַנד צום היילי־גען בילד, האָט ער אַרויסגעזאָגט הויך און מיט געפיהל:

— איך שווער!

אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער אַרומגענומען און גע־קושט דעם פערוואונדערטען, כמעט ערשראָקענעם סאַרינען.

— הערט זשע ה׳ סאַרין, — האָט ער אָנגעהויבען צו־טראָגען און ריהרענד׳ — איהר... מיין נאָמען איז אַנדריי גרו־וויטש. מיט אַזא מענשען, ווי איהר זענט, איז ניטאָ קיין שום סודות. איהר וועט ניט אַרויסגעבען און ר׳וועט ניט פערראַטען. איהר זענט אַ קריסט.

— איך בין אַ קריסט.

— ווייבאַלד איהר קאָנט זיך פערהאַלטען מיט אַזאַ עהרע צו אונזער גלויבען, זענט איהר אַ קריסט, איהר זענט אונזערער, איהר מאָגט זיך אַפילו טויזענד מאָל אָנרופען יוד. אין אייך איז אַ נשמה אַ קריסטליכע.

— אַ מענשליכע. — האָט סאַרין בעמערקט.

— על־פּי טעות נור פון׳ם גורל געפינט איהר זיך צווישען יודען, אָבער איהר זענט אַ קריסט! Soyons amis פון איצט אָן זענט איהר מיר — אַ ברודער!

— אַלס נאָהנטער — זענט איהר מיר שטענדיג אַ ברודער געוועזן.

— קיין איין יוד וועט אַזוי ניט ריידען.

— אַלע געבילדעטע יודען טראַכטען און פיהלען אַזוי.

— אויב אַזוי, טאָ פאַר וואָס האָבען מיר אַזוי שטאַרק פיינד איינע די אַנדערע.

סאַרין האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נור אין דער ווײַלע האָט פּאָמאַ אָנגעהויבען צו ערוואַכען, האָט אויפגעעפענט די אויגען, און דעריבער האָט מען געמוזט אויפהערן צו ריידען.

— מיר פאָהרען! — האָט געזאָגט פאַן אַנדריי, בעהאַלטענדיג זיין גרימירט פנים פון דעם אויסגעדיענטען זעלנער, וואָס האָט אָנגעהויבען פערוואונדערט אַרומצוקוקען איהם און זיין הערר, וואָרום ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס טהוען זיי דאָ איצט ביי זיין בעטיל. ער האָט געוואָלט אַ געניץ טהון, נור ער האָט זיך אויפגעהאַלטען, און האָט נור אַ קרים געגעבען דאָס מויל.

— איך וועל זיך נור עטוואָס איבערטהון, דערנאָך בין איך גרייט צו דיענען אייך, — האָט סאַרין געזאָגט און איז אַוועק אין זיין קאַבינעט. אין אַפּאָר מינוט אַרום זענען זיי שוין אַראָבגעגאַנגען פון די טרעפּ מיט סטאַס׳ן פאַראויס, וואָס האָט אין איין האַנד געהאַלטען אַ לאַמטערן, און מיט דער צווייטער האָט ער אָנגערוקט דעם קאַפּיושאָן איבער׳ן גאַנצען פנים, אַז סאַרין זאָל איהם ניט דערקענען.

אַז פאַן אַנדריי און סאַרין האָבען זיך אַריינגעזעצט אין קאַרעטע, איז סטאַס אַרויסגעשפּרונגען אויף דער קעלניע, האָט גע-

זאָגט עפּעס דעם פוהרמאַן, און די קאַרעטע איז שנעל אָבגע-פאָהרען.

III

דער גראַף באַלעסלאַוו און יוליאַ קרוטיצקאַיאַ זענען געזע-סען אין „קליינעם קאַבינעט“ פון פאָלקס-זשאָנד, וואָס האָט זיך געפונען אין איינעם פון די וויטעסטע צימערען אין דעם גרויסען פּאַלאַץ פוג׳ם גראַף. דער „קליינער קאַבינעט“, וואָס האָט זיך אויך אָנגערופען די פּרעזידענטס-קאַמער האָט געהאַט אַ געהיימע טהיר און אַ טרעפּ צו דעם „גרויסען קאַבינעט“, וואָס האָט זיך געפונען אונטער איהם און צו דער געהיימער דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען איבער איהם. אויסער דעם, זענען פון דעם-זעלבען צימער געווען דורכגעפיהרט טרויבען אין דער הויך און אין דער גידער, און דורך די טרויבען פלעגט דער גראַף אָבגע-בען קלענערע פעראָרדנונגען און בעקומען אַנטוואָרטען, ביי-נאַכט, בעת דער בעשעפטיגונט אין די קאַבינעטען און אין דער דרו-קעריי, פלעגען אַלס דיענער אויף דעך וואַך זיין אויפזעהער, וואָס האָבען אַ בעזונדער צוטרוי געהאַט פון זשאָנד. זיי פלעגען דאַ בעוואָפענט זיין מיט פינישע מעסערס און אָנגעלאָדענע פּיסטאָ-לעטען.

— דאָס איז נאָך אַלץ ניט דאָס, — האָט דער גראַף גע-זאָגט, ווען ער האָט פערענדיגט צו לייענען אַ פּאַפּיער — פאַר דער ערשטער נומער דאַרף מען אַ לעבעדיגען, אַ פייערדיגען אַר-טיקעל, און דאָ איז מען זיך גאָר מפלפל, מ׳האַלט אַ דרשה. אונ-זער ליעבער דיכטער האָט זיך שוין אויסגעשריעבען!

— ער האָט זיך ניט אויסגעשריעבען, נור ער האָט זיך פערבענקט, — האָט פּאַנאַ יוליאַ בעמערקט שטיל, ווי פאַר זיך, און האָט ווייטער עפּעס געצייכענט אויף אַ פּאַפּיער.

דער גראַף האָט עס פונדעסטוועגען דערהערט.

— ר׳האָט זיך פערבענקט? נאָך וועמען? — האָט ער גע פרעגט, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און האָט אַ קוק געטהון אויף די פּאַנאַ יוליאַ, וואָס איז געזעסען אין ווינקעל ביי איהר אַרבייטס-טישעל.

— נאָך בראָנפען, — האָט זי געענטפערט עטוואָס העכ-כער, אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָבגעריסען פון דער אַר-

בייט, וואָס האָט איהר קענטיג, זעהר פערנומען. — מ׳האַלט איהם איצט אויף אַ שטרענגער דיעט, מ׳לאָזט איהם ניט אפילו אַ שמעק טהון קיין בראַנפען, דאָקטוירים האָבען איהם שטרענג פערבאָטען, דערפאַר איז ער אַזוי אָבהענדיג און אומעטיג. גיט איהם אָבער אַ גלאָז פונש, וועט ער אייך אָנשרייבען אַזאַ אַרטי־קעל, אָדער אַ פּאָעמאַ, אַז די האָר וועלען זיך שטעלען קאַפּויר.

— רעכט, כ׳וועל הייסען, אַז מ׳זאָל איהם געבען.

— דאָס וועט איהם אָבער דערהרג׳ענען.

— ער וועט שוין סיי ווי סיי ניט לאַנג לעבען. וואָס מאַכט עס איהם אויס, צי מיט אַ מאָנאַט פריהער אָדער שפּעטער.

פאַנאַ יוליאַ האָט אָנגעהויבען צו ציטערן פון די ווערטער האָט שטרענג אַ קוק געטהון אויפ׳ן פּעטער און האָט געזאָגט:

— פאַר אַ איבעריגען מאָנאַט פון זיין לעבען בין איך גרייט אָבצוגעבען אַ יאָהר און אפילו צוויי פון מיין אייגענעם לעבען. איך קוק אייף איהם, ווי אויפ׳ן לעצטען פונק פון אונזער גערימהטער פּאָעזיע, וואָס ווערט אויסגעלאָשען. אין זיין יעדעם נייעם ליעד הער איך דאָס לעצטע גרויסע ליעד פון אונזער פאָלקס־געני. איך וויים ניט פאַרוואָס, אָבער איך פיהל עפּיס, אַז מיט איהם צוזאַמען וועלען מיר בעהאַלטען אונזער פּאָעזיע, אונ־זער ליטעראַטור.

— יוליאַ; — האָט דער גראַף אויסגעשריען שטרענג און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, איך האָב ניט ליעב אָט די פאָרגעפיהלען און די נביאות; דו ווילסט זיין אַ קאַסאַנדראַ?

— איך וועל עס גאָר ניט, פּעטער לעב, — האָט יוליאַ אַרויסגעזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכעל, — איך האָב נור געוואָלט זאָגען דאָס, וואָס איך פיהל. און פיהלען פיהל איך — מאַגט איהר ברוגז זיין צי ניט — אַז צוזאַמען מיט טאַדעאוש שאַראַטש־קעווימש וועט אָבשטאַרבען דאָס בעסטע, וואָס מיר פערמעגען, ד. ה. אונזער גייסט, אונזער פּאָעזיע.

— דו בינסט אַ טרוימערין, דעריבער נעהמסטו אָן אַ קרענקליכעם פאָרגעפיהל אַלע עפּים ווירקליכעס.

— ניין, פּעטער ליעבער, — האָט יוליאַ געענטפערט מיט אַ זיפץ, — איך בין ניט קיין טרוימערין, איך בין נור אַ פרויען־

צימער, און א פרוי פיהלט טיעפער און זעהט קלאָהרער, כאָטש איהר, מאַנספּערזאָנען, ווילט ער ניט אָנערקענען. איך וועל אייך נור פרעגען, פאַרוואָס האָט די לירע פון אונזער שטאַרקסטען פאָלקס-זינגער אָנגעהויבען די לעצטע צייט אַרויסצוגעבען אַזעלכע פערטרויערטע, האַרץ-רייסענדע קלאַנגען? פאַרוואָס עפּיס, ווען ער וויל,קענטיג לאַכען, וויינט ער גאָר מיט הייסע, בלוטיגע טרעהרע?

— פאַרוואָס? — האָט דער גראַף איבערגעפּרעגט, — דערפאַר, וואָס איהם איז ניט פרעהליך. און ווי זאָל ער פרעהליך זיין? די געליעבטע פרוי האָט אין איהם געפעלשט, די פרוי פער-ברעננט מיט יונגע-לייט, די קריטיק שמייסט מיט צוויי בייטשען, די פערלעגער צאָהלען קארג, די קרעדיטאָרען לאָזען ניט צורוה, און דאָ איז נאָך די קראַנקהייט, דער פערבאָט צו טרינקען און — וועניג איז דען די היימישע סכסוכים, זאָס פער'סמ'ען איהם דאָס לעבען? ווי זשע זאָל ער דען ניט וויינען?

— ניין, פעטער ליעבער, — האָט יוליאַ אָבגעענטפערט, — איך בין ניט איינשטימיג מיט אייך. די אַלע היימישע צרות, וואָס איהר האָט דאָ אויסגערעכענט, ערקלערען ניט דעם אונגעהויערען טרויער פון אונזער פאָלקס-דיכטער. אַ פּאָעט בעזיצט אַ העכערע נאַטור; ווען ער זאָל זיין בעגייסטערונג בעקומען נור פון זיין פער-זענליכען צער און פרייד, וואָלט ער קיין פּאָעט ניט געווען. ער וואָלט דאַן ניט געקאָנט אויף אונז ווירקען. מיר וואָלטען דאַן גלייכגילטיג געווען צו זיין ליעד, ווארום וואָס געהען אונז אָן זיי-נע היימישע אינטערעסען? זיין בענקשאַפט שטאַמט אָבער פון אַ העכערן, מעהר אַ זויבערן מקור. זיין האַרץ טהוט וועה פאַר אונז אַלעמען, ווייל זיין קלאָרעס אויג דרינגט דורך דעם פאָרהאַנג פון דער צוקונפט און זיין גייסט זעהט קלאָהר דאָס, וואָס פאַר אונ-געוועהנליכע מענשען, איז נאָך פערבאָרגען. די אַמאָליגע נביאים זענען אויך דיכטער געווען, זיי האָבען פאָראויסגעזעהן און פאָר-אויסגעזאָגט דעם חורבן פונ'ם יודישען פאָלק, דאָס פאָלק האָט זיי אויסגעלאַכט, אַלס טרוימער, אָבער זייערע נביאות איז פונ דעסטוועגען מקוים געוואָרען... נור לאָמיר לאָזען דעם געשפּרעך, — האָט זי צוגעגעבען אויפשטעהענדיג פון אָרט און איז צוגע-גאַנגען מיט איהר אַרבייט צום גראַף.

— ווי געפעהלט אייך די וויניעטקע.

דאָס בּילד איז געווען פון אַ רעוואָלוציאָנער אינגאַנצען בּעוואָפּענט און מיט אַ פּאָהן אין האַנד, איבּער דעם רעוואָלוציאָנער האָט אין די וואָלקענס געשוועבּט אַ פּוילישער אָדלער מיט אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ און מיט מחבלים אין די נעגיל.

— גוט, האָט דער גראַף גערימט, בּעטראַכטענדיג דאָס בּילד, דאָס וועט זיין זעהר אַ פּאַסענדע וויניעטקע פאַר אונזער צייטונג Chorągiew swobódy. אַז דער קאָמיטעט וועט בּעשטעטיגען די צייכענונג, וועל איך הייסען אויסשניצען דאָס בּילד פון האָלץ. גוט, יולינקא, — האָט ער צוגעגעבּען און האָט איהר אַ קוש געגעבּען אין שטערן, — דו בּינסט אַנ׳אמת׳ער קינסטלער. וואָס אָבּער װעלען מיר אַוועקשטעלען אין טיטעל פון דער פרויערים-צייטונג Batkouszyzna?

— איך וועל פאַר די Batkóuszyzny אויך עפּיס צוטראַכטען און כ׳וועל עס אויסמאָלען, — האָט יוליאַ געענטפערט.

דער זייגער האָט געשלאָגען צעהן, און בּאַלד איז אין קאַבּינעט אַריין אַנדריי גרושעוויטש.

— געבּראַכט? — האָט דער גראַף געפרעגט.

— געבּראַכט אייער עקסעלענץ — האָט פאַן אַנדריי געענטפערט.

— אַ לייט! האָט דער גראַף געלויבּט, — אין צוויי מינוט אַרום פיהר איהם אַריין אַהער.

— דער גראַף און יוליאַ האָבּען אָנגעטהון האַלבּע מאַסקעס און האָבּען צושויבּערט די האָאָר.

אין צוויי מינוט אַרום איז פאַר זיי געשטאַנען סאַרין — אַ בּלאַסער, אַ צורודערטער, אַ ערשראָקענער. זיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען, ווי ר׳האָט דערזעהן פאַר זיך די פערמאַסקירטע פּנים׳ער. ניט-ווילענדיג האָט ער זיך אומגעקוקט אַ הינטער, ווי ער וואָלט הילף געבּעטען בּיי זיין נייעם פריינד אַנדריי גרושעוויטש. נור דער פריינד איז ניט געווען אין קאַבּינעט.

— שרעקט אייך נישט, ה׳ סאַרין, — האָט דער גראַף אַרויסגעזאָגט, בּעמערקענדיג, ווי דער יונגער-מאַן איז צורודערט, — פערגעסט ניט, אַז איהר זענט אַ גאַסט אונטער דער סטעליע בּיי אַ סלאַוויענער, הייסט עס, אַז איהר מאָגט זיין רוהיג.

די ווערטער האַבּען בּערוהיגענד געווירקט אויף סאַרינען.

— זעצט אייך, סארין, — האט דער גראף געזאגט און האט אנגעוויזען אויף א שטוהל דערביי. — איך וויל מיט אייך דורכ־שמועסען. כ'האף, אז מיר וועלען זיך ניט קריעגען, ווארום אפען זאגענדיג, געפעהלט מיר זעהר אייער פנים. איך קען אייך ניט, נור איך פיהל, אז איהר זענט א קלוגער, א אויפריכטיגער און א עהרליכער מאן.

סארין איז רויט געווארען און האט זיך א נויג געטהון.

— אפשר ווילט איהר רויכערן? — האט דער גראף איהם דערלאנגט א ציגאר.

סארין האט גענומען און האט זיך פערנויגט.

— ס'איז דא נאך א סגה, פארוואס מ'זאל אייך ליעב האבען, האט דער גראף געזאגט, מיט דעם בעשלוס צו איבערראשען אינ־גאנצען דעם יונגען־מאן מיט פריינדליכקייט. ביי אייך איז א אמת'ע פוילישע אויסשפראכע, און איך גראטוליער אייך דערמיט הערצליך.

ר'האט פעסט געדריקט סארינ'ס האנד. פאנא יוליא איז אויפגעשטאנען, האט אנגעצונדען א שוועבעלע און האט צוגעטרא־גען סארינען, דערביי האבען זיך בעגעגענט זייערע אויגען, בליש־צענדע, דורכדרינגענדע. די יונגע לייט האבען ניט־ווילענדיג א צי־טער געטהון און האבען אראבגעלאזט די אויגען.

— ווייסט איהר, ה' סארין, צו וואס מיר האבען אייך בע־אונרוהיגט? — האט דער גראף אנגעהויבען, פעררויכערענדיג א ציגאר.

— כ'האף עס איצט דערוויסען, — האט סארין געענטפערט.

— אט צו וואס, — האט דער גראף צוגעגעבען. — מיר האבען בעקומען ידיעות, אז איהר, ד. ה. ניט איהר אליין, נור איינוגע פון אייער יוגענד האבען בעשלאסען סיסטעמאטיש צו שטערן אונז, בעשעדיגען אונזער ענין.

— מיט וואס שעדיגען מיר אייער ענין?

— דערמיט, וואס איהר מאסקאליזירט אייערע ברידער, וועלכע דארפען זיין פאליאקען.

— זיי דארפען זיין! צו וועט איהר ניט אזוי גוט זיין ער־קלערן מיר, פאר וואס זענען זיי ביז אהער ניט געווארען פאליא־קען? אזויפיעל הונדערטער יאהרען, ווי מיר וואוינען צווישען אייך און אונטער אייער אפוטרופסית, האט איהר איצט ערשט בעשלא־

סען, אז מיר דארפען זיין פאליאקען! און מיר האבען גאר בע־שלאסען, אזוי ווי מיר זענען ביז אהער ניט געווארען קיין פאליט־קען, הייסט עס, אז מיר קאנען עס ניט זיין, און דעריבער דארפען מיר ווערען רוסען.

— דאס איז אבער אונדאנקבארקייט! — האט דער גראף אויסגעשריען, בעוועגענדיג זיך אויף זיין שטוהל, — מיר האבען אייך איין מאל פאר אלע מאל צוגענומען צו זיך דאן, ווען מ׳האט אייך פון אומעטום געטריבען.

— דערפאר האבען מיר אייך בעצאהלט דערמיט, וואס מיר האבען ביי אייך געשאפען האנדעל, אינדוסטריע, דעם דריטען שטאנד, — אהן דעם וואלט פוילען ניט געקאנט עקזיסטירען זאגאר אזוי פיעל, וויפיעל זי האט עקזיסטירט. הייסט עס, אין דעם פרט זענען מיר קוויט. א טובה פאר א טובה. און דאס וואס מיר זענען ניט געווארען קיין פאליאקען, דארפט איהר אייך זעלבסט על־חטא שלאגען. פאליאקען זענען אין דעם ניט גענוג קלוג געווען און האבען אויף אונז שטענדיג געקוקט, ווי אויף א המון פון צי־גיינער, — מיר זענען אבער ניט קיין ציגיינער־המון — מיר זענען א ציוויליזירטעס פאלק און זענען פעהיג צו יעדער קולטור. ווען איהר זאלט נור חשק געהאט, וואלט איהר אין א צייט פון איין האלבען דור געקאנט מאכען פון אונז עכטע פאליאקען, וואס וואלטען איצט זיך מוסר־נפש געווען פאר דאס פאטערלאנד.

— צו דען ווילען מיר עס ניט? — האט דער גראף גע־פרעגט, — מיר בעטען דאך אייך, מיר בעטען זעהר.

— איצט איז שוין שפעט, — האט סארין געענטפערט. — ס׳איז געווען א צייט, ווען מיר האבען אהן אייער איינלאדונג אייך פארגעלעגט אונזער פערמעגען, אונזער לעבען פאר דאס פא־טערלאנד. געווען איז עס מיט דרייסיג יאהר צוריק. וואס זשע האט איהר אונז דאן געענטפערט? איהר, אייערע אנפיהרער, אגאר אייערע געלעהרנטע, ווי לעלעוועל, דהיינו, האבען מיט פער־אכטונג אבגעווארפען די פאטריאטישע געפיהלען פון די ווארשויער יודען, זיי האבען געזאגט, אז זיי ווילען ניט, אז די רעטונג פון פוילען זאל קומען אויך אדאנק דער שטיצע פון יודען.

— איך הער עס ערשט דאס ערשטע מאל, — האט דער

גראף בעמערקט, האט א ציה געטהון מיט'ן פלייצע און האט א קוק געטהון אויף יוליא.

— דאס הייסט נור, אז איהר זענט ניט אינגאנצען בעקאנט מיט דער געשיכטע פון דעם פוילישען אויפשטאנד אין איין און דרייסיגסטען יאהר, אונז איז עס אבער בעקאנט מיט אלע פרטים. איך קאן אייך אנרופען נעמען פון פוילישע פאטריאטען יודען, וואס זענען דאן געווען יונגע לייט, און איצט זענען זיי זקנים, וואוינען אין אויסלאנד, פערטריבען פון דער-היים און טרויערן וועגען דער אויפלעבונג פון זייער אונדאנקבארען פאטערלאנד, פאר זיי איז טייער די אידעע, וועלכער זיי האבען זיך איבערגע-געבען, ווארום נאר אונזער פאלק איז פעהיג צו לעבען, ליידען און שטארבען פאר א אידעע.

דער גראף און יוליא האבען איהם געהערט מיט שטייגענ-דער נייגיעריגקייט. סארין האט צוגעגעבען.

— ווען איהר זאלט געווען זיך אויפפיהרען קליגער, וואלט איהר איצט געהאט ניט קיין מנין פאטריאטען, נור גאנצע צוויי מיליאן, און דער ענין פון פוילען וואלט אפשר גאר אנדערע שאנסען געהאט.

— דער ענין וועט איצט אויך זיין אויסגעוואונען — האט דער גראף בעמערקט.

— ניין, געעהרטער הערר,—האט סארין אבגעענטפערט,— דאס איז פערשפיעלט, אויף געווים פערשפיעלט, און דאס איז דערפאר, וואס אויסער פאטריאטיזם בעדארף מען צום ערפאלג שכל און טאקט, און איהר אבער מאכט איצט אויך פעהלערען אויף פעהלערען, איין א מגעלומפערטקייט נאך דער צווייטער, און א ייער ענין איז שוין איבערגעפיהרט.

— כלומרשט אזוי,—האט דער גראף בעמערקט מיט א אי-ראנישען שמייכעל און האט זיך איבערגעקוקט מיט יוליא'ן, וואס האט שטיל א זיפץ געטהון.

— דאס איז קלאר, ווי דער טאג, בעזונדערס פאר אונז, וואס שטעהען פון דערווייטענס און קוקען זיך צו אהן פניות, ווי די זאך געהט צו. מיט דער צייט וועט עס פאר אייך אויך קלאהר ווערען. פון אלע פוילישע טהוער, וואס זענען אונז בע-קאנט, פערשטעהט נור איינער די זאך, ווי געהעריג, ער פיהרט

עס זעלטען און קינסטליך, און ער וואָלט עס דערפיהרען צום ציעל, חען מ׳זאָל איהם ניט שטערען.

— ווער איז ער עס דער זעלטענער טהוער, — האָט דער גראַף געפרעגט.

— דער מאַרקיז וועלעפּאָלסקי.

— אָט דער פּעררעטער? אָט דער מאָסקווער שפּיאָן און לאַקיי?—האָט דער גראַף אויסגעשריען און האָט זיך צולאַכט.

— ער איז ניט קיין פּעררעטער און ניט קיין שפּיאָן — ער איז אַ גרויסער פּאַטריאָט און איינער פון די קליגסטע פּאָליטישע לייט, וועלכע איהר האָט נור אַמאָל פערמאָגט. ניט קאָסטיושקאָ׳ס קריעגס-טאַלענטען, נור דער פּאָליטישער שכל וועלעפּאָלסקי׳ס וואָלט אויפלעבען פּוילען. ער וואָלט פאַר דאָס איצטיגע פּוילען, געקאָנט זיין דאָס, וואָס גראַף קאַבור איז געווען פאַר איטאַליען. נור איהר פערשטעהט איהם ניט, און אָט פאַר׳ן ניט-פערשטעהן וועט איהר טייער בעצאָהלען.

— Nonsens! — האָט דער גראַף בעמערקט און האָט אַ פיהר געטהון מיט׳ן האַנד. סאַרין האָט פונדעסטוועגען ווייטער גערעדט:

— די פּאַרטיי פון די פּוילישע רויטע — איז איינע פון די געפעהרליכסטע פּאַרטייען אין דעם לאַנד. דער סאַמע בייזער שונא וועט אַזוי פיעל שאָדען ניט ברענגען דעם לאַנד, וויפיעל אָט די פּאַרטיי מיט איהר אויסערסטען פּאַטריאָטיזם, ווייל אין איהר געפינען זיך געוועהנליך צו-פייערדיגע קעפּ.

— וואָס?! — האָט דער גראַף אויסגעשריהען, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם פּלוצלונג אַ ביס געגעבען, ער איז רויט געוואָרען אינטער דער מאַסקע און האָט אָנגעהויבען צו סקריהען מיט די צייהן,—איהר דערוועגט זיך צו זאָגען אונז מוסר? מיר נויטיגען זיך ניט אין דעם. ניט דערויף האָבען מיר אייך איינגעלאָדען אַהער, פערשטעהט איהר דאָס?

סאַרין האָט זיך ניט פערלאָרען פון דעם גראַף׳ס אויפרעגונג. ער איז נור אויפגעשטאַנען, האָט אַ וואָרף געגעבען דעם ציגאַר ניט דעררויכערט, האָט אָנגערוקט די ברעהמען און געזאָגט:

— געעהרטער העררן! מיר איז אַלץ איינס, צו וואָס איהר

האָט מיך איינגעלאַדען. איך וועל אַלע מאָל זאָגען דעם אמת, ווייל, ווי איהר האָט דערקענט אָן מיין פּנים, בּין איך אַ ערליכער און אַ אויפריכטיגער מענש. אויבּ אייך איז ניט ניחא אויסצוהערען מיך, איז לאָזט מיך אָבּ. הייסט, מ'זאָל מיך דורכפיהרען, אָדער... איך געפין זיך ניט אונטער דער סטעליע פוּן אַ סלאַוויענער.

.IV

די ווערטער, און איבּערהויפּט די רוהיגקייט, מיט וועלכער ד'האָט זיי אַרויסגעזאָגט, האָבּען ענטוואָפענט דעם גראַף. ער האָט יך פערשעמט פאַר זיין אונפאַסענדע אויפרעגונג, דערזעהענדיג, אַז ער האָט דאָ צו טהון מיט אַ שוטה, וואָס זיין אויפריכטיגקייט און ערליכקייט רופען דאָך אַרויס עהרע צו איהם. איצט ערשט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַזעלכע זעלטענע פאַרשוינען, ווי סאַ־רין איז, האָבּען קיין שום כּוונה ניט זאָגען ווען אַ גראָבּ וואָרט אָדער אַרויסצואווייזען העזה, זיי דריקען נור אונז גאַנץ זאָרגלאָז זייערע געדאַנקען, די אידעע און טעאָריעס, וואָס זיי האָבּען אויס־געפעסטשעט אין זייער קאַבּינעט. ווי אַזוי האָט ער עס גאָר סאַ־רינ'ס מיינונג וועגען דער פאַרטיי פון די רויטע גענומען אויף זיין חשבּון און האָט דערויף גע'כּעס'ט? צי דען האָט סאַרין געוואוסט, אַז ער רעדט מיט איינעם פון די אָנפיהרער פון דער פאַרטיי?... אָנערקענענדיג, אַז ער איז בּעגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט, האָט דער גראַף געאיילט צו פערריכטען דאָס:

— אייער האַנד, ה' סאַרין! — האָט ער אַרויסגעזאָגט, איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ האַנד דערלאַנגט דעם יונגען מאַן. — זענט מוחל, וואָס איך האָבּ אַזוי אונפאַסענד אייך אָבּגעשטעלט איהר קאָנט פאָרטזעצען, מיר הערען אייך מיט פערגניגען.

סאַרין האָט זיך געזעצט און האָט ווידער אָנגעהויבּען:

— איבּריגענס, קאָן מען אייך ניט בּעשולדיגען אויך, וואָס איהר טהוט אַזוי און ניט אַנדערש. אַ פאָלק טהוט בּלינד דאָס, וואָס ס'איז פאַר איהם אָנגעצייכענט פון יענער אונבּעקאַנטער קראַפט, וואָס מ'קאָן אָנרופען דאָס היסטאָרישע גורל. אָט דאָס אונבּרחמנות'דיגע גורל צווינגט אייך צו בּעגעהן פאָליטישע פעה־

לערען, וועלכע דערנעהנטערען אייך וואָס גיכער צו אַ סוף, צום בעדויערן, זעהר אַ טרויעריגען.

— וואָס? — האָט דער גראַף אויסגעשריען און איז בלאַס געוואָרען אונטער דער מאַסקע.—ניין געעהרטער הערר, מיר לעבען און וועלען נאָך לעבען Jeszce Polska nie zginęła!

— דאָס רעכענט איהר אַזוי, — האָט סאַרין אָבגעענטפערט, — מיר רעכענען אַנדערש. ס'איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס איבער דעם געפיהל פון זעלבסט=ערהאַלטונג, וועלען מיר קיין שום שייכות ניט האָבען מיט אייך. פוילען האָט איהר מיסיאָן אויסגעפיהרט, זי האָט בעקאַנט געמאַכט די מענשהייט מיט דער פאָרשטעהער=פערוואַלטונג, הייסט עס, אַז זי האָט ניט אומזיסט עקזיסטירט, וואָרום אין אַלגעמיינעם אוצר האָט זי אויך איהר טייל אַריינגעבראַכט, און דערפאַר וועט איהר נאָמען געבענשט זיין אויף די שפּעטערע דורות. די ראָלי איז אָבגעשפּיעלט, צי גוט צי שלעכט, און לויט דעם אַלגעמיינעם געזעץ, דאַרף זי אַוועק אין די אייביגקייט — איז זי אַוועק אָדער זי געהט אָב, אין מיר דאַרפען נור ווינשען, אַז די גסיסה זאָל ניט דויערן צו=לאַנג, וואָרום ס'איז זעהר טרויעריג ביי=צו=זיין ביי דער גסיסה פון אַ פּערזאָן, און בפרט נאָך פון אַ גאַנצען פאָלק. פונ'ם גאַנצען האַרצען פיהלען מיר מיט אייך אין אייער טרויער, אייערע לייד'ען, אָבער אַוועקצולעגען זיך מיט אייך צוזאַמען אין קבר דאַרפען מיר ניט, וואָרום איהר האָט אונז דערויף קיין רעכט ניט געגעבען. איהר האָט מיט אונז נור קענטשאַפט געפיהרט, אָבער ניט קיין פריינדשאַפט, איהר האָט אונז ניט ערלויבט צו זיין ברידער, און דעריבער דאַרפען מיר אין דער לעצטער שעה פון אייער פאָטערלאַנד פונאַנדערגעהן זיך, ווי פרעמדע אין פערשיעדענע זייטען.

אַ לאַנג געשטיקטער זיפץ, כמעט אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון פּאַנאַ יוליאַ'ס ברוסט, וואָס האָט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון דעם יונגען מאַן.

סאַרין האָט צוגעגעבען:

— צושטערען אייך וואָלט פון אונזער זייט געווען אַ אונערהערטע ניעדעריגקייט צו אַזאַ שפלות זענען מיר ניט מסוגל.

פאַר אונזער גאַנצע געבילדעטע יוגענד בין איך אײַך מיט מײַן קאָפּ ערב, אַז זיי וועלען אײַך אין מינדסטען ניט שאַדען. וואָס ס'זאָל ניט געשעהן פאַר אונזערע אויגען — און זעהר פיעל געשיהט אויף אונזערע אויגען, און ס'איז אונז גאָר ניט שווער צו דערגעהן אינגאַנצען — וועלען מיר שווייגען, ווי אַ קבר, ווייל מיר ווילען, מיר קלויבען זיך צו ווערען רוסען, נור מיר זענען נאָך ניט קיין רוסען, רוסישע פּאַטריאָטען. קיין פּאַקטישע שטיצע זאָלט איהר אָבער פון אונז ניט ערוואַרטען, וואָרום איהר האָט עס ניט פערדיענט. מיר, ד. ה. די יוגענד, די אינטעליגענץ אונזערע וועט זיך האַלטען שטרענג נייטראַל, און פאַר'ן המון זענען מיר ניט ערב. זיי וועלען דיענען אי אײַך, אי די רוסען, דאָס ווענדט זיך, פון וואַנען זיי וועט זיך דוכטען אַ מאַטעריעלע נוץ. הײַנט וועלען זיי דיענען אײַך, און מאָרגען אײַערע געגנער. אַזוי איז שוין מיט יעדער המון.. איך האָב געענדיגט.

— איהר האָט געענדיגט? — האָט דער גראַף געפרעגט און האָב אָבגעגלעט זײַנע וואָנצעס.

— יאָ.

— איצט וועל איך אָנהויבען. מיר זענען אײַך זעהר דאַנקבאַר, וואָס איהר האָט אונז אַזוי אָפענהערציג אַרויסגעזאָגט אײַער מיינונג, אָדער ריכטיגער, אײַער טעאָריע, און נאָך מעהר זענען מיר אײַך דאַנקבאַר, וואָס איהר האָט אײַך רעכט ערוואָרבען אונזער שפּראַך. ווער ס'האָט אַזוי גוט בעהערשט די פּוילישע שפּראַך, איז נור איבער אַ מיספערשטענדניס קיין פּאָליאַק ניט. איהר זענט זיך לחלוטין טועה, ווייל אײַך פעהלען פיל ידיעות.

— ס'קאָן זײַן, — האָט סאַרין בעמערקט.

— איהר האָט שוין פוילען מקבר געווען, בעת זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט געלעבט, ווי איצט. איהר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ אונגעהויערע מיטלען, מאַטעריעלע און מאָראַלע, מיר פערמעגען איצט. איהר ווייסט ניט, ווי ריעזענהאַפט ס'איז איצט אויסגעוואַקסען אונזער פּאַטריאָטיזם. אַלץ עטעמט איצט מיט'ן פאָטערלאַנד, פון אַ גראָהען זקן ביז אַ וויג-קינד. פון דעם איין-און-דרייסיגסטען יאָהר האָבען מיר זיך כּסדר צוגעגרייט צו דער בעפרייאונג פונ'ם פאָטערלאַנד. מיר וואָלטען אָבער נאַריש געווען, ווען מיר זאָלען זיך אין דעם קאַמפּף געוויען פערלאָזען

נור אויף אונזערע אייגענע קרעפטען. מיר האָבען פעראייניגטע פריינד. פאַר אונז איז, ערשטענס, פראַנקרייך. אייך איז בעוואוסט, וואָס דער פרינץ נאַפּעליאָן האָט געזאָגט אויף אַ זיצונג פון סענאַט?

— איך ווייס, — האָט סאַרין געענטפערט, — ר'איז אַ גאַנץ גוטער רעדנער.

— ה' סאַרין, די זאַך איז אָבער ניט אין זיין רעדנער־קונסט, נור אין דעם, וואָס מיט זיין מויל האָט עס גערעדט גאַנץ פראַנקרייך.

— אין דעם ערלויב איך מיר צו צווייפלען.

— מיר אָבער צווייפלען ניט אין דעם. צווייטענס, זענען פאַר אונז ענגלאַנד, איטאַליען, ספּאַניען, מיט איין וואָרט, די גרעסערע העלפט פון אייראָפּאַ. געגען רוסלאַנד ווערט איצט אַ קאָאַליציע, ווי אין יאָהר 1834... ניט קוקענדיג אָבער אויף דעם אַלעם, ווילען מיך פונדעסטוועגען, אַז יודען זאָלען אויך זיין אויף אונזער צד. פאַר וואָס? דאָס ווייסען מיר שוין, חאָטש דעם אמת זאָגענדיג, זענען מיר נאָך ניט גענויטיגט אין זייער שטיצע. די יודען אין קעניגרייך זענען שוין צוגעשטאַנען צו אונז, און די יודען פון דער היגער געגענד האָבען אויך אָנגעהויבען נוטה צו זיין צו אונז, נור איהר זענט געקומען און האָט זיי גענומען ציהען צו רוסלאַנד. דעריבער האָב איך עס געפונען פאַר נויטיג צו וואָהרענען אייך, אַז איהר זאָלט וואַרפען דעם אונדאַנקבאַרען אויפטהו. איהר בעגעהט אַ גרויסען פעהלער, איהר שטעלט אין קאָן דאָס גורל פון אייער גאַנצער אומה, און איהר ווערט געוויס פערשפּיעלען.

— דאָס איז נאָך ניט בעוואוסט, -- האָט סאַרין בעמערקט.

— אייך איז עס אונבעוואוסט, ווייל איהר זענט צום ענין צוגעגאַנגען מיט אַ פאַרטיגע טעאָריע, איהר האָפט צו פיעל אויף די רוסען, אבער איהר קענט זיי נישט. איהר האָט ניט אויף וואָס צו האָפען, נעהמט חאָטש דאָס: שוין הונדערט יאָהר כמעט זענט איהר רוסישע אונטערטאַנער, איהר צאָהלט שטייער, טראָגט אַלע פפליכטען, איהר בונטעוועט ניט, און אין רוסלאַנד לאָזט מען אייך ניט אַריין, מ'לאָזט אייך דערשטיקט ווערען דאָ אין דער ענגשאַפט. פאַר וועמען זשע שטעלט איהר זיך איין? דאָס איז אַ קענטיגע מיספערשטענדניס.

— מיר ווייסען, וואס מיר טהוען, — האט סארין געענט־פערט.

— און איך זאג, אז איהר ווייסט ניט. איהר ברענגט אום אייער פאלק. רוסלאנד וועט אייך אפילו קיין דאנק ניט זאגען פאר אייער מיה צוליעב איהר. אמת, מיר האבען אייך ניט געאכטעט, אבער אין רוסלאנד פעראכטעט מען אייך. איהר ווערט פערפיהרט דורך דער רוסישער פרעסע. דורך די אזוי גערופענע רוסישע ליבעראלען. צו ווייסט איהר אבער, וואס איז אווינס א רוסישער ליבעראל? דאס איז אן׳אפריקאנער נעגר, אויסגעשמירט מיט קרייד.

— האט געזאגט נאפאלעאן, — Grattez le Russe et vous trouverez un tartare pur sang. דאס איז ניט קיין וויץ, נור אן׳אמת. מיר זענען מודה, אז מיר זענען עטוואס שולדיג אנטקעגען אייך, נור מיר וועלען פערריכטען אונזער פעהלער. ביז אהער זענט איהר אונז געווען, נור בעקאנטע, און איצט וועט איהר אונז ווערען ברידער. אייער גליק זוכט אין פוילען.

— מיר האבען בעשלאסען צו זוכען עס אין רוסלאנד.

— דארטען וועט איהר עס ניט געפינען.

— און מיר האפען, אז מיר וועלען עס יא געפינען.

— און דאס איז אייער לעצטעס ווארט?

— דאס לעצטע.

— הייסט עס, אז אונזער געשפרעך איז געענדיגט, — האט דער גראף געזאגט, אויפשטעהענדיג פון זיין ארט. — א געלעהרענ־טען צו לעהרנען איז נור צייט אויסצוברענגען — האט ער צוגע־געבען מיט פערדרוס. — אייער פארטיגע טעאריע וועט אומברענ־גען אייך און אייערע ברידער. אייער סוף, יונגער מאן, וועט זיין ניט קיין גוטער.

— גאט איז דער הער פון אלעמען,— האט סארין געזאגט און גענומען זיינע האנדשוה.

— אדיע, ה׳ סארין, אדער ריכטיגער — צום ווידער זעהן זיך! — האט דער גראף געזאגט און האט אנגעקלונגען. — דאס הארץ זאגט מיר, אז איהר וועט נאך קומען צו אונז מיט חרטה. מיר וועלען אבער אלעמאל צופריעדען זיין מיט אייך. געדענקט עס.

— ב׳וועל געדענקען, — האט סארין געזאגט און האט זיך

אַ גויג געטהון צום גראַף און צו דער פּאַנאַ יולי. ער איז אַוועק צו דער טהיר, וואו ס'איז שוין געשטאַנען פּאַן אַנדריי גרושעוויטש.

— אַך, יאַ, ה' סאַרין,—האָט זיך דער גראַף דערמאָנט,— אייער איצטיגער וויזיט איז — אַ סוד, וואָס דאַרף פערבלייבען צווי־שען אונז.

— ס'פערשטעהט זיך, --- האָט סאַרין געענטפערט, אומ־קעהרענדיג זיך, ווי געזאָגט, וועלען מיר זיין שטום, ווי אַ קבר. מיר קאָנען אַכטען פרעמדע מיינונגען און פרעמדע סודות.

ער האָט זיך ווידער פערנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען צו־זאַמען מיט'ן פּאַן אַנדריי.

אַז סאַרין איז אַרויס, האָט דער גראַף און זיין פלימעניצע אַראָבגענומען פון זיך זייערע מאַסקעס. אַפּאָר מינוט זענען זיי שווייגענד געזעסען איינער געגען אַנדערן, פערטיעפטע אין מחשבות. דער גראַף איז געווען בייז, דאָס איז קענטיג געווען נאָך זיין רויט געוואָרענעם פּנים און די אַראָבגעלאָזטע אויגען. פּאַנאַ יוליאַ איז געווען בלאַס און צושטרויט, צייטענווייז פלעגט זי שטיל, אָבער טיעף אויסזיפצען. דער גראַף האָט פעררויכערט די לולקע און האָט אָנגעהויבען מיט גרויסע טריט אַרומצושפּרייזען הין און צוריק איבער קאַבינעט. די אָבצאַסען האָבען שטאַרק געקלאַפּט אויפ'ן פּאַרקעט. וואָס ס'האָט בעדייט, אַז ער איז זעהר אויפגערעגט.

— ווי געפעהלט דיר די זשידאָווסקע פיינע בריה? — האָט דער גראַף אָנגעהויבען, אָבשטעלענדיג זיך פּלוצלונג אַנטקעגען זיין פערטראַכטער פלעמיאַניצע.

זי האָט אַ ציטער געטהון און אַזוי רויט געוואָרען:

— סאַראַ שטאָלץ! סאַראַ איינגלייבעניש אין זיך זעלבסט! האָט דער גראַף צוגעגעבען, ניט בעמערקענדיג, ווי זיין פלימעניצע האָט זיך אומגעענדערט אין געזיכט. — זשידעס האָבען זיך אויך גענומען צו פּאָליטיק! פון וואַנענט נעהמט זיך עס? ווער וואָלט זיך עס דערוויף געריכט, אַז איך, גראַף באָלעסלאַוו טעטשינסקי, naczelnik miast'a, וועל דאַרפען אַ ויכוח פיהרען מיט אַ זשיד, ווי מיט אַ דיפּלאָמאַט פון אַ וועלכע ס'איז מדינה. איינס פון די ביידע: אָדער מיר האָבען אינגאַנצען אונזער זין פערלאָרען, אָדער די זשידעס זענען זייער וויט אַוועק פאָרוועטס, וואָס מיר האָבען זיך דערויף קיין מאָל ניט געריכט. אַמאָל איז געווען, אַז ווי אַ פּאַ־

ליאַק זאָל נור אַ טופּע טהון מיט אַ פּוס, פּלעגט דער גאַנצער זשידאָווסקער קהל ציטערן. און איצט קומט איינער א זשידאָווסקער שנעק און רעדט צו מיר מיט העזה, און איך שווייג, פּונקט ווי ס'וואָלט צו מיר גערעדט אַ געזאַנדטער פון אַ גרויסער מלוכה. דער טייוועל ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס געוואָרען!

מיט נאָך שווערערע טריט איז ער אַוועק הין און צוריק, אַזש די ווענד האָבען כמעט געציטערט. איין מאָל אַ קעהר געבענדיג זיך, האָט ער מיט'ן שפּיץ שוך פערטשעפּעט אַ ווינקעל-טישעל, און די גיפּס-פיגור פון קאָסטושקאַ, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, איז אַראָבגעפאַלען אויף דער פּאָדלאָגע, און ס'האָט זיך אָבגעבראָכען אַ האַנד און צוויי עקען פון קאָנפעדעראַטקע.

פּאַנאַ יוליאַ האָט אויסגעשריען פון שרעק און איז צוגעשפּרונגען צו דער אַראָבגעפאַלענער פיגור.

— אָבער איך וועל זיי אָנלעהרנען! — האָט דער גראַף כמעט געשריען געהענדיג, און האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דער אַראָבגעפאַלענער פיגור. — איך וועל אַ סוף מאַכען צו זייערע מאָסקאַליזאַטאָרישע אויפטהוען! איך וועל פערמאַכען זייערע שולען, כ'וועל זיי ניט ערלויבען קיין זשורנאַל, כ'וועל ניט דערלאָזען קיין לעזע-זאַל און כ'וועל פערוועהרען צו האַלטען דרשות אויף רוסיש.

סיידען גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי האָט שוין אינגאַנצען אָנגעוואָהרען דעם אַיינפלוס אויף דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ הער-טרויב און האָט עפּיס אויסגעשריען.

אין עטליכע מינוט אַרום האָבען זיך פיער פּאַרקעט-ווינקלעך אין סאַמע מיטען קאַבינעט אויפגעהויבען אַלס געהיימע טהיר, און פון אונטען האָט זיך אַרויסגערוקט צו ערשט אַ פּליך, און דער נאָך פּאַן פראַנדקעוויטשעס געבלעזעלטער נאָז.

— מאָרגען צו 12 דעם זייגער — האָט דער גראַף בעפעהלען — זאָל אַיינגעלאַדען ווערען צו מיר דער פערוואַלטער פון דער שול-קאַנצעלאַריע, דער פערוואַלטער פון גראַדאָנאַטשאַלניק'ס קאַנצעלאַריע, דער סעקרעטאַר פון צענזור-פערוואַלטונג און דער סעקרעטאַר פון דער פּראַוואָסלאַוונער קאָנסיסטאָריע, הערט איהר?

— כ'הער, אַייער עקסעלענץ, — האָט געזאָגט דעם גראַף'ס

סעקרעטאר און איז מיט זיין פליך נעלם געוואָרען אין דער לאָך, און די טהיר האָט זיך נאָך איהם פערקלאַפּט.

נאָך דעם בעפעהל איז דער גראַף עטוואָס רוהיגער געוואָרען. אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך זיין אויפרעגונג אינגאַנצען איינגעשטילט. ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואסער, האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן סאָפקע און האָט צוגעצויגען צו זיך זיין פלימעניצע.

— און דו, חכמה מיינע, וואָס קלעהרסטו וועגען דעם אַלעם? — האָט ער געפרעגט מיט אַ זיסען שמייכעל און געגלעט איהרע שענע, געדיכטע, לאַנגע האָאָר.

— איך וועל אַייך, פעטער, אַנ'אַנדער מאָל זאָגען, וואָס איך קלעהר וועגען דעם, — האָט זי געענטפערט, קוקענדיג אין ווינקעל, אום ניט צו בעגעגענען זיך מיט דעם גראַף'ס דורכדרינגענדע אויגען. — איצט טהוט מיר וועה דער קאָפּ. איך וועל געהן שלאָפען.

— נו, בשלום, — האָט דער גראַף געזאָגט, האָט איהר איבערגעצלמ'ט און אַ קוש געגעבען אין שטערן.

פאַנאַ יוליאַ איז אין דער בעגלייטונג פון אַ וואַך-מאַן, וואָס האָט פאָרויסגעטראָגען אַ לאַמטערן, דורכגעגאַנגען אַ גאַנצען לאַבּירינט פון רייך מעבלירטע, אָבער ליידיגע צימערען, ביז וואַנען זי איז צוגעקומען צו איהר בודואר.

— דער יונגער-מאַן — האָט פאַנאַ יוליאַ געטראַכט געהענדיג — האָט מיך עפעס זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט. — זיין פנים איז אַזוי קלוג און אַדעל! אונזערע יונגע-לייט זענען בובעס, אויטאָמאַטען אַנטקעגען איהם... ער איז קליגער פון דעם פעטער אפילו. דער פעטער האָט ניט געקאָנט בייסטעהן אַנטקעגען איהם... ווי שען ער איז געווען, ווען דער פעטער איז געוואָרען אויפגעקאָכט!... מיט איין בליק און מיט אַפּאָר ווערטער האָט ער בערוהיגט דעם פעטער און האָט איהם געצוואונגען צו בעטען מחילה... און סאַראַ זעלטענע אויגען ער פערמאָגט!... צו דען וועל איך איהם שוין מעהר ניט זעהן? ניין, דאָס איז אונמעגליך. ער איז אונז נויטיג. ער דאַרף זיין מיט אונז. ער דאַרף זיין אונזערער... מיינער. סיידען איך בין ניט יוליאַ קרוטיצקאַיאַ?!

זי איז אונטערן בואַל רויט געוואָרען און האָט שנעלער

געמאכט איהרע טריט, ווי זי וואלט זיך געראטעוועט פון דעם שרעקליכען געדאנק, אז זי, יוליא קרוט־צקאיא, גראף טענטשינסקי׳ס פלימעניצע, האט זיך, אפשר, איינגעליעבט אין א זשיד!!... נור צו דען איז עס ליעבע? האט זי זיך געפרעגט. — ניין — האט זי זיך געטרייסט, — דאס איז ניט קיין ליעבע. איך האב זיך נור פעראינטערעסירט מיט זיינע געדאנקען, מיט זיינע אָריגינעלע מיינונגען. דיכטער, דו בינסט גערעכט:

Mają rozum zydzi,
Zdajé się że prostak, a jak rzeczy widzi!...

(יודען זענען קלוג. ר׳זעהט אוים, ווי א תם, אבער ווי ר׳פערשטעהט א זאך!...)

V.

דזשאן בערקאוויטש האט שוין צייט אפאר מאנאטען זיך געראנגעלט מיט דער נויט, ער האט אנגעוואוהרען אלע לעקציעס, די איינציגע קוועלע פון זיין עקזיסטענץ און האט א צייט לאנג האלב געהונגערט, דערגעהרענדיג זיך מיט די אבגעשפארטע פון פריהער. אז דאס האט זיך שוין אויך אויסגענומען, און געשעהן איז עס זעהר גיך, האט ער אנגעהויבען צו פערקויפען פאר גארנישט זיינע טייערסטע ביכער. אז די ביכער האבען זיך שוין אויך געענדיגט, האט ער גענומען פערקויפען א איבעריגען בגד, און האט איבערגעלאזט נור דאס, וואס איז געווען אויף איהם גופא. און לסוף איז ער דאך אין אפריל מאנאט 1862 יאהר געקומען צום איינפאכען הונגער, ווארום א בעדייטענדער טייל פון זיינע רעסורסען פלעגט ער אבגעבען פאר זיין מוטער און שוועסטער, וואס האבען זעהר ווענינ פערדיענט פון זייער נייהען. דאן האט ער מיטאג געגעסען נור אמאל אין דריי טעג, דעם אייזען געהייצט נור אמאל אין וואך, און אין דער אויסזיכט אויף דער צוקונפט איז שוין די לוקסוס אויך ניט געווען.

„וואס טהוט מען״ — פלעגט ער זיך אליין פרעגען, ארומשפרייזענדיג שעה׳ן לאנג אין זיין קליינער דירה׳לע אדער ליגענדיג אויף זיין הארטען בעטיל און צופענדיג דאס געלב בערדיל. „וואס

טהוט מען"? — אמת, זיין געוועזענער חבר, זשיול פערעטץ, וואס האט איצט ביי דער גרעפין סטאשיצקאיא געלעבט אין וואילטאג און האט בעקומען גוטע געהאלט אויך, פלעגט איהם מיט פער־גניגען פארלעגען פון זיינע מיטלען, פלעגט איהם מיט טרעהרען אויף די אויגען בעטען, ר׳זאל זיך ניט ענטזאגען פון א חבר׳ס שטיצע. אבער זיין גאנצער ענגלישער שטאלץ פלעגט אויפ־געבראכט ווערען נעגען נדבות. ווי ער פלעגט אנרופען די שטיצע. און אמאל, ווען זשיול פערעטץ האט געמיינט מיט געוואלט אריינ־רוקען איהם א הלואה, האט ער איהם גוט אויסגעזידעלט און האט איהם דערביי געשראקען, אז ער וועט זיך מיט איהם איינגאנצען צוקריעגען.

„דיענען? ווערען א פריקאזשטשיק, א בוכהאלטער?" ער וואלט עס מיט פערגניגען געטהון. די האנדשריפט איז ביי איהם געווען א פיינע, רעכנונג האט ער גאנץ גוט געקענט. די פראגע איז אבער: וואו קריעגט מען א שטעלע? אין דער גאנצער שטאדט נ., וואס איז געווען אנגעשאטען מיט טויזענדער קראמען, איז ניט געווען קיין האנדעל, נור קרעמעריי, וואס איז ניט נויטיגט אין קיין פרי־קאזשטשיקעס און בוכהאלטערס, און די שטעלען זענען געווען פער־נומען פון פרויען, מיידלעך און מיידלעך, וואס האבען זיך בעג־נוגענד מיט א געהאלט פון קאפיקעס. אין דעם צעהנדליג מאגאזי־נען, וואס האבען זיך ערלויבט די לוקסוס צו האלטען ביליגע פריקאזשטשיקעס און בוכהאלטערס, זענען אלע ערטער פערנומען געווען מיט ביליגע דייטשען פון אויסלאנד, ד. ה. פון איידקונען, וואס זענען אויף די אמת׳ע דייטשען נור דערמיט עהנליך געווען, וואס זיי האבען אויך ניט געוואוסט די ארטיגע שפראכען.

„נעהמען זיך פאר האנדווערק? דאס פערשטעהט זיך — האט בערקאוויטש געטראכט — וואלט בעסער געווען פון אלץ. אבער, פאר וועלכע האנדווערק זאל מען זיך נעהמען? פאר שוס־טעריי, שניידעריי, אדער טשעסלעריי? אבער די יאהרען האבען איהם דאס שוין ניט ערלויבט: ער איז שוין געווען איבער דרייסיג. אזא לעהרלינג אין דער ארבייט וועט שוין קיינער ניט אננעהמען. איינבינדעריי? זענען אבער די איינבינדער אין נ. אויסגעגאנגען פון הונגער און האבען שוין לאנג אויפגעהערט אנצונעהמען לעהר־יונגען.

איין מאל האט זיך בערקאוויטש פונדעסטוועגען אבנערוכט,

אַז ס׳איז פאַר איהם מעגליך צו ווערען אַ האַנדווערקער, און טאַקי אַ שמיעד. אויף דעם געדאַנק האָט איהם אַרויפגעבראַכט די שמיע־דעריי, וואָס איז געווען אין פאָרשטאָדט, ניט ווייט פון זיין דירה, פון וואַנען ס׳פלעגט זיך דערהערען אָפט דאָס ריטמישע קלאַפּען מיט׳ן האַמער, בעזונדערס אין די שטילקייט פון נאַכט. פאַר דעם געדאַנק האָט ער זיך אָנגעהאַפּט, ווי אָן אַ רעטונגס־אַנקער. „די מלאכה קאָן איך ניט ערדרייכען — האָט ער געטראַכט. — די מוסקולען מיינע זענען געזונדטע, מיט׳ן האַמער אַרבייטען וועל איך קאָנען. די מלאכה איז ניט קיין חומרות. בעשלאָסען! איך ווער אַ שמיעד!" מיט דעם בעשלוס איז ער אַמאָל אין אַ אַפּריל־פריה־מאָרגען אַוועק אין שמיעדעריי און האָט קורץ און שאַרף ער־קלעהרט זיין פערלאַנג. דער שמיעד און זיינע פועלים האָבען איהם לכתחילה געהאַט אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, זיי האָבען עס ניט געקאָנט בעגרייפען, ווי אַזוי קומט עס צו אַ מענשען, וואָס איז אָנשטענדיג געקליידעט, אַ ווייסע הענדטיל, ווי ס׳זעהט אויס — ווי קומט עס צו אַזאַ דער פערלאַנג צו ווערען אַ שמיעד. איז דאָך קלייהר, אַז דער מוח איז ביי איהם ניט גאַר כשורה׳דיג. וועגען דעם, אַז דער אַנשטענדיג געקליידעטער יונגער־מאַן זאָל הונגערן — איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלען. דערנאָך האָט מען איהם חושד געווען אין שפּיאָנעריי. ווארום דער שמיעד איז געווען אַ פּאָליאַק און די לעצטע צייט האָט ער אָנגעהויבען צו בעקומען פון אַ געוויסען אָרט בעשטעלונגען ניט גאָר קיין געוועהנליכע, וואָס זענען בסוד־סודות. איז דאָך קלאָהר, אַז דער מענש איז אונטערגעשיקט, איז אַ — שפּיאָן. מ׳האָט איהם מיט עפּעס אַנ׳אויסרייד לחלוטין אָבגעזאָגט. ער האָט געבעטען — „לאָזט מיך אַרבייטען, איך וויל אַרבייטען", נור דאָס האָט ניט געהאָלפען, מ׳האָט איהם געבעטען אַרויסגעהן און ניט שטערן.

דער אָבזאָג האָט ביי איהם אויסגעזעהן, ווי אַ טויט־אורטייל, און ר׳האָט זיך ניט אַ טראַכט געטהון אַז וועו ניט דער, וועט אַנ׳אַנדער שמיעד מסכים זיין אויף זיין פאָרשלאַג. ס׳האָט איהם אָנגעהויבען צו מישען אין קאָפּ. מעכאַניש, אינסטינקטיוו האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיין וואוינונג. ביים אַריינגעהן אין טויער, האָט דער ווינד אַראָבגעריסען ביי איהם פון קאָפּ דעם הוט, נור ער האָט עס ניט בעמערקט.

מיר דערוויסען איהם אין דער פערצווייפלונגסווילע. זיין פנים איז בלאַס, צורודערט. דריי טעג האָט ער שוין קיין מיטאָג ניט געגעסען, פון נעכטען אָן האָט ער שוין קיין ביסען אין מויל ניט געהאַט. ס'שיידערט איהם פון קעלט. מיט אַנ'אָראָבגעלאָזטע קאָפּ און צונויפגעפלאָכטענע הענד אויפ'ן ברוסט שטעהט ער ביי דער טהיר, און ס'דוכט זיך איהם, אַז ער געהט עס אַרום הין און צוריק איבערן צימער. מיט אַ מינוט צוריק האָט ער וועגען עפּעס געטראַכט, און דוקא וועגען עפּיס זעהר וויכטיגעס, נור ס'האָט פּלוצים אָנגעוואָהרען דעם פעדים פון זיינע געדאַנקען. ס'איז איהם זעהר פערדראָסיג, פּונקט ווי ער וואָלט עפּיס פערלאָרען. וואו איז עס פערלאָרען געגאַנגען? ווי געפינט מען עס צוריק?

— אַך יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט דערפרעהט—אָט אי עס! דער טויט? יאָ, דער טויט. דאָס איז די איינציגע רעטונג פאַר מיר. ער וועט גלייך אויסבעסערן מיין לאַגע... די לאַגע? וועלכע לאַגע? דער טויט איז דאָס ניט-זיין, דער בטול פון יעדער לאַגע. . „אַ מענש אַליין שאַפט זיין לאַגע"... ווער האָט עס געזאָגט?... דאָס לעבען איז—אַ עפּעס, ניין, ניט אַזוי. דאָס לעבען איז—צוויי נאָר-נישטען, ז'ער טויט—אַ גאָרנישט. דאָס איז איינפאַכער, און עסען דאַרף מען אויך ניט, און קיין אַרבייט דאַרף מען אויך ניט זוכען, איין וואָרט: אַ נול, אַ גאָרנישט. דאָס גאַנצע לעבען פיהרט צום אור-אַלטען נול. איינער קומט פריהער צום ציעל, אַ צווייטער שפּעטער, און אַז מ'איז שוין ביים ציעל, איז שוין אַלץ איינס, צו מ'איז פריהער, צו שפּעטער געקומען. ווער וועט מאָהנען און פון וועמען? וואָס קאָן מען נעהמען ביי אַ נול? דער נול ליגט זיך רו-היג, קיינער בעאונרוהיגט איהם ניט, קיינער דאַרף איהם ניט, און ער דאַרף קיינעם ניט. ער רוהט אָב פון די דאגות, וואָס זענען אָן איהם אָנגעבונדען געווען צוזאַמען מיט די איינסען, וועלכע האָבען איהם אויף אַ קורצע צייט געמאַכט פאַר עפּיס אַ יש"...

די טהיר האָט זיך עטוואָס אויפגעעפענט און האָט זיך מיט אַ רעש צוגעמאַכט פונ'ם ווינד, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען אין פּאָרהויז. פון דעם קלאַפּ האָט ער ערוואַכט, און איצט ערשט האָט ער בעמערקט, אַז ער שטעהט ביי דער טהיר, און פון די לעבער האָט אַ קעלט געטראָגען אויף איהם און אין גאַנצען צי-מער. ער האָט געפיהלט, אַז ער פריהרט, די הענד זענען איהם,

ווי די שטעקלעך געוואָרען, און דער קאָפּ האָט געברענט. ער איז עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען איבערן צימער, דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון אויף זיין בעטיל און האָט צוגעמאַכט די אויגען.

פון שוואַכקייט, מיעדיגקייט, הונגער און קעלט האָט ער גיך אַיינגעשלאָפען.

און ווי ער האָט נור אַיינגעשלאָפען, האָט ער פּלוצלינג דער־הערט, אַז די טהיר האָט זיך מיט רעש אויפגעעפענט און ס'איז עמיצער אַריין אין צימער און דערנהנטערט זיך צו זיין בעטיל. ער עפענט די אויגען: געבען איהם איז געשטאַנען זשיול פּערעטץ.

— יאָ, איך האָב טאַקי געוואוסט, אַז איך וועל דיך טרעפען אין בעט,—האָט פּערעטץ אָנגעהויבען, ווי זיין שטייגער איז, פריי און לוסטיג—שטעה אויף, לעדיג־געהער, און מיר וועלען פאָהרען.

— וואוהין?

— דאָס איז אַ סוד, אַ סיורפּריז.

— סודות און סיורפּריזען האָב איך נישט ליעב, — האָט בערקאָוויטש אַרויסגעזאָגט מיט פערדרוס—רייד צו דער זאַך.

— פּשוט גערעדט: מיר זענען אונטערפיהרער.

— אונטער־פיהרער?—האָט בערקאָוויטש איבערגעפרעגט,— ביי וועמען איז עס החונה?

— ביי פרייליין קראַנץ.

— ביי פרייליין קראַנץ! האָט בערקאָוויטש איבערגעזאָגט, איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און איז בלאַס געוואָרען.—אַ ווײלע האָט ער געשוויגען און דערנאָך האָט ער נעפרעגט:—מיט וועמען האָט זי עס חתונה?

— מיט סאַרינען.

— מיט סאַרינען?—בערקאָוויטש'ן האָט זיך עס ניט געגלויבט.

— נסים ונפלאות. דוכט זיך, אַז זיי האָבען גאָר ניט גע־שטימט צווישען אַנאַנד.

— ווייסטו דען ניט, אַז פערליעבטע קריגען זיך איז עס נור צו גוטען? אונז האָט זיך עס געדוכט, אַז זיי שטימען ניט. שטעלט זיך אָבער אויס, אַז זיי זענען פערליעבט איינער אין צווייטען פון דער ערשטער בעגעגעניש אָן. ס'איז שוין איין מאָל געזאָגט, אַז פרויען זענען רמאות'דיג, אַז ס'איז זיי ניט אָבצוטרעפען.

בערקאָוויטש האָט אַראָבגעלייגט דעם קאָפּ און האָט זיך פֿער־טראַכט. „דער כּוס, הייסט עס, איז פֿול" — האָט ער געטראַכט. „האָט זיך דאָס גורל אָנגעזעצט אויף איינע, וועט עס שוין אַריינ־דרינגען ביז די סאַמע פֿערבאָרגענסטע ווינקעלעך פֿון זיין וועזען, וועגען וועלכע ס'האָט, דוכט זיך, ניט געוואוסט און ניט געקאָנט וויסען. פֿון וואַנען האָט עס דאָס גורל געקאָנט וויסען, אַז פּאַלינאַ איז מיר טייער? און די קנאה האָט געטראָפֿען אפילו אין אָט דאָס ברעקעלע גליק, אין דעם אומשולדיגען טרוים, אין וועלכען איך אַליין האָב ניט געגלויבט... מ'זאָגט, אַז דאָס גורל איז בייז, אכזריות'דיג... ניין! דאָס איז פּשוט ניעדערטרעכטיג. און איבריגענס... וואָס געהט עס מיר אָן דאָס גורל, די ניעדערטרעכטיג־קייט? ווען זשיול זאָל ניט געווען קומען, וואָלט איך שוין געוועןְ ד אָ ר ט ע ן... ס'מאַכט ניט אויס, מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער. זשיול איז גאָר ניט חושד, וואָס פֿאַר אַ מחשבה ביי מיר איז איצט. דאָס איז נאָך בעסער. כ'וועל איהם נאַרען ביז'ן סוף. כ'וועל מסכּים זיין צו זיין אונטער־פֿיהרען, האָטש מיר זענען איצט גאָר אין קאָפּ ניט אָט די שטותים פֿונ'ם לעבען.

— מיר פֿאָהרען, זשיול! — האָט ער געזאָגט מאָדנע ענט־שלאָסען, און האָט פֿערשפּיעלעוועט זיין מאַנטעל. יאַ, — האָט ער גלייך צוגעגעבען, — ביי מיר איז ניטאָ קיין פֿראַק, קיין קאַפּעליוש...

— ס'וועט אַלץ זיין, — האָט זשיול געענטפֿערט, — איך האָב שוין בעזאָרגט. מיר וועלען אַריינפֿאָהרען צו מיר, איך האָב שוין דאָרט אַלץ צוגעגרייט צום פּוץ. יאַ, אַגב וועלען מיר אָבעסען. ביז דער חופּה איז נאָך גוטע דריי שעה צייט.

— דאָס איז גוט, — האָט בערקאָוויטש געזאָגט, בעשליע־סענדיג, אַז דעם לעצטען טאָג פֿון לעבען מאָג מען זיך אַביסעל תּאווילטיגען. ווייז איז ביי דיר פֿאַרהאַן?

— דער בעסטער לאַפֿיט. מ'קאָן אויך קריעגען רעדערער.

— Very well, מיר פֿאָהרען!...

אין זשיול'ס בעקוועמער און ריין־מעבליערטער קוואַרטיר איז שוין דער טיש געווען געגרייט. אין ווינקעל, אויף אַ טישעל איז געשטאַנען אַ פֿלעשיל אַלטע בראַנפֿען און פֿרישע סעמגע. וואָס האָט אַזוי געצויגען, ביי בערקאָוויטש'ן איז פֿול געוואָרען דאָס מויל.

— איך וועהל געהן הייסען דערלאַנגען, — האָט זשיול

געזאָגט. --- און דו דערווייל ביים צו. אָט איז סעמגע, און אין אַלמער׳ל האָסטו דיר סאַרדינען, קעז און נאָך עפּיס.

בערקאָוויטש האָט זיך מיט אַפּעטיט אָנגעוואָרפן אויף די עסענוואַרג, און דער הונגער האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און פון אַ גלעזיל אַלטע בראַנפען האָט ער אַזוי גוט ווי גענומען ברומען. ער האָט ניט געגעסען, ניט געקייט, נור געשלונגען שטיקער און האָט זיך אַליין געשעמט פאַר זיין וועלפישען אַפּעטיט און זיין אונאָנשטענדיגען אַרט עסען. און מערקווירדיג, וואָס מעהר ער האָט געגעסען דעסטאָ גרעסער איז געוואָרען זיין אַפּעטיט. ער האָט אויפגעגעסען די סעמגע, די סאַרדינען און כּמעט אַ פונט קעז, און דער אַפּעטיט איז נאָך אַלץ דער זעלבער.

— וואָס איז עס פאַר אַ אָנשיקעניש? — האָט ער זיך אַליין געוואונדערט, — צי דען אָבער עטליכע הונגער־טעג וועָרט שוין פון דעם מענשענס מאָגען אַזאַ פאַס אָהן אַ דעק?

זשול האָט זיך אומגעקעהרט און באַלד האָט מען אָנגעהויבען צו דערלאַנגען מיטאָג.

מ׳האָט דערלאַנגט אַ פראַכטיגען בוליאָן מיט הייסע פּיראָזש־קעס. בערקאָוויטש האָט אַ שמייכעל געטהון ווענען די דעליקאַטעסען, ווי איינער זאָגט: צי קאָן דען אַזאַ מין שפּיטאָל־געריכט שטילען דעם הונגער פון אַ געזונדען מענשען? אין צוויי מאָל האָט ער זיין טעסיל טרוקען געמאַכט.

— צי איז ניטאָ קאַשע? — האָט ער געפרעגט, בעשליע־סענדיג ניט צו שעמען זיך.—

— זשיול האָט צוגערופען דעם לאָקיי און האָט איהם אויפ׳ן אויער עפּיס געזאָגט. אין עטליכע מינוט אַרום איז שוין פאַר בערקאָוויטש׳ן געשטאַנען אַ הייסע שיסעל מיט קאַשע. די קאַשע איז איהם מעהר געפעלען געוואָרען, ניר... נור דער אַפּעטיט איז אַלץ דער זעלבער. מ׳האָט דערלאַנגט ביפשטעקס. „אָט דאָס — האָט בערקאָוויטש געטראַכט — וועט מיך שוין אינגאַנצען בערוהיגען“. אָבער ס׳הויבט זיך גאָר ניט אָן. פון ביפשטעקס איז קיין רויך ניט געבליעבען, און דער אַפּעטיט איז אַלץ דער־זעלבער. בערקאָוויטש איז בייז געוואָרען אויף זיין טייוולאָנישען מאָגען און האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעסערט.

— פון ווייַן אָבער, רעכען איך, וועסטו זיך ניט אָבזאָגען?—

האָט זשיול געפרעגט און האָט איהם אָנגעגאָסען אַ באָקאל שאַמ-פּאַניער.

— גיס, — האָט בערקאָוויטש אַרויסגעזאָגט ענטשלאָסען און האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנד צום באָקאַל.

— וואַרט אוים, ליבינקער, — האָט איהם זשיול אָבגע-שטעלט, — דו אַייל זיך ניט אַזוי! מיר וועלען זאָגען לחיים פאַר חתן כלה.

— ס'וועט נאָך צייט זיין אויף דער חתונה.

— אויף חתונה וועלען מיר טרינקען לחיים פאַר סאַרינען און פריילין קראַניץ, און דאָ האָבען מיר גאָר אַנ'אַנדער פּאָר.

— ווער איז עס?

— וואוילע לייט. דער חתן איז — זשיול פערעטץ, און ד כלה פריילין בערקאָוויטש.

— מיין שוועסטער? — האָט בערקאָוויטש אויסגעשריען מיט פרייד און שרעק צוזאַמען.

— יאָ, יאָ, שוין לאַנג ווי מיר ליעבען איינער דעם צוויי-טען, נור דו האָסט עס ניט בעמערקט, איז פאַר אונז בעסער גע-ווען. די טעג האָבען מיר זיך ערקלעהרט און האָבען בעשלאָסען: נאָך שבועות האָב איך חתונה און...

— דו וועסט געהן אין רושאַנד?

— ניין, מיין פריינד, איך קעהר מיך אום צו פריעדליכע בעשעפטיגונגען. נאָך שבועות וועל איך האָבען עטליכע הונדערט טאַלער. פאָהר איך אָב קיין אַויסלאַנד און כ'בעזעץ מיך אין אַ דייטשער שטאָדט ערגיץ, כ'וועל געבען לעקציעס און קאָרעספּאָנ-דירען אין פראַנצויזישע צייטונגען, מיט איין וואָרט, פון הונגער וועלען מיר ניט שטאַרבען. יאָ, מיר וועלען דיך אויך מיטנעהמען. פאַר דיר וועט זיך אויך געפינען אַ בעשעפטיגונג. דאָ נור זענען מיר איבעריגע, און דאָרטען וועלען מיר ניט איבעריג זיין. יעדער אַרט פון מענשליכער טעטיגקייט ווערט דאָרט ווי געהעריג אָנגע-ווענדט. מיר וועלען ניט פערפאַלען ווערען. ס'לעבע די געבילדע-טע און טעטיגע אייראָפּאַ! לחיים!

זיי האָבען געמאַכט לחיים און אויסגעטרונקען זייערע באָ-קאַלען.

בערקאָוויטש איז פרעהליך געוואָרען. ניט אַזוי פון דעם

באָקאַל שאַמפּאַניער, ווי פון זשיול׳ס פּלאַן, וועלכען ער האָט איינגעפוגען פאַר גאַנץ פּראַקטיש און אויספיהרבאַר.

נאָך מיטטאָג האָבען די חברים עטוואָס אָבגערוהט און זיך גענומען פאַר׳ן טואַלעט. אָנגעשמירטע, אָנגעשמעקטע און אָנגעטהונ־נע, ווי צו אַ באַל, זענען זיי זעקס דעם זייגער געשווינד געפאָהרען צום מאַן, צו סאַרינען. זיי האָבען איהם געטראָפען שוין אַ אָנגעטהונענעם, ווי ער וואַרט אויף זיי.

— זענט מיר מוחל, ה׳ בערקאָוויטש, — האָט סאַרין געזאָגט, — כ׳האָב קיין צייט ניט געהאַט צו מאַכען אייך אַ וויזיט און פּערזענליך בעטען אייך, נעהמען אויף זיך די טרחא פון אַ אונטער־פיהרער, אַזוי פיעל דאגות!... איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר. כ׳וועל אייער טובה קיינמאָל ניט פערגעסען. לאָמיר פאָהרען, מיינע העררען, מ׳וואַרט אויף אונז.

זיי האָבען זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט און זענען אַוועקגעפאָהרען צו דער כלה. דאָרטען איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט און מ׳האָט מיט אומגעדולט ערוואַרטעט די געסט, וואָס האָבען באַלד אָנגעהויבען צוזאַמענצוקומען. בערקאָוויטש האָט אָנגעהויבען אויסצופיהרען זיין ראָלי אַלס אונטער־פיהרער זעהר פריי, בעמיהענדיג זיך די גאַנצע צייט ניט צוקוקען אויף פּאָלינאַ׳ן, ווייל ער האָט געפיהלט, אַז ווי ער וועט נור אַ קוק טהון אויף איהר, וועט ער זיך פערליערען און וועט ווערען זעהר לעכערליך. איצט ערשט האָט ער זיך איבערציינגט, אַז ער האָט פּאָלינאַ׳ן ליעב פיעל ערנסטער, ווי ער האָט עס אַליין גערעכענט ביז אַהער. ר׳איז דעריבער זעהר צופריעדען געווען מיט דעם חתונה־געטומעל, וואָס האָט איהם ניט געלאָזט אַ טראַכט צו טהון וועגען זיין צער.

ס׳איז געקימען דער ראַבינער צוזאַמען מיט זיין געהילף, דער חזן מיט די זינגער און די גאַנצע כלי קודש פון שוהל און לויט דעם צייכען פון דעם אַלטען קראַנצ׳ן האָט מען זיך גענומען צוגרייטען צו דער חופּה. די מוזיק האָט גענומען שפּיעלען זעהר אַ פייערליכע מעלאָדיע און די געסט האָבען זיך אַלאָז געטהון אין די ערעפענטע טהירען פון גרויסען רייך־בעלויכטענעם זאַל, וואו ס,האָט בעדאַרפט געשטעלט ווערען די חופּה. די חופּה פון רויטען סאַמעט מיט גאָלדענע פרענז איז שוין געווען אויפגעשטעלט און

אונטערגעהאַלטען דורך פיער שמשים. בערקאָוויטש'ן אַלס אונטער־פיהרער האָט מען געגעבען אַ זילבערנעם טעסיל, אויף וועלכען ס'האָט געברענט אַ וועקסענע געפלאָכטענע ליכט. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אונטער דער חופה, וואו מ'האָט איהם אָנגעוויזען.

אַ פריהער האָט מען צוגעפיהרט דעם חתן, דערנאָך די כלה, און דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען די צערעמאָניע.

די זינגער האָבען אָנגעהויבען צו זינגען, און מ'האָט אָנגעהויבען אַרומצודרעהען די כלה אַרום דעם חתן. די גאַנצע צייט האָט בערקאָוויטש איינגעשפאַרט געקוקט אויף זיין ליכט און האָט קיין איין מאָל ניט אַ קוק געטהון אויף פאָלינאַ'ן. פּלוצלונג אָבער, ווען סאַרין האָט אָנגעטהון פאָלינאַ'ן דעם טבעת־קדושין און האָט אַרויסגעזאָגט: „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל", האָט ער אומגער'ן ניט ווילענדיג אַ קוק געטהון אויף פאָלינאַ'ן. און ווי ער האָט נור אַ קוק געטהון אויף איהר, איז איהם פּלוצלונג פינסטער געוואָרען אין די אויגען, ס'האָט איהם פערשווינדעלט אין קאָפּ, און ער איז אומגעפאַלען... און האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואו בין איך עס? — האָט ער אויסגעשריען, אויפּעפענדיג די אויגען און אַראָבשפּרינגענדיג פון בעטיל. ער האָט געוואָלט מחילה בעטען, נור אַרומקוקענדיג זיך אַרום און צו זיך קומענדיג, האָט ער זיך איבערציינט, אַז דאָס איז אַלץ אַ חלום געווען און אַז ער איז עס ניט אויף אַ חתונה, נור אין זיין אייגענעם ניט־געהייצטען שטוב.

דרויסען איז שוין פינסטער געוואָרען, הייסט עס, אַז ער האָט אָבגעשלאָפען עטליכע שעה. דאָס האָט איהם עטוואָס שטאַרקער געמאַכט, די געדאַנקען זענען קלאָרער געוואָרען און דעריבער האָט ער נאָך העלער אַרויסגעזעהן, ווי ס'איז פאַר איהם קיין אויסוועג ניטאָ פון זיין לאַגע.

— היינט טאַקי דאַרף מען פערענדיגען — האָט ער צו זיך געזאָגט — און וואָס ניעבער... נור גאָט מיינער, איך וויל עסען — עסען! האָט ער געשריען, אַרומלויפענדיג איבערן צימער, ווי אַ צומישטער. — איך קאָן ניט שטאַרבען אומגעגעסען..

די בע,טעמ'טע מאכלים, וואָס ער האָט אין חלום געזעהן האָבען איהם געקיצעלט, ס'איז איהם אין מויל געלעגען נאָך זיי־

ער טעם, זייער גערוך, דערהויפט דאָס גערוך פון די אַלטע בראַנ־פען און די שמעקעדיגע קאַשע.

— עסען! עסען! — האָט ער געשריען, ארומלויפענדיג איבערן צימער, ווי אַ צומישטער.—איך קאָן ניט שטאַרבען אונגעגעסען ניט איינשטילענדיג דעם הונגער!... קיין ביטערערע איראָניע האָט דאָס גורל ניט געקאָנט צוטראַכטען. מאָרגען וועל איך שוין אינגאַנצען ניט זיין, און היינט קאָן איך ניט אָבגעבען דעם לוין דעם צאַרישען מאָגען... אָבער אויף להכעיס, וועל איך עסען, היינט, תיכף טאַקי, איך וועל עמיצען בעראַבעוועז, דער׳הרג׳ענען, כ׳וועל גנבה׳נען, און וועל עסען, אויף להכעיס עסען!...

ער האָט אָבער קיינעם ניט בעראַבעוועט, ניט דערהרג׳עט, ניט גענגנב׳עט, ער איז נור אַוועקגעלאָפען צו דער ווירטהין און געבאָרגט אַ פיערטעלע.

ער האָט געקויפט אַ פונט ברויט, פּאַר אַ פאַר קאָפּיקעס גרויפען, פוטער און בראַנפען. אויב אַ שמחה, איז אַ שמחה! — האָט ער געוויצעלט פאַר זיך אַליין. פון דעם איינקויף איז נאָך איבערגעבליעבען עטליכע קאָפּיקעס.

— וואָס טהוט מען מיט׳ן געלד? — האָט ער זיך געפרעגט, צוריקקומענדיג אַהיים מיט דעם איינקויף. — וואו איז אַן אָרימאַן? אהער זאָל מיר ווערען אַ אָרימאַן, וועל איך איהם גליקליך מאַכען: כ׳וועל איהם אָבגעבען מיין גאַנצען קאַפּיטאַל!

ער האָט זיך צולאַכט און האָט שטאַרק אַ וואָרף געטהון דאָס געלד ווייט פון זיך.

די קופּער האָט געקלונגען אויפ׳ן גאַס־ברוק.

VI.

אַריינקומענדיג אין זיין צימער, האָט בערקאָוויטש אַרויסגענומען די ברעטלעך פון זיין בעטיל, האָט זיי אַוועקגעלעגט אין אייוועז, האָט אונטערגעהייצט און האָט זיך געזעצט אויף אַ טאַבורעט אַנטקעגען פייער.

פון אייוועז האָט אַרויסגעשפאַרט אַ רויך, אַ געדיכטער אַ שוואַרצער: ער האָט פערגעסען אויפצועפענען דעם קוימען.

— האַ! רויך! — האָט בערקאָוויטש אַרויסגעזאָגט, סקריפּענדיג מיט די ציינער. — פאַר אַזאַ גאָרנישט זענען דאָ אויך געזעצן פאַרהאַן אין דער נאַטור! דו האָסט אויך פיזיק געלערנט, האַ, האַ, האַ! ... כ׳וועל ניט דורכלאָזען! שטיק זיך! דו דאַרפסט לופט? כ׳וועל ניט געבען! דרעה זיך אויס, ווי דו קאָנסט...

דער רויך האָט אָנגעהויבען אָנצופילען דעם גאַנצען צימער

— נו, כ׳לאָז דיך געמאַך, — האָט ער אַרויסגעזאָגט ווייכער, — דו ביסט דאָך אַנ׳אכזר, אַנ׳עקשן, ווי די גאַנצע נאַטור. נאַ־דיר שוין, וואָס דו דאַרפסט.

ער האָט געעפענט דעם קוימען. דאָס פייער האָט שנעל אָנגעחאַפּט די טרוקענע ברעטער, וואָס האָבען לוסטיג גענומען פלאַצען, ווי אַ ביין אין די ציינער ביי אַ הונגעריגען הונד.

בערקאָוויטש האָט אַ פּאָר מאָל אַ זופּ געטהון פון די בראַנפען, האָט פערביסען מיט ברויט און גענומען קאָכען די קאַשע. אַז עס איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער עס מיט אַפּעטיט, נאַטירליך, געגעסען.

— נו, גענוג, — האָט ער צו זיך געזאָגט. — איך בין זאַט. איצט דאַרף מען זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

דרויסען איז שוין אינגאַנצען פינסטער געווען: ס׳איז געווען אַכט דעם זייגער אָוועגדס. ער האָט אָנגעצונדען אַ ליכט.

נור אַנשטאָדט צו נעהמען זיך פאַר דער אַרבייט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענד און האָט זיך שטאַרק פערטראַכט.

„פאַר וועמען ס׳איז קיין קובערט ניט אַוועקגעשטעלט, יענער דאַרף אַוועקגעהן פון דעם לעבענס־טיש“—האָט ער זיך דערמאָנט אָן מאַלטוס׳עס אַ אַפאָריזם. דאָס איז אכזריות׳דיג, אָבער ריכטיג... ריכטיג? וואָס פאַר אַ גערעכטיגקייט? פאַרוואָס איז עפּיס פאַר אַנ׳אַנדערן יאָ אַוועקגעשטעלט אַ קובערט, און פאַר מיר ניט? מיט וואָס האָב איך פערזינדיגט? וואו איז מיין קובערט? צו דען האָט מען זיך אויף מיר ניט גערעכט? פאַרוואָס האָט מען עפּיס אויף אַנדערע זיך גערעכט?... נור אפשר האָט מען זיך אויף קיינעם ניט גערעכט, און אַ קובערט קריעגט נור יענער, וועד עס בעקומט עס דורך קאַמפּף?... יאָ, דאָס איז אַזוי. ביי דאַרווינען רופט זיך עס אָן דער קאַמפּף פאַר׳ן עקזיסטענץ. איך האָב ניט געקעמפּפט...

ניין, איך האָב געקעמפּפט, נאָך מיינע כּחות נאָך, נור די כּחות זענען געווען נישטיגע, איך בין פערשוואַכט געוואָרען, איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבען פאַר די שטאַרקערע און אַוועקגעהן אהין, וואו ס'איז קיין קאַמפּף ניטאָ. אָט די Vae Victis רופען מענשען אָן זעלבסטמאָרד, פערברעכען. צו דען איך דער'הרג'ע זיך? מ'גיט מיר ניט די מעגליכקייט צו עקזיסטירען, מ'שטויסט מיך אַראָב פונ'ם לעבענס־בענקעל, און איך בין אַ פערברעכער, אַ פּחדן... נור איבעריגענס, וואָס געהען מיר אָן די מענשען מיט זייערע משונה'־דיגע בעגריפען?... איך קאָן ניט עקזיסטירען, דאַרף איך ניט עקזיסטירען. איך דאַרף בעשטראָפען אין זיך די נאַטור, וואָס האָט מיר קיין קרעפטען ניט אײַנגעטיילט, צו קעמפּפען פאַר'ן עקזיסטענץ. יאָ, בעשטראָפען! — האָט ער כּמעט אויסגעברומט, האָט מיט'ן פויסט אַ קלאַפּ געטהון אָן טיש און איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל.

ער איז, ווי משוגע, אַוועקגעלאָפען איבער'ן צימער הין און צוריק, פאָכענדיג מיט די פויסטען:

— בעשטראָפען! בעשטראָפען! — האָט ער געשריען, פער־שטיקט פון אויפרעגונג. — אַ שטריק! וואו זאָל איך נעהמען אַ שטריק?

אַז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויפ'ן בוידים האָט ער געזעהן אַ שטריק, וואו די ווירטהין העננט אויס די וועש.

ער האָט בעקומען דעם שטריק, האָט ער פערשלאָסען די טהיר און האָט אָנגעהויבען צוצומאַכען דעם שטריק צום סטעליע. די הענד האָבען איהם געטרייסעלט, אין די אויגען האָט געפינ־טעלט, און די אַרבייט איז ניט געגאַנגען. ער האָט צוגעשטעלט אַ שטוהל, איז אַרויפגעקלעטערט, ס'זאָל בעקוועמער זיין אַריבער־צוּוואַרפען דעם שטריק, נור ס'האָט זיך ניט אָנגעטראָפען.

אין דער צייט האָט עמיצער אַ קלאַפּ געטהון אין טהיר. בערקאָוויטש איז אָבער פערנומען געווען מיט זיין אַרבייט, האָט ער ניט געהערט דעם קלאַפּען און האָט זיך דאָס זייניגע געטהון.

ענדליך האָט ער אַריבערגעוואָרפען דעם שטריק און איז אַריבערגעשפּרונגען פון שטוהל, אַ צופריעדענער, וואָס די זאַך געהט כּשורה.

מ'האָט ווידער געקלאַפּט אין טהיר.

בערקאָוויטש האָט גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט גענומען אויסבינדען אַ תליה, וואָס איז באַלד פאַרטיג געווען.

— גוט! האָט ער געזאָגט, אָבמעסטענדיג מיט'ן אויג.

אין טהיר האָט מען נאָך שטאַרקער געקלאַפּט און מ'האָט שוין אויך געשריען דערביי: „עפענט אויף! דזשאָן! עפען! דו שלאָפסט דאָך ניט — עפען!"

פון די געשרייען האָט בערקאָוויטש אַזוי ווי ערוואַכט. ער האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן טהיר, אויף דער תליה און האָט בעשלאָסען ניט צו עפענען, אָבער אינסטיקטיוו, מעכאַניש איז ער צו־געגאַנגען צום טהיר און אויפגעעפענט.

ווי אַ קויל איז זשיול פּערעטץ אַריינגעפלויגען אין צימער, אַז ער האָט שיער ניט אומגעוואָרפען בערקאָוויטש'ן.

אַ קוק געבענדיג אויף בערקאָוויטש'ן, אויפ'ן צימער, אויפ'ן שטריק, האָט ער באַלד געהאַפּט, וואָס דאָ טהוט זיך, איז ער שיער ניט משוגע געוואָרען און האָט זיך געחאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

— דזשאָן, פריינד מיינער, — האָט ער אויסגעשריען, צו־שפּרינגענדיג צו בערקאָוויטש'ן, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ בעגראָ־בענער. וואָס איז עס?... צי דען?... אָדער איך בין זיך טועה?...

בערקאָוויטש האָט געשוויגען, איינגעשפּאַרט קוקענדיג אין אַ ווינקעל.

— רייד! — האָט איהם פּערעטץ געטרייסעלט, — וואָס האָסטו געוואָלט טהון?... צו דען אפשר? אָ, גאָט מיינער!

ער איז צוגעפאַלען אויפ'ן ברוסט בערקאָוויטש'ן, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ סטאַטוע, און האָט געוויינט.

— פריינד! מנוול! — האָט פּערעטץ געשריען, איינזויגענ־דיג זיך מיט די אויגען אין בערקאָוויטשעס צושטרויטעם געזיכט, — זאָג וואָס — נויט, הונגער?...

— הונגער, — האָט בערקאָוויטש ענדליך אַרויסגעזאָגט און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ דערבייאיגען בּיינקעל.

— דאָס איז אַלץ דיין נאַרישע גאוה, — האָט איהם זשיול פאַרגעוואָרפען, האָט אַראָבגעריסען דעם שטריק און האָט עס אַריינגעוואָרפען אין דעם ברענענדען אייוען. ווער ענטזאָגט זיך עס פון אַ חבר'ס שטיצע? מעהר נישט, ווי אַ עגאָאיסט, אַ מנוול, אַ שוטה, אַ בעל־גאוה, אַ נידערטרעכטיגער מענש!

— זידעל זיך ניט, זשיול.

— ווי זאָל מען דיך ניט זידלען, אַז די האָסט איבער דיינע שטות׳עריי׳ען שיער פון זינען נישט אַראָבגעפיהרט דיין פריינד און פאַר בעטלער געמאַכט דיין מוטער און שוועסטער!... נור, וואָס געהט עס דיר אָן, אַזאַ בעל-גאוה, אייגענע און פריינד?... דו האָסט געוואָלט אַרויסווייזען זיך! אָט איז אַ מענש געשטאָרבען פון הונגער, האָט ער זיך אויפגעהאַנגען, און האָט קיין שטיצע ניט גענומען. ווען וועסטו דאָס, לסוף, פערשטעהן, אַז דו בינסט ניט קיין ענג-לישער לאָרד, און אַז בענוצען זיך אַמאָל מיט דער שטיצע פון גוטע לייט איז גאָר קיין שאַנד ניט?

לאַנג נאָך האָט זשיול פאָרגעוואָרפען און געזידעלט זיין פריינד, נור ענדליך האָט ער זיך בערוהיגט.

— איצט, ברודער, — האָט ער געזאָגט שטילער, — וועל איך שוין דיך ניט אָבלאָזען. כ׳וועל דיך פאַר׳ן קאָלנער אוועקשלע-פען מיט מיר צוזאַמען. קיינע תירוצים וועגען געפאַהר וועלען ניט אָנגעהן. דאָס לעבען איז דאָך ביי דיר אַ גאָרנישט. ווען איך זאָל געוועזן קומען מיט אַ פיערטיל שעה שפעטער, וואָלסטו שוין גע-האַנגען אויף דעם נאַרישען שטריק. הייסט עס, אַז פאַר דיר איז עס שוין איצט גאָר אַ קלייניגקייט צו בעטייליגען זיך אין דעם פוילישען ענין. אַזוי, האַ?

— אַזוי, — האָט בערקאָוויטש מסכים געווען, בעשליסענ-דיג, אַז פאַר איהם איז איצט טאַקי אַלץ איינס.

— אָט בין איך שוין וויפיעל מאָנאַטען אין זשאָנד, או איך בין נאָך אַלץ ניט אויפגעהאַנגען. איבעריגענס, טאָמער וועט זיך אַזוינס טרעפען, וועל איך דאָך אַלענפאַלס שטאַרבען, ווי מ׳זאָגט, פאַר אַ פּאָליטישע אידעע. דאָס איז דאָך אַלץ מעהר כבוד, ווי דערפאַר, וואָס ס׳האָט ניט געקלעקט אַ פונט ברויט פאַר׳ן נאַרישען מאָגען. מסכים?

— מסכים, — האָט בערקאָוויטש מעכאַניש געענטפערט.

— גיב אַ האַנד — אויף לעבען און טויט!

בערקאָוויטש האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנד.

— פון איצט אָן — האָט זשיול אַרויסגעזאָגט פייערליך, — זענען מיר און אונזער גורל איינגעשיידט. וואו איך, דאָרטען דו... מיר וועלען שוין ניט אויף לאַנג בלייבען ביי דער קאַנצעליאַריע-

אַרבייט. אין אַ האַלב יאָהר אַרום, און אַז פּיעל אין אַ יאָהר אַרום וועט דער אויפשטאַנד זיך אָנפאַנגען פאַקטיש, דאַן פערשטעהט זיך וועלען מיר קיין איבעריגע ניט זיין אין זייערע רייהען.

— די פּאָליאַקען ריידען נור וועגען דעם, — האָט בערקאָוויטש סקעפּטיש בעמערקט.

— און די רוסען ריידען אַפילו ניט, הייסט עס, האָבען מיר ניט ויאָס צו ערוואַרטען פון זיי. אויף פּוילען קאָנען מיר האָטש עטוואָס האָפען, אַ פּרעטענזיע האָבען — ווייל זי האָט אַ הבטחה געגעבען פאַר דער גאַנצער וועלט. איבריגענס, בנוגע צו אונז פערזענליך, קאָנען אונזערע שאַנסען קיין בעסערע ניט זיין. וועט פּוילען אויסשפּיעלען און מיר וועלען לעבען בלייבען, קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז זי זאָל אונדאַנקבאַר בלייבען אַנטקעגען אַזעלכע פערזאָנען. וועלען מיר שטאַרבען אויפ'ן קאַמפּפס-פּעלד אָדער אַפילו תליה, וועלען מיר לפחות שטאַרבען בכבוד, און ניט פון הונגער. איך בין אַ רוסישער אונטערטאַן, און טאָר ניט וואוינען אין רוסלאַנד, צו פערדיענען אַ שטיקעל ברויט פאַר זיך!

— דאָס איז טאַקי מאָדנע — האָט בערקאָוויטש בעמערקט.

— נאָך מעהר מאָדנע איז אָבער — האָט זשיול צוגעגעבען, — וואָס ניט קוקענדיג דערויף, געפינען זיך צווישען אונז אַזעלכע, וואָס האַלטען פאַר רוסלאַנד שטאָהל און אייזען. סאַרין, דהיינו. צו וואָס וועגען בעמיהט ער זיך? איך פערשטעה איהם לחלוטין ניט. ר'איז דוכט זיך אַ קלוגער, און בענעהט זיך ווי אַ שוטה. כ'האָב גערעדט, גערעדט, אויפגעוויזען, און ער איז אַלץ ביי דאָס זייניגע: רוסלאַנד און רוסלאַנד! „רוסלאַנד האָט אונז בילדונג געגעבען, רוסלאַנד גיט אונז בירגערעכט, די רעכט פון רעגירונגס-אַמטען“. צו וואָס זענען די רעכט?!... ס'איז אונז זעהר נויטיג, אַז ברוך זאָל זיין אַ באַטאַליאָן-דאָקטאָר, און אברהם — אַ געריכטס-אויספאָרשער. דו, איך און צוויי מיליאָנען יודען געווינען עפּיס אַ סך דערפון, וואָס ברוך פערמאָגט עפּאָלעטען און אַברהם אַ געהעפטען קראַגען? צי דאָס איז אונז נויטיג? אונז איז נויטיג קודם-כל קיין אַמטס-רעכט, נור מענשען-רעכט, דאָס רעכט ניט פערשטיקט צו ווערען אין ענגשאַפט, ניט צו זיצען איינער אויפ'ן אַנדערן און איבערן דוחק אין שפּייז צו עסען איינער דעם צווייטען!... ברוך און אַברהם זענען גליקליך, ווייל זיי האָבען אַ

דיפלאָם, ווײַל זיי זענען פיינע לייט — זיי זענען אַלע שבע חכמות דערגאַנגען, איך פרעג דיך אָבער, פון וואַנען איז עס געדרונגען, אַז נור געלעהרטע לייט האָבען דאָס רעכט אויף זייער עקזיסטענץ, און אַלע איבעריגע דאַרפען אומקומען? און צי איז דאָ גאָר אַ מעגליכקייט דורכצוטרייבען אַדורך די אוניווערזיטעטען־אוידיטאָריען אַ מענגע פון צוויי מיליאָן מענשען, כּדי זיי זאָלען בעקומען דאָס רעכט צו לעבען, וואו זיי ווילען, און ניט דאָרטען, וואו מ׳בעפעהלט? דאָס איז ניט געהערט געוואָרען, מ׳קאָן עס גאָר ניט משיג זיין?

און ער האָט מיט פערדריקטע פויסטען אָנגעהויבען אַרומצו־לויפען איבערן צימער הין און צוריק.

— הער נור, דושאַן, — האָט ער געזאָגט, אָבשטעלענדיג זיך פּלוצלונג, — אויב איך וועל אַמאָל אַרויסטרעטען אין די רייען פון די פּאָליאַקען, זאָלסטו וויסען, אַז דאָס איז ניט פאַר די אונאָבהענגיגקייט פון דער קאָנגרעסובקע — וואָס געהט עס מיר אָן — נור ס׳איז אַנטקעגען דעם אַבסורד, לויט וועלכען עס קומט אויס, אַז אַ יוד וואָס האָט אויסגע׳חזר׳ט עטליכע לעהר־ביכלעך קאָן וואוינען אין ריאַזאַן, און אַ יוד, וואָס האָט ניט איינגע׳חזר׳ט די לעהר־ביכלעך טאָר ניט, פונקט ווי ריאַזאַן איז — עפּיס אַזאַ מין גן־עדן, אויף וועלכען ס׳האָבען רעכט נור צדיקים. דאָס איז אַבסורד! אַ קאָלאָסאַלער אַבסורד! און אַז דו וועסט מיך ווען ס׳איז זעהן אָבהענדיג, פערראומערט, אָראָבגעפאַלען בײַ זיך, זאָלסטו נור אויסשרייען: „אַבסורד!“ וועט צו מיר צוריק קומען די ענערגיע און איך וועל אויפלעבען. דו זאָגסט עס מיר צו? אָהן אַ שום גע־לעכטער בעט איך עס דיך.

— איך זאָג צו, — האָט בערקאָוויטש אַרויסגעזאָגט.

— גוט, איצט וועלען מיר זיך לעגען שלאָפען.

— דו ווילסט דאָ נעכטיגען? — האָט בערקאָוויטש גע־פרעגט.

— פערשטעהט זיך, וואו דען וועל איך נעכטיגען?

בערקאָוויטש האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— יאָ, איך האָב דיר, איינענטליך, פערגעסען צו זאָגען, נאָך וואָס איך בין געקומען צו דיר. איך בין טאַקי היינט געקומען איבערצונעכטיגען דאָ. בײַ מיר קאָן מען היינט ניט: היינט בײַ־אַכט איז בײַ אונז אַ הויז־זוכונג.

— אַהויז־זוכ׳נג? — האָט בערקאָוויטש ערשראָקען גע־פרעגט.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקען? מ׳וועט זוכען, אָבער מ׳וועט גאָרנישט ניט געפינען. ס׳איז אַלץ אויסגעראַמט גוט. מיר האָבען נאָך נעכטען געוואוסט, אַז היינט וועט מען זוכען.

— איהר האָט געוואוסט?

— נאָך ווי! מיר וויסען אַלץ. ווי נור עפּעס, זאָגט מען אונז אָן. מיר האָבען אומעטום אונזערע אייגענע מענשען. איינער פון אונזערע אָנגעטרויטע געפינט זיך זאָגאָר ביים גענעראַל זעלבסט, און דעריבער וויסען מיר פון יעדעם שריט פון דער אַדמיניסטראַ־ציע. מ׳וועט אונז שוין קיינמאָל ניט חאַפּען אין פערלעגענהייט. ביי אונז איז אַלץ בעוואָהרענט. כ׳האָב זיך גאָר ניט געריכט אויף אַזאַ אויסגערעכענטקייט ביי די פּאָליאַקען. די איינציגע פערדעכ־טיגע זאַך, וואָס די זשאַנדאַרמען האָלטען געפינען ביי דער גרע־פין סטאַשיצקאַיאַ—בין איך דאָך. וואָרום וואָס טהו איך דאָרטען? דאָס וואָלט געווען אַחשד, און דעריבער זוך איך מיר היינט אַנ׳־אַנדער נאַכטלעגער.

— איז נעכטיג דאָ,—האָט בערקאָוויטש געזאָגט,—נור אָהן פּעריבעל, די בעט איז ניט זעהר קיין געפּוצטע.

— ס׳איז ניט וויכטיג. וואָס בין איך אַגעצערטילטער בן־יחיד? און ווי איז אויף פּאָסט אויך?

— רעכענסטו טאָקי באמת צו געהן אין אויפשטאַנד?— האָט בערקאָוויטש געפרעגט.

— און דו מיינסט, אַז איך לאַך? ניין, ברודער, כ׳מיין עס ניט קיין וויץ. דער אַבסורד מאַכט מיך אַזוי אויפגעבראַכט, אַז איך וועל אויסער זיך זיין, אויב מיר וועט גראָד ניט געלונגען אַרויסצוטרעטען אין קאַמפּף. דער אַבסורד מאַכט מיך משוגע, און צייטענווייז פיהל איך זיך פעהיג צו דערשטיקען סאַרינען און זיינע חברים פאַר זייער אומגעלומפּערטען פראָפּאָגאַנדירען דעם רוסי־שען פּאַטריאָטיזם? זאָג דו אַליין, אדרבה, זענען זיי דען ניט קיין אידיאָטען? רוסלאַנד לאָזט אונז צו זיך אויפ׳ן שוועל ניט אַרויף, און מיר דאַרפען, לויט זייער מיינונג ליעב האָבען עס, ווי קינדער. פאַרוואָס, זאָג מיר, פאַרוואָס? אפשר דערפאַר, וואָס מ׳טהוט אונז די געפעלינקייט און מ׳נעהמט אויך פון אונז שטייערן?

פערטעיך האָט נאָך לאַנג און היציג גערעדט װעגען דעם, ביז װאַנען ער האָט בעמערקט, אַז בערקאָװיטש, זיין איינציגער צוהערער האָט איינגעשלאָפען, אָנשפּאַרענדיג זיך אָן קאָמאָד.

VII.

דער 17-טער אַפּריל 1862, װאָס איז אין גאַנץ רוסלאַנד געפייערט געװאָרען מיט אַ בעזונדער פּרייד, האָט זיך אין דער שטאָדט נ. גאָר ניט אויסגעצייכענט פון אַלע איבעריגע װאָכענדיגע טעג. אין סאָבאָר זענען אין דעם טאַבעל-טאָג צוזאַמענגעקומען נור מיליטער-לייט, און אַפילו רוסישע בעאַמטע זענען אויך ניט געװען ביי דעם גאָטעס-דיענסט. דער גענעראַל אַליין זאַגאַר, װאָס האָט מיט אַ טאָג פריהער זיך פערקאָטערט, האָט דעם גאָטעס-דיענסט אויסגעהערט אין זיין הויז-צערקװע, צװישען מקורבים, ד. ה. אַדיוטאַנטען, אָרדינאַרצעס, בעאַמטע פאַר בעזונדערע ענינים און דער גראַף טעגטשינסקי. דער גראַף האָט זיך אויך גערעכענט פאַר אַ מקורב. ער איז געװען אין דער גאַנצער אוניפאָרם אַלס קאַמערהער מיט אַלע מעדאַליען, הייסט עס, אַז װעגען זיין איבערגעבענהייט צו רוסלאַנד האָט קיין שום צװייפעל ניט געקאָנט זיין...

נאָכ'ן גאָטעס-דיענסט האָט דער גענעראַל איינגעלאַדען אַלע פערזאַמעלטע צו פריהשטיק.

אין דער צייט, װען אין דעם גענעראַל'ס עס-צימער האָט מען געטרונקען טאָסטען און מ'האָט אַ לוסטיגען געשפּרעך געפיהרט, איז ביי דעם קליינעם איינגאַנג פון גענעראַל'ס קװאַרטיר פאָרגעקומען פאָלגענדעס:

דער װעכטער אין דער יום-טוב'דיגער אוניפאָרם האָט אויף אַזאַ שטייגער איינגערעדט אַ יודען, װאָס איז געשטאַנען פאַר איהם.

— דו דאַרפסט דאָך פערשטעהן, װאָס מ'טענה'ט צו דיר. ס'איז פערזאָגט ניט אויפצונעהמען, װייל היינט איז יום-טוב.

— מיר איז זעהר נויטיג,—האָט דער יוד געענטפערט.

— אַז ס'איז נויטיג, װעסטו מאָרגען קומען, און היינט קאָן מען ניט—יום-טוב, אַ טאַבעל-טאָג. פערשטעהסטו?

— כ'פערשטעה.

— פערשטעהסטו, איז טראָג דיך פון דאַנען.

— אָבער מיר איז זעהר נויטיג, אונבעדינגט היינט. דער יענעראַל וועט זיין בייז, וואָס מען לאָזט מיך ניט צו.

— ווי זאָל מען דיך לאָזען, אַז ס'איז פּערזאָנט, מען זאָל ניט צולאָזען?—ווערט שוין דער וועכטער אין כּעס.

די טהיר פון פּאָרהויז האָט זיך געעפענט און פון די טרעפּ לאָזט זיך אַראָב מיט שווערע טריט און פויל קלאַפּענדיג מיט די שפּאָרען, אַ זשאַנדאַרמען-אונטער-אָפיציער.

— וואָס איז עס דאָ?—האָט דער זשאַנדאַרם געפרעגט מיט אַ שטאַרקען געניץ און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם יודען בײַ דער טהיר.

— אָט שוין אַ שעה צייט, ווי איך טענה מיט איהם, זאָגט דער וועכטער—אַז היינט קאָן מען ניט, און ער פערשטעהט אַלץ ניט, דער שוטה. ערקלעהרט איהר איהם, אייך וועט ער אפשר פערשטעהן.

— פון וואַנען בּינסטו?—פרעגט דער זשאַנדאַרם ביים יודען

— כ'בין אַ היעגער איינוואוינער.

— וואָס דאַרפסטו?

— צום יענעראַל.

— אַ בקשה?

— ניין, זאָגען עפּעס. זעהר אַ וויכטיגער ענין.

— וואָס פאַר אַ וויכטיגעס?

— אַ פּאָליטישנע.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך פערטראַכט, האָט בעקוקט זיינע אָבצאַסען, פעררייבט זיינע עפּאָלעטען און האָט אַ וואונק געטהון דעם יודען.

— קום מיט מיר.

דער יוד האָט אויפגעהויבען די פּאָלעס פון זיין לאַנגען סורדוט און איז אַוועק נאָכ'ן זשאַנדאַרם אויף די טרעפּ.

— דו שטעה דאָ, און איך וועל געהן מיטטיילען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער זשאַנדאַרם צוריקגעקומען און האָט דעם יודען אַריינגעלאָזט אין אויפנאַהם-צימער. צו איהם איז צוגעגאַנגען אַ יונגער אָפיציער אַ אָרדינאַרעץ און האָט אָנגעהויבען אויסצופרעגען. דער יוד אָבער טענה'ט, אַז ער וועט קיינעם ניט זאָגען, סיידען דעם יענעראַל אַליין. דער אָרדינאַרעץ

מהוט איהם אַ שנעל אין נאָז, געהט אַװעק איבערן גלאַטען פּאַר־קעט און װערט נעלם אַהינטער דער שװערער פּאָרט׳ערע פון װאַך־צימער.

אין עטליכע מינוט אַרום בעװײזט זיך דער אַדיוטאַנט גי־קאַליי קרוטיצקי, מיט אַ צײבען רופט ער צו דעם יודען.

— דער גענעראַל איז ניט געזונד און נעהמט ניט אויף קײנעם—האָט קרוטיצקי געזאָגט,—אויב דו האָסט עפּיס אַ סוד־זאַך, קאָנסטו עס איבערגעבען מיר, און איך װעל עס מיטטײלען דעם גענעראַל. איך בין דער אַדיוטאַנט.

— ענטשולדיגט, ה׳ אַדיוטאַנט,—זאָגט דער יוד,—מײן ענין איז פון גרויסער געהײמנים. איך דאַרף זעהן דעם גענעראַל.

— און מיר פערטרויסטו ניט?—האָט קרוטיצקי שטרענג אַ פרעג געטהון.

— װי קאָן איך די העזה האָבען ניט צו פערטרויען אײך?— נור דאָס, װאָס איך האָב צו זאָגען, דאַרף איך עס זאָגען דעם גענעראַל אַלײן.

קרוטיצקי האָט אויפגעפלאַמט און האָט פערביסען די ליפּען.

— נו, װי דו װילסט,—האָט ער געזאָגט אויסערליך קאַלט־בלוטיג.

— אַדיע,—האָט דער יוד אַרויסגעזאָגט און האָט זיך ניעדע־ריג גענויגט.

— דו געהסט אַװעק?

— יאָ. איך װעל מאָרגען קומען.

— נײן, ברודער, אַזוי געהט עס ניט,—האָט קרוטיצקי גע־זאָגט,—איך װעל דיך אָבשיקען צום פּאָליצײמײסטער.

— צום פּאָליצײ־מײסטער? — האָט דער יוד געפרעגט ער שראָקען, — פאַר װאָס עפּעס צום פּאָליצײמײסטער, איך האָב דען עפּעס געגנבה׳ט?

— גע׳גנבה׳ט, צו ניט גע׳גנבה׳ט׳ אָבער אַרעסטירען דאַרף מען דיך. דאָס איז אַ געזעץ, ס׳איז אַזאַ געזעץ. און מאָרגען װעט דער פּאָליצײמײסטער שױן אָבשיקען דיך אַהער צום פערהער.

— אָט איז דיר אַ שלום־עליכם, — האָט דער יוד אַרויס־געזאָגט פאַר זיך, האָט אַ קראַץ געטהון די פּאה און האָט זיך אין דער מחשבה געװידעלט, װאָס ער האָט זיך אַרײנגעמישט אין אַזאַ

ענין. — האַר מיינער, — האָט ער זיך געבעטען, — האָט אויף מיר רחמנות, שיקט מיך ניט אָב אין פּאָליציי. איך בין אַ פּערנו־מענער מענש. איך האָב קיין צייט ניט צו געהן איבער די קאַנ־צעלאריעס. איך בין אַהער געקומען נור לטובת קאַזנאַ. פאַר וואָס זאָל מען מיך עס אָבשיקען אין פּאָליציי?

— זאָג זשע, וועגען וואָס בינסטו געקומען?

— דאָס איז אַ סוד. כ'קאָן עס אויסזאָגען נור דעם געגעראַל.

— דער גענעראַל און איך — דאָס איז אַלץ איינס. דו זאָג מיר, און איך וועל עס איבערגעבען דעם גענעראַל. איך בין דער אַדיוטאַנט.

דער יוד האָט געטראַכט, געטראַכט און האָט זיך ענדליך בעשלאָסען.

— נו, זאָל זיין, ווי איהר זאָגט.

קרוטיצקי האָט צוגעשלאָסען די טהיר, האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויפ'ן סאָפקע, האָט אַרויפגעלעגט אַ פוס אויף אַ פוס און געזאָגט:

— נו, זאָג, וואָס דו ווייסט, נור אָהן ליגען און אָהן שווינ־דעל, וואָרו: איך וועל...

— ווי פאַר גאָט אַליין, איך וועל דעם גאַנצען אמת זאָגען.

— נו—ס.

— איך בין אַ שיינקער. צו מיר קומען אַ שנאַפּס מאַכען פערשיעדענע מענשען, דערהויפּט פּאָליאַקען. פון די פּאָליאַקען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיי ווילען מאַכען אַ בונט.

— ווי אַזוי האָכטו זיך דערוואוסט? — האָט קרוטיצקי גע־פרעגט מיט אַ שמייכעל.

— ווי האָב איך זיך דערוואוסט? איך האָב דען קיין אויערן ניט? זיי האָבען גערעדט, און איך האָב געהערט.

— מילא וואָס מענשען ריידען שכור'ערהייד.

— וואָס ביים ניכטערן אויפ'ן לונג, איז ביי דעם שכור אויף דער צונג. און איבריגענס, וואָס מאַכט עס מיר אויס? איך וועל דערצעהלען דאָס, וואָס איך האָב מיט מיינע אויערן געהערט.

— וואָס האָסטו געהערט?

— דאָ איז פאַרהאַן איינער אַ שוסטער. זיין נאָמען איז שילאָ.

איז דער שוסטער נייהט עס שטיוועל פאַר דעם אויפשטאַנד. דער הערר וועט פערשרייבען דעם דאָזיגען שוסטער?

— איך וועל פערשרייבען, — האָט קרוטיצקי געזאָגט, ר'האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ-ביכעל און געמאַכט בלומר'שט, ווי ער שרייבט. — וואָס נאָך ווייסטו?

— אויף אוספּענסקע פאָרשטאָדט איז דאָ אַ שמיעד.

— ווי רופט מען איהם?

— בראָניטש אָדער קראָניטש, גענוי ווייס איך ניט, און וואָס איך ווייס ניט, וועל איך ניט זאָגען. איז אָט דער שמיעד אַרבייט קאָסעס און פּיקעס פאַר דעם אויפשטאַנד. ער האַלט זיי אין קעלער, און מאָרגען ביי-נאַכט וועלען קומען פוהרען פון איינער אַ גרעפינ'ס גוט און וועלען עס אַרויספיהרען פון שטאָדט.

— גוט. און ווייטער? — האָט קרוטיצקי געפרעגט.

— אין פיליפ-וואָך וועלען אַלע היגע פוילישע בעלי-מלאכות אָבלאָזען זייערע פועלים קיין קאַלוואַריע. זיי וועלען אָבער ניט געהן קיין קאַלוואַריע צו גאָטעס-דיענסט, נור צום גראַף טענ־טשינסקי אין פאָלוואַראָק. דאָרטען וועלען די פועלים זיך לערנען שיסען, וואָרום זיי וועלען אַלע געהן אין אויפשטאַנד.

קרוטיצקי האָט עפּיס אָנגעצייכענט אין ביכעל און האָט אַ פרעג געטהון:

— וואָס נאָך ווייסטו?

— מעהר גאָרנישט. און אַז איך וועל עפּיס דערוויסען, וועל איך קומען און דערצעהלען.

— גוט, מיין טייערער, — האָט קרוטיצקי געזאָגט און האָט דעם יודען אַ פּאַטש געגעבען איבערן פּלייצע. — איך וועל עס מיטטיילען דעם גענעראַל און דו וועסט בעקומען אַ בעלוינונג, נור דו זאָלסט קיינעם ניט דערצעהלען וועגען דעם.

— זאָל גאָט היטען.

— ווי רופט מען דיך?

שמואל פלאַקס.

קרוטיצקי האָט פערשריעבען דעם נאָמען און האָט געפרעגט:

— וואו וואוינסטו?

— אויף באַלאָטנע גאַס, אין אַ אייגען הויז, אין שיינק. שמואל דעם שיינקער קענען אַלע.

— נו, אדיע, — האָט קרוטיצקי געזאָגט, האָט געפּענט די טהיר און האָט דורכגעלאָזען שמואל'ן. — אז מ'וועט דאַרפען, וועט מען נאָך דיר שיקען.

— וועט איהר דאָס אַלץ מיטטיילען דעם גענעראַל ?—האָט שמואל געפרעגט, אַרויסגעהענדיג.

— פערשטעהט זיך, — האָט קרוטיצקי געענטפערט, קוים איינהאַלטענדיג זיך פון אַ שמייכעל.

אַז שמואל איז אַוועק, האָט זיך קרוטיצקי אומגעקעהרט צוריק אין עס־צימער, וואו ס'איז נאָך געגאַנגען אַ לעבהאַפטער געשפּרעך. גראַף טעטשינסקי האָט ערשט אַרויסגעזאָגט אַ טאָסט פאַר „דאָס גליק פון רוסלאַנד" און אַלע פערזאַמעלטע זענען צו־געגאַנגען צו איהם מיט די באָקאַלען און געזאָגט „לחיים". דער גענעראַל האָט זאָגאַר אַרומגענומען דעם גראַף.

— איינס נור, גראַף, בין איך מיט אייך ניט צופריעדען, האָט ער געזאָגט, אָנהאַלטענדיג זיין האַנד.

— מיט וואָס איז עס, אייער עקסעלענץ ?

— דערמיט, וואָס איהר האָט פערלאָזען אייער שטעל אין אַזאַ צייט, ווען אייער דיענען וואָלט אַזוי נוצליך געווען פאַר'ן טראָהן און פאָטערלאַנד. איהר מיט אייער אויפגעקלעהרטען פער־שטאַנד, מיט אייער פּערזענליכען איינפלוס, מיט אייער לאָיאַלער ריכטונג — איהר וואָלט צום ריכטיגען פערשטאַנד געבראַכט דעם שטאַנד, וועלכען איהר האָט אָנגעפיהרט ביז אַהער. איך האָב גאָרנישט אַנטקעגען דעם איצטיגען מאַרשאַלאָק, נור ... נור ... Vous comprenez, cher comte מיט איין וואָרט, ס'וואָלט בעסער געווען, ווען איהר זאָלט איצט זיין מאַרשאַלאָק... דער היגער אַדעל ...

— דער אַדעל, — האָט דער גענעראַל צוגעגעבען, לאָזט זיך פונדעסטוועגען נאָך חלומות, און דאָס, entre nous, בעאונ־רוהיגט מיך ... איהר ווייסט, גראַף, אַז איך האָב ניט ליעב קיין שטרענגע מיטלען, איך בין אַ געגנער פון קריעגס־צושטאַנד, וואָרום מיט וואָס זענען דערביי שולדיג די פריעדליכע איינוואוינער ? דער האַנדעל ליידט, די אינדוסטריע ליידט, דער וואוילשטאַנד פון דער געגענד ווערט רואינירט ; נור וואָס זאָל מען טהון ? איך דאַרף דאָך בעוואָרגען די אָרדנונג. איך בעט און בעט, חאָטש איך האָב די

מאַכט צו בעפעהלען — טרעט ניט אַרויס פון די גרעניצען פון אַנשטענדיגקייט, האָט צוטרוי אינ'ם חסד פון אונזער גוטען מאָנאַרך, ער וועט אייך אַלץ טהון, איך אַליין וועל זיך משתדל זיין פאַר'ן טראָהן; אָבער אייערע גלייבענס־ברידער מיסברויכען מיט מיינע סבלנות... וואָס וועט אָבער זיין, אַז די געדולד וועט פלאַצען? מיר וועט דאָך אויסקומען דורך געוועהר איינצושטילען די ווידערשפעניגע... בלוט וועט זיך פערגיסען, און דערביי אויך, אפשר פון אונשולדיגע. גאָט אַליין ווייסט, ווי איך האָב ליעב די געגענד, איך האָב עס ליעב, קאָנט איהר מיר גלויבען, ניט וועניגער, ווי מיין היימאַטה. איך האָב אַלע מאָל געזועהן צו זיין דאָ אַ פאָטער, ניט אַ הערשער, איך פיהל זיך גליקליך נור דאַן, ווען מיר געלינגט צו פועל'ן ביים קייזער אַ גנעדיגקייט פאַר'ן געגענד — און אָט אַזוי בעצאָהלט מען עס מיר פאַר מיין ליעבע!...

טרעהרען האָבען זיך בעוויזען ביי דעם גענעראַל, ער האָט זיין באָקאַל איבערגעגעבען דעם אַדיוטאַנט, וואָס איז נעבען איהם געשטאַנען, און איז אַוועק אַ צורודערטער איבערן צימער, עטליכע מאָל הין און צוריק. די פערזאַמעלטע האָבען פאַר איהם אַ וועג געמאַכט און האָבען ערשטוינט אָנגעקוקט איינער דעם צווייטען די פרעהליכקייט איז פערשוואונדען פון זייער פנים. דער גראַף טענטשינסקי און ניקאָלאַי קרוטיצקי האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפ און האָבען זיך געמאַכט, אַז אויך זיי זענען גערידהרט.

— הערט איהר גראַף, — האָט דער גענעראַל געזאָגט, אָבשטעלענדיג זיך נעבען טענטשינסקי און אַוועקלעגענדיג אַ האַנד אויף זיין אַקסעל, — איך בעט אַייך, אָדער ניין, איך בעפעהל אַייך, אַלם הערשער, יאָ... אַלם הערשער, ווארום איך זעה, אַז ס'איז שוין צייט אָנצעווענדען די מאַכט, וואָס ס'איז מיר אָנגעטרויט. אַלזאָ, בעפעהל איך אַייך, צו ערקלערן אַלע אַייערע לייט, אַז זיי האָבען אויפגעטהון אַ געפעהרליכען, אונזיניגען שפיעל, אַז שפיעלען זיך מיט רוסלאַנד איז ניט זעהר בעקוועם. זאָלען זיי ניט מיינען, אַז אין דער קרימער מלחמה האָבען מיר אָנגעוואָהרען אַלע אונזערע טריאומפען... רוסלאַנד איז שטאַרק, שטאַרקער, ווי די רוסען אַליין רעכענען עס. איך זאָג עס אַייך, ווי אַנ'אַלטער רוסישער גענעראַל און אַדמיניסטראַטאָר. דערצו דאַרפט איהר וויסען, אַז איבער אַ שטיקעל ערד, וואָס האָט זיך אַמאָל אָנגערופען

די פוילישע קעניגרייך, וועט אייראָפּע ניט אַרויסטרעטען אַנטקעגען אונז אין אַ קאָאַליציע, און אויב יאָ, וועלען מיר אַרויסטרעטען אויך מיט ניט אַ שוואַכערער קאָאַליציע: מיט אונז וועלען זיין פּרייסען און עסטרייך. אַלזאָ, וועלען מיר די פּוילישע חלומות אויף שטויב צומאָהלען, און צו שלאָגענדיג די חלומות, וועלען מיר צו־שלאָגען אויך די בעלי־חלומות. זאָלען עס וויסען די פּוילישע אַגיטאַטאָרען, זענט אַזוי גוט און ערקלעהרט זיי דאָס.

— איך העה, אייער עקסעלענץ,— האָט דער גראַף אַרויס־געזאָגט און האָט אונטערטעניג געבויגען דעם קאָפּ.

— שאַמפּאַניער! — האָט דער גענעראַל אויסגעשריען, ר'איז ווידער פרעהליך געוואָרען, גוטמוטיג און מכניס־אורח, ווי געוועהנליך. — מיינע העררען, גיסט אָן די באָקאַלען! איך וועל אַ טאָסט זאָגען... פאַר די געזונדהייט פון גראַף באַלעסלאַוו קאַזימיראָוויטש טענטשינסקי און פאַר אַלע פריעדליכע בירגער פון דעם היגען קאַנט — הוראַ!

— הוראַ!! — האָבען מיט התפעלות אונטערגעכאַפּט אַלע פערזאַמעלטע.

אָבהיטענדיג אַ פּאַסענדע ווייל, האָט ניקאָלאַי קרוטיצקי אָבגעפיהרט זיין פעטער אין אַ זייטיגען צימער און האָט איהם אין קורצען איבערגעגעבען דעם שיינקער'ס מסירה, ער האָט איהם דערביי איבערגעגעבען אויך דעם אַדרעס פונ'ם מוסר. גראַף טענ־טשינסקי האָט זיך אפילו ניט געענדערט אין פּנים.

Dobrze, — האָט ער אַרויסגעזאָגט, האָט דעם אַדרעס אַוועקגעלעגט אין קעשענע און איז צוריק אַריין אין עס־צימער, מיט דער זעלבער רוהיגקייט, ווי פריהער, איידער ער איז אַרויס פון צימער מיט אַ ווייל צוריק.

אין פיער טעג אַרום, ד. ה. אין דער נאַכט פון 21 אויפ'ן 22־טען אַפּריל, איז אויף באַלאָטנע גאַס פאָרגעקומען אַ שריפה: ס'האָט זיך אָנגעצונדען, געברענט און אָבגעברענט, נאָך איידער די פייערלעשער זענען אָנגעקומען, דאָס הילצערן הויז פון דעם שיינ־קער שמואל פּלאַקס. די נשרפים האָבען קוים די נפשות געראַטע־וועט און עטוואָס פון די שטובינגע בעביכעס.

פיעל סמנים זענען געווען דערויף, אַז די שריפה איז געקו־מען פון אונטערצינדען. אַלע האָבען עס אָנערקענט,—און מ'האָט

באַדאַרפט נור אויספאָרשען, ווער איז עס דער אונטערצינדער, דער ערשטער חשד, ווי געוועהנליך, איז געפאַלען אויף דעם הויזאייגענטימער אַליין, אויף שמואל פלאַקס. מ'האָט איהם אַרעסטירט. ביר, אַז ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיין שטיבעל איז ניט געווען אַסעקורירט, האָט מען איהם פריי געלאָזען און מ'האָט זיך גענומען פאַר אַ פאָרמעלע אויספאָרשונג. ביי דער פאָרמעלער אויספאָרשונג איז מען ניט דערגאַנגען, ווער זענען די אונטערצינדער, דערפאַר אָבער האָט מען ענטדעקט, אַז די שריפה איז אַרויסגעקומען איבער אונפאָרזיכטיגקייט מיט פייער. אָט די שכל'דיגע ענטדעקונג האָט דער אויספאָרשער געמאַכט ניט באַלד אויפ'ן שטעל, נור ערשט דאַן, ווען דער פאַן אַנדריי גרושעוויטש האָט איהם געמאַכט צוויי וויזיטען, אין דער צייט, ווען ס'איז געפיהרט געוואָרען די אויספאָרשונג. פון די וויזיטען האָט דער אויספאָרשער פערשטאַנען, וואָס דאָ איז געווען...

שמואל פלאַקס איז געבליעבען אָהן אַ שטיבעל, אָבער מיט דער איבערצייגונג, אַז אָפטמאָל איז געפעהרליך צו מישען זיך אין פרעמדע ענינים. פונדעסטוועגען האָט ער בעשלאָסען אויך אויף ווייטער צו מישען זיך אין די פרעמדע ענינים, און נאָך שטאַרקער. דערצו האָט איהם געצוואונגען די בעדערפנים, וואָס ער האָט דערפיהלט—נוקם זיין זיך אָן די שולדיגע פון זיין צורואינירונג. ער האָט געוואוסט, ווער זענען די שולדיגע, נור די אַדמיניסטראַציע, צו וועלכער ער האָט זיך געווענדט נאָך גערעכטיגקייט, האָבען עפּיס ניט געוואָלט וויסען דערפון. זיי האָבען פון איהם געפאָדערט פאַקטישע ראַיות, און וואו האָט ער עס געקאָנט קריגען? ער האָט בעשלאָסען צו שווייגען און נוקם זיין זיך אָן די, וואָס האָבען איהם צורואינירט.

— פאַר יעדער שפּענדיל פון מיין שטיבעל וועל איך פון זיי הונדערט מאָל אַזוי פיעל אויפמאָהנען—האָט ער זיך געזאָגט און האָט געשוואָהרען אויסצופיהרען עס פעסט.

VIII.

די מוהמע פראַקסעדאַ, ביי וועלכער, אויב די לעזער געדענקען, קראַנץ'ס דיענסט מאַרצישאַ האָט בעשטימט צו זעהן זיך

דאָרט מ איהר געלייטעבטען סטאַס, אַ וועבטער פון פאָלקס־
ושאָנד,—איז געווען פון יענע מוהמעס, בײַ וועלכע ס׳איז דאָ
אַ גאַנצער אוצר פלימעניקעס. יעדעס מיידעל, וואָס איז קאָמפּראָ־
מעטירט און אָבגעשטויסען פון דער געזעלשאַפט, וואָס נויטיגט
זיך אין אַ אָבדאַך, אַן׳עצה אין שוץ, פלעגט ווערען אַ פלימעניצע
בײַ דער מוהמען פראַקסעדאָ, וואָס האָט געהאַט אויך אַן׳אוצר
פון פלימעניקעס און האָט שטענדיג געהאַט די מעגליכקייט איינ־
צואָרדנען דאָס מיידעל, וואָס פלעגט אָנקומען צו זוכען בײַ איהר
שטיצע. די מוהמע פראַקסעדאַ איז דעריבער זעהר פּאָפּוליער גע־
ווען צווישען די פּוילישע יונגע לייט פון דער שטאָדט נ., איז פון
איין זייט געווען אַ וואויל־טהוערין פאַר די יונגע־לייט, האָט גע־
שאַפען פאַר זיי כל־ערליי פערגניגענס און תענוגים, און פון דער
אַנדער זייט איז זי אַ רעטונג געווען פאַר די ליעבע, אָבער אריינ־
געפאַלענע בעשעפעניסען.

אין דער יוגענד איז די מוהמע פראַקסעדאַ, אַ יתומה אָהן
פאָטער און מוטער, נור מיט פלינקע אויגען, אַ ענטוויקעלטע און
זעהר אַ שען מיידעל—אַליין געווען אַ פלימעניצע בײַ איינער אַ מוה־
מען, און אין דעם טיטעל האָט זי ניט נור פרעהליך, רייך און
רוישענד די צייט פערבראַכט, נור זי איז אַמאָל אויך שיער ניט
געוואָרען אַ ערלויכטענע פאַניע, אַריינחאַפּענדיג אין איהר נעץ איי־
נעם זעהר אַ רייכען יונגען פריצ׳ל, וואָס האָט זיך שטאַרק פער־
ליעבט און שוין געוואָלט חתונה האָבען. נור דער רייכער פריץ
און דאָס קאָסמאָפּאָליטישע הארץ פון פראַקסעדאַ אַליין, וואָס האָט
זיך געעקרגערט פונ׳ם געדאַנק אַליין נור, אַז זי זאָל אָנגעהערן
נור צו איינעם—דאָס האָט גראַטעוועט די ערלויכטענע פאַמיליע
פון דעם פריצ׳ל פון דער חרפה. דעם פריצ׳ל האָט מען אוועק־
געפיהרט וואָס ווייטער פון דעם יצר־הרע, און פראַקסעדאַ איז גע־
בליעבען פריי און ס׳איז ווייטער געווען פלימעניצע נאָך מיט
אַ גרעסערן טשאַק, צו רואינירען פערשיעדענע פלימעניקעס און
פעטערס. נור אַ יאָהר לויפט נאָך אַ יאָהר, די יוגענד, שענהייט
און פערעהרער זענען פערשוואונדען, האָט זי זיך אויסגעווייַנט
אויף דער פערשוואונדענער, גלענצענדער פערגאַנגענהייט, און האָט
בעשלאָסען איינצואָרדנען זיך וואָס בעסער אין דער צוקונפט. פון
אַ פלימעניצע איז זי אַ מוהמע געוואָרען, און זי האָט די ראָלי־

אויסגעפיהרט זעלטען געשיקט און גוט. זי האָט איהר אייגען הויז אײַנגעאָרדענט זעלבשטענדיג, סאָליד, אויסגערעכענט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מוהמע און האָט אָנגעהויבען צו פיהרען אַ לעבען—לייטען צו פערגניגען און זיך צו ניצען.

אין דער צייט פון אונזער ערצעהלונג איז פראַקסעדא געווען שוין אַ פיערציג־יעהריגע דאַמע, אַ הויכע, אַ דיקע מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט צופריעדענהייט און זיכערקייט אין איהרע פעהיגקייטען דורכצופיהרען גאַנץ איידעלע געשעפטען. אמת, אויף דעם סאָלידען, כּמעט פראַקטישען פּנים בעוויזט זיך אָפטמאַל אַ פּעטס שמייכעל און מאוסע הועיות פון אַ אַלטער קאָקאָטקע, נור דאָס טרעפט זעהר זעלטען, דאַן נור, ווען איהר קומט אויס פאַר זעהר אַ קאַרגען פלימעניק פאָרצושטעלען, ווי מען זאָגט, אין פערזאָנען, די גרויסע מעלות פון אַ פלימעניצע, ווען זי האָט מורא אָנצעוועהרען אַ רייכען קליענט און אַ גוטען פערדיענסט. אין אַלגעמיין האַלט זי זיך טאַקטיש, זאָגאַר בכבודיג, האָט אַ שוואַכקייט צו מאַכען אַ אָנשטעל פון אַ סאָלידער רייכער פריצ'טע, וואָס פיהרט זיך אויף זעהר שטרענג. און מ'דאַרף מודה זיין, אַז זי שפּיעלט זעהר גוט די ראָלי פון אַ סאָלידער פּרויענצימער, און ווער עס זעהט אין רעדט מיט איהר אַנ'ערשטען מאָל קאָן לייכט מיינען, אַז זי איז אַ גוט־אייגענטימערין, אָדער אַ פרוי פון אַ מיטעלען בעאַמטען.

איהר וואוינונג פערנעהמט אין פּאָרשטאָדט אַ הילצערן הויז מיט אַ בוידים, דערביי איז דאָ אַ גאָרטען און אַ פרוכט־גאָרטען, וואו זי האָט שוין אַליין אײַנגעאָרדענט ביידלעך, היילען און ערדביידלעך. זי האָט ליעב אָרדנונג און קאָמפאָרט. זי אַליין פערנעהמט נור איין גרויסען צימער, וואָס איז שען מעבּליערט און דיענט איהר צום אויפנעהמען געסט, צום עסען, צום שלאָפען און אויך אַלס קאַבינעט אָדער קאָנטאָר, וואו זי נעהמט אויף איהרע קליענטען און מאַכט איהרע געשעפטען. די איבעריגע צימערען און די בוידימער פון דעם גרויסען הויז האַלט זי פאַר איהרע געסט, וואָס זענען אָ־טמאָל געעוויטינגט אין בעזונדערע צימערען.

ווען דער לעזער וועט מיינען, אַז די מוהמע פראַקסעדא איז אַ איינפאַכע מיידעל־מעקלערין, וועט ער איהר דערמיט זעהר בעליידיגען: זי, הייסט עס, זעהט נור אײַנצואָרדענען בּיי

זיך די בענקעניש פון ליעבענדע הערצער, וואָס ווילען זיך ניט קאָמפּראָמעטירען, זי פערלייכטערט די קענטשאַפט צווישען די, וואָס פיהלען אַ שטאַרקע צוציהונגס־קראַפט פון איינעם צום אַנדערן, זי זעהט נור צו געווינערינס, וואָס נויטיגען זיך אין שטיל־קייט און רוה, זי געפינט אַ שטעלע פאַר פּלימעניצעס, וואָס זענען געבליעבען אָהן אַ שום השגחה, אַמאָל אַלס דיענסט צו אַ בחור מיט אַ ווירטשאַפט, אַמאָל אַלס ניאַנע צו אַן'אַלמן מיט קינדער, זי גיט גוטע עצות פאַר יונגע פרויען, וואָס האָבען נאָך ניט פּראָבירט צו לעבען מיט'ן אייגענעם פערשטאַנד, מיט איין וואָרט, זי זעהט צו זיין נוצליך אין וואָס זי קאָן. אַ פּלימעניצע, וואָס פערליערט אַ שטעל, האָט דאָס רעכט צו פערברענגען ביי איהר צוגאַסט אַ וואָך צייט, אָבער דערנאָך דאַרף זי געהן וואוהין זי וויל, חאָטשי טרינקען זיך, וואָרום איהר הויז איז ניט יענעם הייזעל.

דאָס חזר'ט זי איבער איהרע קליענטען און קליענטקעס ביי יעדעם גינסטיגען צופאַל, כדי זיי זאָלען ניט פערגעסען, אַז זיי האָבען צו טהון מיט אַ אַנשטענדיגער פרוי, און ניט מיט עפּיס...

אין אַ שענעם, וואַרימען, נור אַ פינסטערן יולי־אָווענד אין 1862 יאָהר איז אין אַ ביידעל אין דעם פּרוכט־גאָרטען ביי דער מוהמע פּראַקסעדאַ געזעסען אַ פּאָרל און האָט שטיל, כמעט בסוד, געשמועסט צווישען זיך.

— גלויבט מיר, ערלויכטענע פּאַניע, — האָט זיך געהערט אַ בעטענדע שטים פון אַ מאַנספּערזאָן, — אַז דאָס איז אַלץ לשון־הרע, צו וואָס די ערלויכטענסטע פּאַני דאַרף זיך גאָר ניט צוהערן.

— ערלויכטעסטע פּאַני! ערלויכטעסטע פּאַני! — האָט אַ דין פרויען־שטים איבערגעקרימט — וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דאָ בין איך פאַר דיר ניט קיין ערלויכטעסטע פּאַני, נור פּשוט יאַדוויגאַ.

— איך ערוואַג מיר ניט אָנצורופען אייך אַזוי, איך ערוואַג ניט צו גלויבען אין מיין גליק, ווייבאַלד איהר צווייפעלט אין מיין אויפריכטיגקייט, ווייבאַלד איהר גלויבט ניט אין מיינע ווערטער.

— פאַר וואָס זאָל איך עס דיר אָנטרויען מעהר, ווי אַנדערען וואָס זאָגען, אַז דו נאַרסט מיך?

— די אנדערע זאָגען עס דערפאַר, ווייל זיי ווילען מיר בייז טהון. זיי זענען מיר מקנא, וואָס איך האָב זוכה געווען פּראָטעזשירט צו ווערען פון אייך.

— פּראָטעזשירט?

— אָדער... געליעבט, — האָט דער מאַנספּערזאָן צוגעגעבען ניט דרייסט און נאָך שטילער.

די זיידענע קלייד האָט זיך צורוישט: יאַדוויגאַ האָט זיך מיט'ן פּלייצע אומגעקעהרט צום מאַנספּערזאָן.

— אָט איז דיר, אַז מ'האָט ליעב אַ פּראָסטען מענשען, — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט פּערדרוס, — פּראָטעזשירען און ליעב האָבען איז ביי איהם אַלץ איינס.

— יאַדוויגאַ! — האָט דער מאַנספּערזאָן כמעט אויסגעשריען, און איז געפאַלען אויף די קניה, — אין גאָט'ס נאָמען, טראַכט ניט אַזוי פון מיר. לויט מיין געבורטה און די אומשטענדען בין איך טאַקי אַ פּראָסטאַק, אָבער דאָס האַרץ איז ביי מיר פון שליאַכטע. איך קאָן ליעב האָבען מיט פייער, ביז משוגעת.

— ווּעמען? האָט זי שטרענג געפרעגט.

— דו ווייסט דען ניט, דו זעהסט דען ניט? — דיך, מיין טייערע, מיין קעניגען!...

— אַ ליגען, אונפערשעמטער! איך ווייס, אַז אויסער מיך האָסטו נאָך אַ געליעבטע, אַ פּשוט'ע מויד, פי!

— ס'איז געווען, ערלויכטעסטע פּאַניע, אָבער איצט ניט. פון דאַן אָן, וואָס איך האָב דאָס גליק געהאַט אייך צו דערקענען, קלעהר איך גאָר ניט וועגען איהר. אין ווי אַזוי קאָן איך טראַכטען פון איהר, אַז מיין האַרץ איז פערנומען מיט אייך? איך טראַכט וועגען אייך טאָג און נאַכט, איך ווער משוגע, און איהר גלויבט מיר ניט. וואָס זשע זאָל איך טהון? נעהמט אַ מעסער און צושניידט מיין האַרץ, וועט איהר דאַן זעהן, צו איך זאָג אמת, צו ניט. פרעגט ביי דער מוהמע פּראַקסעדאַ.

— געפונען טאַקי אַ פּערזאָן, וועמען איך זאָל גלויבען.

— וואָס פאַר אַ בעווייזען ווילט איהר פון מיר?... איבריגענס וועל איך אייך ברענגען אַ ראיה, — האָט ער צוגעגעבען נאָך אַ קורצען שווייגען. — הערט נור, ערלויכטענע פּאַניע...

— ווידער מיט'ן טיטעל?

— איך וועל אייך אלץ אנרופען מיט׳ן טיטעל, כל־זמן איהר וועט מיר ניט גלויבען. יא, ערלויכטענע פאני: אויב איהר וועט מיר איצט ניט זאגען און ניט דערוויזען, אז איהר גלויבט מיר, אז איהר פערשטעהט, ווי פייערדיג איך האב אייך ליעב, איז זאל מיך א דונער דערשלאגען, זאל איך דעם אקען צובּרעכען צוריק־געהענדיג פון דאנען, אדער איך וועל אייך ערלויבען אנצורופען מיך מנוול, טויגעניכטס, שווינדלער, אויב איהר וועט מיך מארגען ניט זעהן אויפגעהאנגען אויפ׳ן לאמטערן־שטאנג אנטקעגען אייער הויז. זאל די נשמה מיינע פערפאלען ווערען אין גיהינום — אויב איך וועל ניט האלטען מיין ווארט! אדיע!...

ער איז אויפגעשטאנען און איז אוועק צום טהיר פון ביידעל.

— סטאס! — האט זי אויסגעשריען, איז אויפגעשפרונגען פון ארט און האט איהם דעם וועג פערשטעלט. — וואוהין ווילסטו געהן, וואס ווילסטו עס טהון?

— איך וויל א סוף מאכען צו מיינע יאהרען, ווארום אהן אייער ליעבע קאן איך ניט לעבען. פון אייער ווארט הענגט אב מיין לעבען און טויט.

— דיר איז זעהר נויטיג אט דאס ווארט?

— ווי דאס לעבען.

— כ׳האב דיך ליעב! — בּינסטו צופריעדען?

— און איהר וועט מיר גלויבען?

— יא.

— און איהר וועט מיך ניט חושד זיין מיט עפּיס א מויד, וואס איז אייער מינדסט פינגערל ניט ווערטה?

— ניין.

— איז זגאדא?

— זגאדא.

זיי האבען זיך אין די ארעמס געווארפען איינער צום צווייטען און זענען פערגליווערט געווארען אין א לאנגען, שטילען, הייסען קוש... ז׳ערנאך האבען זיי זיך געזעצט און האבען א צייט גע־שוויגען, פערזונקען אין גליק און פערגניגען.

— הער נור, סטאס, — האט אנגעהויבען יאדוויגא פאן־דער־גארסט (דאס איז זי געווען) — איך האב דיך ליעב בּע־קומען, ניט קוקענדיג דערויף, וואס דו בּינסט א שומר, איך האב

דיך ליעב בעקומען פון ערשטען אויגענבליק אָן. נור חאָטש איך האָב דיך ליעב אזא ווי דו בינסט, וויל איך אָבער ניט, אַז דו זאָלסט אויף שטענדיג בלייבען אַ וועכטער.

— טהו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, איך ביך גרייט צו אַלץ.

— כ׳האָב שוין אָנגעהויבען מן הצד משתדל זיין זיך, אַז דער זשאַנר זאָל דיר געבען אַ אַנדערע, שענערע שטעל.

— אין דו קאָנסט זיכער זיין, אַז איך וועל ווערטה זיין די נייע שטעלע. איך האָב דיר נאָך ניט געזאָגט, אַז איך בין ניט גאָר קיין עם־הארץ. איך האָב געענדיגט פינף קלאַסען גימנאַזיום, מיינע עלטערן זענען געווען גאַנץ פערמעגענדליכע בעלי־מלאכות און האָבען גאָר ניט געקאַרגט פאַר מיין ערציהונג. זיי האָבען געוואָלט מאַכען פון מיר אַ לייט. ווען זיי זאָלען ניט געווען שטאַרבען אין דער לעצטער האָליערע־עפּידעמיע, וואָלט איך געענדיגט אוניווערזיטעט.

יאַדוויגאַ האָט מיט גרויס פרייד געדריקט זיין האַנד: איהר אַריסטאָקראַטיזם האָט זיך דערפיהלט בעפריעדיגט מיט דעם געדאַנק, אַז איהר סטאַס איז ניט גאָר קיין פּראָסטאַק.

— געלערנט האָב איך זיך גוט, מיינע לעהרער זענען געווען צופריעדען מיט מיר. נור, אַז מיינע עלטערן זענען געשטאָרבען, האָב איך אויפגעהערט צו לערנען און שטרעבען צו ווערען אַ אַנשטענדיגע פּערזאָן. איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ שלעכטע קאָמפּאַניע, וואָס האָט מיר צוגעהאָלפען צו פערשווענדען דעם פאָטערס פערמעגען. אין צוויי יאָהר צייט איז ביי מיר קיין קאָפּיקע ניט געבליעבען פון אַ גאַנץ היבשער ירושה. איך האָב אָנגעהויבען הונגערן.

— אָרימער סטאַס! — האָט יאַדוויגאַ מיטלייד געהאַט.

— איך בין געוואָרען אַ שולער.

— אַ שולער? — האָט יאַדוויגאַ אויסגעשריען און געבראָכען די הענד.

— יאָ, און פון ערגסטען זאָרט. אויסער דעם, האָב איך אָנגעהויבען שטאַרק צו טרינקען פאַר צרות, וואָס איך האָב געזעהן, אַז מיינע חברים פון גימנאַזיע זענען געוואָרען אַנשטענדיגע לייט, פערנעהמען גוטע שטעלעס, האָבען חתונה געהאַט מיט שליאַכעטסקע טעכטער, מיט איין וואָרט — זיי לעבען, ווי פּריצים,

און איך דאַרף זיך אַרומשלעפּען איבער די שיינקען, אויסגעווינען בײַ פּויערים, בעהאַלטען זיך פון פּאָליציי, אָהן אַ איינציגען ווינקעל, וואַלגערן זיך וואו אַ טאָג און וואו אַ נאַכט, חבר'ן זיך מיט פערשיעדענע אויסוואורפען, בעקומען נדבות פון געפאַלענע פרויען, וואָס האָבען מיר דערווידערט מיט זייער מאוסער ליעבע — קורץ, איך בין טיעף געזונקען און איך בין שיער ניט געוואָרען אַ גנב.

— אַ גנב? — האָט יאַדוויגאַ אויסגעשריען און האָט זיך פון איהם שנעל אָבגערוקט, — און דער ווײַלע האָט זי איהם שיער ניט אויפגעהערט צו ליעבען.

— יאָ, — האָט סטאַס געענטפערט און ס'האָט איהם עפּיס הנאה געטהון צו דערצעהלען וועגען זיין פאַלען און ערנידעריגען זיך, — אַ גנב און זאָגאַר אַ מערדער, ווען ס'וואָלט אויסגעקומען, ווייל איך האָב געוואָלט עסען, איך בין געווען הונגעריג. איהר פערשטעהט, מיין געעהרטע, וואָס הייסט אַזוינס הונגערן גאַנצע מעת-לעת, קיין שטיקעל ברויט אין מויל ניט האָבען, גנבה'ענען האָבער בײַ אַ פערד און קייען עס, ביז עס ווערט שפּל, קייען קאָרקען, גוטאַפּערטש און נאָך אַזעלכע מינים. אי, איהר רייכע, האָט גאָר קיין בעגריף ניט דערפון, און איך האָב עס איבערגעלעבט.

— אָרימער סטאַס! — האָט יאַדוויגאַ אַרויסגעזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען.

— ווען פאַן אַנדריי זאָל מיך ניט געוועזען מאַכען פאַר אַ וועכטער, וואָלט איך געוואָרען אַ גנב, אום אַריינצופאַלען, לפחות, אין טורמע, וואו מען גיט עסען אפילו האַרבערע פערברעכער.

יאַדוויגאַ איז גערירט געווען פון דער ערצעהלונג, האָט זי מיט איהרע הענד אַרומגענומען סטאַס'ן פאַר'ן האַלז, האָט זיין קאָפּ אָנגעבויגען אויף איהר ברוסט און האָט געוויינט אין דער שטיל.

— נור, — האָט סטאַס אָנגעהויבען, אָנקוקענדיג עטליכע מאָל די האָאָר פון דער אַריסטאָקראַטקע, וואָס האָט בײַ איהם אויפ'ן ברוסט געוויינט. — בײַ אַלע מיינע מאוסע מעשים, בין איך אין מיין נשמה טיעף פערבליעבען עהרליך, דאָס געוויסען האָט מיך שטענדיג געפּייניגט, און איך וואָלט זיך שוין לאַנג אויפגעהאַנגען, ווען ניט די האָפנונג, אַז מיין לאַגע וועט זיך אומענדערן. און ווירקליך אַזוי. דאָס גורל האָט מיך בעלוינט פאַר אַלע מיינע

צרות. פערמעגענדיג אזא שאץ, ווי דו בינסט, מיין טייערע יאד־ווינגא, פערגעס איך מיין פערגאנגענהייט און איך זארג מיך אויך ניט וועגען דער צוקונפט. איך בין גליקליך און א סוף.

ער האט שנעל אנגעהאפט יאדוויגא׳ס קאפ און האט נאכא־נאנד היים געקושט איהר אין פנים.

— דיין ליעבע מאכט מיך בעסער, פיינער, — איך פיהל זיך גאר ווי ניי־געבארען, און איצט צווייפעל איך שוין ניט, אז איך וועל ווידער ווערען א אנשטענדיגער מענש. דו ווייסט, וואו און ווי איך פערברענג איצט די צייט, ווען איך בין ניט פערנומען? איך זיץ אין דער־היים, איך לייען, שרייב און לערן זיך.

— טאקי? — האט יאדוויגא אויסגעשריען מיט התפעלות. א ווי איך בין צופריעדען!

— כ׳האב קיינמאל ניט געפיהלט אזא חשק צום לערנען, ווי איצט. איך לערן זיך איצט פראנצויזיש.

— אמת?

— יא, אמאל האב איך געקענט די שפראך, נור איך האב פערגעסען, איצט פריש איך אפ מיינע פריהעריגע קענטנים. איך לערן זיך ביים פאן פערעטץ, ער איז א גוטער לעהרער, און דער־הויפט, וואס ער לערנט מיך אומזיסט. איך וועל איהם עס קיינמאל ניט פערגעסען די טובה. חאטש א זשיד, אבער דאך א אנשטענדי־גער מענש. איך האלט פון איהם זעהר. מיט דער צייט וועט ער געווים ווערען א קאטאליק.

דער זייגער אויפ׳ן שטאדט־טהירם האט געשלאגען צעהן.

— צעהן! — האט יאדוויגא אויסגעשריען און האט זיך געגעבען א האפ אויף. — ס׳איז שוין צייט. דער פאטער קומט צופאהרען פון קלוב האלב צוועלף.

זי האט זיך אויפגעהויבען און האט גענומען פעררריכטען איהר עטוואס צוקנייטשען טואלעט.

— הער זשע, סטאס, — האט זי געזאגט, אנציהענדיג שנעל די האנדשוה, — דאס וואס דו לערנסט זיך, איז זעהר גוט. דאס וועט דיר נוצען. בין איך ניט יאדוויגא פאן־דער־גארסט, אויב איך וועל פאר דיר ניט קריגען עפים א גוטע שטעלע. איך ווארט נור, אז פאן וואצלאוו זאל קומען צופאהרען. דורך איהם וועט מיר

בעקוועמער זיין אויסצופיהרען, דער גראף וועט מיר אליין אויך ניט אבזאגען, נור מיר איז ניט בעקוועם צו בעטען פאר דיר.

— יא, דאס וויל איך גאר ניט.

— אדיע, סטאס. בעגלייט מיך ביז צום ווינקעל גאס. דארט ווארט אויף מיר דער לאקיי.

זיי האבען זיך ארומגענומען, צוקושט און זענען ארויס פון גארטען.

— וואו איז סטאס? — האט מארצישא געפרעגט, אריינ-ווארפענדיג זיך, ווי א באמבע, ניט טויט, ניט לעבעדיג, צו דער מוהמע פראקסעדא אין קאבינעט, דאן ווען איהר געליבטער האט זיך מיט דער פאנא יארוויגא ערקלעהרט איןביידעל. — וואו איז סטאס?

— וואס איז דאס פאר א שטייגער? — האט איהר אבגע-האקט די מוהמע, וואס האט זיך קיינמאל ניט פערלארען און האט אנגעקוקט מארצישא'ן שטרענג. — דו פערגעסט וואו דו בינסט און מיט וועמען דו רעדסט. פונקט ווי אין שיינק זאלסטו זיך גע-ווען אריינווארפען...

מארצישא, א בלאסע, א פערסאפעטע, וואס האט זיך קוים אויף די פיס געהאלטען, האט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטיהל און איז שיער אין חלשות ניט געבליעבען א מידע א אויפגע-רעגטע.

— זענט מוחל, מוהמענקע, — האט זי קוים ארויסגעזאגט, האלטענדיג זיך פאר'ן ברוסט, — איך בין געלאפען... צופוס... צוויי ווי-ארסט... איך האב מיך פערמאטערט... איך וועל אברוהען... וועל איך דערצעהלען.

— נו, רוה דיר אב, — האט די מוהמע געזאגט עטוואס ווייכער, — לעג זיך צו אויפ'ן סאפקע, וועט דיר בעקוועמער זיין.

מארצישא איז קוים צוגעגאנגען צו דער סאפקע, האט זיך אוועקגעלעגט און מיט די הענד פערשטעלט דאס פנים.

— איך וועל געהן ברענגען לימאנאד, — האט די מוהמע

געזאָגט, קלינגענדיג מיט די שליסלעך און איז אַרויסגעגאַנגען אין פאָר=הויז.

פון קיך האָט זי אַרויסגערופען דאָס מיידעל, וואָס איז ביי איהר געווען צו אַ שליחות, האָט איהר עטוואָס איינגערוימט אויפ'ן אויער, האָט אויפגעעפענט דעם אַלמער, אַרויסגענומען אַ פלעשיל לימאָנאַד און איז צוריק אריין אין צימער.

פראַקסעדאַ האָט דערוויסט מאַרצישאַ'ן וויינענדיג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר און, כלומר'שט געריהרט פון מיט=לייד, האָט זי איהר אָנגענומען פאַר די הענד און אָנגעהויבען אויס=צופרעגען.

— וואָס וויינסטו?

— ווי זאָל איך עס ניט וויינען, מוהמע? מיר טהוט אַזוי וועה! דאָס הארץ פּלאַצט אין מיר... ער נאַרט מיך.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז ער נאַרט דיך?

— אַ, איך וויים! ער מיידט מיך אויס. ער רעדט אָב מיט מיר וואו צו טרעפען זיך, און קומט ניט. ער האָט מיך שוין אויס-געמאַטערט. אין אָווענד האָט זיך מיר אָבגעדוכט, אַז ער איז גע=גאַנגען אַהער. איך האָב אַלץ געוואָרפען און בין אַהן אַ קאָפּ אַהער געפלויגען, איז ער ניטאָ... אַ, ער נאַרט מיך אָב! ער האָט גע=ווים געקראָגען אַנ'אַנדער געליעבטע, און מיר האָט ער געוואָרפען.

— איז וואָרף דו איהם! — האָט פראַקסעדאַ געראַטהען, — דאָס איז די בעסטע שטראָף פאַר אַ מאַנספּערזאָן. טרעהרען נעהמען זיי ניט: זיי זענען דאָך אַכזרים, אונז צו פּייניגען — איז פאַר זיי אַ פערגניגען. איז דאָס בעסטע, אַ שפּיי צו טהון אויף זיי, בעווייזען, אַז מ'קאָן זיך בעגעהן אָהן זיי. ריכטיג.

— איך קאָן ניט... כ'האָב איהם ליעב!

— און ער ווייסט, אַז דו האָסט איהם ליעב!

— נאָך ווי ער ווייסט! ער ווייסט זעהר גוט, אַז איך וואָלט פאַר איהם מיין לעבען אָבגעגעבען.

— אָט דאָס איז טאַקי ניט גוט, — האָט פראַקסעדאַ גע=זאָגט בעלעהרענד. — פאַר אַ מאַנספּערזאָן דאַרף מען קיין מאָל ניט אַרויסווייזען, אַז מ'האָט איהם ליעב. ווי נור ער ווייסט, אַז דו האָסט איהם ליעב, אַזוי האָסטו איהם שוין אָנגעוואָהרען. ער וועט

דיך זוכען נור דאָן, כל־זמן ער פועלט ניט בײַ דיר, ווי נור ער פועלט בײַ דיר, בינסטו איהם שוין מעהר ניט נויטיג. אָ, איך קען זיי גוט! מיט זיי דאַרף מען פיהרען מיט רמאות. זיי האָבען זיך געוואַלגערט בײַ מיר אונטער די פיס, האָבען מיך אויף די הענד געטראָגען, און האָבען מײַן הסכם ניט געפועלט.

פראַקסעדאַ האָט אָבגעזיפצט, האָט זיך דערמאָנט אויף איהר פערגאַנגענהייט און האָט צוגעגעבען:

— יאָ, מײַן טײַערע. איך האָב זײַ געמאַטערט, און ניט זײַ מיך. איך פלעג זיי אַזוי דעם קאָפּ פערדרעהען, אַז ס'איז אַ נחת געווען אָנצוקוקען. איך האָב ליעב געהאַט איינעם, און אַרויסגעוויזען האָב איך, אַז איך ליעב גאָר אַ אַנדערן, און דערמיט האָב איך מײַן געליעבטען געהאַלטען בײַ מיר אין די הענד. ווען איך זאָל ניט געווען לאָזען זיך נאָך געלד, וואָלט איך איצט געווען אַ ערלויכטענע פּאַני... יאָ, אַ מאַנספּערזאָן אַרייַנצונעהמען אין די הענד איז גאָר ניט שווער, מ'דאַרף נור קאָנען זיך האַלטען, און דו, מײַן טײַערענקע, ווי איך זעה, קאָנסט עס ניט.

— יאָ, מוהמענקע, איך קאָן טאַקי ניט. גיט מיר אַן עצה, לערנט מיך אויס, ווי זאָל איך ווידער צובינדען צו מיר סטאַס'ן.

— אויב צובינדען, איז צו וואָס איז סטאַס'ן? ער איז אַ קבצן, וואָס וועסטו פון איהם נעהמען? מ'קאָן קריגען אַ בעסערן.

— איך דאַרף ניט קיין בעסערן. איך וויל סטאַס'ן, און נור סטאַס'ן.

— דו ביסט אַ נאַר, מײַן טײַערע — אָט וואָס איך וועל דיר זאָגען. צו וואָס זאָלסטו זיך האַלטען מיט איינעם? דאָס לוינט גאָר ניט. דו ווייסט, ווי מ'זינגט אינים ליעדעל „היינט איז סטאַס, און מאָרגען — לאַס..." און אַזוי דאַרף עס זיין.

— ניין, מוהמינקע, — האָט מאַרצישאַ געזאָגט, אויפשטעלענדיג זיך, איך קאָן עס ניט. בײַ מיר איז שוין אַזאַ האַראַקטער. איך האָב ליעב סטאַס'ן, און נור סטאַס'ן. אָהן איהם קאָן איך ניט לעבען.

— און אַז ער האָט ליעב אַן אַנדערע?

— אַן אַנדערע? — האָט מאַרצישאַ אויסגעשריען אויסער זיך און האָט זיך געחאַפּט פאַר'ן קאָפּ. — איהר זאָגט, אַז ער האָט ליעב אַן אַנדערע? אַי, מײַן אומגליק!... איהר ווייסט פון עפּיס?

זאָגט זשע מיר דעם גאַנצען אמת, האָט רחמנות. איך מוז עס וויסען! מאַטערט מיך ניט, ראַטעוועט. מוהמינקע, מוטער׳ל, טייערינקע, איך בעט אייך, זאָגט דעם אמת, דעם גאַנצען אמת!

און זי האָט מיט אַ געוויין צו די פיס זיך געוואָרפען דער אַלטער קאָקאָטקע, זי האָט געהאָפּט צו ריהרען איהר האַרץ מיט איהר געבעט. פּראַקסעדאָ׳ס פערהאַרטעוועטעס האַרץ האָט אָבער ניט אָנגעריהרט די געבעט און געוויין.

— וואָס ווילסטו פון מיר, נאַרישע דו? — האָט פּראַקסעדאָ געזאָגט מיט אַ בייזער מינע.—איך וויים פון גאָרנישט. איך האָב נור אַרויסגעזאָגט מיינע אַ השערה. פון וואַנען זאָל איך עס וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי דיין סטאַס׳ן אין האַרצען?

— איהר ווייסט,—האָט מאַרצישאַ געוויינט און די הענד געבראָכען,—איהר ווייסט אַלץ. איהר נאַרט מיך אָב. איהר האָט סטאַס׳ן אונטערגערוקט אַ אַנדער געליעבטע. אַי, האָט רחמנות אויף מיר! וואָס האָט איהר צו מיר? פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?

— לאָזט מיך צורוה! — האָט פּראַקסעדאָ אָנגעשריען.—דו רעדסט נאַרישקייטען, מיר האָט דערעסען צו הערען דיך.

— מיר אָבער טהוט עס וועה, אַי, ווי עס טהוט וועה! איהר קאָנט עס גאָרניט פיהלען, ווייל איהר האָט קיינמאָל ניט געליעבט.

— דאָס איז ניט דיין זאַך, צי איך האָב געליעבט, צי ניט.

— ערבאַרימט זיך אויף מיר! גיט מיר אָב סטאַס׳ן! אָהן איהם קאָן איך ניט לעבען! איך וועל זיך אויפהענגען, איך... איך בין שוואַנגער, איהר הערט?

— וואָס געהט עס מיר אָן?

— צו וואָס האָט איהר איהם צונויפגעפיהרט מיט אַנאַנדערער.

— מאַרצישאַ! — האָט פּראַקסעדאָ שטרענג אויסגעשריען און אַ טאָפּע געטהון מיט׳ן פוס.—דו פערגעס ניט, מיט וועמען דו רעדסט. איך וועל דיך אָבשיקען אין צירקעל...

— אין צירקעל? — האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען, איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ צורייצטע טיגערין.—איהר ערוואַגט זיך מיך צו שרעקען? אַזאַ אַלטע, אונפערשעמטע מיידעל־מעקלערין!

— יאָ, איך די אַלטע, אונפערשעמטע מיידעל-מעקלערין,— האָט פראַקסעדאָ ארויסגעזאָגט גאָר אָהן אַ קרים אַפּילו,—וועל דיך אָבשיקען אין צירקעל, אין קאָמיטעט, און סטאַס׳ן וועסטו שוין אָנזעהן, ווי דיינע אייגענע אויערן.

— דו ליגסט, מכשפה! — האָט מאַרצישאַ געשריען אויסער זיך פון כעס. — איך וועל איהם זעהן, איך וועל איהם געפינען, אונטער דער ערד אַפּילו וועל איך איהם געפינען, איהם און זיין געליעבטע. איהר אַ טויט און מיר אַ טויט! איך וועל איהר דער-שטיקען, דערשטעכען, און איהם וועל איך אַרויפברענגען אויפ׳ן תליה. יאָ, ער איז ביי מיר אין די הענד. איך וויים וועגען איהם אַזעלכעס, וואָס קיינער ווייסט ניט. איך וויים, וואו און פאַר וואָס ער בעקומט געהאַלט, איך וויים, ביי וועמען ער דיענט. איך וועל דער אַדמיניסטראַציע נור איין וואָרט זאָגען, וועט מען איהם פער-שיקען קיין סיביר, אויף קאַטאָרגע. איך וועל שוין בעשטעהן פאַר זיך. איך בין ניט אַזאַ נאַר, ווי ער רעכענט וועגען מיר.

איך וועל זיך נוקם זיין אָן איהם! מיר אַ טויט און איהם אַ טויט!

— איהר מאָגט ביידע צוזאַמען פאַר איין וועג, — האָט פראַקסעדאַ געזאָגט, אויפעפענענדיג די טהיר.

— מיט מיר וועט ער אַזוי ביליג ניט אָבהאַנדלען. איהר זאָגט עס איהם.

— זאָג איהם דו אַליין, כ׳האָב קיין דיענסטען נעהם איך ניט קיין שליחות׳ן. איך בין אַ מאַדאַם, אַ פריצטע. אַרויס!

— און מיט אייך וועל איך זיך אַנדערש אָברעכענען.

— זעהר גוט, פראַקסעדאָ וועט קיינעם ניט שולדיג בלייבען. אַרויס, זאָג איך דיר! — האָט פראַקסעדאָ אויסגעשריען שוין מיט כעס, אָנווייזענדיג אויף די טהיר.— אַ ניט, וועל איך אַריינרופען מענשען.

— מענשען? ס׳אַרא גרויסע פריצטע! — האָט מאַרצישאַ געזאָגט און איז אַוועק מיט אַ גיפטיגען שמייכעל.

פראַקסעדאָ האָט גלייך צוגעשפאַרט די טהיר, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן סאָפקע און, איבערפלעכטענדיג די הענד אויפ׳ן ברוסט, האָט זי זיך שטאַרק פערטראַכט.

IX

אויף מאָרגען, ווי נור ס'איז טאָג געוואָרען, האָט די מוהמע פראַקסעדרא, וואָס האָט גלייך פערשטאַנען, מיט וואָס דאָס פערצווייפעלטע מיידעל האָט אָנגעשראָקען, — געשיקט נאָך סטאַס'ן און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע נעכטיגע סצענע מיט מאַרצישא'ן.

— אַזוי טאַקי האָט זי געזאָגט? — האָט סטאַס אויסגעשריען און האָט זיך פאַר'ן קאָפּ געחאַפּט. — אָ, איך בין אומגליקליך! וואָס האָב איך דאָ געטהון?...

— דו האָסט געטהון אַ נאַרישקייט — אָט וואָס! — האָט פראַקסעדראַ געזאָגט, — געפונען וועמען אָנצוטרויען סודות, חאַ, חאַ, חאַ! דו בינסט אַליין שולדיג.

— איך וועל איהר אָבער דער'הרג'ענען! — האָט ער אויסגעשריען מיט פערדריקטע פויסטען.

— טהו מיט איהר, וואָס דו ווילסט. דו זעה נור, וואָס גיכער אַ סוף צו מאַכען מיט דער מויד. אַניט — וועסטו זיך אַריינשלעפען אין אַ אומגליק, אייך פאַנאַ יאַדוויגאַ און אַלעמען.

— וואָס זשע זאָל איך טהון? — האָט ער געפרעגט ברעבענדיג די הענד.

— ווער מיט איהר שלום — האָט פראַקסעדראַ גע'עצה'ט מיט אַ איראָנישען שמייכעל, — דו טהו איהר אַ גלעט. מעהר ווי דאָס פערלאַנגט זי דאָך ניט. ווער שלום.

— גוט ווערען מיט איהר? — קיינמאָל ניט! איך קאָן איהר ניט דולדען.

— איהר, מאַנספערזאָנען, זענט אַלע ווי איינער: פריהער דראַפּעט איהר זיך אויף די ווענד, לעבען קאָנט איהר ניט אָהן דער געליעבטער, און דערנאָך, אַז איהר שפּיעלט זיך אָן גאַנץ גענוג, וואַרפט איהר זי, ווי אַ שמאַטע. איך האָב אַלע מאָל געוואוסט, אַז מאַנספערזאָנען טאָר מען ניט אָנטרויען: זייערע שבועות — זענען פוסטע ווערטער. אָה, ווען אַלע פרויען זאָלען האָבען מיין שכל!... נור ווי קומען זיי צו מיין ערפאַהרענקייט? אָ — האָ, איך האָב די מאַנספערזאָנען ניט נאָכגעגעבען. איך פלעג זיי וואַרפען, אין ניט זיי מיך. אָט אַזוי דאַרף מען זיך בעגעהן מיט אייך, אוּ

ניט הענגען זיך אייך אויפ׳ן האלז. איהר זענט עס גאר ניט ווערטה; איהר זענט אכזרים, מנוולים, ניעדערטרעכטיגע, נארען! איהר האט ליעב נור יענע, וואס ווילען אויף אייך ניט קוקען, און די וואס קלעפט זיך צו אייך, יענע טרייבט איהר פון זיך, א, איך וואלט אייך געגעבען פעפער צו שמעקען! ווען איך זאל האבען מאכט, וואלט איך אייך אלעמען אין א דול־הויז פערשפארט, ווארום איהר זענט אלע משוגעים, בייזע חיות! בייסען, צופען א אומשולדיג מיידעל איז פאר אייך א גארנישט. אהן צוימען וואלט איך אייך אויף דער גאס ניט ארויסגעלאזט. אט אזוי טאקי!...

די אלטע קאקאטקע האט זיך אזוי צוהיצט אין איהר פערטיידיגען די שוואכע, בעליידיגטע פרויען, אז אין גרוים כעס האט זי זיך שיער ניט איינגעזויגען אין דעם יונגען מאן, וואס איז געשטאנען פאר איהר מיט אנ׳ארא׳בגעלאזטען קאפ. ער איז געווען פערטיעפט אין זיינע רעיונות און האט גאר ניט געהערט, וואס פראקסעדא האט דא אנגעקלאפט, און נור בעת זי האט אויפגעהערט, האט ער אזוי ווי ערוואכט און געפרעגט:

— וואס זשע זאל איך טהון?

— שלום ווערען! — האט זי ווידער געענטפערט.

— און פאנא יאדוויגא?

— אזוי, ווילסטו זיך נאכיאגען נאך צוויי האזען? דאס וועט שוין זיין צו־פעט. ניין, ברודער, פון דער פאנא יאדוויגא מוזסטו זיך אבזאגען.

— אבזאגען זיך? פון פאנא יאדוויגא? — האט סטאס אויסגעשריען און האט אנגעקוקט פראקסעדא׳ן מיט כעס און בטול צוזאמען. — ניין, ליעבע מוהמעניקע, גיכער וועל איך זיך פונ׳ם לעבען ענטזאגען, ווי פון דער פאנא יאדוויגא. איהר האב איך ליעב אמת׳דיג, ביז משוגע צו ווערען. פון איהר וועל איך זיך ניט ענטזאגען פאר כל הון דעלמא.

— נו, טהו, ווי דו פערשטעהסט. איך בין ניט דיין בעל־עצה. — זי האט פון דער וואנד אראבגענומען איהר גיטארע, פאר וועלכע זי פלעגט זיך נעהמען שטענדיג ביי א גרויסער אויפרעגונג אדער א שלעכטער שטימונג.

סטאס איז ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער הין און צוריק מיט אנ׳אראבגעלאזטען קאפ און די הענד איבערגעפלאכטען אויפ׳ן

ברוסט, און פראקסעדא האט זיך אנגעבויגען איבער איהר געליעב־טען אינסטרומענט, האט צוערשט אויסגעשפּיעלט עפּיס אליעדעל און דערנאָך דעם הימן „Boże cos Polska" געענדיגט דעם הימן, האט זי עטוואס אָבגערוהט, האט אנגעשטעלט די גיטארע און האט ווידער אָנגעהויבען צו שפּיעלען, און סטאס איז נאָך אלץ ארומגעגאנגען איבערן צימער. זיין פּנים איז געווען בלאס, צורודערט. ס'איז קענטיג געווען, אז ער איז פערנומען מיט עפּיס א הארבע מחשבה.

— יא, — האט ער צו זיך אליין גערעדט. — יא... ווי אנדערש?... מ'קאָן ניט... נארישקייט! א גארנישט!... איין הרף־עין נור — און א סוף... אלץ בעסער, ווי... דאן איז דאָך דאס פאטערלאנד... דער גראף... יאדוויגא...

פראקסעדא האט אלץ געשפּיעלט און האט זיך פון דער זייט צוגעקוקט אויפ'ן צושטרויטען סטאס'ן, וואס האט אויפ'ן קול גע־טראכט.

— מ'וועט ניט גלויבען? — מ'וועט גלויבען, — האט ער גע'טענה'ט, — איך וועל שוין מאכען, אז מ'וועט גלויבען... זי וויל אונז אלעמען אומברענגען! שקר, דאס וועט ניט געהן! דו וועסט אליין פערפוילט ווערען, און אונז וועסטו ניט שיידען! אדיע! האט ער ארויסגעזאגט, האט געחאפּט דעם היטעל און איז אוועק צום טהיר.

— וואוהין לויפסטו דאס? וואס האסטו בעשלאסען? — האט פראקסעדא געפרעגט, אויפשפּרינגענדיג פון שטוהל מיט א ערשראָקענעם און דורכדרינגענדעם בליק.

— כ'האב בעשלאסען... בעשלאסען... האט ער געשטא־מעלט מיט א אונאנגענעהמען שמייכעל און ארויסגעלאָפען פון צימער, איבערלאזענדיג פראקסעדא'ן שרעקליך ערשטוינט.

ער איז געלאָפען לאנג, לאנג, ניט אומגעקוקט זיך, ווי ר'וואלט זיך געראטעוועט פון פערפאלגער. און ער האט זיך זעהר פערוואונדערט, ווען ער האט זיך פּלוצלונג דערזעהן ביי זיך אין שטוב. ווי אזוי איז ער עס אהער געקומען, מיט וועלכע גאסן איז ער געגאנגען, ווער האט איהם דעם שליסעל געגעבען, די וויר־טהין, צו יעליזאבעטא, דיענסט די? — ער האט גארנישט ניט פערשטאנען. ער האט זאגאר ניט געוואוסט, צו ס'איז איצט טאג

אָדער נאַכט און צי לאַנג זיצט ער עֶס בײַ זיך אויפ׳ן בעטיל. און פאַרוואָס זיצט ער עס אויפ׳ן בעטיל, און ניט אויף אַ שטוהל? ער האָט דען געשלאָפען? אפשר יאָ, און אפשר ניט. ער געדענקט גאָרנישט. אין קאָפּ בײַ איהם האָט זיך אַלץ צומישט. ער האָט נור געדענקט, אַז ער האָט עפּיס בעדאַרפט בעזוכען דעם קסיאָנדז קוועצינסקי, אָבער צו וואָס? — געדענקט ער שוין ניט. — ער האָט געוווּסט און פערגעסען. צום טײַוועל — האָט ער בעשלאָסען — מ׳דאַרף געהן צום קסיאָנדז קוועצינסקי. — ס׳איז דאָך זעהר נויטיג!...

און ער איז אַוועקגעלאָפען צום קסיאָנדז קוועצינסקי. נור אָנשטאָדט דעם ערציהונגס־הויז, וואו דער קסיאָנדז האָט געוואוינט, איז ער אַרויסגעקומען אויף דער ברעג־גאַס, אין אַ אַנדער עק שטאָדט. ער האָט זיך אָבער ניט פערוואונדערט. ער האָט געטראַכט, אַז אַזוי דאַרף עס זײַן.

— וואָס זענען עס פאַר אַ בײַדלעך אויפ׳ן טײַך? — האָט ער געפרעגט בײַ אַן׳אַלטען אינוואַליד, וואָס איז געזעסען אויפ׳ן ברעג און געראַויכערט אַ לולקע.

— דאָס זענען די באָדע־בײַדלעך — האָט דער אינוואַליד פלעגמאַטיש געענטפערט.

— מ׳קאָן זיך באָדען?

— פאַרוואָס ניט? פאַר דרײַ קאָפּיקעס קאָן מען. דערויף זי׳ך איך דאָך דאָ.

סטאַס האָט אַ וואָרף געגעבען דעם אינוואַליד אַ קופּערנע מטבע און איז שנעל אַראָב מיט די טרעפּלעך צו די בײַדלעך, פּונקט ווי ער וואָלט עס פון דער־היים אַוועק מיט דער כונה צו באָדען זיך.

דאָס קאַלטע וואַסער האָט איהם אָבגעפרישט, און ער איז צוריקגעקומען צום בעוואוסטזײַן. ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט זײַן געשפּרעך מיט פּראַקסעדאַ׳ן, מאַרצישאַ, זײַן בעשלוס און צו וואָס האָט ער בעדאַרפט צום קסיאָנדז קוועצינסקי. איהם האָט זיך נור געדוכט, אַז דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען ניט היינט, נור לאַנג שוין, לפחות מיט עטליכע טעג צוריק. פאַר די עטליכע שעה האָט ער אַזויפיעל איבערגעטראַכט און איבערגעפּיהלט. איינס האָט ער קלאָהר געוואוסט, אַז איהם, דער פּאַנאַ יאַדוויגא און זאַגאַר

דעם רושאָנד שטעהט פאַר אַ סכנה, פון וועלכער מ'דאַרף זיך ראַטעווען וואָס גיעכער.

זיין בעשלוס איז געוועזן פעסט. די פעסטקייט אָבער האָט איהם געשראָקען. ער וואָלט פיעל אָבגעגעבען, אַז די זאַך זאָל ניט זיין אַזוי נויטווענדיג. און שולדיג איז ער אַליין. צו וואָס האָט ער אָנגעטרויט אַזאַ גרויסע געהיימניס אַ זייטיגען מענשען, עפּיס אַ מויד?

און וואָס מעהר שולדיג ער האָט זיך געפיהלט, דעסטאָ מעהר האָט איהם דורכגענומען אַ בייזער כעס צו דער אומשולדיגער מאַרצישאַ, וואָס האָט געגלויבט אין זיינע שבועית, האָט זיך איהם אָבגעגעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען, און האָט דעריבער ניט געקאָנט גלייכגילטיג פערטראָגען זיין פעררעטונג... מאַרצישאַ איז גערעכט, נור וואָס מעהר זי איז גערעכט, דעסטאָ מעהר איז זי שולדיג אין זיינע אויגען, ווייל מיט איהר גערעכטיגקייט שטעכט זי איהם די אויגען.

ס'מוז איהם ניט שטעכען די אויגען, ס'מוז אַ קרבן נעהמען, און אַלס קרבן דאַרף זיין אַנ'אַנדערער, ווער ס'איז, נור ניט ער זעלבסט. אמת, ער איז שולדיג, דורכאויס שולדיג, נור פאַר זיין שולד דאַרף אַנ'אַנדערער בעשטראָפט ווערען. דער אינסטינקט פון זעלבסט-ערהאַלטונג האָט ניט קיין אַנדער לאָגיק, ווי די, וואָס איז ביי אַ קינד, ווען עס שלאָגט דעם טיש, אָן וועלכען עס האָט זיך אין שטיעפען אַ קלאַפּ געגעבען. ווער זאָל אָבער זיין דער אַנדערער? פּאַנאַ יאַדוויגאַ? נור צו דען קאָן מען איהר בעשולדיגען דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געקוקט אויף די פאָראורטיילען פון איהר שטאַנד און האָט זיך פערליעבט אין איינעם פון המון? דאָס איז דאָך אַ פערדיענסט, זי איז דאָך הייליג פשוט דערמיט. דערצו נאָך קאָן ער איהר ניט אָפּפערן, ער האָט איהר ליעב באמת, פייערדיג. די ליעבע פעראיידעלט איהם, מאַכט איהם נייגעבוירען, בעסער, אַנשטענדיגער. די ליעבע וועט איהם פאַר אַ העלד מאַכען, פאַר אַ רעטער פונ'ם פאָטערלאַנד. ער פיהלט עס, ער איז אין דעם איבערצייגט. ס'איז קלאָר, אַז דער קרבן דאַרף זיין מאַרצישאַ, וואָס שטערט דער דאָזיגער ליעבע, שטערט איהם צו ווערען אַ העלד, אַ רעטער פונ'ם פאָטערלאַנד. זי איז אַ פעררעטערין, און דעריבער דאַרף זי בעשטראָפט ווערען.

אזוי האָט ער בעשלאָסען, פערנעבעלט פון ליידענשאַפט און שרעק. זיין בעשלום האָט ביי איהם אויסגעזעהן זאָגאַר, ווי א געבאָט, אַ פּאַטריאָטישע זאַך. איהם האָט זיך אָבגעדוכט, אַז ניט זיך אליין וויל ער עס ראַטעווען, נור דאָס פאָטערלאַנד, וואָס קיין קרבן דאַרף ניט צו־טייער זיין דערפאַר. ער האָט זיך אָנגעהויבען איינוויעגען מיט דעם געדאַנק, אַז איהם שטעהט פאָר אויסצופיהרען אַ גרויסע טהאַט, ניט קיין פערברעכען, נור אַ העלדען־טהאַט, וואָס וועט איהם אַזוי גרויס ערהויבען ביים רוזשאַנד, און בעזונדערס אין יאַדוויגאַ'ס אויגען, און דאַן וועט זי דרייסט און אָפען, פאַר איהר שטאָלצען פאָטער אין די אויגען, דערלאַנגען איהם די האַנד און וועט פייערליך ערקלערען: „אָט איז מיין מאַן, וואָס מיין הארץ האָט אויסערוועהלט; איהר זעהט, אַז עס האָט זיך ניט טועה געווען. פיהרט אונז צו דער חופה און בענשט אונז, ווי גאָט האָט אונז שוין לאַנג געבענשט".

אָבער דאָס געוויסען? דאָ איז געווען אַ אָבהאַלט, וואָרום ער איז נאָך ניט געווען אַזויפיעל מאָראַליש געפאַלען, דאָס ער זאָל ניט פיהלען, אַז ער אַליין איז דורכאויס שולדיג, און אַז זיין בעשלוס איז אַ פערברעכען, און ניט קיין העלדען־טהאַט: דאָס געוויסען האָט ניט ליעב קיין פּשט'לעך.

אום צו בערוהיגען דאָס געוויסען, האָט ער בעדאַרפט זיך זעהן און דורכשמועסען מיט'ן קסיאָנדז קוועצינסקי, אַ רעליגיאָנסלעהרער אין ערציהונגס־הויז, און מיט איהם איז ער גוט בעקאַנט געווען פון רוזשאַנד. ס'איז איהם בעקאַנט געווען דעם קסיאָנדז טבע פון מחילה, ער פלעגט שטענדיג בעקומען פערגעבען די זינד, און אויך זעהר שווערע, דוכט זיך איהם. סטאַס האָט איצט געהאָפט דערויף. אום אויסצופיהרען זיין בעשלוס, אָדער זיין „העלדען־טהאַט", ווי ער האָט עס גערעכענט, האָט ער זיך גענויטיגט אין אַ גייסטיגער שטיצע. ס'איז איהם נויטיג געווען, אַז אַ גייסטליכע פערזאָן זאָל איהם בענשען אויפ'ן „העלדען־טהאַט" איז ער אַוועק צום קסיאָנדז קוועצינסקי.

X.

דעם קסיאָנדז קװעצינסקי האָט ער געטראָפען פערנומען מיט
זעהר אַ װיכטיגען ענין: ר׳האָט ד. עסירט אַ צװײ צעהנדליג יונגלעך
צום ערװאַרטעטען װיזיט פון דעם ביסקופ אַלײן, װאָס פלעגט גע=
װעהנליך איין מאָל אין יאָהר, אין יאָהאַנס=טאָג בעזוכען דאָס ער=
ציהונגס=הויז. צו דעם װיזיט האָט דער קסיאָנדז קװעצינסקי צוגע=
גרייט אַ סיורפריז — די יונגל׳עך זאָלען פאַר׳ן ביסקופ אויסזינגען
דעם זעקס און פיערציגסטען קאַפיטעל פון תהלים אויף לאַטײן.
אַזוי אָבער װי די יונגלעך האָבען ניט געװאוסט ניט קײן נאָטען
און ניט קײן לאַטײן, האָט עס דעם קסיאָנדז זעהר פיעל מיה גע־
קאָסט אײנצוחזר׳ען מיט זײ אַזעלכע װערטער, װאָס זײ האָבען זײער
בעדײטונג ניט געװאוסט. זײ האָבען נור געװאוסט, אַז דאָס זע=
נען זעהר קונציגע װערטער, און אַז זײ װעלען עס גוט אויסזינגען
פאַר׳ן ביסקופ, װעט ער זײ אַלס בעלוינונג טײלען מעשענע צלמים
אויף זײדענע שנירלעך. די צלמים פון דעם ביסקופ׳ס האַנד אַלײן
זענען זעהר טײער געװען בײ די שילער פון ערציהונגס=הויז. זײ
פלעגען זיך דערמיט ניט שײדען זיך אין גאַנצען לעבען. דאָס איז
געװען, װי אַ קמיע פון גליק. אַזאַ מסורה האָט געלעבט אינ׳ם
ערציהונגס=הויז, װאָס האָט זיך געפינען אונטער דעם אויסערסטען
אײנפלוס פון די גײסטליכע: די קסיאָנדזען און באַרעמהאַרציגע
שװעסטער. ס׳איז אָבער מערקװירדיג, װאָס ניט קוקענדיג אויף די
שטרענג רעליגיעזע ערציהונג, ניט קוקענדיג אויף דעם אויסער=
סטען פערקעהר מיט קסיאָנדזען און מאָנאַחינס, האָבען די ער=
צױגענע אין דעם אַנשטאַלט זיך גענומען דערנאָך געװעהנליך פאַר
אַזאַ אַרט לעבען, װאָס האָט גאָר קײן שום שײכות ניט מיט דער
פריהעריגער ערציהונג. די מאַנספערזאָנען פלעגען װערען לאַקײען,
פוהרמאַנעס אָדער שרײבערס בײ קװאַרטאַל=נאַדזיראַטעלעס, און
די פרויענצימער פלעגען װערען צימער=בעדינערינס, נײהטאָרינס
פון װײסצײג, מאָדיסטקעס אָדער זינגערינס אין שטאָדט=טעאַטער.
ניט קײן קײנער פראָצענט פון ערציהונגס=הויז פלעגט אָנקומען
אַלס „פלימעניצעס” בײ דער מוהמע פראַקסעדאַ, װאָס האָט מיט
זײ פיעל ליעבער געהאַט צו פיהרען עסקים, אַלס אַזעלכע, װעלכע
מ׳קאָן אַמבעסטען עקספלאָאַטירען. װאָרום װער װעט זיך עס אײנ=
שטעלען פאַר געפונענע?

מאַרצישאַ, דאַרף מען זאָגען צום וואָרט, איז אויך געווען אַ געפונענע און האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין ערציהונגס־הויז, אין דעם ערשטען יאָהר, ווי זי איז נור אַרוים פון דעם הויז, איז זי אַריינגעפאַלען אונטער פראַקסעדאַ'ס שוץ. זי האָט פיעל געאַרבייט פאַר איהר אַזויגערופענער מוהמען, ביי וועלכער זי איז געווען פערדונגען פאַר צוויי ציצען־קליידלעך און אַ פאָר שיך, וואָס איז ביי איהר געווען אַ גאַנצע אייגענס. מיט דער צייט איז זי קליגער געוואָרען, איז געוואָרען אַ צימער־בעדיענערין און האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען פאַר זיך זעלבסט נור. זי איז שוין געווען געוואָרען אַ אַנשטענדיגע פרויענצימער, נור די קענטשאַפט מיט סטאַס'ן האָט ווידער צורודערט איהר שטילען אַרבייטס־לעבען, און זי האָט אָנגעהויבען ליידען, פייניגען זיך, זיין אויפגערעגט, מורא האָבען שטענדיג פאַר איהר שטעל, טאָמער האָט זי ניט אַלץ פערטיג געמאַכט, טאָמער איז זי ניט אין דער צייט אַוועק פון שטוב, און אפשר קומט זי ניט פינקטליך צו זעהן זיך מיט איהר געליעבטען. סטאַס, דעספאָטיש אַלס מאַנספערזאָן, וואָס אַנערקענט, אַז ער איז שטאַרק געליעבט, האָט זיך ניט גערעכענט מיט איהר לאַגע און פלעגט איהר בעשטימען אַ צייט, ניט קוקענדיג אויף איהרע אומשטענדען. „אַזוי וויל איך!“—פלעגט ער געוועהנליך ענטפערן אויף אַלע איהרע טענות, און זי פלעגט זיך אונטערגעבען, ריזיקירענדיג יעדעס מאָל אָנצעוועהרען איהר עהרליכען שטיקעל ברויט. דער לעזער ווייסט, ווי וועניג איהר הכנעה האָט ווייך געמאַכט דאָס האַרץ פון דעם אויסגעלאַסענעם יונגען מאַן.

ביי דעם ערשטען בעסטען צופאַל האָט ער פערגעסען אָן איהר הייסע ליעבע, איהר מסירת־נפש, ר'האָט איהר, ווי אַ שמאַטע געוואָרפען און איצט האָט ער געטראַכט זאָגאַר וועגען אַ סוף מאַכען מיט איהר, ווייל זי שטערט איהם כלומר'שט צו ווערען אַ העלד, אַ רעטער פונ'ם פאָטערלאַנד.

אַז סטאַס איז אַריינגעקומען צום קסיאָנדז קוועצינסקי, איז ער פערהילכט געוואָרען פון צוויי צעהנדליג געזונדטע יונגע שטימען. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס זינגט מען, און אַלס פרומער מאַן, האָט ער מיט בעגייסטערונג זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה, האָט צונויפגעלעגט די הענד און געהערט.

די יונגלעך האָבען זיך שוין קוים אויף די פיס געהאַלטען פון ערמיעדונג, פון היץ און דורשט אין פערלויף פון עטליכע שעה.

ענדליך האָט דער זייגער געשלאָגען זיבען, און איבער׳ן גאַנצען הויף האָט מען דערהערט קלינגען צום אָוועֶנד-ברויט פאַר די קינדער. זיי זענען קוים אַוועק אין עס-צימער, וואו ס׳איז געווען געגרייט אַ שטיקעל ברויט און עפּיס אַ געמישטער מעהל-קרופּניק.

— וואָס וועסטו עפּיס זאָגען? — האָט דער קסיאָנדז געזאָגט צו סטאַס׳ן, אָנגעגענענדיג איהם אין פאָר-הויז.

סטאַס האָט זיך צומישט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

— איך בין צו אייך געקומען וועגען אַנ׳עצה, — האָט ער דערנאָך אויסגעשטאַמעלט.

— וועגען אַנ׳עצה? ביטע! — האָט דער קסיאָנדז געזאָגט און האָט סטאַס׳ן איינגעלאַדען צו זיך אין קאַבינעט. — אפשר קלויבסטו זיך חתונה צו האָבען? — האָט ער געפרעגט. און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן סאָפקע און פערדרייכערט אַ לולקע.

— פאַרוואָס רעכענט איהר עס אַזוי, גנעדיגער פּאַניע?

— ווייל איך זעה, אַז דו שעמסט זיך, רויטעלסט זיך.

— איך שעם זיך דען? — האָט סטאַס געפרעגט און איז ברוגז געווען אויף זיך זעלבסט, וואָס ער שעמט זיך. — איבריגענס, איז עס אַלץ איינס. ביי אַ ודוי שעם איך זיך שטענדיג.

— ביי אַ ודוי? — האָט דער קסיאָנדז געפרעגט פערוואונדערט. — בינסטו דען געקומען מתודה זיין זיך?

— כמעט אַזוי.

— זוהן מיינער, — האָט דער קסיאָנדז אָבגעענטפערט, — צו דען ווייסטו ניט, אַז אין דער-היים ביים גייסטליכען איז מען זיך ניט מתודה. אויב אַ ודוי, איז קום מאָרגען פריה אין קאָסטיאָל.

סטאַס האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגען, ניט וויסענדיג, ווי אַזוי צו צוטרעטען צו זיין ענין.

— סטאַס! — האָט דער קסיאָנדז אויסגעשריען, דערנעהנטערענדיג זיך צו איהם און אַריינקוקענדיג איהם אין פּנים. — איך דערקען דיך ניט. דו בינסט צורודערט. וואָס איז אַזוינס געשעהן? זאָג אָפען. וואָס איז געשעהן? דער זשאָנר האָט דיך ענטזאָגט פון דער שטעל?

— ניין,—האָט סטאַס געענטפערט מיט אַ זיפץ,—ניט דאָס.

— איז וואָס דען?

סטאַס האָט ווידער געבויגען דעם קאָפּ און האָט זיך פער־טראַכט.

— וואָס פאַרט האָסטו געוואָלט? — האָט דער קסיאָנדז, ווידער איבערגע'חזר'ט זיין פראַגע. סטאַס האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט צערשטרויט אָנגעקוקט דעם קסיאָנדז, האָט צושויבערט זיינע האָר און געזאָגט:

— איהר פרעגט וואָס? אַט וואָס... זאָגט מיר, וואָס איז פאַר גאָט טייערער, אַ מענש, צו דאָס פאָטערלאַנד?

— דאָס פאָטערלאַנד, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט.

— און דאָס איז ריכטיג?

— מיט דיר רעדט דאָך קסיאָנדז קווענצינסקי.

— גוט. איצט זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ חטא איז גרעסער, ערמאָרדונג, אָדער פעררעטהען דאָס פאָטערלאַנד?

— ניטאָ קיין גרעסערע זינד, ווי פעררעטהען דאָס פאָטער־לאַנד.

— הייסט עס, אַ מערדער קאָן נאָך האָפען אויף מחילה.

— גאָט'ס חסד איז אָהן אַ ברעג. חרטה פון ריינעם האַר־צען וואַשט אָב דאָס בלוט פון אַ מערדער אויך.

— טאַקי אַזוי? — האָט סטאַס אויסגעשריען מיט פרייד. אַ, ווי דאַנקבאַר איך בין אייך! איהר האָט אין מיר פשוט אַ ניי לעבען אריינגעטהון. אַ לאָזט מיך אָנקושען אייער האַנד.

דער קסיאָנדז האָט זיין האַנד בעהאַלטען אין קעשענע.

— זאָג אָפען, דו האָסט וועמען ערמאָרדערט? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— ניין, גנעדיגער פּאַני.

— צו וואָס זשע מאַכסטו מיר אַ עקזאַמען?

— אָ, איך וויים צו וואָס!... איך דאַרף נאָך אַט וואָס וויסען. צו קאָן איך דער'הרג'ענען וועמען ס'איז, אום צו בעוואָה־רענען דאָס פאָטערלאַנד פון אַ גרויסער סכנה, דער'הרג'ענען אַ פעררעטהער, אום ער זאָל ניט אויספיהרען זיין פערראַטה?

— איך וויים ניט, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט.

בעגרייפענדיג ענדליך, וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך. די קלויסטער איז מוחל זינד, אָבער זי ערלויבט זיי ניט.

— הייסט עס, מ׳טאָר ניט.

— די קלויסטער איז מוחל זינד, אָבער זי ערלויבט זיי ניט,— האָט דער קסיאָנדז איבערגע׳חזר׳ט. — איך פרעג דיך, דו האָסט עמיצען ערמאָרדעט, צי ניט?

— ניין.

— איז וואָס בעאונרוהיגסטו זיך?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט וואָס.

דער קסיאָנדז קוועצינסקי האָט זיך געמאַכט ניט פערשטעהענדיג: — סטאַס, דו זאָלסט ניט ברוגז זיין, דו בינסט זעהר נאַריש, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל.—מ׳קאָן מיט דיר ניט אויפריידען זיך. איך האָב דיך געפרעגט, צי בינסטו שוין בעגאַנגען דעם פערברעכען? האָסטו מיר געזאָגט, אַז ניט, אזוי דאָך?

— אזוי, גנעדיגער פּאַני.

— אָט דאָס האָסטו מיר געזאָגט, און דאָס וויס איך. מעהר וויס איך ניט און איך וויל ניט וויסען. אַדיע! ס׳איז מיר שוין צייט.

— גנעדיגער פּאַני! --- האָט סטאַס אויסגעשריען ענטשליעסענד און איז געפאַלען אויף די קניה. — בענשט מיך, לפּחות.

— דאָס איז עפּיס אַנדערש, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט. אין מיין ברכה קאָן איך דיר ניט אָבזאָגען. דו בינסט דאָך ניט קיין פערברעכער?

— ניין נאָך, — האָט סטאַס ניט ווילענדיג ארויסגעזאָגט.

דער קסיאָנדז האָט כלומרשט ניט דערהערט דאָס וואָרט „נאָך”, האָט אויפגעהויבען די רעכטע האַנד און געבענשט סטאַס׳ן.

סטאַס האָט אַ קוש געטהון די פּאָלע פון דעם קסיאָנדז׳ס מאַנטעל, האָט זיך טיעף גענויגט און איז אַוועק.

דער קסיאָנדז איז אַ פּאָר מינוט געשטאַנען טיעף פערטראַכט, דערנאָך האָט ער אַ קנאַק געגעבען מיט די פינגער, זאָגענדיג: „אַ פּאַטריאָט”, — און איז אַוועק.

אין עטליכע טעג אַרום איז אין דער אָרטיגער צייטונג אין

דער רובריק פֿון שטעדטישע געשעהענישען געווען אָבגעדרוקט פאָלגענדעס:

„נעכטען, 7—8 דעם זייגער אָווענדס, האָט אַ היגער איינוואוינער סטאַניסלאַוו פּאָדגוראַ, 26 יאָהר אַלט, אויס משוגעת דערשאָסען פון אַ פּיסטאָלעט זיין געליעבטע מאַרטאַ נעווערמאַסקאַ, 19 יאָהר אַלט. דאָס איז געשעהן 3 וויאָרסט פון שטאָדט, אין וועלדיל מאַשאַרטאָוו באַר. דער פערברעכער אַליין האָט געמעלדעט דער פּאָליציי וועגען זיין פערברעכען און איצט געפינט ער זיך אויף קוראַציע אין דול־הויז. ס׳ווערט געפיהרט אַ אויספאָרשונג וועגען דעם.״

.XI

די געשעהעניש האָט שרעקליך צורודערט אַלע מיטגליעדער פון זשאָנד. זיי זענען צורודערט געוואָרען ניט דערפאַר, וואָס אין זייער קרייז האָט זיך געפונען אַ מערדער, נור דערפאַר, וואָס דער מערדער קאָן נאָך אויפ׳ן פערהער אַרויסזאָגען אַזעלכעס, וואָס קאָן ברענגען צו זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר זיי. ביי די פראַגען: ווער איז עס? מיט וואָס בעשעפטיגט ער זיך? וואו איז ער געווען? מיט וועמען האָט ער זיך געטראָפען? — האָבען זיי געטראַכט,—קאָנען זיי לייכט דערגעהן צום זשאָנד. חאָטש ס׳איז שוין בעוואוסט געווען, אַז דער מערדער האָט אָנגעוואָהרען דעם זינען, נור דאָס האָט זיי נאָך מעהר געשראָקען, וואָרום אַ משוגענער, האָבען זיי גערעכענט, קאָן דאָך אַרויספּלאַפּלען אַלצדינג. דעריבער זענען אַלע מיטגליעדער פון זשאָנד אויף מאָרגען נאָך דער געשעהעניש געזעסען פערשפּאַרט אין דער היים און האָבען לכתחילה פערזאָגט די בעדיענער: אויב עמיצער וועט קומען, זאָל מען זאָגען, אַז מ׳איז ניטאָ אין שטאָדט.

דער גראַף אַליין האָט זיך אויך היבש ערשראָקען, נור ער האָט זיך געשטאַרקט, האָט געהייסען שפּאַנען די קאַרעטע און איז געפאָהרען צום גענעראַל, כלומרשט וועגען אַ ענין. נור די איינציגע כּונה זיינע איז געווען, אויסצושמעקען, וואָס רעדט מען און מ׳טראַכט אין די העכערע אַדמיניסטראַטיווע קרייזען וועגען דעם.

צו זיין גרויס פרייד און בערוהיגונג האָט דער גראַף זיך דערוואוסט פון דעם שטענדיגען וואַך־אַדיוטאַנט ניקאָלאַי קרוטיצקי,

וואס האט זיך געפונען ביי דעם גענעראל אין קאבינעט בעת דער פאליצמייסטער האט אבגעגעבען דעם ראפארט וועגען די שטעדטישע געשעהענישען, אז די אדמיניסטראציע רעכענט די ערמארדונג פון נעוועדאמסקע פאר א געוועהנליכען צופאל, און אז דער מערדער האט זיך מודה געווען נור אין זיין פערברעכען, און האט מעהר גארנישט ניט געזאגט.

מיט דער פרעהליכער בשורה האט דער גראף געאיילט אהיים צו בערוהיגען זיין פלימעניצע, וואס איז די לעצטע צייט עפעס קרענקליך פיהלבאר געווען און איז איבערציינגט געוועז, אז איהרע אומרוהיגע פארגעפיהלען הויבען אן מקוים צו ווערען, אז דער צופאל מיט סטאס'ן וועט עס פיהרען צו די קאטאסטראפען, וועלכע האבען זיך איהר דורכאוים גע'חלום'ט.

— אדאנק גאט! — האט זי אויסגעשריען, אויסהערענדיג דעם פעטער.—פונדעסטוועגען—האט זי דערנאך צוגעגעבען—דארף מען דערויף גוט אכטונג געבען.

— דאס פערשטעהט זיך,—האט דער גראף איינגעשטימט,— איך האב שוין וועגען דעם געטראכט. מיר'ן אננעהמען מיטלען, מיר'ן אנגעהמען. אנדערס קאן מען ניט.

דעמזעלבען אוונד האט דער גאנצער זשאנד זיך בעראטהען אין דעם „גרויסען קאבינעט.“

צוערשט איז בעטראכט געווארען די מעשה־סטאס, יעדערער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג און זיינע השערות וועגען דעם, אז די דעבאטען האבען געהאלטען ביים סוף, איז דער קסיאנד קוועצינסקי, וואס האט ביז אהער אינגאנצען געשוויגען, אויסגעשטאנען, האט א הוסט געטהון און געזאגט:

— פאנאווע! איך זעה, אז קיינער פון דער געעהרטער פערזאמלונג וויים ניט דעם ריכטיגען זין פון דער מעשה־סטאס און ס'איז קיין חידוש ניט, ווארום דער געעהרטער פערזאמלונג פעהלט א ידיעה, וואס קאן קלאהר מאכען דעם גאנצען ענין.

און ער האט מיט זיין רעדנער־פעהיגקייט דערצעהלט, ווי סטאס האט איהם בעזוכט, נור דערביי האט ער אבער פערשוויגען וועגען זיין ענטפער, וואס ער האט סטאס'ן געגעבען: „דער קלויסטער איז מוחל זינד, אבער עס ערלויבט זיי ניט“.

די פערזאמלונג האט איצט איינגעזעהן אין מעשה־סטאס

אַ פּאָליטישע ערמאָרדונג, און דער גאַנץ געוועהנליכער פערברע=
כער האָט ביי זיי אויסגעזעהן ווי אַ „גרויסער פּאַטריאָט“.

אויף דער זיצונג איז, לויט דעם פאָרשלאָג פונ׳ם פאָרזי=
צענדען און דעם קסיאָנדז קוועצינסקי אָנגענומען געוואָרען:

1=טענס — אַ פּאָליטישע ערמאָרדונג, אַ יסער עקסטראַ=פעלען
קאָן אויסגעפיהרט ווערען ניט אַנדערס, ווי לויט דעם אירטייל
און בעפאָלמעכטיגונג פון פאָלקס=זשאָנד; צווייטענס — זאָל דער
שומר נומער 8 אָנגענומען ווערען אונטער אַ בעזונדער שוץ און
בעזאָרגונג פון פאָלקס=זשאָנד.

מיט׳ן שוץ איז מען אויסען געווען אַרויסצוראַטעווען סטאַס׳ן,
באם ער וועט געזונד ווערען און וועגען איהם וועט געפיהרט
ווערען אַ פּראָצעס. מיט דער פערזאָרגונג איז מען אויסען געווען,
ניט נור צו פערלייכטערן זיין איצטיגען גורל, אָבער אויך בע=
וואָהרענען, אַז זיין משוגענע פלוידעריי זאָל ניט שאַדען דעם ענין
פאָטערלאַנד...

3=טענס דעם פערוואַלטער איבער די וועכטערס ווערט אי=
בערגעגעבען שטאַרק אַכטונג צו געבען אויף דעם געוועזענעם
וועכטער נומער 8, און דערצו זאָל ער זיך שאַפען אַ אינטימען
פערקעהר מיט׳ן דאָקטאָר און מיט׳ן משגיח פון דול=הויז.

— ווער איז דער דאָקטאָר און ווער איז דער אויפזעהער
אין דער אַנשטאַלט? — האָבען איינינע געפרעגט.

— זיכערע מענשען, — האָט דער קסיאָנדז געענטפערט, —
זיי זענען פון מיין פּאַראַפיע, מיינע גייסטיגע קינדער. איך בין ערב
פאַר זיי.

אויף מאָרגען, 10 דעם זייגער אין דער=פריה, איז אַנדריי
גרושעוויטש אין דער קאַרעטע פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ צו=
געפאָהרען צום דול-הויז מיט אַ גרויסען פעקיל שפּייז און נאַשע=
רייען.

דורכשמועסענדיג אינטים מיט׳ן אויפזעהער, וואָס האָט זיך
ווירקליך אַרויסגעשטעלט אַ זיכערער מענש, האָט מען אַנדרייען
אַריינגעלאָזט צו סטאַס׳ן.

דעם „גרויסען פּאַטריאָט“ האָט ער געטראָפען אין דער אָב=
טיילונג פון די בייזע משוגעים, צוגעשמידט צום אייזערנעם בעטיל,
וואו ר׳האָט זיך אומגעשליידערט און געראַוועט, ווי אַ בייזע חיה.

סטאַס האָט זיך אַזוי פיעל אומגעענדערט, דאָס חאָטש אַנדריי האָט איהם געזעהן ערשט מיט 5 טעג צוריק, האָט ער איהם קוים דערקענט. ער האָט איהם אַרויף געטהון, נור סטאַס האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט אַ בלאָנקענדען צומישען בליק און האָט איהם וואַהרשיינליך ניט דערקענט, ער האָט כסדר געגרעוועט, און צייטענווייז שטיל געפלוידערט.

פאַן אַנדריי האָט זיך גענומען צו צוהערן צו דער פלוידעריי, און וואָס מעהר ער האָט געהערט, דעסטאָ מעהר האָט ער זיך פעראינטערעסירט, ווארום בײַ דעם גאַנצען מישמאַש איז אין דער פלוידעריי געווען עפּיס אַ זין, וואָס איז אונפערשטענדליך געווען פאַר אַ זייטיגען מענשען און איז אָבער זעהר פערשטענדליך געווען פאַר'ן פאַן אַנדריי. אָבשטעהענדיג אַזוי אַ פיערטיל שעה צייט, איז ער דערגאַנגען דעם ריכטיגען זין פון דער טהאַט פון דעם „גרויסען פאַטריאָט"...

פאַן אַנדריי איז שטאַרק פערוואונדערט געוואָרען דערפון, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט. ער האָט זיך ערנסט פערטראַכט און אין קאָפּ איז בײַ איהם פאַרטיג געוואָרען אַ פלאַן, וואָס האָט איהם פיעל גוטעס געזאָלט פערשאַפען, ווי ס'איז ניכר געווען אָן דעם צופריעדענעם שמייכעל אויף זיין פּנים.

אַרויסגעהענדיג פון דול-הויז, האָט פאַן אַנדריי שטרענג פערזאָגט דעם אויפזעהער, ר'זאָל צום משוגענעם קיינעם ניט צולאָזען אָהן דעם פאַראָל „זגאָדאַ". אַרויסגעהענדיג אויפ'ן גאַס, האָט ער געהייסען דעם פוהרמאַן פאָהרען אַהיים און זאָגען דער גרעפין, אַז ער וועט קומען אין אַ שעה אַרום.

די קאַרעטע איז אָבגעפאָהר'ען, און פאַן אַנדריי איז אָבגעגאַנגען צופוס ביז דעם ווינקעל גאַס, און דאָרט האָט ער זיך געזעצט אויף אַ פוהר'ל:

— קאָפּעדראַל פּראָספּעקט, הויז פאָן-דער גאָרסט—האָט ער געזאָגט דעם פוהרמאַן.

— איהר זענט געקומען צום פאַפאַ? — האָט יאַדוויגאַ פאָן-דער-גאָרסט געפרעגט דעם פאַן אַנדריי,— דער פאַפאַ איז נעכטען אָבגעפאָהרען אין דאָרף.

— איך ווייס, — האָט ער געענטפערט און האָט עפּיס

מאָדנע אַרומגעקוקט דאָס מיידעל, — איך בין צו אייך געקומען, ערלויכטענע פּאַני.

— צו מיר? עס פרעהט מיך זעהר. זעצט אייך אַוועק, פּאַן אַנדריי האָט זיך צוגעזעצט.

— וואָס וועט איהר זאָגען? — האָט פּאַנאַ יאַדוויגאַ געפרעגט, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ סאָפּקע און האָט זיך גע-טוליעט אין איהר קאַשעמירער שאַל, וואָרום זי האָט זיך שלעכט געפיהלט פון צורודערונג און פיין פאַר די לעצטע טעג. — וואָס איז עפּיס דרויסען, קאַלט?

— ניין, זעהר וואַרים.

— און מיך שוידערט, — האָט פּאַנאַ יאַדוויגאַ געזאָגט און האָט זיך נאָך מעהר איינגעהיעלט אין דער שאַל.

— איהר זענט, אַפּנים, ניט אינגאַנצען געזונד, — האָט פּאַן אַנדריי בעמערקט און האָט אויף איהר ווידער געוואָרפען אַ מאָד-נעם, צערשטרויטען בליק.

— איך רעכען אויך אַזוי, האָט זי געזאָגט, צוגייפקנייט-שענדיג זיך, — איך האָב אָבער מורא, ביי מיר זאָל ניט ווערען אַ קדחת.

— ניין, האָט פּאַן אַנדריי געטרייסט, — איהר וועט אייך אַ שעה דורכשפּאַצירען אויף דער זון, וועט איהר זיך אָנוואַרעמען.

ער האָט ווידער אַ קוק געטהון אויף יאַדוויגאַ'ן, און דאָס מאָל האָט זיך זיין בליק אָבגעשטעלט אויף איהר שענע בלאָנדע קעפּיל, און ער האָט, דוכט זיך, ניט געקאָנט זיך אָברייסען דערפון.

— נו, וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען, פּאַן אַנדריי? אָ, אָ! — איהר זענט דאָך אַזוי צערשטרויט! — האָט זי אויסגעשריען, בע-מערקענדיג ערשט דעם משונה'דיגען אויסדרוק אויף זיין פּנים. — זאָגט, וואָס האָט פּאַסירט? נעכטען איז געווען אַ זיצונג?

— יאָ, ערלויכטענע פּאַני, — האָט ער געענטפערט און האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין רוהיגער-דאָ אָבער געהט ניט וועגען דער נעכטיגער זיצונג.

— וואָס זשע דען? — זאָגט שוין גיעבער — איז זי צוגע-שטאַנען.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ גרוס, — האָט אַנדריי אַרויס-

געזאָגט שטאַרק צורודערט און האָט מיט זיין בליק זיך איינגעווי־
גען אין דאָס בלאַסע, אָבער זעהר אינטערעסאַנטע פּנים יאַדוויגאַ׳ס.

— פון וועמען? — האָט זי געפרעגט גאַנץ קאַלט־בלוטיג.

— פון איינעם, וואָס האָט דאָס גליק געהאַט צו פעראינ־
טערעסירען אייך.

יאַדוויגאַ האָט זיך עפּוואָס געררויטעלט.

— איך פערשטעה אייך ניט, — האָט זי אַרויסגעזאָגט שטיל,
אום ניט אַרויסצוגעבען זיך מיט איהר שטים, וואָס האָט אָנגעהוי־
בען צו ציטערן.

— און אויב איך וועל אייך אָנרופען די פּערזאָן מיט׳ן נאָמען,
וועט איהר מיך פערשטעהן? — האָט פּאַן אַנדריי געפרעגט חוצפּה׳־
דיג און האָט מיט נצחון איהר אַריינגעקוקט אין די אויגען.

— רופט אָן, — האָט זי געזאָגט, און זי האָט נאָך אַלץ
געהאָפט, אַז ער ווייסט ניט איהר שרעקליכע געהיימנים.

— אַלזאָ, איהר פערלאַנגט עס? רעכט. איך האָב אייך
אַ גרוס געבראַכט פון סטאַס׳ן!

— פון סטאַס׳ן! האָט יאַדוויגאַ אויסגעשריען, האָט אַ פּאַטש
געטהון מיט די הענד און האָט אין קישעלע פון סאָפקע בעהאַל־
טען איהר גערויטעלט פּנים פון בושה און שרעק.

— יאָ, פון סטאַס׳ן, פון דעם שומר סטאַס, וואָס האָט דאָס
גליק און העזה געהאַט צו בעהערשען דאָס האַרץ פון דער ערשטער
שענהייט אין אונזער שמאָ ט, און וואָס האָט פון צופיעל גליק
ערמאָרדעט זיין געליבטע, אייער קאָנקורענטען, און האָט דערמיט
אונז אַלעמען אַריינגעפיהרט אין אַ צרה, וואָס גאָט אַליין זאָל אונז
אַרויסראַטעווען.

— אָ, ווי אומגליקליך איך בין! — האָט יאַדוויגאַ געוויינט
און געבראָכען די הענד. — וואָס האָב איך עס אָנגעטהון? וואו
איז מיין פערשטאַנד געווען?

— איך בין ערשט געווען ביי סטאַס׳ן, — האָט פּאַן אַנדריי
צוגעגעבען, איינגעפינענדיג תענוג אינ׳ם פּייניגען דאָס מיידעל, —
און ער האָט אין זיין פלוידערן פון היץ אויסגעפּלאַפּלעט פאַר מיר
אייער גאַנצען סוד. איך גראַטוליער אייך, פּאַנאַ יאַדוויגאַ, מיט אַזאַ
אַנגענעהמער קענטשאַפט.

— אָ, האָט רחמנות, — האָט יאַדוויגאַ געבעטען מיט אויס־

געשטרעקטע הענד, -- רעדט ניט מיט מיר װעגען דעם. איך װעל פון זינען אראפ. איך האב זיך געלאזט פערפיהרען. איך בין פערברעכעריש, כ'בין שולדיג און גאט שטראפט מיך פאר מיין אונזיננינקייט. א, איהר װייסט ניט, װיפיעל איך האב די טעג איבערגעליטען. דאס געװיסען, בושה און שרעק צורייסען מיין הארץ און גיבען מיר קיין רוה ניט.

— איהר האט ניט בעדארפט פערגעסען אייער געזעלשאפטליכע לאגע,—האט פאן אנדריי מוסר געזאגט, — איהר האט אייך ניט בעדארפט פערבינדען זיך מיט אזא איינעם, װאס געהערט ניט אן צו אונזער קרייז. א אריסטאקראטין דארף זיך קענען נור מיט אריסטאקראטען. אין ליעבע זאגאר דארף מען זיך אויך אבהיטען פון mé sal liance, װאס פיהרט שטענדיג צו א סקאנדאל.

— א, איך װייס עס, איך פיהל עס, נור האט אויף מיר רחמנות, אין גאט'ס נאמען, האט רחמנות אויף מיר! מאכט מיר ניט קיין פארװירפע: ס'קלעקט מיר דאס פייניגען פון מיין אייגענעם געװיסען. זענט גרויסמוטיג, זענט א בעל־מחילה! דערצעהלט ניט מיין געהיימנים, מאכט מיך ניט אומגליקליך!

— און אויב אנדערע װייסען שוין אייער געהיימנים?

— אנדערע װייסען?! — האט יאדװיגא אויסגעשריען און האט זיך פאר'ן קאפ געחאפט, זי איז אויפגעשטאנען פון איהר ארט און האט אין פערצװייפלונג גענומען ארומצולויפען איבער'ן צימער.—א מעסער! — א מעסער גיט מיר! — האט זי געשריען דערשטיקט פון אויפרעגונג.—איך װעל די חרפה ניט אויסהאלטען! — דער פאפא דארף ניט טרעפען מיך אין אזא חרפה! זאל ער מיך ליעבער דערזעהן א טויטע, אבער ניט אין אזא שאנד דער טויט! כ'װיל שטארבען!

זי איז אומגעפאלען איפ'ן סאפקע און האט דאס פנים צוגעדעקט מיט'ן שאל. זי האט שװער געעטעמט און האט פון אבשװאכונג קיין װארט ניט געקאנט ארויס־ריידען.

פאן אנדריי האט איינגעזעהן, אז ער איז צו־װייט אװעק האט ער אנגעהויבען צו בערוהיגען דאס פערצװייפעלטע מיידעל

— בערוהיגט זיך, פאנא יאדװיגא,—האט ער געזאגט, צו-

געהענדיג צו דער סאָפקע.—קיינער ווייס נאָך ניט פון אייער געהיימנים.

— וואָס זאָגט איהר? — האָט יאַדוויגאַ אויסגעשריען, אַראָפּרייסענדיג די שאַל פון איהר פּנים און האָט ניט געגלויבט איהרע אייגענע אויערען.

— קיינער, אויסער איך, ווייס ניט פון אייער געהיימנים,— האָט ער איבּערגע׳חזר׳ט און איך האָבּ געמאַכט אַ פעראָרדנונג, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוויסען דערפון. ס׳האָט מיר באַנג געטהון פאַר אייך, פּאַנאַ יאַדוויגאַ.

— אָ, איך דאַנק אייך,—האָט זי אַרויסגעזאָגט און האָט איהם אויסגעשטרעקט איהר ציטערנדע האַנד,—איהר זענט אַ גוטער, אַ איידעלער מענש. איהר האָט מיר צוריקגעקעהרט דאָס לעבען, די רוהיגקייט.

— אייער געהיימנים געפינט זיך אין זעהר זיכערע הענד, גלויבּט מיר. קיינער ווייסט ניט פון דעם. איך וועל אָנווענדען אַלע מעגליכע מיטלען, אום נור אייער געהיימנים זאָל פערבּלייבּען געהיים. פּאַר׳ן זשאָנד, וואָס האָט מיך געשיקט צו סטאַס׳ן, וועל איך שוין עפּיס אויסטראַכטען, אָבּער אייך וועל איך ניט אַרויסגעבּען.

— אָ, איך דאַנק אייך טויזענד מאָל, — האָט יאַדוויגאַ געזאָגט עטוואָס בּערוהיגט און האָט איהם שטאַרק די האַנד געדריקט,— איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען אייער געפעליגקייט.

— נור, פּאַנאַ יאַדוויגאַ, — האָט פּאַן אַנדריי געזאָגט — אַ געפעליגקייט פאַר אַ געפעליגקייט.

— בּעפעהלט, פּאָרערט, איך בּין גרייט אַלץ צו טהון פאַר אייך,—האָט זיך דאָס מיידעל אויסגערופען.

— אַלץ? — האָט פּאַן אַנדריי געפרעגט מיט אַ פיעלדייטענדען שמייכעל אויפ׳ן פּנים.

— אַלץ, וואָס איז נור אין מיינע קרעפטען.

— קיין אונמעגליכעס וועל איך אַ׳יין ניט פאָדערן, — האָט פּאַן אַנדריי בּעמערקט מיט דעם זעלבּען שמייכעל.

— אויבּ אַזוי, קאָנט איהר שוין זיכער זיין, אַז איך וועל אייך ניט אָבּזאָגען. לאָמיר אויסהערען, וואָס איז אייער בּקשה?

פּאַן אַנדריי האָט אַ ווילע געקווענקעלט, נור דערנאָך האָט ער מיט זיין גאַנצער דרייסטיגקייט און העזה געזאָגט:

— מיין בקשה איז, אז איהר זאָלט מיר בעשטימען, ווי און ווען מיר זאָלען זיך טרעפען.

— וואָס ? — האָט יאַדוויגאַ געפרעגט ערשטוינט, — איך האָב אייך ניט פערשטאַנען: ווענען וואָס בעט איהר?

דאָס שמייכעלע איז פערשוואונדען פון זיין פנים. ער איז עטוואָס רויט געוואָרען, איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעגליכען, אָנגענומען זיך מיט די הענד אָן די זייטען, קוקענדיג אין ווינקעל, און האָט געזאָגט:

— פּארפאַלען! כ'וועל אייך ערקלערן אָפען. איך וויל, אז איהר זאָלט מיר בעשטימען אַ צייט, ווען מיר זאָלען זיך טרעפען ביי דער מוהמע פּראַקסעדאַ, איהר האָט פערשטאַנען?

דאָס מיידעל איז צוטומעלט געוואָרען, און האָט אויסגעשריען פון שרעק און פערצווייפלונג. זי האָט זיך אַ שאָקעל געטהון און האָט זיך געהאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

— וואו בין איך? — האָט זי געפרעגט, ארומקוקענדיג זיך אין צימער מיט אַ בלאָנקענדען בליק. — צי איז דאָס אַ חלום? — און דאָס זענט איהר פאַן אַנדריי? — האָט זי דערנאָך געפרעגט, ציטערנדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער. — און איהר האָט די העזה צו מאַכען מיר אַזאַ פאָרשלאָג, מיר, יאַדוויגאַ פאָן־דער־גאָרסט?!

— איך מאַך דעם פאָרשלאָג ניט דער פאַנאַ יאַדוויגאַ פאָן־דער־גאָרסט, נור דער געליעבטער פון דעם וועכטער סטאַס, פערשטעהט איהר? — האָט פאַן אנדריי אַרויסגעזאָגט אונברחמנות'דיג.

יאַדוויגאַ אַ בלאַסע, וואָס איז כמעט בלאַה געוואָרען, האָט אַ פּאַטש געגעבען מיט די הענד און האָט אויסגעבראָכען מיט אַזאַ שרעקליכען, היסטערישען געלעכטער, וואָס פערקיהלט דאָס בלוטה, זי האָט געלאַכט הויך, לאַנג, אָהן אויפהער און האָט זיך אָנגעהאַלטען אַמאָל אָן זייט, אַמאָל אָן ברוסט, אָן דער האַלז. זי פלעגט אויפשטעהן, זיך זעצען, אומבייטען די פאָזע, אָנגעהמענדיג זיך מיט די הענד אָן מאַרמאָר־טישעל, אָן ווענדטיל פון סאָפקע, און האָט אַלץ געלאַכט. זי האָט געלאַכט, געלאַכט און פלוצלונג האָט זי זיך צעוויינט, שרעקליך, היסטעריש אויך.

די גאַנצע צייט איז פאַן אנדריי געשטאַנען די הענד צונויפגעלעגט אויפ'ן ברוסט און האָט גלייכגילטיג געקוקט אויף די ליידען פון דעם מיידעל, ווי אויף עפּיס אַ קאָמעדיע: ער האָט אין די

ליידען ניט געגלויבט. אז יאַדוויגאַ האָט אָנגעפאַנגען עטוואָס צו בערוהיגען זיך, האָט ער ווידער אָנגעהויבען.

אלזאָ פאַנאַ יאַדוויגאַ, בעשליעסט אייך: אָדער מיר זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען, אָדער אייער געהיימנים ווערט אויס געהיימנים. איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל זיך ניט אָבזאָגען פֿון מיין תנאי. קלויבט אויס! און מיט וואָס, ענדליך, בין איך ערגער פון אַ ליאַדי סטאַס? אויך איך האָב אייך ליעב... גלויבט מיר, אַז נור מיין אונבעגרענצטע ליעבע צו אייך פון לאַנג אָן, צווינגט מיך צו זיין חוצפא'דיג און גראָב. בעשליעסט אייך פאַנאַ יאַדוויגא! איך וואַרט אויף אַ ענטשליעסענדען ענטפער.

— לאָזט מיך צו-זיך קומען, — האָט זי אַרויסגערעדט שטיל, שווער עטעמענדיג, — איהר וועט בעקומען אַ ענטשליעסענדען ענטפער, זעהר אַ ענטשליעסענדען.

פאַן אַנדריי האָט מסכים געווען צו וואַרטען און האָט גענומען אַרומצוגעהן איבער'ן צימער הין און צוריק. אַז פאַנאַ יאַדוויגא האָט עטוואָס אָבגערוהט, האָט זי פעררייכט איהרע האָאַר, האָט זיך איינגעטוליעט אין שאַל און האָט געזאָגט:

— הערט נור, פאַן אַנדריי. איך דאַנק אייך פאַר די בלוטיגע בעליידיגונג, וואָס איהר האָט מיר איצט געמאַכט. אויף דער בעליידיגונג קוק איך, ווי אויף אַ פערגעניגונג פאַר מיינע זינד. מיין געוויסען, לפחות, וועט שוין איצט ניט בעלעסטיגט זיין אַזוי. איך האָב געזינדיגט, אָבער איך האָב אויך געליטען. אַ זינדיגער אין גיהינום ליידט ניט מעהר, ווי איך האָב געליטען פון אייער חוצפא'דיגען, אונעהרליכען און אונמענשליכען פאָרשלאַג.

— פון וועלכען איך וועל מיך פונדעסטוועגען ניט אָבזאָגען, — האָט פאַן אַנדריי בעמערקט.

— איך בעט אייך ניט אָבצוזאָגען זיך. מיט דער געהיימנים, וואָס איהר האָט אַרויסגע'גנבה'ט ביי אַ אומגליקליכען קראַנקען, קאָנט איהר טהון, וואָס איהר ווילט. — איצט האָב איך שוין קיין מורא ניט דערפאַר, וואָס איהר וועט מיין געהיימנים איבעראַל צופויקען.

— גאָר אַזוי?

— זאָל זיין אַ סוף. וואָס האָב איך אַזוינס געטהון? איך האָב געליעבט?

— אַ ווערכטער, — האָט אַנדריי אונטערגעהאַפּט.

— מילא. אויב פאַר דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ פּאַסט ליעב צו האָבען אייך, אַ עקאָנאָם'ס אַ זוהן, אַזאַ איינעם, וואָס איז אָהן עהרע, אָהן געוויסען ...

— וואָס ? — האָט פּאַן אַנדריי אויסגעשריען און איז רויט געוואָרען פאַר כעס.

— איז פאַר וואָס זאָל פּאָרט מיר ניט פּאַסטען ליעב צו האָבען אַ האַנדווערקער'ס אַ זוהן, וואָס איז אַלענפאַלס עהרליכער און איידעלער פון אייך ?

פּאַן אַנדעריי האָט זיך געטרייסעלט פון כעס און האָט צוזאַמענגעדריקט די פויסטען.

— אַלזאָ, ווילט איהר זיך קריעגען מיט מיר ? — האָט ער געדעוועט מיט שוים אין מויל. — היט אייך, פּאַנאַ יאַדוויגאַ ! פערגעסט ניט, אַז איך קאָן אייך אומברענגען.

— איהר האָט אַ טעות, מיין פריינד, — האָט יאַדוויגאַ געענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכעל, — איהר מיך קאָנט ניט אומברענגען, איך אייך אָבער — יאָ, און דאָס איז ריכטיג, ווי צוויי מאָל צוויי.

אַנדריי האָט זיך געצוואונגען צולאַכט.

— לאָמיר אָקאָרשט הערען, מיט וואָס קאָנט איהר מיך פערניכטען ? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב זיך ערשט דערמאָנט, אַז ביי אונז זענען גלייכע שאַנסען.

— כלומר'שט גלייכע ?

— פונקט גלייכע. איהר וועט באַלד זעהן. איהר ווייסט פון מיין געהיימנים, אָבער אייער געהיימנים איז אויך ניט פערבאָרגען פון מיר.

— מיין געהיימנים? — האָט פּאַן אַנדריי געפרעגט, — ביי מיר איז ניטאָ קיין שום געהיימנים, וואָס זאָל מיך קאָמפּראָמעטירען.

— פערפאַלען, — האָט יאַדוויגאַ געזאָגט, — אויב אייער זכרון איז אַזוי שוואַך, וועל איך אייך צוהעלפען.

זי האָט אַ ווייל̇ע געשוויגען, דערנאָך האָט זי עטוואָס צוגעמאַכט אַנ'אויג און געזאָגט:

— וואָס, צום בײשפּיעל, וועט איהר זאָגען וועגען די פּלע־נער, וואָס איהר האָט געהאַט וועגען דער פּאַנאַ פּאָלינאַ קראַנץ, אָדער ריכטיגער, אויף דער קעשענע פון איהר פאָטער?

פּאַן אַנדריי איז בלאַס געוואָרען און האָט זיך אַוואָרף גע־טהאָן צוריק.

— אַ־יאָ, איהר האָט זיך דערמאָנט? האָט יאַדוויגאַ גע־פרעגט מיט נצחון. — סטאַס האָט מיר אַלץ דערצעהלט. ווי אזוי איהר האָט אַ פריהער געוואָלט פערפיהרען ערגיץ פּאָלינאַ׳ן און מיט צוזעקליבענע שליסלעך אויסליידיגען די קאַסע פון דעם אַלטען רייכען מאַן. סטאַס און מאַרצישאַ האָבען געזאָלט זיין איי־ערע מיטהעלפער, נור זייער געוויסען האָט עס זיי דערנאָך ניט דערלאָזען צו טהון, האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון דער גנבות׳דיי־גער אונטערנעהמונג. אזוי, פּאַן אַנדריי?

פּאַן אַנדריי האָט זיך אויף די פיס ניט געקאָנט האַלטען, האָט ער זיך צוגעזעצט, דעם קאָפּ געבויגען, און האָט געשוויגען. פון דעם בעשולדיגער איז פּלוצלונג געוואָרען אַ בעשולדיגטער.

— סטאַס און מאַרצישאַ האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דעם פּלאַן, — האָט יאַדוויגאַ פאָרטגעזעצט איהר בעשולדיגונג, — נור איהר האָט בעשלאָסען אויסצופיהרען עס אויף אַ אַנדער אופן. דערוויסענדיג זיך, אַז דער אַלטער קראַנץ איז גרייט צו געבען אין דזשאַנד עטליכע טויזענד רובל, אַז דער דזשאַנד זאָל בעפריי־ען זיין טאָכטער פון דער בעטייליגונג אין אונזער ענין, האָט איהר אָנגעהויבען צו שיקען צו קראַנצען אַנאָנימע בריעף, וואו איהר האָט איהם פאָרגעלעגט, אַז ער זאָל אויף אַ בעשטימטען אָרט אַוועקלעגען 6000 רובל, וועט איהר שוין מאַכען, אַז פּאָלינאַ זאָל ווייבען פון זשאַנד און פון אונזער ענין, ווי „פון פייער, פון פעסט“. איהר געדענקט די אויסדריקען?

פּאַן אַנדריי איז געווען צוגעדריקט אונטער די שווערע בע־שולדיגונגען; יאַדוויגאַ האָט צוגעגעבען:

— צי שטעלט איהר זיך פאָר, וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל ס׳קאָן ווערען דערפון ניט נאָר פאַר אייך, נור אויך פאַר׳ן זשאַנד וואָס פערמאָגט ביי זיך אַזאַ מנוול, אַזאַ פעררעטער? מיט וואָס, דהיינו, קאָנט איהר זיך פערענטפערן פאַר׳ן זשאַנד?

— דער זשאַנד וועט אייך ניט גלויבען, — האָט פּאַן אַנדריי

אַרויסגעזאָגט, ניט ערווענענדיג אַ קוק צו טהון אויף זיין בעשולדיגערין.

— ווען אפילו איך זאָל צושטעלען שריפטליכע בעווייזען?

— איהר האָט עס ניט.

— איך האָב עס יאָ! אַייערע בריעף געפינען זיך ביי מיר. סטאָס פלעגט זיי איבערגעבען מיר, און ניט קראַנצען, און ער האָט גוט געטהון. דערמיט האָט ער אונז אלעמען געראַטעוועט פון אַ סקאַנדאַל, און אַייך האָט ער איבערגעגעבען אין מיינע הענד. דערוועגט זיך נור איין וואָרט צו זאָגען, וועל איך אַייך איבערגעבען צום געריכט פון פאָלקס-זשאָנד!..

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אויף' איהם אַ קוק געטהון מיט גרויס פעראַכטונג, און איז אַוועק צו אַ דערבייאיגען צימער, זאָגענדיג:

— איך פערהאַלט אַייך ניט. איהר קאָנט געהן — און זאָל אַייך גאָט אָבהיטען פון אַריבערצוטרעטען אַמאָל אָט דעם שוועל!..

פאַן אַנדריי, אַ פערשעמטער, אַ ערניעדערטער, אַנ'אַרויסגעטריבענער, האָט קוים די טהיר געפונען, וואו ער איז מיט אַ שעה צוריק אַריינגעקומען אַ לוסטיגער מיט נצחון און אַ זיכערער אין דעם ערפאָלג פון זיין שמיציגען אויפטהו.

XII.

אין דער צייט, ווען ס'האָבען פאַסירט די געשעהענישען, וועגען וועלכע ס'איז דערצעהלט אין די לעצטע קאַפּיטלען, — האָט אין וועשער-געסיל, אין אַ אונטערשטען שטאָק פון אַ אַלטען מויער שטיל געגוסס'ט דאָס עהרליכע טרויעריגע אַרבייטס-לעבען פונ'ם דיכטער שאַראַטשקעוויטש, איינער פון די עהרען-מיטגליעדער פון פאָלקס-זשאָנד.

טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש איז געווען איינער פון יענע אָריגינעלע פּאָעטען, וואָס דאָס גורל שיקט צו געוועהנליך פאַר אַ פאָלק אין דער צייט, ווען ס'איז געפאַלען מאָראַליש און פּאָליטיש; זיי מיט זייער אײדעלער נשמה פיהלען פאָר די נאָהנטקייט פון דער גסיסה פון זייער טייערן פאָטערלאַנד, און זיי ווילען אָבער

ניט גלויבען אין דעם אונפערמיידליכען סוף, און זיי האָבען מיט זייער מעכטיגען גייסט, פול ליעבע פאַר אַלעמען, אַריינגעהויכען נייעס לעבען, נייע קרעפטען אין דעם צעוועהטאָגטען קערפּער, וואָס מוז חרוב ווערען. וועלכעס פאָלק האָט ביי זיין דערנעהנטערן זיך צום קבר ניט געהאַט זיין ירמיהו, מיט אַ צוצופּט האָרץ, מיט בלוטיגע טרעהרען אויף די אויגען, וואָס האָט איהם דאָס גסיסה-ליעד געזונגען? די פּאָליאַקען האָבען זייער ירמיהו געפונען אין טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש.

אלס עהרליכער מאַן, אַלס אַ קלוגער פּאָליטיקער און אַ טיעפער קענער פון דער געשיכטע פון זיין פּאָלק, איז ער איבערצייגט געווען, אַז פּוילען דערנעהנטערט זיך צום סוף. נור אַלס פייערדיגער פּאַטריאָט און אַ התפעלות-פולער פּאָעט, האָט ער געגלויבט, אין נסים, ער האָט געגלויבט און געהאָפט אויף די אויפלעבונג פון זיין הייס געליעבטען פאָטערלאַנד, ער האָט געגלויבט, ווייל זיין איידעלע נשמה האָט עס בעגעהרט.

„אַ פאָלק — פלעגט ער טראַכטען פאַר זיך — וואָס האָט אָבגעלעבט זיין בעשטימטע צייט, דאַרף שטאַרבען, דאָס ווייס איך: געגען דעם אונבּרחמנות'דיגען געזעץ פון דער נאַטור קאָן מען נישט מאַכען. אָבער דאָס פּוילישע פאָלק האָט נאָך ניט געלעבט האָט נאָך ניט אָנגעפאַנגען צו לעבען. געלעבט האָבען די מאַגנאַטען, די שליאַכטע, די קסיאָנדזען, אָבער דאָס פאָלק האָט נאָך ניט פּרובירט צו לעבען. פאַר וואָס זשע זאָל עס שוין שטאַרבען? צו דען קאָן זיך עס אָנרופען לעבען די מאַגנאַטען-שברות, געשלעג, סקאַנדאַלען, קאָנפעדעראַציעס, די סיימיקעס און אינטריגעס, וואָס מאַכען פול די בלעטער פון אונזער געשיכטע? דאָס פאָלק האָט ניט בעגעהרט און ניט געשאַפען די העסליכע ערשיינונגען; עס האָט זיך אין דעם ניט בעטייליגט; פּאַסיוו בעטייליגט — הייסט ניט בעטייליגט".

טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש האָט אַ נדר געגעבען צו דיענען דעם פאָלק ביז זיין לעצטען אָטעם. ער האָט אין איהם אָנגעהויבּע צו ענטדעקען אַלץ נייע, פרישע, אונבעריהרטע קרעפטען, וואָס האָבען פערשפּראָכען אַ נייע, געזונדטע און לאַנגעס לעבען. ער האָט אין בעגייסטערטע ליעדער בעזונגען דעם אַקער, דאָס

דאָרפס־שטיבעל, און אונטער דעם שטרויענעם דאַך — די אַרבייט, עהרליכקייט און גוטע מדות, פריינדשאַפט.

ער האָט ניט אָנגעהערט ניט צו דער פּאַרטיי רויטע, ניט צו דער פּאַרטיי ווייסע: ער איז געשטאַנען גאַנץ אַליין. און די איינזאַמקייט האָט זיין נשמה מיט ערביטערונג אָנגעפילט.

און צייטען פון אומעט, משוגעת און מרה־שחורה פלעגען אויף איהם אָנקומען.

„אַך, וואו בעקומט מען נור גאָט׳ס איינציג מתנה — רוה פאַר דער נשמה!"...

האָט ער אויסגעשריען, אָבער ער האָט קיין רוה ניט גע־פינען.

ער האָט עס אָנגעהויבען צו זוכען פריהער אין ליעבע, אין דערנאָך אין בראַנפען, אָבער די ליעבע האָט אין איהם געפעלשט, און די בראַנפען האָט זיין צאַרטען אָרגאַניזם פערגיפטעט.

ער האָט אָנגעהויבען צו קרענקען.

די פּויערים־רעפאָרם האָט איהם איבערראַשט. ער האָט זיך דערפרעהט מיט דעם נצחון פון דעם פּרינציפּ, אָבער אַלס פּאַ־טריאָט האָט ער איינגעזעהן דעם לעצטען קלאַפּ פאַר זיין פאָטער־לאַנד.

— דאָס פאָלק וועט ערוואַכען צו נייעם לעבען, נור דאָס וועט זיין דאָס רוסישע לעבען, ניט קיין פּוילישע — האָט ער אויס-געשריען. רוסלאַנד נעהמט אַראָב פון׳ם פאָלק דעם יאָך פון דורות לאַנגע, איהר הערט, רוסלאַנד, אָבער ניט איהר, די קאַיליקע זיהן פון פּוילען! באַסטאַ! איצט איז פּוילען שוין פערפאַלען!

ער האָט גענומען ברעכען אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך איהם אָנ־געטראָפען אַרום: די ביוסטען פון קאָסטיושקאָ, מיצקעוויטש, סטאַ־ניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי און אַנדערע פּוילישע געריהמטע פערזאָנען. ער האָט געריסען און אויפ׳ן פּאָדלאָגע געוואָרפען די ביכער פון זיין ביבליאָטעק, די פּוילישע היסטאָריקער און פּאָעטען. ער איז שיער ניט משוגע געוואָרען פון דעם געדאַנק, אַז פאַר פּוילען איז שוין אַלץ געענדיגט.

אין דעם אויפגערעגטען צושטאַנד האָט ער אָנגעשריעבען דאָס ליעד — „אַ סוף פון פּוילען".

דאָס ליעד, וואו די גאונות פון דיכטער האָט זיך אַרויסגע־

ווײזען אין דער גאַנצער קראַפט, האָט אַ אומגעוועהנליכען פּיראָר־
געמאַכט אין די פּוילישע סאַלאָנען פון דער שטאָדט נ. מ׳האָט
דאָס ליעד געלייענט, געוויינט און געחלש׳ט לייענענדיג. די פּוילישע
געזעלשאַפט האָט זיך דאָ דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, ווי אין
אַ קלאָרען שפּיעגעל, און האָט געשוידערט צוקוקענדיג. אָבער ווי
די מאַלפּע אין דער פאַבעל, האָט מען דערנאָך אָנגעהויבען ברענען
און פערניכטען דאָס ליעד, וועלכעס מ׳האָט ליעבער אָנגענומען
אַלס פּלוידעֶריי פון אַ משוגענעם, אַ בלבול פון אַזאַ איינעם, אויף
וועלכען מ׳דאַרף קיין רחמנות ניט האָבען, ווי אויף אַ פעררעטער,
אַ געפעהרליכער פּערזאָן ...

און מ׳האָט אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאַט. פון די
פּוילישע סאַלאָנען איז דאָס ליעד „Pinis Poloniae“ דערגאַנ־
גען צו דער אַדמיניסטראַציע, און ס׳האָבען זיך שוין געפונען גענוג
טעמים אויף אָבצוהאַלטען דעם מחבר עטליכע מאָנאַטען אין תפיסה.

פון טורמע איז טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש אַרויס גייסטיג
אַ בערוהיגטער, כמעט אַנ׳אַנדערער, מיט הכנעה צו זיין גורל און—
אַ קראַנקער.

די פּאָליאַקען האָבען זיך געחאַפּט, אַז זיי האָבען אומגערעכט,
זאָגאַר אכזריות׳דיג געהאַנדעלט מיט דעם מענשען, וואָס זיין שולד
איז געווען נור דאָס, וואָס ער האָט צו־הייס געליעבט דאָס פאָטער־
לאַנד. זיי האָבען איהם אָנגענומען אַלס אַ קדוש פאַר אַ הייליגען
ענין און האָבען שוין געזעהן צו פערגלעטען זייער שולד. אין די
ערשטע טעג פון זיין בעפרייאונג איז זיין קוואַרטיר ממש אָנגעפּאַקט
געווען מיט מאַגנאַטען, וואָס זענען צו איהם געקומען מיט וויזיטען;
ער האָט זיי אויפגענומען העפליך, אָבער טרוקען, ר׳האָט גערעדט,
זעהר װעניג, דאָס רוב מיט ליעדער אימפּראָוויזירטע.

מ׳האָט אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען זיך וועגען זיין געזונד
וואָס איז די פּאָליאַקען פּלוצלונג זעהר טייער געוואָרען. מ׳האָט
איהם צוגעשיקט אַ גאַנצען פאַקולטעט דאָקטוירים, וואָס האָבען
איהם פאָרגעשריבען זעהר אַ קונציגע דיעטע, אַנ׳אַנדער אַרט
לעבען. ער האָט נור טרויעריג געשמייכעלט און געזאָגט: „פאַר
וועמען מ׳האַקט שוין די ברעטלעך פון קבר, פאַר יענעם איז שפּעט
שוין אַ לעבען אַ נייע“ די דאָקטוירים האָבען געפאָדערט, ער זאָל
לפחות אויפהערן צו שרייבען, האָט ער דערויף געענטפערט: „ווען

דאָס הארץ צוהיידעט זיך, צו וועט מען עס אונטער׳ן ביינקעל בעהאלטען?

מ׳האָט איהם צורוה געלאָזט, אָבער ניט אויף לאַנג. ווע ס׳האָט זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען דער פּאָלקס־זשאָנד, האָט גראַף טענטשינסקי פּעררופען איהם צו זיך און אָנגעהויבען איינ־צורייד ען, ער זאָל ווערען אַ מיטגליעד פון זשאָנד. שאַראַטשקעוויטש האָט געהערט, געהערט און געשוויגען.

— וואָס ענטפערט איהר גאָרניט? האָט דער גראַף גע־פרעגט, ערשטוינט פון דעם אַפּאַטישען שווייגען.

— ביי אייך איז דאָ אַ ביבעל?

— פאַרהאַן. ברענגען אייך?

— זענט אַזוי גוט.

דער גראַף האָט פון זיין ביבליאָטעק געבראַכט ביבעל אין פּוילישען, שען געבונדען. שאַראַטשקעוויטש האָט גענומען בלעטערן.

— הערט זשע גראַף, וואָס איך וועל אייך דאָ פאָרלייענען— האָט ער אַרויסגעזאָגט פייערליך און ער האָט איהם פאָרגעלייענט פון ירמיהו זיין עצה פאַר צדקיהו.

— דאָס געהערט ניט צו אונז — האָט דער גראַף געזאָגט, מיר זענען ניט קיין יהודים.

ער האָט איהם פאָרגעלייענט נאָך אַ שטעלע, און דער גראַף האָט איהם געזאָגט:

— איך וואָלט אייך בעטען, ליעבער פּאַן טאַדעאוש, צו ערקלערן דייטליך, קאַטעגאָריש.

— רעכט, — האָט געזאָגט שאַראַטשקעוויטש — כ׳וועל ער־קלערן דייטליך, קאַטעגאָריש — אייער איפּטהו איז אַ אונזין. דאָס פּאָלק וועט זיין געגען אייך, און ניט פאַר אייך. זיין צוקונפט איז פון איצט אָן ניט אין די הענד פון פּוילען. איך בין אין דעם איבערצייגט, ווי אין דעם, אַז מיר איז שוין געבליבען ניט פיעל צו לעבען. נור, אַלס גוטער פּאָליאַק, וועל איך אויך פערטראָגען דאָס גורל פון מיינע ברידער. איהר קריכט אין תליה, בין איך אויך מיט אייך. מיר האָבען זיך געהאַלטען פאַר אַ ריטער־פּאָלק, דאָס פערפליכטעט אונז זאָגאר צו קעמפּפען אומזיסט. אויך ניט פאַר פּוילען, וואָס וועט דערפון קיין נוצען ניט האָבען, איז האָטש

פאַר דער וועלט, פאַר דער געשיכטע... יאָ, פאַר דער גע־
שיכטע.

— איז קאָן איך אייך פערשרייבען פאַר אַ מיטגליעד.

— צו וואָס אַ מיטגליעד? וואָס וועל איך טהון אין זשאָנד?
איך בין שוואַך און אויפגערייצט. איך וועל אייך נור שטערן. איך
קאָן און וועל אייך דיענען נור מיט'ן פעדער. איך וועל וועקען
דעם דרימלענדען גייסט פון אונזער פאָלק, כ'וועל וועקען... ביז
וואַנען איך וועל אַליין איינשלאָפען. אַדיע!

———

אין אויגוסט 1862 האָט טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש אָנגע־
הויבען שנעל דערנעהנטערן זיך צום טויט. ר'איז שוין ניט אַראָב
פון בעטיל און האָט טאָג איין טאָג אויס ערוואַרטעט דעם סוף
פון זיין טרויעריגען לעבען...

אַלס וואַרטערינס האָבען זיך ביי זיין בעטיל געביטען יוליאַ
קרוטיצקאַיאַ, די פירסטין מילפאָרט און פאָלינאַ קראַנץ, פער־
ברענטע פאַטריאָטקעס און נאָך גרעסערע פערעהרערינס פונ'ם
טאַלאַנט פון דעם גוסס'ן פאָעט. די וואַרטערינס האָבען איהם
אויך שוין געדיענט אַלס סעקרעטערינס, האָבען געפיהרט זיין גרוי־
סע ליטעראַרישע קאָרעספאָנדענץ און — וואָס זיי איז בעזונדערס
טייער געווען — זיי האָבען פערשריבען די אימפּראָוויזאַציעס, וואָס
זיין האַרץ האָט אויסגעגאָסען פאַר'ן טויט. דער קערפּער איז פון
טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרען, אָבגעשטאָרבען, נור דער גייסט
איז געווען וואַך, פריש. ער האָט דיקטירט אַ ליעד נאָך אַ ליעד, אַ
שיר נאָך אַ שיר, ווי ער וואָלט געאיילט אָבצוגעבען דער וועלט
דאָס וועלטליכע, פטור ווערען פון די מחשבות, וואָס האָבען איהם
געפּייניגט, אום ר'זאָל אַריבער אין די אייביגקייט פריי און ער־
לייכטערט...

———

איינמאָל ביי־נאַכט, ווען קיינער איז נעבען איהם ניט גע־
ווען, האָט ער פּלוצלונג ערוואַכט און האָט דערפיהלט אַ שטאַרקע
דורשט. ער האָט אויסגעצויגען די האַנד נאָך דער גלאָז, אויפ'ן
טישעל ביי זיין בעטיל, און האָט אויף אַמאָל אויסגעזופּט די עסיג,
וואָס איז געווען אין גלאָז.

ער האָט אַ געשריי געטהון, האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן ברוסט און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה...

———

שנעל, ווי אַ בליץ האָט זיך אויף מאָרגען פערשפּרייט אין שטאָדט דער קלאַנג וועגען דעם טויט פון טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש. פון פריה אָן איז דאָס וועשעס-געסיל דער צענטר געוואָרען פאַר די פערשיעדענסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אין דער שטאָדט נ.

פריהער פון אַלע זענען אָנגעפלויגען די בעלי=חובות מיט זייערע וועקסלען און צעטלעך, פּונקט ווי דער געשטאָרבענער וואָלט מיט׳ן טויט עפּיס אַ גרויס געווינס בעקומען און ר׳וועט זיך איצט מיט זיי אויסצאָהלען ביז אַ פּרוטה. דערנאָך זענען אָנגעפאָהרען מאָהלער, פאָטאָגראַפען, סקולפּטאָרען מיט זייערע אַפּאַראַטען, שפּעטער אַביסעל זענען געקומען קאָרעספּאָנדענטען פון די צייטונגען אין די רעזידענץ=שטעדט צונויפצונעהמען ביאָגראַפישע ידיעות און פּרטים וועגען די לעצטע מינוטען און דעם סוף פון דער געריהמטער פּערזאָן. נאָך זיי זענען געקומען די בוכהענדלער און פערלעגער — צו קויפען דאָס רעכט אויף אַרויסצוגעבען די ווערק פון דעם געליעבטען דיכטער. זיי האָבען מיטגענומען די טייסטער, טאָמער קומט אויס צו געבען אַנ׳אויפגאַב. אַ ווייגער עלף זענען אָנגעפאָהרען די אויסגעפּוצטע יוגענד אויסצודריקען זייער אויפריכטיגען מיטגעפיהל דער אונטרייסטבאַרער אַלמנה, אַ יונגע און נאָך זייער אַ שענע. אַ ווייגער צוועלף איז אָנגעקומען די שטאָלצע און רייכע אַריסטאָקראַטיע, צו שפּיעלען די ראָלי פון אויפגעקלעהרטע מעצענאַטען, וואָס ביים לעבען האָט עס דער פערשטאָרבענער זיי קיינמאָל ניט ערלויבט.

די אונטרייסטבאַרע אַלמנה האָט זיך געוואונדערט אויף דער העפליכקייט צו איהר פון אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס פלעגען איהם פריהער ניט מזכה זיין אַפילו מיט אַ בעגריסונג. אַלס זעהר אַ בעגרענצטע פרויענצימער, האָט זי וועניגער פון אַלעמען פערשטאַנען און געשעצט איהר מאַן, זי האָט נור געוואוסט, אַז איהר מאַן שרייבט עפּיס גאַנצע טעג, אָפטמאָל אויך גאַנצע נעכט, נור דאָס שרייבענים האָט איהר ניט געגעבען ניט קיין מאָדישע קליידער און ניט קיין רייכען לעבען בכלל. אַלזאָ — האָט זי בעשלאָסען—

איז דער מאַן אַ שוטה, ר'פערנעהמט זיך מיט פוסטע זאַכען און ס'איז ניטאָ פאַר וואָס צו שעצען איהם. האָט זי איהם ניט גע־שעצט, איז שטענדיג בייז געווען אויף איהם, ווי אויף אַ טאָג־אַרבייטער, וואָס ערפילט שלעכט זיין פפליהט און פלעגט כסדר פערגיפטען זיין לעבען, וואָס איז אַזוי אויך געווען אָהן פרייד. זי וואָלט איהם אינגאַנצען געהאָרפען, ווען ס'זאָל זיך נור מאַכען אַ בּגקוועמער צופאַל; נור צום בּעדויערן, האָט זיך עס ניט גע־מאַכט: מיט אַזאַ בּעגרענצטער פּראָווינציעלער האָט קיינער ניט גע־וואָלט ערנסט פערבּינדען זיך, חאָטש זי איז געווען יונג און שען. נור איין שאַ־אַטשקעוויטש האָט זיך מיט איהר פערבּונדען אַדאַנק דער פּאָעטישער און קינסטלערישער אונפּראַקטישקייט אין די אַל־געמיינע לעבּענס־אַנגעלעגענהייטען, אויף וועלכע זיי קוקען זיך אום זעהר וועניג. פאַר זיין פּאָעטישע התפעלות פון איהר שענעם אויסזעהן האָט ער טייער בּעצאָהלט.

די פּאַני שאַראַטשקעוויטש האָט זיך איצט פערוואונדערט פון דעם אַלעם, נור זי האָט אינסטיקטיוו פערשטאַנען, אַז אַיזען דאַרף מען שמיעדען כל־זמן ס'איז נאָך הייס. זי האָט דעריבּער ניט לאַנג געטראַכט און האָט געמאַכט געשעפט מיט די פּאָטאָגראַפען, סקולפּטאָרען, בּוכהענדלער און פערלעגער, האָט גענומען אויפגאַבּען, אונטערגעשריבּען קאָנטראַקטען, האָט זיך ניט ענטזאַגט פון די פּאָרשלאָגען פון די מעצענאַטען, קורץ, זי האָט געזעהן אַנציהען מיט אַ מותר, וואָס ס'האָט דורכגעלאָזען איהר אונפּראַקטישער מאַן, וועלכער האָט חאָטש איינמאָל געטהון אַ קלוגע זאַך, וואָס ער איז געשטאָרבּען. זי איז אַזוי פערנומען גע־ווען מיט'ן שניט, אַז זי האָט פערגעסען אַ טרעהר אַרויסצולאָזען חאָטש צוליעב לייטען: נור מענשען האָבּען געזאָגט, אַז דאָס איז איבּער איהר טיעפען טרויער און אונגעהויערער פערצווייפלונג, און זיי זענען זעהר צופריעדען געווען מיט זייער פערשטעהן אויף אַ מענשליכעם האַרץ...

דער פּאָלקס־זשאָנד האָט אויך ניט געדרימעלט. ער האָט בּעשלאָסען אויסצונוצען שאַראַטשקעוויטש'עס לויה פאַר אַ גרויסער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע.

דער זשאָנד האָט שוין אויפגענומען אַלע זיינע אַגענטען און אָנגעהויבּען צו מאַכען די געהעריגע הכנות. נור מיט אַמאָל

האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף אַ שטערונג מצד די גייסטליכע, וואָס האָבען דעם פערשטאָרבענעם געהאַלטען פון לאַנג אָן פאַר אַנ׳אַפּיקורס פאַר זיינע בייזע סאַטירעס געגען זיי און איז אויך געשטאָרבען אָהן ודוי; צולעצט האָבען די גייסטליכע נאָכגעגעבען דעם זשאַנד, און מ׳האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין אַלע קאָס-טיאָלען.

אין אָווענד האָט מען די מטה אַרויסגעטראָגען ביי אָנגע-צונדענע פאַקעלען, ביי דעם קלינגען פון די גלאָקען און אַ גרוי-סען עולם מענשען, וואו ס׳האָבען זיך בעטייליגט די מאָנאַכען-אָרדענס, לעהר-אַנשטאַלטען און די שטעדטישע צעכען מיט זיי-ערע צייכען.

אין דעם פובליקום האָבען געגישטערט עפּיס פאַרשווינען, וואָס האָבען פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער פערשטאָרבענער איז געשטאָרבען פאַר דאָס פאָטערלאַנד, און דער המון האָט געגלויבט און די צייהן געסקריהעט. פאַרבייגעהענדיג אַ אַנשטאַלט האָט דער המון געוואָלט אַראָברייסען דעם הערב, נור די זעלבע פאַרשווינען האָבען אָבגעהאַלטען דערפון, אָנזאָגענדיג, אַז עס גרייט זיך עפּיס וויכטיגערעס.

אויף דער לויה האָט מען אַ סך רעדעס געהאַלטען, און אַלע פייערדיגע, און ווי מ׳האָט נור דעם קבר פערמאַכט, האָט דער עלעקטריזירטער המון הויך און ענערגיש אָנגעהויבען צו זינגען! „Zdymiem pożarow“.

די פּאָליציי, דערהערענדיג דעם פערבאָטענעם הימן, האָט געוועזען געמאַכט אַ בעוועגונג, נור בעגעגענענדיג די פערצווייפעלטע, אַרויסרופענדע בליקען פון דעם צעהן-טויזענדיגען המון, האָט מען איינגעפונען פאַר נויטיג, צו מאַכען זיך ניט הערענדיג, וואָס מ׳זינגט.

אויף מאָרגען איז אין דער אָרטיגער צייטונג געווען אויס-פיהרליך בעשריעבען די לויה פון טאַדעאוש שאַראַטשקעוויטש, און דערביי איז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז יודען האָבען אין דעם זעהר אַ שטאַרקען אַנטייל גענומען און דערמיט האָבען זיי בעוויזען, אַז זיי פיהלען זיך אַלס פּאָליאַקען, און דערמיט בעגריסט זיי טאַקי די געגענד, וועלכע זיי מוזען דאָך רעכענען פאַר זייער פאָ-

טערלאַנד און עס ליעב האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען און נשמה...

די שטאַרקע בעטייליגונג מצד די יודען איז געוועזן נור דאָס, וואָס זיי זענען, אויס נייגעריגקייט, געשטאַנען אויף די גאַסע און צוגעקוקט די רייכע לויה פון עפּיס אַ פּריץ, וועגען וועלכען זיי האָבען קיין שום השגה ניט געהאַט. די פּאָליאַקען אָבער האָבען אין דער בלויזער נייגעריגקייט פון דעם יודישען המון איינגעזעהן אַ בעוואוסטזיניגע בעטייליגונג און האָבען געאײַלט אויצוטרומייטערן וועגען דעם, און אגב האָבען זיי דערבּיי נאָך אַ מיין געהאַט...

גראַף טענטשינסקי איז ניט געוועזן אויף דער לויה. ער האָט אין דער צייט געטרונקען ביים גענעראַל און האָט אַ געשפּרעך געפיהרט וועגען די אַנגעלעגענהייטען אין פּוילען, וואָס ווערען אַלץ מעהר און מעהר פערפּלאָנטערט, דערבּיי האָט ער ניט איין מאָל אויסגעדריקט זיין טיעפען בעדויערן דערויף, וואָס זיינע ברידער זענען אַזוי פערבּלענדט און פערפיהרט, נור ער וויל מיט זיי קיין שום שייכות ניט האָבען.

דער גענעראַל האָט איהם פעסט די האַנד געדריקט, און די גענעראַלשע האָט איהם צוגעשמייכעלט.

IV-טער טהייל

ניט געגאָלטען.

I.

דער אָפיציער פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש דובאָוו, וועגען וועלכען מערי טידמאַן האָט געשריבען סאָפיע אַראָנסאָן, איז אָנגעקומען אין מיליטער־דיענסט צוליעב אומשטענדען, וואָס האָבען זיך ניט אין איהם געווענדט. ער האָט דוקא שטענדיג געטראַכט וועגען אַ געלעהרטער אָדער יורידישער קאַריערע, האָט געפיהלט אַ שטאַרקע נויגונג צו קאַבינעט־בעשעפטיגונגען, ר'איז שוין געווען אויפ'ן דריטען קורס און האָט שוין מאַטעריאַל געזאַמעלט פאַר זיין קינפטיגער מאַגיסטער־דיסערטאַציע, נור אומגעריכטערהייד האָט איהם זיין אָפּעקון דער פעטער, אַנ'אַלטער אויסגעדיענטער גענעראַל, פון וועלכען ער איז מאַטעריעליש אין גאַנצען אָפּהענגיג געווען, ערקלעהרט אַלס אולטימאַטום, אַז אויב ער וועט תיכף ניט אָנקומען אין מיליטער־דיענסט, ווי „ס'פּאַסט פאַר אַ ווירקליכען אַדעל", וועט ער, דער גענעראַל, ניט נור איהם מעביר נחלה זיין, נור ר'וועט איהם ניט געבען אויך די מאָנאַטליכע שטיצע.

קיין ברירה איז ניט געווען: צוקריעגען זיך מיט זיין בעל־טובה האָט ער געהאַלטען פאַר אונמעגליך, און ער האָט זיך אָנגעגעבען אין מיליטער־דיענסט. דובאָוו האָט אָבער קיין שום נויגונג ניט צו זיין נייער קאַריערע. און דעם מאַן, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעגרייט צו ווער'ן אַ געלעהרטער, וואָס האָט געדענקט פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, — איהם האָבען ניט פערנומען די בעשעפטיגונגען אַרומצוגעהן ווינטער־צייט איבער קאַפע־הייזער און קאָנדיטאָרייען, פערווײלען די שטעדטילדיגע פרײלינס אָדער אָפּצוזיצען נעכט ביי אַ גרינעם טישעל. ר'האָט דעריבער שטאַרק געליטען פון לאַנגווײליגקייט, צייטענווייז פלעגט ער מרה־שחורה'נען, ר'פּלעגט זיך פערשפּאַרען אין זיין וואוינונג, אום צו לערנען זיך

אונגעשטערט. צווישען בעקאַנטע האָט מען איהם דערפאַר געהאַל־טען פאַר אַ מאָדנעם מענשען, און מ׳פלעגט פון איהם אָפּטמאָל אָבלאַכען. אום אויסצומיידען אַזעלכע אונאַנגענעהמליכקייטען פלעגט ער אָפט נעהמען אורלויב, פלעגט אַריבער פון איין פּאָלק אין אַנדערן, נור דאָס אַלץ האָט וועניג בעפריעדיגט זיין בעגעהר נאָך ווירקליכער, אינטענסיווער, פּאַטריאָטישער אַרבייט. ער איז געווען אַ מיטגליעד פון בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס איז דאַן געגרינדעט גע־וואָרען, נ ר אויך אויף דעם געביעט האָט ער וועניג וואָס געקאָנט אויפטהון.

אין יאָהר 1862 איז דובאָוו מיט זיין פּאָלק אָנגעקומען אין מערב־קאַנט. פון לאַנגווייליגקייט האָט ער שוין געהאַט געדעכענט צו פערנעהמען זיך מיט די חנו׳דיגע און קאָקעטישע פוילישע טעכטער, נור אומגעריכטערהייד האָט ער אין דער שטאָדט ג. זיך אנגעשטויסען אויפ׳ן יודישען קרייזעל, און זיין לעבען איז אַוועק מיט אַנ׳אַנדער שטראָם.

„דאָס איז עס !"—האָט ער אויסגעשריען אמת׳דיג ערפרעהט פון זיין פּלוצימדיגער מציאה. „אָט דאָס איז די ווירקליכע אַר־בייט. איצט וועט אונז שוין ניט זיין לאַנגווייליג !"

און אַ געדאַנק האָט איהם אַ שיין געטהון וועגען אויספיהרען אַ גרויסען בירגערליכען, פּאַטריאָטישען טהאַט: ערווערבען פאַר רוסלאַנד צוויי מיליאָן נוצליכע בירגער. און דעם געדאַנק האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט דער גאַנצער היץ פון זיין נשמה, וואָס האָט אַזוי לאַנג געדורשט נאָך נוצליכער טעטיגקייט. אַלס דענקער און בעאָבאַכטער האָט ער באַלד געהאַפט, אַז פאַר איהם האָט זיך דאָ צושפּרייט אַ גרויסער פעלד, וואָס איז שוין גענוג צואַקערט אויף אויפצונעהמען גוטע זאָמען, און אַז זיין אַרבייט אויף דעם פעלד וועט ניט געהן פערלאָרען. אַלס רוסישער פּאַטריאָט, האָט ער ווי געהעריג אָבגעשאַצט, אַז פון אַלע פרעמדע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד, זענען יודען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זייער רב אינ׳ם לאַנד איז דער סאַמע אונגעניטיגער, מעהר פון אַנדערע פונדעסטוועגען גענויגט צו דער רוסישער בירגערליכקייט, און ס׳איז דעריבער ניט אויסגערעכענט און אַ זינד אויך צו פערהאַלטען זיך מיט בטול צו דער שטאַרקער בעוועגונג, וואָס קומט פאַר איצט צווישען זיי.

און ער האָט בעשלאָסען אויסצונוצען די „בעוועגונג“, עקס־פּלואַטירען עם לויט זיינע קרעפטען און פעהיגקייטען.

„אין אונזער אונזיכערן מערב־גרעניץ קאַנט—האָט ער פער־שריעבען אין זיין נאָטיץ־ביכעל — דאַרפען מיר און מיר קאָנען שאַפען פאַר אונז פון דער יודישע מאַסע אַ גאַנץ אַנשטענדיגען קאָנטינגענט, וואָס זאָל קאָנען דיענען אַלס געגענזאַטץ פאַר די דייטשע אילוזיעס און די פּוילישע פּרעטענזיעס. אַזאַ געגענזאַטץ איז ווערטה וויפיעל דריי פעסטונגען, און אַזאַ געגענזאַטץ וועלען די יודען ווערען דאַן, ווען זיי וועלען זיך דערפיהלען אַלס רוסען אַט דאָס געפיהל דאַרפען מיר וועקען אין זיי כסדר, אָהן אויפהער“.

דערפאַר איז ער אַזוי שטאַרק צוגעשטאַנען צום יודישען קרייזעל אין דער שטאָדט ג., וואו ר'האָט שוין געפונען אַ שפּור פון דעם דאָזיגען געפיהל און האָט עס געהאַלטען פאַר זעהר אַ פּאַטריאָטישע זאַך צו שטיצען אָט דאָס געפיהל, בעזונדערס אין אַזאַ צייט, ווען די פּאָליאַקען, ווי ער האָט עס צוגעזעהן, האָבען אָנגעווענדט זייער גאַנצע געשיקטקייט אום צו צוציהען די יודען צו זיך. אַבערקענענדיג דעם גאַנצען ערנסט פון דער פּאַטריאָטישער אויפגאַבע, האָט ער געהאַלטען פאַר נויטיג צו פעראינטערעסירען דערמיט אויך די פּרעסע. די פּרעסע האָט זיך אָבער גאָר ניט אומגעקוקט אויף די רייד פון'ם אָפיציר. זי האָט עס געהאַלטען פאַר אונבעגרינדעט, וואָרום זי האָט אין דער צייט גאָר אַנדערע מיינונגען געהאַט וועגען יודען. דער הימעל האָט זיך דאַן פער־צויגען מיט אַ געדיכטען נעבעל פון „אוקריינאָפילסטווע“ און סלאַוו־יאַנאָפילסטווע“, האָט געשוועבט אַ צפון־מזרח ווינד, און ניט קיין דרום־מערב'דיגער, טאָ ווי אַזוי האָבען די לייכטע בלעטעלעך גע־קאָנט זיך טראָגען אַנטקעגען דעם ווינד?

נור דאָס האָט ניט אָבגעהאַלטען דעם דרייסטען אָפיציער, וואָס האָט זיך גענומען פאַר די פּאַטריאָטישע זאַך לויט זיין אייגע־נער איניציאַטיוו און איבערצייגונג. ער איז נאָך פעסטער צוגע־שטאַנען צום יודישען קרייזעל, איז געוואָרען די נשמה פון דער זאַך און האָט געאַרבייט אונערמיעדליך און מיט ליעבשאַפט.

ער האָט זיך ניט בענוגענט מיט זיין אַרבייט, און איז צו־געפאָהרען אויך אין נ.

דאָ האָט ער אָנגעטראָפען נאָך אַ גרעסערן קרייזעל, וואו די

אויפגאַבען און ציעלען זענען געווען מעהר בעשטימטע, מעהר ערנסטע, און ער האָט זיי מיטגעפיהלט מיט'ן גאַנצען האַרצען. די שטאָדט נ. מיט דער צאָהלרייכער יודישער בעפעלקערונג, מיט'ן גרויסען קאָנטינגענט פון יודישע געלעהרטע און שטודירענ-דער יוגענד, מיט'ן הונדערט-יעהריגען אויטאָריטעט צווישען די יודישע קהילות פון דער גאַנצער געגענד האָט אין זיינע אויגען אויסגעוויזען פאַר אַ נאַטירליכען צענטר, פון וואַנען ס'איז פיעל בעקוועמער אָנצופיהרען זיין פאַטריאָטישע פראָפּאַגאַנדאָ, און ער האָט בעשלאָסען צו פערבלייבען אין דעם צענטר וואָס לענגער, און בפרט נאָך, אַז דער קרייזעל האָט איהם שטאַרק געבעטען וועגען דעם.

ער האָט צוגעשיקט אַ בקשה וואוהין ס'איז נויטיג, און מ'האָט איהם קאָמאַנדירט צום קאָרפּוס-שטאַב, וואָס האָט זיך געפונען אין נ. אַזוי האָט זיך דער אָפיציר דובאָוו בעזעצט אין נ. און האָט מיט דעם קרייזעל געטיילט זיינע זאָרגען, מיה, דאגות, שרעק און האָפנונג.

די בעמערקונג פון דער אָרטיגער צייטונג וועגען דער „טעטיגער" בעטייליגונג פון יודען אין דער לויה פון טאַדעאוש שאַראַשקעוויטש האָט אויפגערעגט אַלע מיטגלידער פון קרייזעל

„אַ רמאות! אַ ליגען! חוצפא!" — האָבען זיי געשריען אויף דער עקסטראַ זיצונג, וואָס איז וועגען דעם צונויפגערופען געוואָ-רען. — יודען האָבען זיך בעטייליגט אין דער לויה בלויז נור פון נייגיעריגקייט וועגען, און ניט אויס מיטגעפיהל צו די פוילישע ענינים... וועלכער יוד ווייסט, ווער איז ער אַזעלכער טאַדעאוש שאַראַשקעוויטש? אפשר, איינער פון טויזענד נור. זיי שלעפען אונז אַריין פאַר'ן קראַגען. דאָס איז שוין צופיעל! מ'דאַרף פּראָ-טעסטירען! פּראָטעסטירען!

אַרקאַדי סאַרין האָט גלייך געמאַכט אַ קורצען, אָבער אַ ענער-גישען פּראָטעסט, די מיטגליעדער פון קרייזעל האָבען עס אונטער-געשריבען און מ'האָט עס אַריינגעשיקט אין רעדאַקציע פון דער אָרטיגער צייטונג.

אויף מאָרגען האָבען די פּראָטעסטירענדע איבערגעלייענט אין די אַנטוואָרטען פון רעדאַקציע, אַז זייער אַרטיקעל קאָן ניט

געדרוקט ווערען..„איבער סבות, וואָס זענען בעוואוסט דער רע־דאַקציע“.

אין קרייזעל האָט מען אַזש געקרעכצט פון אַזא אונגערעכ־טיגקייט.

— אָבער דער פּראָטעסט מוז געדרוקט ווערען! — האָט דובאָוו אויסגעשריען, טרייסלענדיג זיך פאַר כעס.

— סיידען אין אַ אַנדער צייטונג, אין דער הויפּט־שטאָדט?— האָט עמיצער בעמערקט.

— ניין, אין דער אָרטיגער, אונבעדינגט אין דער אָרטי־גער, — האָט דובאָוו געענטפערט. — אַ פערברעכער בעשטראָפט מען אויפ'ן אָרט, וואו ער איז דעם פערברעכען בעגאַנגען. איהר מיינע הערען, ערלויבט מיר צו נעהמען זיך פאַר דער זאַך.

— מיט פערגניגען — האָבען די מיטגליעדער געענטפערט.

— אויב אַזוי, בין איך ניט פיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש דובאָוו, אויב אייער פּראָטעסט וועט ניט זיין געדרוקט אין דער נאָהנטסטער גומער, — אין אַ שעה אַרום אָדער אין צווי וועט איהר בעקומען אַ ענטפער. איך פאָהר גלייך צום רעדאַקטאָר. אַדיע!

ער האָט אָנגעטהון זיין סאַבעל, האָט זיך געזעגענט און איז אַרויס.

ס'איז געווען פונקט האַלבער טאָג, ווען פיאָטר אַפאַנאַסיע־וויטש איז אַריינגעקומען אין רעדאַקציע פון דער אָרטיגער צייטונג.

— צום רעדאַקטאָר? — האָט איהם געפרעגט דער סעקרע־טאַר פון רעדאַקציע.

— צום רעדאַקטאָר.

— היינט נעהמט ער ניט אויף.

— איך ווייס, בעמיהט אייך אָבער מיטצוטיילען: דער אָפי־ציר דובאָוו, אַ מיטגליעד פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועגען פּאָליטישע ענינים.

דער סעקרעטאַר האָט דורכדרינגענד, כמעט ערשראָקען אַ קוק געטהון אויפ'ן אָפיציר, און איז אַוועק מיטצוטיילען. אין אַ ווייל אַרום איז ער צוריק אַריין און האָט מיט אַ רעספּעקט־בעוועגונג איינגעלאַדען דובאָוו'ן אין דער אויפגעעפענטער טהיר פון רעדאַקטאָר'ס קאַבינעט.

דער קאַבינעט פונ'ם רעדאַקטאָר פון דער אָרטיגער צייטונג

האָט דובאָוו'ן ניט קנאַפּ פערוואונדערט מיט דער רייכער, דערהויפּט מיט דער טענדענציעזער מעבליערונג. ביי דער וואַנד, וואָס אַנטקעגען טהיר, זענען קאָפּטעראָם געשטאַנען צוויי פּאָר טשיגונלייבען, וואָס האָבען אין זייערע נעגעל געהאַלטען — די ערשטע פּאָר — די גענעראַלע לאַנדקאַרטע פון דער אַלטער ליטאָ, און די צווייטע — די לאַנדקאַרט פון „רעטש פּאָספּאָליטאַ" אַ הינטער די קאַרטעס אויף אַ הויכען פּיעדעסטאַל האָבען זיך ערהויבען צוויי גיפּס־פיגורען אין גאַנצען מענשליכען וואוקס פון יאַגעלאָ און יאַדוויגאַ, וואָס האָבען בעצייכענט די פעראייניגונג פון ליטאָ מיט פּוילען. אויף דער אַנטקעגענדיגער וואַנד איז געווען אַ גרויסע בילד מיט אייל־פאַרבען פון דער בריסקער אוניע. די ווינקלען פון דעם גרויסען קאַבינעט זענען אויך געווען פערנומען מיט היסטאָרישע פיגורען. אין איין ווינקעל זענען געשטאַנען די פיגורען פון פאַלשען דמיטרי און מאַרינאַ מנישעק, אין צווייטען — קאָסטיושקאָ און סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי, אין דריטען — יאָסאַפאַט קונצעוויטש און אַדאַם מיצקעוויטש און אין פערטען — די סאַמע טענדענץ — די האָריגע פיגורען פון סטענקאַ ראַזין און יעמעלקא פוגאַטשאָוו, די רוסישע ספּאַרטאַקען. אויף אַלע ווענד זענען געווען אויסגעהאַנגען פּאָרטרעטען פון די פּוילישע גערימטע פּערזאָנען פון אַלע צייטען.

אַז דובאָוו איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט, האָט זיך פון הינטער דעם גרויסען שרייב־טיש, וואו ס'זענען געווען אָנגעוואָרפען פּאַפּיערען, צייטונגען, ביכער און סטאַטועטקעס, לאַנגזאַם אויפגעשטעלט אַנטקעגען איהם אַ מאַן פון אַ יאָהר פופציג, פון מיטעלען וואוקס, אַ קיילעכדיגער, מיט אַ גלאַט אויסגעגאָלטען פּנים און מיט אַ גרויסען פּליך, וואָס האָט זיך געצויגען פון זיין הויכען שטערן אָן וואו ס'האָבען זיך געפונען אַ פּאָר בלאָהע ברילען, וואָס האָבען ניט אַזוי געדיענט פאַר דער רעגוליערונג פון דער ראיה, ווי צום פערשטעלען דעם אויסדרוק פון די אויגען.

דובאָוו האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— וואָס וועט איהר זאָגען עפּיס גוטס? — האָט דער רעדאַקטאָר געפרעגט, אַוועקזעצענדיג זיך אויף זיין אָרט און אָנווייזענדיג דעם גאַסט אויף אַ שטוהל. דובאָוו האָט זיך געזעצט.

— איך בין צו אייך געקומען אַלס בעפאָלמעכטיגטער פון

די פּערזאָנען, װאָס האָבען אײך די טעג צוגעשיקט צום דרוקען א פּראָטעסט, — האָט ער געענטפערט.

— אָ, פון די יודען! — האָט דער רעדאַקטאָר אַרױסגעזאָגט און איז עטװאָס רױט געװאָרען, די בלאַהע ברילען זענען פּלוצלונג אַראָבגעניעדערט פון קאָפּ אױפ׳ן נאָז.

— יאָ, די רוסען פון משה׳ס גלױבען, — האָט דובאָװ, געזאָגט אומענדערגדיג בכיון דעם רעדאַקטאָר׳ס װערטער.

— זענען דען שױן דאָ אַזעלכע? — האָט דער לעצטער געפרעגט, אײנשטעכענדיג אין אָפּיציר זײן פערמאַסקירטען בליק.

— אױב ס׳זענען דאָ פּאָליאַקען פון משה׳ס גלױבען, איז פּאַר װאָס זאָלען ניט זײן אױך רוסען פון דעם זעלבען גלױבען?

— דאָס איז זעהר אינטערעסאַנט, האָט דער רעדאַקטאָר בעמערקט מיט א סאַרקאַסטישען שמײכעל. — מיר װאױנען דאָ אױפ׳ן אָרט און האָבען עפּיס ניט געהערט גאָר פון אַזעלכע פּאַרשױנען.

— ס׳איז זעהר פּערדראָסיג, װאָס איהר האָט ניט געהערט. אָבער אַזעלכע פּאַרשױנען זענען שױן דאָ. זײ האָבען דאָס מיר איבערגעגעבען צו בעטען אײך, אַז איהר זאָלט אָבדרוקען זײער פּראָטעסט.

דער רעדאַקטאָר האָט א ציה געטהון מיט די אַקסלען.

דאָס איז אונמעגליך, — האָט ער געזאָגט נאָך א קורצען שװײגען.

— פּאַרװאָס?

— װײל... װײל ס׳איז ניט בעגרינדעט.

— איז װאָס איז? אױב ס׳איז ניט בגרינדעט, װעלען זיך געפינען אַזעלכע, װאָס װעלען אין דער פּרעסע טאַקי דערװײזען, אַז ס׳האָט קײן סמך ניט. דערױף איז עס דאָך די עפענטליכקײט. דערפאַר זענט איהר דאָך ניט פּעראַנטװאָרטליך. לאָזט פרײ אױסצודריקען זיך דער געזעלשאַפטליכער מײנונג.

— דאָס האָט זיך שױן אױסגעדריקט.

— אין א רעדאַקציאָנס־אַרטיקעל, געגען װעלכען מען פּראָטעסטירט?

— עס פּראָטעסטירען נור אײנצעלנע פּערזאָנען.

— די איינצעלנע פּראָטעסטירען אָבער אין נאָמען פון אַלע פערזאָנטערעסירטע.

— איך צווייפעל, אַז די איינציגע זאָלען האָבען אַזאַ ברייטע בעפאָלמעכטיגונג.

— פערלאַנגט איהר אַנ׳אַלגעמיינע אָבשטימונג?

— די אַלגעמיינע אָבשטימונג האָט זיך דירעקט אַרויסגעזאָגט געגען דער טענדענץ פון דעם צוגעשיקטען פּראָטעסט: אויף שאַראַשקעוויטשעס לויה זענען געווען העכער פון צעהן טויזענד יודען. צי דען איז נויטיג נאָך דען אַנדערע בעוויזע וועגען דער ווירקליכער שטימונג פון דער יודישער געזעלשאַפט מיר טראַכטען ניט אויס קיין פאַקטען, נור מיר בעשרייבען זיי ווי זיי זענען פאָרגעקומען.

— אָ, ווען דאָס זאָל נור זיין אַזוי, וואָלט איך איצט ניט געהאַט דעם פערגניגען צו שפּרעכען מיט אייך. נור ווי איך זעה, געעהרטער הערר, בעגניגענט איהר זיך ניט בלויז מיט דעם איינפאַכען איבערגעבען די פאַקטען, נור איהר האָט ליעב צוצוגעבען דערביי פריייווילליגע פירושים, געגען וועלכען מ׳קאָן, ווי איך רעבען, דיספּוטירען.

— דיספּוטירען?—האָט דער רעדאַקטאָר איבערגעפּרעגט,— מיט׳ן גרעסטען פּערגניגען. איך האָב זאָגאָר זעהר ליעב ויכוחים. דאָס איז מיין אַמפּלואַ. אין אַ פּרייער צייט בין איך גרייט צו פּאָלעמיזירען מיט אייך וועגען וואָס איהר ווילט, זאָגאַר וועגען דעם ענין, וואָס האָט פּאַר מיר געשאַפען דעם אַנגענעהמען צופאַל צו בעקענען זיך מיט אייך. אָבער אָבדרוקען דעם צוגעשיקטען פּראָטעסט — קאָן איך ניט, נאָט איז מיין עדות, אַז איך קאָן ניט.

דובאָוו איז אויפגעבראַכט געוואָרען פון דער אונפערשעמטע מליצה פונ׳ם רעדאַקטאָר, וואָס האָט ליעב פּאָלעמיק לשם פּאָלעמיק, ד. ה. איבערצוגיסען פון פוסטען אין ליידיגען אָהן אַ ציעל און אָהן אַ צוועק. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ ענטשליסענדער מינע האָט ער עטוואָס אויפגערעגט געפּרעגט:

— איז עס אייער לעצטעס וואָרט?

— גלויבט מיר, איך קאָן ניט, — האָט דער רעדאַקטאָר,

גענטפֿערט, אַוועקלעגענדיג אַ האַנד אויפ'ן האַרצען. מיר איז זעהר ניט אַנגענעהם אָבצוזאָגען אייך, נור וואָס זאָל מען טהון!

— אויב אַזוי, — האָט דובאָוו ארויסגעזאָגט, קאַלטבלוטיג אָנציהענדיג די האַנדשוה, — וועט מיר אויסקומען דאָס אַלץ מיטצוטיילען דער אַדמיניסטראַציע.

— וואָס? — האָט דער רעדאַקטאָר אויסגעשריען, אַי, אויפגעשפרונגען אויף זיין אָרט און איז עטוואָס בלאַס געוואָרען

— איך וועל וועגען דעם מיטטיילען דער אַדמיניסטראַציע,— האָט דובאָוו ווידערהאָלט.

— איהר וועט עס אָבער ניט טהון,—האָט דער רעדאַקטאָר אַרויסגעזאָגט, ווי זיך צו טרייסטען און דובאָוו'ן אַ אָנצוהערענים,—איהר זענט אַ געבילדעטער מאַן, איהר, ווי איך בין חושד! זענט אַליין אויך אַ ליטעראַט, און דעריבער האָף איך, וועט איהר ניט דערלאָזען, אַז אונזער ליטעראַרישען מחלוקת זאָל בעשלאָסען ווערען דורך דער מאַכט פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז ניט קאָמפעטענט אין ליטעראַרישע אַנגעלעגענהייטען. מיר, ליטעראַטען, האָבען אונזער אייגענעם געריכט און העכערע אינסטאַנציעס, מיר אַפעליערען אויך, נור ניט צו ביוראָקראַטען...

ער האָט אַריבער זיינע ברילען אַ קוק געטהון אויף דובאָוו'ן, אַ חאַפ צו טהון דעם רושם, וואָס ער האָט אויף איהם געמאַכט מיט זיין רעדע, וואָס האָט זיך איהם אָבגעדוכט זעהר דיפלאָמאַטיש און געשיקט; נור צו זיין בעדויערן, האָט ער אויפ'ן געזיכט פון דעם יונגען אָפיציר קיין שום בעזונדער איינדרוק ניט בעמערקט. ער איז נור געוועזן בייז און כעס'דיג, ווי פריהער.

— ענטשולדיגט, ה' רעדאַקטאָר'—האָט דובאָוו געזאָגט,— אונזער מחלוקת איז ניט קיין ליטעראַרישע, נור אַ פאָליטישע. איהר טשעפעט אָן אָן די יודען אַזעלכע געפיהלען, וועלכע זיי פערמעגען גאָר ניט, און דערמיט מאַכט איהר פערפיהרען די געזעלשאַפטליכע מיינונג. ווען די יודען אַליין זאָלען ניט פראָטעסטירען, וואָלטען מיר בעדאַרפט צו פראָטעסטירען פאַר זיי, מיר, רוסען. מיר וואָלטען ניט קיין גוטע רוסען געווען, ווען מיר זאָלען ניט וויסען, ווער זענען אונזערע פריינד און ווער אונזערע שונאים.

דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט זיך געפיהלט שולדיג, אי אַלץ אומרוהיגער געוואָרען.

— אַלזאָ האַלט איהר מיך אויך פאַר אַ שונא פון רוס־לאַנד? — האָט דער רעדאַקטאָר געפרעגט מיט אַ ציטערנדער שטים,—אָה, איהר זענט זיך טועה, יונגער מאַן. חאָטש איך בין אַ פּאָליאַק, פונדעסטוועגען האָב איך זעהר ליעב רוסען. איהר פערשטעהט, איך בין ניט פון יענע... איך פערמאָג די בעסטע גוטע פריינד צווישען רוסען. איהר ווילט ראַיות?

ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט גענומען דובאָוו'ן אונטער האַנד און האָט איהם אַריינגע־פיהרט אין אַ קליין צימער'ל ביי'ם קאַבינעט. די וואַנד פון דעם צימער זענען געווען בעדעקט מיט ליטאָגראַפישע פּאָרטרעטען פון רוסישע בעריהמטע פערזאָנען, פּאָליטישע טהוער, רעדאַקטאָרען, געלעהרטע, ליטעראַטען, קינסטלער, מיט זייערע אייגענע אויפ־שריפטען און ווידמונגען.

— נו, וואָס, יונגער מאַן? — האָט דער רעדאַקטאָר גע־פרעגט גוטמוטיג און מיט התקרבית, מיט איין האַנד אַרומנעה־מענדיג דעם גאַסט פאַר'ן טאַליע און מיט דער צווייטער אָנווייזענדיג אויף די פּאָרטרעטען,—איך בין אייער פריינד, צו אַ שונא?... איך בעריהם זיך ניט אויס מיט מיין קענטשאַפט מיט די אַלע, איך האָב אייך נור געוואָלט בעווייזען, אַז מיט רוסלאַנד זענען ביי מיר צוזאַמענגעבונדען די טייערסטע זכרונות, און דאָס וואָס איך האָב ניט איינגעשטימט אויף אָבצודרוקען דעם אַרטיקעל, וועלכען איהר פערלאַנגט, איז עס ניט איבער וועלכער ס'איז פיינדליכקייט צו די אינטערעסען פון אונזער אַלגעמיינעם פאָטער־לאַנד, נור איבער מיין לאַגע, אַלס רעדאַקטאָר, וואָס געפינט זיך אָפטמאָל צווישען צוויי פייערען, פערשטעהט איהר?

— ניין,—האָט דובאָוו אָפען געענטפערט דעם צושמייכ־לענדעם חיטרע רעדאַקטאָר,—איך וואונדער מיך אויף אייער חשק צו שטעהן צווישען צוויי פייערען. אויב איהר זענט אַ פריינד פון רוסלאַנד, איז אַרבייט זשע אין דער ריכטונג. דאָס איז אי ריכ־טיגער, אי זיכערער.

— ערלויבט מיר צו בעמערקען אייך, אַז דאָס איז נאָך אַ פראַגע,—האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט, קוים פערבאָרגענדיג זיין פערדרוס דערויף, וואָס איהם איז ניט געלונגען צו איבער־ראַשען און בעצויבערן דעם יונגען מאַן. און ער האָט זיך דוקא

געהאלטען פאר אגרויסען מייסטער אין אזעלכע זאכען.—דאס איז נאך אפראגע,—האט ער ווידערהאלט.

— איבריגענס, געהט עס מיר ניט אן,—האט געענטפערט דובאוו, וואס האט פעסט בעשלאסען אסוף צו מאכען מיט די צוועקלאזע טענות מיט דעם כיטרע פאליאק.—מיין זאך איז צו ערקלערען אייך, אז אויב איהר וועט אין דער נאהנטסטער נומער פון אייער ציימונג ניט אבדרוקען דעם צוגעשיקטען פראטעסט, וועל איך עס האלטען פאר אפפליכט מיטצוטיילען וועגען דעם דער אדמיניסטראציע. איך בעט, אז איהר זאלט ניט פערגעסען, דאס איך בין ארוס, די אינטערעסען פון מיין פאטערלאנד זענען מיר אזוי טייער, ווי פאר די פאליאקען—די אינטערעסען פון זייער „אטשיזנא". די דאזיגע אינטערעסען וועל איך שטענדיג און אומעטום פערטיידיגען. דער יודישער פראטעסט איז אין מיינע אויגען אענין, וואס איז נוגע מיין פאטערלאנד, און דעריבער וועל איך אנווענדען אלע מעגליכסטע מיטלען, אום ס'זאל זיין גע־דרוקט... און ווייטער, האב איך די עהרע צו נעהמען אבשייד...

דער רעדאקטאר איז געווארען צומישט. ער האט דערזעהן, אז ער האט דא צו טהון ניט איינפאך מיט ארוס, וועלכען מ'קאן פערגיטיגען מיט אגוט ווארט, מיט אשענער מליצה, נור מיט ארוסישען בירגער, מיט ארוסישען פאטריאט, און דערצו אויך אדענקענדען און קלוגען מאן, וואס פערשטעהט די גאנצע פאלי־טישע בעדייטונג פון די יודען אין דער געגענד. דערפאר האט ער זיך ערנסט ערשראקען: ער האט מורא געהאט, דאס דער אונרוהיגער אפיציער זאל ניט אויפוועקען די אדמיניסטראציע, אז מ'זאל מיט מעהר אויפמערקזאמקייט אכטונג געבען דערויף, וואס ס'ווערט געשריעבען אין דער ציימונג, אין די שורות און צווישען די שורות, וואס ס'קאן זיין זעהר אונגינסטיג פאר איהם, פאר זיין ציימונג און פאר'ן גאנצען ענין. און אלס איינער, וואס איז גע־וועהנט צו בעגעגענען אגעפאהר מיט'ן רוקען און ניט מיט'ן ברוסט, האט ער איינגעפונען פאר בעסער אונטערצוגעבען זיך, ווי צו פערפיהרען אאפענעם קאמפף, וואו דער רעזולטאט איז גאנץ צווייפעלהאפט.

— ווארט אוים יונגער מאן,—האט ער געזאגט, אנחאפענ־דיג דובאוו'ס האנד און עס פעסט געהאלטען אין זיינע ביידע

הענר,—היצט אייך ניט. אָפען געזאָגט, זענט איהר מיר אַזוי גע־פעלען געוואָרען, אַז ס׳איז מיר פשוט מאוס פאַר זיך אַליין אָב־צולאָזען אייך מיט ליידיגען. איך האָב אַ שוואַכהייט צו רוסען. ווי איך זאָל מיך ניט שטאַרקען, איז אָבער דאָס הארץ גובר... אַלזאָ, דער פּראָטעסט וועט געדרוקט זיין, וויבאַלד איהר פערלאַנגט עס אַזוי.

— אַ דאַנק,—האָט דובאָוו ארויסגעזאָגט, האָט זיך אַ כּח אָנגעָטהון ווייך צו שמייכלען אויף דעם רעדאַקטאָר׳ס שפלה׳ר חניפה.

— אָבער אָט וואָס, — האָט יענער צוגעגעבען, — לויט די צענזור־תקנות, וואָס גילטען אין דער געגענד, האָב איך קיין רעכט ניט צו דרוקען אַ בּריעף מיט עטליכע אונטערשריפטען. וואָס טהוט מען.

— דאָס וועל איך שוין איינאָרדנען,—האָט דובאָוו געענט־פערט,—אויפ׳ן פּראָטעסט וועט זיין נור איין אונטערשריפט.

אין דעמזעלבען טאָג איז דער פּראָטעסט אונטערגעשריע־בען געוואָרען נור פון סאַרינען אַליין און אויף מאָרגען איז עס געווען געדרוקט אין דער אָרטיגער צייטונג, אין דער רובּריק פון פערשיעדענע ידיעות, וואָס פלעגען זיך דרוקען מיט זעהר קליינע אותיות׳לעך און האָבען אין דער נומער פערנומען דוקא דריי גרויסע קאָלאָנעס, אום ס׳זאָל זיך ניט זעהר אין די אויגען וואַרפען.

דער קרייזעל האָט פערשבּאַנען דעם קונץ, נור מ׳האָט בע־שלאָסען צו שווייגען.

II.

אין דריי טעג ארום, נאָך דעם, ווי דער פּראָטעסט איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער אָרטיגער צייטונג, האָט סאַרין בּעקומען אַ אַנאָנימען בּריעף אויף פראַנצייזיש פון פאָלגענדען אינהאַלט:

„אַ פּערזאָן, וועלכע האָט מיטצוטיילען אַ ידיעה, וואָס איז פאַר אייך זעהר וויכטיג, בעט אייך צו קומען היינט פון 4 ביז 5 דעם זייגער אָווענדס, אין גאָרטען פון ה״ה סטרומענסקעס אויסער׳ן

שטאָדט. אָבוואַרטען אונטער דער קאָלאָניע אין דער לינדען־אַלעע, אַנטקעגען צערעראַ'ס סטאַטוע".

די האַנדשריפט איז געווען פון אַ פרוי און אַ אונבעקאַנטע.

דאָס האָט איבערראַשט דעם בערעכענטען און דעם קאַלט־בלוטיגען כארינען. אַנ'אַנדער יונגער מענש וואָלט זיך געווען ערפרעהט פון דעם בריעוועל, ווי פון אַ אומגעריכטער ליעבע־אינטריגע און וואָלט מיט אומגעדולד ערוואַרטעט די בעשטימטע שעה. סארין אָבער איז ניט געווען פון די אינטריגירער מיט פרויען, און ער האָט דעריבער ניט געגלויבט אין אומגעריכטע ליעבע־אינטריגעס און נאָך אַזעלכע אינטערעסאַנטע צופאַלען פון די פראַנצויזישע ראָמאַנען. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ איז אַ געשעפט־זאַך, און אפשר אויך זעהר אַ ערנסטע.

— געהן אָדער ניט? — האָט ער געטראַכט,—צו לויערט מען עס ניט אויף מיר? אין אַזאַ אונרוהיגער צייט, ווי ס'איז איצט, קאָן מען זיך ריכטען אויף אַלץ... אויב די פערזאָן האָט עפּיס מיטצוטיילען מיר אַ וויכטיגע ידיעה, פאַרוואָס האָט זי עס שוין ניט מיטגעטיילט אין בריעף? צו וואָס איז דאָס צוזאַמענטרעפען זיך אויסערן שטאָדט, אין אַ פערוואָרפענעם גאָרטען, וואו קיינער געהט ניט?

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער און האָט געטראַכט, וואָס צו טהון.

— פּאָמאַ! — האָט ער צוגערופען זיין בעדיענער, — טהו אַ געהע צו פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטשן און זאָג איהם, אַז איך בעט, ער זאָל שוין קומען אַהער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז געקומען פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש. סארין האָט איהם בעוויזען דעם בריעף, ר'האָט איהם אַרויסגעזאָגט, וואָס ער רעכענט וועגען דעם און געוואַרט אויף ענטפער.

— מיר דוכט,—האָט דובאָוו געזאָגט,—אַז אויב איהר האָט מורא, און אייער מורא האָט עפּיס אַ סמך, דאַרפט איהר גאָר ניט געהן.

— אָבער די וויכטיגע ידיעה? — האָט סארין געפרעגט.

— אויב די פערזאָן האָט ווירקליך מיטצוטיילען אייך

אַ װיכטיגע ידיעה, װעט זי געפינען אַ אַנדער מיטעל דערצו. זי װעט אײך אָנשרײבען.

— און אויב זי װעט ניט אָנשרײבען? נײן, פּיאָטר אַפּאַנאַסיעװיטש, איך מוז געהן, ערשטענס, אויס נײגיעריגקײט. מיר גלוסט זיך זעהר צו װיסען, װער איז עס די פּערזאָן. איך קאָן ניט סובל זײן קײן אַנאָנימע בריעף און געהײמע אונבעקאַנטע. צװײטענס, איהר מעגט אײך לאַכען, זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז איך דאַרף געהן. יאָ, דאָס האַרץ. דער שכל זאָגט—געה ניט, און דאָס האַרץ—געה. אַזאַ אומרוהיגקײט האָב איך שוין לאַנג ניט געפיהלט. איז עס דען אַ פאָרגעפיהל פון עפּעס בײזעס? נור איך װײס, אַז װען איך װעל ניט געהן, װעל איך זיך נאָך מעהר בעאונרוהיגען.

— אויב אַזוי, װען איהר װילט, װעל איך מיט אײך מיטגעהן. איך װעל זיך ערגיץ בעהאַלטען אין גאָרטען און װאַרטען אויף אַ צײכען פון אײך.

— דאָס קאָן ניט זײן.

— פאַרװאָס?

— װײל דאָס װעט אויסזעהן, װי מיר טהוען לויערן.

— װי דען זשע?

— אָט װאָס,—האָט סאַרין געזאָגט און האָט זײן האַנדאוּעקגעלעגט דובאָװ'ן אויפ'ן אַקסעל.—איך װעל צופאָהרען אַלײן. נור זעקס דעם זײגער זאָלט איהר קומען אַהער, און אויב איהר װעט מיך ניט טרעפען אין דערהײם, זאָ'ט איהר גלײך אַװעקאַהין, לויט דעם אַדרעס, אויפ'ן אָרט פון דער געשעהעניש.

ער האָט דאָס װאָרט אונטערגעשטריכען מיט אַ ביטערן שמײכעל.

— זענט איהר מסכים?

— מסכים.

אַז דובאָװ איז אַװעק, האָט סאַרין אָנגעהויבען צו צוגרײטען זיך. די הכנות זענען בעשטאַנען אין דעם אײנאָרדנען זײנע פּאַפּיערען, זײן מזומן-געלד, זײנע חובות א. ז. װ., פּונקט װי ער פאָהרט אָב ערגיץ אויף לאַנג אָדער אויף אַלע מאָל. צו װאָס טהוט ער דאָס—האָט ער אַלײן ניט געװאוסט, נור ער האָט געפיהלט, אַז ער דאַרף אַזױ טהון, און אין זײנע געפיהלען האָט

ער געגלויבּט ניט ווייניגער, ווי אין זיין שכל. ער האָט שנעל אָבּגעגעסען, ר'האָט זיך איבּערגעטהון, און פיער דעם זייגער איז ער אָבּגעפאָהרע. האַלבּ פינף איז ער שוין געזעסען אויפ'ן בּיינקעל אונטער דער קאָלאָנע, אַנטקעגען צערעראַ'ס סטאַטוע, וואָס נור די איינע איז גאַנץ געבּליעבּען פון די פיעלע מיטאָלאָגישע פיגורען, וואָס האָבּען אַמאָל בּעציערט דעם גרויסען, פּרעכטיגען גאָרטען. קיין מעהר בּעהאַלטענעם ווינקעל פאַר אַ געהיימען צוזאַמענטרעפען זיך האָט מען ניט געקאָנט צוטראַכטען.

אום צושטרויען זיך עטוואָס אין דער ערוואַרטונג, האָט סאַרין אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליינע אויסגאַבּע פון „פויסט", מיט וועלכען ער פלעגט זיך קיינמאָל כמעט ניט שיידען און פלעגט פון איהם שעפּען סקעפּטיציזם, לעבּענס־חכמה און אַ בּעזונדער רוה פאַר זיין נשמה. ער האָט גענומען לייענען, נור דאָס מאָל האָט ער אומזיסט געזועהן זיין בּלאָנקענדען געראַנק אויפצוהאַלטען אויף די בּעקאַנטע בּלעטלעך פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער און פילאָזאָף. ער האָט געלייענט מעכאַניש, אוים געוועהנהייט, ניט איינדרינגענדיג אין דעם זיין פון מעפיסטאָפעלס טייוועל־דיאַלעקטיק. ער האָט גענומען לייענען היפּענדיג, דורכבּלעטערנדיג דאָס בּיכעל און אָבּשטעלענדיג זיך דאָס אויף דעם בּלעטעל, דאָס—אויף אַנ'אַנדער'ן.

אין אַ האַלבּע שעה אַרום פון אַזאַ לאַנגווייליגען צוועקלאָזען לייענען האָט ער דערהערט פון ווייטען אַ גערויש פון טריט. ער האָט פערמאַכט דאָס בּיכעל און זיך צוגעהערט.

אויפ'ן עק לינדען־אַלעע האָט זיך בּעוויזען אַ מענשליכע פיגור, וועלכע מ'האָט ניט געקאָנט גוט אַרומקוקען איבּער די צווייגען.

סאַרין האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט פערריכט אויף די בּגדים און האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ קאָלאָנע. די פיגור איז געגאַנגען איבּער דער אַלעע צו דער קאָלאָנע צו. „הייסט עס, דאָס איז זי?" האָט סאַרין געטראַכט.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער דערזעהן פאַר זיך אַ פרויענצימער, אַ הויכע אַ שלאַנקע, אינגאַנצען אין שוואַרצען און מיט אַ געדיכטען קרעפּ־בּואַל אויפ'ן פּנים. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז די פיגור איז איהם בּעקאַנט. „צו האָבּ איך איהר ניט געזעהן

אין דעם אָווענד? — האָט ער געטראַכט, נור ווער ווייסט, אפשר איז עס אַנ׳אַנדערע?״

אַז די פיגור איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט ער אַראָבגע־צויגען דעם קאַפּעליוש און האָט זיך גענייגט. די פיגור האָט דערויף לייכט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף איהר שירם, איז זי שווייגענד אַוועק צום ביינקעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט.

סאַרין האָט אויפגעהערט צו פערשטעהן. „אפשר איז עס גאָר נים יענע פערזאָן, וואָס האָט איהם איינגעלאַדען אַהער,“ — האָט ער געטראַכט און ר׳האָט בעשלאָסען אַוועקצוגעהן פון דער קאָלאָנע.

— וואוהין געהט איהר? -- האָט איהם די אונבעקאַנטע אָבגעשטעלט?

סאַרין האָט אַ ציטער געטהון און האָט זיך אומגעקעהרט: די שטים האָט זיך איהם אָבגעגעבען אויך בעקאַנט. וואו האָט ער עס געהערט די שטים?

— האָט ער עס דען צו מיר געשריעבען? — האָט ער געפרעגט, דערנעהנטערנדיג זיך צו דער אונבעקאַנטער מיט שרעק.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט און האָט נאָך מעהר פער־שטעלט איהר פנים אין בואַל. — איך דאַנק אייך פאַר אייער פּינקטליכקייט.

— אום אויסצוהערען אַ וויכטיגע ידיעה, — האָט סאַרין בע־מערקט און האָט געגעבען אַ אָנצוהערעניש אויפ׳ן אינהאַלט פון בריעפעל, — מוז מען זיין פּינקטליך.

— זעצט אייך אַוועק און הערט, — האָט די אונבעקאַנטע געזאָגט און האָט מיט׳ן שירם אָנגעוויזען אַנ׳אָרט געגענאיבער פון דער ביינקעל, וואו זי איז געזעסען.

סאַרין האָט זיך געזעצט און האָט אַראָבגענומען דעם קאַ־פּעליוש.

— צו האָט איהר, הערר סאַרין, — האָט די אונבעקאַנטע אָנגעהויבען, — אַ טראַכט געטהון בעת איהר האָט אונטערגע־שריעבען אייער פּראָטעסט, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר איהר שטעלט זיך?

— איך טראַכט נור פון מיין פפליכט.

— אַ בערעכענטער מענש אָבער בעשטימט אפריהער געווי זיין פפליכט און זיינע מיטלען צו ערפילען עס, און וואַרפט זיך ניט אַריין אין אַ סכנה מיט צוגעמאַכטע אויגען.

— איך רעכען, אַז איך וויס מיין פפליכט און מיינע מיטלען,— האָט סאַרין בעמערקט מיט קוים אַ קענטיגען שמייכעל.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז אייער פפליכט איז צו שווימען אַנטקעגען דעם שטראָם? — האָט די אונבעקאַנטע געפרעגט שטאָלץ, כמעט גרויזאַם.

— אַלע קלוגע לייט פון אונזער פאָלק, — האָט סאַרין געענטפערט אויך שטאָלץ און גרויזאַם.

— זעהט זשע! היט אייך, אַז דער ברויזענדער שטראָם זאָל אייך אַלעמען ניט פערפלייצען! ...

— וועט עס פערפלייצען— הייסט עס, אַז מיר זענען מעהר ניט ווערטה, נור מיר דוכט, אַז מיר ווילען זיך אייך שטעלען אין האַלז. אונז יודען איז ניט אַזוי לייכט צו פערשלינגען. איהר קריסטען שלינגט אונז כסדר, און איהר האָט אונז ניט פערשלונגען, ס'איז ניט אָנגעזאָגט געוואָרען. דערשלינגען קאָן אַ שטאַרקער דעם שוואַכערן, מיר אָבער זענען גלייכע קרעפטען: איהר מיט'ן קוואַנטום, מיר מיט'ן קוואַליטעט. איהר זענט עס ניט מודה, נור וואָס אַרט עס אונז? מיט דערצייט אפשר וועט איהר עס מודה זיין.

אַ ווייַלע האָט מען געשוויגען, די אונבעקאַנטע האָט די צייט געקוקט אין איין ווינקעל, און סאַרין אין אַ צווייטען.

— הערט זשע, הערר סאַרין, — האָט די אונבעקאַנטע אָנגעהויבען, — איך האָב אייך אַדויסגערופען אַהער ניט צו פיהרען ויכוחים. אין דיאַלעקטיק בין איך שוואַך. איך בין געקומען אָנצוזאָגען אייך, אַז פאַר אייער פראָטעסט אין דער אָרטיגער צייטונג האָט מען אייך פעראורטיילט.

— ווער?

— פערזאָנען, וועלכע ווערען קאָנען מקיים זיין זייער פסק־דין.

— האָט מען מיך פעראורטיילט? — האָט סאַרין צערשטרויט אָנגעקוקט די אונבעקאַנטע.

— צום בעדויערן, יאָ,—האָט זי געענטפערט מיט אַ שטילען זיפץ. — אייער נאָמען איז שוין אַריין אין רויטען רייסטער.

— וואָס בעדייט דער רויטער רייסטער?

— טויט.

— און או׳ב איך וועל אייך זאָגען, אז איך שרעק מיך נישט פאַר׳ן טויט, אַז דאָס לעבען איז בּיי מיר ניט טייער, אז עס איז מיר נמאס געוואָרען.

— דאָס איז אונמעגליך! איהר זענט יונג, איהר ווילט לעבען, און דאַרפט לעבען, און דעריבּער...

— און דעריבּער — איז וואָס? — האָט סאָרין איבּערגע-ריסען.

— און דעריבּער ראטה איך אייך איינס פון די בּיידע: אָדער אומענדערן אייער אַרט טעטיגקייט, אָדער פערלאָזען די שטאָדט, די געגענד.

— איך וועל ניט פערלאָזען ניט די שטאָדט און ניט די געגענד.

— אויב אַזוי, זענט איהר פערפאַלען. איהר וועט זיין איי-נער פון די ערשטע קרבּנות אויפ׳ן מזבּח פונ׳ם פאָטערלאַנד. דאָס איז בּעשלאָסען, בּעשלאָסען בּמעט איינשטימיג. אַלע זענען אויפ-געבּראַכט געגען אייך. אויף אייך קוקט מען זעהר שטאַרק. יעדער שריט אייערער איז בּעוואוסט... איך דאַרף עס ניט זאָגען, נור איך קאָן זיך ניט אויפהאַלטען. מיר טהוט זעהר און זעהר לייד אויף אייך. איהר ווייסט מיך ניט, אָבּער איך ווייס אייך און... שעץ, חאָטש איך דאַרף אייך האסען, ווי אַ שונא פון מיין פאָטער-לאַנד.

— איך בּין ניט קיין שונא פון אייער פאָטערלאַנד, איך בּין נור אַ פריינד פון מיין פאָלק.

— דאָס איז גאַנץ גליך, איהר פיהרט זיך אויף, ווי אַ שונא, און דעריבּער וועט מען זיך מיט אייך בּענעהן, ווי מיט אַ שונא. אָה, זענט בּערעכענט. בּרענגט זיך ניט אום, לעבּט, איך בּעט אייך זעהר...

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך דערנעהנטערט צו סאָרינען און האָט אָבּגעצויגען די בואל. נור ווי ער האָט אַ קוק געטהון דער אונבּעקאַנטער אין פּנים אַריין, איז ער פּלוצלונג אויפגע-שפּרונגען פון זיין אָרט, איז בּלאַס געוואָרען, ר׳האָט זיך אַ שאָקעל געגעבּען און איז שיער ניט געפאַלען.

— וואָס איז מיט אייך, העדר סאָרין? — האָט זי געפרעגט

ערשראָקען, — איהר זענט אַזוי בלאַס געוואָרען איז אייך ניט גוט געוואָרען?

ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, נור מיט ערשראָקענע אויגען האָט ער אַלץ געקוקט אויף דאָס מיידעל.

— איהר האָט זיך פאַר מיר ערשראָקען? — האָט זי גע= פרעגט צומישט.

— יאָ... ניין, — האָט סאַרין געשטאַמעלט און האָט קוים געעטעמט, — ענטשולדיגט. דאָס וועט באַלד דורכגעהן... איך בין זעהר נערוועז... אייער געשטאַלט האָט אויפגעוועקט אין מיין זכרון אַנ'אַלטע ערינערונג, אָן וועלכע איך האָב שוין אָנגעהויבען צו פערגעסען.

— איז די ערינערונג אַזוי שרעקליך?

— עס איז אי שרעקליך, אי אָנגענעהם. נור מיר וועלען אָנהויבען ווידער וועגען אונזער ענין, איך קאָן שוין הערן ווייטער.

— איך וועל אָבער ניט אָנהויבען, וואו איהר וועט מיר ניט ערקלערן די סבה פון אייער פלוצלונגער שרעק? אַניט, וועל איך רעכענען, אַז מיין פנים האָט אייך אַזוי אָנגעשראָקען. צו דען בין איך אַזוי שרעקליך?

— אַזאַ עהנליכקייט! אַזאַ אונגעהויערע עהנליכקייט! — האָט סאַרין אַרויסגעזאָגט פאַר זיך, ווי אָבגענטפערענדיג אויף דער פראַגע. — אין איבריגענס, ווער ווייסט, אפשר... הערט נור, פריילין, — האָט ער אָנגעהויבען פעסט און ענטשלאָסען, — אין 1854 יאָהר זענט איהר געוועזען אין דער שטאָדט ג.?

— איך האָב דאָרט צוגאַסט פערבראַכט אַ ווינטער צייט.

— און אין טעאַטער פלעגט איהר אַריינקומען?

— פערשטעהט זיך.

— געדענקט איהר דעם ספעקטאַקל פון דער דראַמאַ „דוך מאַטקי ראָדו דאָבראָטינסקיך".

— בעת דער פאָרהאַנג האָט זיך אָנגעצונדען? כ'געדענק.

— געדענקט איהר די חתונה פון פאַן גאַלעמב קאָקסאַוועריו?

— איך בין דאָרט געוועזען.

— געדענקט איהר דעם פּאָלאָניעז אין פוילישע נאַציאָנאַ= לע קאָסטיומען.

— געווים. איך בין געווען אין דער ערשטער פּאָר צוואַ-מען מיט'ן אַלטען מאַרשאַלאָק.

— אַלזאָ, זענט איהר פּאַנאַ יוליאַ קרוטיצקאַיאַ?

— פון וואַנען קענט אַיהר מיך? — האָט פּאַנאַ יוליאַ גע-פרעגט אַ פערוואונדערטע.

— פון וואַנען קען איך אייך? — האָט סאַרין איבערגע-פרעגט מיט אַ ביטערן שמייכעל, — אָה, ווען איהר זאָלט ויסען, וויפיעל געזונד, וויפיעל שלאָפלאָזע נעכט איהר האָט מיך געקאָסט און... איהר קאָסט מיך נאָך איצט, וואָלט איהר מיר ניט גע-שטעלט אַזאַ פראַגע.

ער האָט שווער אָבגעזיפצט, ר'האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן ביינקעל און האָט צוגעגעבען:

— אין קורצען וועל איך אייך זאָגען, ערלויכטעסטע פּאַ-ני, — פון יענעם אָווענד אָן, ווען איך האָב אייך דערזעהן דאָס ערשטע מאָל, האָב איך זיך צושיידט מיט מיין רוה אויף אייביג. איך פיהל, אַז אויף אייביג.

פּאַנאַ יוליאַ איז רויט געוואָרען און האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען.

— הייסט עס, אַז מיר זענען מיט אייך אַלטע בעקאַנטע, — האָט זי געוואָלט אָנפיהרען דעם געשפּרעך אויף אַנדערש.

— יאָ, ערלויכטענסטע פּאַני, אַלטע, זעהר אַלטע. האָטש אונזער קענטשאַפט איז איינגאַנצען נור פון 8 יאָהר, נור מיר דוכט זיך, אַז אין דער צייט האָב איך אָבגעלעבט ניט אַכט, נור אַכציג יאָהר, און מיר האָט שוין דאָס לעבען דערווידערט. מיין האַרץ האָט איבערגעבּרענט, איז אייסגעטריקענט, געוואָרען צו אַש. אַז קאָן דען אַנגענעהם זיין דאָס לעבען אָהן אַ האַרץ?... נור ניט דאָס מיין איך. איהר האָט געוואָלט וויסען די סבה דערפון, וואָס איך האָב זיך פּלוצלונג אַזוי דערשראָקען, ווען איך האָב דערזעהן אייער פּנים? כ'וועל אייך ערקלערן. נאָך מאַסלעניצע פון יענעם ווינ-טער האָב איך אייך אויפגעהערט צו בּעגעגנען. איך האָב אייך געזוכט אין קאָסטיאָלען, אויף קאָנצערטען, אין די הייזער, וואוהין איהר פלעגט פריהער אַריינקומען — איהר זענט ניטאָ און ניטאָ.

— איך בין אָבגעפאָהרען קיין וואַרשוי.

— אַ טיעפער טרויער האָט זיך אויף מיר אָנגעצויגען. איך

האָב געפיהלט, אַז ס'פעהלט מיר עפּיס, און אָהן דעם איז מיר אונמעגליך צו לעבען, איבעלדיג. ס'איז פאַר מיר אַ נויטווענדיגקייט געוואָרען צו זעהן אײַך חאָטש איין מאָל אין וואָך פון דער ווייטען, פאַרבייגעהענדיג. איך האָב אָנגעוואָהרען דעם חשק צו אַרבייט, איך האָב געוואָרפען מיינע בעשעפטיגונגען, וואָס האָבען מיך פריהער אַזוי אינטערעסירט. טעג גאַנצע פלעג איך אַרומבלאָנקען איבער שטאָדט און אויסערן שטאָדט, און די נעכט פלעג איך אָבזיצען ביי אַ בוך, וועלכען איך פלעג ניט לייענען. איך פלעג עס מעכאַניש בלעטערן, פאַר די אויגען פלעגען פינטלען די שורות, וואָס אָבער עס איז דאָ אין די בלעטלאַך און אין די שורות — דאָס האָב איך ניט געוואוסט און ס'האָט זיך מיר ניט געלוסט צו וויסען. מ'פלעגט מיך ניט דערקענען, ווייל איך בין גיעכער עהנליך געווען אויף אַ בר-מינן, ווי אויף אַ לעבעדיגען מענשען. אַזוי האָב איך זיך געפּייניגט צוויי יאָהר צייט.

— צוויי יאָהר — האָט פאַנאַ יוליאַ אויסגעשריען פערוואונדערט. — דאָס איז שרעקליך.

— אויפ'ן דריטען יאָהר האָב איך זיך אָנגעהויבען צו בעסערן. איך האָב דערפיהלט עטוואָס אַ בעגעהר צום לעבען און צו אַרבייט, חאָטש דער געדאַנק, וואָס האָט מיך געפּייניגט, האָט מיך אויף אַ ווײַלע ניט אָבגעלאָזט. אַמאָל אין אַ פריהמאָרגען, ווען איך בין אַריינגעקומען צו אַ נייעם פאָטאָגראַף, וואָס איז אַריינגעפאָהרען צו אונז אין שטאָדט, איך האָב געוואָלט קויפען אַ פּאָר בילדער פאַר מיין קאָלעקציע פאָרטרעטען פון די איראָפּעאישע געריהמטע פּערזאָנען, — האָב איך, דורכבלעטערנדיג די אַלבאָמען אויפ'ן טיש, פּלוצלונג אײַך דערזען, ד. ה. אײַער בילד! איך בין שיער פון זינען ניט אַראָב פאַר פרייד. — „וואו האָט איהר עס פאָטאָגראַפירט?" — פרעג איך ביי דעם פאָטאָגראַף, — „אין וואַרשוי" — ענטפערט ער, — „איהר קענט די פּערזאָן?" — „איך האָב איהר געקענט." — „וואָס הייסט, איהר האָט געקענט?" — פרעג איך. — „דאָס הייסט — ענטפער ער, — אַז זי איז געשטאָרבען". — „ס'קאָן ניט זיין!" — האָב איך אויסגעשריען און כ'האָב מיך שיער ניט אָנגעוואָרפען אויף איהם. — „איך בין אַליין געווען אויף איהר לויה" — ענטפערט ער.

— משונה-מאָדנע—האָט פאַנאַ יוליאַ בעמערקט.—כ'האָב

זיך ווירקליך פאָטאָגראַפירט אין וואַרשוי. דער פאָטאָגראַף האָט אַ פּנים אַ שפּאַס געמאַכט אָדער ער האָט אַ ליעגען געזאָגט. נור צו וואָס?

— ווער ווייסט. איך בין פון איהם אַוועק אונענדליך פערצווייפעלט. מיר האָט זיך געוואָלט וויינען... אויפ'ן גאַס האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף אַ הייפעל ליידיג־געהער, וואָס האָבען זיך צוגעקוקט אין די פענסטער פון אַ אכסניא. איך פרעג וואָס איז עס, ענטפערט מען מיר, אַז אין דעם הויז האָט זיך אָבגעשטעלט אַ קאַווקאַזער פירסטין אַ טרעפעריןֿ, וואָס ווייסט די פערגאַנגענהייט פון אַ מענשען און זאָגט פאָראויס די צוקונפט. מ'דאַרף זעהן, וואָס איז עס,—קלעהר איך.

— זענט איהר, הייסט עס, אַבערגלויביש? — האָט פאַנאַ יוליאַ געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— אויב דאָס גלויבען אין די געהיימע קרעפטען פון דער נאַטור הייסט אַבערגלויבעריי, בין איך אַבערגלויבעריש,—האָט סאַרין געענטפערט ערנסט.—אויב די קרעפטען וועלען זען ס'איז ערפאָרשט און ערקלערט ווערען, וועט פיעל פון דעם, וואָס איז איצט געשטעמפּעלט מיט'ן נאָמען אַבערגלויבעריי, בעקומען דאָן דיעם נאָמען פון דער וויסענשאַפט. איך גלויב אין נבואה, ווי אין די געזעצען פון עלעקטריציטעט. איהר האַלט עס פאַר לעכערליך?

— אַלענפאַלס, משונה'דיג, — האָט פאַנאַ יוליאַ אויסגעטייטשט איהר שמייכעל.

— איך וועל ניט דיספּוטירען, און כ'וועל דערצעהלען ווייטער. איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ געזעלשאַפט פון עטליכע „גאָרצעס”, וואָס זענען געזעסען אויף דער פּאָדלאָגע אויף טעפּיכער און האָבען געדרייכערט לולקעס. אין צימער איז אַזאַ רויך געווען, אַז ערשט אין עטליכע מינוט אַרום האָב איך אין דער גרופּע בעמערקט אַ פרויענצימער, וואָס איז אויך אויף דער פּאָדלאָגע געלעגען אויף רויטע קישענס — אַ יונגע פרוי בלענדענד וויים, ווי שניי. „דאָס איז די טרעפעריןֿ?” — האָב איך געפרעגט. די גאָרצעס האָבען אָנגעהויבען צו האַלדערן אויף זייערס, אָנווייזענדיג מיט די ציבוקעס אויף דער פרוי. די לעצטע האָט מיך צרומגעקוקט פון קאָפּ ביז די פּיס מיט אַ שנעלען, דורכדרינגענדען, פרעסער־בליק און האָט מיך געפרעגט אויף פראַנצויזיש.

זי האָט פון אונטער'ן קישען אַרויסגענומען אַ טאַש קאָרטען און האָט זיי גענומען אויסלעגען אויפ'ן בײַנקעל, ניט אַראָבנעהמענדיג קיין אויג פון מיר. איך בין געווען זעהר אונצופריעדען, וואָס אַנשטאָדט אַ טרעפעריין, האָב איך דאָ צו טהון מיט אַ געוועהנליכער קאָרטען־וואַרפערקע, נור ס'איז שוין פערפאַלען און איך האָב געמוזט אויס־הערן איהר טרעפעריי, אַז איך האָב בעקימען אַ ידיעה וועגען דעם טויט פון מיינער אַ טייערער פערזאָן און די ידיעה איז אַ ריכטיגע.

— די טרעפעריי, האָט פאַנאַ יוליאַ בעמערקט, איז געווען דייטליך אָנגעשריעבען בײַ אײַך אויפ'ן פנים, און דערפאַר האָט עס די טשערקעסין אַזוי לייכט איבערגעלייענט.

— איך האָב עס געוואוסט, אָבער אין דעם אויפגערעגטען צושטאַנד, ווי איך בין דאַן געווען, האָב איך אין איהרע רייד גע־מוזט אַיינזעהן אַ בעשטעטיגונג צו די ווערטער פון פאָטאָגראַף. אַזוי האָב איך אײַך גערעכענט פאַר געשטאָרבען. מיט דעם גע־דאַנק האָב איך מיך אַיינגעוועהנט שוין פינף יאָהר צייט. אָט פאַר וואָס איך האָב זיך דערשראָקען, ווען איך האָב דערזעהן אײַער גוט בעקאַנטען פנים.

— איצט אָבער, הערר סאַרין, שרעקט איהר זיך שוין ניט פאַר מיר? — האָט פאַנאַ יוליאַ געפרעגט מיט אַ בעצויבערנדען שמייכעל

— איך שרעק זיך נישט, — האָט סאַרין געענטפערט מיט אַ לייכטען זיפץ. — אָבער איך שעלט דאָס גורל, וואָס האָט אונז ווידער צוזאַמענגעפיהרט. צו וואָס?

— אפשר, אום צו ראַטעווען אײַך דאָס לעבען?

— איהר ווייסט דאָך אָבער, אַז מיין אַרט טעטיגקייט וועל איך ניט אומענדערן און די גענענד וועל איך ניט פערלאָזען, אַלזאָ — וועט איהר מיר דאָס לעבען ניט ראַטעווען. און, אָפען גערעדט, חאָטש דאָס לעבען איז מיר צולאַסט, פונדעסטוועגען וואָלט זיך מיר וועלען לעבען נאָך עטליכע יאָהר, צו פערענדיגען דעם ענין, וואָס מיר האָבען אָנגעפאַנגען, און ווי מיר דוכט, איז פון דעם געווענדט דאָס גורל פון אונזער גאַנצען פאָלק. יאָ, ער־לויכטענסטע פאַני, איך דאַרף נאָך לעבען עטליכע יאָהר.

— וועט איהר לעבען, האָט יוליאַ געזאָגט פעסט און זיכער.

— מיט וואָס קאָנט איהר עס מיר גאַראַנטירען?

— אָט דערמיט! — האָט פאַנאַ יוליאַ געזאָגט און האָט

פון איהר טאַש אַרויסגענומען אַ צונויפגעלעגטען פּאַפּיער און האָט עס איבערגעגעבען סאַרינען.

— וואָס איז עס אַזוינס? — האָט ער געפרעגט און האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט דאָס מיידעל.

— List zelazny, — האָט פּאַנאַ יוליאַ פייערליך געענטפערט. — דעם פּאַפּיער זאָלט איהר שטענדיג האַלטען ביי זיך. אין דער שטורמדיגער צייט, וואָס מיר לעבען איבער, וועט דאָס אייך בעשיצען בעסער פון בעוואָפענטע שומרים. ביי דעם פּאַפּיער איז אייער פערזאָן אונבעריהרט. די האַנד פון אַ מערדער וועט אייך ניט אָנריהרען. אַלזאָ, ניט שעלטען, נור בענשען דאַרפט איהר דאָס גורל פאַר אונזער בעגעגעניש. אָהן דער בעגעגעניש איז אייער לעבען אויף אַ האָאַר געהאַנגען, און איך וויל עס ניט.

— פאַר וואָס? מיט וואָס האָב איך פערדיענט אַזאַ גוטע אויפמערקזאַמקייט פון אייך?

— דערפאַר, — האָט פּאַנאַ יוליאַ דורכגעזייט און האָט איהר פּנים מיט'ן בואל בעדעקט, — דערפאַר... וואָס איך האָב אייך ליעב...

— אָה!... האָט סאַרין אויסגעשריען, איז געפאַלען אויף די קניה און איז געבליעבען אַ ווייל פער'חלשט.

אַז ער האָט ערוואַכט, איז שוין די פּאַנאַ יוליאַ ניט געווען ניט אונטער'ן קאַלאַנע, ניט אין גאָרטען.

— וואו איז זי? — האָט ער זיך געפרעגט און האָט איהר געזוכט מיט די אויגען. — צו דען איז עס געווען אַ חלום? ניין, ניט קיין חלום, נור אויפ'ן וואָהר!

ווי משוגע איז ער אַרויסגעלאָפען פון גאָרטען און איז אַ־וויפּגעשפּרונגען אויפ'ן פוהרל, וואָס האָט איהם ערוואַרטעט.

— געפאָהרען! — האָט ער אויסגעשריען משוגה'דיג.

— וואוהין?

— רעכטס! האָט ער אַ געשריי געטהון נאָך ווילדער, האָטש ער האָט בעדאַרפט הייסען: לינקס, ד. ה. אין שטאָדט אַריין. דער פוהרמאַן איז אַרויסגעפאָהרען אויסערן שטאָדט.

III.

אזוי ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, איז פּיאָטר אַפאַנאַסיע־וויטש זעקס דעם זייגער אין אָוונט אריינגעגאנגען צו סארינען. ניט געפינענדיג איהם צו הויזע, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיך אַהיים, האָט מיטגענומען זיין טאַשען־רעוואָלווער און איז אוועק־געפלויגען אויפ'ן אָרט, וואו סארין האָט געהאַט די בעגעגעניש. אונטער דער קאָלאָנע האָט ער קיינעם ניט געטראָפען, איז ער דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען גאָרטען, האָט אַרומגעזוכט אַלע קוס־טעס, היילען און בּיידלעך, האָט אויסגעשנישטערט די אָראַנזשעריי, האָט אַריינגעקוקט אין שווייצער־שטיבעל און האָט קיין שום חשד ניט געפונען, איז ער אַוועק צוריק אין שטאָדט, רעכענענדיג, אַז סארין איז שוין איצט אין דער־היים. נור סאָרין איז נאָך ניט געווען אין דער־היים.

פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש האָט זיך פערטראַכט.

— צו דען האָט ער פערגעסען, וואָס מיר האָבען אָפּגע־רעדט? — האָט ער זיך געפרעגט און האָט איטליכע ווײלע גע־קוקט אויפ'ן זייגער.

ס'איז שוין געווען האַלב אַכט דעם זייגער. דער הימעל האָט זיך בעדעקט מיט שוואַרצע וואָלקענס. פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש איז אַוועקגעפאָהרען צו זוכען סארינען ביי בעקאַנטע. ער האָט זיך ערקונדיגט ביי קראַנצ'ן, ביי מאַזירסקי'ן און נאָך אין צוויי־דריי הייזער: קיינער האָט סארינען ניט געזעהן.

פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש איז געוואָרען אומרוהיג.

— צו איז ער ניט ביי אַראָנסאָנ'ס? — האָט ער אַ טראַכט געטהון, וויסענדיג, אַז סארין בעזוכט אָפט אַ דאָס הויז. און חאָטש ס'איז שוין געווען שפּעט, איז ער אַריין צו אַראָנסאָנס.

פרײלין סאָפיע איז בלאַס געוואָרען, דערוויסענדיג זיך, אַז פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש זוכט שוין פון עטליכע שעה זיין פריינד. פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש האָט גראָד בעמערקט, ווי פרײלין סאָפיע האָט זיך אומגעענדערט אין פּנים.

— איהר ווייסט עפּעס וועגען סאָרינען? האָט ער גע‎פרעגט און האָט זיך איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין דאָס בלאַסע, ציטערנדע מיידעל.

— נ—ניין, — האָט זי געענטפערט, קוים אָפּעטעמענדיג.

— איך גלויב אײַך ניט, — האָט ער כמעט אויסגעשריען היצינג.

פרייליין סאָפיע האָט געשווינגען און זיך בעמיהט ניט צוקוקען אויף דובאָװ׳ן.

— הערט נור, — האָט ער אָנגעהויבען עטװאָס װייבער,— איהר זענט סארינען אַ גוטער־פריינד, אָדער ניין?

— און איהר? — האָט זי געפרעגט, אויסשטעלענדיג אויף דובאָװ׳ן בעטענדע אויגען.

— איך בין איהם ניט קיין פריינד, נור אַ ברודער. איך װאָלט דאָס לעבען אָבגעגעבען פאַר איהם.

— אויב אזוי, דאַרפט איהר װיסען אַלץ, װאָס מיר איז בעװאוסט... דאָס הייסט, אייגענטליך, װיים איך גאָר נישט, נור איך בין משער...

— ס׳איז אַלץ איינס, — האָט דובאָװ געזאָגט, — זאָגט מיר אויס אײַערע השערות, אפשר װעלען מיר דאַן דערגעהן דעם עצם־ענין.

פרייליין סאָפיע האָט אַ װיילע געװאַקעלט אונבעשלאָסען, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען:

— אַלזאָ... נור הערר דובאָװ, איהר גיט מיר אַ עהרען־װאָרט, אַז איהר װעט מיך ניט איבערגעבען.

— װעמען?

— װעמען ס׳איז.

— מיין עהרען־װאָרט!—האָט ער איהר דערלאַנגט זיין האַנד

— איך דאַנק אײַך און גלויב, אַז איהר װעט האַלטען דאָס װאָרט. — האָט זי געזאָגט, דריקענדיג די אויסגעשטרעקטע האַנד.— די זאַך איז אַזוי: איינע אַ פּערזאָן, װאָס שטעהט נאָהנט צו ד׳ פּוילישע טהוער, האָט די טעג זיך אַרויסגערעדט פאַר מיר, אַז אין גיעבען װעט סארין אויפהערען צו זיין שעדליך פאַר דעם פּוילי־שען ענין.

— װער איז די פּערזאָן?

— איך קאָן עס ניט זאָגען.

— מעהר האָט זי אײַך גאָרנישט געזאָגט?

— ניין, נור איך האָב מורא...

— איך האָב אויך מורא, — האָט דובאָװ שנעל איבערגע־

ריסען און איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, — אַדיע, פריילין אַראָנסאָן!

— וואוהין איז עס? — האָט פריילין סאָפיע געפרעגט. אָנהאַפענדיג דובאָוו׳ן פאַר׳ן האַנד און אַליין האָט זי אינגאַנצען געציטערט.

— האַלט מיך ניט אָב! — איצט טאָר מען ניט פערליערען קיין איין מינוט. אויב סאַרין וועט ביז האַלבע נאַכט ניט זיין אין דער־היים, איז ער... ביים זשאַנד אין די נעגעל!

— גאָט מיינער! — האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען און איז געפאַלען אין אונמאַכט.

דובאָוו איז אַזוי פערנומען געווען מיט׳ן געדאַנק וועגען דער געפאַהר פאַר סאַרינען, אַז ער האָט זאָגאַר ניט בעמערקט, וואָס פריילין סאָפיע האָט גע׳חלשט. ער האָט איהר נאָך אַמאָל געזאָגט: אַדיע, איז שנעל אַרויס פון שטוב, איז אַרויפגעשפרונגען אויף׳ן פוהרל און געהייסען דעם פוהרמאַן צו יאָגען מיט אַלע קרעפטען.

פון מינוט צו מינוט איז דובאָוו אַלץ אומרוהיגער געוואָרען: נאָך דעם, וואָס פריילין סאָפיע האָט איהם אַרויסגעזאָגט, האָט ער אָנגעהויבען אַלץ מעהר צוגלויבען אין דעם, אַז סאַרין איז אַריינגעפאַלען אין אַ נעץ, און די לעצטע צייט ווערען אַלץ אָפטער די פעלען, וואָס מענשען ווערען פערשוואונדען און מ׳ווייסט ניט וואו און ווי אַזוי. אַלע האָבען גערעכענט, אַז די צופאַלען האָבען אַ שייכות צו דער טעטיגקייט פון דעם אַזוי גערופענעם זשאַנד, אָבער ווער איז דער זשאַנד און וואו איז ער — האָט קיינער ניט געוואוסט. מ׳האָט נור געוואוסט, אַז מ׳דאַרף מורא האָבען פאַר דער געהיימער און שרעקליכער קראַפט, וואָס עקזיסטירט אָהן שום צווייפעל. דובאָוו׳ן האָט עס אויפגערעגט.

ער איז לאַנג אַרומגעפאָהרען איבער שטאָדט אָהן אַ ציעל, אָהן אַ פלאַן, אָבשטעלענדיג זיך אַמאָל ביי דער פאָליציי־פערוואַלטונג און אַמאָל ביי דער קוואַרטיר פון זיין נאַטשאַלניק, מיט דער כונה מיטצוטיילען וועגען דעם צופאַל, וואָס איז איהם בעוואוסט געוואָרען. נור יעדעס מאָל פלעגט זיך איהם דוכטען, אַז ס׳איז נאָך צופריה צו מעלדען וועגען דעם: ר׳האָט נאָך ניט פערלאָרען די האָפנונג, אַז סאַרין וועט נאָך צוריקקומען.

ס׳איז געווען אַ שלאַקס־רעגען. ס׳איז שוין געווען ניין דער

זייגער, ווען דובאָוו איז אַראָב פון פוהר'ל און איז אַריין צו סאַ־רינען אין קוואַרטיר, אָבצוזיצען דאָרט ביז האַלבער נאַכט, און אויב אויך דאַן וועט סאַרין נאָך ניט צוריקקומען, וועט ער דאַן אויפרודערן די גאַנצע פּאָליציי, די גאַנצע אַדמיניסטראַציע, וואָס „דאַרף דאָך ענדליך וויזען פאַר אַלעמען, אַז זי איז אין דער געגענד די בעל־הבית'טע, און ניט יענע מערדער; אַ ניט — איז עס שדים וויסען וואָס!"

ער האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם סורדוט, וואָס איז אויף איהם דורכגענעצט געוואָרען, און האָט זיך געלעגט אויפ'ן סאָפקע אָבצורוהען. נור די אויפרעגענדע געדאַנקען און געפיהלען האָבען איהם איין מינוט צורוה ניט געלאָזט. ער איז אויפגעשטאַ־נען און איז אַוועק איבער'ן צימער הין און צוריק, אַרומקלעהרענ־דיג, וואָס זאָל ער טהון, אויב סאַרין וועט זיך ניט אומקעהרען צו האַלבער נאַכט.

אין אַ פיערטיל שעה אַרום האָט ער זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש, האָט גענומען אַ בויגען פּאַפּיער און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אַ מיטטיילונגט וועגען דער געשעהעניש מיט אַלע פּרטים, וועלכע זענען איהם בעוואוסט געווען. ער האָט געשריע־בען און פערמעקט אין האָט ווידער אָנגעפאַנגען, אײנגעפינענדיג, אַז דאָס אָנגעשריעבענע איז אָדער צוטרוקען אָדער צו חוצפּא'דיג. צולעצט האָט ער געחאַפּט דעם פאַסענדען טאָן און האָט שוין געשריעבען פליעסענד, גיעך, ניט געמעקט, ר'האָט אָנגעשריעבען איין בויגען און האָט זיך גענומען פאַר'ן צווייטען. ר'איז אַזוי פערטיעפט געווען אין זיין אַרבייט, אַז ער האָט ניט געהערט, ווי פאָמאַ איז אַריינגעפלויגען אין צימער און האָט זיך אָבגעשטעלט אין טהיר.

— וואַשע בלאַהאָראָדיע, — האָט דער אַלטער דיענער זיך ענטשלאָסען אויפצוועקען פיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש'ן, וואָס איז געווען אָנגעבויגען איבער'ן פּאַפּיער.

— ווער איז עס דאָ? — האָט ער זיך שנעל אַ קעהר גע־טהון צום טהיר.

— דער הערר איז געקומען, — האָט פאָמאַ געזאָגט שעפּ־צענדיג כמעט.

— וואו איז ער? — פיאָטר אַפאַנאַסעוויטש איז אויפגע־שפּרונגען פון אָרט און איז אַרויסגעלאָפען פון קאַבינעט.

— אויף די טרעפּ, וואַשע בלאַהאָראָדיע, ער בעצאָהלט דעם פוהרמאַן.

אין אַ מינוט אַרום האָט פיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש אַרומגע־האַלזט סאַרינען, וואָס איז געווען צוטראָגען און צונעצט.

— וואו זענט איהר עס פערפאַלען געוואָרען? פון וואַנען קומט איהר? צו זענט איהר גאַנץ און געזונד?

— איך בין גאַנץ און געזונד, — האָט סאַרין געענטפערט און האָט אַראָבגעצויגען פון זיך די נאַסע בגדים. — איך וועל אייך אַלץ דערצעהלען... פאָמאַ, געהם עס אַוועק אַלצדינג!... נו, זעה אָקאָרשט! פאָמאַ, דעם חאַלאַט און די טופליעס! איך האָב ערשט דאָ ניט לאַנג בעמערקט, אַז ס'גיסט אַ רעגען...

— פוי, ווי איך בין מיעד! — האָט סאַרין אַרויסגעזאָגט און האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן קאַנאַפּע שוין אין חאַלאַט און אין טופליעס. — לאָזט מיך אַ ווײַלע אָפּרוהען, און דערנאָך וועל איך אייך דערצעהלען, זעצט זיך אַניעדער אָט דאָ. פאָמאַ, אַ סאַמאָ־וואַר און אַ פלאַש ראָם!

— גוט.

— מיך פיעבערט, פון פונש וועט עס אפשר דורכגעהן. ווי מיינט איהר, פיאָטאָר אַפאַנאַסיעוויטש?

— איך מיין אויך אַזוי.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען, סאַרין האָט זיך בעמיהט אײַנ־צורימלען עטוואָס, און דובאָוו האָט קיין אויג ניט אַראָבגענומען פון זיין בלאַסען, צורורערטען פנים: דאָס ערשטע מאָל האָט ער איהם געזעהן אַזוי אויפגערעגט און ער האָט קיין געדולד ניט גע־האַט אָפּצעוואַרטען, ביז ער וועט דערגעהן די סיבה דערפון.

— שטעלט אייך פאָר, פיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש, — האָט סאַרין אָנגעהויבען מיט אַמאָל און האָט אויפגעעפענט די אויגען,— מיין פאָרגעפיהל איז דאָך מקוים געוואָרען.

— וואָס הייסט? — האָט דובאָוו געפרעגט ערשטוינט.

— דאָס איז דאָך געווען זי!

— ווער איז עס אַזוינס?

— אַך, ענטשולדיגט. איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איהר

וויסט ניט פון גאָרנישט. איך האָב אײך נאָך גאָר נישט דערציילט?
— גאָרנישט.
— איז הערט אויס.

און ער האָט אָנגעהויבען צו דערציילען, ווער איז עס די זי, ווען, ווי אַזוי און וואו ער האָט זיך בעקענט מיט איהר, ער האָט דערציילט פון זיינע ליידען און פון זיין לעצטער בעגעגעניש מיט איהר. און דערציילט האָט ער לעבעדיג, אָנציהענד, האָט אנאַליזירט זיינע געפיהלען, ווי אַ פּסיכאָלאָג און קענער אין דעם ענין־ליעבע. און דובאָוו האָט איהם אויסגעהערט מיט אָנגעשטרענג־טער אויפמערקזאַמקייט.

— דעם אמת זאָגענדיג, — האָט דער לעצטער בעמערקט, ווען סאַרין האָט געענדיגט צו דערציילען, — האָב איך אייך גאָר ניט גערעכענט פאַר פעהיג צו אַזאַ התפעלות'דיגער ליעבע; איהר זענט דאָך אַזאַ אַבגעמאָסטענער, אַ בערעכענטער, אַ פלעג־מאַטישער.

— ניין, פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש, — האָט סאַרין אָבגע־ענטפערט, אַברוקענדיג פון זיך דעם אויסגעטרונקענעם גלאָז פונש און האָט פערוויבערט אַ פּאַפּיראָס,— איך בין נישט קיין פלעגמאַ־טיק, נור אַ קאָנצערטרירטער מענש. מיין לאַגע אלס יוד האָט מיך צוגעוועהנט צו האַלטען מיינע געפיהלען אויפ'ן שנירעל, אַרויס־ווייזען זיך אַפּאַטיש דאָן, ווען אין דער נשמה ברענגט אַ גיהינום. נור ניט דאָס מיין איך. ווענען וואָס האָבען מיר איצט גערעדט?— האָט סאַרין געפרעגט און האָט זיך דעם שטערן געריבען.

— ווענען אייער התפעלות'דיגער ליעבע.

— אָך, יאָ. די פראַגע איז איצט אין דעם: וואָס זאָל איך טהון? ווען איהר גלויבען, פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש, איך בין כמעט ניט צופריעדען מיט דער בעגעגעניש. דאָס, וואָס זי האָט זיך מודה געווען אין איהר געפיהל, האָט מיך ניט אַזוי דערפרעהט, ווי איבערראַשט. איך קאָן ניט און טאָר ניט איבערגעבען זיך דער ליעבע. איך קאָן ניט, ווייל פון דער לאַנגער בענקשאַפט האָט מיין האַרץ איבערגעברענט, איז געוואָרען צו אַש, איז אָבגעשטאָר־בען; איך טאָר ניט—ווייל מיינע פפליכטען ווייזען מיר אָן אַ וועג, אַקוראַט געגען איבער דעם וועג, אויף וועלכען ס'געהט פּאַנאַ יוליא. אונזערע איבערצייגונגען און שטרעבונגען טיילען אונז פונאַנ־

דער אויף אייביג. קיין פשרה צווישען אונז איז ניט מעגליך. ניט זי און ניט איך וועלען ניט געהן געגען אונזערע איבערצייגונגען. דאָס גרעסטע, וואָס איך קאָן טהון איז — גאָרנישט טהון, בלייבען נייטראַל, נור דאָס איז אויך אונמעגליך פאַר מיר — איך דורשט נאָך געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, און אונטעטיגקייט איז פאַר מיר דער טויט אַליין. איצט אויך איז קוים וואָס איך לעב, וואָרום מיין קרייז איז פאַר מיר צו־ענג, איך ווער דאָ דערשטיקט. די איינזייטיגקייט פון מיין טעטיגקייט מאַכט מיך דערשלאָגען. איך פיהל אין זיך קרעפטען פאַר פיעל ברייטערע פלענער. פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש, איהר רעכענט געוויס, אַז איך בין אַ יודישער פאַטריאָט?

— ווי דען זשע? — האָט דובאָוו אָנגעקוקט סאַרינען ערשטוינט.

— די זאַך איז אָבער ניט אַזוי, — האָט סאַרין געענטפערט, — איך האָב מיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו פיהלען נור אַלס יוד; איך פיהל זיך אַלס בירגער, און אַלס אַזעלכער בעפריעדיגט מיך נור טיילוויז מיין איצטיגע טעטיגקייט. און ווען איך זאָל זיך אָבזאָגען פון דער טעטיגקייט אויך, הייסט עס אָבזאָגען זיך אינגאַנצען פונ'ם לעבען. דערצו...

אין דער ווייל האָט זיך אין טהיר בעוויזען פאָמאַ מיט עפּיס אַ געהיימען אויסדרוק אויפ'ן פנים.

— וואָס ווילסטו זאָגען? — האָט סאַרין געפרעגט.

— עפּיס אַ פריילין פרעגט אַייך.

— וואו איז זי? — האָט סאַרין געפרעגט און איז אַראָבגעשפּרונגען פון קאַנאַפּע.

— אין פאָרהויז.

סאַרין האָט זיך אַלאָז געטהון אַהין, נור ער האָט דאָרט קיינעם ניט געטראָפען.

— צי האָט זיך עס דיר ניט אויסגעדוכט? — האָט ער געפרעגט און האָט זיך אַיינגעקוקט איהם אין פנים, צי איז ער ניט שכור.

— וואָס פאַר אַ אָבדוכטען, האָט פאָמאַ געענטפערט בייז, פערשטעהענדיג דעם בליק פון זיין הערר. — וואָס בין איך בלינד, צי שכור? זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב זי איז אָט דאָ ערשט בּיז געשטאַנען אויף דעם אָרט אָ.

— פון וועלכען וואוקס איז זי?

— איך האָב ניט געמאָסטען.

— פונדעסטוועגען, אונגעפעהר?

— פערשטעהט זיך, ווי אַ פריילין: אַ קליינס, אַ מאָגערס מיט געשווינדע אויגען.

— דאָס איז ניט זי,—האָט סאַרין אַ טראַכט געטהון פאַר זיך,—וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט געפרעגט, צו זענט איהר אין דער־היים, ווען זענט איהר געקומען און צי זענט איהר געזונד. איך בין אוועק אָנזאָגען אייך, האָט זי זיך אַרויסגעמאַכט.

— סאַרין האָט זיך אומגעקעהרט אין קאַבינעט און האָט דערצעהלט דובאָוו'ן וועגען דער מאָדנער פאַסירונג.

— איך ווייס, ווער דאָס איז געווען,—האָט דובאָוו געזאָגט.

— ווער?

— פריילין אַראָנסאָן.

— אמת טאַקי? וואָס איז?

— זי האָט זיך זעהר בעאומרוהיגט וועגען אייך. מיר האָבען גערעכענט, אַז איהר זענט שוין אינגאַנצען פערפאַלען. מחשבות'ן, דערצעהלט זשע, וואו זענט איהר געווען ביז איצט. איהר זענט ניט געווען ניט אין גאָרטען, ניט אין שטאָדט.

— אַ צייט לאַנג האָב איך אַליין ניט געוואוסט, וואו איך בין. איך בין געפאָהרען אַלץ גראַד און גראַד און כ'האָב געמיינט, אַז איך וועל אָניאָגען די פאַנא יולי'אַ. ס'האָט זיך מיר עפּעס געגלוסט צו דערגעהן איהר אַדרעס. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך דערוייטער מיך אַלץ פון שטאָדט. אויפ'ן פינפטען וויאָרסט האָט דער פוהרמאַן זיך אָבגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע געבען עסען דעם פערד און אַליין עפּעס אַ חאַפּ טהון. דאָ האָט אַ גאַס געטהון דער רעגען. האָבען מיר געוואַרט אַ שעה צייט. דערנאָך האָבען מיר איינגעזעהן, אַז דער רעגען וועט היינט ניט אויפהערען, האָבען מיר בעשלאָסען צוריקצופאָהרען אין שטאָדט אַריין.

אַרום האַלבע נאַכט איז פיאָטר אַ־אַנאַסיעוויטש אַוועק, און סאַרין אַמיעדער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען פון שוואַכקייט און פון די צוויי גלעזער פונש, צו וואָס ער איז ניט

געווען געוויינט, און ער האָט זיך געלעגט שלאָפֿן פֿריִער, ווי אַלע מאָל.

.VI

ס'איז שוין געווען צעהן דער זייגער אין דער-פֿריה, נור די שטאָרען אין סאַרינס קאַבינעט זענען נאָך אַלץ געווען אַראָבגעלאָזט: סאַרין האָט נאָך געשלאָפֿען. דער אַלטער פֿאָמאַ איז שוין צוויי מאָל דורכגעלאָפֿען אין שענקעל אַריין און האָט דאָס דריטע מאָל גענומען אונטערוואַרימען דעם סאַמאָוואַר, ס'זאָל פֿאַרטיג זיין צו יעדער ווייל, ווען מ'ה'עט עס פֿאָדערן. צייטענווייז פֿלעגט ער איף די שפּיצען פֿינגער זיך דערנעהנטערן צו דער האַלב אָפֿענער טהיר פֿון קאַבינעט און פֿלעגט אַריינקוקען, צו איז דער הערר נים אויפֿגעשטאַנען שוין, און יעדעס מאָל פֿלעגט ער זיך אומקעהרען צוריק און צושאָקלען מיט'ן קאָפּ פֿיעלבעדייטענד און וואָרטשענדיג אונטער דער נאָז. ער האָט זיך פֿערטראַכט, פֿאַרוואָס עפּעס האָט זיך דער הערר, וואָס פֿלעגט שטענדיג אויפֿשטעהן זעקס דעם זייגער אין דער-פֿריה, היינט פֿערשלאָפֿען אַזוי לאַנג און האַלט גאָר ניט ביים ערוואַכען. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף זיין קאַסטען, וואָס האָט איהם געדינט אויך פֿאַר אַ שטוהלען און האָט גענומען פּוצען זיינע מעדאַליען און צוהערען זיך צום באַקאַנטען קלונג, ווען דער הערר וועט איהם רופֿען. נור ווי ער האָט איינגעטונקט זיין פֿינגער אינ'ם שערבעל מיט די צושטויסענע ציגעל, האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר.

ער האָט אויפֿגעעפֿענט די טהיר. ס'איז אַריינגעקומען אַ מאַנספּערזאָן פֿון מיטעלע יאָהרען, הויכער וואוקס מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד און מיט אַ ענערגישען, נור אַ גאַנץ גוטמוטיגען פּנים.

— וואָס דאַרפֿט איהר? — האָט איהם געפֿרעגט פֿאָמאַ, וואָס האָט ליעב געהאַט צו איבערראַשען אונבעקאַנטע לייט מיט דער שטרענגקייט פֿון אַ אַלטען דינער.

— אַך, דו, אַלטער טייוועל! — האָט יענער איהם געענטפֿערט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל, — דו דערקענסט מיך גאָרניט?

— פּאַנע קאַפּיטאַנע! — האָט פֿאָמאַ אויסגעשריען דער-

פרעהט און האָט זיך געוואָרפען די הענד קושען ביים פאַן קאַפּי־טאַן.—אָט וועט זיך עם דער הערר דערפרעהען!

ער האָט פון דעם קאַפּיטאַן אַראָבגעצויגען דעם אויבער־מאַנטעל און די גרויסע קאַלאָשען, אויף וועלבע ס׳איז געלעגען אַ געדיכטער פלאַסט נאַסע קעטה.

— נו, וואָס איז מיט׳ן בחור׳ל? — האָט דער קאַפּיטאַן גע־פרעגט, דערלאַנגענדיג פאַמאַ׳ען די רעכטע האַנד.

— זיי שלאָפען נאָך,—האָט פאַמאַ געענטפערט.

— אַ־האַ, מיינע טייערע! — זענט איהר דאָ פוילער גע־וואָרען?

— וואו פוילער? — האָט פאַמאַ זיך פערענטפערט: אַלע מאָל שטעהען מיר אויף ווי נור טאָג, נור היינט האָט זיך עס אזוי געמאַכט.—

— וואָס האָט איהר אַ הוליע געטהון?

— זאָל גאָט היטען! וואָס פאַר אַ הוליען! אמת, מיר האָ־בען נעכטען פערזוכט אַ ביסעל שפּונט, אָבער וואָס הייסט הוליען?

— איך וועל איהם שוין געבען,—האָט דער קאַפּיטאַן אַרויס־געזאָגט, ר׳האָט זיין צווייטע פוס בעפרייט פון קאַלאָש און האָט זיך אויסגעגליכען.—וואו שלאָפט ער?

— אין גאַבינעט, רעכטס, — האָט פאַמאַ, אויפגעעפענט די טהיר אין גאַסט־צימער און האָט דורכגעלאָזען דעם קאַפּיטאַן.

אין פיער שריט איז דער קאַפּיטאַן געוואָרען ביי סאַרינ׳ס בעטעל. אַ וויילע איז ער געשטאַנען און האָט שטיל, ליעבליך אָנ־געקוקט דעם שלאָפענדען, דערנאָך האָט ער איהם גענומען וועקען.

— בחור׳ל, נו, בחור׳ל! — האָט דער קאַפּיטאַן געשריען און געטרייסעלט דעם שלאָפענדען, — גענוג שוין דיר פויל צו זיין, ס׳איז שוין עלף דער זייגער!

סאַרין האָט געעפענט די אויגען און האָט זיך צוגעזעצט אויפ׳ן בעטעל, ר׳האָט מיט פערשלאָפענע און ערשראָקענע אויגען אָנגעקוקט דעם אריינגעקומענעם, וועלכען ער האָט ניט דערקענט.

— בויאַשעק (פעטער)! — האָט ער אויסגעשריען, ווען ער האָט איהם צולעצט דערקענט, און ער האָט איהם אַרומגעהאַלזט. ביי דעם קאַפּיטאַן אין די אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען.

ניט קוקענדיג אויף דעם אונטערשיעד אין יאָהרען, אין גלוי־

בען און אין געזעלשאַפטליכען מצב, איז צווישען אינזשענער-קאַפּיטאַן וואָלסקי און סאַרינ'ען פון לאַנג אָן שוין געווען זעהר אַ צאַרטע פריינדשאַפט. סאַרינ'ס עלטערן האָבען אַמאָל אַ טובה געטהון וואָלסקי'ן, און ווען סאַרין איז געבליעבען אַ יתום, האָט איהם וואָלסקי אויסגעהאַלטען אין דער שול און האָט פאַר איהם די בעסטע לעהרער געדונגען צו הויזע. וואָלסקי האָט גאָרנישט גע־קאַרגט צו ערציהען און לאָזען בילדען דעם יודישען יונגעל, וועלכען ער האָט, ווי אַ זוהן, ליעב געקראָגען פאַר זיינע זעלטענע פעהיגקייטען, התמדה און זיין גרויס השגה ניט נאָך די יאָהרען נאָך־ ער האָט זיך מיט איהם געגרויסט, און פאַר אַלע זיינע טובות האָט ער נור געפאָדערט, אַז דאָס בחור'ל, ד. ה. סאַרין זאָל איהם רופען פעטער, זאָל זיך פערהאַלטען צו איהם, ווי צו אַ קרוב, וואָס ס'איז פאַר סאַרינען גאַנץ לייכט און אָנגענעהם געווען, וואָרום ער האָט זיך ווירקליך געפיהלט קרובת'דיג צו איהם און צו זיין פאַמיליע. שטיל פערבאָרגען האָט ביי וואָלסקי'ן און זיין פרוי געלעבט אַ האָפנונג, אַז מיט דער צייט וועט סאַרין חתונה האָבען מיט לודוויסאַ'ן; זיי האָבען קיין בעסער'ן מאַן ניט בעגעהרט פאַר זייער טאָכטער און ביי לודוויסאַ'ן זעלבסט, ווי זיי האָבען בעמערקט, איז דאָס גאַנצע חיות נור איהר געוועזענער גובערנער ד. ה. סאַרין, חאָטש זי פערבעהאַלט עס זעהר. וועגען דער הויפּט מניעה—דאָס גלויבען—האָבען זיי זיך ווייניג געזאָרגט, זיי האָבען גערעכענט, אַז די צייט וועט בעזייטיגען אויך די שטערונג. זיי האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַרקאַדי זאָל קאָנען אייביג בלייבען אַ יוד. זיי האָבען קיינמאָל ניט אָנגעריהרט די דאָזיגע ציטעריגע פראַגע, ווייל זיי האָבען געהאָפט, אַז דאָס וועט ממילא פערענטפערט ווערען אַזוי, ווי זיי ווילען, אָדער ריכטיגער, ווי ס'וויל זייער לודוויסאַ, צו וועלכער אַרקאַדי איז ניט גאָר גלייכגילטיג, ווי זיי האָט זיך געדוכט. סאַרינ'ס אַריבערפאָהרען קיין נ., האָט זיך זיי געדוכט, דאַרף נאָך גיכער פיהרען צו דער פערווירקליכונג פון זייער געווינשטען פּלאַן: די צושיידונג, האָבען זיי געטראַכט, וועט פאַר אַרקאַדי'ן קלאָר מאַכען זיינע געפיהלען צו לודוויסאַ'ן און וועט איהם צווינגען צו מאַכען אַ ענערגישען, ענטשליעסענדען שריט... די אַלע אויסזיכטען זענען אָבער פון גרונד אויס ניט ריכטיג געווען.

נאָך די ערשטע בעגריסונגען צווישען פעטער און בחור׳ל, האָט דער לעצטער אָנגעטהון אויף זיך דעם האַלאַט, האָט פערארדענט וועגען טיי און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען זיין גאַסט, ר׳האָט איהם ערפאָרשענד אָנגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס בעדייט, כדומה למשל, אייער באָרד און אייערע ציווילע בגדים?

— דאָס בעדייט — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט, גלעטענדיג זיין באָרד,—אַז איך בין שוין מעהר ניט קיין בעאַמטער.

— וואָס הייסט? — האָט זיך סאַרין פערוואונדערט.

— איך בין אַוועק אין דימיסיע.

— האָט דען א י י ך די אמת דערעסען, אָדער איהר האָט דער אַמט דערעסען?

— ביידע זאַכען ניט.

— טאָ וואָס זשע דען?

— דאָס פאָטערלאַנד רופט,—האָט דער קאַפּיטאַן ארויסגעזאָגט געהיים און האָט אַ זיפץ געטהון.

— וואָס איך הער! — האָט סאַרין אויסגעשריען, ר׳האָט אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.— האָט איהר זיך דען אויך געלאָזט צוריידען צו די אילוזיעס?... ניין, פּעטעריל,—האָט ער זיך צוגעזעצט צום קאַפּיטאַן און האָט מיט די הענד ארומגעוויקעלט זיין האַלז. — איך וועל אייך ניט דערלאָזען צו פיהרען משוגעת. איך וועל אָנשרייבען דער מוהמען, לודוויסאַ׳ן, אונזערע אַלעמען. זיי וועלען קומען צופאָהרען, וועלען מיר אייך בינדען, איינשפּאַרען אין אַ קאַסטען און וועלען אייך אַ היים אָבפיהרען. איהר הערט, פּעטעריל.

דער פּעטער האָט טיעף אַ קרעכטש געגעבען און געזאָגט:

— הער נור, אַרקאַדי, וואָס איך וועל דיר זאָגען. דו פערשטעהסט מיך נור גוט. איך לאָז מיך ניט נאַרען: אַ שוטה בין איך עפּיס, צו אַ יונגער שנעק, וואָס? איך ווייס זעהר גוט, אַז פון דעם גאַנצען ענין וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען. נאָך מעהר: איך בין אפילו איבערצייגט, אַז מיר וועלען זיך פערשאַפען פיעל צרות. רוסלאַנד׳ס קרעפטען זענען אונגעהויער, מיט איין בלאָז וועט מען אונז פערניכטען. אין איין-און דרייסיגסטען יאָהר זענען מיר פיעל שטאַרקער געוועזען, ווי איצט, און רוסלאַנד איז שוואַכער געוועזען,

און פינדעסטוועגען האט זי מנצח געווען. איצט איז רוסלאנד ניט אין א ערך שטארקער. און מיר זענען פיעל שוואכער, הייסט עס, אז וועגען דעם רעזולטאט קאן קיין שום צווייפעל ניט זיין, אלענפאלס פאר מיר איז קיין שום צווייפעל ניט: מיר געהען אויף א געוויסע מפלה. נור...

— נור וואס?

— נור איך מוז ערפילען א פפליכט, א צוזאג, א שבועה. מיין פאטער, אויב דו ווייסט, איז געווען איינער פון די ערשטע פוילישע פאטריאטען, און אויפ'ן טויטען בעט האט ער פון מיר א שבועה גענומען, אז איך וועל זיך אברופען אויף יעדעם רוף פון מיין פאטערלאנד, אז איך זאל עס דיענען, מיט וואס איך וועל קאנען. דער ווילען פון מיין פאטער ביי זיין גסיסה איז פאר מיר—א געזעץ, פערשטעהסטו שוין? און איך געה—פונקט ווי דער ביבער, וואס געהט אין דער פערשפרייטער נעץ, ווימענדיג, אז ער געהט אויף א זיכערער מפלה: ער וויינט און געהט, ווארום ס'איז איהם שוין אזוי בעשערט.

— איהר, פעטעריל, זענט דאך אבער ניט קיין ביבער, איהר זענט דאך א מענש.

— אבער איך בין פון אדעל: מיין ווארט איז הייליג, און איך וועל עס מקיים זיין, ווי טייער ס'זאל מיך ניט קאסטען.

— און וועגען אייער פאמיליע האט איהר א טראכט געטהון?

— פערשטעהט זיך.

— וואס זשע האט איהר געטהון?

— מיין גוט האב איך אבגעשריעבען אויף מיין פרוי'ס נאמען, הייסט עס, אז מיט מיר וועט זיך עפיס טרעפען, זענען די פרוי און טאכטער בעזארגט. פאר זיי בין איך שוין איצט גלייך ווי געשטארבען. איך געהער איצט אן אינגאנצען דעם פאטערלאנד, אדער ריכטיגער, דעם זשאנד, וואס קאן מיט מיר טהון, וואס ער וויל. איך האב זיך נאך מיט קיינעם ניט געזעהן, נור איך ווייס, אז מיך וועט מען קאמאנדירען פאר אינזשענערען-ארבייט. איך וועל זיך געפינען ביי מעראסלאווסקי'ס שטאב. איך האב זיך נאך קיינעם ניט בעוויזען, ווייל איך האב געוואלט זעהן זיך מיט דיר, אפשר, דאס לעצטע מאל שוין...

ביים קאפיטאן און ביי סארינען אין די אויגען האבען זיך

טרעהרען בעוויזען. זיי זענען געזעסען מיט געבויגענע קעפּ און האָבען ניט געוואַגט אַ קוק צו טהון איינער אויפ'ן צווייטען. אַזוי האָט עס געדויערט עטליכע מינוט.

— איצט, בחור'ל,—האָט דער קאַפּיטאַן דערנאָך אָנגעהויבען מיט אַ פרעהליכער מינע,—לאָמיר אַ שמועס טהון וועגען דיר.

— וואָס איז דאָ וועגען מיר צו שמועסען?

— ווי לאַנג רעכענסטו נאָך צו זיין אַ לעהרער?

— וואָס זשע זאָל איך טהון?

— דו בינסט נאָך יונג, פאָהר אָב אין אַ אוניווערזיטעט.

— צו וואָס?

— צו וואָס? — ס'איז בעקאַנט צו וואָס — צו מאַכען אַ קאַריערע.

— דאָס הייסט, צו ווערען אַ דאָקטאָר אָדער אַ בעאַמטער.

— נו, יאָ, טאַקי אַזוי.

— ניין, פעטעריל, צו מעדיצין פיהל איך מיך ניט פאַר פעהיג, און אַ בעאַמטער צו זיין איבעלט מיך.—ער איז צוגעגאַנגען צום שרייב-טיש נעהמען אַ פּאַפּיראָס.—ניין, פעטעריל, איך יאָג זיך ניט נאָך דעם, וואָס רופט זיך ביי אונז קאַריערע. מיין העכסטע עהרגייציגקייט איז — צו דיענען אַממעגליכסטען דער געזעלשאַפט און ברענגען נוצען, און דערצו געברויך איך נישט קיין שום דיפּלאָמען מיט אָפיציעלע חתימות. איך פיהל מיך אַלס בירגער, און דעם טיטעל וועל איך ניט פערבייטען אויף קיין שום ראַנג, אויף קיין שום טיטעל פון אַ געלעהרטען.

— בראַוואָ, בחור'ל! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען מיט התפעלות און האָט אַרומגענומען סאַרינען,—מיר געפעהלט דיין אַרט דענקען, כאָטש איך ווייס, אַז ס'איז אונפּראַקטיש און אונבעקוועם. איינס וועל איך דיר נור זאָגען: ווען דער בירגער-טיטעל וועט דיך שוין זעהר שטאַרק איינמיעדען, וואָרום אין רוסלאַנד איז ניטאָ עטוואָס שווערער פון אָט דעם טיטעל, זאָלסטו ניט פערגעסען, אַז אין מ—ער אויעזד, אין דריטען ראַיאָן, אין גוט יאַבלאָנאָווקע איז דאָ אַ שליאַכטישע פאַמיליע וואָלסקי, וואָס וועט דעם מיעדען בירגער אויפנעהמען מיט צושפּרייטע אָרעמס און וועט פאַר איהם שאַפען דעם אָברוה, וואָס ער איז ווערטה. זאָגסטו מיר צו?

— איך זאָג צו.

— איך בעט דיך וועגען דעם אויך דערפאַר, וואָס מיין פאַמיליע וועט אויף לאַנג אָדער אויף שטענדיג בלייבען אָהן אַ בעשיצער. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָס גורל וועט מיך פער־וואַרפען ווייט פון מיין היימישער געגענד, ווייט...

דער קאַפּיטאַן האָט ניט געקאָנט ווייטער ריידען, ער האָט געפיהלט, אַז אָט צוקלאָגט ער זיך. ער האָט אָנגענומען סאַרינ'ען פאַר ביידע הענד, האָט איהם לאַנג אין די אייגען אַריינגעקוקט, ניט ריידענדיג. דערנאָך האָט ער צושפּילעט זיין סורדוט און וועסט, האָט פון האַלז אַראָבגענומען דאָס היילינע בילד אויף אַ דין קייטעלע און האָט עס אָבגעגעבען סאַרינען מיט די ווערטער:

— איך וויל, אַז אָט די פאַמיליען־היילינקייט זאָל פער־בלייבען ביי מיין פאַמיליע. דו וועסט עס איבערגעבען מיין פרוי אָדער לורוויסע'ן און וועסט זאָגען, אַז איך בענש זיי. צוזאַמען מיט דער היילינקייט גיב איך דיר איבער מיין פאָטערליכען רשות. גיב אַכטונג אויף זיי, זאָלסט זיי ליעבען, ווי איך האָב זיי ליעב, ווי איך האָב דיך ליעב.

אַרויסזאָגענדיג דאָס, האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבען סאַרי־נען אויפ'ן האַלז און האָט זיך צוקלאָגט, ווי אַ קינד.

— איצט,—האָט דער קאַפּיטאַן אויפגעהערט צו וויינען,— אַדיע, אַרקאַדי. וועט נור מעגליך זיין, וועלען מיר זיך נאָך זעהן, און אויב ניט, הייסט עס, אַדיע אויף אַלע מאָל, און געדענק וועגען וואָס איך האָב דיך געבעטען. וועט זיך מאַכען אַ געלעגענ־הייט אָנצושרייבען—וועל איך אָנשרייבען, און וועל איך ניט שריי־בען, הייסט עס, ס'האָט זיך ניט געמאַכט. אַדיע!

ער האָט דריי מאָל אָנגעקושט סאַרינען, ר'האָט זיך אַרויס־געריסען פון זיינע אָרעמס און איז כמעט אַרויסגעלאָפען פון צי־מער. ער האָט זיך אַזוי געאיילט, אַז פאָמאַ האָט קוים אָנגעצוי־גען אויף איהם דעם מאַנטעל און אַרויפגעשלעפּט די קאַלאָשען. ער האָט אַ וואָרף געטהון פאָמאַ'ען אַ רובל, האָט אַרויסגעריסען פון איהם זיין האַנד, וואָס יענער האָט געהאַט אַריינגעכאַפּט און איז אַרויסגעגאַנגען, ניט זאָגענדיג קיין איין וואָרט.

סאַרין איז דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער, דערנאָך האָט

ער זיך צוגעזעצט צום שרייב=טיש, האָט דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענד און האָט זיך טיעף פערטראַכט.

אָווענד. אין גרויסען און רייכען בודואַר פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ הערשט אַזאַ געהיימניספולע האַלב=פינסטערניס, דען דער בודואַר איז בעלויכטען נור פון איין קליין לעמפּעל, וואָס שטעהט אויפ׳ן מאַרמאָר=קאַמין און די שטאָרעס פון די פענסטער זענען אַראָבגעלאָזט. אַ פייערליכע, כמעט אַ שרעקליכע שטילקייט און אַ אונערמיעדליכער טיק=טאַק פון דעם בראָנזע זייגער אויפ׳ן מאַרמאָר=טישעל אונטערן שפּיעגעל.

די גרעפין סטאַשיצקאַיאַ ליעגט אויף=האַלב אויף דער סאַמעטענער סאָפקע, מיט איין האַנד אונטערגעשפּאַרט איהר שענעם קאָפּ און מיט דער צווייטער שפּיעלט זי זיך מיט׳ן קיטעל פון מעדאַליאָן, זי איז אָנגעטהון אין אַ בלאָהער זיידענער בלוזע, וואָס פּאַסט איהר זעהר צו איהרע פונאַנדערגעלאָזטע קאַשטאַנען=האָאָר און צו איהר בלאַסען, פערטראַכטען, כמעט פערזאָרגטען פּנים.

אַמאָל פערמאַכט זי די אויגען, און אַמאָל עפענט זי זיי, פויל בלאָנקענדיג מיט זיי אין דער אַרומיגער האַלב=פינסטערניס. אויף איהרע דינע ליפּען רוהט אַ מרה-שחורה׳דיג שמייכעל. צייטענוויז טהוט זי אַ זיפץ טיעף, אָבער שטיל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו צושטערען די פייערליכע שטילקייט אין בודואַר.

דער בראָנזע=זייגער האָט געשלאָגען ניין. די גרעפין האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צום זילבערנעם גלעקעל און האָט אָנגעקלונגען.

די טהיר האָט זיך שטיל אויפגעעפענט, און ביי דער פּאָרטיערע האָט זיך בעוויזען דער לאָקיי.

— סטעפאַניאַ איז נאָך ניט צוריקגעקומען? — האָט די גרעפין געפרעגט מיט אַ שוואַכער, כמעט ציטערנדער שטים.

— גאָר ניט, ערלויכטענסטע פּאַני גרעפין.

די גרעפין האָט אַ ציה געטהון מיט די פּלייצעס, אויף איהר פּנים האָט זיך בעוויזען אַ אויסדרוק פון בענקשאַפט.

— אויב דאָ וועט עמיצער אָנקומען,—האָט זי צוגעגעבען מיט דערזעלבער שטים—זאָל מען ניט אויפנעהמען.

— איך הער,—האָט דער לאָקיי געענטפערט און האָט זיך טיעף גענייגט.

— אַז ס'וועט קומען פאַן אַנדריי, זאָל מען די לאָמפּ אויף די טרעפּ פערלעשען און דעם אַיינגאַנג פערשליסען, פערשטעהסט?

— כ'פערשטעה, ערלויכטענסטע פּאַני גרעפין.

אין דער ווײלע האָט זיך אַ גערויש דערהערט אין דער האַלב-אָפענער טהיר פון בודואר. דער לאָקיי האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזעהן סטעפאַניאַ'ן.

— אָט איז זי סטעפאַניאַ, — האָט ער געזאָגט, — ר'האָט אַרײנגעלאָזט די דיענערין און האָט צוגעשלאָסען די טהיר.

די גרעפין האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און איז כמעט אונטערגעשפּרונגען צו סטעפאַניאַ'ן.

— נו וואָס? — האָט זי געפרעגט און האָט איהר אָנגעחאַפּט פאַר די הענד.

— ר'וועט באַלד קומען,—האָט זי געענטפערט.

— דו האָסט בײַ איהם קײנעם ניט געטראָפען?

— קײנעם ניט.

— דעם אמת זאָג.

— ווי גאָט איז מיר ליעב, קײנעם ניט, אויסער יאַנ'ען.

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט?

די דיענערין איז רויט געוואָרען, נור אין דער האַלב-פינסטערניס האָט עס די גרעפין ניט בעמערקט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו ניט?

— איך בין געגאַנגען פאַרבײַ קלויסטער, בין איך אַרײַן צום אָוונער-תפלה,—האָט די דיענסט געענטפערט, ניט ערוואַגענדיג צוקוקען דער גרעפין גלײך אין פּנים אַרײַן.

—"איך ווײס דײַנע אָוונד-תפלות,—האָט די גרעפין אַרויסגעזאָגט, דראָהענדיג מיט'ן פינגער. — אויף ווײַטער, מײַן טײַערע, זאָלסטו זײַן פּינקטליכער. צו די אָוונד-תפלות קאָנסטו געהן, ווען דו בינסט פרײַ, און ניט, ווען מ'שיקט דיך אין אַ שליחות.

— כ'הער, ערלויכטענסטע פּאַני גרעפין, — זי האָט דער גרעפין אין האַנד אַ קוש געטהון און איז אַוועק.

די גרעפין איז צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, האָט איהרע

האָיזר פעררינבט און האָט אָנגעהויבען אַרומצוגעהן איבער'ן בודוּ־אַר אויף און אָב, אַרויסקוקענדיג מיט אונגעדולד אַמאָל אויפ' טהיר, און אַמאָל אויפ'ן זייגער.

אין אַ פירטעל שעה אַרום האָבען זיך אין אַ דערבייאיגען צימער דערהערט שנעלע, נור פעסטע טריט פון אַ מאַנספערזאָן, די גרעפין איז צוגעשפרונגען צום סאָפּקע, האָט זיך צוגעלעגט אין דער פריהעריגער פוילער, אָבגעלאָזטער פּאָזע.

ס'איז אַריינגעקומען פאַן אַנדריי. ר'איז געוועזן אָנגעטהון אין אַ הוסאַרקע, אין לאַנגע שטיוועל און מיט אַ רייזע־טאַש אויפ'ן פּלייצע. ר'איז אונגעצוואונגען צוגעגאַנגען צו דער גרעפין און האָט זיך צוגעזעצט צו איהר אויפ'ן סאָפּקע.

— אַ גוטען, אַוורעליאַ,—האָט ער געזאָגט און האָט אַ קוש געטהון איהר האַנד.—וואָס ווערסטו עפּיס זאָגען?

— אונדאַנקבאַרער! — האָט זי געענטפערט, ניט קוקענדיג אויף איהם.—וואו בינסטו עס פערפאַלען געוואָרען די דריי טעג? דו האָסט געוואָלט איבערציינגען זיך, צו וועל איך נאָך דיר שיקען?

פאַן אַנדריי האָט גענומען דרעהען זיינע וואָנצעס און האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

— זאָג אָפען,—האָט די גרעפין צוגעגעבען,—איך האָב דיר דערעסען? פאַר דיר איז שווער געוואָרען מיין... פריינדשאַפט?

— ניט דו האָסט מיר דערעסען, נור די קרעדיטאָרען האָבען מיר דערעסען,—האָט פאַן אַנדריי געענטפערט,—פון זיי האָב איך זיך עס בעהאַלטען די גאַנצע צייט.

— קרעדיטאָרען? — האָט די גרעפין אויסגעשריען,—ווייעדער חובות! לאַנג דען האָב איך אויסגעקויפט אַלע דיינע וועקסלען?— האָסטו שוין ווייעדער אָנגעמאַכט חובות? דו ווילסט מיך צורואיני־רען, און אין אַזאַ צייט, ווען דאָס פאָטערלאַנד בערופט צו אונז! וועגען שטיצע? צי האָסטו גאָר יושר אין האַרצען? צי בינסטו קריסט, צי בינסטו אַ פּאָליאַק? — צו אין איצט אַ צייט פון הוליען און געלד פערשווענדען? האָסטו דען פערגעסען די פייערליכע שבועה—צו דיענען דעם פאָטערלאַנד ביי־טאָג און ביי־נאַכט, מיט'ן גאַנצען האַרצען, מיט דער גאַנצער נשמה?... דו בינסט אַ שבועה־ברעכער, אַ פעררעטער, און דו רעכענסט זיך נאָך פאַר אַ מיט־גליעד פון זשאָנד!...

פאַן אַנדריי האָט די פּאָרווירפע אויסגעהערט מיט אַ רוהי־גער גלייכגילטיגקייט און האָט זאָגאַר ניט אַ פינטעל געטהון מיט אַן אויג.

— הער זשע, אַווראליא, — האָט ער געזאָגט רוהיג, שפּיע־לענדיג מיט די שנירלעך פון זיין הוסארקע — צו וואָס איז דער מוסר. צו וואָס זאָלען מיר זיך קריעגען ביים געזעגענען.

— ביים געזעגענען זיך? — האָט די גרעפין אויסגעשריען, איז אויפגעשפרונגען פון סאָפקע און האָט דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטהון אויף פאַן אַנדריי.

— יאָ, ביים געזעגענען זיך, — האָט פאַן אַנדריי געענטפערט און האָט זיך איינגעקוקט אין דאָס ערשראָקענע פּנים פון דער גרעפין. — היינט פאָהר איך אָב.

— וואוהין?

— אין דאָרף, צו מיין אַלטען.

— נאָך וואָס?

— בעטען ביי איהם געלד אויסצוצאָהלען מיינע חובות, וואָרום מ׳דראָהעט מיר מיט טורמע.

— וואָס וועט זיין, אַז דער אַלטער וועט ניט געבען?

— איך האָף, אַז ער וועט געבען, און אויב ניט, וועל איך אַנטלויפען פון דאַנען, וואָס ווייטער פון דאַנען.

— איך וויל עס אָבער ניט! דו הערסט, אַנדריי? איך וויל ניט!

— און איך קאָן ניט אַנדערש, וואָרום איך האָב קיין שום חשק ניט צו זיצען אין טורמע.

— אונדאַנקבאַרער! — האָט די גרעפין אויפגעוואָרפען, — דו ווילסט מיך וואַרפען דאַן, ווען דו ווייסט, אַז איך קאָן ניט לע־בען אָהן דיר?

— וואָס זשע זאָל איך טהון? בערעכען דו אַליין.

— אָהָ, איצט זעה איך טאַקי, אַז דו האָסט מיך קיינמאָל ניט ליעב געהאַט, — האָט די גרעפין אַרויסגעזאָגט און האָט דאָס פּנים פערשטעלט מיט אַ טיכעל.

זי האָט געוויינט. פאַן אַנדריי איז געזעסען אַפּאָר מינוט, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו דער גרעפין, האָט איהר דערלאַנגט די רעכטע האַנד און געזאָגט:

— נו, רעכט, טייערע אורעליע, לאָמיר זיך צוזעגענען.

— ניין, — האָט די גרעפין אויסגעשריען און האָט אָנגע־חאַפּט אַנדרייען פאַר ביידע הענד, — איך וועל דיך ניט אַרויס־לאָזען! דו וועסט ניט פאָהרען, איך פערבאָט עס דיר.

— אָבער, — האָט פאָן אַנדריי גענוען אָנגעהויבען.

— וויפיעל דאַרפסטו? — האָט די גרעפין איהם איבער־געשלאָגען.

— צום וועניגסטען, אַ דריי טויזענדער.

— דריי טויזענד! — אַזאַ סומע פערמאָג איך איצט ניט: דער פערוואַלטער האָט נאָך ניט צוגעשיקט.

— איך האָב עס געוואוסט, דעריבער האָב איך ניט געוואָלט בעטען ביי דיר.

— נור... וואַרט אויס! — האָט זי אַרויסגעזאָגט און האָט זיך פערטראַכט. — געה ניט אַוועק... שוין, יאָ.

זי איז שנעל צוגעגאַנגען צום ווינקעל־טישעל, האָט אָנגע־צונדען אַ ליכט און איז מיט דעם אַרויסגעלאָפען פון בודואַר. אין אַפּאָר מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקעהרט מיט אַ פּעקיל ביל־עטען אין דער האַנד.

— אָט האָסטו דיר דריי טויזענדער, — האָט זי געזאָגט, אָבגעבענדיג אַנדרייען דאָס געלד. — דאָס איז קהל'שע געלד, פון דער זשאַנד־קאַסע, איך נעהם עס בתור הלואה. דו זעהסט, אַז צו־ליעב דיר איז פאַר מיר קיין קרבן ניט צו־גרוים. זאָלסטו שוין איצט זיין בערעכענטער, פערשווענד ניט מעהר, צורואינער מיך ניט, מיינע גוטען זענען שוין אַזוי אויך חרוב. אין גיכען וועט שוין קיין „פּאַנטשינאַ" גאָר ניט זיין, די פּויערים בונטעווען, גנבה'נען און ראַבעווען, פאַר יעדע אַרבייט דאַרף מען זיך צו זיי בוקען, און דערנאָך וועט מען זיי נאָך דאַרפען צאָהלען, די ערד וועט אויך צו זיי אַריבער, און אין הויז דאַרף דער פּיהר זיין דער זעלבער ווי פריהער. דאַרפסט דאָך פערשטעהן, אַז איצט איז קיין צייט ניט צו וואַרפען געלד.

— ניין, ניין — האָט פאָן אַנדריי אַרויסגעזאָגט און האָט אַ קוש געטהון איהר האַנד.

— נעהם מיך אַרום, — האָט די גרעפין געזאָגט, צוגויפ־

קנייטשענדיג זיך און האָט אויף איהם אַ קוק געטהון פול מיט ליעבע און מסירת-נפש.

אַנדריי, וואָס איז געווען מיט צוויי קעפ העכער פון איהר, האָט איהר געשיקט אַ חאַפּ געטהון און איינגעדריקט אין זיינע אָרעמס. זי האָט זיין האַלז אַרומגעוויקעלט מיט איהרע הענד און זייערע ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען... אַנדריי האָט איהר בעהוטזאַם אַראָבגעלאָזט אויפ'ן סאָפקע און האָט זיך אויך צוגע-זעצט דערנעבען.

— איך ווער פּשוט משוגע, — האָט די גרעפין שטיל אַרויסגעזאָגט, פעסט צוזדריקענדיג צו איהר ברוסט אַנדריי'ס האַנד.— מיט דיר צוזאַמען פערגעס איך אָן זיך, אָן דער גאַנצער וועלט, ואָגאַר אָן דאָס פאָטערלאַנד -- זאָל מיר גאָט מוחל זיין! — די דריי טעג האָב איך גאָר ניט געלעבט; איך בין שיער ניט גע-שטאָרבען פון בענקשאַפט. צו שעצסטו עס דען?

— צו שעץ איך עס? צווייפעלסטו דען אין דעם?

— וואָס וועט זיין — האָט די גרעפין געזיפצט, — ווען די מלחמה וועט זיך אָנפאַנגען? צו דען וועסטו אַוועקגעהן, און איך וועל דאָ בלייבען אַליין?.. ניין, דאָס קאָן נישט זיין, ניין, איך וועל דיך נישט לאָזען געהן, דו וועסט פערבלייבען ביים זשאָנד.

— דער גראַף האָט אָבער געזאָגט, אַז ביים זשאָנד וועלען פערבלייבען נור אַלטע לייט, און די יוגענד וועלען אַלע ביז איי-נעם אַוועק אין געפעכט.

— אויב אַזוי, וועל איך אויך געהן,—האָט די גרעפין לוס-טיג געזאָגט, דערפרעהענדיג זיך מיט איהר געלונגענעם געדאַנק,— איך וועל זיין דיין אַדיוטאַנט. דו וועסט מיך אויסלעהרנען שיסען. איך וועל מיר בעשטעלען אַ מענער-קאָסטיום.

— און וואָנצעס,—האָט פאַן אַנדריי אונטערגעחאַפּט.

— און וואָנצעס,—האָט די גרעפין מסכים געווען.

— און די האָר וועסטו אונטערשערן.

— אונטערש... — האָט די גרעפין געוואָלט נאָכזאָגען, נור זי האָט זיך פערחאַפּט: ניין, מיינע האָאר, וועל איך ניט טשעפּען. צו וואָס? איך וועל זיי אויספלעכטען אין אַ צאָפּ און וועל עס אַראָבלאָזען אונטער'ן מונדיר.

— און דו אַליין וועסט קאָנען פערפלעכטען די האָאָר!

— וועל איך מיטנעהמען סטעפאַניען.

— פאַרוואָס זאָלסטו שוין ניט מיטנעהמען אויך די קאָסטיומירערען.

— כ'וועל נעהמען.

— און ווער וועט דיר שאָקאָלאַד קאָכען?

— ווער?—ס'איז דאָ ווער—טעקלאַ.

— חאַ-חאַ-חאַ!—האָט זיך פאַן אַנדריי צולאַכט—דאָס וועט שוין זיין אַ רעכטער פוראַזש! — ווען אַלע קאָמאַנדירען זאָלען האָבען אַזעלכע אַדיוטאַנטען מיט אַזאַ שטאַט, וועט אונז אויסקומען מאַזורקעס צו טאַנצען, און ניט אַ מלחמה צו פיהרען.

זיי האָבען נאָך לאַנג גערעדט אויף דער טהעמע האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס, איבעררייסענדיג זייער געשפּרעך צייטענווייז מיט שטילע, נור ליידענשאַפטליכע קושען. צולעצט איז פאַן אַנדריי אויפגעשטאַנען און האָט גענומען זיך זעגענען.

— וואוהין?—האָט די גרעפין געפרעגט כמעט ערשראָקען.

— איך וויל היינט טאַקי אויסצאָהלען זיך מיט די קרעדיטאָרען,—האָט ער געענטפערט.—איך האָף, אויסצושפּילען דערמיט פינף-און צוואַנציג פּראָצענט. איך וועל זיי זאָגען: ווילט איהר אָבמאַכען אויף פינף-און זיבציג פּאַר הונדערט, בעקומט איהר גלייך געלד, און אַניט—משפּט זיך.

— און דו נאַרסט מיך ניט?

— אַורעליאַ! — האָט פאַן אַנדריי אויסגעשריען כמעט מאויים'דיג, דו דער'כעס מיך ניט מיט דיין חושד'ן. איך האָב עס גאָר ניט פערדיענט.

— נו, ניין, — האָט די גרעפין גענומען צו פערגיטיגען, — זיי ניט ברוגז, אַנדריי, טהו אַ שמייכעל, אָט אַזוי.

זיי האָבען זיך אַרומגענומען, צוקושט און זיך צוזעגענט. מיט אַ ליכט אין דער האַנד האָט זי איהם בעגלייט ביז די טרעפּ פון דער הינטער-טהיר.

— פוי!—האָט ער אַרויסגעזאָגט, ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן טראָטואַר און האָט איינגעטעמט דאָס פרישע, עטוואָס פייכטע סעפּטעמבער-לופט.—ענדליך, קוים זיך אַרויסגעריסען. טפוי!..

VI.

ער איז אָבגעגאַנגען ביז׳ן ווינקעל גאַס און האָט צוגערופען אַ פוהרמאַן.

— וואוהין?

— צו מיחעל׳ן,—האָט פאַן אַנדריי געענטפערט.

האַלב עלף אין אָוועגד איז עס געווען, ווען פאַן אַנדריי איז אַריין אין קאָלאָניאַל-געשעפט און וויין-קעלער פון דעם ערשט-גילדיע סוחר מיחעל מאַלקעס. אין געשעפט איז איצט קיינער ניט געווען אויסער׳ן אייגענטימער. ער איז ביי דער קאָנטאָרקע געזעסען און געלייענט די „ריגאַשע צייטונג“.

פאַן אַנדריי איז אַריין אין געשעפט מיט שטאָלץ און אַ רעש אונגעצוואונגען, ווי אַ פריציל וואָס איז שוין עטוואָס בגילופין.

— גוטען-אָוועגד, פאַני מיחעל!—האָט ער אויסגעשריען. אַ קלאַפּ געבענדיג אַזוי מיט דער טהיר. אַז דאָס גלעקיל האָט זיך שיער ניט אָבגעריסען און די שויבען אין די פענסטער האָבען גע-ציטערט.

דער סוחר האָט זיך אַ חאַפּ געטהון און אויפגעהויבען די אויגען.

— גוטען אָוועגד, — האָט ער אַ זאָג געטהון מיט אַ בייזען, במעט פעראַכטענדען בליק און האָט זיך ווידער פערטיעפט אינ׳ם לייענען. ס׳איז ניכר געווען, אַז ער איז ניט צופריעדען מיט׳ן גאסט.

— מ׳י׳ האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן, פאַנע מיחעל!— האָט ער צוגעגעבען און האָט זיין הוט אַ וואָרף געגעבען אויפ׳ן בופעט.

— יאָ, לאַנג, — האָט דער סוחר געענטפערט, און האָט אפילו ניט אַ קוק געטהון אויף דעם גאַסט,

— האָט דער פאַן מיהעל גאָר ניט געבענקט נאָך מיר?

דער סוחר האָט נור אַ ציה געטהון מיט די פלייצעס און האָט ווידער געלייענט.

— נו, רעכט,— האָט פאַן אַנדריי געזאָגט, אַוועקזעצענדיג זיך אויף אַ שטהול,—ווי איך זעה, איז דער פאַן מיחעל ניט אויפ-געלעגט היינט. דערלאַנגט מיר דעם חשבון.

בײַ די ווערטער האָט דער סוחר שנעל אויפגעהויבן די אויגען און האָט מיט ערשטוינונג אָנגעקוקט דעם פאַן אַנדריי.

— אַ חשבון?—האָט ער געפרעגט, ניט גלויבענדיג — דעם גאַנצען חשבון?

— יאָ, דעם גאַנצען חשבון.

— איהר וועט דען צאָהלען?

— מזומנים.

— דאָס איז גוט,—האָט דער סוחר אַרויסגעזאָגט פרעה־ליכער. ער האָט אַ וואָרף געטהון די צײַטונג און איז געוואָרען בעוועגליך.—זענט אַזוי גוט צוזעצען זיך, — האָט ער צוגעגעבען, ניט בעמערקענדיג אַז דער גאַסט זיצט שוין. — גלײַך, אין אײַן ווײַלע... שמואל! שמואל! האָט ער אָנגעהויבען צו רופען דעם בוכהאַלטער. — אָט איז אַן אומגליק! אַלע זענען זיך פאַרנאַנדער־געגאַנגען.—זאָל זײַ... שוין, פאַנע, שמואל!

— ענדליך איז אַרײַנגעקומען שמואל.

— וואָס קאָן מען דאָס אײַך ניט דעררופען?.. איז דער סוחר אָנגעפאַלען אויף׳ן בוכהאַלטער.—וואו זענט איהר עס פער־פאַלען געוואָרען? נו, שנעלער, שרייבט אויס דעם חשבון פאַר׳ן פאַן גרושעוויטש. וואו איז דאָס קאָנטאָ־בוך? פערגעסט ניט אויך דעם פאַר־אַ־יאָהריגען טראַנספּאָרט. ס׳איז בײַ אײַך אַרויסגעפיהרט?

— יאָ,—האָט דער בוכהאַלטער געענטפערט און איז צו־געגאַנגען צו דער קאַנטאָרקע. ער האָט פון אַ קעסטיל אַרויסגע־נומען צוויי ביכער און אַ קערביל מיט בלאַנקען, האָט נאָך אַ לאָמפּ אָנגעצונדען, האָט צוגעגרייט די חשבונות און האָט זיך געזעצט שרייבען.

פאַן מיחעל איז אַרויס פון הינטער בופעט, האָט אַראָבגע־נומען דעם הוט און האָט זיך צוגעזעצט נעבען דעם פאַן אַנדריי אונטערצוהאַלטען איהם מיט אַ געשפּרעך.

— וואָס האָט מען עס אײַך ניט געזעהן אַזאַ לאַנגע צײַט?— האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ חניפה־שמייכעל.

— אינטערעסען און בעשעפטיגונג, פאַנע, — האָט פאַן אַנ־דריי געענטפערט און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פײַנעם פּאָרטסיגאַר, — איהר מיינט, אַז נור בײַ סוחרים איז דאָ געשעפט? ס׳איז בײַ אונז אויך פאַרהאַן עסקים.

— אודאי געווים! — האט דער סוחר געזאגט און האט פון בוים אַרויסגענומען שוועבעלעך און מכבד געווען דעם פאן אַנ־דריי.—איך רעכען, אַז איצט איז ביי אייך מעהר עסקים, ווי ביי אונז. שלעכטע צייטען, ליעבער פאַניע, גאר שלעכטע צייטען.

— ס'מאכט נישט אויס, ס'וועט זיך בעסערן, — האט פאן אַנדריי געטרייסט.

— וואו בעסערן? אַז ס'געהט אַלץ ערגער און ערגער. יע־דער טאג איז אַ באַנקראַט. די שניט־הענדלער האָבען אַלע ביז איינע אויפגעהערט צו צאָהלען. און ווי זאָלען זיי צאָהלען? ס'איז שוין באַלד אַ יאָהר צייט, אַז זיי לייזען גאר ניט, להלוטין גאר נישט. ס'איז היי־יאָהר קיינער פון זיי ניט געפאָהרען קיין לייפציג אויפ'ן יריד. פאר וועמען, פרעג איך אייך, זאל מען איינקויפען?.. ס'איז בסדר טרויער און טרויער. שוואַרצער לוסטרין — דאָס איז די גאַנצע סחורה.

— וואָס מאכט עס אייך אויס? — האט פאן אַנדריי גע־פרעגט,—איהר האַנדעלט דאך ניט מיט שניט.

— חא, חא, חא! — האט זיך דער סוחר צולאַכט, — זענט מיר מוחל, איהר פערשטעהט גאר ניט קיין קאָמערציע. מסחר איז, דאַרפט איהר וויסען, אַלץ איינס, וואָס אַ מאַשין: האט זיך איין ראָד אָבגעשטעלט, אַרבייטען אויך ניט די איבעריגע, דערפאַר איז דאָ צווישען סוחרים אַ שפּרעכוואָרט: אַז אין באָריסאָווער אויעזר פאַלט אַנ'אָקס ביי אַ פויער, קומט אויס בראַנדענבורג'ס צוקער־פאַבריק אין ריגאַ צו באַנקראָטירען. און דאָס איז זעהר ריכטיג, וואָרום אַלע האַנדעלס־צווייגען זענען בעהעפט איינער צום אַנדע־רען, ווי די קלעפּקעס פון אַ פּעסיל: זאל מען נור איין קלעפּקע אַרויסנעהמען, טויג שוין ניט דאָס גאַנצע פּעסיל. אָט דאָס איז קאָ־מערציע!

— איהר האָט רעכט,—האט פאן אַנדריי מסכים געווען מיט אַ זיפץ, ווי מיטפיהלענד דעם סוחר.

ביי מיר שטעלען זיך די האָאר קאַפּויער, — האט מיחעל צוגעגעבען, איך ווער משוגע. ווען איך גיב נור אַ טראַכט וועגען דעם באַלאַנץ. איך וועל גאָט דאַנקען, ווען ס'זאָל נור קיין דעפי־ציט ניט זיין. וועגען פרנסה איז שוין ניטאָ וואָס צו טראַכטען. און וואָס איז דער חידוש: דער עולם האט אָנגעהויבען שפּאָרען

כמעט קאַרג געוואָרען: ס׳זענען ניטאָ ניט קיין בעלער, ניט קיין אָוועגדען. ווער ס׳פלעגט טרינקען רייגוויין, טרינקט איצט מאַדערע, און ווער ס׳פלעגט טרינקען מאַדערע, טרינקט איצט האַלב־ביער. און שאַמפּאַניער דאַרף מען שוין גאָר ניט האַלטען אַפילו, וואָרום קיינער לחלוטין פאָדערט עס איצט גאָר ניט. פון ניי־יאָהר ביז היינטיגען טאָג האָב איך צוויי דוצען פערקויפט. איהר הערט? מיחעל מאַלקעס האָט אין אַ משך פון אַכט מאָנאַטען פערקויפט צוויי דוצען שאַמפּאַניער! ווען איז עס געהערט געוואָרען? ס׳איז שוין נאָך אַלעמען אַפּנים.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל און אויפגערעגט האָט ער גענומען אַרומלויפען אין געשעפט אויף און אָב, סאָפּענדיג שווער און אָבווישענדיג מיט׳ן טיכעל דעם שווייס אויף זיין אָפּע־נעם און פולען פּנים, וואָס איז אַרום־געקרייזט געווען מיט אַ פּעך־שוואַרצע, עטוואָס בעגראָטע באָרד.

— אַמאָל, — האָט ער אָנגעפאַנגען דערנאָך עטוואָס בע־רוהיגט און צוריק צוזעצענדיג זיך — פלעגט פאַר ראָזשדעסטוואָ אָדער פאַסחאַ קיין הענד און קיין סחורה ניט קלעקען צו בעפרי־דיגען אַלע קונים. אין געשעפט איז אַ שטיקעניש, אַז ס׳איז ניטאָ וואו זיך אַ קעהר צו טהון, און איצט זיצט מען אָב אַ גאַנצען טאָג, און אַ קונה איז אַ זעלטענער גאַסט. ס׳איז אַזוי שטיל, ווען איך אייך זאָגען...

— אָבער, ליעבער פאַניע מיחעל, — האָט פאַן אַנדריי איהם איבערגעשלאָגען, — די שטילקייט איז פאַר אַ שטורם.

— אַ שטורם? — האָט דער סוחר איבערגעפרעגט, פער־שטעהענדיג דעם וואונק און האָט זיך דעריבער דערשראָקען, — זאָל אונז גאָט אָבהיטען פון אַ שטורם! מיר ווילען ניט קיין שטורם. צו וואָס דאַרפען מיר עס? ס׳וועלען זיך אָנהויבען קאָנטריבוציעס, רעקוויזיציעס, שטראָפען און אונטערזוכונגען. דאַן וועט נאָך ערגער זיין, אַ אומרוהיגע צייט איז אַ טויט פאַר קאָמערציע. אַז ס׳וועט זיך אָנהויבען דער שטורם, וועל איך שוין אינגאַנצען פערמאַכען דאָס געשעפט. נ.ר ווענען דעם וועלען מיר ניט ריידען... וואָס מאַכט די פאַני גרעפין?

— פיער הונדערט און פינף־און זעכציג רובל מיט אַכט און

פיערציג קאָפּיקעס, — האָט דער בוכהאַלטער אויסגעשריען, ווען ער האָט פערענדיגט דעם חשבון.

פאַן אַנדריי האָט אַרויסגענומען געלד און האָט אַוועקגעלעגט אויפ'ן בופעט.

— ריכטיג! — האָט דער בוכהאַלטער געזאָגט, צו ציילענדיג דאָס געלד און אַוועקלעגענדיג עס אין קעסטיל.

— אַ דאַנק פאַר קרעדיט, — האָט פאַן אַנדריי געזאָגט און האָט די האַנד געדריקט דעם סוחר. — איצט, פּאַנע מיחעל, דאַרף איך מאַכען אַ קליינע רשימה פאַר מיר. וואו זענען דאָס אייערע פריקאַזשציקעס?

— מיינע פריקאַזשציקעס? גלייך, פּאַנע. האַ, ווער איז דאָרט פאַרהאַן? ברוך! חצקאל! לייזער! — האָט ער אויסגעשריען אין טרויב, וואָס איז געגאַנגען פון געשעפט אין וויין-קעלער.

ווי גייסטער פין אונטער דער ערד, זענען פון קעלער אַרויסגעשפּרונגען דריי געזונדטע יונגע לייט מיט צוהיצטע פּנימער פון דער אַרבייט, מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און אין צושמאַלצענע שירצען.

— וואָס פערלאַנגט דער פאַן? — האָט דער סוחר געפרעגט, אָבגלעטענדיג זיין בייכעל.

— איך וועל פריהער זאָגען, וואָס צו פערצייכענען, אום איך זאָל ניט פערגעסען עפּיס, — האָט פאַן אַנדריי געזאָגט, צו געהענדיג צום בופעט.

— רעכט, — האָט דער סוחר געזאָגט און האָט צוגעוואונקען צום בוכהאַלטער.

דער בוכהאַלטער האָט גענומען אַ פעדער און פאַן אַנדריי האָט אָנגעהויבען צו דיקטירען.

— אַ קעפּיל צוקער, אַ פונט טיי.

— וואָסערן? — האָט דער סוחר געפרעגט.

— פינף-רובלדיגען, — האָט פאַן אַנדריי געענטפערט. — אַ קעסטיל לאַפערם, פיער פונט קעז.

— וואָסערן?

— שווייצער-קעז, אַ קעסטיל סאַרדינען, פיער פונט איקרע.

— דאָס וועל איך אייך ניט געבען, — האָט דער סוחר בעמערקט — ס'איז ניט גאָר פריש.

— דאַרף מען ניט, — האָט פּאַן אַנדריי געזאָגט. — פיער פלאַש ראָם, צוויי פלאַש אַלטע בראַנפּען, אַ האַלב רוץ פּאָרטער, אַ האַלבע דוץ שאַמפּאַניער.

— וואָסערן?

— מאדערער און דריי Liebfrauenmilch. דאָס איז אינגאַנצען.

— חברה! צו דער אַרבייט! — האָט דער סוחר קאָמאַנדירט.

די חברה האָט עס שנעל פאַרטיג געמאַכט.

— חצקאל, — האָט פּאַן אַנדריי זיך געווענדט צום בלאָנדען בחור מיט זומערשפּרינקלעך, דעם אייגענטימער פון'ם נאָמען, וועלכען די פּאָליאַקען האָבען אַזוי ליעב, — נעהם אַ פוהרל און פיהר עס אָב אַלצדינג צו דער פּאַני בראַגינסקאַיאַ, ווייסטו?

— כ'וויים, ערלויכטענכטער, פּאַנע, — האָט חצקאל געענטפערט און האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם שירץ און האָט אַביסעל אין אָרדנונג געבראַכט זיין אויסזעהן.

— אָט האָסטו דיר אויף אַ פוהרל, — האָט פּאַן אַנדריי איהם אַ וואָרף געגעבען אַ דריי-רובלדיגע. דער פּאַני בראַגינסקאַיאַ וועסטו זאָגען, אַז איך וועל גלייך קומען. איך וועל נור צופאָהרען אין קאָנדיטעריי.

ער האָט בעצאָהלט, האָט זיך צוקושט מיט מיחלען און איז אַוועקגעפאָהרען.

דער ווירקליכער פאַמיליען-נאָמען פון דער פּאַני בראַגינסקאַיאַ איז געווען סווענטאָבזשעסקאַיאַ; בראַגינסקאַיאַ האָט זי זיך אָנגערופען נ"ר אין די אַפישען און אין די צייטונגען: זי איז געווען אַנ'אַקטריסע און איהרע קרובים האָבען איהר דעריבער פערוועהרט צו פערשמוצען דעם האָנאָר פון דעם אַלטען הערב סווענטאָבזשעסקי. אמת, זי האָט ניט פערשמוצט דעם הערב, און זי האָט מיט איהר טאַלענט און בעגייסטערונג איהם צוגעגעבען נאָך אַ גלאַנץ און רוהם: איהר נאָמען האָט געקלונגען אין דער גאַנצער געגענד און אין קעניגרייך, די פוילישע סצענע האָט מיט איהר שטאָלצירט אָן איהר האָט זיך וויפיעל מאָל געווענדט צו פערבייטען איהר שליאַכטע-הערב אויף אַ גרעפישען אָדער אַ פירסטליכען, — נור ד פעאָדאַלען האָבען אַנ'אַנדער מיינונג געהאַט וועגען עהרע — קיינ

איז פאַני בראַגינסקאַיאַ אויף דער סצענע, קאָמפּראָמעטירט זי אַלזאָ דעם אַדעל־יחוס.

אין יאָהר 1861, ווען די פּאָליטישע אויפרודערונג אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצווייזען אָפענער, און פאַני בראַגינסקאַיאַ, נאָכמאַכענדיג דער געריהמטער ראַשעל, וואָס האָט מיט איהר געניאַלען דעקלאַמירען „מאַרסעליעזע" צו אונגעוועהנליכע התפּעלות געבראַכט די פּאַריזער איינוואוינער, — איז אויך אַמאָל אַרויף אויפ'ן קאַטעדער פון דער הויפט קאַטוילישער קלויסטער אין דער שטאָדט נ. און האָט פון דאָרט דאָס ערשטע מאָל היים און בעגייסטערט דעקלאַמירט דעם הימן Boże, coś Polśke, וואָס איז פון דאַן אָן פּאָפּוליער געוואָרען, איז אַריבער פון קאָסטיאָל אין די סאַלאָנען, און פון דאָרטען—אויף די גאַסען און אין די שאַרמאַנקעס. מ'האָט איהר אַרעסטירט, נור אַדאַנק דער השתדלות פון איינפלוסרייכע פּערזאָנען האָט מען איהר בעפרייט. איהר אַרטיסטישע קאַריערע איז שוין אָבער געווען כמעט געענדיגט, וואָרום טעאַטער־פאָרשטעלונגען זיינען געווען פערוועהרט פון יענע, וואָס האָבען אַ טרויער אָנגעצויגען אויף דער גאַנצער געגענד. פאַני בראַגינסקאַיאַ איז אויסער זיך געווען: דער רוהם, געראַדער, בראַוואָ־פּאַטשעריי און אָוואַציעס זענען שוין געוואָרען פאַר איהר אַ נאַטירליכע נויטווענדיגקייט. נור זי האָט געפונען וואָס צו טהון: זי האָט ביי זיך איינגעאָרדענט, אָנשטאָדט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, ליטעראַרישע אָווענדען.

אויף די דאָזיגע ליטעראַרישע אָווענדען ביי פאַני בראַגינסקאַיאַ האָט זיך אַ לאָז געטהון די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע, די גאַנצע יוגענד און אַלע, וואָס האָבען עטוואָס אַ השגה געהאַט פון ליטעראַטור. די פאַני בראַגינסקאַיאַ אין אַ קראַקויער קאָסטיום האָט אויף די אָווענדען דעקלאַמירט אָבגעקליעבענע שטעלען פון מיצקעוויטש, האַדזקאָ און סיראָקאָמלי'ס פּאָעמען, און אָפטמאָל אויך איהרע אייגענע אימפּראָוויזאַציעס, אין וועלכע זי האָט קאָנקורירט מיט דער בעוואוסטער וואַרשויער אימפּראָוויזאַטאָרין דעמיטימאַ, און פאַן זאַינטשקאָווסקי, אַ צווייטע בעריהמטע פּערזאָן פון דער פּוילישער סצענע, האָט פאָרגעלייענט פון די ווערק פון גראַף פרעדער, באָגוסלאַווסקי, באַרזשענעווסקי, בראַשעווסקי, ווינצעט פּאָל, זשיגמונד באַטשקאָווסקי און אַנדערע. דאָס פּובליקום פלעגט אַפּלאָ־

דירען, פּוסירען, בעשיטען די אַרטיסטען מיט בלומען און מתּנות. פאַני בראַגינסקאַיאַ איז געווען צופריעדען.

ביסלעכווייז אָבער זענען די אָווענדען פערוואַנדעלט געוואָרען אין פערוויילונגען, וואו מ'האָט פריהער מעהר גערעדט, ווי געלייענט, און דערנאָך האָט מען שוין מעהר געטרונקען, ווי געשפּרעכען געפיהרט. ענדליך זענען די אָווענדען פערוואַנדעלט געוואָרען אין הוליאַנקעס. דאָרט האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען בחורים און מיידלעך, וואָס האָבען געזוכט פערוויילונגען, פערגעניגענס, קאָרטען-שפּיעל, שכּרות און ליעבע-אינטריגעס. אונבעמערקט פאַר זיך זעלבסט, האָט זיך פאַני בראַגינסקאַיאַ אַליין אַריינגעצויגען אין דאָס דאָזיגע לעבען; אָנשטאָדט צו ענטציקען די געסט מיט איהרע בעגייסטערטע דעקלאַמאַציעס, האָט זי זיך געלאָזט ערקוויקען מיט די התפּעלות'דיגע קאָמפּלימענטען און חניפות פון איהרע פערעהרער, וואָס האָבען אין איהר קודם כל געזעהן אַ יונגע און אַ שע-נע פרויענצימער. צו איהרע פערעהרער האָט אָנגעהערט אויך פאַן אַנדריי. די גאַנצע צייט, וואָס איז בּיי איהם פריי געבליבען פון דיענסט ביים זשאַנד און בּיי דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, האָט ער פערבראַכט בּיי איהר; דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער פלעגט דורך פערשיעדענע רמאות אַרויסבעקומען ביים זשאַנד און בּיי דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, פלעגט ער אויסגעבען אויף איהר. ער איז געווען איהר קאָמיסיאָנער, איהר אנגעטרויטער און דער הויפּט אָרדנער אויף איהרע אָווענדען.

VII.

האַלבע נאַכט. אַלע צימערען אין דער גרויסער דירה פון פאַני בראַגינסקאַיאַ זענען העל בעלויכטעט. די פערוויילונג איז אין סאַמע „ברען“. אין זאַל ווערט געשפּיעלט אויף פיער טישלעך. אויף איין טישעל אין סאַמע מיטען זאָ׳ שפּיעלען איים אַ באַנק: פאַן אַנדריי מיט אַ רויט פּנים פון היץ, אויפרעגונג און פונש און מיט אויפגעשויבערטע האָאָר, צוויי אולאַנער — אַ קאָרנעט און אַ שטאַבּס-ראָטמיסטער — און איינער אַ ציווילער מאַן. דער קאָרנעט היצט זיך און פערשפּיעלט, און דער ציווילער, עפּיס אַ באַראָן, פערשפּיעלט און לאַכט, פונקט ווי דאָס פערשפּיעלען מאַכט איהם זעהר לעכערליך. נעבען פאַן אַנדריי געפינט זיך אַ גלאָז פונש און

א הויפען אסיגנאציעס פון אלערליי קאליערען. ארום די שפילערס איז שוין דא א קרייזעל מענער און פרויען, וואס קוקען זיך צו צום שפיעלען. אויף די איבעריגע טישלעך געהט א סאלידער פרעפע־ראנס. אין גאנצען זאל איז א געדיכטער רויך פון סיגארען און פאפיראסען.

אין גאסט־צימער שפיעלען אין בעהעלטעניס פיער יונגע־לייט און דריי זינגערינס. ס'הערט זיך שמוצעריי, געלעכטער און קושען.

אין בודואר זיצט די פאני בראגינסקאיא אין א שווארצער־זיידענער קלייד מיט א פערלמוטערין צלם אויפ'ן האלז, — זי זיצט אויפ'ן סאפקע און שפיעלט מיט'ן הינטעל ביי איהר אויף די קניה. אנטקעגען איהר אויף א גרויסען פאטערשטוהל זיצט פאן וויביורקא, א קליינער, דינער יונגער מאן, מיט זעהר א בלאסען, אבער זעהר א אויסדריקליכען פנים, מיט אונגעוועהנליך לייכטענ־דע און בעוועגליכע שווארצאפלען און מיט לאנגע שווארצע האאר, וועלכע ער פערקעמט ווי א גלח. ער האלט עפיס א דרשה ווי זיין שטייגער איז מיט היץ, דערביי מאכט ער שרעקליכע גרימאַ־סען און שליידערט אום מיט זיינע קליינע, כמעט קינדערשע הענטלעך.

פאן וויביורקא איז א זוהן פון א גאנץ פערמעגליכען גוטס־בעזיצער, האט אין דער־היים בעקומען א גאנץ גוטע ערציהונג און דערנאך האט ער שטודירט אין דער הויפט אגראנאמישער שול. נור אום ליעבע צו דער סצענע און צו איהר פארשטעהע־רען, צו דער פאני בראגינסקאיא, האט ער געווארפען די אגרא־נאמיע און האט זיך גענומען צוגרייטען אלס שוי־שפיעלער, אום צו געהן אויף איין וועג מיט דער הערשערין איבער זיין הא׳ץ. ער האט שוין געהאט בעקומען א ערלויבנים צו דעביוטירען אין דער ראלי פון האמלעט, נור דאס אבשטעלען פלוצלונג די טע־אטראלע פארשטעלונגען האט צוקלאפט אלע זיינע האפנונגען און טרוימען. פון יאוש איז ער שיער פון זינען ניט אראב, נור דער־נאך האט ער זיך עטוואס בערוהיגט און האט אונטער די פענ־סטער פון פאני בראגינסקאיא אנגעהויבען צו דעביוטירען אין דער ראלי פון ראמעא. „יוליא״ אויך, אבישעל אוים רחמנות און אבי־סעל אוים מורא, ער זאל ניט ערפילען זיין דראהונגס־ווארט —

אויפצוהענגען זיך אונטער׳ן פענסטער — האָט צוגעהערט זיין שטים און ז׳ האָט איהם ערלויבט אריינצוקומען צו איהר.

פאַן וויבּיורקאָ איז געווען צופריעדען, געווען גליקליך, ווייל פּאַני בּראַגינסקאַיאַ פלעגט שטענדיג מיט געדולד אויס־הערען זיינע פלוידערייען, האָט זיך ניט ערלויבט זאָגאר אַ גענַי׳ך צו טהון, חאָטש ס׳האָט איהר שטענדיג זעהר געצויגען צו דעם. איינס נור האָט שטענדיג בּעאונרוהיגט, זאָגאר געפּייניגט דעם פּאַן וויבּיורקאָ — דער פאַן אַנדריי, אין וועלכען ר׳האָט בּעזונדערס גע־פיהלט אַ קאָנקורענט און האָט איהם דערום געהאַסט פון גאַנצען הארצען. ער פלעגט יעדעס מאָל טרייסלענים בּעקומען, ווען פּאַן אַנדריי פלעגט זיך אָנריהרען אָן דער האַנד פון פּאַני בּראַגינ־סקאַיאַ. ער האָט זיך אַ שבועה געגעבּען אומצוברענגען דעם פּאַן אַנדריי, ר׳האָט שוין בּעטראַכט אַ מיטעל, נור ר׳האָט אָבּגעצויגען איבּער זיין אונבּעשלאָסענהייט.

אין דעם אָוועגד האָט פּאַן וויבּיורקאָ גע׳דרשנ׳ט וועגען אייפערזוכט—צו דער טהעמאַ פלעגט ער אָפט קומען, ווייל דאָס האָט איהם מעהר פון אַלץ פערנומען.

— אָטעלאָ — האָט ער געזאָגט, צוקרימענדיג זיין קליין פּרצוף,—געפעהלט מיר כלל נישט.

— פּאַני בּראַגינסקאַיאַ האָט אויף איהם אַ וואָרף געטהון אַ שטרענגען, כמעט אַ פעראַכטענדען בּליק.

— דאָס הייסט, ניט די גאַנצע דראַמאַ,—האָט ער געאיילט ווייבּער צי מאַכען זיין אורטייל, — נור דער סוף. מיט דעם סוף האָט שעקספּיר אַ אונפערצייהליכען פעהלער געמאַכט...

פּאַני בּראַגינסקאַיאַ האָט ענערגיש אַ קוק געטהון, ווי גע־פאָדערט אַ ערקלערונג.

— ווען איך זאָל זיין אָטעלאָ, — האָט ער צוגעגעבּען,— ענטשולדיגט, ניט דאָס האָבּ איך געוואָלט זאָגען. ווען איך זאָל זיין אויף שעקספּיר׳ס אָרט, וואָלט איך געצוואונגען מיין אָטעלאָ צו דער׳הרג׳ענען קאַסיאָ, און ניט דעזדעמאָנאַ — דאָס וואָלט גע־ווען אויסגעהאַלטענער, ווען אָטעלאָ זאָל דער׳הרג׳ענען די פער־זאָן פון זיין אייפערזוכט, און ניט די פערזאָן פון זיין ליעבּע. צו וואָסער טייוועל זאָל ער דער׳הרג׳ענען דעזדעמאָנאַ׳ן, און דערמיט זאָל ער זיך בּעשטראָפען, אַנשטאָדט צו שטראָפען זיין אַדיוטאַנט

וואָס האָט, ווי ער האָט עס גערעכענט, אַריינגעבראַכט פערשוועכונג אין זיין פאַמיליען־לעבען. איך פערשטעה עס לחלוטין ניט.

— נו, דאָס איז דעריבער,—האָט פאַני בראַגינסקאַיאַ איהם ערקלעהרט,—וואָס איהר פערשטעהט ניט דאָס מענשליכע האַרץ. מיט דער ערמאָרדונג פון קאַסיאָ וואָלט אָטעלאָ ניט עררייכט זיין ציעל, ער וואָלט זיך ניט אויסגעהיילט פונ׳ם אייפערזוכט, וואָס האָט איהם געפייניגט, וואָרום אייפערזוכט איז אַזאַ שטאַרקעס, בייזעס געפיהל, וואָס אַלע מאָל לעבט עס איבער יענעם, ווער ס׳האָט עס אַרויסגערופען. אָטעלאָ׳ן וואָלט זיך אַלץ געדוכט, אַז דעזדעמאָנאַ האָט נאָך אַלץ ליעב קאַסיאָן, זאָגאַר אַ דער׳הרג׳עטען, אַ בעזייטיגטען—זי היט אין איהר האַרצען אַנ׳אַנגענעהמען אָנדענקען וועגען איהם, און דעריבער האָט ער געמוזט דערשלאָגען, פערניכטען דאָס האַרץ, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט אָנגעהערען איינגאַנצען איהם. דער אויסוואורף יאַגאָ האָט געוואוסט, וואָס ער טהוט. ער האָט אַ דאָפּעלטעס ציעל געהאַט: דערווייטערן פון דער עהרען־אַמט קאַסיאָ, וועלכען ער האָט מקנא געווען, און פערגיפטען דאָס לעבען אָטעלאָ׳ן, וועלכען ער האָט געהאַסט פאַר זיינע פריהעריגע בעציהונגען צו זיין פרוי עמיליאַ. דאָס ערשטע ציעל האָט ער ערגרייכט דורך דעם אויפווייזען, אַז קאַסיאָ פעלשט אויף זיין אַמט, און דאָס צווייטע — דורך אייפערזוכט. יאַגאָ האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז דער אייפערזיכטיגער אָטעלאָ וועט דער׳הרג׳ענען דעזדעמאָנאין, און ניט קאַסיאָ, ד. ה. ער וועט זיך שטראָפען, און דאָס נור האָט ער בעגעהרט. אַלזאָ, ליעבער פאַני וויבורקאָ, זאָלט איהר מיר מיין שעקספּיר׳ן ניט שטעפען. הלואי, זאָלען אונזערע שריפטשטעלער אויף אַ העלפט חאָטש אַזוי גוט וויסען דאָס מענשליכע האַרץ, ווי שעקספּיר האָט עס געקענט ... ווייטער זענט מיר מוחל, וואָס איך פערלאָז אַייך, — האָט זי אַרויסגעזאָגט, אויפהויבענדיג יך פון סאָפקע — מ׳דאַרף אַ חאַפּ טהון אַ קוק אויפ׳ן ווירטשאַפט: ס׳איז שוין צייט צו פעראָרדנען וועגען אָוועגד־ברויט, וואָרום די געסט האָבען זיך שוין געווים אויסגעהונגערט.

פאַני בראַגינסקאַיאַ איז אַרויסגעגאַנגען, און פאַן וויבורקאַ איז פערבליעבען אין בודואַר.

— און איך בלייב מיר פאָרט בייַ מיין מיינונג, — האָט ער געטראַכט פאַר זיך, אַרומגעהענדיג הין און צוריק איבער׳ן בודואַר

און די הענד צונויפגעלעגט אויפ'ן ברוסט:—מיט דעם ערוויטערן דעם געגענשטאַנד פון אייפערזיכט ווערט ערווייטערט די אויפער-זיכט גופא. איך בין אין דעם איבערצייגט, איך וועל עס אַוודאי טהון. יאָ, כ'וועל טהון! ס'איז שוין צייט צו בעשליסען. צום טייוועל! זאָל עס נעמען אַ סוף.

ער איז צוגעגאַנגען צום שרייב-טיש, האָט גענומען אַ בליי-גלעל פאַפיער און האָט אָנגעשריעבען עטליכע שורות, האָט עס צונויפגעלעגט, פערזיעגעלט, איז דערנאָך ארויסגעגאַנגען אין צי-מער פון די דיענער, האָט צוגערופען זיין לאָקיי (אַנדערע געסט פלעגט אויף די פערוויילונגען מיטברענגען זייערע לאָקייען צום בעדיענען), האָט איהם אָבגעפיהרט אין אַ זייט און האָט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף און געזאָגט:

— דעם בריעף טראָג אָב דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ. אויב זי שלאָפט שוין, זאָלסטו זאָגען דעם לאָקיי אָדער דעם שווייצאַר אז מ'זאָל איהר אויפוועקען, ווארום ס'איז זעהר נויטיג, דו פער-שטעהסט? נור דו זאָלסט קיינעם ניט זאָגען, וואוהין דו בינסט געגאַנגען. זאָלסט זאָגען, אַז איך האָב דיך געשיקט נאָך עפּיס אַהיים.

מיט דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ האָט שיער נישט געטראָ-פען אַן אַפּאָפּלעקסיע, ווען זי האָט איבערגעלייענט דעם בעקומע-נעם אַנאָנימען בריעף. מ'האָט עס איהר דערלאַנגט אין בודואַר, בעת זי האָט זיך אַ חאפּ געטהון פאַר'ן קאָפּ, פאַר'ן הארץ, האָט אַ געשריי געטהון און איז אומגעפאַלען אויף אַ נאָהנטען שטוהל. איהר חלש'ן האָט געדויערט עטליכע מינוט. אַז זי האָט ערוואַכט, האָט זי גענומען ברעכען די הענד און האָט זיך צעוויינט. — איז אָט וואו ער פערברענגט די אָוועגדען און פערשווענד מיין געלד!— האָט זי געוויינט,—ער נאַרט מיך, ער צוזאַמען מיט זיין געליעב-טער לאַכען אוים פון מיר! אַ, אויסוואורף! מנוול! שפלע-בריאה! ביי אַ קנעבט איז אַ קנעבטישע געוויסען... און איך האָב איהם גע-טרויט, געגלויבט אין זיין שקר! אַ, גאָט מיינער! ווי שוואַך און נאַריש מיר, פרויען, זענען!.. „איך וויל היינט נאָך אָבסלק'ן מיינע חובות". אָט דאָס סלק'ט ער זיינע חובות. און איך, נאַ-רישע, האָב איך איהם נאָך געגעבען דריי טויזענדער פון קהל'שע געלד!

פון כּעס און געװיסענסביסען האָט זי גענומען רײסען און בײסען איהר טיכעל.

— נור איך װעל זיך מיט איהר רעכענען! — האָט זי געשריען מיט פײער. — איך װעל איהם אומבּרענגען, איהם און זײן געליעבּטע... ס'איז שױן צײט קלוג צו װערען. ס'איז שױן צײט צו װיסען, אַז איך בּין גרעפין סטאַשציצקאַיאַ, און ער איז אַ פּױער. צװישען מיר און איהם קאָן קײן שום שײכות ניט זײן. איך האָבּ איהם פון זומפּ אַרױסגעשלעפּט און אין זומפּ װעל איך איהם װידער אַראָבּלאָזען. איך װעל איהם װײזען, אַז עטװאָס אַ װערדע האָט ער געקאָנט בּעקומען נור אין מײן חסד, װעל איך מײן חסד אָבּטהון—איז ער װידער אַ גאָרנישט.

דער צאָרן האָט איהר צוגעגעבּען קרעפטען און ענערגיע. זי איז אױפגעשפּרונגען און האָט אָנגעקלונגען.

ס'איז אַרײנגעקומען סטעפאַניאַ.

— רוף אַרײן דעם פּאַן װידראַ! האָט די גרעפין בּעפעלען.

פּאַן װידראַ האָט זיך פון אַ קורצע צײט צוריק אױפגעהאַלטען בּײ דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, האָט איהר געדיענט אַלס „ראַטהגעבּער“ און „פערהיטער“, װי ער אַלײן האָט זיך אָנגערופען. מיט דער גרעפין האָט איהם פערבּונדען ניט נור זײן אָנגעהערען צום זשאָנד, נור אױך פיעל פאַמיליען־ערינערונגען: ער האָט איהר געקענט נאָך אַלס קינד, װען ער איז געװען עקאָנאָם בּײ איהר פאָטער, און דעריבּער איז ער איהר געװען איבּערגעגעבּען מיט'ן גאַנצען האַרצען, און זי האָט איהם שטענדיג געשיצט, און אַפּשיטא שױן, װען ער האָט זיך אױף דער עלטער גענױטיגט טאַקי אין דעם. אַ קריעגער און אַנ'אַכזר האָט ער קױם געקאָנט בּעקומען אַ שטעל. די גרעפין סטאַשיצקאַיאַ האָט, אױס אַלטע בּעקאַנטשאַפט איהם געשטיצט, זי האָט איהם, הײסט עס, געגעבּען גרױסע נדבות, נור אױף אַ שטעל צו זיך האָט זי איהם ניט גענומען איבּער זײן בּײזען חאַראַקטער. נור מיט איהר אַלײן איז ער װײך געװען, װײל ער האָט פאַר איהר ניט אַזױ מורא געהאַט, װי ער האָט איהר ליעבּ געהאַט. פאַר איהר װאָלט ער געהן אין פײער און װאַסער און ער איז אױסער זיך געװען פאַר פרײד, װען זי האָט איהם ערלױבּט צו זײן איהר בּעל־יועץ און פערהיטער.

— אין דער אומרוהיגער צייט, וואָס מיר לעבען איבער,— האָט ער איהר געזאָגט ביי זיין פאַרשלאָג,—וועט איהר, ערלויבּ־טענסטע פאַני גרעפין, ניט איין מאָל גענויטיגט זיין אין אַזאַ א״בערגעגעבּענעם און געזונדטען דיענער, ווי איגנאַץ ווידראַ.

דערביי האָט ער אָנגעוויזען אויף זיינע גרויסע מיסקול־פּויס־טען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי אייזערנע האַמערס, און זענען אַזויפיעל אויך ווערטה געווען. ניט אומזיסט האָט ער אין זשאַנד בּעקומען דעם צונעמענים—האַמער.

בּעזעצענדיג זיך בּיי דער גרעפין אין הויז, האָט פאַן ווידראָ אָנגעהויבען צו פיהרען עפּיס אַ משונה׳דינען אַרט לעבען: פון א בּעזונדער צימער האָט ער זיך לחלוטין אָבּגעזאָגט, צום טיש פלעגט ער ניט געהן, און פלעגט עסען שטעהענדיגערהייד אין צימער פאַר די דיענער.

טיי פלעגט ער ניט טרינקען, שלאָפען פלעגט ער ניט אויסגעטהונענערהייד אויף דער היילער ערד, אָדער ערגיץ אין קאָרידאָר, אָדער אויפ׳ן בּוידים, צו גאָר אין שטאַהל, און שטענ־דיג מיט זיין דיקען שטעקען ביי זיך, וועלכען ער פלעגט ניט אָבּ־לאָזען אויף קיין איין ווייל. אַזאַ אַרט לעבען האָט ער געפיהרט ניט בּלויז אוים שגעון, נור מיט א בּעשטימטען ציעל: אַלם מיט־גליעד פון דעם ג׳ינפטיגען אויפשטאַנד און אַלם וועכטער האָט ער זיך צוגעוועהנט צו אַ געפּייניגטען לעבען, ר׳האָט זיך פּראַק־טיש צוגעגרייט צו זיין אַ „קריגס־מאַן ווי ס׳געהער צו זיין״.

אַז די גרעפין האָט נאָך איהם געשיקט, האָט מען איהם אויפגעזוכט אויף אַ קופּע היי. ער איז אַרייננגעקומען צו דער גרעפין.

— אַ צרה, פאַנע ווידראַ, אַנ׳אומגליק—האָט איהם די גרע־פין בּעגעגענט.

— וואָס איז אַזוינס? — האָט ער אויף דער גרעפין אויס־געשטעלט זיינע גראָהע אויגען, וואָס זענען נאָך פערשלעפערט געווען.

— איך האָבּ זיך אָקאָרשט ערשט דערוואוסט, אַז ביי בּראַגינ־סקאַיאַ איז יעדען אָוועגד — אָרגיעס. ס׳קומען זיך צונויף יונגע מענשען, מ׳שפּיעלט אין קאָרטען, מ׳שכּורט. מיין אַנדריי קומט אויך אַהין. וואָלט איהר עס געגלויבּט?

— פאַרוואָס ניט? — איך ווייס שיין לאַנג פון דעם.

— פאַרוואָס האָט איהר מיר גאָרנישט ניט געזאָגט ווע־גען דעם?

— ווייל איך האָב זיך איבערצייגט, ערלויכטעסטע פאַני גרעפין, אַז אייך איז ניט אַנגענעהם צו הערען ווען מ׳רעדט פון פאַן אַנדריי׳ס אויסגעלאַסענקייט.

— אָבער ער צורואינירט דאָך מיך!

— ווער ווייס עס ניט?

— היינט זאָגאַר האָט ער ביי מיר אויפ׳ן שענדליכסטען אופן אויסגענאַרט דריי טויזענד רובל.

— און איצט פערשווענדט ער עס ביי זיין געליעבטער, ווי זיין שטייגער איז.

די גרעפין איז בלאַס געוואָרען, האָט זיך אַ טרייסעל גע־טהון און איז שיער ניט אומגעפאַלען. פאַן ווידראַ האָט שנעל איהר צוגערוקט אַ שטוהל, אויף וועלכען זי האָט זיך אַראָבגעלאָזט שווייגענד און אויפגערעגט.

— און איהר ווייסט עס געוויס, — האָט די גרעפין שוואַך אַנגעהויבען אין אַ פּאָר מינוטען אַרום, — איהר פּאַנע ווידראַ, ווייסט עס געוויס, אַז בראַגינסקאַיאַ איז זיין געליעבטע.

— זאָל איך אין דער ערד איינזינקען, אויב ס׳איז ניט אמת! וואָס וועל איך אויף דער עלטער אָנהויבען ליגען צו זאָ־גען פאַר מיין וואָלטעטערין? איגנאַץ ווידראַ זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגען און טרייבט ניט קיין רכילות.

די גרעפין האָט געביסען איהרע ליפּען, אום ניט צו וויינען.

— איצט איז צווישען אונז אַלץ געענדיגט — האָט זי אַרויס־געזאָגט.

— אַ דאַנק גאָט! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען, איז געפאַלען אויף די קניה און האָט די הענד געהויבען צום הימעל, — איך וועל אָבהאַלטען אַ גאָטעס־דיענסט, ווען איהר וועט דורכטרייּ־בען דעם דאָזיגען מנוול, וואָס איז ניט ווערטה אַ לאָקיי צו זיין ביי אייך, וואָס פערשמוצט אייער עהרע, בעראַבעוועט אייך אין מיטען העלען טאָג און האָט אייך צוקריגט מוט דער גאַנצער ערלויכ־טענסטער פאַמיליעס. שפּייען דאַרפט איהר אויף איהם, מיין גוטע, מיין טייערע גרעפין! מעהר איז ער ניט ווערטה. אייער פאָטער אויפ׳ן עולם האמת וועט זיך דערפרעהען, זעהענדיג, אַז זיין טאָכטער

האָט זיך צוריקגעקעהרט אויפ׳ן וועג פון עהרע און גלויבען. אין נאָמען פון אייער פערשטאָרבענער מוטער, די דאָזיגע הייליגע פרוי, בעשווער איך אייך, איהר זאָלט זיין פעסט און שטאַרק אין אייער בעשלוס.

ער איז צוגעפאַלען צו איהרע פיס, האָט זיי געקושט און געוויינט. די גרעפין האָט אויך געוויינט.

— שטעהט אויף, מיין גוטער ווידרא, — האָט זי געזאָגט און האָט איהם אויסגעשטרעקט די הענד, — מ׳דאַרף ניט בעשווער-רען: איך בין פעסט אין מיין בעשלוס. איך האָב זיך אויסגעהיילט פון מיין שוואַכקייט. פון איצט אָן געהער איך צו גאָט און צום פאָטערלאַנד. די פוס פון דעם מענשען וועט קיינמאָל ניט איבער-טרעטען מיין שוועל. היינט נאָך וועל אָך פערזאָגען, אַז מ׳זאָל איהם ניט אריינלאָזען. נור, ליעבער פאַנע ווידרא, דאָס איז וועניג. איך בין בעליידיגט אַלס פרויענצימער. איך וויל זיך נוקם זיין אָן איהם.

— בעפעהלט נור, ערלויכטענסטע פּאַני גרעפין, — האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט זיך אָנגעהאַפּט פאַר זיין שטעקען, — הייסט נור, וועל איך איהם קאַטעווען, אַז ער וועט שוין געדענקען.

— ניין, — האָט די גרעפין געענטפערט, — קיין סקאַנ-דאַלען דאַרף מען נישט. כ׳וויל, אַז איצט זאָלט איהר געהן צו בראַנינסקאַיאַ און ענטדעקען דאָרט די גאַנצע אָרגיע, און מאָרגען... מאָרגען וועל איך זיך רעכענען. איך וועל אויף זיי אָנרייצען דעם גראַף באַלעסלאַס, וואָס וועט זיך מיט זיי אָברעכענען אויף זיין שטייגער.

— דאָס איז גוט, — האָט פאַן ווידרא געלויבט, צופריע-דען רייבענדיג די הענד, — ער וועט זיי שוין געבען!

— און דעריבער זאָלט איהר מאָרגען ערגיץ ניט געהן, — האָט די גרעפין געענדיגט, — גאַנץ פריה וועט איהר מיט מיר פאָהרען צום גראַף, איהר — אַלס עדות. און איצט מארש צו בראַנינסקאַיאַ.

— כ׳לויף, כ׳לויף. אדיע! אַ גוט נאַכט און גוטע חלומות...

— נור אָהן ס׳ךאַנדאַלען, פאַנע ווידראַ! — האָט איהם די גרעפין נאָכגעשריען.

— אָהן, אָהן! — האָט זיך דער אַלטער אָבגערופען פון פאָרהויז.

די גרעפין האָט צוגערופען סטעפאַניאַ׳ן און איז אַוועק אין שלאָף־צימער.

VIII.

גראַף טענשינסקי איז אויפגעוואַכט געוואָרען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען די ארגיעס בײַ פאַני בראַגינסקאַיאַ. זיין שטאָלץ האָט געליטען פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט זיך טועה געווען אין חשבון. איהם האָט זיך געדוכט, אַז איהם בײַ זיין געשיקטקייט האָט געלונגען צו פּעראינטערעסירען, צו צוציהען די גאַנצע בעפעלקערונג צו איין ציעל, און נור וועגען דעם איין ציעל טראַכטען איצט אַלע, און לויט זיין צייכען וועלען אַלע, ווי איין מענש, אויפשטעהן, אַזוי ווי ער האָט וועגען דעם פיעל מאָל מיטגעטיילט אין צענטראַל־קאָמיטעט. שטעלט זיך אַרויס, אַז אַפילו די יוגענד, אויף וועלכע ר׳האָט בעזונדערס גערעכענט, טראַכט גאַר ניט פון דעם ציעל און איז פערנומען מיט הוליאַנקעס און ליעבעאינטריגעס.

— וואָס וועט זשע זיין מיט׳ן ענין פאָטערלאַנד? — האָט ער זיך געפרעגט, אַרומשפּרייזענדיג אין זיין קאַבינעט הין און צוריק און געבראָכען די הענד. — אויב די אַלטע וועלען גאַרנישט ניט טהון אויס פּחדנות און אויס ליעבע צו רוהע, און די יוגענד וועט הוליען, איז מיט וועמען וועלען מיר פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד? אָ, פאָליאַקען, פאָליאַקען, ווען וועט איהר שוין ווערען אבת׳ע פּאַטריאָטען?... נור מ׳דאַרף טהון.

ער האָט צוגערופען דער פאַן פראָנדקעוויטש און האָט איהם געהייסען אַרויסרופען אַנדרייען, די פאַני בראַגינסקאַיאַ און פאַן ווידראַ. אין ערוואַרטונג אויף זיי, האָט ער זיך געזעצט שרייבען בעפעהלען, פּעראָרדנונגען, אינסטרוקציעס. בײַ דער בעשעפטיגונג האָט איהם געטראָפען פאַנאַ יוליאַ, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוקומען צו איהם ניט אָנפרעגענדיג זיך.

— זעהר גוט, יולינקאַ, וואָס דו ביסט געקומען — האָט

ער איהר בענגענט, שרייבענדיג ווייטער,—איך האב ערשט גע־וואלט נאך דיר שיקען. זעץ זיך, איך ענדיג גלייך.

פאנא יוליא האט זיך געזעצט אויפ'ן דיוואן.

— דא איז אזא ענין, — האט דער גראף געזאגט, ווען ר'האט געענדיגט שרייבען אין האט זיך צוגעזעצט נעבען זיין פלי־מעניצע. לטובת אונזער ענין דארף מען מאכען איינינע אומענדע־רונגען אין דעם פערסאנאל פון זשאנד. איינינע מיטגליעדער זענען ניט גאר פאסענדע פאר זייער ראלי. מ'דארף פון זיי פטור ווערען. און וואס פריהער, איז בעסער. און דעריבער זאלסטו א פאהר טהון צו אורעליא ...

— דוכט זיך, אז זי איז אקארשט ערשט דא געוועזן, — האט פאנא יוליא בעמערקט.

— יא, און זי וועט דיר אליין דערצעהלען וועגען וואס זי איז דא געוועזן, איך האב קיין צייט ניט. אלזא, טהו א פאהר צו דער גרעפין סטאשיצקאיא און וועסט איהר זאגען, אז דער זשאנד בעפרייט איהר פון צו זאמלען געלד און פון דער אויסלענדישער קארעספאנדענץ. דו וועסט איהר איבערגעבען אט דעם פאפיער.

ער איז אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צום שרייב־טיש, האט גענומען א פאפיער און עס אבגעגעבען דער פאנא יוליא.

— פאר וואס איז עס אזא שטראף? — האט זי געפרעגט, און האט אנגעקוקט דעם גראף ערשטוינט און ערשראקען.

— א מענש, וואס איז פערנומען מיט ליעבע־אינטריגעס, קאן ניט זיין קיין מיטגליעד פון זשאנד, — האט דער גראף געענטפערט גרוויזאם און ענטשלאסען. — הערצליכע געהיימניסען און דער ענין פאטערלאנד בינדען זיך ניט צוזאמען בשום אופן ניט.

פאנא יוליא איז רויט געווארען און האט זיך פערטיעפט אינ'ם לייענען דעם פאפיער.

— דו וועסט איהר זאגען — האט דער גראף צוגעגעבען, ניט בעמערקענדיג, ווי זיין פלימעניצע איז געווארען צומישט,— דו וועסט איהר זאגען, אז זי זאל גרייט זיין איבערצוגעבען די טעג די ביכער, דאקומענטען און דאס געלד יענעם, וואס וועט צו איהר צוגעשיקט ווערען מיט א בעפאלמעכטיגונג פון זשאנד.

— זי וועט זיך אבער געפינען בעליידיגט, — האט פאנא יוליא בעמערקט.

— דו וועסט איהר ערקלעהרען, אז די נוצען פונ'ם ענין פאדערט עס, אז זי דארף זיך ניט בעליידיגען, אז מיר רעכענען אויף איהר פאטריאטיזם, פון וועלכען מיר האבען דאס רעכט צו פאדערן די גרעסטע קרבנות. דו וועסט איהר ענדליך זאגען, אז איך פערלאנג עס און אנדערס וועט עס ניט זיין!... פאהר צו צו דער גרעפין סטאשיצקאיא. אלס פרויענצימער און אלס פריינדין וועסטו קאנען זיסער מאכען די פילען, אז זי זאל ניט פיהלען זייער ביטער־קייט. איך וויל ניט, אז זי זאל האבען ליידען, כ'וויל נור, אז ס'זאל ניט ליידען דער ענין פאטערלאנד, דער זשאנד. דו וועסט איהר זאגען, אז איך וועל ניט אויפהערן צו פיהלען צו איהר יענע טיעפע אכטונג און גוטע פריינדשאפט, ווי ביז אהער, אונזערע בע־ציהונגען אלס פריוואטע לייט וועלען זיך גאר ניט ענדערן. איך וועל שטענדיג צופריעדען זיין צו בעזוכען איהר און אויפנעהמען איהר ביי זיך. אלזא אדיע דערווייל!

פאנא יוליא איז ארויסגעגאנגען פון גראף'ם קאבינעט.

דער גראף האט זיך ווידער געזעצט ביים שרייב־טיש צו דער ארבייט. אין א האלבע שעה ארום האט דער לאקיי מיטגע־טיילט וועגען פאן אנדריי.

— זאל ער אריין,—האט דער גראף געזאגט, איז אויפגע־שטאנען און האט פעררויכערט א פאפיראס.

פאן אנדריי איז אריינגעקומען ערשראקען, אויף די שפיצען־פינגער און האט זיך פערנויגט ניט אזוי פריי, ווי אלע מאל. זיין געזיכט איז בלאס געווען פון דער נעכטיגער שכרות און צורודערט פונ'ם פארגעפיהל פאר עטוואס בייזעס.

— אום צו מאכען עס בקצור, — האט דער גראף אנגע־הויבען, אבגלעטענדיג זיינע וואנצעס, — דארף איך דיר זאגען, אז מיר איז בעוואוסט, וואו און ווי אזוי דו פערברענגסט די צייט, וואס דו האסט פערשפראכען אבצוגעבען דעם הייליגען ענין. אז דו בינסט א שלעכטער פאטריאט, דאס האב איך שוין לאנג גע־וואוסט, נור אז דו בינסט א שכור א שווינדלער, א סקאנדאליסט...

— אייער עקסעלענץ! — האט פאן אנדריי אויסגעחריפעט.

— איך בעט, ניט אבצושטעלען מיך אין מיטען, איך ענדיג שוין: איך האב קיין צייט ניט צו טענה'ן מיט דיר לאנג. פון דער

אַמט אַלס פערוואַלטער איבער די וועכטער בינסטו בעפרייט און היינט אויך דאַרפסטו פערלאָזען די שטאָדט.

— וואָס הייסט? — האָט פאַן אַנדריי אויסגעשריען און האָט זיך געחאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

— דו וועסט פאָהרען אין דאָרף, צום פאָטער.

— וואָס וועל איך דאָרט טהון?

— וואַרטען, ביז וואַנען מ'וועט דיך פאָדערן.

— אייער עקסעלענץ!—האָט פאַן אַנדריי אויסגעשריען און איז אויף די קניה געפאַלען, — ערבאַרימט זיך איבער מיר, ברענגט מיך ניט אום! — איהר פערטרייבט מיך ניט אין דאָרף, איך וועל דאָרט שטאַרבען פון לאַנגווייליגקייט.

איבערלאָזען דיך אין שטאָדט איז אונמעגליך: דו בינסט אַ שעדליכער מענש, דו מאַכסט אויסגעלאַסען די יוגענד, דו ציהסט זיי אָב פון אונזער הייליגען ענין. איך קאָן עס נ ט דערלאָזען... איין וואָרט, דו פאָהרסט אין דאָרף!

— אָבער איך וועל ניט פאָהרען! — האָט פאַן אַנדריי אויסגעשריען און איז אויפגעשפרונגען, — איהר הערט, גראַף? איך וועל ניט פאָהרען! אין דאָרף האָב איך ניט וואָס צו טהון. איהר וועט מיך ניט אַרויסטרייבען פון שטאָדט! איהר וועט זיך ניט ערוואַגען.

— וואָס? איך וועל ניט וואַגען? — האָט דער גראַף געָ רעוועט און געסקריהט מיט די צייהן,—איך וועל דיר שוין ווייזען, אַז איך וואַג יאָ.

ער איז צוגעשפרונגען צו אַ שייד, וואָס איז געלעגען אויף אַ ווינקעל־טישעל, האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און עס אָנגעָ שטעלט אויפ'ן ברוסט פון פאַן אַנדריי.

— ווּעסטו נור נאָך אַמאָל זאָגען, אַז איך וואַג ניט, שווער איך ביי גאָט, אַז איך וועל דיך דערשיסען, ווי אַ הונד.

פאַן אַנדריי האָט אין שרעק און ציטער גענומען רוקען זיך אַ הינטער.

— ווּעסטו נור נאָך איין שריט אַהינטער מאַכען, — האָט דער גראַף צוגעגעבען מיט'ן אָנגעשטעלטען רעוואָלווער, — שווער איך ביי מיין הערב, אַז איך שיס.

ניט טויט, ניט לעבעדיג איז פאן אנדריי שטעהן געבלי־
בען, ווי איינגעגראבען, אהן בעוועגונג.

— איצט, מיין טייערער, — האט דער גראף געזאגט, ניט
ארויסלאזענדיג דעם רעוואלווער פון האנד, — וועל איך זיך מיט
דיר אנדערש בעגעהן. — געה נאך מיר.

דער גראף האט אויפגעשלאסען א טהיר אין קארידאר און
האט געהייסען דעם פאן אנדריי צו געהן נאך איהם. זיי זענען
דורכגעגאנגען לאנגע קארידארען פון צווייטען שטאק און דריטען,
האבען זיך אויפגעהויבען אויף שמאלע טרעפ צו א טהורם פון
דער געביידע. מ׳ט א גרויסען שליסעל, וואס איז דא אויף דער
וואנד געהאנגען, האט דער גראף אויפגעשלאסען די אייזערנע
טהיר פון טהורעם און האט דורכגעלאזען ־עם פאן אנדריי.

— אלס אזא איינער, וואס איז פעהיג צו פעררעטהען, וועס־
סטו דא זיין ארעסטירט כל־זמן איך וועל ניט איינגעפינען פאר
מעגליך צו בעפרייען דיך. איצט וועסטו גענוג צייט האבען צו
בעטראכטען, צו גראף טענטשינסקי וואגט צו בעפעהלען דיר,
צו ניט.

ביי די ווערטער האט דער גראף א קלאפ געטהון מיט דער
טהיר, האט ער פערשלאסען און האט זיך צוריקגעקעהרט אין קאַ־
בינעט.

פאנא בראנינסקאיא האט שוין געווארט אויף איהם. ער איז
ארויס צו איהר, האט זיך זעהר ליעבליך געגריסט און האט איהר
געבעטען אין קאבינעט אריין.

— פריילין,—האט דער גראף אנגעהויבען ווייך און האט
די פאני בראנינסקאיא אוועקגעזעצט אויפ׳ן דיוואן און אליין האט
ער זיך געזעצט נעבענאיבער אויף א טאבורעט, — איך בעדויער
זעהר, וואס איך, אייער שטענדיגער פערעהרער און שעצער פון
אייער טאלאנט, דארף איצט ווערען אייער בעשולדיגער און זאַ־
גאר אייער ריכטער.

— בעשולדיגער! ריכטער! — האט די ארטיסטין אויסגע־
שריען און האט אנגעקוקט דעם גראף ערשטוינט.

— ווער וואלט זיך אויף דעם געריכט, — האט דער גראף
צוגעגעבען מיט דעמזועלבען טאן, — אז די געריהמטע פון אונזער
סצענע, מיט וועלכער מיר האבען שמאלצירט, צו וועלכע מיר האַ־

בען זיך געבוקט, ווי פאַר דער געטין פון אונזער פאָלקס-דראַמאַ, וועט זיך ערניעדעריגען צו דער פעראַכטער ראָלי פון אַ העטערא...

— גראַף! — האָט די אַרטיסטין אויסגעשריען, רויטווע-רענדיג.

— און צו דער נאָך מעהר פעראַכטער ראָלי, אַלס איי-געגטימערין פון אַ הויז פון קאָרטען-שפּיעל, פון אַ שולער-הויז!

— גראַף!—האָט די אַרטיסטין ווידער אַמאָל אויסגעשריי-ען, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ און האָט מיט די הענד דאָס פּנים פערשטעלט.

— אייערע ליטעראַרישע אָווענדען זענען אונז געפעלען געוואָרען. זיי זענען ראוי געווען אי פאַר אייך, אי פאַר אונז. זיי האָבען אין אונז געוועקט די געפיהלען פון התפעלות׳דיגען פּאַ-טריאָטיזם און פאָלקס-שטאָלץ, וואָס דאַרפען אונז שטענדיג דורכ-דרינגען. דאָס פאָטערלאַנד איז אייך דאַנקבאַר געווען פאַר אייער הויכען דיענען איהרע אינטערעסען ניט נור די ליטעראַרישע, נור אויך די פּאָליטישע. אָבער אַז די פּאַטריאָטישע אָווענדען זאָלען זיך פערוואַנדלען אין געוועהנליכע בעל-הבתישע פערוויילונגען, שכרות, הוליאַנקעס, וואו די יוגענד זאָל פּטר׳ן איהר צייט, גע-זונד און געלד, — דאָס האָבען מיר בשום אופן ניט ערוואַרטעט. נאָך וועניגער האָבען מיר זיך גערעכט דערויף, אַז איהר וועט עס דערצו ברענגען, איהר אונזער בעוואוסטע, געריהמטע בע-זונגענע אַרטיסטין, אונזער ראַשעל, אונזער שטאָלץ, אונזער ציהרונג.

פּאַני בראַגינסקאַיאַ האָט געוויינט מיט אויפריכטיגע הייסע טרעהרען.

— גענוג! — האָט זי אַרויסגעזאָגט, ווען דער גראַף האָט געענדיגט זיינע רייד,—ערבאַרימט זיך, גראַף, אין גאָט׳ס נאָמען, האָט רחמנות אויף מיר!... איך וועל משוגע ווערען. אייערע ווער-טער שניידען מיר מיין האַרץ. איך פערשטעה אַליין, ווי טיעף איך בין געפאַלען. איך אַליין פעראַכט זיך... אָבער זענט דאָך פערצייהליך, וואַרפט ניט אין מיר מיט אַ שטיין, חאָטש איך בין עס ווערטה... בעשולדיגט די אומשטענדען: זיי ברענגען מיך אום. איך בין געוועהנט צו אַרבייט, צו בעשעפטיגונג... איצט האָב איך ניט קיין שום בעשעפטיגונג... דאָס ליידיג געהן איז—די מו-

טער פון זיגר. ניט איך מאַך די יוגענד אויסגעלאַסען, נור די יוגענד מאַכט מיך אויסגעלאַסען... איך בין יונג, אונערפאַהרען! איך בין ערפאַהרען אין קונסט, אויף דער סצענע, אָבער אַ קינד בין איך אין לעבען. אַליין אָהן עלטערן, אָהן קרובים, אָהן אַנ׳עצה-געבער. כ׳האָב אַ מענגע פערעהרער, אָבער קיין איין פריינד ניט, אַ ברודער, וואָס זאָל מיך אָבהיטען פון אַ פעהלער, פון אַ פאַלשען שריט, פון אַ שווינדעל. אָ, זענט איהר מיין פאָטער, מיין שיצער, מיין פריינד, אַ ברודער, אַ פיהרער, אַ בעל-יועץ, אַ לעהרער!... לאָזט מיך ניט זינקען אין דעם ברויזענדען תהום, וואוהין איך בין אַריינגעפאַלען ניט איבער מיינע זינד!... איך בין אַ פוילישע פרוי, אַ פאַטריאָטין, אַנ׳אַרטיסטין! איך וויס, וויפיעל איך בין שולדיג גאָט פאַר דעם געשענקטען טאַלענט און דעם פאָטערלאַנד, וואָס קאָן עס אַזוי הויך שעצען. איך בין ניט געבאָרען געוואָרען אַ העטעראַ, אַ איינענטימערין פון אַ שולער-הויז. ראַטעוועט מיך, איך בין נאָך ניט גאָר אינגאַנצען אַ פערפאַלענע!

מיט אַ קלאָג האָט זי זיך אויף די קניה געוואָרפען פאַר׳ן גראַף, האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און האָט מיט די הענד דאָס פּנים פערדעקט.

דער גראַף איז געווען טיעף גערירהרט. זיינע אויגען זענען פייכט געוואָרען.

— שטעה אויף, קינד מיינס,—האָט ער אַרויסגעזאָגט, קוים אָבהאַלטענדיג זיך פון טרעהרען און האָט די אַרטיסטין אַרומגענומען.—מיר האָבען אין דיר געעהרט ניט נור דעם מעכטיגען טאַלענט, אָבער אויך דאָס איידעלע, אינזינדיגע האַרץ. מיט פערגעניגען נעהם איך אויף זיך די פפליכטען און רעכט פון אַ פאָטער, פיהרער און לעהרער. פון איצט אָן וועט דער גראַף באָלעסלאַוו טענטשינסקי אַכטונג געבען אויף דיר, ווי אויף אַנ׳אייגענער טאָכטער. וויין זשע ניט, מיין ליעבעס קינד, זעץ זיך און הער מיך אויס.

פאַני בראַגינסקאַיאַ האָט זיך געזעצט.

— איך וויל דיך אַרויסרייסען פון דער סביבה, וואו דו געפינסט זיך איצט און וואָס איז ניט ראוי צו דיר. איך וועל דיך אָבשיקען צו די קאַרמעליטקעס.

— אין מאָנאַסטיר? — האָט די אַרטיסטין רוהיג געפרעגט.

— יא, אין מאָנאַסטיר, ניט אויף תשובה, נור אויף אָברוה. די פערוואַלטערין איז—מיינע אַלייבליבע מוהמע. איך וועל איהר אָנשרייבען, וועט זי דיך אויפנעהמען מיט צושפרייטע אָרעמס, זי וועט דיר אַ מוטער זיין. זי איז אַ גוטע, געבילדעטע פרוי, פערמעגט אַ רייכע ביבליאָטעק און אַ איסגעצייכענטען ראָיאַל. דו וועסט זיך דאָרט פערנעהמען מיט לעזען און מוזיק.

— און מיט תפלות,—האָט פאַני בראַגינסקאַיאַ צוגעגעבען.

— נו, און מיט תפלות. דאָס ווענדט זיך שוין אָן דירצווינגען וועט מען דיך ניט. דו וועסט דאָרט פערברענגען צוגאַסט, ביז וואַנען דאָס בעפרייטע פאָטערלאַנד וועט ניט אַרויסרופען די פריסטערין ווידער צו דיענען אינ׳ם טעמפעל פון קונסט. בינסטו מסכים?

— נאָך ווי! — האָט געענטפערט פאַני בראַגינסקאַיאַ, און איהר פנים האָט אויפגעלויכטען פאַר פרייד. — איך האָב קיין ווערטער ניט אויף אויסצודריקען מיין דאַנקבאַרקייט צו אייך. איהר ראַטעוועט מיך, איהר בערוהיגט מיין געוויסען, איהר...

— גענוג,—האָט איהר דער גראַף אָבגעשטעלט. — פאָהרט אַהיים און מאַכט אין אָרדנונג אייערע עסקים און פאַקט זיך איין. מאָרגען זיעבען דעם זייגער אָוונדס וועט שוין אַ קאַרעטע וואַרטען נעבען אייער הויז. אַדיע!

פאַנאַ בראַגינסקאַיאַ האָט זיך געזעגענט און איז אַוועק. דער גראַף האָט איהר בעגלייט ביז די טרעפ. צוריקגעהענדיג, איז ער צוגעגאַנגען צום פאַן ווירדראַ, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף איהם, האָט איהם אַוועקגעלעגט די האַנד אויפ׳ן אַקסעל און געזאָגט:

— הער זשע, אַלטער, שרייב אָן דיין זון, אַז ער זאָל קומען צופאָהרען. ער איז בעשטימט פאַר אַ פערוואַלטער איבער די וועכטער. איך האָף, אַז ער וועט זיין רעיעלער פון פאַן אַנדרייר׳איז אַ געשיקטער יונג. וואַצלאַוו זאַרעמבאַ לויבט איהם זעהר.

דער „ראַטהגעבער און היטער" פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ האָט זיך שיער ניט צוהירושעט פון נחת.

— און ביז וואַנען דיין זוהן וועט קומען,—האָט דער גראַף צוגעגעבען.—וועסטו ערפילען זיינע פפ׳יכטען

— כ'הער, ערלויכטענסטער פאנע,—האט דער אלטער גע־ענטפערט און האט זיך ניעדעריג פערנויגט.

דער גראף איז אוועק אין עס־צימער, וואו ס'איז שוין גע־גרייט געווען פרישטיק. ער האט געגעסען שנעל און מיט אפע־טיט, וואס האט בעדייט, אז ער איז זעהר צופריעדען מיט זיך. נאכ'ן פריהשטיק האט ער פעררויכערט א סיגאר און איז אוועק אין „קליין קאבינעט" פון פאלקס־זשאנד. ס'איז שוין געווען איינס דער זייגער און אין דער צייט פלעגט ער געוועהנליך אויסהערן די מיטטיילונג פון סעקרעטאר. דער לעצטער האט שוין אויף איהם געווארט מיט'ן פארטפעל אונטער'ן ארעם.

אז דער גראף איז אריינגעקומען, האט פאן פראנדקעוויטש מיעף זיך גענייגט, האט זיין פארטפעל אוועקגעלעגט אויפ'ן שרייב־טיש, האט איהם אויפגעעפענט, ארויסגענומען די פאפיערען און האט ערווארטעט דעם געוועהנליכען בעפעהל — זעצען זיך און מיטטיילען.

— זעצט זיך און טיילט מיט, — האט דער גראף ארויס־געזאגט, האט זיך געזעצט אויפ'ן שטוהל און האט אנגעטהון די פענסנע.

פאן פראנדקעוויטש האט זיך ווידער פערנייגט, האט זיך געזעצט, האט צוגעגרייט א בלייפעדער און האט אנגעהויבען מיט־צוטיילען:

— דער צענטראל־קאמיטעט איז מודיע, אז די טעג וועלען אהער אנקומען פינף אפיציערען, וואס אייניגע פון זיי פאהרען אין אורלייב און אייניגע אין קאמאנדיראווקע. אלע זענען געבארענע פון דעם היגען קאנט און זענען „גוטע פאליאקען". די לעצטע ווערטער זענען צוויי מאל אונטערגעשריבען. אז זיי וועלען איך צייגען די קאמיטעט־מארקעס, קאנט איהר מיט זיי ריידען אפען און בריט. זיי איז איבערגעגעבען צו פערבינדען אונטערהאנדלונ־גען מיט די פוילישע אפיציערען און סאלדאטען פון דעם מילי־טער, וואס געפינען זיך דא. איהר דארפט אכטונג געבען, אז צו־ליעב זייער יוגענד און היציגקייט אין דעם ענין, זאלען זיי ניט אנ־טהון עפיס א פעהלער.

— גוט, מ'דארף עס נעהמען אין אכט, — האט דער גראף בעמערקט און האט אבגעטרייסעלט דעם אש פון ס'גאר.

— פפעפעל עט קאמפ. טיילט מיט, אז מיט צוויי וואכען צוריק איז דער טראנספארט ביקסע; און רעוואלווערען אבגעשיקט געווארען פער ים אויפ'ן אדרעס פון הויפט לאגער פון לאנדווירט־שאפטליכע ווערקצייג פון גאלוואנסקי און סיטנעוויטש אין מ.

— ארויסצושיקען איז קיין קונץ ניט, — האט דער גראף בעמערקט,—מיר וועלען זעהן, וואס וועט מען זאגען אויפ'ן טא־מאזשנע.

— פון גאלוואנסקי און סיטנעוויטש איז היינט אנגעקומען א דעפעש, אז די „לאנדווירטשאפטליכע ווערקצייג" זענען שוין איצט אין וועג קיין מ.

— אט דאס איז גוט! — האט דער גראף אויסגעשריען ערפרעהט.—-ציינט מיר די דעפעש.

— אינזשעניער וואלסקי שרייבט פון פויזען — האט פאן פראנדקעוויטש פארגעזעצט זיין ראפארט, — אז ער האט זיך שוין געזעהן מיט וועמען מ'דארף און איצט ווארט ער אויף די ווייטער־דיגע בעפעהלען.

— זאל ער פאהרען קיין פאריז צו מעראסלאווסקי, — האט דער גראף געהייסען.

פאן פראנדקעוויטש האט די רעזאלוציע פערשריעבען אויפ'ן בריעף פון אינזשענער וואלסקי.

— די מוהמע פראקסעדא, — האט דער סעקרעטאר ווייטער מיטגעטיילט, — איז היינט געוועזען ביי מיר און האט ער־קלעהרט, אז נעכטען ביי־נאכט איז סטאניסלאוו פאדגורא געלונ־גען אנטלויפען פון דול־הויז, אז ער בעהאלט זיך איצט ביי איהר, נור זי האט מורא פאר די פעראנטווארטליכקייט און זי קאן איהם לאנג ניט האלטען ביי זיך.

— די מוהמע פראקסעדא זאל מען בעלוינען, דעם משגיח פון דול־הויז בערוהיגען, און פאדגורא'ן זאל מען געבען געלד און א פאס און אבשיקען איהם צו וואצלאוו זארעמבא, אין זיין רשות.

— דער אבער־קאנדוקטאר גאוולען טיילט מיט, אז מען פיהרט איהם אריבער אויף אנ'אנדער ליניע.

— דאס איז א שאדען, — האט דער גראף בעמערקט, — גאט ווייסט, וועמען מ'וועט בעשטימען אויף זיין ארט. זאל מען

איהם זאָגען, אַז ער זאָל קיין אַנדער בעשטימונג ניט אָננעהמען. דער פראַנצויז איז אונז נויטיג. זאָל ער זיך אָברוהען אָדער זאָל ער פאָהרען אַ היים. מ'דאַרף איהם געבען אַ אָנצוהערענים, אַז די פרייגיביגקייט פונ'ם זשאָנד איז גאָר אָהן אַ גרעניץ בנוגע צו די פערזאָנען, וואָס דיענען איהם קלוג און גינציג. ווייטער?

— די פירסטין מילפאָר שרייבט פון דאָרף, אַז די יעגער און די הויף-לייט פון איהר פאַטער האָבען ערקלעהרט זייער פאָל-שטענדיגע הסכמה צו בעטייליגען זיך אינ'ם געפעכט. זי בעט, מ'זאָל צושיקען איינעם, וואָס זאָל זיי לערנען מיליטער-קונסט.

— שרייבט אָן, אַז מיר וועלען צושיקען. ווייטער.

— שוין גאָר, — האָט פאַן פראָנדקעוויטש געזאָגט, איז אויפגעשטאַגען און גענומען צונויפלעגען די פאַפּיערען.

— אָך, יאָ, — האָט דער גראַף זיך דערמאָנט, — גרייט צו אַ „ליסט זשעליאַזני" (אַ שוץ-גראַמאַטע) אויפ'ן נאָמען פון סטאַטס-ראַט ר. סירצעוו. די טעג וועט ער פייערן זיין פונפציג-יעהריגען יובילעאום. זיינע קלענערע בעאַמטע אָרדנען איין פאַר איהם אַ מיטאָג. איך האָב שוין פעראָרדענט, אַז די אַדעל זאָלען זיך אויך בעטייליגען אין דעם מיטאָג. מ'דאַרף בעווייזען אַ רוס, אַז מיר קאָנען שעצען זיין גערעכטיגקייט צו אונז. די שוץ-גראַמאַטע וועט פאַר איהם זיין אַ אַנגענעהמער סיורפּריז. ער וועט זעהן, אַז דער זשאָנד האָט ניט בדעה צו פערהאַלטען זיך גאַנץ גלייך צו אַלע רוסען, נור ער וועט אונטערשיידען פון פריינד צו שונאים. די גראַמאַטע זאָל מען אָבשיקען אינ'ם טאָג פון יובילעאום.

— כ'הער, — האָט פאַן פראָנדקעוויטש געענטפערט און האָט זיך פערנויגט.

IX.

אין דעמזעלבען טאָג איז ביי אַדאָלף קראַנץ אין וואוינונג פאָרגעקומען אַ עקסטרא פערזאַמלונג פונ'ם קרייזעל. נאָך דעם פערזאָרגטען, כמעט טרויעריגען אויסדרוק פונ'ם פנים ביי אַלע פער-זאַמעלטע איז קענטיג געווען, אַז ס'האָט זיי געטראָפען אַ גרויס אומגליק. און געווען, איז אָט וואָס: לויט דער פעראָרדנונג פון דער אַדמיניסטראַציע, האָט מען די שבת-שולען פערמאַכט, אַ צייטונג אַרויסגעבען האָט מען ניט ערלויבט און אין עפענען אַ לעזע-זאַל האָט מען זיי ענטזאַגט. אויסער דעם, האָבען זיי בע-

קומען אַ ידיעה, אַז אויך אין דער שטאָדט ג. האָט מען פערמאַכט די שבת-שולען און די לעזע-זאַל און אַז ס'ווערט פּראָיעקטירט אָבצושאַפען אַלע יודישע לעהר-אַנשטאַלטען אין דער גאַנצער גע-גענד. די געשעהנישען האָבען ווי אַ דונער געטראָפען אַלע מיטגליעדער פון קרייזעל. ס'האָט זיי ניט נור פערטרויערט, נור אויך ער-שטוינט; זיי האָט זיך שטענדיג געדוכט, אַז זייער טעטיגקייט איז נוצליך פאַר רוסלאַנד, און פּלוצלונג פערוועהרט מען עס גאָר. הייסט עס, אַז מען געפינט די טעטיגקייט פאַר שעדליך. מיט וואָט איז עס שעדליך—האָבען זיי ניט געקאָנט קלאָהר ווערען. אומזיסט האָבען זיי זיך בעמיהט אויסצוזוכען די סבה פון דעם פערבאָט, זיי האָבען עס ניט געפונען.

— מיר דובט זיך, — האָט אַדאָלף קראַנץ, — געוואָלט טרעפען, — אַז דאָס איז אַ שטיקעל אַרבייט פון די פּאָליאַקען.

— ווי פון די פּאָליאַקען, אַזוי פון די רוסען,—האָט סאַרין צוגעגעבען.—אָדער גענויער זאָגענדיג, איז דאָס אַנ'אַרבייט פון די בעאַמטע. די בעאַמטע האָבען אונזערע שבת-שולען אַריינגענומען אויך אין דער קאַטעגאָריע פון זונטאָג-שולען, און האָבען עס שוין צוזאַמען מיט יענע פערמאַכט.

— פאַרוואָס אָבער פערמאַכט מען אונזערע שולען? — האָט עמיצער געפרעגט,—מיר לערנען דאָך דאָרטען נור צו לעזען און שרייבען אויף רוסיש. צו רעכענט מען שוין דאָס אויך פאַר שעדליך, געפעהרליך?

— צו אַזאַ אַבסורד איז מען נאָך ניט דערגאַנגען, — האָט סאַרין אָבגעענטפערט,—נור די זאַך איז, וואָס אַ בעאַמטער טהוט זיך ניט אַריין, און אפשר איז ער ניט מחויב אַריינצוטהון זיך אין תוך אַריין, נור ער דאַרף זיך האַלטען אָן דעם אות. ס'איז גע-זאָגט געוואָרען: מ'זאָל פערמאַכען די שולען, דעריבער פערמאַכט מען זאָגאַר יענע שולען, וואָס זענען ניט נור ניט שעדליך, נאָר אויך נוצליך, נויטווענדיג.

— פונדעסטוועגען וועלען מיר וואַרטען און זעהן, וואָס וועט אונז ברענגען פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש, — האָט געזאָגט מאַ-זירסקי, וואָס לויט זיין פאָרשלאָג האָט מען דובאָווסקי'ן געשיקט צו דער אַדמיניסטראַציע משתדל זיין זיך, טענה'ן פאַר די שבת-

שולען, וועלכע זענען ביים קרייזעל זעהר טייער געווען, ובפרט, אז זיי האָבען געהאַט ערפאָלג.

— פיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש וועט אונז גאָרנישט ניט ברענגען,—האָט סאַרין בעמערקט,— און מיך פערדריסט איצט, וואָס מיר האָבען איהם געלאָזט געהן. ער וועט נור האָבען אונאַנגענעהמליכקייטען, און דעם ענין וועט ער ניט פעררייכטען: ס׳איז שווער צו שווימען אַנטקעגען שטראָם.

— איז עס שוין נאָך אַלעמען? — האָט עמיצער געפרעגט.

— יאָ,—האָט סאַרין געענטפערט מיט אַ טיעפען זיפץ,— און מיר דאַרפען נור מאַכען די ליקווידאַציע, ד. ה. דעם אינווענטאַר און די געלד-סומען פון די שולען איבערגעבען צו די פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט. מיינע העררען, לאָמיר זיך נעהמען פאַר דער אַרבייט. לאָמיר צוריקגעבען דער געזעלשאַפט, וואָס מיר האָבען פון איהר בעקומען.

אַפאַנאַסיעוויטש און פערפינסטערט האָט מען זיך גענומען פאַר די ביכער און חשבונות. ס׳איז געוואָרען אַ טיעפע שטילקייט, וואָס פלעגט זיך דורכרייסען נור דורך סאַרינ׳ס טריט, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער הין און צוריק און האָט געשוויבערט זיינע האָאַר. ער איז געווען בלאַס, צוטראָגען און אויסער זיך. דער קלאַפּ האָט איהם געטראָפען גלייך אין האַרצען. מ׳צווינגט איהם צו שיידען זיך מיט אידעאַלען, פאַר וועלכע ער האָט ביז איצט געלעבט און האָט פאַר זיי געוואָלט אָבגעבען אינגאַנצען זיין רעשט לעבען. אַ גלייכגילטיגער צום לעבען, איז ער אָבער ניט גלייכגילטיג געווען צו זיינע טרוימען, אין וועלכע ער האָט פעסט געגלויבט, וויל ער האָט גערעכענט, אַז קיינער קאָן ניט שטערן זיין פריעדליכער, בעשיידענער אַרבייט, וועלכע ער האָט געפיהרט פאָרזיכטיג און בערעכענט, אָבהיטענדיג אַלע געזעצליכע פאָרמאַליטעטען. ער האָט גערעכענט, אַז ביוראָקראַטען, אַלס רוסישע לייט, וועלען דאָטש פיעל-ווייניג פערשטעהן די רוסישע אינטערעסען און וועלען אין דעם ניט שאַדען, אוי בפרט נאָך אין אַזאַ צייט, ווען די דאָזיגע אינטערעסען דאַרפען אַרויסטרעטען בולט׳ער אַנטקעגען די אינטערעסען פון דעם צר שכנגד, וואָס בעקומט מיט יעדעם טאָג מעהר קרעפטען און מיטלען. איצט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אַ צו-גוטע מיינונג געהאַט וועגען

גען ביוראָקראַטען: קענטיג, אַז פאַר זיי איז גאַנץ גלייך, צו די מאַסע פון צוויי מיליאָנען יודען וועלען זיין פאַר רוסלאַנד, צי פאַר פוילען. אַזאַ טעמפּקייט האָט איהם אויפגעבראַכט ניט נור אַלס רוסישען בירגער, ווי ער האָט זיך געפיהלט, נור אויך אַלס קלוּגען מאַן בכלל. די פּערזאָמעלטע זענען געווען פערנומען מיט צונויפשטעלען די רשימות און חשבונות און זיי האָבען ניט בעמערקט די אויפרעגונג פון זייער פיהרער.

ס'איז געקומען דובּאָוו. אַלע, אויסער סאַרינען, האָבען זיך אַלאַז געטהון צו איהם.

— נו וואָס, נו וואָס? — האָבען זיי איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט נייגיריגקייט און האָפנונג.

— שלעכט, נאַריש, מאוס,—האָט דובּאָוו געענטפערט און האָט אַוואָרף געגעבען זיין היטעל אויפ'ן טיש.

ביי אַלעמען האָט זיך דאָס פּנים אויסגעצויגען.

— מ'קאָן מיט זיי גאָרנישט ניט אויספיהרען, — האָט ער צוגעגעבען, ווישענדיג דעם שוויס פון געזיכט.—איך האָב זיי געגעבען צו פערשטעהן — ס'העלפט ניט. אויף זיי איז איצט אַזאַ אימה אָנגעפאַלען, אַז מ'קאָן זיך מיט זיי ניט צונויפרײדען. די פאַרשריפט האָט ביי זיי דעם קאָפּ פערדרעהט. מיר איז ניט גוט געוואָרען צו ריידען. זיי האָבען מיך געבעטען, ד. ה. אייגענטליך ניט געבעטען, נור בעפעהלען, אַז איך זאָל מיך ניט אַריינמישען ניט אין מיינע עסקים. איהר הערט? ניט אין מיין עסק! פּונקט ווי דער רוסישער ענין איז ניט אַנ'ענין פון יעדעם רוס... איך האָב זיי געענטפערט, אַז אַלס אַזאַ איינעם, וואָס דיענט, קאָנען זיי בעפעהלען, נור איך וועל מיך אָנגעבען אין דימיסיע, דאַן וועלען זייערע בעפעהלען ניט זיין פערפליכטענד פאַר מיר. אַך יאָ,—האָט ער זיך געווענדט צו סאַרינען, — איך האָב שיער ניט פערגעסען: נאָך אייך האָט מען אָקאָרשט ערשט געשיקט.

— נאָך מיר? — האָט סאַרין נעפרעגט, ווי דערפרעהט,— דאָס איז גוט. איך לויף. פון מיר וועלען זיי הערען דאָס, וואָס זיי האָבען נאָך פון קיינעם ניט געהערט. איך וועל ניט שאַנעווען, דעם גאַנצען אמת וועל איך אַרויסזאָגען.

דאָס פּנים האָט איהם געפלאַמט: די לאַנג פערשטיקטע

אינערליכע אויפרעגונג האָט אָנגעהויבען אַרויסצוטרעטען אוי-סערליך.

— איך בין ניט קיין בעאַמטער,—האָט ער צוגעגעבען און האָט זיך אַלץ מעהר געהיצט, — איך ווייס ניט פון קיין קנעכט-שאַפט. מיר בוקען זיך פאַר אַ אידעע, אָבער ניט פאַר רויהער קראַפט. די רויהע קראַפט קאָן אונז דריקען, וויפיעל איהר גלוסט זיך, אָבער איהר וועט קיינמאָל ניט געלינגען צו דערשטיקען אין אונז דעם פרייען גייסט. אין דער לופט שמעקט איצט מיט רע-גרעס, נור מיר, יודען, ווייסען ניט פון רעגרעס. מיר ווייסען נור פון שטעהן אויף איין אָרט, אָדער פראָגרעס. אָדער מיר שטעהען אויף איין אָרט, אָדער מיר געהען פאָרווערטס; צוריק אָבער — קיינמאָל ניט! איהר הערט, פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש? אין אונזער גאַנצען היסטאָרישען לעבען האָבען מיר קיין איין שריט צוריק ניט געמאַכט. אָדער הונדערטער יאָהרען לאַנג זענען מיר פער-שטיינערטע אויף איין אָרט געלעגען, אָדער מיר זענען מיט ריעזען-שריט פאָרווערטס געגאַנגען אין אונזער גייסטליכער ענטוויקלונג. און דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר זענען ניט קיין פעסטיקעס אין די הענד פון שפּיעלערס, ניר מענשען פון גייסט. מיר געהען שטענדיג ניט אַהין, וואוהין די קראַפט וויל אונז שטויסען, נור וואוהין ס'ציהט אונז אונזער פרייער גייסט. איצט איז צו אונז אַ ווילען געקומען צו לערנען זיך, וועלען אונז קיינע מניעות ניט אָבהאַלטען דערפון. וועט איהר פערמאַכען אונזערע קאַזיאָנע שו-לען, וועלען מיר עפענען פריוואַטע, וועט איהר פערמאַכען די פריוואַטע, וועלען מיר זיך לערנען אין דער-היים, אויף די בוידי-מער, אין די קעלערס; וועט איהר דאָס אויך פערבאָטען, וועלען מיר זיך לערנען אין אויסלאַנד. שניידט אונז, ברענט אונז, וועט איהר מיט אונז גאָרנישט מאַכען. מיר וועלען זיך לערנען און בילדען אויף להכעיס אַלע רעאַקציאָנערען און פינסטערע כחות. און דערנאָך... דערנאָך וועלען מיר אייך לערנען צו זיין בירגער, פּאַטריאָטען, ליעב האָבען רוסלאַנד, ווו ס'געהער צו זיין, און ניט נור מיט ווערטער. יענע צייט וועל איך שוין ניט דערלעבען, נור איך זעה פאָראויס, ב'פּיהל אָפּריהער יענע צייט, ווען מיר, פון אייך פעראַכטעטע יודען, וועלען אייך צווינגען צו עהרען דעם נאָמען פון אַ רוס. און ניט דורך שטאַרק ענטוויקעלטער מיסקולא-

טור וועלען מיר אויפטהון, נור דורך אונזערע אינטעלעקטועלע קרעפטען, וועלכע מיר וועלען ענטוויקלען צום גונסטען פונ'ם לאנד, וואס פארלויפיג האלט עס אונז ניט טייער, נור וואס וועט אונז מיט דער צייט אבשאצען נאך אונזער ערך נאך.

ער האט געענדיגט און האט זיך אומגעקוקט מיט א בע־גייסטערטען בליק, אין וועלכען ס'האט זיך אבגעשפיעגעלט די איבערצייגונג, אז אלע פערזאמעלטע טיילען מיט זיינע האפנונגען. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דובאוו'ן, האט אויסגעשטרעקט צו איהם ביידע הענד און געזאגט:

— זענט מיר מוחל, וואס איך דריק זיך אויס אזוי שארף. אונזער לאנד איז גרויס און רייך, נור קיין מענשען זענען ניטא. ווער פון רוסישע לייט וויל ניט, קאן ניט און איז ניט א בעאמ־טער, אייב ניט אויף א רעגירונגס־אמט, איז אויף א געזעלשאפט־ליכער שטעלע און זאגאר אין היימישען קרייז? וואו זענען איי־ערע בירגער־געפיהלען, אייער פאטריאטיזם? פארוואס האבען די היגע רוסען אזוי אנגעוואהרען זייער פערזענליכקייט, אז זיי שע־מען זיך כמעט מיט זייער פאלק, מיט זייער שפראך? איהר צווייפעלט דען?

— קיין האר ניט,—האט דובאוו געענטפערט מיט א זיפץ.— צום בעדויערן בין איך אויך די זעלבע מיינונג. מיר שטעהען איצט פאר א בעוואפענטען אויפשטאנד, און וואס מעהר איך לעב אין דער געגענד, דעסטא מעהר ווער איך איבערצייגט, אז מיר אליין האבען דעם אויפשטאנד צוגעגרייט, מיר רוסען. ווי זאלען די פאליאקען ניט פרעטענדירען, ווען מיר אליין פיהרען זיי אן דערויף?... הערט, וואס איך האב זיך דערוואוסט די טעג. פארי־גען יאהר, בעת דא זענען געווען ויכוחים וועגען דער אונטער־ריכטס־שפראך אין די לעהר־אנשטאלטען אין דעם קאנט, האבען פיעלע רוסען אבגעגעבען זייערע שטימען פאר די פוילישע שפראך! ווי געפעהלט אייך דער דאזיגער ליבעראליזם?...

— אויב דאס איזווירקליך געווען ליבעראליזם, — האט סארין געענטפערט, אנטהוענדיג זיין אויבער־מאנטעל, — איז עס גאנץ שען. אבער אויב דאס איז געווען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי טעמפקייט, דאס ניט־פערשטעהן די אייגענע פאלקס־

אינטערעסען אָדער דאָס יאָגען זיך נאָך בילינען פּאָפּוליאַריטעט, צו וואָס רוסען האָבען אַזאַ חשק?

— דאַן,—האָט דובאָוו געסקריהט מיט די צייהן,—דאַן... דאַרף מען פּשוט אַנטלויפען פון דעם לאַנד און זאָגאַר פון רוס-לאַנד. ס'איז מיר דאָ נמאס געוואָרען. קומט, אַרקאַדי מאַיסע-עוויטש,—האָט ער צוגעגעבען רוהיגער. מיר געהען, דוכט זיך, אין איין וועג. איהר געהט דאָך צום אַדמיניסטראַטאָר.

— יאָ.

— צום ווידערזעהן, מיינע הערען,—האָט דובאָוו געזאָגט, פּערנזיינענדיג זיך צו די מיטגליעדער פון קרייזעל. — מיר וועלען זיך נאָך זעהן. איך ערוואַרט אייך היינט צו טיי. מיר דאַ פען נאָך דורכשמועסען וועגען פיעל ענינים... אונזער קרייזעל, האָף איך, צופאַלט ניט, אונזער ענין איז נאָך ניט געענדיגט. וואו איך זאָל ניט זיין, בין איך אייערער מיט'ן גאַנצען לעבען. נאָך אַמאָל צום ווידערזעהן!

X.

ערוואַרטענדיג דעם אַדמיניסטראַטאָר, איז סאַרין אַרומגע-גאַנגען אין אויפנאַהם-צימער און האָט בעטראַכט, ווי און וואָס ער זאָל ריידען מיט זיין עקסעלענץ. ער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף זאָגען דעם אמת, נור אין וועלכע ווערטער דאַרף ער עס אויס-דריקען, אַז ס'זאָל ניט אויסזעהן העזה'דיג, און ס'זאָל נוצען דעם ענין: קענטיג, דאָס ער האָט נאָך געהאָפט, אַז איהם וועט נאָך אפשר געלינגען צו ערקלעהרען דעם ענין פאַר דעם הייכען בע-אַמטען. אַלס אידעאַליסט האָט ער נאָך געגלויבט אין דער קראַפט פון שכל, פון איבערצייגונג, און דעריבער האָט ער זיך אַ וואָרט געגעבען, אַז ער זאָל זיך ניט אויפרעגען, ניט היצען זיך, נור זיין קאַלטבלוטיג, ריידען איבערצייגענד, נור מיט יראת-הכבוד.

ענדליך האָט זיך אויפגעעפענט די טהיר פון קאַבינעט און אויפ'ן שוועל האָט זיך בעוויזען די הויכע און פולע פיגור פון דעם הויכען בעאַמטען אין אַ סאַמעטענעם ראָק אין מיט אַ וולאַ-דימיר-קרייץ אויפ'ן האַלז.

— אייער פאַמיליען-נאָמען?—האָט דער הויכער בעאַמטער זאָג געמהון.

— סאַרין, — האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט, פערנערווירענדיג זיך אין האָט אָנגענומען א עהרענפורכט׳גע פּאָזע.

— אָ!—האָט דער הויכער בעאַמטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ אונבעשטימטער גרימאַסע!—אַהער!

סאַרין איז אַריין נאָך איהם אין קאַבינעט.

— איהר דיענט אין ערגיץ? — האָט דער הויכער בעאַמטער געפרעגט, אַוועקזעצענדיג זיך ביים שרייב־טיש און האָט פערדרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— פריהער האָב איך געדיענט, און איצט ניט.

— מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך?

— מיט פּריוואַטע לעקציעס און מיטאַרבייט אין זשורנאַלען.

— הייסט עס, א ליטעראַט?

— א ליטעראַט.

—! איצט איז פערשטענדליך, — האָט דער הויכער בעאַמטער אַרויסגעזאָגט אָבגעצויגען.

— וואָס? — האָט סאַרין געפרעגט.

דער הויכער בעאַמטער האָט ניט געענטפערט, נור ער האָט אָנגעטהון די פענסנע, האָט אָנגעווענדט אויף סאַרינען אַ שטרענגען בליק און האָט אויסגעמאָסטען:

— דאָס פערנעהמט איהר זיך דאָ, הע״ר, מיט עפּיס אַ פּראָפּאַגאַנדאַ, מיט עפּיס אַנ׳אַגיטאַציע?.. צו ווייסט איהר יונגער מאַן, אַז אין רוסלאַנד טאָר מען ניט אַגיטירען?

— אַפילו צום גונסטען פון רוסלאַנד? — האָט סאַרין געפרעגט.

— אַפילו צום גונסטען פון רוסלאַנד.

— איך בין זיך מודה, אייער עקסעלענץ, — האָט סאַרין געזאָגט, ציהענדיג די אַקסלען, — איך האָב עס ניט געוואוסט און זאָגאַר ניט חושד געווען.

— אָט דאָס איז דאָס, וואָס איהר האָט ניט געוואוסט. די גונסטען פון רוסלאַנד איז ניט אייער עסק! דערויף איז דאָ אַדמיניסטראַציע.

— נור אויב די אַדמיניסטראַציע איז זיך טועה?

— וואָס?! — האָט דער הויכער בעאַמטער אויסגעשריען.

ניט אָנטרויענדיג זיינע אייגענע אויערען. — און איהר ערוואַגט זיך צו ריידען אַזעלכע ווערטער?

— אויב איך האָב געזאָגט, הייסט עס, אַז איך וואָג מיר,— האָט סאַרין אַרויסגעזאָגט, פערגעסענדיג דאָס וואָרט, וואָס ער האָט זיך אַליין געגעבען—ניט אויפצורעגען זיך.

דער הויכער בעאַמטער האָט זיך געטרייסעלט אויף זיין שטוהל און איז רויט געוואָרען.

— צו ווייסט איהר — האָט ער געדונערט, — וואוהין איך קאָן אייך פאַר אַזעלכע ווערטער פערשיקען?

— כ׳וויים, אייער עקסעלענץ, קיין פערם, קיין טאָמסק, קיין טאָבאָלסק, נור דערפון וועט דער אמת נוט אויפהערען צו זיין אַנ׳אמת: די אַדמיניסטראַציע—דאָס זענען אַלץ מענשען, און מענשען קאָנען זיך טועה זיין. איהר זענט דערמיט ניט מסכים?

דער הויכער בעאַמטער האָט ענערגיש אַ ציה געטהון מיט די אַקסלען און האָט אויפ׳ן יונגען-מאַן אַזאַ אַפיציעלען בליק געוואָרפען, פון וועלכען אַ געוועהנליכער מענש ווערט פערציטערט און דערפיהלט זיך אַ פערפאַלענער. נור סאַרין האָט דרייסט אויסגעהאַלטען דעם בליק, און דער הויכער בעאַמטער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און גענומען צייכענען עפּים מיט׳ן בלייפעדער אויפ׳ן פּאַפּיער.

— זאָגט נור, האָט ער אָנגעהויבען ווידער, ניט קוקענדיג אויף סאַרינען און האָט קוים איינגעהאַלטען זיין כעס, — פון ווען אָן האָבען עס די זשידעס אָנגעהויבען צו בעזאָרגען זיך פאַר די גונסטען פון רוסלאַנד?

— פון דאַן אָן,—האָט סאַרין געענטפערט,—ווי זיי האָבען אויפגעהערט צו זיין זשידעס און זיי האָבען אָנגעפאַנגען זיך צו פיהלען אַלס רוסישע בירגער.

— בירגער?—איז דער הויכער בעאַמטער אויפגעפלאַמט געוואָרען — Citojens? אין רוסלאַנד זענען ניטאָ קיין בירגער, קיין סיטאָיענס, און ס׳זענען פאַרהאַן נור אונטערטאַנען, פערשטעהט איהר? אַט וואָס מ׳האָט אויסגעטראַכט — בירגער! וואָס איז ביי אונז אַ רעפּובליק? מיר וועלען אייך די דאָזיגע ליטעראַטור אַרויסשלאָגען פ ן קאָפּ. מיר דאַרפען ניט קיין בירגער, מיר דאַרפען טרייע אונטערטאַנער, און ווער עס פערשטעהט דאָס ניט,

יענעם וועלען מיר געבען צו פערשטעהן, דערויף איז דאָך די אדמיניסטראַציע, אויף צו געבען צו פערשטעהן. און ווער ציגרט עם אונטער פּעטערבורג? די „בירגער“ דאָך, האַ?

— דאָס ווייס איך ניט.

— און מיר ווייסען און וועלען אָננעהמען מיטלען. און לסוף, ווער בעט אייך צו פיהלען זיך אַלס רוסען? נויטיג דאַרפען מיר עס; אָט אין איין־און דרייסיגסטען יאָהר, ווען יודען האָבען זיך ניט געפיהלט אַלס רוסען, זענען זיי אונז געווען טרייער. פאַר־וואָס עפּיס קומט איצטער ניט קיינער פון אייך צו אונז מיט אַ מסירה וועגען וואָס ס׳טהוט זיך בײַ די פּאָליאַקען? איהר ווייסט דאָך אַלץ, די פּאָליאַקען בעהאַלטען דאָך גאָרנישט פון אייך, פאַרוואָס זשע שווייגט איהר? וואו איז אייער טרייקייט?

— מיר זענען איצט פיעל טרייער צו רוסלאַנד, ווי מיר זענען געווען אין איין־און דרייסיגסטען יאָהר: איצטער זענען מיר אויפ׳ן וועג צו ווערען רוסען.

— מיר זענען אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר דעם כבוד—האָט דער הויבער בעאַמטער אַרויסגעזאָגט און האָט געמאַכט אַ קאָמי־שען רעווערענס פאַר סאַריגען.—איהר גיט אונז בעסער מוסרים.

— מיר וועלען אייך געבען בירגער! — האָט סאַרין כמעט אויסגעשריען, און דאָס וואָס אַנדערע זעהען ניט אָהן מוסרים דאָס, וואָס ס׳טהוט זיך בײַ זיי אונטער׳ן נאָז, איז דאָס ניט אונזער עסק.

— וואָס?! — האָט געדונערט דער הויבער בעאַמטער און איז אויפגעשפּרונגען אויף זיין אָרט,—איהר ערוואַגט זיך אַרויס־צוזאָגען מיר אַזאַ העזה?

— איך זאָג אייך דעם אמת, און ניט קיין העזות,—האָט סאַרין אַרויסגעזאָגט אויך הויך. — אייך איז געפעלען, אַז מיר זאָ־לען זיין מוסרים, אין אונז איז געפעלען, צו זיין נוצליך דעם פאַ־טערלאַנד מיט עפּיס אַנדערס. ווי מיט מסירות. און אַז מיר קאָ־נען זיין עפּיס אַנדערס, ווי מוסרים, דאָס איז שוין אונז בעסער בעוואוסט ווי אייך.

— איך וועל אייך צווינגען צו שווייגען! — האָט דער הויבער בעאַמטער אויסגעשריען, און האָט אַליין ניט געוואוסט,

וואָס צו טהון מיט אַזאַ חוצפּאָניק, וואָס ערוואַגט זיך צו זאָגען איהם אַזעלכע העזות.

— ווען איך וועל ענדיגען, וועל איך אַליין אַנטשווייגען ווערען, — האָט סאַרין געענטפערט אָנגעצונדענערהייד.

דעם הויכען בעאַמטען האָט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען און צו פערוויילען די דרייסטקייט פון דעם דאָזיגען מטורף. ער האָט בעשלאָסען צו הערן, און סאַרין האָט ווייטער גערעדט: וואָס די פּאָליאַקען טהוען, דאָס איז ניט אונזער זאַך; מיר זענען איצט פערנומען מיט זיך, מיט אונזער בילדונג. אויב איהר ווילט אונז ניט בעהילפיג זיין, איז ווי איהר ווילט אייך, אָבער אויב איהר רעכענט אויך צו שטערן אונז, דאַרפט איהר וויסען, אַז דאָס וועט אייך ניט געלינגען. דער ווילען צו לערנען זיך איז בייא אונז איצט אַזוי שטאַרק, אַז קיין צירקוליאַר וועט עס ניט געלינגען צו פערקלענערן דעם דאָזיגען ווילען. מיר זענען זעהר בויגזאַם, אונז קאָן מען אין דרייען בויגען, אָבער צו ברעכען אונז... דאָס ניט. אויב די אַדמיניסטראַציע ווייסט ניט דערפון, איז זי דאָך דערויף אַדמיניסטראַציע, אַז זי זאָל גאָרנישט ניט וויסען אָהן אַ אָנווייזונג פון אויבען אָדער אַ מסירה פון אונטען, און זי האָט זיך אָבגעוועהנט צו זעהן מיט די אייגענע אויגען און הערן מיט די אייגענע אויערן. ווען דאָס זאָל אַנדערש זיין, וואָלט איהר זיך ניט דערשרעקען אַזוי ניט פאַר אונזערע שבת־שולען, ניט פאַר אונזער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט דאָס ציעל—צו רוסיפיצירען די יודען, איהר וואָלט...

— גענוג! — האָט דער הויכער בעאַמטער בייז איהם אָבגעשטעלט און האָט אַ ציה געטהון פאַר'ן גלעקיל. — מיר דאַרפען ניט אייער מליצות. איהר האָט זיך שוין גענוג אַרויסגעגעבען, מיר וויסען שוין, ווער איהר זענט. איך וועל ווענען אייך מיטטיילען דעם גענעראַל, און דערוויל... וועט איהר זיין אַרעסטירט, אַלס אַגיטאַטאָר, אַלס אַ פערזאָן פון אַ שעדליכער ריכטונג, איהר פערשטעהט?

אין טהיר האָט זיך בעוויזען דער וואַך־בעאַמטער.

— זענט אַזוי גוט, — האָט דער הויכער בעאַמטער בעפעהלען, — אָבצופיהרען דעם יונגען מאַן צום פּאָליצמייסטער, און

ער זאָל זיין אַרעסטירט ביי דער פּאָליציי־פערוואַלטונג ביז אַ בע־זונדער פעראָרדנונג.

— כ'הער, אייער עקסעלענץ, — האָט דער בעאַמטער גע־זאָגט, און האָט ערשטוינט אָנגעקוקט דעם אַנגעטרויטען אַרעס־טירטען, וואָס איז צו זיין גרויס וואונדער, געווען, דוכט זיך, פּאָל־שטענדיג רוהיג.

פערנויגענדיג זיך צום הויכען בעאַמטען און מיט אַ איראָני־שען שמייכעל איז סאַרין אַוועק נאָך דעם בעאַמטען.

אין אַ שעה אַרום זענען אין סאַרינ'ס וואוינונג אָנגעקומע־פּאָליציי־בעאַמטע און האָבען געמאַכט אַ דורכזוכונג. קיין שום חשודע זאַכען האָבען זיי ניט געפונען, אויסער פּאַפּ'ערען, וועלכע מ'האָט דורכגעשנירט, נומערירט, פער'חתמ'עט און פערבלאָמבירט.

אויף מאָרגען האָט מען סאַרינען פון פּאָליציי־פערוואַלטונג אַריבערגעפיהרט אין טורמע פאַר פּאָליטישע פערברעכער.

— צו דען בין איך אַ פּאָליטישער פערברעכער? — האָט סאַרין זיך אַליין געפרעגט, ווען ר'האָט זיך געפונען אין דער איינ־זאַמער קאַמער פון אַנ'אַמאָליגען קאַטוילישען קלויסטער, וואָס מ'האָט פערוואַנדעלט אין אַ צייטווייליגע טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטיר־טע. — וואָס אַזוינס האָב איך געטהון? צו איז דען אַ פערברעכען צו אַגיטירען צום גונסטען פון רוסלאַנד?

אויף דער פראַגע האָט איהם קיינער ניט געענטפערט, וואָרום אויסער דעם וועכטער אין קאָרידאָר און דעם שומר, וואָס פלעגט איהם ברענגען עסען, האָט ער קיינעם ניט געזעהן.

אייגענטליך, איז ער געווען גאַנץ רוהיג, וואָרום ר'האָט קיין שום חטא ניט געפיהלט ביי זיך, נור ר'האָט מיט אומגעדולד ערוואַרטעט, ווען מ'וועט איהם אַרויסרופען אויפ'ן פערהער, וואָרום ר'איז נייגעריג געווען צו וויסען, אין וואָס בעשולדיגט מען עס איהם.

— צו ווייסען מיינע לייט וועגען מיין אַרעסט? יאָ, זיי ווייסען, וואָרום ווער האָט עס מיר צוגעשיקט וועש, ביכער?... צי האָט מען זיי אויך ניט אַרעסטירט?... נור איך וועל זיי ריין מאַכען! כ'וועל די גאַנצע שולד נעהמען אויף זיך... די שולד! חאַ, חאַ, חאַ! מאָדנע אָרדנונגען זענען ביי אונז, אָדער ריכטיגער, מאָדנע מענשען זענען ביי אונז! אַ פּאַטריאָט צו זיין — הייסט עס,

זיין אַ געפעהרליכער מענש, אַ פערברעכער... איבריגענס, אויב דער הויכער בעאמטער זאָגט אמת, אַז אין רוסלאַנד דארפען ניט זיין קיין בירגער, בין איך ווירקליך אַ פערברעכער, און אפשיטא, אַז איך בין אַ יוד, און פאַר אַ יודען זענען אַלענפאַלס ניט אַנגעבאָטען קיין בירגערליכע געפיהלען... אָבער אַז אַ יוד פיהלט זיך פאָרט אַלס בירגער? און אַז אַלע יודען וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, זאָלען ערקלערען זייער רעכט צו זיין רוסישע בירגער? די דאָזיגע צייט דערנעהנטערט זיך דאָך, וואָרום מיר זענען אַ דאַנקבאַרעס פאָלק, מיר זענען זעהר פיהלבאַר צו די חסדים, וואָס ווערען געטהון מיט אונז. פאַר גלייכבערעכטינונג וועלען מיר בעצאָהלען מיט פאַטריאָטיזם, מיט אונזער אויפריכטיגען, פייערדיגען פאַטריאָטיזם. אונזער הייסעס אַזיען־בלוטה וועט אונז ניט דערלאָזען גלייכגילטיג צו פערהאַלטען זיך צו די רוסישע אינטערעסען בעת מיר ליעבען רוסלאַנד. מיר ווילען זיין רוסען, אָבער פרעמד וועט אונז שטענדיג זיין די רוסישע פוילקייט, די רוסישע זאָרגלאָזיגקייט, קאַלטקייט, דאָס וואָס רופט זיך אָן די ברייטע רוסישע נאַטור. זאָרגלאָזיגקייט איז ניט אין אונזער כאַראַקטער, מיר זענען די זאַלץ פון דער מענשהייט...

אין אַזעלכע מחשבות פלעגט סאַרין פערטרייבען די לאַנגע נאָוועמבער־נעכט, ליגענדיג אויף זייז בעטיל און ער פלעגט זעהן די גערדיכטע פינסטערנים פון זיין אונבעלויכטענער קאַמער און ערוואַרטען אויפ'ן חשק צום שלאָפען.

ס'איז שוין אַריבער אַ וואָך צייט, און צום פערהער האָט מען איהם נאָך גיט גערופען. ר'האָט ניט געקאָנט פערטראָגען, וואָס ער איז אָבגעריסען פון דער גאַנצער וועלט. עטוואָס בערוהיגט האָט איהם אַ בריפעל, וועלכען ר'האָט אין אַ פריהמאָרגען געפונען אויפ'ן טיש אַ פער'התמ'עטען און אָהן אַנ'אַדרעס. דאָס בריעפעל איז געווען אויף פויליש און פון פאָלגענדען אינהאַלט:

„איצט האָט איהר זיך געוויס איבערצייגט אין דעם, ווי אַזוי רוסלאַנד בעצאָהלט די, וואָס בעמיהען זיך וועגען איהרע אינטערעסען. ווען איך זאָל זיך ניט בעאונרוהיגען פאַר אייער געזונד, וואָלט איך זיך געפרעהט מיט אייער אַרעסט: דאָס וועט פאַר אייך אַ גוטע לעהרע זיין, ווי אַזוי צו בענעהמען זיך אויף ווייטער!.. מיר זענען זיך משתדל צו בעפרייען אייך און מיר האָפען, אַז דאַן

וועט איהר אייער טעטיגקייט ווידמענען אונז. איבער א פערזעהן האט איהר ביז אהער געטהון ניט אזוי. די טעג פאהר איך אָב קיין ווארשוי... אויף צוויי מאָנאַטען. די ענטשליסענדע שעה קומט נאָהנט. אלץ איז איינגעאָרדענט און צוגעגרייט. מיר וואַרטען נור אויף א סיגנאַל... זענט געזונד און פאלט ניט ביי זיך... אין דער ענטשליעסענדער שעה האָף איך צו בעגעגענען זיך מיט אייך אונ־טער דער פאָהן פונ'ם פאָטערלאַנד".

קיין אונטערשריפט איז ניט געוועזן, נור נאָכ'ן כתב און דעם אינהאלט האט ער דערקענט, אז דאָס שרייבט פאַנאַ יוליא.

לכתחילה האָט ער זיך דערפרעהט ניט דערפון, וואָס מ'זאָרגט זיך וועגען בעפרייען איהם, נור דערפון, וואָס מ'שרייבט צו איהם, ס'אינטערעס'רט זיך מיט איהם יענע, וועגען וועלכער ר'האָט אמאָל געטרוימט. ווי ער האָט זיך ניט איינגערעדט, אז ר'איז שוין אָבגעשטאָרבען פאר דער וועלט, ר'איז גלייכגילטיג צום לעבען און צו זיינע פערגעניגענס, האָט ער פונדעסטוועגען טיעף אין דער נשמה ליעב געהאַט די פאַנאַ יוליאַ אזוי ווי פריי־הער, היים און בעגייסטערט. ער האָט געלייענט און איבערגעליי־ענט די טייערע שורות, האָט זיי געדריקט צום ברוסט, געקושט און האָט וויינען געוואָלט פון פרייד און גליק.

דערנאָך אָבער, ווען די ערשטע התפעלות איז אריבער. האָט זיין קאַלטער, שטרענגער פערשטאַנד בעהערשט זיין הארץ.

— ניין,—האָט סאַרין זיך געזאָגט—כ'וועל ניט ווערען קיין פעררעטהער פון מיינע איבערצייגונגען. מיינע פרינציפען זענען ריכטיג און פעסט, איך בין זיך ניט טועה. די קליינע קריעג האָט קיין שום ווערדע ניט אַנטקעגען דעם גרויסען ציעל, וואָס מיר האָבען פאר זיך. מיר דאַרפען זיין רוסען! איין מאָל פאר אַלע! און קיין שטן וועט מיך ניט איבעררייידען!

ער האָט דאָס בריעפעל צוריסען אויף מאָנעלעך און האָט זיך א וואָרט געגעבען ניט צו טראַכטען מעהר פון זיינע הערצ־ליבע ענינים.

ענדליך האָט מען איהם געפאָדערט אין קאָמיסיע.

— אייער פאמיליען־נאָמען? די יאָהרען? אייער גלויבען? וואו און ווען האָט מען אייך אַרעסטירט?—זענען געווען די פראַ־גען פון דעם אויספאָרשער, א מאַן פון מיטעלע יאָהרען מיט

שטאַב־אָפיצערען־עפּאָלעטען און מיט זעהר אַ גוטמוטיגען פּנים.
סאַרין האָט געענטפערט.

— צי ווייסט איהר אין וואָס מ׳בעשולדיגט אייך?

— ניין.

— נאָך דעם ראַפּאָרט נאָך פונ׳ם אַדמיניסטראַטאָר — האָט דער אויספאָרשער צוגעגעבען — איז לייכט אַריינצורעכענען אייך אין דער קאַטעגאָריע פּאָליטישע פערברעכער, נור פון די פאַקטען איז עס ניט קענטיג. דאָס זענען אייערע פּאַפּיערען? — האָט ער געפרעגט, אָנווייזענדיג אויף אַ הויפען פּאַפּיערען, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן טיש.

סאַרין האָט זיי איבערגעקוקט און האָט עס אָנערקענט פאַר זיינע.

— איהר קאָנט זיי צונעהמען: מיר דאַרפען זיי שוין מעהר ניט. דאָס שרייבט איהר אַליין?

— איך אַליין.

— ביי אייך איז אַ פלינקע פעדער, — האָט דער אויספאָרשער געלויבט. — ס׳איז אַלץ אַזוי גלאַטיג, קיילעכדיג, פונקט ווי לייט־אַרטיקלען אין אַ צייטונג.

סאַרין האָט ערשטוינט אָנגעקוקט דעם אויספאָרשער און האָט ניט פערשטאַנען, צו וואָס דער געשפרעך וועט ברענגען. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען וועט שוין דער אויספאָרשער אָנהויבען וועגען דעם עצם ענין.

— צום טייוועל! — האָט דער אויספאָרשער צוגעגעבען, — איך זעלבסט שרייב אויך ניט שלעכט, אָבער אַלץ ניט אַזוי. איך פיהל אַליין, אַז מיין שפּראַך איז עפּים ניט־גלאַטיג. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי האָט איהר אייך געשאַפען אַזאַ גוטע שפּראַך?

— איך האָב מיך פיעל איינגעאיבט, פיעל געלעזען.

— איך האָב אויך ניט קנאַפּ געלעזען, איצט אָבער איז קיין צייט ניטאָ, מיין טייערער, — האָט דער אויספאָרשער געזאָגט מיט אַ זיפץ, — איך האָב זעהר ליעב צו לעזען, אָבער ס׳איז קנאַפּ צייט: כ׳בעוויז קוים דורכצוקוקען אַ צייטונג.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דער אויספאָרשער האָט זיך אַזוי ווי פערגעסען, אַז דאָ געפינט זיך סאַרין, און האָט זיך פערטיעפט אין די פּאַפּיערען, וואָס זענען געלעגען פאַר איהם. סאַרין

האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשטוינט, ווי זאָל ער דאָס אַלץ אָננעהמען.

— ערלויבט מיר צו פרעגען אייך, הערר פּאַלקאָווניק, — האָט ער בעשלאָסען אַ סוף צו מאַכען מיט זיין ערשטוינונג — וואָס איז וועגען מיר?

— אַך ענטשולדיגט, — האָט דער פּאַלקאָווניק גענומען פּערענטפּערען זיך מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל, — ווי איך בין עס צערשטרויט! דער קאָפּ דרעהט ממש... איהר זענט פריי. ס'איז שוין אָבגעגעבען געוואָרען אַ פעראָרדנונג וועגען בעפרייען אייך פון'ם ארעסט. הערט נור אָבער, יונגער מאַן, — האָט ער גע-זאָגט, אויפשטעהענדיג פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען צו סאַרינ'ען און האָט איהם מעשה שיצער די האַנד אַוועקגעלעגט אויפ'ן אַקסעל, — פּאַקטיש קאָן די אַדמיניסטראַציע גאָרנישט האָבען צו אייך, פונדעסטוועגען ראַטה איך אייך צונעהמען זיך פאַר אַנ'אַנ-דער אָרט טעטיגקייט. מ'קאָן גאָר ניט וויסען. איז דאָך גוט, אַז אייערע פּאַפּירען זענען אריין צו מיר אין די הענד: איך האָב זיי ווי געהעריג אָבגעשאַצט. ווען אָבער זיי זאָלען געווען אריינ-פאַלען אין די הענד פון אַ ביוראָקראַט, ר'פערשטעהט, אַ ביו-ראָ-קראַט, וואָלט ער אויף זיי אַנדערש געקוקט און וואָלט אייך פער-אורטיילען. אַלץ ווענדט זיך אָן דעם שטאַנד-פּונקט, ווי מ'דריקט זיך אויס אין צייטונגען. פון אייערע פּאַפּירען האָב איך פערשטאַ-נען, אַז איהר בעמיהט זיך וועגען בילדען, וועגען רוסיפיצירען אייערע ברידער. דאָס אַליין איז זעהר וואויל און, מ'קאָן זאָגען זאָגאַר, געווינשט. אָבער די אַדמיניסטראַציע קאָן דאָך איינזעהן אין דעם, אַז איהר מישט זיך אריין ניט אין אייער עסק, אַז איהר ענט אַנ'אַגיטאַטאָר. דער אַדמיניסטראַטאָר רופט אייך אָן טאַקי אַזוי. איז דאָך גוט, וואָס איך וויים, און איך קוק מיך ניט אום אויף די אַטעסטאַציעס פון'ם אַדמיניסטראַטאָר. וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען אויף מיין אָרט זאָל זיין אַנ'אַנדערער? וואָלט מען אייך אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט פון דער געגענד. דעריבער ראַטה איך אייך צו זיין פּאָרזיכטיג, דערהויפּט אין אַזאַ אומרוהי-גע צייט. איהר פערשפּרעכט עס מיר?

— אייער עצה וועל איך געדענקען, — האָט סאַרין געענט-פערט און האָט זיך פערנייגט.

— נאָך איין עצה,—האָט דער פּאָלקאָווניק צוגעגעבען:— ס'קאָן זעהר זיין, אַז דער גענעראַל זאָל אייך פאָדערען צו זיך, מוסר זאָגען אייך, ראטה איך אייך גאָרנישט ניט ריידען, ניט חקר'ענען, און נור בעדאַנקען פאַר דאָס בעפרייען.

— בעדאַנקען פאַר דאָס בעפרייען! — האָט סאַרין אויס־געשריען, כמעט אויפגעפלאַמט. — מיך האָט מען אומזיסט און אומנישט אַ גאַנצען מאָנאַט געהאַלטען אין טורמע, און איך דאַרף נאָך דאַנקען, וואָס מ'האָט מיך בעפרייט.

— וואָס זאָל מען טהון? — האָט דער פּאָלקאָווניק גע־זאָגט. — ווערט איהר זיך היצען, וועט אייך נור ערגער זיין.

— פערפאַלען,—האָט סאַרין ענדליך איינגעשטימט, — איך וועל שוין זעהן צו האַלטען זיך ווי מ'דאַרף.

— און דאָס וועט זיין זעהר גוט, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט און האָט סאַרינ'ען צוויי פינגער דערלאַנגט צום געזע־גענען זיך.

דעמזעלבען אָווענד האָט מען סאַרינ'ען אַרויסגעלאָזט פון טורמע. ביי'ם טויער האָבען איהם ערוואַרטעט כמעט אַלע מיט־גליעדער פון קרייזעל, און אין דעם אויך פריילין סאָפיע אַראָגסאָן.

— וואו איז פּיאָטר אַפאַנאַסיעוויטש? — האָט סאַרין גע־פרעגט, בעמערקענדיג, אַז דובאָוו פעהלט דאָ.

— מ'האָט איהם אַרויסגעשיקט קיין פּעטערבורג,—האָט איהם מאַזירסקי אַריינגערוימט אין אויער אַריין.

— ס'איז אַזאַ אָרדנונג! — האָט סאַרין אַרויסגעזאָגט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל.

XI.

דער ווינטער פון 1863 איז געווען אונגעוועהנליך אַ וואַרי־מער. דוכט זיך, אַז די נאַטור האָט געזוכט גינסטיג צו זיין פאַר די פּאָליאַקען, וואָס האָבען פאַר זייער קאַמפּאַניע אויסגעקליבען בעסער דעם ווינטער, ווי דעם זומער. לויט אַ סיגנאַל, האָט דער אויפשטאַנד אויפגעפלאַמט אין פערשיעדענע ערטער אין פּוילען און פון די ערשטע טעג שוין האָט עס אָנגענומען אַ דראָהענדע

פאָרם. אין די וועלדער זענען, ווי פון דער ערד, אַרויסגעוואַק־סען בעוואָפּענטע חבריות, וואָס האָבען זיך צוערשט אַלאָז גע־טהון אויף די טעלעגראַף-שטאַנגען, די באַהן־רעלסען, און וואו ניט וואו אויך אויף איינזאַמע מיליטער־טיילען. ווענינער ווי אין צעהן טעג אַרום האָט דאָס פייער זיך אַריבערגעטראָגען איבער די גרע־ניצען פון וואָלין, ליטאָ און זאַמוט. אין קנאַפּע פונפצעהן טעג האָט דאָס פלאַם אַרומגענומען אַלע פּראָווינצען פון דער געוועז־ענער „רעטש פּאָספּאָליטאַ".

אין אַ יאַנואַר־אָווענד אין יאָהר 1863 איז דאָס גרויסע פּריי־צישע הויז פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ אַזוי העל בעלויכטען געווען, אַז פון ווייטען האָט זיך עס אָבגערוכט, ווי עס שטעהט אין פייער. צום גאַניק, וואָס איז אויך בעלויכטען געווען מיט לאַמטערנעס און לעמפּלעך, האָבען פון פּאַר־נאַכט אָן אָנגעהויבען שנעל צוצופאָהרען רייטער, פערגרימירטע, אין פאַנטאַסטישע קליי־דער. זייערע פערד פלעגען זיי איבערגעבען די בעדיענער, וואָס האָבען זיי ערווארטעט, און פלעגען עפּיס איינרוימען דעם שווייַ־צער אין פאָרהויז, און פלעגען אַוועק אין די צימערען.

אין גרויסען טאַנץ־זאַל, וואָס האָט זיך גערופען ראָטאָנדע, איז אין רעכטען מיטען געשטאַנען אַ גרויסער רונדער טיש, וואָס האָט זיך געבויגען אונטער'ן לאַסט פון די אָנגעשטעלטע זילבער־נע, גלעזערנע און פאַרפאָר־געשיר מיט נאַשערייען, פרוכטען און בלומען. ביי איין וואַנד איז געשטאַנען אַ גרויסער בופעט מיט פערשיעדענע משקאות און צובייסענס. אַמאָל דער, אַמאָל יענער גאַסט פלעגט צוגעהן אַהער, אויסטרינקען אַ גלעזעלע, פערבייסען און צוריק אומקעהרען זיך צו דער קאָמפּאַניע. אויסער דער ווירטהין און די פּערזאָנען, וואָס זענען שוין בעקאַנט דעם לע־זער—יוליאַ קרוטיצקאַיאַ, פירסטין מילפאַר, יאַדוויגאַ פאָן־דער־גאָסט, איזאַבעלאַ סליופּקעוויטש, פּאָלינאַ קראַניץ, קסיאָנדז קוויע־צינסקי, וואַצלאַוו זאַרעמבאָ און אַנדריי גרושעוויטש, וועלכע מ'האָט מיט אַ וואָך צוריק בעגנעדיגט און מ'האָט איהם ווידער אַריינגענומען אין זשאָנד — זענען דאָ נאָך געווען צוויי פּראָפּאָר־שטשיקעס אָקאָרשט ערשט פון קאָרפּוס, צוויי פּראָנצויזען, וואָס האָבען זיך אָנגעגעבען אַלס אינזשענערען, אַ דייטש אַ טעכניקער, פיער יונגע גוט־בעזיצער מיט בערדלעך אַלאַ נאַפּאָלעאָן III,

אַ געוועזענער גימנאַזיסט, מיט אַ שטאַרק געשטופּעלטען און זעהר אַ העזה'דיג פּנים און צוויי יונגע קסיאָנדזען.

די אַלע געסט, אויסער די פראַנצויזען און דעם דייטש, האָבען הויך געשמועסט, זיך געהיצט, געלאַכט און גערויכערט. די אויסלענדער פלעגען נור ציימענווייז אַרויסזאָגען זייער Certa-nement אָדער Gewiss, חאָטש זיי פלעגען זיך קוים אָנשטויסען וועגען דעם געדאַנק פונ'ם לעבהאַפטען געשפּרעך אין פּוילישען.

ביי דער גרעפין אין קאַבינעט איז גראַף טענטשינסקי בכבוד'יג געזעסען ביי דער גענעראַלער לאַנדקאַרטע פון דער מערב-געגענד און האָט פאַר פיער דאָבודזעס, וואָס זענען דאָ אויך געזעסען ביי אַ גרויסען קיך-טיש, דיקטירט זייערע מאַרשרוטען, דערביי האָט ער זיי מיט דער זיכערקייט פון אַ ערפאַהרענעם קריעגס-גענעראַל ערקלעהרט דאָס סטראַטעגישע ציעל, וואָס זיי דאַרפען האָבען אין דער אויסזיכט. די דאָבודזעס, וואָס זענען היינט טאַקי געטיטעלט געוואָרען אַלס פּאָלקאָווניקעס, הערען אויס מיט עהרפורכט די ערקלעהרונגען פונ'ם הויפּט-קאָמאַנדיר און זיינע צוזאָגען פערשרייבען זיי אין די נאָטיץ-ביכלעך.

— איך בעט אייך, פּאַנאָווע,—זאָגט דער הויפּט-קאָמאַנדיר,—אַז איהר זאָלט זיך שטרענג האַלטען די פּאַראַלעל-בעוועגונג פאָרווערטס, אַז יעדע קאָלאָנע זאָל זיכער זיין, דאָס זי האָט אויף וועמען צו שטיצען זיך אין אַ נויט. איהר זאָלט אַממעגליכסטען אויפהאַלטען דעם פערקעהר צווישען זיך.—פאָרלעגענדיג די דאָבודזעס נאָך אייניגע פראַגען, איז גראַף טענטשינסקי אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט פערריכערט אַ סיגאַר, איז אַוועק איבער'ן צימער הין און צוריק און האָט גענומען דיקטירען די לעצטע אינסטרוקציעס.

אַ זייגער צעהן, ווען די אַרבייט אין קאַבינעט איז געווען פערענדיגט, איז דער גראַף אין דער בעגלייטונג פון דאָבודזעס אַריין אין ראָטאָנדע. דער געשפּרעך אין די ווינקלעך האָט אויפגעהערט. אַלעמענס אויגען האָבען זיך מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט געווענדט צום גענעראַל און די פּאָלקאָווניקעס. לויט אַ צייכען פון גענעראַל און דער איינלאַדונג פון דער ווירטהין האָבען די געסט זיך געזעצט צום טיש.

געגעסען האָט מען שטיל. יעדערער האָט אַנערקענט און געפיהלט די פייערליכקייט פון דעם מאָמענט. דעם גראַף׳ס פּנים איז געווען אונגעוועהנליך ערנסט, כּמעט בייז. די אויגען זענען געווען געוועגדט אין טעלער. נור די געדאַנקען זיינע זענען געווען ווייט פון דעם טעלער און זאָגאַר פון דעם הויז. דען ער האָט ניט געגעסען, נור ער האָט מעכאַניש דעם גאָפּעל אין האַנד געהאַלטען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די איבעריגע געסט אַריינצופּאַקען אַלץ, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט.

מ׳האָט דערלאַנגט שאַמפּאַניער. די באָקאַלען זענען אָנגעגאָסען געוואָרען, נור קיינער האָט זיך ניט צוגעריהרט צו זיי. מ׳האָט אַלץ געוואַרט אויף עפּיס פון׳ם גענעראַל. ער האָט אַ קוק געטהון אויף זיין זייגער און האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען. ער האָט גענומען זיין באָקאַל, איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבען:

— פּאַנאָוויע!

אַלע געסט האָבען זיך אויפגעשטעלט.

— מיר פייערען היינט אונזער פערקנאַסונג מיט אונזער הייליגען פאָטערלאַנד, וועלכעס מיר דאַרפען בעפרייען פון די בייזע אַרעמס. שלעכטע פּאַליאַקען, שלעכטע חתנים און שלעכטע קאַוואַליערען וועלען מיר זיין, אויב מיר וועלען פאַר דער בעפרייאונג פון אונזער געליעבטער ניט ריזיקירען מיט אונזער פערמעגען, מיט אונזער בלוט, מיט אונזער לעבען.

— מיר וועלען! מיר וועלען! — האָבען די געסט אויסגעשריען אַלע אין איין קול.

— איך טרוי אייך און איך דאַנק אייך אין נאָמען פון׳ם פאָטערלאַנד, — האָט דער גראַף צוגעגעבען. — ס׳איז געקומען די שעה פון בעליוינונג. די טרערען פון׳ם פאַטערלאַנד און דאָס בלוט פון אונזערע ברידער, וואָס זענען געפאַלען אין געפעכט און זענען פערמאַטערט געוואָרען אין די סיבירער ערדגרובען, בערופען צו נקמה. זאָלען מיר זיך נוקם זיין אָן די פיינד און זיך ראַטעווען. דאָס גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז פאַר אונז. דאָס דאַרף פערדאָפּעלן אונזער אַלט-אָגיגען העלדענמוטה, וואָס איז בעקאַנט דער גאַנצער וועלט. אויף אונז קוקט מען, ווי אויף די אייראָפּעאישע וואַך פון ערשטען פּלאַץ, וואָס דאַרף פערהיטען די

הונדערט־יעהריגע ציוויליזאַציע. אונזערער אַ ברודער האָט שוין איין מאָל געראַטעוועט אייראָפּע פון דעם חשך פון דער לבנה זאָל יעדערער פון אונז זיין סאָביעסקאָ, וועט דער נצחון זיין אונזערער. זאָלען מיר ניט פערגעסען, אַז מיר זענען פּאָליאַקען, דאָס הייסט אַנ׳איידעלעס פאָלק, דער ערשטער צווישען די סלאַוויענישע שבטים. אונזער ראָלי איז צו הערשען, און ניט צו זיין אונטערניג. מעהר ניט ווי אינטריגעס, סכסוכים און קנאה פון די שכנים האָבען אונז אָבגעשטויסען פונם וועג, וועלכער איז פאַר אונז בעשטימט פון דער השגחה. זאָלען מיר זיך בעמיהען אויפציהויבען זיך העכער פון אינטריגעס, פון סכסוכים און זאָל אונז די קראַפטלאָזע קנאה ניט קאָנען עררייכען, וועלען מיר ווידער אַרויף אויף אונזער וועג. „יעשצע פּאָלסקיאַ ניע סגינעלאַ, פּאָקי מי זשיעמי!״ עס לעבע פוילען!—האָט ער אויסגעשריען.

— וויוואַט! וויוואַט! האָבען אַלע געשריען און זיך אַרומגענומען.

דער גראַף האָט אויסגעטרונקען זיין באָקאַל. דערנאָך האָט ער איהם אויפגעהויבען איבער׳ן קאָפּ און האָט איהם אַ וואָרף געטהון אויף דער פּאָדלאָגע.

אַלע פערזאַמעלטע האָבען איהם נאָכגעטהון דאָס זעלבע. די בעדיענער האָבען געבראַכט נייע באָקאַלען און האָבען זיך גענומען אָבצוקאָרקעווען די פלעשער שאַמפּאַניער. ס׳איז אַוועק אַ טרינקעריי, מיט וויוואַטען, קושענס, האַלזען זיך און מיט פרעהליכע געשפּרעכען און געלעכטער. די מאַנספּערזאָנען צוהיצטע פון ווייַן האָבען זיך דערפיהלט אַלס סאָביעסקאָ׳ס און האָבען זעהר לעבעדיג אָנגעהויבען צו דערצעהלען מופתים פון העלדענמוטה... וואָס זיי וועלען נאָך ערשט בעווייזען, און האָבען יעדע ווייַלע די הענד געקושט ביי די דאַמען און זיי פערשפּראָכען צו פערנעהמען אין געפאַנגשאַפט—דער אַ עסקאַדראָן קאַוואַלעריע, יענער דריי באַטאַרייען אַרטילעריע און דער—זאָגאַר אַ גאַנצע דיוויזיע מיט האַקפּאַק, זעלבסטפערשטענדליך, אַז די אַלע טראָפּעען וועלען זיי אַוועקלעגען ביי די פיס פון זייערע דאַמען. „וואָס איין קוש זייערער איז ביי זיי טייערער פון דער גאַנצער דיוויזיאָנער קאַזנאַ״. די דאַמען זענען ענטציקט געווען פון זייערע העלדישע און איידעלע

ריטערען. און האָבען זיי ערלויבט צו קושען זייערע הענדטלעך און לאָקענס, וויפיעל דאָס הארץ האָט געגלוסט.

אין דער צייט, ווען מ'האָט געטרונקען, איז שוין דער גראַף ניט געווען אין ראָטאָנדאַ. נאָך דעם ערשטען אויסגעטרונקענעם באָקאל איז ער מיט זיינע פאָלקאָווניקעס אוועק אין קאַבינעט. ארום האלבע נאכט איז ער אַרויסגעגאנגען צו די מאָהלצייט-לייט און האָט קאָמאַנדירט:

— ברידער, מאַרש אין געפעכט!

ס'איז שטיל געוואָרען. די מאַנספּערזאָנען האָבען זיך אַ וואָרף געטהון צו זייערע סאַבעלען. ביי פיעלע האָט דאָס הארץ אַ קלאַפּ געטהון, און דאָס געזיכט האָט זיך אויסגעצויגען.

— פאַנאָווע! — האָט עמיצער געזאָגט, — אלס ריטערען, פאַסט פאַר אונז צו בעקומען אונזערע סאַבעלען פון די הענד פון אונזערע ליעבע דאַמען, וועלכע מיר זענען שטענדיג געוועהנט צו פערגלייכען מיט'ן פאָטערלאַנד. וועלכע פוילישע פרוי דערמאָנט ניט מיט איהר וועזען דאָס קלוגע, פיהלבאַרע, איידעלע, העלדישע און בעצויבערנדע פוילען?

— ריכטיג! ריכטיג! — האָבען אַלע פערזאַמעלטע מסכים געווען.

די דאַמען האָבען צונומען די סאַבעלען און האָבען זיך אויס-געשטעלט אין אַ רייה האַלב קיילעכדיג. די קאַוואַליערען פלעגען צוגעהן, זיך קניהען און בעקומען זייערע סאַבעלען, דערביי פלע-גען זיי אַפריהער אַ קוש געבען די סאַבעל און די האַנד, וואָס האָט עס געהאַלטען. נאָך דער דאָזיגער אימפּראָוויזירטער צערעמאָניע האָבען די קאַוואַליערען צוגעשפּילעוועט זייערע קאָנפעדעראַטקעס אָן אזייט און האָבען זיך געלאָזט פון די טהירען אַרויס צו זייערע רייט-פערד. פאַר די דאַמען זענען געווען צוגעגרייט צוויי קאַרעטעס.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז די דאָזיגע גאַנצע קאַוואַלקאַדע, מיט פאַקעל-טרעגער פוס-געהער און רייטער פאָראויס, געווען שוין אויפ'ן וועג פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ'ס מיזע צום ליאַס.

דער ליאַס, וואָס האָט אַנגעהערט צו דער זעלבער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ איז געווען וויים פון דער מיזע אַ מהלך פון דריט-האַלבען ווערסט — אין דער צייט, ווען דער הויפּט-קאָמאַנדיר מיט די דאַבורצעס און מיטען שטאַב האָט געפּאַרוועט דעם מאָהלצייט-

אין ראָטאָנדע, האָבען אויפ׳ן גרויסען פעלד ביים וואַלד, אַרום ברענענדע שייטערהויפענס, זיך געזאַמעלט מענשען אין זעהר מאָדנע קאָסטיומען, אָדער פון יעגערס, אָדער פון פויעָרים. נור וואָס וואַרימערע. און בעוואָפענט זענען זיי געווען אויך זעהר פערשיעדענאַרטיג: מיט קאַראַבינען, קאָסעס, העק, גרויסע קוך־מעסערס אָדער פשוט מיט אַ פערשפּיצטעז שטעקען. ניט קוקענדיג אויף די פערשיעדענאַרטיגע בעוואָפנוג, האָבען די אַלע צוזאַמען, אַ מאַן דריי הונדערט, זיך אָנגערופען מיט אַ בעזונדער אַלגעמיינעם נאָמען: די קאָסעניערען־אָבטיילונג נומ. 1. אַ דרוק פויערשע פוהרען ביים וואַלד מיט ניט זעהר קיין שווערע אָנלאָדונג האָט געזאָלט זיין דער וואגענצוג פון דער אָבטיילונג.

עטוואָס ווייטער פון די שייטערהויפענס אין דעם וואָגענצוג אויף אַנ׳אויסגעטראָטענעם שטעג אויף דעם פעלד איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק עפּיס אַנ׳אַלטיטשקער אין אַ גראָבער גראָהער טשאַמאַרקע און הויכע שטיוועל. מיט אַ קאַוואַלעריע־סאַבעל אויפ׳ן זייט און די הענד פערלעגט אַ הינטער—דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט אַ מאָל אויף די מענשען, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום די שייטערס און אַ מאָל אויפ׳ן וועג צו דער טיזע. קענטיג, אַז ער איז זעהר אונגעדולדיג געווען, וואָרום צייטענווייז פלענט ער אַרויסשיטען אַזעלכע קללות, וועלכע מ׳קאָן הערען פון אַ פּאָליאַק סיידען, ווען ער איז זעהר בייז. דער בעסנדער פּאָליאַק איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי פּאַן ווידראַ, דער קאָמאַ.דיר פון דער אָבטיילונג, וואָס זאָל האָבען דעם כבוד היינט שוין אָנצוהויבען די קאַמפּאַניע. ער האָט גע׳כעס׳ט אויפ׳ן גראַף און אויף זיין סוויטע, וואָס פערזאַמען אַזוי צוקומען צודער אַרמעע, און האָט זיי יעדע ווילע געשיקט צום טייוועל. פונקט ווי דאָס זאָל שנעלער מאַכען די פּריצישע הכנות, וועלכע ער וואָלט מיט פערגניגען אויפגעהאַנגען, ווען ס׳זאָל זיך נור ווענדען אָן איהם. די אַרמעע קענטיג איז ניט געווען אַזוי אונגעדולדיג, ווי דער קאָמאַנדיר. גרופּעס ווייז האָבען זיי זיך צולעגט אַרום די שייטערסהויפענס און האָבען זיך פערטיעפט אין גאַנץ פריעדליכע בעשעפטיגונגען, דער האָט געריכערט אַ לולקע, יענער האָט פעררי‌כט זיין פעלץ, איינער האָט געשמועסט מיט חברים. אַ צווייטער האָט זיך אַוועקגעזעצט .אויף אַ קלאָץ פון אַ בוים און האָט מיט גרויס הרחבת

הלב געחראָפּעט. נור איין גרופּע האָט עטוואָס דערמאָנט אָן א לאָ־
גער. דאָרט אין דער מיט איז געשטאַנען עפּיס א הויכער אַלטער
מאַן מיט גראָהע וואָנצעס, אין א מיליטער־שינעל און א קאָנפעדע־
ראַטקע און האָט עפּיס דערצעהלט, אומפאָכענדיג מיט די הענד און
מיט׳ן מויל דאָט ער נאָכגעמאַכט דעם פייפען פון קוילען, דעם
טראָט פון פערד און דעם קלאַפּען פון פויקען. דאָס איז געווען א
וואַכמיסטער פון געוועזענעם פּוילישען חיל—ער האָט דערצעהלט
וועגען דער קאַמפּאַניע פון איין־און דרייסיגסטען יאָהר, אין וועל־
כער ער האָט זיך בעטייליגט. מ׳האָט איהם צוגעהערט מיט אָנ־
געשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט און נייגעריגקייט, האָטש ער פלעגט
צווישען די געשעהענישען און פלעגט מעהר אויסטראַכטען,
ווי דערצעהלען דאָס, וואָס ער האָט ווירקליך געזעהן. ווייטער פון
די גרופּעס אין די שייטער הויפענס זענען געזעסען צוויי יונגע
לייט אין פּאַצעטישע אויפשטאַנדס־קאָסטיומען און האָבען געראַ־
כערט פּאַפּיראָסען, צייטענווייז פלעגען זיי זיך דורכריידען אויף
דייטש:

— הייסט עס, מיר געהען פאַרין ענין?—האָט איינער גע־
פרעגט.

— פאַרין ענין,—האָט דער צווייטער געענטפערט.

— און געגען אַבסורד?

— און געגען אַבסורד.

— רעכט, גיב פייער.

דער לעזער שטויסט זיך אָן געווים, אַז די יונגע לייט זע־
נען זשול פּערעטץ און דזשאָן בערקאָוויטש.

אַרום האַלבע נאַכט האָט מען פון דער מיזע זייט דערהערט
צוויי מאָל אויסגעשאָסען פון א ביקס, און דער האָריזאָנט האָט זיך
אויף א ווײלע בעלויכטען פון צוויי ראַקעטען, וואָס האָבען זיך ער־
הויבען צו די וואָלקענס. פון דעם אַליין האָט שוין די אַרמעע א
ציטער געטהון און זיך געלאָזט לויפען.

— מאָסקאַלען! מאָסקאַלען!—האָבען די פּאָוסטאַנצעס גע־
שריען, זענען אַנטלאָפען אין וואַלד, אומוואָרפענדיג איינער דעם
צווייטען.

— וואוהין לויפט איהר, שדים?—האָט זיי נאָכגעשריען דער
וואַכמיסטער, וואָס האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט.—וואָס פאַר

אַ מאָסקאַלען? דאָס זענען ראַקעטען, פייערװערק, אַ סיגנאַל. עך, פויערים, פויערים!

פאַן װידראַ, װאָס איז שױן אױך געװען אױפ'ן װעג אין װאַלד אַריין, האָט זיך אַרומגעזעהן, האָט ער אַרױסגעכאַפּט זיין סאַבעל, האָט זיך געלאָזט נאָך דער אַנטלאָפענער אַרמעע און געשריען:

— צוריק, ניעדערטרעכטיגע! אַניט — װעל איך אײַך מיט דער סאַבעל צושניידען. אַנטלױפען גאָר—מנוולים!

די מנוולים האָבען זיך אומגעקעהרט.

— עך, פּחדנים, פּחדנים, — האָט זיי דער װאַכמיסטר פאַרװאָרפע געמאַכט, — װאָס פאַר אַ זשאַלנערען זענט איהר? אַנ'אַקער פאַסט פאַר אײַך, און ניט מלחמה האַלטען, מ'האָט זיך עס דערשראָקען פאַר אַ ראַקעט, חאַ, חאַ, חאַ!

נאָך אַ ראַקעטע האָט זיך אױפגעהױבען אין דער הױך.

פאַן װידראַ האָט מיט אַ פראַגע-בליק אַנגעקוקט דעם געניטען װאַכמיסטער, װי אײנער זאָגט; דו דאַרפסט דאָך װיסען די בעדייטונג פון די דאָזיגע מופתים.

— װאַהרשײנליך, — האָט דער װאַכמיסטר געענטפערט,— אַז דער שטאַב האָט פערלאָזט די הױפּט-קװאַרטיר און װעט באַלד אָנקומען אַהער.

— אין שערענגעס! — האָט קאָמאַנדירט פאַן װידראַ און האָט זיך גענומען עוסק'ן מיט זיין אַרמעע.

דער װאַכמיסטר האָט געטראָפע. אין צעהן מינוט אַרום האָבען זיך אױפ'ן װעג בעװיזען פאַקעל-טרעגער, און נאָך זיי — אַ חבריא רייטער אין פאַנטאַסטישע קאָסטיומען.

— זעה נור! — האָט פאַן װידראַ אױסגעשריען, ר'האָט זיך געשטעלט בראש פון דער ערשטער שערענגע, אױסגעשטעלט דאָס ברוסט און געסאָפּעט.

די חבריא האָט זיך דערנעהנטערט.

פאָראױס איז געפאָהרען דער גענעראַל אױף אַ שענעם שװאַרצען פערד אין אַ זילבערנעם שפּאַן. ער איז געװען אָנגעטהון אין אַ װאַרימער טשאַמאַרקע און הױכע שטיװעל מיט שפּאָרען; אױפ'ן קאָפּ האָט ער, אָנשטאָדט אַ קאָנפעדראַטקע, געטראָגען אַ טשערקעסען-פּאַפּאַחע מיט אַ רױטען דאַשעק, װאָס האָט זיין פּנים צוגענע-

בען אַ קריעגערישען אויסזעהן. ער האָט זיך בעגריסט מיט דער אַרמעע.

— וויוואַט, פאַנע, גראַביאַ! — האָט די אַרמעע געענטפערט.

אויף אַ צווייטען עק שערענגע האָט עמיצער געוועז אָנגע־הויבען צו בלאָזען אין אַ האָרן, מיינענדיג, אַז איצט איז אַקוראַט צוגעפּאַסט די דאָזיגע מוזיק, נור דעם גראַף'ס הויכער אָנזאָג, „מען דאַרף ניט" האָט איהם אָבגעשטעלט.

דער גראַף איז אַרומגעפאָהרען אַלע שערענגעס, האָט בע־קוקט דעם וואַגענצוג און האָט איבערגענעבען די אָבטיילונג איינעם פון די דאָבודצעס. ר'האָט זיי געזאָגט אַפּאָר ווערטער אויפ'ן וועג און האָט קאָמאַנדירט:

— מיט פרייע שריט, מיט גאָטעס הילף—מאַרש!

די אָבטיילונג איז אַוועק אין געפּעכט מיט אויסגעשרייען: וויוואַט, פּוילען! וויוואַט, פאַנע גראַביאַ!

— איצט, פאַנאָווע, — האָט דער גראַף געזאָגט צו זיין סוויטע, ווען די אָבטיילונג איז שוין אַוועק וויט פון אויג,—לאָמיר צופאָהרען צו אַנדערע אָבטיילונגען.

דאָס געפּעכט האָט זיך געזאָלט אָנפאַנגען אין דעם טאָג אויף אַלע פּונקטען.

די קאַוואַלקאַדע מיט די פאַקעל־טרעגער פאָראויס האָט שטיל און פייערליך אָבגעקעהרט אויפ'ן וועג, וואָס האָט זיך פּער־טיעפט אין וואַלד אַריין און האָט געפיהרט צו אַלע פּונקטען, וועגען וועלכע דער גראַף האָט גערעדט.

XII

אין דער צייט, ווען פּאַלינאַ קראַנץ האָט זיך געפונען אויף דער מיזע פון דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, אום צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פּאַטריאָטען צו בעטייליגען זיך אין דער בעגלייטונג פון דער אַרמעע אויפ'ן געפּעכט, איז ביי איהר פאָטער אין דערהיים פּאָרגעקומען אַ אונגעוועהנליכע צורודערונג.

אויפ'ן בעט, וואָס איז געוועזן אַריבערגעטראָגען פון שלאָף־צימער אין זאַל, איז דער אַלטער קראַנץ געלעגען גוסס. אין משך פון צוויי־דריי טעג האָט ער געהאַט צוויי אַפּאָפּלעקטישע שלאַגען: פון דעם ערשטען האָט ער אָנגעוואָהרען דאָס לשון, און פון צווייטען— האָט ביי איהם אָבגענומען אַ האַנד און אַ פוס. פון פריה-מאָרגען

ביז׳ן אָוועגד האָבען אַרום דעם קראַנקען געאַרבייט דאָקטוירים, פעלדשערים און פיעלע פריינד פונ׳ם פערעהרטען אַלטען. לויט אַדאָלף׳ם בעגעהר, וואָס האָט דעם קאָפּ אָנגעוואָהרען, אָבער ער האָט די האָפנונג ניט פערלאָרען, פלעגען אַלע דריי שעה פאָרקומען קאָנסיליומס. די דאָקטוירים פלעגען פלעגמאַטיש אָבטהון זייערס, פון יוצא וועגען פערשרייבען רעצעפּטען און צוויילען די דיענער צו געהן אין אַפּטייק. נור זיי האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָבען אָבגעלעגט די הארט אָנגעקראָכמעלטע קראַגענס פון זייערע אויבער־העמדער, ווי איינער זאָגט: אונזער זאַך טהוען מיר, מיר היילען אָמבעסטען, אָבער קיין אחריות נעהמען מיר ניט אויף זיך. סאַרין און מאָזירסקי, וואָס זענען כמעט ניט אָבגעטרעטען פון אַדאָלף׳ן, פלעגען איהם העלפען אין דער בעל־הבתישקייט און האָבען אונטערוועגס געזעהן צוצוגרייטען זייער פריינד צום גרויסען אומגליק.

דער אַלטער קראַנק איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען, ווען פּאָלינאַ איז פּלוצלונג פּע שוואונדען געוואָרען פון דערהיים. איינמאָל אין אַ אָוועגד איז דער אַלטער אריינגעקומען צו איהר אין צימער, ר׳האָט געררעכענט צו טרעפען איהר ביים לייענען אָדער ביי אַנ׳אַרבייט, נור אַנשטאָדט דער מאָכטער, האָט ער אויפ׳ן טיש געפונען אַ שטיקעל פּאַפּיער, וואו ס׳איז געווען אָנגעשריעבען: „איך פאָהר אַוועק. איך ווייס ניט, ווען איך וועל צוריקקומען, אפשר, וועל איך שוין גאָר ניט צוריקקומען. אַדאַנק פאַר אַלץ. אַדיע! איהר וועט נאָך וועגען מיר הערן”.

דער אַלטער איז שיער ניט משוגע געוואָרען. ר׳האָט זיך געהאַפּט פאַר׳ן קאָפּ און אָנגעהויבען צו ברומען ווילד איבער׳ן גאַנצען שטוב. ס׳זענען זיך צונויפגעלאָפען מענשען. אַדאָלף איז אָנגעלאָפען ניט טויט, ניט לעבעדיג.

— אָט, — האָט דער אַלטער געהריפּעט, אָנווייזענדיג אויף פּאָלינאַ׳ס צעטעלע און האָט זיך געשטיקט פון אויפרעגונג,—לויף... ברענג אַהער... גיעבער... שוין... כ׳וועל שטאַרבען...

ר׳האָט זיך אַ טרייסעל געטהון און איז שיער גיט אומגעפאַלען, נור מענשען האָבען איהם אונטערגעהאַפּט און אַדאָלף האָט זיך געלאָזט אויפזוכען פּאָלינאַ׳ן

ווייסענדיג, וואו פּאָלינא פערברענגט געוועהנליך איהר צייט,

האָט ער זיך אַלאָז געטהון צו דער גרעפין סטאַשיצקאַיאַ, נור דאָרט האָט ער געטראָפען דעם איינגאַנג פערשלאָסען, און אין די פענסטער איז קיין שיין ניט געווען. ער האָט פונדעסטוועגען גע־נומען קלינגען און האָט אַזוי לאַנג געקלונגען, ביז וואַנען דאָס גלעקעל האָט זיך אָבגעריסען. אין פערטיל פון טויער האָט זיך בעוויזען עפּיס אַ פרוי.

— וואָס דאַרפט איהר?—האָט זי זיך אָבגערופען צו אדאלפ׳ן.

— וואו איז די גרעפין סטאַשיצקאַיאַ?

— זי איז אָבגעפאָהרען קיין ווארשוי.

— צו איז דאָ ניט געווען פּאָליגאַ קראַנץ?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? אפשר געווען, איך בין אַ קעך־דיענסט, און כ׳געה ניט אין די אינערליכע צימערען.

ביז וואַנען אַדאָלף איז צוריקומען אַהיים, האָט מיט דעם אַלטען געשעהן דער ערשטער אַפּאָפּלעקסישער שלאַג. די דאָק־טוירים האָבען אַזוי פלייסיג געאַרבייט און געהאָוועט אַרום איהם, ביז וואַנען ס׳האָט געטראָפען אַ צווייטער אַפּאָפּלעקסישער שלאַג. דער קראַנקער איז שוין מיט איין פוס אין קבר געווען.

אויפ׳ן פינפטען טאָג האָט מען דעם אַלטען קראַנצ׳ן שוין מיט ביידע פיס אין קבר אַראָבגעלאָזט.

אין צוויי מאָנאַטען אַרום האָט אַדאָלף קראַנץ געשריעבען צו מערי טידמאַן פאָלגענדעס:

„מיין פאָטער איז געשטאָרבען, פּאָלינאַ איז קראַנק, זומער וועט מען מיט איהר דאַרפען פאָהרען קיין אויסלאַנד... צו גרע־זיננער: די היגע דאָקטוירים האָבען קיין שום השגה ניט וועגען היילען גייסטיגע קראַנקהייטען. מאַזירסקי קלויבט זיך אין אוניווער־זיטעט, סאַרין איז אויך ערגעץ אָבגעפאָהרען. אונזער קרייזעל איז אינגאַנצען צופאַלען: פעראיינען זענען אין רוסלאַנד ניט ערלויבט. פאַר מיר איז אונמעגליך צו פאָהרען אין אַ אוניווערזיטעט, אַלע־פאַלס איצט: דער פאָטער האָט מיר בירושה איבערגעלאָזט פיעל ניט פערענדיגטע עסקים, כ׳זאָל איצט ליקווידירען די געשעפטען פון אונזער פירמע, וועט עס פיעל שאָדען ברענגען, ס׳שמעקט מיט הונדערט טויזענדער רובל... אונזער פירמע מוז עקזיסטירען און דאַרף אויפהאַלטען איהר גוטען נאָמען אין דער קאָמערץ־

וועלט. איך וואָלט זעהר ניט וועלען זיין אַ סוחר, נור וואָס זאָל
מען טהון אַנטקעגען דעם מזל? איך מוז זיין אַ סוחר, אַ ניט—בין
איך צורואינירט.

„אָבער איך בין עלענד, דערשלאָגען פון צער און אַפּאַטיש.
אויב דו מיין טייערער פריינד, האָסט מיך חאָטש עטוואָס ליעב.
ווען דו האָסט צו מיר חאָטש עטוואָס מיטלייד, אויב דו פער-
שטעהסט וויפיעל ס'איז, ווי טייער דו בינסט מיר, אויב פאַר דיר
איז עטוואָס שווער אונזער צושיידונג—איז קום צופאָהרען, פער-
געס דעם ברוגז, פערגעס מיין כלומרשטע קאַלטקייט, און קום צו-
פאָהרען. מיר זענען אנגעבוירען איינער פאַר'ן אנדערן, מיר דאַר-
פען געהן אין לעבען צוזאַמען, איך האָב עס אַלע מאָל געפיהלט.
איך בין אין דעם אַלע מאָל איבערצייגט געווען, און דער עקר...
קום צו פאָהרען! אין נאָמען פון אונזער ערנסטער, אויסגעליטענער
ליעבע—קום צופאָהרען! מיט אומגעדולד און ציטער וועל איך
וואַרטען אויף דיין ענטפער, אין וועלכען ס'וועגדט זיך מיין גאַנצע
צוקונפט, כמעט מיין גאַנצעס לעבען".

מערי האָט אָבגעענטפערט טעלעגראַפיש. „כ'קום צופאָהרען".

סאַרין איז פון נ. אַוועקגעפאָהרען איבער פאָלגענדען בריעף
וועלכען ער האָט בעקומען פון קאַפּיטאַן וואָלסקי": איך האָב דער-
הערט, אז לודוויסאַ געפינט זיך איצט אין נ. וואָס טהוט זי דאָרט?
דאָס בעאונרוהיגט מיך זעהר. צו דען האָט דעם זשאָנד געלונגען
צו פערפיהרען איהר אויך? ניין, דאָס וועט שוין זיין צופיעל. דאָס
פאָטערלאַנד האָט אויף איהר קיין שום רעכט ניט. איך האָב מיין
פאָטער אַ שבועה געגעבען זיך צו אָפּפערן, אָבער ניט מיינע קינ-
דער. און דעריבער זאָלסטו תיכף אָבפאָהרען קיין נ. זאָלסט צו-
נעהמען לודוויסאַ'ן און אָבפיהרען איהר קיין יאַבלאָנאָווקע, פון
וואַנען זי זאָל ניט ארויספאָהרען אויף איין שריט ניט—זאָל זי
מורא האָבען פאַר מיין פאָטערליכען צאָרן, פאַר מיין קללה. אגב
זאָלסטו דאָרט אויסמוסר'ן מיין מאַדאַם פאַר איהר אונפערצייליכע
לייכטזיניגקייט. זאָג זיי אַלעמען, אַז איך בעפעהל, דאָס זיי זאָלען
זיצען רוהיג!... און דיך בעט איך צו בעזעצען זיך אין יאַבלאָ-
נאָווקע און היטען זיי אויף ווייטער, ביז וואַנען די קאַמפּאַניע וועט
זיך ענדיגען.

„וועגען זיך שרייב איך גאָרניט, ווייל ס'איז ניט כדאי. אז מען קלאַפּט אונז און מען וועט אונז צוקלאַפּען, אין דעם איז קיין שם צווייפעל ניטאָ... יאָ, איך האָב שיער ניט פערגעסען זאָגע אז ביי מיר איז אויף יעדעם פאַל צוגעגרייט סם, הייסט עס, אז צום מיליטעָר-געריכט וועל איך קיינמאָל ניט אָנקומען. דאָס איז זעהר וויכטיג. איך בין דערפון אַזוי צופריעדען, אַז איך... נור, אַדיע!"

איבער לייענענדיג דעם בריעף, איז סאַרין תיכף אבגעפאָהרען

XIII.

מערץ מאָנאַט, 1863. אויף איינעם פון די נעבענוועגען, וואָס זענען דורכגעפיהרט צווישען די פּאָלווארקעס אין מערב-קאַנט, ציהט זיך ניט קיין גרויסע מיליטער-אָבטיילונג פון אַ ראָטע פעחאָ-טע, צוויי צעהנדליג דאָנער קאזאקען און צוויי הארמאַטען. דער פּאָלקאָווניק, דער קאָמאַנדיר פון דער אָבטיילונג צושיידט זיך ניט כמעט מיט'ן רעהר אין וועלכען ער קוקט כסדר: זיצענדיג אין דער הויך אויף זיין רייט-פערד, שטעלט ער עס אָן אויף יעדען וועלדיל, אויף יעדעם קוסט, אויף יעדעם האלב-איינגעפאַלענע שטיבעל, וואָס טרעפט זיך אָן איפ'ן וועג.

פאָרויס פאַר דער אָבטיילונג, אומוואַרפענדיג מיט די הענד און איבערשפּרינגענדיג איבער גריבער, שפּרייזט אַ קרענק-ליכער יוד אין אַ אויסגעטראָגענעם שאָפּען-פּעלציל, וואָס איז איבערגענאַרטעלט מים אַ רימען. דער יוד איז דער בעקאַנטער שענקער שמואל; וואָס האָט זיך אַליין אַרויסגערופען צו זיין דער פיהרער פון דער אָבטיילונג.

— ע, שמואל, — האָט דער פּאָלקאָווניק אויסגעשריען, — וואָס איז עס פאַר אַ בנין?

— וואו, וואשע בלאַהאָראָדיע" — פרעגט שמואל.

— אָט דאָרטען, גלייך. דו זעהסט דען ניט דעם ציגעל-דאַך?

— דער ציגעל-דאַך? פרעגט איבער שמואל און שטעלט זיך אָב. — דאָס איז דאָך אַ זאַוואָד.

— אַ זאַוואָד? — שריט אויס דער פּאָלקאָווניק און האַפּט אַרויס זיין סאַבעל. — חברה! שנעלע שריט! נאָך מיר!

— „וואשע ב'אַהאָראָדיע", — האָט שמואל געזאָגט, צוגע-הענדיג צום פּאָלקאָווניק, ווען די אָבטיילונג איז שוין געווען אין

עטליכע קלאפטער פון עפּיס אַ גרויסער געביידע מיט אַ ציגעל־דאַך. — דאָס איז ניט קיין זאַוואָד, נור אַ שפּייכלער פון תבואה. מיר האָבען ניט אהער געטראָפען.

— וואוהין זשע פיהרסטו אונז, מנוול? — האָט דער פּאָלקאָוו־ניק זיך אָנגעוואָרפען אויף איהם און האָט איהם אַ שטעק געטהון מיט׳ן שפּיץ סאַבעל. — ע, שמול, היט זיך, שווינדעל ניט! כ׳וועל דיר אין איין הרף־עין דיין קאָפּ אַראָבנעהמען.

— מיר דאַרפען זיך נעהמען רעכטס, אָט איז טאַקע אַ וועג פאַרהאַן, — האָט שמואל געענטפערט, פּונקט ווי ער וואָלט ניט געהערט די דראָהונג פון פּאָלקאָווניק.

די אָבטיילונג האָט אָבגעקעהרט אויפ׳ן וועג רעכטס, און אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי געשטאַנען פאַר אַ גרויסען מויער מיט זעהר הויכע קוימענס.

— דער זאַוואָד! דער זאַוואָד! — האָט שמואל געשריען און געפּאַשט מיט די הענד. — הייסט שיסען, העררר פּאָלקאָווניק, דאָ געפינען זיך פּאָוסטאַנציעס.

דער פּאָלקאָווניק האָט בעפעהלען צו פייקען אונרוה, און ביים קלאַפּען פון די פייקען האָט די אָבטיילונג אַרומגערינגעלט די געביידע פון אַלע זייטען.

עס איז קענטיג געווען, אַז אין אַלע עטאַזשען פון דער גרויסער געביידע האָבען מענשען אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען און אַרומהאָוען. די פענסטער האָבען זיך אויפגעעפענט, און אין זיי האָבען זיך בעוויזען פּאָוסטאַנציעס אין קאָנפעדעראַטקעס און מיט בלאַסע פּנים׳ער.

— גיט זיך אונטער, האָט הויך געשריען דער פּאָלקאָוו־ניק, צורייטענדיג נאָהנט צום בנין.

די פּאָוסטאַנצעס האָבען ערשטוינט געקוקט אויף די שערענ־געס סאָלדאַטען און האָבען גאָרנישט ניט געענטפערט: זיי האָבען זיך פערלאָרען.

— גיט זיך אונטער! — האָט דער פּאָלקאָווניק נאָך הע־כער געשריען, — גיט זיך אונטער, וועט איהר בעגנעדיגט ווע־רען. דער קייזער איז גנעדיג.

— Viwe la Pologne! — האָט זיך געהערט פון די פּאָוו־

סטאַנצעס, און באַלד דערויף האָט זיך דערהערט אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט.

די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען און האָבען פראַגענדיג געקוקט אויף זייער קאָמאַנדיר.

— דאָס דריטע מאָל לעג איך אייך פאָר אונטערצוגעבען זיך, — האָט דער לעצטער געשריען און האָט זיך געטרייסעלט פאַר כעס, — אַניט — וועל איך הייסען שיסען.

אָנשטאָדט אַ ענטפער, האָט מען פון די פענסטער עטליכע מאָל אויסגעשאָסען, און די פּאָוסטאַנציעס האָבען זיך גענומען פאַר זייערע ביקסען.

דער פּאָלקאָווניק איז אַבגעפאָהרען פון בנין און האָט אָפּגעגעבען אַ בעפעהל. ס׳האָט ניט געדויערט קיין פינף מינוטען, ווי די שיסעריי איז געווען אַם הייסעסטען און אין גיכען האָט זיך דער זאַוואָד אָנגעצונדען אין פיעל ערטער.

— אַ שריפה! — האָט שמואל געשריען און איז ווי אַ צומישטער אומגעלאָפען הין און הער, האָט אָנגעקוואָלען פונ׳ם פלאַם-פייער און געפּאַשט מיט די הענד. — אָט האָט איהר אייך פאַר מיין שטיבעל! אהא, איהר וועט בונטעווען? איהר וועט אונז טרייבען פון דער געגענד? אַך, ווי וואויל עס ברענט!.. חוואַטען זענען די סאָלדאַטען! — האָט ער געלויבט און האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום די שערענגעס.—זאָל אייך גאָט געזונד געבען! דער קייזער וועט אייך אַ קרייץ שענקען, און איך וועל אייך אַנ׳עמער בראַנפען שטעלען, איך שווער ביי גאָט!.. אַרבייט, חברה!.. אָט אַזוי, אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, אַנ׳אויג פאַר...

נ׳ר אין דעם מאָמענט האָט איהם אַ קויל געטראָפען אין שטערן, און ער איז אויף אייביג אַנטשוויגען געוואָרען.

די שיסעריי האָט זיך געצויגען, און אין גיעכען האָט זיך דערהערט דער „פּאַרדאָן״ פון די פּאָוסטאַנצעס, וואָס האָבען אומגעפאָכעט מיט ווייסע טיכלעך.

— וואָס? איהר גיט זיך אונטער? — האָט זיך געהערט אַ דונרענדער קול פון איין פּאָוסטאַניעץ. — דערוואַגט אייך נישט! ניע פּאָזוואַליאַם! אַ געפעכט ביז׳ן לעצטען בלוטס-טראָפּען. שטעהט זשע אין געפעכט, פּחדנים איינע און פעררעטהער!

דער פּאָלקאָווניק איז צוגעפאָהרען צום פענסטער, פון וואַ-

נען די שטים האָט זיך געהערט. אויפהויבענדיג זיך אויף זיין רייט-פערד, האָט ער דאָרט דערזעהן אַ יונגען מאַן מיט שוואַרצע געקרייזעלטע האָאר און מיט זעהר אַ אויסדריקפולען פנים, וואָס האָט געברענט פון צאָרן, פערצווייפלונג און בעשלאָסענקייט. און אין יעדער האַנד האָט ער אַ פּיסטאָליעט געהאַלטען.

— אַבסורד;—האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען און האָט געסקריהט מיט די צייהן, ווען ער האָט דערזעהן דעם פּאָלקאָווניק. — אַבסורד!! — האָט ער איבערגעחזרט זיין משונה'דיגען לאָזונג און האָט אויסגעשאָסען.

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אַ שאָקעל געטהון און איז אַראָב-געפאַלען פון פערד.

די סאָלדאַטען האָבען ניט געוואַרט אויף קיין קאָמאַנדע און האָבען זיך מיט גרימצאָרן אַ וואָרף געטהון צו די טהירען פון דער געביידע, האָבען זיי אויסגעבראָכען, זענען אַריין צו די פּאָווסטאַנ-צעס און האָבען זיך האַרט נוקם געווען פאַר'ן טויט פון זייער קאָמאַנדיר.

XIV.

אַרקאַדי סאַרין צו אַדאָלף קראַנץ.

גענף, מאַי, 1864.

„איהר האָט זיך שוין געווים צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז איך בין פערפאַלען געוואָרען, אָדער זאָגאַר געשטאָרבען. אָבער ווי איהר זעהט, בין איך ניט פערפאַלען געוואָרען און ניט גע-שטאָרבען, און איך שיק אייך דעריבער מיין בריעף. אין אויסלאַנד בין איך אַרויסגעקומען טיילוויז, ווייל דאָס האַרץ האָט מיך גע-צווינגען אָדער דאָס מזל האָט מיר בעשערט, און טיילוויז אויך, אום צו צערשטרויען זיך פון דעם שווערען איינדרוק, וואָס ס'האָט אויף מיר געמאַכט דאָס טרויעריגע דראַמאַ, וועלכע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין אונזער אומגליקליכער געגענד. אין דער שטיל-קייט פון דער בערען-הייל, וואוהין איך האָב זיך געהאַט דערווייטערט, האָב איך אַכטונג געגעבען אויף אַלץ, וואָס עס האָט פּאַ-סירט, נור איך האָב וועגען זיך ניט געלאָזט הערן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל וויסען וועגען מיין עקזיסטענץ, וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען פאַר מיר אַלץ מעהר אונערטרעג-ליך. בערנע האָט געזאָגט: „רוהע איזט גליק, ווען זי איין אויסרו-

העז איזט, ווען וויר זי געוועהלט, ווען וויר זי געפונדען, נאָכדען ויר זי געזוכט, אָבער רוהע איזט קיין גליק, ווען, ווי אין אונזערן פאַטערלאַנד, זי אונזערע איינציגע בעשעפטיגונג איזט". איך האָב ניט געזוכט און ניט געוואָלט קיין אָברוה, איך האָב געזוכט טע־טיגקייט און האָב עס כמעט געפונען. מ'האָט מיך פון דער אַרבייט אָבגעריסען, האָב איך געוואָלט אויך שיידען זיך מיט'ן לעבען, ווייל דאָס לעצטע האָט זיך מיר געדוכט פאַר אונמעגליך אָהן דאָס ערשטע. איך בין אָבגעשטאָרבען לאַנגזאַם, וואָרום אויף אַ באַלדי־גען טויט האָט ביי מיר ניט געקלעקט קיין ענערגיע, און איך האָב מיט אומגעדולד ערוואַרטעט די ווילע, ווען מיין ליכט וועט זיך אויסלעשען פון אַ זייטיגען בלאָז...

„נור איין בריעף פון אַ בעוואוסטער שטאָדט און פון אַ בע־שטימטער פערזאָן, וואָס שפּיעלט זעהר אַ וויכטיגע ראָלי אין מיין לעבען, האָט מיך פּלוצלונג אַרויסגעריסען פון דער גלייכגילטיג־קייט, און איך בין אַוועק נאָך דעם צוייבער־רוף, צוערשט מעכאַ־ניש, אָבער דערנאָך בעוואוסטזיניג, מיט התפעלות. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָב איך דערוואוסט, אַז אויך דאָס האַרץ האָט זיינע רעכט און דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָב איך בעשלאָ־סען ניט צו שטערן דעם געפיהל און איך האָב קיין חרטה ניט אויף דעם בעשלוס.

„איהר זאָלט ניט וואַרטען פון מיר אויף קיין אויספיהרלי־כע, ענטציקטע, און פאַר אַ זייטיגען מענשען אַ לאַנגווייליגע, ער־צעהלונג פון מיין ליעבע, וועגען דער, וועלכע איך ליעב, וועגען די גלגולים, וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט ביז הייניגען טאָג. מיין מיינונג איז, אַז ליעבע געהערט צו יענע אינדיווידועלע געפיהלען פון אַ מענשען, צו וועלכע אַ זייטיגער האָט קיין שום שייכות ניט. איך ליעב און איך בין געליעבט—אָט איז אייך מיין גאַנצער ראָ־מאַן, און די פּרטים זענען אינטערעסאַנט נור פאַר מיר איינעם און מעהר פאַר קיינעם ניט אויף דער וועלט, און דערפאַר וועל איך אייך ניט פייניגען מיט'ן בעשרייבען זיי.

„איך געפין זיך דאָ אין דער געזעלשאַפט פון עטליכע פער־זאָנען, וואָס זענען אייך בעקאַנט: גראַף טענטשינסקי, גרעפין סטאַ־שיצקאַיאַ און יוליאַ קרוטיצקאַיאַ, וואָס זענען עפּיס על־פי נס גאַנץ געבליעבען פון דעם שטורם אין אונזער געגענד. ס'איז זעלבסט

פערשטענדליך, אַז די קאָלאָניע פון די נייע פּוילישע עמיגראַנטען בעגרענצט זיך ניט נור מיט די אָנגערופענע פּערזאָנען: אַזעלכע זענען דאָ קרוב צו הונדערט, נור איך האָב מיט זיי קיין שום שייכות ניט, וואָרום, ווי אַייך איז בעוואוסט, בין איך ניט קיין עמיגראַנט. איך וואוין דאָ אויף אַ געזעצליכען פּאַס און כ'קאָן צוריקפאָהרען קיין רוסלאַנד, ווען איך זאָל עס וועלען.

„דער גראַף איז גראָה און איז געוואָרען אַ פילאָזאָף, די גרעפין האָט זיך געעלטערט און איז געוואָרען אַ גאָטעספּאָרכטיגע, און פּאַנאַ יוליאַ... ערלויבט מיר גאָרנישט ניט צוזאָגען וועגען איהר. צייטענווייז נעהמט זיי אָן אַזאַ בענקשאַפט, וואָס קאָן צוגעגליכען ווערען סיידען צו דער בענקשאַפט פון אונזערע אבות פון פּאַלעסטינאַ, וואָס זענען ביי די טייכען פון בבל געזעסען און געוויינט. אָ, מיר איז עס זעהר פערשטענדליך אָט די נאָגענדע, דריקענדע בענקשאַפט!... זי איז היילינ — ווייל זי קאָן ניט אויסגעדריקט ווערען. און איך וויין אויך צוזאַמען מיט זיי, וואָרום איך ווייס וואָס הייסט עס, ניט האָבען קיין פאָטערלאַנד, לעבען אין דער פרעמד, וואַנדערן און קיין סוף ניט אַרויסזעהן צו דעם אומוואַנדערן. די פּאָליאַקען וועלען אויך וואַנדערן... מיר וועלען זיך גראַטולירען מיט חברים אויפ'ן וועג.

„אויסוויינענדיג זיך, נעהם איך זיך צו טרייסטען זיי, מיט וואָס איך קאָן. ביים אָווענד-טיי לייען איך זיי פאָר די „מלחמות היהודים" פון יוסף פלאַווי. זיי געפינען אַיין די דאָזיגע פּאָרלעזונגען פאַר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד. און ס'איז קיין חידוש ניט: זעהר פיעל עהנליכעס איז דאָ אין דעם גורל פון פּוילען און יהודה: דיזעלבע קליינע טעריטאָריע, דיזעלבע צענטראַלע לאַגע צווישען שטאַרקע און קריעגערישע שכנים, דיזעלבע שפּורען פון גרויסע מעגליכקייטען, דיזעלבע לעבהאַפטינקייט, פעהינקייטען און אונרוה, דערזעלבער פאַנאַטישער פּאַטריאָטיזם, צוזאַמען מיט דען אינערליכע פּאַרטיי-סכסוכים, און דיזעלבע אומגליקען. די פּאָרלעזונגען גיבען אונז פיעל שטאָף פאַר דעבאַטען און ריהרענדע מסקנות, און אַלע פיהלען זיך בעדייטענד ערלייכטערט. און מיר איז זעהר אַנגענעהם צו זעהן, ווי די ערלויכטענסטע פּריצים אַיבערצייגען זיך אַלץ מעהר און מעהר, אַז מיר זענען ניט עפּיס קיין ציגיינער, נור אַ פאָלק מיט אַ היסטאָרישען לעבען, מיט אַ גע-

ריהמטער פערגאַנגענהייט. דער גראַף האָט אַנומאָלט אַזוי בעשלאָסען, אַז יודען זענען—פּאָליאַקען פון דער אַלטער וועלט. אין מויל פון אַזאַ מיוחס'דיגען פּאָליאַק איז עס אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר אונז.

„איך האָב שיער ניט פערגעסען צו זאָגען אייך, אַז מיט אַ מאָנאַט צוריק האָב איך, אויף דער בקשה פון דער גרעפין, בעזוכט אייער שוועסטער אין בערלין, זי ווערט בעדייטענד בעסער. און טראָטץ דער ערוואַרטונג פון די דאָקטוירים וועט זי איצט געווים געזונדט ווערען. אַ ראיה האָט איהר: זי האָט מיך דערקענט; זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַלע געשעהענישען און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע אונזערע בעקאַנטע. זי שרייבט אייך ניט, ווייל די דאָקטוירים האָבען איהר פאָרלויפיג פערבאָטען צו שרייבען. אַז זי וועט דורכמאַכען איהר ערהיילונגס-קורס, וועלען מיר זי אַריבערנעהמען צו אונז, זאָל זי, איידער זי זאָל זיך צוריקקעהרען אַהיים, עטליכע מאָנאַטען אָברוהען אויף דער פרעכטיגער נאַטור אין צווישען פריינד, וואָס האָבען איהר ליעב. אַזוי האָבען מיר דאָ בעשלאָסען. די גרעפין צייהלט שוין די טעג און די שעות, ווען ס'וועט איהר מעגליך זיין אַרומצונעהמען איהר געליעבטע, נאָך וועלכער זי בענקט שטאַרק.

„נו גענוג. שרייבט מיר אָן וואָס גיכער און וואָס אויספיהרליכער וועגען אַלעם, וואָס ס'קאָן מיך אינטערעסירען. זענט זיכער, איך וועל אייך ניט שולדיג בלייבען. גריסט פריילין טידמאַן... ענטשולדיגט, אייער פרוי, פריילין אַראָנסאָן און אונזערע אַלע גוטע בעקענטע: די וועלען פון גענפער אָזיערע זענען ניט — די שטראָמען פון לעטע און דעריבער האָב איך גאָרנישט און קיינעם ניט פערגעסען פון מיין פערגאַנגענהייט. „אויב איך וועל דיך פערגעסען, ירושלים, זאָל פערגעסען ווערען מיין רעכטע האַנד, זאָל מיין צונג זיך צוקלעבען צו מיין גומען". איך בעט, אַז איהר זאָלט מיך אויך ניט פערגעסען".

דערזועלבער צו דעמזועלבען.

גענף, יוני, 1864.

„איך בין פונקט ווי אַ קאַמפּס-פערד, וואָס איז געווען אַרויס פון פראָנט און האָט ווידער דערהערט די בעקאַנטע סיגנאַל-

קלאנגען, צו וועלכע ער איז געוועהנט. איהר האט זיך געוויס ניט גערעכט, אז אייער בריעף זאל מיך אזוי אנגענעהם איבערראשען, אויפרעגען און זאל איבערקערען קאפויר דעם גאנצען לעבענס־פלאן, וואס איך האב פאר זיך געהאט אויסגעארבייט. וואס הייסט, ענדליך איז ביי אייך אנגענומען געווארען אלס פרינציפ אלס רעגירונגס־פרינציפ, צו רוסיפיצירען די יודען, און איך וועל זיצען אין אויסלאנד און פערגניגענען זיך מיט די שווייצערישע לאנדשאפטען און לופט? ניין! דאס איז איבער מיינע קרעפטען. איך בין ניט קיין אפיקורס, איך בין אן'איינפאכער ארבייטער. איך וויל ארבייטען, איך וויל טהון. איך שעהם מיך אבצורוהען אויף לארבער בלעטער, וועלכע איך האב נאך ניט פערדיענט.

„כ'וויל צוריק אין רוסלאנד! ס'קאן ניט זיין, אז די רעגירונג זאל זיך ניט נויטיגען אין אונז, טאפאגראפען, פיאנערען, וואס האבען ערפארשט און אבגערייניגט דעם באדען, וואו די רעגירונג האט איצט בדעה צו ארבייטען. אהן אונז וועט זי אומבלאנדזשען, ווי אין א וואלד, וועט אויף זאמד בויען און וועט ניט ערגרייכען דעם ציעל, צו וועלכען זי שטרעבט.

„מיר וועט שווער זיין ארויסצורייסען זיך פון דאנען; נור איך וועל זיך פער'עקשענען, איך וועל בעטען, איך וועל זיי קלאהר מאכען מיין פפליכט, מיט איין ווארט — איך וועל זיך ארויסרייסען ווי ס'איז, האטש אויף א קורצע צייט".

„זאגט אונזערע חברים, אז אונזער אורלויב האט זיך געענדיגט, אז ס'קומט די ארבייט. ווי נור איך וועל קומען צופאהרען, וועלען מיר זיך ווידער צוזאמענשליסען אין רייהען און מיר וועלען ווידער געהן בעקעמפפען פאר אונז דאס פאטערלאנד".

„דער נצחון, פערשטעהט זיך, איז ביי גאט אין דער האנד!".

דערזועלבער צו דעמזעלבען.

וערזשבאלאווא, יולי, 1864.

(טעלעגראפיש) „מיר פאהרען מיט'ן שנעל־צוג. ערווארט אונז אויפ'ן וואקזאל. איך פיהר אייך אן'אנגענעהמען סיורפריז. איך האף, אז איהר וועט זיין צופריעדען".

דער סיורפריז איז געווען — פאלינא.

ל. לעוואנדא.